STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06180

GESHPILT A LEBN

Pesahke Burshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פסחקע בורשטיין

געשפּילט אַ לעבן

פסחקע בורשטיין

געשפּילט אַ לעבן

תל־אביב תש"ם 1980

PESACH BURSTEIN

Life Upon The Yiddish Stage

פסח בורשטיין

כל חיי במה

© Copyright by Paul Burstein
All Rights Reserved
Printed in Israel 1980

אַלע רעכט געהערן אויסשליסלעך צו פסחקע בורשטיין. עס איז שטרענג פאַרבאָטן איבערצודרוקן פראַגמענטן פון דעם בוך אָן דער דערלויבעניש פון דעם מחבר, אויסער ציטאַטן אין אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם בוך.

נדפס בישראל תש״ם

הילע: נתן טיברובסקי

סידור, עימוד והדפסה: משה חמיאל, תל־אביב

דער מחבר דריקט אויס זײַן דאַנק דעם נשיא המדינה יצחק נבון, דעם נשיא פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אריה דולצין און דעם ראש־העיר פון תל־אביב שלמה להט.



פסחקע בורשטיין

לילִיאַן לוקס

געווידמעט

ליליאַן

און מיינע דריי קינדער

מאָטעלע, זיסעלע און דיקי

א

1. מײַן יִיחוס
2. מײַן שטעטעלע בערדיאַנסק
3. איך פאַרלאָז מײַן היים
4. אין וואַרשע
5. בײַ די דײַטשן
6. מיר שטופּן דעם וואָגן
7. דוד צעלמײַסטערס טרופּע
   און דער טאַטע מיט די זיבן טעכטער
8. מיט הערמאַן יאַבלאָקאָף אין גראָדנע
9. מיט די באָלשעוויקעס אין ווילנע
   און דער „יאָלד אין קאַפּעליוש״
10. באַלטרעמאַנץ — באַראַנאָוויטש — לאָדזש
11. מיר פאָרן קיין ביאַליסטאָק
12. עקסאָדוס קאָוונע
13. איך מוז פאַרלאָזן ליטע
14. בערלין 1923

1. מײַן ייחוס

„גזלן! רוצח! אויסווורף! אין אַסטראָג וועסטו בײַ מיר ליגן!"

דער גזלן — דאָס בין איך. איך, פּסחקע בורשטיין, דעמאָלט זעקס יאָר אַלט, פֿון דעם הויף אויף נײַער מילע־גאַס, נומער 37, אין וואַרשע.

די קולות זענען געקומען פֿון אַ דיקלעכן ייִד, אַ סוחר, מיט אַ געוועלב אין הויף, ווו ער האָט פֿאַרקויפֿט נאַפֿט, אײַזן, טשוועקעס, זייף און די הויפּטזאַך — פֿעסער מיט שוועבל. אָט טאַקע די פֿעסער מיט שוועבל זענען געווען די סיבה פֿון מײַן מפּלה: איך קאַטשע זיך אויף אַ פֿאַס און שוועבל שיט זיך פֿון אַלע זײַטן. דער ייִד לויפֿט מיך נאָך מיט זײַנע גוואַלדן: „גזלן! אויסווורף! קיין גוטס וועט פֿון דיר נישט אַרויס!" — די נישט־פֿאַרשפּיליעטע אַרבל און די פֿליִענדיקע פּאָלעס פֿון זײַן קאַפּאָטע פֿאַרטשעפּען זיך אין די קעסטלעך סחורות פֿון אַנדערע סוחרים אין דעם זעלבן הויף — און עס נעמען זיך קײַקלען אויף דער ערד עפּל, קאַרטאָפֿל, רעטעכער. פּלוצעם קערט זיך איבער אַ שטײַגל און אַ הון נעמט פֿליִען אין דער לופֿטן מיט אַ קוואָקערײַ און בהלה, ווי מען וואָלט געגאַנגען זי שעכטן. ייִדן און ייִדענעס צעקוויטשען זיך בייז, לויפֿן, יאָגן זיך נאָך עמעצן. נאָך וועמען? נאָך מיר, דעם זעקס־יאָריקן „גזלן".

מײַן איינציקע רעטונג איז דעמאָלט געווען — אַרײַנלויפֿן אין דער אָפּיצינע פֿון מײַן הויז, אַרויפֿשפּרינגען אויף די דרײַ שטאָק טרעפּ, נאָך איידער דער ייִד וועט באַווײַזן צו דערציילן דעם טאַטן — און איך בין אַ געראַטעוועטער.

פּלוצעם, אַזוי ווי איך האַלט שוין נאָענט צו מײַנע טרעפּ, דערזע איך אַ געשטאַלט: די הענט פֿאַרלייגט אויף די היפּטן און די אויגן פֿול מיט כּעס — דער טאַטע! איך בלײַב שטיין ווי פֿאַרגליווערט. נישטאָ קיין מזל! דער שוועבל־סוחר איז שוין אַרויף אויף מיר און טענהט צום טאַטן:

— ר׳ מרדכי, איר זעט? שוין ווידער! דאָס פינפטע קעסטל מיר צעבראָכן! עס קאָסט מיר אָפּ מאַיאָנטקעס! איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז עס וועט מער נישט פּאַסירן?!

די מורא פאַרן טאַטן איז נאָר אויף אַ רגע פאַרטושט געוואָרן פון כּעס אויף דעם שוועבל־סוחר, וואָס מאַכט אַ סוף צו מײַן באַליבטן ספּאָרט: זיך קאַטשען אויף פּעסלעך. דער טאַטע רעדט נישט קיין סך, נאָר זײַן בליק אַליין איז פאַר מיר גענוג.

„וויפל מאָל דאַרף מען דיך לערנען? וואָס האָסטו נעבעך צו דעם ייִדנס פּעסער? איך האָב דיר צוגעזאָגט פּעטש? הײַנט וועסטו פאַרזוכן דעם טעם!״

איך נעם לויפן אויף די טרעפּ צו אונדזער שטוב. דער טאַטע גלײַך נאָך מיר. איך לויף אַזוי שנעל, אַז איך הער דאָס קלאַפּן פון מײַן האַרץ. עס זעצט ווי אַ פּויק. איך פּראַל אויף די טיר און פאַרטשעפּע זיך אָן דער מאַמען, וואָס שטייט מיר פּונקט אין וועג. איך האָב זי שיִער נישט אומגעוואָרפן. דער טאַטע גלײַך נאָך מיר. איך קלער נישט קיין סך און טויך אַראָפּ אונטערן בעט.

— מאָטל — שרײַט די מאַמע — וואָס טוט זיך דאָ?

דער טאַטע הערט איר ווי דעם קאָטער, און צו מיר שרײַט ער:

— אַהער גיי! קריך „אַפּויער״ פון אונטערן בעט!

איך נעם זיך אָן מיט מוט און ענטפער:

— ניין, איך גיי נישט!

— בושות און חרפּות מאַכסטו מיר אָן! דער ייִד איז דען נישט גערעכט? דו ביסט טאַקע אַ גזלן! — שרײַט דער טאַטע.

די מאַמע איז איבערראַשט.

— מאָטל — זאָגט זי — גאָט איז מיט דיר! ווער איז עס דער גזלן?

— ער! — ענטפערט דער טאַטע — דײַן תּכשיט! — און ווײַזט מיטן פינגער אויף מיר. אין דעם מאָמענט האָט דער פינגער פון מײַן טאַטן אויסגעזען גרעסער ווי מײַן טאַטע אין גאַנצן. — קריך אַרויס! — שרײַט ער.

— ניין! — ענטפער איך.

— איך וועל דיר גאָרנישט טאָן — זאָגט ער — קום אַרויס פון אונטערן בעט!

— ניין! — שרײַ איך פאַר שרעק — איך גיי נישט!

פוילט זיך נישט מײַן טאַטע און שלעפּט מיך אַרויס בײַ דער פּאהלע. איך באַווײַז אָבער זיך אַרויסצודרייען פון זײַנע הענט. איך לויף אַרײַן אין צווייטן חדר, ווו עס געפינט זיך מײַן טאַטנס פאַבריק. דאָרט שטייען צוויי רייען מיט ניימאַשינען, אפשר פינף מאַשינען אין אַ ריי. דאָס צימער איז ליידיק, ווײַל די אַרבעטאָרינס, די מיידלעך, וואָס פלעגן בײַם טאַטן נייען, זענען אַלע אַוועק מיטאָג עסן. איך קריך אַרײַן צווישן די מאַשינען, נאָר דער טאַטע טרעט נישט אָפּ:

— אַהער גיי!

די מאַמע שרײַט:

— מאַטל, זאָלסט נישט טשעפּען דאָס קינד!

כ'האָב מײַן מאַמען אַזוי שטאַרק ליב געהאַט אין דער מינוט! כ'האָב אַזוי געגאַרט זיך באַהאַלטן אין איר שויס און זי זאָל מיך צוטוליען צו זיך. שטייט אָבער צווישן אונדז ביידן דער טאַטע. ער טײַטלט מיטן גרויסן פינגער גלײַך מיר אין פּנים אַרײַן:

— איך וועל דיך לערנען, ווי אַזוי מיך צו פאַרשעמען! — און שטייענדיק שוין נאָענט נעבן מיר, הייבט ער אויף די האַנט און וויל מיר דערלאַנגען דעם ריכטיקן פּאַטש.

פּאַר גרויס שרעק גיב איך אַ וואָרף מיטן קאָפּ און טרעף מיט מײַן לינקן שלייף, נעבן לינקן אויג, מיט שטאַרקן אימפּעט גלײַך אַרײַן אין דעם לאַנגן שטיפט, אויף וועלכן עס שטייט דאָס קלעצל מיט פאָדעם.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די חתונה. דאָס בלוט יושעט, די מאַמע שרײַט פאַרצווייפלט, איך וויין, מײַן אויג הענגט כמעט אַרויס פון פּנים און דער טאַטע, אַ צעטומלטער, פאַרזיאָושטער שרײַט:

— ווי איז מיר, פּאָגאָטאָוויע!

מײַן עלטערער ברודער נעמט לויפן נאָך דער „גיכער הילף", און די מאַמע, מײַן טײַערע מאַמע, צערטלט איר מיזיניקל און וויינט: — וואָס האָסטו געטאָן?

הכלל, עס דויערט נישט לאַנג און די „פּאָגאָטאָוויע" קומט צו פאָרן — אַן אַמבולאַנסל, געשלעפּט פון פערד — און פירט מיך אַוועק אין שפּיטאָל.

מיט מי אָפּגעראַטעוועט מײַן לינק אויג. מען פאַרנייט די וווּנד און מען טראָגט אַהיים דעם „גזלן" מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. די בענדער פון באַנדאַזש מיט די טאַמפּאָנען זענען געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי מײַן קאָפּ.

דער צייכן אויף מײַן שלייף איז געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג. ס'האָט געלוינט. מײַן טאַטע, מרדכי בורשטיין, האָט זיך געגעבן אַ נדר, אַז קיין מאָל אין זײַן לעבן וועט ער מער קיין האַנט אויף זײַנס אַ קינד נישט אויפהייבן.

מײַן טאַטע, מאָטל בורשטיין, איז געבוירן געוואָרן אין פּולטוסק, פּוילן, און די מאַמע, רבקה סטאַלאַק — אין ווישקאָוו. אונדזער משפּחה איז געווען נישט גלאַט אַ משפּחה. בײַ אונדז איז געווען: מײַנס, דײַנס און אונדזערס. צו דער חתונה פון מײַנע עלטערן איז דער טאַטע געווען אַן אלמן מיט דרײַ קינדער: אַ זון, וועלוול, און צוויי טעכטער — פייגע און חיה־שרה. די מאַמע איז געווען אַ יונגע אלמנה פון זיבעצן יאָר מיט צוויי קליינע ייִנגלעך — יעקב און יוסף. בײַ זיי צוזאַמען זענען געבוירן געוואָרן דרײַ זין: דער עלטסטער יהושע, וואָס שפּעטער, אין אַמעריקע, איז פון אים געוואָרן דזשאָרדזש; איך, פּסח, דער מיטלסטער, און דער ייִנגערער, אַברהם, וועלכער איז געבוירן געוואָרן נאָך דעם ווי די משפּחה האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין רוסלאַנד. ביזן הײַנטיקן טאָג ווייס

איך נישט, צי אַברהם, וועלכער איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד און האָט מיט אונדז זיך צוזאַמענגעשריבן ביז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, לעבט אָדער נישט.

אין זעלבן יאָר, בעת איך האָב אָפּגעטאָן מײַנע אַקראָבאַטישע שטיפערײַען פון קײַקלען זיך אויף די שוועבל־פעסער, און געווען איז דאָס יאָר 1905, איז אין וואַרשע אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. עס איז דאַן דערמאָרדעט געוואָרן דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר און, ווי דער שטייגער פון יענע יאָרן, האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען אויף יידן. מײַן טאַטע האָט זיך שטאַרק געזאָרגט און גענומען קלערן ווי אַזוי צו פאַרלאָזן וואַרשע.

ס׳איז נישט געווען קיין גרינגע זאַך פאַר אַ פאַבריקאַנט פון מאַנטלען און פרויען־קאָסטיומען, זיך אויפהייבן און פאַרלאָזן וואַרשע. זײַן פאַבריק האָט זיך געפונען אין אונדזער וווינונג און ס׳האָבן בײַ אים געאַרבעט 20 מיידלעך. ווי אַזוי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? — ווי אַזוי קען ער זײַן הויזגעזינד אַוועקפירן אין אַ זיכערן פּלאַץ?

ווײַזט אויס, אַז אַ גוטער מלאך האָט זיך באַמיט פאַר מײַן טאַטן: פּונקט דעמאָלט איז צו אים געקומען אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער פירמע אין רוסלאַנד, מיט וועלכער דער טאַטע האָט געפירט געשעפטן. ער פלעגט פאַר אים נייען מאַנטלען און דאַמען־קאָסטיומען. דער אייגנטימער האָט פאַרמאָגט עטלעכע גרויסע געשעפטן אין רוסלאַנד. אַז ער איז געקומען און געזען וואָס עס טוט זיך אין וואַרשע, האָט ער דעם טאַטן געעצהט, אַז ס׳וואָלט געווען נישט קרום אַריבער־צופירן די פאַבריק צו אים, אין דער שטאָט בערדיאַנסק, אין רוסלאַנד.

— וואָס דאַרפט איר דאָ זיצן, גאָספּאָדין בורשטיין, און זיך מוטשען מיט רעוואָלוציעס, ווען איר קענט מיר אַרויסגעבן די אַרבעט אין דער זעלבער שטאָט ווו איך געפין זיך. אין בערדיאַנסק וועט איר זיך לעבן ווי אַ קעניג, אָן מורא, אָן שרעק! — אַזוי האָט געטענהט דער מאַגנאַט פון רוסלאַנד און אַזוי טאַקע האָט מײַן טאַטע באַשלאָסן צו טאָן.

מײַן עלטסטער ברודער (דעם טאַטנס זון) וועלוול איז שוין געווען חתונה געהאַט און איז געווען אַ בעקער. האָט עס געהייסן, אַז ער פאַרבלײַבט אין וואַרשע. אויך די עלטערע שוועסטער, פייגע, איז שוין געווען פאַרהייראַט, און די ייִנגערע, חיה־שרה, איז דערוויַיל פאַרבליבן בײַ איר, ביז דער טאַטע וועט שיקן נאָך איר.

מיט מײַן מאַמעס זין — אויך דאָס אייגענע: יעקב איז שוין געווען אַ באַווײַבטער, מיט קינדער, און האָט געאַרבעט מיטן טאַטן שנײַדערײַ, און יוסף, כאָטש אים האָט מען ערשט געהאַט חתונה געמאַכט מיט רייזעלען (וועלכע האָט נאָך דערלעבט צו קענען מײַנע קינדער אין אַמעריקע), איז ער אַליין אָבער נאָך געווען אין מיליטער. ער האָט געדאַרפט בײַ פאָניעס אָפּדינען פינף יאָר. אַזוי איז דער טאַטע דער ערשטער אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און מיטגענומען מײַן עלטערן ברודער, יהושע, ווײַל ער איז שוין געווען אַ היבשער בחור און געקענט דעם טאַטן צוהעלפן.

איך און מײַן מאַמע זענען פאַרבליבן אין וואַרשע. ביז דער טאַטע וועט שיקן נאָך אונדז.

אַזוי ווי דער טאַטע האָט געהאַט מיטגענומען מיט זיך די גאַנצע פאַבריק, אַלע מאַשינען און אײַנריכטונגען, האָט געדויערט, פאַרשטייט זיך, ביז ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט און די פאַבריק האָט גענומען אַרבעטן. גאַנצע זעקס חדשים האָט געדויערט ביז ער האָט געשיקט נאָך אונדז.

די מאַמע און איך זענען דערווײַל נישט אַרומגעגאַנגען לײדיק. די מאַמע האָט געפּאַקט, אַרומגעגאַנגען זיך געזעגענען: מיט אירע צוויי שוועסטער, לאה און העניע, און אירע דרײַ ברידער, שאולקע, הערשל און יוסף. שאולקע האָט געהאַט אַ פאַרם אין נאָוואָסיעלסק. די איבעריקע האָבן געוווינט אין פּראָגע, נעבן וואַרשע.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין הויף אַ פאַרחלומטער. מײַנע געדאַנקען זענען שוין געווען אין ווײַטן רוסלאַנד, אין בערדיאַנסק, וווּ עס געפינט זיך מײַן טאַטע, מײַן ברודער. איך פאַנטאַזיר אין מײַן יונג קעפּל ווי אַזוי עס וועט דאָרט זײַן, ווי אַזוי מיר וועלן דאָרט לעבן. איך צײל די טעג. איך קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען און פּלוצעם, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, זאָגט מיר אָן די מאַמע די בשורה, אַז שוין, מיר פאָרן!

צוויי וואָכן שפּעטער פאָרן מיר שוין מיט דער טערעספּאָלער באַן. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער גאַנצע משפחה איז געקומען אונדז באַגלייטן. זיי האָבן פאַרנומען כּמעט דעם גאַנצן פּראַגער וואָקזאַל. מען האָט זיך געקושט, געכליפּעט, זיך געפרייט און אונדז באַוווּנט, וואָס איך און די מאַמע פאָרן אַוועק אין אַזאַ ווײַטן וועג. קיין מאָל ביז דעמאָלט בין איך נישט געווען אַזוי וויכטיק בײַ זיך.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָנגעהויבן לאָזן פּאַרע, די מאַמע האָט מיך גענומען בײַ דער האַנט און מיר זענען אײַנגעשטיגן אין וואַגאָן.

געפאָרן זענען מיר דריטע קלאַס. אַזוי ווי אַ בילעט קאָסט אַ מאַיאָנטיק מיט געלט, האָט דער טאַטע געשיקט בלויז אויף איין בילעט, פאַר דער מאַמען. איך וועל פאָרן „אונטער דער באַנק" — דאָס איז גאָרנישט געווען קיין נײַעס אין יענע צײַטן, נישט נאָר פאַר קליינע קינדער, נאָר אויך פאַר דערוואַקסענע.

די וואַגאָנען זענען געווען געפּאַקט מיט מענטשן, אָבער די מאַמע געפינט גלײַך אַ פּלאַץ און זי זעצט מיך אַוועק נעבן זיך. באַלד הערט זיך דער ערשטער קלונג און דערנאָך דער צווייטער „זוואָנאָק", דאָס האַרץ קלאַפּט ווי מיט האַמערס. באַלד שרײַט אויס דער קאָנדוקטאָר „טרעטי זוואָנאָק" און מען פאָרט.

אַזוי ווי די באַן הייבט אָן צו פאָרן, נעמט מײַן מאַמע מיר דערקלערן וואָס איך האָב צו טאָן:

— פאַרשטייסט, פּסחל, אַז דער קאָנדוקטאָר וועט פאַרבײַגיין און אויסרופן „בילעטי!", זאָלסטו זיך געבן אַ רוק אַרונטער אונטער דער באַנק. אַז דער גוי וועט שוין האָבן פאַרבײַגעגאַנגען וועל איך דער אַרויסרופן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דער קאָנדוקטאָר האָט אָנגעהויבן דורכגיין די באַן, שרײַענדיק: „בילעטי, בילעטי!". זאָגט מיר די מאַמע שטילערהייט: „פסחקע, אונטער דער באַנק!"

איך לאָז זיך אַראָפּ אונטער דער באַנק און דערזע: עס ליגן נאָך צוויי ייִדן. רופט זיך אָן צו מיר איינער דערשראָקן:

— ייִנגעלע, זאָלסט גאַרנישט זאָגן, דו הערסט?

טראַכט איך בײַ זיך: וואָס איז דאָס מײַן עסק. דערווײַל דערזע איך נעבן זיך צוויי פּעק אײַנגעפּאַקט אין דיק פּאַפּיר. בין איך דאָך עפּעס „פּסחקע שטיפער", אַ יאַטל נישט קיין פאַרשלאָפענער, מיט אַ רײַכער פאַנטאַזיע, טראַכט איך בײַ זיך: וואָס קאָן דאָרט זײַן אין די פּעקלעך? אויסגעדאַכט האָט זיך מיר, אַז אין די פּעקלעך ליגן ניס. אויפרײַסן האָב איך נישט געקענט. דאָס פּאַפּיר איז געווען צו דיק. פּאַל איך אויף אַ המצאה: איך הייב אָן מיט שפּײַעכץ אויף די פינגער צו נעצן דעם פּאַק, ביז עס ווערט גוט נאַס. דאַן גיב איך אַ רײַס אויף, און עס נעמען זיך שיטן ארץ־ישׂראל־ניסלעך.

דערזען אַזאַ זאַך, האָב איך אָנגעהויבן, ליגנדיק אונטער דער באַנק, קנאַקן ניסלעך און קײַען אויף בײדע באַקן. מײַנע צוויי שכנים קוקן זיך איבער און איינער פון זיי שטרעקט אויס די האַנט:

— ייִנגעלע, גיב מיר אויך אַ פּאָר.

פאַר וואָס נישט? איך טייל אים אויך צו אַ זשמעניע ניס, און דעם צווייטן ייִדן דאָס זעלבע. ס'קאָסט מיר טײַערער?

פּלוצעם הער איך, ווי די מאַמע רופט:

— פּסחל, קענסט שוין אַרויסקומען, דער קאָנדוקטאָר איז שוין אַוועק.

איך קריך אַרויס פון אונטער דער באַנק מיט צוויי פולע הויפּנס ניסלעך. פרעגט מיך גלײַך די מאַמע:

— ווו האָסטו גענומען די ניסלעך?

דערצייל איך איר אַז אונטער דער באַנק ליגן צוויי פּעק אַזעלכע, אָנגעפּילט מיט דעם אוצר. נישט נאָר ניס ליגן דאָרט נאָר אויך צוויי ייִדן. צוויי ייִדן מיט לאַנגע בערד.

— ווי איז מיר! — קלאָגט די מאַמע — וואָס האָסטו געטאָן? זאָלסט מער נישט אָנרירן קיין איין ניסל! ווער ווייסט, וועמענס פּעק דאָס זענען??

פאַרטײַטש איך דער מאַמען, אַז אַזוי ווי די צוויי ייִדן פון אונטער דער באַנק האָבן אויך געגעסן, איז אַ סימן, אַז די ניס געהערן צו זיי.

הכלל, מיר פאָרן ווײַטער. עס קומט ווידער אָן דער קאָנדוקטאָר, איך נורקע ווידער אַרונטער אונטער דער באַנק. איך באַגריס זיך זייער פרײַנדלעך מיט די צוויי ייִדן מיט די בערד און נעם זיך ווידער צו די ניסלעך. דאָס מאָל, בײַם אַרויסקריכן פון אונטער דער באַנק, האָב איך מיטגעבראַכט פולע קעשענעס ארץ־

ישׂראל־ניסלעך אויף צו צעטיילן די פּאַסאַזשירן, וועלכע זענען געזעסן נעבן אונדז. אַז איך טייל דעם און יענעם, בעטן מיך אַנדערע פּאַסאַזשירן:

— יינגעלע, מיר אויך אַ פּאָר.

שלעפּ איך אַרויס פֿון אונטער דער באַנק נאָך ניס און טייל אײַן אַלעמען. איידער וואָס ווען, קנאַקט שוין דער גאַנצער וואַגאָן ארץ־ישׂראל־ניסלעך.

דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די פּעק מיט ניס האָבן גאָרנישט באַלאַנגט צו יענע צוויי ייִדן אונטער דער באַנק. אייגנטלעך האָט קיינער נישט געוווסט צו וועמען זיי געהערן, נאָר איין זאַך — איך געדענק שוין נישט אויף וועלכער סטאַנציע די צוויי ייִדן זענען אָפּגעשטיגן — אָבער דעם גאַנצן וועג האָבן זיי זיך דערנערט בלויז מיט מײַנע ארץ־ישׂראל־ניסלעך, ווײַל אויסער דעם האָב איך זיי נישט געזען עסן קיין אַנדער זאַך.

וואָס שייך מיך מיט מײַן מאַמען, האָבן מיר זיך געשפּײַזט מיט די פּעקלעך עסנוואַרג וואָס די מאַמע האָט מיטגעפֿירט פֿון דער היים. כאָטש אויף יעדער סטאַנציע זענען אַרויף מיידלעך, פּאַרקויפֿערינס פֿון טיי, האַרטע אייער, פּרוכטן, איז מײַן מאַמע אַראָפּגעשטיגן אויף יעדן וואָקזאַל און האָט פֿאַר מיר געקויפֿט קיכעלעך פֿון שאָקאָלאַד, בייגעלעך און פּלעצלעך. אַליין האָט זי געטרונקען טיי, זי וועט דאָך נישט עסן קיין טריפֿה. פּלעגט זי עפֿענען אירע מיסטעריעזע פּעקלעך און מיר האָבן הנאה געהאַט פֿון די געשמאַקע צובײַסנס, וואָס זי האָט מיטגענומען פֿון דער היים: אייער, ברויט, פּוטער, קעז, עפּל, באַרן, וווּרשט. איך באַוווּנדער ווי דער זכרון איז אַ געטרייער דינער: שטענדיק ווען איך דערמאָן זיך די רײַזע מיט מײַן מאַמען, צוויי וואָכן אויף דער באַן פֿון וואַרשע ביז בערדיאַנסק, פֿיל איך אויך דעם געשמאַקן גערוך פֿון דעם וווּרשט, וואָס מײַן מאַמע האָט מיטגעפֿירט פֿאַר אונדז צו עסן אויף מײַן „היסטאָרישער" רײַזע קיין רוסלאַנד.

גאַנצע צוויי וואָכן זענען מיר געפֿאָרן מיט דער באַן, און גאַנצע צוויי וואָכן האָב איך זיך געהאַלטן אין איין באַהאַלטן אונטער דער באַנק. ביז מיר זענען אין אַ מזלדיקער שעה אָנגעקומען אין אונדזער צוקונפֿטיקער היימשטאָט — בערדיאַנסק. שטעל איך מיר פֿאָר, ווי גליקלעך מײַן מאַמע האָט זיך געפֿילט, ווען די רײַזע האָט זיך סוף־כל־סוף פֿאַרענדיקט. פֿאַר מיר אָבער איז אָט די רײַזע געווען אַן אינטערעסאַנטע „אַוואַנטורע", דער הויכפּונקט אין מײַן יונג לעבן ביז דעמאָלט.

איך געדענק, ווי מיר גרייטן זיך אַראָפּצושטײַגן פֿון „פּאַיעזד", ווי מײַן מאַמע האָט גערופֿן די באַן. אָט שטייען מיר פֿול מיט דערוואַרטונגען, אָט גליטשט זיך אונדזער באַן אַרײַן אויף דער סטאַנציע בערדיאַנסק, און אָט שטייט שוין מײַן טאַטע מיט מײַן עלטערן ברודער און וואַרטן אונדז אָפּ.

די באַגעגעניש איז געווען אַ פֿריילעכע, געמישט, נאַטירלעך, מיט טרערן. איך האָב געשטעלט דעם ערשטן טריט אויף דער ערד פֿון מײַן נײַער היים, רוסלאַנד. דער טאַטע האָט גלײַך געדונגען אַ דראָזשקע און אונדז אַוועקגעפֿירט אין דער נײַער וווינונג, וואָס ער האָט פֿאַר אונדז צוגעגרייט. פֿאַרנדיק האָב איך

געקוקט מיט באַגײַסטערונג אויף די גאַסן און די שטיבער פון מײַן נײַער שטאָט. עס האָט מיך פשוט אַנטציקט די ריינקייט, די פרישע לופט און די שיינקייט פון ים אין דער פאָרטשטאָט בערדיאַנסק.

צוגעפּאָרן זענען מיר צו אַ פּריוואַט הויז, וואָס האָט אין מײַנע אויגן אויסגעזען ווי אַ פּאַלאַץ. דער טאַטע האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז דאָס איז אונדזער היים. איך בין דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער דראָזשקע, מײַן ברודער צוזאַמען מיט מיר, און בין אַרײַן אין דער דירה פון נײַן צימערן, ווו עס האָט זיך אויך געפונען דעם טאַטנס שנײַדערײַ. אין דער שנײַדערײַ האָבן געאַרבעט 30 שיקסעס.

דער טאַטע האָט אַפילו צוגעגרייט פאַר דער מאַמען צוויי דינסטן און פאַר אונדז האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן. גאָר אַן אַנדערס ווי אין וואַרשע.

דער טאַטע האָט פאַר מיר באַשטעלט אַ מלמד, וואָס זאָל מיט מיר לערנען חומש און רש״י, און אַ גימנאַזיסט, וואָס זאָל לערנען מיט מיר רוסיש און מיך צוגרייטן צו דער „גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע״ (די רעגירונגס־שול).

דער טאַטע איז געווען פאַרנומען מיט זײַן פאַבריק, די מאַמע האָט געפירט אַ גרויסע פריילעכעווירטשאַפט. מײַן ברודער און איך האָבן זיך באַקענט מיט אונדזער נײַער שטאָט. חברים האָבן זיך צוגעקלעפּט צו מיר — ווײַזט אויס איך בין געווען אַ געבוירענער רעדל־פירער און אין בערדיאַנסק איז געווען ווו צו פירן און ווו צו שטופּן...

2. מײַן שטעטעלע בערדיאַנסק

בערדיאַנסק האָט מען גערופן „ספּיאַשטשאַיאַ קראַסאַוויצאַ״ (די שלאָפנדיקע שיינהייט). אפשר דערפאַר ווײַל די שטאָט האָט זיך שטיל געטוליעט צו די ברעגעס פון אַזאָווער ים, אין יענעם ראַיאָן, ווו אויף אַ באַרג איז מיטן פּנים צום ים געשטאַנען די דאַטשע, די זומער־וווינונג פון צאַר ניקאָלאַי. איך פלעג יעדע פרײַע מינוט לויפן צום ים זיך באָדן און כאַפּן פיש, כ׳פלעג אַהיימברענגען אַזוי פיל פיש, אַז די דינסטן אונדזערע פלעגן מיך שעלטן, ווײַל איך האָב זיי אָנגעמאַכט אַרבעט. מײַן מאַמע, געדענק איך, פלעגט די פיש צעהאַקן און מאַכן געשמאַקע קאָטלעטן.

בערדיאַנסק איז געווען רײַך מיט פּרוכטגערטנער. אַרײַנצוקומען אין אַ ווײַנגאָרטן האָט געקאָסט 10 קאָפּיקעס. פאַר אָט דעם אָפּצאָל האָט מען געקענט זיך אָנעסן מיט ווײַנטרויבן וויפל איינער האָט נאָר געקענט, אָבער אַרויסטראָגן פון דאָרט האָט מען נישט געטאָרט. פלעגן מיר, ייִנגלעך, ליגן אין גאָרטן אַ גאַנצן טאָג און זיך אָנעסן מיט ווײַנטרויבן. איך קען זאָגן, אַז איך בין כמעט דערצויגן

געוואָרן אויף פּרוכטן און פיש. דעמאָלט האָט מען נישט געוווסט פון וויטאַמינען, פון מאַראַנצן־זאַפט. איך פלעג אין דער פרי אויפעסן אַ האַלבן הערינג, פאַרבײַסן מיט אַ שטיק ברויט, פאַרטרינקען מיט אַ „קרוזשקע" וואַסער פון ברונעם און נאָך דעם אויפעסן אַ האַלבן קילאָ ווײַנטרויבן.

בײַ מײַן מאַמען איז תּמיד געווען אַ יום־טובדיקער טיש מיט רינדפלייש און מיט קאַטשקעס; געסט צום טיש האָבן קיין מאָל נישט געפעלט.

אַ ייִד האָט געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש צו וווינען אין בערדיאַנסק. און דאָס איז געווען נישט קיין קלייניקייט. מיר האָבן מזל געהאַט מיט דעם, וואָס מײַן פאָטער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צוליב זײַן פאַבריק.

נישט ווײַט פון אונדז איז געווען אַ שטעטל מיטן נאָמען באַלשאָי טאָקמאַק. פון דאָרט האָט געשטאַמט דער שוישפּילער מישאַ גערמאַן, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין אַמעריקע.

איך האָב אין בערדיאַנסק אין מײַנע קינדער־יאָרן געלעבט ווי „גאָט אין אָדעס". איך האָב זיך געפּילט ווי אַ פיש אין וואַסער. חברים זענען געווען אַ סך, און יעדער פון אונדז האָט באַקומען אַ צונאָמען. איינער פון מײַנע חברים האָט געהאַט אַ צונאָמען „יאַפּאָנטשיק", ווײַל ער האָט געהאַט מאָנגאָלישע אויגן — וועגן אים וועל איך דערציילן ווײַטער, ווי אַזוי מיר האָבן מיט יאָרן שפּעטער זיך באַגעגנט אין אַרגענטינע און ווי רירנדיק עס איז געווען יענע באַגעגעניש. טרערן זענען אונדז געקומען אין די אויגן און איך האָב בלויז אויסגערופן: „יאַפּאָנטשיק!" און ער: „פּאַוולושאַ!" — אַבראַשאַ גריסטאָן איז געווען זײַן נאָמען.

מיך האָבן מײַנע חברים באַקליידט מיט דעם צונאָמען „פּיאָטער וועליקי" (פּעטער דער גרויסער), ווײַל איך האָב מיט אַלעמען רעגירט. אויב עמעצער זעט מיך פּײַפן בעת מײַנע פאָרשטעלונגען און ער וויל וויסן ווען איך האָב אָנגעהויבן פּײַפן — אינפאָרמיר איך אים, אַז פּײַפן האָב איך אָנגעהויבן ווי פּיאָטר וועליקי אין מײַן בערדיאַנסק...

אין בערדיאַנסק פלעגן יעדן זומער קומען צו פאָרן פאַרשידענע טעאַטער־טרופּעס, צירקן און קאָמעדיאַנטשיקעס. צען יאָר בין איך אַלט געווען ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל אַנטדעקט וואָס דאָס איז אַזוינס „טעאַטער".

די ערשטע פאָרשטעלונג, וואָס איך געדענק, איז געשפּילט געוואָרן פון אַ ייִדישער טרופּע אין דעם זומער־טעאַטער, נעבן ים. דאָס איז געווען אַן אָפּערעטע אונטערן נאָמען „שבת קודש". געשפּילט האָבן, געדענק איך, איינער אַ שוישפּילער מיטן נאָמען בראַנדעסקאָ; אַ סוברעטין, וועלכע האָט געהייסן ווײַנבערג, און אַ קאָמיקער מיטן נאָמען צוקער.

דער צוקער האָט געזונגען און געטאַנצט מיט דער סוברעטין ווײַנבערג אַ דועט אונטערן נאָמען „חיה — שמײַע". דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב

איך געזען אַזאַ זאַך! כ׳בין אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן, אַזוי אַנטציקט געוואָרן, אַז איך בין שנעל אַהיימגעלאָפן, צוזאַמענגעשטעלט צוויי בענקלעך (ווי אין טעאַטער) און געפּרוווט טאַנצן דעם זעלבן טאַנץ און נאָכזינגען „חיה־שמײַע״, אַקוראַט ווי צוקער.

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן. פון דעמאָלט אָן בין איך אַלע מאָל געווען צווישן די ערשטע אין טעאַטער, ווען אַ טרופּע איז געקומען צו פאָרן, סײַ אַ ייִדישע, סײַ אַ רוסישע.

בײַ אונדז אין דער היים האָבן מײַנע עלטערן גערעדט ייִדיש, צווישן זיך און מיט אונדז קינדער. אָבער איך בין שוין געווען אַ גאַנצער „רוסאַק״. מיט מײַן ברודער, מיט די דינסטן און אונדזערע שיקסעס פון דער פאַבריק פלעג איך רעדן בלויז רוסיש, און מיט מײַנע חברים איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

אַזוי שנעל ווי אַ נײַע טרופּע איז אָנגעקומען אין שטאָט אַרײַן, האָב איך שוין געהאַט אַ בילעט און זיך געזעסן אויף דער נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונג אויף דער גאַליאָרקע. איך האָב געשלונגען יעדעס שטיקל געזאַנג, יעדן טאַנץ, יעדעס וואָרט און יעדע באַוועגונג. און האָט זיך די נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונג געענדיקט, איז פאַר מיר נאָך אַלץ נישט געווען גענוג. וואָס זשע פלעג איך טאָן? אַז דער עולם פלעגט אַרויסגיין, פלעג איך זיך באַהאַלטן אונטער אַ באַנק ביז צו דער בײַנאַכטיקער אויפפירונג און אַזוי אַרום געזען נאָך אַ מאָל די זעלבע פאָרשטעלונג.

נאָך דעם פלעגט מיר אויסקומען אַהיימצוגיין זייער שפּעט, נאָך 11 אַ זייגער בײַ נאַכט, — פלעג איך זיך אַרײַנגנבענען דורך אַ פענצטער אין קיך אַרײַן, דאָס פענצטער האָב איך שוין פריִער געלאָזט אָפן — און שטילערהייט אַרויפגעקראָכן אויף מײַן געלעגער, אַז דער טאַטע זאָל נישט הערן.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב אָנגעהויבן זיך לערנען טאַנצן און זינגען רוסישע לידער. איך האָב זיך געלערנט בײַ מײַנע חברים, נאַטירלעך, בגנבה, אָן דעם וויסן פון מײַן טאַטן, דעם פרומען מרדכי בורשטיין. אָבער קיין שום שטראָף וואָלט מיך סײַ ווי נישט געקענט אָפּהאַלטן דערפון. איך בין שוין געווען אַ טעאַטער־פאַרסמטער, זײַענדיק זיכער, אַז כ׳האָב געפונען מײַן ציל אין לעבן. מער פון אַלץ אין דער וועלט האָב איך געוואָלט זײַן אַן אַקטיאָר!

פון אונדזער אָנקומען קיין בערדיאַנסק ביז צו מײַן פאַרזוכן דעם טעם פון טעאַטער, האָבן מיר געהאַט עטלעכע זייער וויכטיקע איבערלעבענישן בײַ אונדז אין דער היים.

כמעט צוויי יאָר נאָך אונדזער באַזעצן זיך אין רוסלאַנד האָט מײַן מוטער געבוירן אַ מיידעלע, וואָס מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן אסתרל, די ערשטע און איינציקע טאָכטער בײַ מײַן מאַמען. פאַרשטייט זיך, אַז מיר אַלע האָבן זי שטאַרק ליב געהאַט און זיך געצאַצקעט מיט איר. אָבער אַ פּנים אַז מײַן קליין שוועסטערל איז נישט באַשערט געווען קיין יאָרן. איך געדענק ווי זי איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן. זי איז נאָך קיין יאָר נישט אַלט געווען. די מאַמע מײַנע האָט זי געהאַלטן אויף

די הענט, געפּרוווט זי ראַטעווען, נאָר דאָס קינד איז אויסגעגאַנגען. באַלד צום יאָר איז ביי מיינע עלטערן געבוירן געוואָרן אַ יינגעלע, מיין יינגסטער ברודער אברהם.

אין איינעם אַ שיינעם זומערטאָג קומט אָן צו אונדז קיין בערדיאַנסק דער באַרימטער „דוראָוו־צירק", בראש מיטן סטאַר און בעל־הבית פון צירק דעם גרויסן קלאָון דוראָוו. ער אַנאָנסירט, אַז ער זוכט יונגע חברה וועלכע ווילן ווערן קלאָונען. איך לויף גלייך אַהין און ווער תיכף אָנגענומען צוזאַמען מיט נאָך אַ צוויי מנינים יינגלעך.

אויף די צירק־פּראָבעס האָב איך זיך געפּילט ווי אַ פּראָפעסיאָנאַל. מען האָט אונדז אָנגעטאָן אין לצים־קליידער און גרימירט די פּנימער מיט די טראַדיציאָנעלע קלאָון־מאַסקעס, (ווייס, מיט פּינטעלעך, און גרויסע מיילער). וואָס, מיינט איר, איז געווען אונדזער אויפגאַבע? מיר האָבן געדאַרפט אַרויסלויפן אויפן מאַניעזש, איידער דער סטאַר דוראָוו האָט געמאַכט זיין אויפטריט. דאָס איז געווען אַ חבריה־פּאַרויסלויף מיט איבערדרייען זיך קאָזשעלקעס, מאַכן אַ מהומה, אַ ווינט, אַלץ — אַ צוגרייטונג: דער סטאַר גייט!

דוראָוו איז געווען אַ פּאָליטישער סאַטיריקער. בעת זיינע אויפטריטן האָט ער דערציילט פּאָליטישע וויצן און ער פלעגט צוליב דעם אָפט אַרעסטירט ווערן.

ער פלעגט, צום ביישפּיל, אַרויסקומען רייטנדיק אויף אַ חזיר, אָבער דער חזיר איז געגאַנגען פאַרקערט, מיטן קאָפּ פון הינטן, און דוראָוו איז געזעסן מיט זיין פּנים צום „הינטערשטן חלק" פון חזיר, און ווען אַ צווייטער קלאָון האָט אים געפרעגט, „גדיע גאָלאָוואַ?" — „ווו איז דער קאָפּ?" (מיינענדיק, אייגנטלעך, ווו איז דער גובערנאַטאָר? ווייל דעם גובערנאַטאָר האָט מען גערופן „דער קאָפּ" פון שטאָט), פלעגט דוראָוו ענטפערן: „גאָלאָווי ניעט" — „דער קאָפּ איז נישטאָ"... נאָך אַ סאַטירישן וויץ פלעגט ער מאַכן אויפן צאַר ניקאָלאַי גופא. ער פלעגט זיך שפּילן מיט אַ זילבערנעם רובל וואָס האָט געהאַט פון איין זייט דעם קאָפּ פון צאַר ניקאָלאַי און פון דער צווייטער זייט די דומע, דעם רוסישן פּאַרלאַמענט. פלעגט ער דעם רובל אַזוי וואַרפן פון איין האַנט אין דער צווייטער, אַהין און צוריק, ביז אַ צווייטער קלאָון האָט אים געפרעגט: „וואָס טוסטו מיטן רובל?" — האָט דוראָוו געענטפערט: „דוראַקאַ וואַלאַיו!" — „איך שפּיל זיך מיטן אידיאָט!"

פלעגט מען אים זייער אָפט צוליב דעם באַשטראָפן מיט פאַרמאַכן זיין צירק אויף דריי טעג, און אים אַליין, דוראָוון, אויף די דריי טעג איינזעצן אין חד־גדיא.

אַזוי שנעל ווי איך האָב געענדיקט מיין צירק־קאַריערע, אין וועלכער כ'האָב זיך שטאַרק אויסגעלעבט, האָב איך געזוכט פרישע אַוואַנטורעס אין דער וועלט פון „קונסט". אָנטייל גענומען אין אַן אַמאַטאָרן־פאָרשטעלונג פון אַברהם גאָלדפאַדענס „בר־כוכבא", און אַ דאַנק מיין שיינער אַלט־שטים גיט מען מיר צו זינגען

דעם סאָלאָ־נומער פון דעם וועכטער ביים טורעם (אין צווייטן אַקט). דאָס איז שוין דעמאָלט געווען דער הויכפּונקט אין מיין קאַריערע.

אין יענער צייט האָב איך שוין געזונגען אין כאָר פון אונדזער שול. מיין טאַטע, מרדכי בורשטיין, איז געווען אַ גוטער חזן. זיין דאַווענען פאַרן עמוד פלעגט ער שענקען דער שול אַ מתנה, דאָס הייסט, ער איז געווען אַ האָנאָראַווער חזן, און מיר, די ברידער, זענען געווען ביי אים אין כאָר. (מיין ברודער יעקב האָט שוין געהאַט געענדיקט זיין מיליטער־דינסט און איז געווען מיט אונדז אין בערדיאַנסק. מיין מאַמעס צווייטער זון יוסף האָט שוין געוווינט מיט זיין פרוי ראָזע אין אַמעריקע).

אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען צו אונדז אין שטאָט אַ באַרימטער חזן, ביאַליק האָט ער געהייסן, און צוזאַמען מיט אים אַ כאָר־דיריגענט מיטן נאָמען נאָום פאָדלובני. מען האָט אָנגעהויבן פאַרהערן כאָריסטן. מיין אַלט איז זיי אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז זיי האָבן מיך צוגענומען ווי אַ סאָליסט צום דאַווענען ראש־השנה—יום־כיפור.

דער חזן ביאַליק האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז די שול האָט אים צוזאַמען מיט זיין דיריגענט פאָדלובני פאַרהאַלטן אויף גאַנצע דריי סעזאָנען. די באַקאַנט־שאַפט מיט נאָום פאָדלובני האָט אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט מיין גורל. קאָן זיין, אַז ווען מיינע עלטערן וואָלטן געהאַט פאַרויסגעזען אַז צוליב מיין זינגען אין כאָר וועלן זיי „פאַרלירן" זייער קינד פון שטוב און וועלן האָבן גרויסע יסורים, וואָלטן זיי מיך ביי די האָר אַוועקגעשלעפּט פון דאָרט. אָבער איך בין מסופק צי דאָס וואָלט זיי געהאָלפן! אַז איך קוק איצט אַריין אין מיין פאַרגאַנ־גענהייט, זע איך דייטלעך די געשעענישן, דעם ווענדפּונקט, וואָס האָט באַשטימט מיין גורל.

פאַר דער צייט, וואָס כ'האָב מיטן חזן ביאַליק געדאַווענט ביי אונדז אין שול, האָבן זיך מיינע עלטערן זייער געגרויסט מיט מיר. זיי האָבן שטאָלצירט ווען אַנדערע מאַמעס און טאַטעס פלעגן זיי אָפּגעבן אַ יישר־כוח פאַר זייער פּסחלס זינגען, פאַר דעם פיינעם סאָלאָ, וואָס איך פלעג זינגען צו כל־נדרי.

פאַר דער צייט בין איך אויך שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן מיט דעם דיריגענט נאָום פאָדלובני. ער האָט מיך זייער ליב באַקומען. אין איינעם אַ טאָג פרעגט ער מיך, צי וואָלט איך געוואָלט ווערן אַ קופּלעטיסט? ער זעט אין מיר, האָט ער געזאָגט, אַ סך טאַלאַנט. איך האָב אַ גוטע שטים, איך בין אַ שיינער בחור, אַ לעבעדיקער, אַ רירעווודיקער, און ער איז זיכער אַז ער קען פון מיר מאַכן אַ גרויסן סטאַר! דערהערט אַזעלכע לויב־געזאַנגען, בין איך צעשמאָלצן געוואָרן פון פרייד. איך בין נאָך נישט אַלט געווען דעמאָלט קיין גאַנצע זעכצן יאָר!

„נו — פרעגט ער — וואָס זשע זאָגסטו?" וואָס איך זאָג? — ענטפער איך — וואָס האָב איך דאָ נישט איינצושטימען? עס איז דאָך מיין חלום צו זיין פאַרבונדן מיטן טעאַטער! דערציילט ער מיר, אַז גלייך נאָך די ימים־נוראים רעכענען זיי,

עס הייסט ער מיט זײַן פרוי, אַ זינגערין, מיט זייער קינד, צו פֿאָרן אויף אַ טורנע שפּילן קליינקונסט, רעווי־טעאַטער, און זיי ווילן מיך מיטנעמען, כּדי איך זאָל זײַן דער סטאַר, די אַטראַקציע פֿון דער טרופּע. נו, אויב איך בין מסכּים, וועט ער מיר לאָזן וויסן ווען די צײַט וועט קומען און איך זאָל זיך דערווײַל צוגרייטן. איך, נאַטירלעך, האָב מסכּים געווען.

איצט, זײַענדיק אַליין אַן אַקטיאָר און אַליין אַ טאַטע, באַגרײַף איך דעם עגאָיִזם און די כיטרעקייט פֿון דעם מענטשן, וואָס איז געווען גרייט די גאַנצע זאַך צו האַלטן בסוד פֿון מײַנע עלטערן, אַבי צו דערגרייכן זײַן ציל. אים האָט גאָרנישט געקימערט וואָס ער גייט אָפּרײַסן אַ ייִנגל פֿון זײַן היים און צעברעכן די הערצער פֿון אומשולדיקע טאַטע־מאַמע. ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ מקור פֿון פּרנסה, אַ בחור וועמען ער וועט קענען עקספּלאָאַטירן. אמת, איך האָב אָנגעהויבן מײַן קאַריערע מיט יענעם שריט — און ווער ווייסט, אפשר, ווען איך פֿאַרבלײַב אין רוסלאַנד, וואָלט איך הײַנט שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. דאַרף איך קלערן, אַז אפשר האָט נאָום פֿאָדלובני מיר געטאָן די גרעסטע טובה אין דער וועלט... נאָר ווער קען וויסן?

צוגעהאָלפֿן האָט אויך דאָס, וואָס מײַנע ברידער יוסף און יעקב האָבן מיר געשיקט אַ שיפֿסקאַרטע איך זאָל קומען קיין אַמעריקע און אויף מײַן אָרט איז גאָר געפֿאָרן מײַן ברודער יהושע.

געשען איז עס, ווײַל מײַן ברודער יעקב איז שוין אין דער צײַט אויך געווען אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע, איבערלאָזנדיק מיט אונדז זײַן פֿרוי מיט פֿיר קינדערלעך, ביז ער וועט שיקן נאָך זיי. דערווײַל האָבן ביידע ברידער צוזאַמען, יוסף און יעקב, געשיקט אַ שיפֿסקאַרטע אויף פֿאַר מיר. נאָר אַזוי ווי מײַן עלטערער ברודער יהושע איז שוין געווען אין די יאָרן פֿון מיליטער־דינסט, און מײַנע עלטערן האָבן מורא געהאַט מען זאָל אים נישט נעמען אין מיליטער, האָט מען אים געשיקט קיין אַמעריקע אויף מײַן שיפֿסקאַרטע.

ווי אַ קינד, האָט מיך די געשיכטע אַ ביסל פֿאַרדראָסן. און ווען נאָום פֿאָדלובני האָט מיך געפֿרעגט „וואָס וועלן זאָגן דײַנע עלטערן? צי וועלן זיי דיך לאָזן פֿאָרן? צי וועלן זיי נישט זײַן קעגן?", האָב איך אים געבעטן אַז מײַנע עלטערן זאָלן גאָרנישט וויסן דערפֿון. איך בין דאָך געווען זיכער אַז איך וועל זייער דערלויבעניש נישט באַקומען. „איך וועל מײַנע עלטערן, — האָב איך געזאָגט — שרײַבן פֿון דער ערשטער שטאָט און זיי לאָזן וויסן, אַז איך בין געפֿאָרן שפּילן טעאַטער און זיי זאָלן זיך נישט זאָרגן".

3. איך פאַרלאָז מײַן היים

אַזוי ווי פּאָדלובני האָט מיר צוגעזאָגט, אַזוי איז געווען. ביז אונדזער אָוועקפאָרן האָט ער אין געהיים מיט מיר געמאַכט פּראָבעס און אײַנגעשטודירט מײַן נײַעם רעפּערטואַר וואָס איז באַשטאַנען פון דרײַ לידער.

דאָס ערשטע:

„איך בעט דיך, גאָט, דריי איבער דאָס ריידל,
איך זאָל זיך לייגן אַ בחור און אויפשטיין אַ מיידל.
וואָס וואָלט דיר, גאָט, געשאַדט
ווען דו וואָלסט נאָך אַ מיידל געהאָט,
ווער וואָלט דאַן געווען צו מיר גלײַך".

אָט אַזוי, געדענק איך, זענען געגאַנגען די ווערטער, און די מוזיק איז גענומען געוואָרן פון אַ רוסיש ליד, און טאַקע אויף דער זעלביקער מוזיק איז מיט יאָרן שפּעטער פּאָפּולער געוואָרן אין אַמעריקע דאָס ליד „פּאַפּיראָסן", געשריבן פון הערמאַן יאַבלאָקאָוו.

מײַן צווייט ליד האָט געטראָגן דעם אָריגינעלן נאָמען „אַ העט אָדער אַ גט". דאָס דריטע איז פאַרבליבן איינס פון די באַרימטסטע לידער אין מײַן רעפּערטואַר ביז דעם הײַנטיקן טאָג. איך האָב מיט יאָרן שפּעטער דאָס אַרויסגעזונגען אויף „קאָלומביאַ"־רעקאָרדס. עס הייסט „האָצאַ מאַמאַ, פּירבאַ צאָצאַ" (דאָס מיינט אויף רומעניש „טאַנץ, הייב זיך, מאַמע, דאָס ערשטע מאָל אויף דײַן זונס חתונה"). צופעליק איז עס אויך דאָס ערשטע ליד וואָס מײַן זון מאָטעלע האָט געזונגען אויף דער בינע ווען ער איז אַלט געווען גאַנצע 2 יאָר.

אין אַ שיינעם טאָג האָט פּאָדלובני מיר געהייסן זיך צוגרייטן. אונדזער ערשטע שטאָט וווּ מיר וועלן שפּילן וועט זײַן יוזעווקע, און מיר וועלן אַרויספאָרן מיט דער באַן פאַר טאָג.

אין געהיים האָב איך זיך צוגעגרייט צו דער ערשטער נסיעה. פאַרפּאַקט מײַנע זאַכן אין אַ שטרויענעם קוישל: אַ ביסל וועש, אַ פּאָר קראַוואַטן און מײַן שבתדיקן אָנצוג, וואָס כ'האָב באַהאַלטן אין אַ שאַנק, אַז די מאַמע אָדער דער טאַטע זאָלן עס נישט באַמערקן.

עס דערנענטערט זיך די נאַכט פון אָוועקפאָרן. פּאָדלובני האָט מיר געהייסן פאַר טאָג נעמען אַ דראָזשקע און קומען דירעקט צום וואָקזאַל. די באַן גייט אָפּ 4 אַ זייגער פאַר טאָג. אַלע גרייטן זיך צו גיין שלאָפן. בײַ אונדז האָט מען זייער פרי געמאַכט נאַכט, ווײַל די אַרבעטער אין פאַבריק פלעגן אָנהייבן אַרבעטן 8 אַ זייגער אין דער פרי, אַזוי אַז מײַנע עלטערן זענען שוין 6 אַ זייגער אויפגעשטאַנען.

איך לייג זיך אויף מײַן געלעגער, נאָר שלאָפֿן שלאָף איך נישט — איך היט דעם זייגער. איך קוק אויף דעם זיסן שלאָפֿנדיקן פּנימל פֿון מײַן זיבן־יאָריקן ברודערל אַברהמעלע, װעלכער שלאָפֿט מיט מיר אין איין צימער. איך באַטראַכט זײַנע קינדישע שטריכן אין שלאָף און טראַכט בײַ זיך, „אוי, קליין ברודערל, נאָך דיר װעל איך בענקען. װעסט זען װי דו װעסט מיט מיר שטאָלצירן װען איך װעל צוריקקומען אַ גרויסער שטערן!" איך האָב דאָן זיך נישט געקענט פֿאָר־שטעלן, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל װאָס איך זע אים אין מײַן לעבן!

איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געװוּסט װי אכזריותדיק עס קען זײַן דאָס לעבן.

איך ליג אין דער פֿינצטער, די הענט אונטערן קאָפּ, און היט דעם זייגער. איך קוק אויף דעם ליידיקן בעט פֿון מײַן עלטערן ברודער יהושע און טראַכט: „װאָס טוט ער דאָרט אין אַמעריקע? װאָס װאָלט ער געזאָגט, װען ער װייסט װאָס איך גיי אַצינד טאָן? אָך, װי איך װאָלט געװאָלט מיט אים זיך עצהן". ענדלעך, 2 אַ זייגער פֿאַר טאָג הייב איך זיך אויף, גרייט זיך צו צו פֿאַרלאָזן די שטוב. איך נעם מיר מײַן קוישל און גנבֿע זיך שטילערהייט אַרײַן אין קיך, װוּ עס איז תּמיד געװען אָפֿן דאָס פֿענצטער, װײַל איינע פֿון אונדזערע שיקסעס איז דאָרט געשלאָפֿן אויפֿן „פּיעקעליק" (איבערן אויװן) און זי פֿלעגט האַלטן דאָס פֿענצטער אָפֿן.

די לעצטע מינוט. עס גיט מיר עפּעס אַ נאָג אונטערן האַרץ, אַ צי בײַ מײַן געװיסן און איך גיי אויף די שפּיץ פֿינגער צום חדר װוּ עס שלאָפֿן מײַנע עלטערן. איך קוק אַרײַן און זע אין דער פֿינצטער זייערע שלאָפֿנדיקע פּנימער און געזעגן זיך מיט זיי שטומערהייט: „זײַט געזונט, טאַטע־מאַמע, איר װעט נאָך שטאָלצירן מיט מיר". איך האָב דאָן נישט געװוּסט, אַז איך װעל שוין מער מײַן ליבן טאַטן נישט זען, און מײַן מאַמען, בלויז נאָך איין מאָל אין מײַן לעבן.

איך שאַר זיך צוריק דורך דער קיך, פּלוצעם בלײַב איך שטיין פֿאַר שרעק: די שיקסע דרייט זיך איבער אויף אַ זײַט. אָט װעט זי מיך כאַפּן; נאָר פּלוצעם גיט זי אַ שטאַרקן שנאָרך, אַ סימן, אַז זי שלאָפֿט. און אַזוי, אויף די שפּיץ פֿינגער, מיטן קוישעלע אין דער האַנט, גנבֿע איך זיך אַרויס דורכן פֿענצטער.

װען איך האָב מיט יאָרן שפּעטער געלייענט שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדיקע שטערן" און בין צוגעקומען צו דער סצענע, װאָס איך האָב ערשט באַשריבן, האָב איך געקלערט בײַ זיך: אַ פּנים, אַז שלום־עליכם האָט געמוזט שטיין דערבײַ װען איך בין אַנטלאָפֿן פֿון דער היים! אַזוי פּינקטלעך באַשרײַבט ער דעם פֿאַל אין זײַן אומשטערבלעכן ראָמאַן. װײַזט אויס, אַז איך בין נישט געװען דער איינציקער...

נאָר אין יענעם אויפֿדערנאַכט בין איך טאַקע געװען איינער אַליין, װען איך בין אַרויס דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער 2 אַ זייגער פֿאַר טאָג אויף דער שלאָפֿנדיקער גאַס.

איך האָב נישט גענומען קיין דראָזשקע, ווי פּאַדלובני האָט מיר געעצהט, נאָר געגאַנגען צו פוס אַ שעה צײַט מיט מײַן קוישל אין דער האַנט. איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַן שטאָט, מיט מײַן היים און זיך אויך געזעגנט מיט מײַנע קינדער־יאָרן.

נאָך אַ שעה גיין צו פוס בין איך ענדלעך אָנגעקומען צו דער באַנסטאַנציע און דאָרט געפונען מײַנע „קאָלעגן״. מײַן דיריגענט פּאַדלובני, זײַן פרוי מיט זייער קינד.

זיי האָבן זיך מיט מיר זייער דערפרייט און גלײַך געקויפט פאַר מיר אַ בילעט. פיר אַ זייגער פאַר טאָג זענען מיר שוין געזעסן אין דער באַן און צו אונדזער ציל זענען מיר אָנגעקומען צו מאָרגנס פאַר נאַכט. ווי עס האָט זיך דאַן געפירט, זענען מיר פאַרפאָרן גלײַך אין אַן אַכסניה.

די ערשטע נאַכט נאָך מײַן אַנטלויפן פון דער היים בין איך געלעגן אין דעם פרעמדן בעט מיט אַ געפיל פון גרימעניש אין בויך. וואָס וועט מען טראַכטן אין דער היים? איך שטעל מיך פאָר ווי די מאַמע וויינט און ווי דער טאַטע בייזערט זיך! נאָר פאַרפאַלן — כ׳האָב שוין געמאַכט דעם געוואָגטן שריט, און וואָס הייסט עפּעס חרטה האָבן? — כ׳גיי דאָך ווערן אַן אַקטיאָר!

גלײַך אין דער פרי איז פּאַדלובני אַוועק אין שטאָט צוגרייטן אונדזער ערשטע פאָרשטעלונג. ער האָט גוט געקענט די שטאָט יוזעווקע און האָט זיך אויסגעטויגט צו מאַכן פאַרבינדונגען.

דערווײַל, אַזוי ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, איז אין דער היים געוואָרן אַ מהומה. אין דער פרי האָבן טאַטע־מאַמע דערזען, אַז איך בין נישט געשלאָפן די נאַכט אויף מײַן געלעגער. איז מען געלאָפן צו דער פּאָליציי און געקלאַפּט טעלעגראַמעס אין אַלע שכנותדיקע שטעטלעך, אַז מען זוכט אַ בחור מיטן נאָמען פּאַוולושאַ בורשטיין, וואָס זעט אויס אַזוי און אַזוי. און איידער מען האָט נאָך באַוויזן צו באַקומען אַן ענטפער, האָבן מיר שוין געהאַט אָפּגעשפּילט אונדזער „פּרעמיערע״. און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? קיין גרויסע גליקן האָבן מיר דעם אָוונט נישט געמאַכט. פּאַלט מײַן אימפּרעסאַריאָ אויף אַ פּלאַן, איך זאָל קלאַפּן מײַן טאַטן אַ דעפּעשע, אים זאָגן ווו איך געפין זיך און אויב ער וועט מיר טעלעגראַפיש אַרויסשיקן 50 רובל, וועל איך קענען קומען אַהיים. הכלל, עס האָט געדויערט אַ פּאָר טעג און מײַן טאַטע שיקט מיר צו די 50 רובל, וועלכע ווערן גלײַך פאַרשוווּנדן. סטײַטש? — פרעג איך. ענטפערט מיר פּאַדלובני:

— נאַרעלע, וואָס פאַרשטייסטו נישט? מיט דעם געלט קענען מיר פאָרן קיין פּאָלטאַווע — די גרויסע שטאָט, ווו מיר קענען פאַרדינען אַ סך געלט! און פון דאָרט קומען מיר אָן קיין וואַרשע, ווו דו קענסט ווערן דער גרעסטער שטערן! דו ווילסט דאָך, אַז דײַן טאַטע זאָל שטאָלצירן מיט דיר. פון דאָרט וועלן מיר אים אָפּשיקן זײַנע 50 רובל, נאָך מיט פּראָצענט!

אין מײַן קינדישן מוח האָט דאָס געקלונגען נישט נאָר לאָגיש, נאָר אויך העכסט ראָמאַנטיש! און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. איך האָב אָנגעשריבן מײַנע עלטערן אַ בריוול, אַז זיי זאָלן זיך נישט זאָרגן וועגן מיר, ווײַל איך פֿאָר מאַכן אַ קאַריערע און אויך פֿאָר איך צו מײַנע שוועסטער און ברודער קיין וואַרשע, וועלכע איך האָב שוין היפּשע יאָרן נישט געזען.

אין פּאָלטאַווע האָבן מיר געגעבן דרײַ קאָנצערטן, אָדער, בעסער געזאָגט, וואָדעוויל־רעוויוס, און מיר האָבן טאַקע זייער גוט פֿאַרדינט! איך האָב אויס־געגומען מיט מײַנע קופּלעטן און מיט מײַן טאַנצן, איך האָב געהאַט גרויס דערפֿאָלג. פֿון איין פֿאַרשטעלונג צו דער צווייטער האָב איך שוין באַקומען מער מוט. פּאָדלובני האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט אַ צעשמייכלט פּנים:

— בחורל ברודער! דו וועסט זײַן דער גרעסטער סוקצעס אין וואַרשע!

פֿאָרן מיר קיין וואַרשע! מיר קומען אַרײַן אין דער שטאָט, פֿאַרפֿאָרן זיי צו פֿרײַנד און איך פֿאָר מיר אַרײַן קיין פּראַגע צו מײַן מאַמעס שוועסטער, די מומע לאה, וועלכע האָט אין פּראַגע געוווינט אויף דער ספּשעטשנע־גאַס, נומער 8, נעבן דער פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע.

פֿאַר וואָס עפּעס צו דער מומע לאה? ווײַל איר אַדרעס האָב איך געדענקט, אָבער ווו מײַנע שוועסטער וווינען האָב איך נישט געוווּסט. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון קיין טעלעפֿאָן האָבן מיר דאַן נישט געוווּסט. דאָס איז געווען אַ לוקסוס, בלויז פֿאַר גבֿירים.

איך געדענק נאָך ווי הײַנט, אַז ס'איז געווען אַ דאָנערשטיק. אַזוי ווי איך בין אַרײַן אין שטוב, האָב איך דערזען, אַז איך בין נישט קיין אומדערוואַרטער גאַסט. מען האָט זיך שוין געריכט אויף מיר, ווײַל מײַן מאַמע האָט שוין געהאַט געשריבן צו אירע שוועסטער און ברידער, אַז איר פּסחל דאַרף אָנקומען קיין וואַרשע, אַז ער איז געוואָרן אַן „אַרטיסט"...

אין שטוב איז געוואָרן מיט מיר אַ גדולה! אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פֿון האַרץ! ס'האָט זיך שוין געלייגט די גאַנצע מעשה, האָב איך זיך געטראַכט, זעענדיק ווי מען נעמט מיך אויף. מען האָט גלײַך געמאָלדן מײַנע שוועסטער און מײַן ברודער וועלוול, און צו מאָרגנס איז די שטוב שוין געווען פֿול מיט שוועסטער, מומעס, פֿעטערס, וועלכע האָבן געקוקט אויף מיר מיט גאָר אַנדערע אויגן. איין קלייניקייט! פּסחל איז אַנטלאָפֿן פֿון בערדיטשעוו קיין וואַרשע! און נאָך מער — ער איז געוואָרן אַן אַקטיאָר! הכּלל, מען האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט. איך בין געבליבן וווינען בײַ דער מומע לאה, ווײַל בײַ מײַנע שוועסטער איז צו פֿיל פּלאַץ נישט געווען, קוים געננוג פֿאַר זיי אַליין.

איך האָב באַלד אַוועקגעשריבן אַ בריוו אַהיים צו טאַטע־מאַמע און זיי פֿאַרזיכערט, אַז מיר איז גוט ווי די וועלט, אַז איך לעב זיך אין וואַרשע ווי גאָט אין אָדעס, זיי זאָלן גאָרנישט זאָרגן וועגן מיר.

4. אין וואַרשע

אויף דער דזשיעלנע־גאַס אין וואַרשע האָט זיך געפונען אַ קאַפעהויז, אונטער דער אָנפירונג פון אַ יידישן שוישפּילער מיטן נאָמען מאַקס פאַקוי. אין יענעם קאַפע פלעגן אַרײַנקומען אַרטיסטן, קופּלעטיסטן, סתּם חסידים פון טעאַטער און דאָרט איז מען אויפגעטראָטן מיט לידער, כּדי זיך צו באַווײַזן און אפשר געזען ווערן פון אַן אונטערנעמער און דורך אים אַנגאַזשירט ווערן. נאַטירלעך, האָב איך באַלד דערשמעקט די סיטואַציע און בין דאָרט אָפט אויפגעטראָטן מיט מײַנע לידער.

מײַן ערשטע באַצאָלטע שטעלע איז געווען אין אַ קינאָ אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַ פּאַקוסניק, וועלכער האָט געהייסן גרינשפּאַן. זײַן ערשטן נאָמען קען איך זיך נישט דערמאָנען. אויסער זינגען מײַנע לידער איז מײַן אַרטיסטישע אויפגאַבע געווען מיטאַרבעטן מיט אים און אַרויסהעלפן אים אין זײַנע מעשׂים פון שוואַרצקונסט.

איין טריק געדענק איך גוט. עס איז געגאַנגען אַזוי גלאַטיק און אַזוי גרינג, אַז איך האָב זיך געפילט ווי איך אַליין בין דער כּישוף־מאַכער. איך וועל „ברעכן" מײַן וואָרט פון יאָרן צוריק און אײַך דאָ אויסגעבן דעם סוד.

גרינשפּאַן פלעגט מיר הייסן אַרײַנגיין אין אַ גרויסן זאַק אין קעגנוואַרט פון פובליקום. דעם זאַק פלעגט ער פעסט פאַרבינדן און בעטן די צושויערס זיי זאָלן זײַן עדות. דאָ פלעגן צוויי געזונטע חברה מיך אויפהויבן אין דעם זאַק פאַרבונדענערהייט און מיך אַרײַנלייגן אין אַ גרויסן קאַסטן. דעם קאַסטן פלעגט גרינשפּאַן פאַרשליסן מיט אַ שלאָס, אַרומבינדן מיט שטריק און אים פאַרשטעלן מיט אַ „שפּאַניש ווענטל". ווען ער האָט פון אונטער דעם ווענטל אויפגעהויבן זײַן האַנט און אויסגעשאָסן פון אַ רעוואָלווער, האָט נישט געדויערט קיין איין מינוט און איך בין געשטאַנען אויף זײַן פּלאַץ נעבן דעם קאַסטן. ווען זײַנע אַסיסטענטן האָבן געעפנט דעם קאַסטן און אויפגעבונדן דעם זאַק, האָט מען גרינשפּאַנען געפונען אינעווייניק אויף מײַן פּלאַץ. דער עולם פלעגט שטורעמען מיט אַפּלאָדיסמענטן.

ווי אַזוי האָב איך עס געמאַכט? פּראָסט־פּשוט: אין דעם אונטערשטן טייל פון דעם זאַק האָט זיך געפונען אַ לויזער פאָדעם, וועלכן איך פלעג גלײַך אַרויסציען. האָט זיך דער זאַק געעפנט פון אונטן און איך האָב אים אויסגעטאָן. אין אַ ווינקל פון דעם פאַרמאַכטן קאַסטן איז געווען אַ קנעפּל. ווי נאָר איך האָב אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל, האָט זיך אַ זײַט פונעם קאַסטן געעפנט ווי אַ טיר, אָבער געעפנט האָט זיך עס אַרײַן, צו מיר, אַנשטאָט אַרויס. דורך דעם טירל בין איך שנעל אַרויסגעקראָכן און גרינשפּאַן איז אַרײַנגעקראָכן, דאָס טירל פאַרמאַכט, זיך שנעל

אַנגעטאָן דעם זאַק און אַזוי האָט מען אים געפֿונען. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך געפֿילט זייער וויכטיק אין מײַן ראָלע, ווי אַן אמתער פּראָפֿעסיאָנאַל.

דורך דער צײַט האָב איך זיך שוין געהאַט אַרײַנגעצויגן צו מײַנע שוועסטער און געוווינט מיט זיי. אייגנטלעך בין איך געוואָרן דער גאַנצער ברויטגעבער.

דער מאַן פֿון מײַן שוועסטער חיה־שׂרה האָט זיך געפֿונען אין מיליטער, און מײַן עלטסטע שוועסטער, פֿייגע, האָט זיך נעבעך געמוטשעט מיט דרײַ קינדער־לעך און מיט אַ מאַן אַ דעספּאָט. איך האָב פּשוט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן ווי ער פֿלעגט זי שלאָגן און זידלען. בײַ אונדז אין דער משפּחה האָב איך דאָס קיין מאָל נישט געזען. און אַזוי ווי קיין גראָשן האָט ער נישט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב, האָב איך אים אין אַ געוויסן טאָג, ווען ער האָט באַוויזן זײַנע געמיינע שטיק, איינפּאַך, אַרויסגעוואָרפֿן, אים געהייסן גיין און לאָזן מײַן שוועסטער צו רו. דאָס איז דאָך געווען אַ נאַטירלעכער זשעסט פֿון אַ ברודער, אָבער איך בין געווען יונג און האָב נישט פֿאַרשטאַנען וואָס פֿאַר אַ סיטואַציע איך האָב געשאַפֿן פֿאַר מײַן שוועסטער און אירע קינדער מיט מײַן „העלדישקייט". איך בין געוואָרן זייער פֿאַרזאָרגער, זייער פּרנסה־געבער. און איך בין אין דער ראָלע פֿאַרבליבן עטלעכע און צוואַנציק יאָר. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה זיי געשטיצט און געשיקט געלט, אַפֿילו נאָך דעם ווי די קינדער זענען שוין געווען דערוואַקסענע.

מײַן קאַריערע האָט זיך גענומען צעבליִען. איך בין אויפֿגעטראָטן אומעטום, וווּ עס האָט זיך נאָר געפֿונען אַ פּאַסיקער קאָפּע.

אין וואַרשע, אין דער געגנט פֿון אָפּענעם מאַרק, וואָס האָט זיך גערופֿן דער „אײַזערנער טויער", איז געווען אַ טעאַטער־זאַל אויף אַן ערשטן שטאָק מיטן נאָמען „עלדאָראַדאָ". בין איך אין דעם טעאַטער אויפֿגעטראָטן מיט מײַנע לידער צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַרטיסטן, וועמענס נעמען איך וועל דאָ דערמאָנען: מאָריס לאַמפּע, אַ זייער חנוודיקער מענטש און אַ גוטער פֿרײַנד, וועלכער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן אַ „סטאַר" אין וואַרשע און אויפֿגעטראָטן אַלס פּאַרטנער פֿון שושנה ראָוז, די פֿרוי פֿון לאַזאַר קאַן, אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ ייִדישער צײַטונג. וועגן לאַמפּען דערצייל איך ווײַטער, ווי מיר האָבן זיך מיט יאָרן שפּעטער געטראָפֿן אין אַמעריקע און דערנאָך ווידער אין וואַרשע. ער איז אומגעקומען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין רוסלאַנד.

צווישן מײַנע קאָלעגעס אין „עלדאָראַדאָ" איז געווען די אַקטריסע־קופּלע־טיסטין פֿאַניאַ מענדעלעוויטש. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זי באַגעגנט אין פּאַריז אין דעם גרויסן „אַלהאַמבראַ"־טעאַטער, וווּ איך בין אויפֿגעטראָטן מיט מײַן פֿרוי ליליאַן לוקס און מײַן צווילינג, אין יאָר 1954 (זי האָט אונדז געבראַכט בילדער פֿון אונדזערע אויפֿטריטן אין „עלדאָראַדאָ").

דאָ זענען אויך אויפֿגעטראָטן מאַקס פּאַקוי, און מאיר ווינדער, אַן אימפּרע־סאַריאָ, וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1939 מיט דער פּוילישער „באַנדע" און ליידער, צוריקגעפֿאָרן קיין וואַרשע, פּונקט אין דער צײַט פֿאַרכאַפּט

צו ווערן פון היטלערן. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט זישאַ קאַץ, איינער פון מײַנע קאָלעגעס פון דער „עלדאָראַדאָ"־תּקופה. ער, פּונקט ווי מאיר ווינדער, איז געקומען קיין ניו־יאָרק מיט דער „באַנדע" און צוזאַמען מיט אים אַהיימגעפאָרן קיין וואַרשע אויף איין שיף.

פון „עלדאָראַדאָ" בין איך אַריבער אין אַ פּוילישן רעווי־טעאַטער, וואָס האָט געהייסן „קינאָ ספּאָרט". איך בין דאָרט געווען דער איינציקער וואָס איז אויפֿגעטראָטן אין דער ייִדישער שפּראַך. דער טעאַטער האָט זיך געפונען אויף דער זשעלאַזנע־גאַס. פון דאָרט בין איך אַריבער אין דעם „ווענוס"־טעאַטער אויף דזשעלנע־גאַס נומער איינס. מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין צוריקגעקומען פון אַמעריקע אויף גאַסטראָלן, האָט דער „ווענוס" געהאַט אַ נײַעם נאָמען: „סקאַלאַ"־טעאַטער.

אין דער צײַט וואָס איך האָב געבויט מײַן קאַריערע אין וואַרשע זענען מיר געווען אונטער דעם פּראָטעקטאָראַט פון רוסלאַנד. פּלוצעם קומט אַרויס אַ באַפעל פון דער רעגירונג, אַז אַלע מענער, אין עלטער פון זיבעצן ביז פינף און פערציק מוזן זיך צושטעלן צום מיליטער. עס איז געוואָרן אַ מהומה אין לאַנד. ווער האָט זיך דאַן געוואָלט גיין שלאָגן און געהרגעט ווערן? האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אויסבאַהאַלטן זיך פון מיליטער. איז מײַן ברודער וועלוול (דער עלטסטער זון פון מײַן טאַטן) געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ער האָט גענומען מײַן שוועסטערס פּאַס־פּאָרט און אַוועק צו אַ „מאַכער". אַזוי ווי פרויען האָבן געהאַט די זעלבע פּאַס־פּאָרטן ווי די מענער, וועלכע זענען געווען באַפרײַט פון מיליטער, איז געווען זייער גרינג איבערצומאַכן איר פּאַס פאַר מיר, מיט מײַן בילד, מיט מײַן נאָמען, עס זאָל הייסן, אַז איך בין נישט מיליטער־פעיִק. ס'איז אָבער געווען אַ געפאַר: אַ געזונטער יונגער בחור זאָל זיך אַרומדרייען מיט אַ פּאַס „באַפרײַט פון מיליטער".

האָט מען געלאָזט וויסן מײַן מאַמען און די מאַמע איז געקומען צו פאָרן פון בערדיטשעוו...

די פרייד פון אירע שוועסטער און דער גאַנצער משפּחה, ווען מײַן מאַמע איז אָנגעקומען קיין וואַרשע, איז געווען אומגעהײַער. מײַן מאַמע, רבקה בורשטיין, איז געווען אַ קלוגע פרוי, אַ חכמה, זי האָט זיך באַצויגן מיט אַ סך טאָלעראַנץ צו אירע נאָענטע און איז באַליבט געווען בײַ אַלע וואָס האָבן זי געקענט.

איך האָב מײַן מאַמען פאַרגעטערט און עס האָט געהערשט אַ גרויסע נאָענט־קייט צווישן אונדז. מיר האָבן זיך ביידע גוט פאַרשטאַנען. פאַרפאָרן איז מײַן מאַמע צו איר שוועסטער לאה אין פּראַגע, ווײַל בײַ מײַנע שוועסטער (דעם טאַטנס טעכטער), איז קיין פּלאַץ נישט געווען.

זיך אָפּגעפּרייט מיט איר אָנקומען, האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע משפּחה, כּדי צו רעדן תּכלית. וואָס טוט מען מיט מיר?

דער באַשלוס איז געווען, אַז מען דאַרף מיר מאַכן אַ פעלער. אַזוי האָט מען דאַן געטאָן מיט אַ סך יונגע־לייט. אָדער זיך לאָזן אָפּשניידן דעם פינגער, וועלכן מען נוצט צום שיסן, אָדער זיך לאָזן מאַכן אַ ברוך. אין פּשוטן לשון: אַ קילע.

איך האָב פון די אַלע זאַכן נישט געוואָלט הערן. ניין, איך וועל זיך נישט לאָזן מאַכן פאַר אַ קאַליקע.

צווישן די באַקאַנטע פון מיין משפּחה האָבן מיר געהאַט אַ דאָקטער. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מאַכן אָט די פעלערן. פאַרן צושטעלן זיך צו דער מיליטערישער מעדיצינישער קאָמיסיע, האָט מען געדאַרפט איינגעמען אַ געוויסן פולווער מיט וואַסער. דאָס מיטל האָט געווירקט אַז דער בחור איז זייער בלאַס געוואָרן, האָט פאַרלוירן זיין כּוח און האָט אויסגעזען ווי אַ מסוכּנער חולה. דער דאָקטער, מיין מאַמעס באַקאַנטער, האָט דערוויַיל פאַרמאָגט אַ טאָכטער, אַ יונג מיידל, און ער האָט געהאַט אַ פּערזענלעכן אינטערעס אין מיר. ער האָט פאַרטרויט מיין מאַמען, אַז איך געפעל זיין טאָכטער און ער וויל מיך ראַטעווען, אפשר וועט ווערן צווישן אונדז אַ שידוך. נאָר מיר זענען דאַן נישט געלעגן אין זינען אַזעלכע זאַכן. איך בין געווען יונג, פריי ווי אַ פויגל, וואָס איז ערשט אַרויס פון זיין נעסט.

עס קומט דער אינדערפרי, ווען איך דאַרף זיך צושטעלן צו דער מיליטערישער קאָמיסיע. מיין מאַמע גייט מיט מיר. איך האָב שוין, לויט דעם דאָקטערס רעצעפּט, געהאַט איינגענומען דעם פּראָשעק, וועלכער דאַרף מיך מאַכן אַנעמיש. די מאַמע וואַרט אין דרויסן און מיך פירט מען אַריין צו דער קאָמיסיע. אַזוי ווי דער מיליטערישער דאָקטער באַטראַכט מיך, פרעגט ער מיר גלייך: „ווער האָט עס דיר געמאַכט?” „וואָס געמאַכט?” — פרעג איך כּלומרשט תּמעוואַטע.

— דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך מיין — ענטפערט מיר דער דאָקטער — דו קענסט דערפון שטאַרבן. מיך וועסטו נישט אָפּנאַרן. ביסט אַ געזונטער יונג! און ער גיט מיר אַ שטעמפּל אָפּ, אַז איך בין פעיק צום מיליטער.

ווען איך בין אַרויס פון דאָקטער האָט די מאַמע תּיכּף דערקענט אויף מיין פּנים, אַז די קאָמעדיע האָט זיך געענדיקט, אַז מען קען די דאָקטוירים מער נישט נאַרן. מיר גייען אַרויס און ביידע רעדן מיר נישט קיין וואָרט. זי האַלט מיך פעסט ביים אָרעם.

פּלוצעם גיט די מאַמע צו מיר אַ זאָג שטילערהייט:

— זאָרג זיך נישט, פּסחל, דו וועסט ביי מיר נישט גיין צום מיליטער. איך וועל דיר נישט לאָזן גיין געהרגעט ווערן.

און אַז מיין מאַמע האָט באַשלאָסן, האָב איך געוווּסט, אַז עפּעס וועט זי שוין טאָן און עס איז מיר אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה.

זי האָט באַלד אַראַנזשירט מיט וועלוולען צו גיין צו דעם „מאַכער" פון די פּאַסספּאָרטן און דאָס מאָל מאַכט מען מיר אַ שפּאָגל נײַעם פּאַספּאָרט, אין וועלכן איך בין נאָך נישט אַלט קיין זעכצן יאָר, ווײַל קליין און דאַר בין איך געווען, און מען גיט מיר אַ נײַעם נאָמען: הערמאַן האָפמאַן.

אַלע זענען געווען זיכער, אַז די דײַטשן וועלן באַזיגן די רוסן און וועלן באַלד אַרײַן קיין וואַרשע. אַט, אַט ווערט מען פּטור פון די רוסן און פון דעם מיליטער. האָט די מאַמע באַשלאָסן, אַז מיט מײַן נײַעם פּאַספּאָרט קאָן איך זיך אויסבאַהאַלטן ביז די דײַטשן וועלן פאַרנעמען וואַרשע.

ווען דער מענטש זאָל וויסן וואָס די צוקונפט וועט אים ברענגען, וואָלט ער זיך שפּעטער נישט געדאַרפט פּײַניקן מיט פאַרוווּרפן. אָבער גיי זײַ אַ חכם און ווייס. מיר זענען דאָך אַלע וואַנדערער אויפן לעבנסוועג און קיינער איז נישט קיין בעל־הבית איבער זײַן אייגענעם גורל, ווי קלוג ער זאָל נישט זײַן. מײַן מאַמע האָט, דוכט זיך, געהאַט אַן אויסבליק פאַר דער צוקונפט, ווײַל זי איז באַשטאַנען איך זאָל זי באַגלייטן אַהיים קיין בערדיאַנסק און איך זאָל בלײַבן אין מינסק. פאַר וואָס עפּעס מינסק? טענהט די מאַמע: אַזוי ווי דאָרט קען מיך קיינער נישט, וועל איך זיך קענען אויסבאַהאַלטן מיט דעם נײַעם פּאַספּאָרט ביז די דײַטשן וועלן אַרײַן, ווײַל אַהיים האָב איך נישט געטאָרט פאָרן. אין דער אמתן גלייב איך, אַז דאָס האַרץ האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז אַזוי אַרום וועט זי מיך האָבן נעבן זיך נאָך אַ קורצע צײַט.

פאָרן מיר ביידע, די מאַמע און איך. איך קיין מינסק זיך אויסבאַהאַלטן און די מאַמע אַהיים קיין בערדיאַנסק. מיר פאָרן ביז בריסק, ווו זי מוז וואַרטן אויף אַ צווייטן צוג און איך מוז ווײַטער פאָרן מיט דער זעלבער באַן קיין מינסק.

מײַן צוג איז דאָרט געשטאַנען אַ האַלבע שעה און שטענדיק אין מײַנע חלומות לעב איך ווידער איבער יענע האַלבע שעה. די מאַמע האָט פון מיר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. זי האָט מיך געגלעט און אָנגעזאָגט, איך זאָל נישט פאַרגעסן די אַלע וויכטיקע זאַכן וואָס איך דאַרף טאָן: אַז מיר זאָלן זיך אָפטער דורכשרײַבן, און ווי נאָר די דײַטשן וועלן אַרײַן, וועל איך זײַן אויסער געפאַר און מיר וועלן זיך טרעפן גאָר אין גיכן, און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס מאַמעס פּרוּוון געדענקען די לעצטע מינוט. זי דערלאַנגט מיר 200 רובל איך זאָל האָבן אויף צום לעבן ביז זי וועט אַהיימקומען און מיר קענען שיקן נאָך געלט, און איך זאָל תּיכף אַהיים שרײַבן דעם אַדרעס ווו איך שטיי אײַן אין מינסק.

מיר האָבן עפּעס געגעסן, געדענק איך, פון איר פּעקל עסן וואָס זי האָט מיטגענומען פון וואַרשע, ווײַל זי האָט געדאַרפט נאָך פאָרן גאַנצע אַכט טעג. און פּלוצעם איז געקומען דער סיגנאַל. מײַן צוג פאָרט אָפּ. מיר געזעגענען זיך זייער

שטיל. די מאַמע שעפּטשעט: „דו זאָלסט אַכטונג געבן אויף זיך, פּסחל, דו הערסט, און דו זאָלסט שרײַבן".

זי האָט זיך קוים באַהערשט. דאָס געדענק איך גוט. זי איז געבליבן זיצן אויף איר טשעמאָדאַן און האָט געקוקט ווי איך פאָר אַוועק. אירע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן מיט טרערן, אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט, אַז מער וועט זי מיך אין איר לעבן שוין נישט זען.

יענע געזעגענונג אויפן וואָקזאַל אין בריסק איז געווען אונדזער לעצטע.

אין מינסק בין איך אײַנגעשטאַנען אין אַ קליינעם האָטעל. עס איז בכלל נישט געווען אין מײַן נאַטור, איך זאָל נישט זײַן אַקטיוו און באַשעפטיקט, האָב איך, פאַרשטייט זיך, שרעקלעך זיך געגודיעט. איך האָב זיך אָבער געמוזט צווינגען צו האָבן געדולד און זיצן שאַ־שטיל מיט מײַן נײַעם צײַטווײַליקן פּאַספּאָרט. איך האָב זיך רעגלמעסיק דורכגעשריבן מיט מײַנע עלטערן און זיי האָבן מיר כּסדר געשיקט געלט פון דער היים.

פון יענע טעג איז מיר פאַרבליבן אין זכּרון אַן אינטערעסאַנטער פאַל. דער אייגנטימער פון האָטעל איז צו מיר אַרײַן אין צימער, טראָגנדיק אין זײַנע הענט אַ טײַערן פידל — „דו זעסט — האָט ער מיט גנבישע אייגעלעך מיר געזאָגט — אָט דאָס איז אַ סטראַדעוואַריוס. עמעצער האָט דאָס בײַ מיר פאַרגעסן, און אַזוי ווי איך האָב נישט קיין נוצן דערפון, קאָנסטו דאָס אָפּקויפן פאַר אַ שיבוש".

איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט ער פאַרהאַלטן בײַ אַן אָרעמען מוזיקער, וועלכער האָט נישט געקאָנט צאָלן זײַן דירה־געלט. איך האָב מורא געהאַט דאָס אָפּילו אָנצורירן (אויב עס איז ווירקלעך געווען אַ סטראַדיוואַריוס) און אפשר, האָב איך געטראַכט בײַ זיך, איז דאָס גאָר אַ געגנבעטע כּלי?

דער אומגעדולד האָט אין מיר געברויזט און כ'האָב נישט געקאָנט לאַנג אויסהאַלטן מײַן באַהעלטעניש. האָב איך באַשלאָסן לויפן קיין וואַרשע, זײַן דאָרט צוזאַמען מיט מײַנע שוועסטער און משפּחה, בעת די דײַטשן וועלן פאַרנעמען די שטאָט. אַז איך וועל נישט קענען צוריקפאָרן קיין בערדיאַנסק, אָדער אַז די עלטערן וועלן נישט קענען קומען צו אונדז, דאָס איז מיר אָפּילו נישט אײַנגעפאַלן. ווער האָט זיך דען געקענט פאָרשטעלן, אַז עס קומט אַ סוף צו אַ גאַנץ קאַפּיטל אין דער געשיכטע און אין מײַן לעבן? טאַקע אָט דער שריט פון פאָרן צוריק קיין וואַרשע האָט מיך געראַטעוועט פון פאַרבלײַבן אין רוסלאַנד אויף אייביק.

צוריקקומענדיק קיין וואַרשע בין איך, נאַטירלעך, ווידער פאַרפאָרן צו מײַנע צוויי שוועסטער, וועלכע האָבן געוווינט אויף גענשע 39. (איינע פון זיי, פייגע, די עלטסטע, האָט דאָרט געוווינט אַלע אירע יאָרן מיט איר טאָכטער מלכּה, אויך ווען היטלער איז אַרײַן אין וואַרשע אין 1939).

דאָס הויז האָט זיך געפונען אין אַ הויף, וואָס מען פלעגט רופן מיט אַ מאָדנעם צונאָמען: „זאַסראַני דאָמעק". דער „שיינער" נאָמען האָט זיך גענומען פון די אָפענע אַלטמאָדישע קלאָזעטן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דעם הויז.

נאָך עטלעכע טעג האָט זיך מיין שוועסטער פייגע דערוווּסט, אַז נישט ווייט פון זיי, אויף דער ניזקע־גאַס, איז פריי געוואָרן אַ צימער. זאָגט זי צו מיר:

— פסחל, איך וועל פאַר דיר דינגען דעם צימער, ס'זאָל דיר זיין מער באַקוועם (ביי זיי האָבן אַלע געוווינט אין איין צימער) און דאָרט וועסטו שלאָפן ביז וואַנען די דייטשן וועלן אַריין אין שטאָט. — אַלע זענען געווען זיכער, אַז אַ ליאַדע טאָג פאַרנעמען זיי וואַרשע.

איך האָב דערווייל זיך פאַרנומען מיט איינחזרן די פּרטים פון מיין נייעם פּאַספּאָרט, כּדי איך זאָל דאָס אַלץ געדענקען פון אויסנווייניק, טאָמער חלילה וועד איך געפּאַרשט.

דעם נייעם צימער האָט מען פאַר מיר געדונגען אין אַ פרייטיקדיקן טאָג. פאַר נאַכט האָבן מיך ביידע שוועסטער, פייגע און חיה־שׂרה, באַגלייט צו דער נייער דירה און מיט מיר אָפּגעשמועסט, אַז צו מאָרגנס גלייך אין דער פרי זאָל איך קומען צו זיי עסן פרישטיק.

מאַכט זיך אַ געשיכטע: זיבן אין דער פרי הער איך אַ שטאַרק קלאַפּן אין מיין טיר. נישט פאַרדעכטנדיק קיין שום בייז האָב איך געעפנט די טיר און דערזען פאַר מיר צוויי געהיים־אַגענטן צוזאַמען מיט אַ פּאָליציאַנט און דעם סטרוזש פון דעם הויז. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען ווער זיי זענען און אויך זיי האָבן מסתּמא געוווּסט ווער איך בין. באַפעלן זיי מיר:

— טו זיך אָן און קום מיט אונדז.

אין דעם מאָמענט האָב איך דערפילט ווי דער מאַמעס מילך איז מיר אָפּגע־פלאָסן פון מיין פּנים. איך פּרוּוו עפּעס זאָגן, נאָר מען לאָזט מיר נישט אויסרעדן קיין וואָרט.

— אידיאָם! (קום) — האָט אַ צווייטער געשריגן — דו וועסט זיך שוין אויסטענהן אין אוטשאַסטאָק (פּאָליציי־סטאַנציע).

אין גרויס שרעק האָב איך זיך האַסטיק אָנגעטאָן און אַרויסגייענדיק פונעם הויז האָב איך באַוויזן שטילערהייט בעטן דעם סטרוזש, ער זאָל צולויפן צו מיינע שוועסטער אויף גענשע 39 און זיי לאָזן וויסן, אַז מען האָט מיך אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין אוטשאַסטאָק.

אויפן וועג האָב איך באַקומען אַ ביסל מער מוט און געפרעגט די צוויי אַגענטן וואָס אַזעלכעס ווילן זיי פון מיר? ענטפערן זיי, אַז קודם נעמט מען מיך אין אוטשאַסטאָק און פון דאָרט וועל איך ווערן אָפּגעשיקט קיין מינסק־מאַזאָוויעצק אין דער קאַזאַרמע אַריין. מיר נעמט קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן פאַר שרעק. איך האָב ביי זיך געמאַכט אַ שנעלן סך־הכּל, אַז איך מוז פּטור ווערן פון דעם

פּאַספּאָרט וואָס די מאַמע האָט פאַר מיר געקויפט. כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, אַז איך וועל פון דעם האָבן צרות. נאָר ווי אַזוי ווערט מען עס פּטור פון אַ פּאַספּאָרט? ווי נאָר מיר זענען אַרײַנגעקומען אין צירקל האָב איך זיך באַקלאָגט, אַז איך האָב באַקומען שרעקלעכע שמערצן אין בויך און מוז תיכף גיין אַהין וווּ דער קיסר גייט צו פוס. קיין ברירה האָבן זיי נישט געהאַט, האָט מען מיר געגעבן אַ דער־לויבעניש.

איך האָב פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און שנעל צעריסן דעם פּאַספּאָרט. געוויינלעך איז עס נישט קיין לײַכטע אַרבעט — צערײַסן אַ פּאַספּאָרט מיט די בלויזע הענט, אָבער אַ פּנים אַז די שרעק האָט מיר געגעבן דעם כּוח. איך וואַרף דאָס שנעל אַרײַן אין דער קלאָזעט־שיסל און לאָז אַראָפּ דאָס וואַסער. די פּיצלעך פון דעם געפעלשטן פּאַספּאָרט פאַרשווינדן אין אַ כוואַליע פון וואַסער און מיר איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. שוין. געהאָלפן געוואָרן. צו וואָס דאַרף איך זאָגן אַ ליגן און שטאַמלען פאַר שרעק, ווען איך וועל דאַרפן זאָגן, אַז איך הייס הערמאַן האָפמאַן און נאָך דאַרפן געדענקען די נעמען פון פאַלשע טאַטע־מאַמע? איך האָב באַשלאָסן, אַז דער אמת איז דער בעסטער ליגן. וואָס דען? אויף דעם שטייגער וועלן זיי זען, אַז איך בין אַן ערלעכער מענטש. אַזוי האָט געטענהט מײַן קינדערשער מוח. איך וועל זיי זאָגן מײַן אמתן נאָמען און „קע סעראַ, סעראַ״, וואָס עס וועט געשען, זאָל געשען.

צוריקקומענדיק פון קלאָזעט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מײַנע שוועסטער זענען שוין געקומען, נאָר מען לאָזט זיי נישט צו צו מיר.

די מעשה האָט זיך אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס איך בין בכלל אַרעסטירט געוואָרן על־פּי טעות. געמיינט האָט מען נישט מיך; נישט פּאַוולושע בורשטיין (ווי עס איז מײַן נאָמען אויף רוסיש) און נישט הערמאַן האָפמאַן (דער נאָמען אויף מײַן פאַלשן פּאַספּאָרט). עס איז געשען אַן אויסטערלישער פאַל: אין דעם זעלבן צימער, וווּ איך האָב זיך פרייטיק בײַ נאַכט אַרײַנגעקליבן, האָט פריִער געוווינט אַ סאָלדאַט־דעזערטיר, וואָס איז אַנטלאָפן פונעם פראָנט. ערשט מיט צוויי טעג צוריק האָט ער זיך נאָך געפונען אין יענעם צימער און עמעצער האָט אים געמסרט. איז די פּאָליציי געקומען אים אַרעסטירן נאָר געפונען דאָרטן האָבן זיי גאָר מיך. פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט מיט זיך קיין שום דאָקומענט, האָבן זיי מיר נישט געגלייבט און זענען געווען זיכער, אַז איך בין עס דער אַנטלאָפענער סאָלדאַט.

דערווײַל האָב איך צו די פּאָליציאַנטן גערעדט אויף רוסיש און אויף פּויליש און באַמערקט, אַז איינער פון דער חבֿרה קוקט אויף מיר קרום, שעפּטשענדיק שטילערהייט צו אַ צווייטן אַגענט, אַז איך בין אַ שפּיאָן... ווי קום איך עפּעס פון בערדיאַנסק אַהער? און וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַנטאַסטישע מעשה, אַז איך בין אַן אַרטיסט? „אַן אַרטיסט פון בערדיאַנסק״ איז פאַר זיי געווען אַ זיכערער סימן, אַז דער חשד איז אַ ריכטיקער, און מען פירט מיך אַרײַן אין אַ צווייטן

צימער, ווו עס געפינען זיך צוויי געזונטע חברה־לײַט. פון זייערע כוליגאַנישע בליקן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ קומט מײַן סוף.

ס׳האַרץ האָט מיר קיין ליגן נישט געזאָגט. די צוויי רוסישע כוליגאַנעס האָבן מיר געגעבן קלעפּ אָן רחמנות און געפּאָדערט איך זאָל זיי זאָגן מײַן אמתן נאָמען, פון וואַנען קום איך, פאַר וועמען אַרבעט איך, וואָס פאַר אַ סודות פיר איך?

כ׳האָב געוויינט מיט ביטערע טרערן: כ׳ווייס פון גאָרנישט, איך זאָג דעם ריינעם אמת. מען גלייבט מיר אָבער נישט. אַז זיי האָבן באַשלאָסן, אַז איך בין אַ שפּיאָן — בין איך אַ שפּיאָן.

אַ צעשלאָגענעם, מיט גרויסע ווייטיקן, שלעפּט מען מיך אַראָפּ אין אַ קעלער, מען שלײַדערט מיך אַוועק אויף דער ערד און מען פאַרהאַקט די טיר. איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן אין מײַנע געהאַקטע צרות. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַן אייביקייט. ביסלעכווײַז האָבן מײַנע געשוואָלענע אויגן זיך צוגע־וווינט צו דער פינצטערניש. איך האָב דערשפּירט, אַז איך בין נישט אַליין. צוזאַמען מיט מיר אין קעלער זענען געווען עטלעכע מענער. אַלע האָבן געשוויגן, געקוקט מיט רחמנות אויף מיר און קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך בין אויף גרויסע צרות און אַז דאָס איז שוין נישט מער קיין קינדערשפּיל.

מײַן גאַנץ יונג לעבן איז מיר פאַרבײַ פאַר מײַנע אויגן. „גזלן, אין אָסטראָג וועסטו בײַ מיר ליגן" — דערמאָן איך זיך די ווערטער פון שוועבל־סוחר.

איצט ליג איך שוין טאַקע אין אָסטראָג און טאָמער וועט מען מיך נישט ראַטעווען וועל איך דאָ פאַרפוילט ווערן אויף אייביק. אוי! טאַטע, מאַמע, האָב איך בײַ זיך געטראַכט, פאַר וואָס האָב איך אײַך פאַרלאָזט? פאַר וואָס האָב איך געזוכט צרות? ווען איך קען זײַן צוריק אין מײַן מאַמעס ליבע אָרעמס און זיך טוליען אין דער וואַרעמקייט פון מײַן היים! וויינענדיק, שטילערהייט, בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן.

אויפגעוועקט האָט מיך דאָס קלימפּערן פון שליסלען און דער סקריפּ פון דער אייזערנער טיר. „ווסטאַוואַי!" (שטיי אויף!) שרײַט עמעצער צו מיר און אַלע ווערן אַרויסגעפירט פון דער צעל. איך פּרוּוו זיך אויפהייבן פון דער ערד און דערפיל ערשט מײַנע ווייטיקן. איך בין פאַרבלוטיקט און צעהרגעט. פון יענע קלעפּ איז מיר אייגנטלעך פאַרבליבן אַ צייכן אויף מיין פּלייצע ביזן היינטיקן טאָג, אַן אָנדענק פון די צוויי כוליגאַנעס.

נאָך דעם ווי מיר זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דער גאַס, איך צוזאַמען מיט נאָך דרײַ יונגע־לײַט, ווערן מיר געטריבן אונטער אַן עסקאָרט — איין סאָלדאַט פאָרויס און צו דרײַ סאָלדאַטן מיט אַנטבלויזטע שווערדן פוןביידע זײַטן, מיר זאָלן חלילה נישט אַנטלויפן. אַזוי מאַרשירן מיר דורך די גאַסן. קוים וואָס איך האַלט מיך אויף די פיס. דאָס פּנים איז מיר געשוואָלן, די קליידער שמוציק, צעריסן, און ווו פירט מען אונדז?

כ׳האָב געזען ווי מײַנע שוועסטער זענען נאָכגעלאָפן. זייערע געוויינען האָבן געגרייכט צום הימל. דער גאַנצער אַרעסטאַנט איז אַלט געווען זיבעצן יאָר. ס׳איז געווען שבת אין דער פרי און ייִדן זענען געשטאַנען אויף דער גאַס און זיך צוגע־קוקט ווי מען פירט אונדז צו דער „קאַלייקע״ קיין פּראַגע, גלײַך אַנטקעגן דעם הויז וווּ מײַן מומע לאה האָט געוווינט (איר טאָכטער, טאָבעלע, איז די איינציקע פאַרבליבענע פון יענער משפּחה נאָך דער שואה און געפינט זיך איצט אין תל־אביב).

מען האָט אונדז אַלעמען אַרײַנגעזעצט אין דער „קאַלייקע״ און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מײַן רייזע אין דער אומבאַקאַנטקייט אַרײַן.

די „קאַלייקע״ לויפט, סאָפּעט און פײַפט, ביז זי איז אַרויפגעפאָרן אויף דער סטאַנציע מינסק־מאַזאָוויעצק. מ׳האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ קאַזאַרמע, וווּ עס האָבן זיך געפונען עטלעכע הונדערט סאָלדאַטן, עלטערע רעזערוויסטן, וואָס האָבן געוואַרט געשיקט צו ווערן אויפן פראָנט. אונדז, די געבראַכטע, האָט מען אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק, וווּ מען האָט, ווײַזט אויס, געהאַלטן די דעזערטערן און פאַרברעכערס.

איך האָב אַראָפּגעקוקט צו דער גרויסער קאַזאַרמע און געזען רייען מיט מיליטער־בעטלעך פון בײדע זײַטן בײַ די ווענט, הילצערנע, צוויי־שטאָקיקע, איינס איבערן אַנדערן. בײַ אונדז, אין קלענערן זאַל, האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע בעטלעך און איך האָב גלײַך פאַרנומען איינס. איך זאָל נישט בלײַבן אָן אַ בעט. איך האָב אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף נישט כאַפּן, ווײַל פאַרבליבן אין דעם צימער זענען בלויז אַ פינף פּערזאָן.

זיך אײַנגעאָרדנט אויף מײַן פּלאַץ, האָב איך דערזען אויף אַ דערבײַיִק בעטל אַן עלטערן שייגעץ פון אַ יאָר 30—35, וואָס האָט אונדז אַלע באַטראַכט. באַלד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זײַן נאָמען איז סטעפאַן. פאַר וואָס געדענק איך אַזוי גוט זײַן נאָמען? איז דאָ אַ מעשה דערבײַ: עס קאָן גאַנץ מעגלעך זײַן, אַז דער יונגער גוי, דער סטעפאַן, האָט פּשוט געראַטעוועט מײַן לעבן.

איך האָב קיין מאָל נישט אויסגעפונען צי סטעפאַן איז טאַקע געווען אַ דעזערטער, אָדער סתּם אַ קרימינעלער פאַרברעכער.

דער עיקר איז אַז ער האָט אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע צו מיר. אַ פּנים, ער האָט אויף מיר רחמנות באַקומען ווען איך האָב זיך פאַר אים פאָרטרויט און ער איז געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, מײַן „פּשיאַטשעל״, מײַן חבר. געגעסן האָבן מיר אויפן הויף. דאָרט איז געשטאַנען אַ גרויסע קיך, סאָלדאַטן האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי מיט אַ קליינער טאָץ און, פאַרבײגייענדיק די קיך, האָט דער קוכער אַרויפגעוואָרפן אויף דער טאָץ דאָס ביסל געקעכטס, מישטיינס געזאָגט. איך געדענק נישט וואָס פאַר אַ מאכלים מען האָט דאָרט געקאָכט, אָבער איין זאַך געדענק איך יאָ: גלײַך נאָכן אָנקומען קיין מינסק בין איך געווען הונגעריק ווי אַ בער. נאָך די איבערלעבענישן אין די לעצטע פיר און צוואַנציק שעה

בין איך גרייט געווען אויפצועסן אַ וועלט און דער טעם האָט נישט געשפּילט די מינדסטע ראָלע. ביסלעכווייַז האָב איך זיך צוגעוווינט צו דער רוטין פון עקסיסטענץ אין דער קאַזאַרמע. דריַי טעג נאָך מיַין אָנקומען אַהין בין איך אויפגעוועקט געוואָרן אין דער פרי פון אַ גרויסן טומל. מען האָט אַלע רעזערוויסטן אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט, און מיר, די „פאַרברעכערס״, האָבן זיך צוגעקוקט ווי זיי מאַרשירן אַוועק.

די קאַזאַרמע איז געבליבן אויסגעליידיקט. זאַלבע אַכט זענען מיר פאַרבליבן אין אַ קלענערן זאַל. פּלוצלינג דערזע איך ווי סטעפאַן גיט צו מיר אַ ווונק. ער שאַרט זיך שנעל צו צו מיר און זאָגט מיר שטילערהייט, אַז די אַנדערע זאָלן נישט הערן:

— איך אַנטלויף פון דאַנען היַינט ביַי נאַכט. דו ווילסט מיטגיין?

עס האָט געדויערט אַ פּאָר סעקונדעס ביז איך האָב באַגריפן וואָס ער מיינט:

— איך וואָלט געוואָלט — ענטפער איך אים — נאָר איך האָב מורא.

— האָב נישט קיין מורא — זאָגט סטעפאַן — איך בין שוין איין מאָל אַנטלאָפן פון דאַנען און איך קען דעם וועג.

— אָבער ווי אַזוי? — וויל איך וויסן.

— דו זעסט — וויַיזט ער מיר — די וואַנט (פון ברעטער) — איך וועל אויפברעכן אַ צוויי ברעטער היַינט ביַי נאַכט, ווען די איבעריקע וועלן שלאָפן און מיר וועלן זיך אַדורכשפּאַרן צו דער גרויסער קאַזאַרמע. פון דאָרט וועלן מיר אַראָפּשפּרינגען דורך דעם פענצטער אין פעלד אַריַין און פון פעלד גלייַך קיין פּראָגע.

דער שפּרונג וועגן וועלכן ער האָט גערעדט איז געווען אַ שטאָק הויך, נאָר אַז מען איז יונג, איז אַלצדינג מעגלעך.

ווען די קאַזאַרמע איז ליידיק געוואָרן, איז מיך באַפאַלן אַ שרעק: וואָס וועט מען טאָן מיט אונדז? מען זאָל מיר נאָר נישט אַוועקשיקן אויפן פראָנט. וואָס האָב איך געוווּסט פון אַ פראָנט? און ווער קען דען שיסן? און בכלל האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט? ווען בין איך עס געווען אַ סאָלדאַט? טאָמער שיקט מען מיך אויפן פראָנט, וועל איך זיכער געהרגעט ווערן...

סטעפאַנס פאָרשלאַג איז געקומען אין דער ריכטיקער מינוט.

אַרום צוועלף אַ זייגער ביַי נאַכט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך בין געלעגן אויף מיַין געלעגער געשפּאַנט און געוואַרט אויף דער מינוט. ער האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן מעסער, וואָס ער האָט אַ פּנים געהאַט באַהאַלטן, און אים אַריַינגעזעצט אין איינעם פון די שפּאַלטן צווישן די ברעטער. פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן אַ שיסעריַי. דאָס האָבן די דיַיטשן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו מינסק, באַשאָסן די רוסישע פּאָזיציעס. דער רעש בעתן רייַסן די ברעט האָט זיך אויסגעמישט מיט דער שיסעריַי. ווען דער שפּאַלט איז שוין געווען גענוג ברייט פאַר אַ מענטשן זיך

אַדורכשטופּן, האָט ער אַריבערגעלייגט די האַנט, אָנגעכאַפּט דאָס ברעט, געוואַרט אויף אַ קאַנאָנען־הילך אין געגעבן אַ שטאַרקן ברעך־אויף די ברעטער אײנצײַטיק מיטן „בום״.

פּונקט דאַן האָבן זיך צוויי פון די חברה אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זיך אויפגעזעצט אין זייערע בעטן און דערשטוינטע געפרעגט:

— וואָס טוסטו? וואָס קומט דאָ פאָר?

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד ווי די צוויי דערשראָקענע מענער זיצן אויף זייערע בעטן — דאָס איינציקע ליכט אין צימער איז דורך די פענצטער־קראַטעס געקומען פון די קאַנאָנאַדע־בליצן — און סטעפאַן מיטן מעסער אין דער האַנט זאָגט צו זיי שטיל:

— ווער עס וויל קען לויפן מיט אונדז.

די צוויי שאָקלען מיט די קעפּ אויף ניין. זיי האָבן מורא.

— נו, אויב נישט, זאָגט סטעפאַן, זאָלט איר שווײַגן, אויב איר ווילט נישט זײַן קיין געסט אויף יענער וועלט.

די צוויי קוקן אויף אים מיט שרעק, אַז די אויגן שפּרינגען זיי שיִער נישט אַרויס פון זייערע אויגנלעכער.

און סטעפאַן זאָגט צו מיר: „קום!״. ער שפּאַרט זיך אַדורך דורך די צוויי אָפענע ברעטער און איך נאָך אים. מיר שלײַכן זיך שטיל איבער דער קאַזאַרמע צו צום פענצטער דורך וועלכן מיר דאַרפן אַראָפּשפּרינגען. ער עפנט דאָס פענצטער און שפּרינגט דער ערשטער, איך — נאָך אים.

כדי זיך אַרויסצובאַקומען פון קאַזאַרמע־הויף האָבן מיר געמוזט פאַרבײַגיין אַ פּאָסטן. דאַרף מען דאָך צו אַלץ האָבן מזל: בײַם טויער איז געזעסן אַ סאָלדאַט, מיט אַ לאַנגער ביקס צווישן די פיס און... געשלאָפן. מיר קריכן שטיל פאַרבײַ אים און גלײַך אין פעלד אַרײַן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר האָבן דערהערט אַן אַלאַרעם. מסתמא האָט זיך עמעצער געכאַפּט, אַז מיר זענען אַנטלאָפן.

— מיר וועלן זיך מוזן באַהאַלטן אין די קוסטעס ביז דער טומל וועט זיך ענדיקן — זאָגט מיר סטעפאַן.

יעדעס וואָרט זײַנס איז פאַר מיר געווען אַ געזעץ. ער איז דאָך געווען מײַן וועגווײַזער, מײַן רעטער. האָב איך זיך פון אים געלערנט. איך האָב אינסטינקטיוו געפילט, אַז זײַן דערפאַרונג וועט מיך ראַטעווען.

ווען דער אַלאַרעם האָט זיך אײַנגעשטילט, זענען מיר אויף די בײַכער אַרויסגעקראָכן צו די קאָרנפעלדער.

אַנטלאָפן פון דער קאַזאַרמע זענען מיר אַרום צוועלף אַ זייגער אין מיטן דער נאַכט. מיר זענען געקראָכן דורך פעלדער און קוסטעס כמעט די גאַנצע

נאַכט. כאָטש כ׳בין געווען פול מיט פּחד, האָב איך פון דעסטוועגן נאָכגעפאָלגט מײַן העלד סטעפאַן מיטן פולסטן צוטרוי. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער צוגעלייגט זײַן אויער צו דער ערד, זיך צוגעהערט און געזאָגט: „מיר קומען באַלד צו אַ שאָסיי״. איך האָב אים שטאַרק באַוווּנדערט.

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן האָבן מיר דערהערט דאָס קלאַפּן פון רעדער און פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שאָסיי, אַ פערד מיט אַ בריטשקע און אויף דער בריטשקע אַ היימישער ייִד, אַ ייִד מיט אַ געדיכטער באָרד.

סטעפאַן לויפט אַרויס אין מיטן וועג, הייבט אויף די הענט און שרײַט: „סטוי״..

דער אָרעמער ייִד, נעבעך, צוימט זײַן פערדל: „טפּרר, סטוי!״ און פאַרהאַלט זײַן געשפּאַן אַ דערשראָקענער. ער האָט פאַר זיך דערזען צוויי גזלנים און איז געווען זיכער, אַז מיר גייען אים באַפאַלן.

— האָט נישט מורא, פעטער לעבן — האָב איך אים געטרייסט — איך בין אַ ייִד — איך האָב דערזען ווי דאָס בלוט איז אים צוריקגעקומען אין פּנים און איידער ער האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט סטעפאַן אים געפרעגט:

— ווי ווײַט זענען מיר פון וואַרשע?

— אַ צען וויאָרסט — ענטפערט דער ייִד און ווײַזט מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון וואַרשע.

— אַ שיינעם דאַנק דיר, פּאַניע — דאַנקט אים העפלעך מײַן קאָמפּאַניאָן, און איך פאַרזיכער אים ווידער: „איך בין אַ ייִד״.

דאָס ייִדל הייבט אָן פאָרן ווײַטער און קוקט אויף אונדז מיט חשד. עס איז אים ווײַזט אויס שווער צו גלייבן, אַז די צוויי פּאַסאַזשירן זענען טאַקע נישט קיין גזלנים. עס ווערט אין גאַנצן טאָג. די פרישע פרימאָרגן־לופט מונטערט מיך אויף און איך פיל זיך ווי איך וואָלט געווען גוט אויסגעשלאָפן.

לויט דעם פײַפן פון דער „קאָלייקע״ אין דער נאָענט, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז מיר זענען שוין אין גראָכאָוו.

— איז הער זשע, פּאַוועליק — רופט ער מיך מיט אַ פאַרציִעניש. — אַזוי ווי מיר ביידע האָבן נישט קיין פּאַפּירן, מוזן מיר טאָן אַזוי, הער! מיר וועלן זיך באַהאַלטן אויסער דעם וואָקזאַל. דאָרט שטייען תּמיד עטלעכע זשאַנדאַרן. די „קאָלייקע״ פײַפט דרײַ מאָל איידער זי רירט. אַז דו וועסט הערן דעם דריטן „זוואָנאָק״, זאָלסטו זיך צורוקן נאָענט און זײַן גרייט. ווי זי וועט רירן פון אָרט, זאָלסטו שנעל פאַרבײַלויפן די זשאַנדאַרן און אַרויף אויף דער באַן. — אַזוי האָב איך געטאָן.

אָפּשטײַגן אויף אַ סטאַנציע איז אַ סכּנה. דערצייל איך סטעפאַנען, אַז מײַן מומע וווינט גלײַך אַנטקעגן דער „קאָלייקע״, איידער זי גייט אַריבער די בריק פון פּראַגע קיין וואַרשע, און איך לייג פאָר מיר זאָלן פאַרפאָרן צו מײַן מומען.

סטעפֿאַנען איז מײַן פּלאַן געפֿעלן און ער באַקומט פֿאַר מיר דרך־ארץ. און אַזוי — ווי נאָר די באַן הייבט אָן פֿאָרן לאַנגזאַמער, איבער דער בריק, שפּרינגען מיר ביידע אַראָפּ פֿונעם וואַגאָן. שנעל לויפֿן מיר אַריבער די ספּשעטשנע־גאַס און האַסטיק אַרײַן אין טויער פֿון דעם הויז ווו עס האָט געוווינט מײַן מומע לאה.

על־פּי צופֿאַל איז בײַם טויער געזעסן דער סטרוזש פֿונעם הויז. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך שטאַרק דערפֿרייט און תּיכּף פֿאַרמאַכט דאָס טויער הינטער אונדז. אגב, דער זעלבער סטרוזש האָט מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַלט, דערציילט מײַן פֿרוי ליליאַן, אין יאָר 1939: „דו זעסט, האָט ער זיך פֿאַר איר באַרימט, אָט דאָ, אין דעם טויער, האָב איך אים געראַטעוועט. איך האָב אים באַהאַלטן".

מיר לויפֿן אַרויף צו מײַן מומע לאה אויפֿן דריטן שטאָק, און ווען מײַן מומע לאה האָט מיך דערזען איז זי שיִר נישט געפֿאַלן אין חלשות.

איך האָב איר פֿאָרגעשטעלט סטעפֿאַנען, וואָס איז דאָך אייגנטלעך געווען מײַן מלאך המשיח. די מומע באַדעקט אים מיט שבחים און דאַנקט אים אויף איר פּויליש לשון.

ענדלעך איז געקומען די מינוט צו געזעגענען זיך מיט אים. איך האָב אים דערלאַנגט מײַן האַנט, סטעפֿאַן האָט מיר אַרײַנגעשמייכלט אין די אויגן, מיך אַרומגענומען און שטיפֿעריש דערלאַנגט אַ לײַכטן זעץ אין דער מאָרדע. מיט דעם איז מײַן „תּפֿיסה־קאָלעגע" אַרויס דורך דער טיר און אַרויס פֿון מײַן לעבן.

מײַן מומע לאה איז נישט געווען קיין נאַר. זי האָט גוט באַטראַכט די לאַגע. אַז איך האָב גענומען אַ הייסע וואַנע און צוריק אויסגעזען ווי אַ שטיקל לײַט און זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ, האָב איך איר געזאָגט, אַז איך מוז זיך לייגן שלאָפֿן. די מומע האָט געטראַכט אַנדערש:

— ניין, פּסחל — האָט זי געזאָגט — דו טאָרסט דאָ נישט בלײַבן. דו מוזסט תּיכּף אַריבערלויפֿן צו דער מומע העניע. סטײַטש? עס קען געשען סטעפֿאַן זאָל אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי, קען ער חלילה אויספּלאַפּלען אַז ער איז נישט אַנטלאָפֿן אַליין, און דערפֿאַר טאָרסטו דאָ נישט זײַן. ער קען דעם אַדרעס.

אַזוי האָב איך טאָקע געטאָן. כ'בין אַוועק צו דער מומע העניע. מען האָט באַלד צו וויסן געטאָן מײַן ברודער וועלוול, אַז איך בין דאָ און ער איז געקומען צו לויפֿן זיך באַראַטן מיט דער משפּחה וואָס צו טאָן מיט מיר.

איך האָב געהאַט מײַנע אייגענע פּלענער. במשך פֿון אַ פּאָר טעג האָב איך זיך נישט ראַזירט, כ'האָב געבעטן וועלוולען ער זאָל מיר באַזאָרגן אַ קאַפּאָטע מיט אַ ייִדיש היטל און איך האָב זיך טראַנספֿאָרמירט אין אַ חסידישן יונגן־מאַן, כּדי מען זאָל מיך נישט דערקענען. און אַזוי בין איך אַוועק קיין וואַרשע אָן

מורא, און צוריק צו מײַן שוועסטער פייגע. זי אָבער האָט יאָ מורא געהאַט און האָט פֿאַר מיר אויסגעזוכט אַ פּריש באַהעלטעניש. נישט ווײַט פֿון זיי האָט זיך אויף די נאַלעווקעס געפֿונען אַ היטל־מאַכער מיטן נאָמען זילבערבערג. זײַן היטל־פֿאַבריק האָט זיך געפֿונען בײַ אים אין דער וווינונג. אַזוי ווי נייען אויף אַ מאַשין האָב איך געקענט נאָך פֿון דער היים, אַ דאַנק מײַן טאַטנס פֿאַבריק, האָט זילבערבערג מיך צוגענומען ווי אַ געהילף.

מײַן לוין איז געווען: עסן און שלאָפֿן בײַ זילבערבערגן. ער האָט נאַטירלעך נישט געטאָרט וויסן, אַז דאָס וואָס איך אַרבעט בײַ אים — איז אַן אויסבאַהעלטעניש ביז די מאַכט וועט זיך בײַטן.

שפּעטער האָב איך דערזען, אַז מײַן נײַער בעל־הבית איז נישט אַזוי נאַיִוו ווי מיר האָבן געמיינט. איך האָב דאָרט געפֿונען נאָך אַזאַ „חסידישן יונגן־מאַן" ווי איך. אויך ער איז געקומען אַרבעטן פֿאַר עסן און שלאָפֿן, ווי איך. ער האָט געהייסן נאָטע פֿינגערהוט און מיר זענען געוואָרן נאָענטע חברים.

זענען מיר זיך געזעסן, נאָטע און איך, אין אונדזער פּרײַוויליקער אייגענער תּפֿיסה און גענייט סאָלדאַטסקע היטלען, לויט זילבערבערגס קאָנטראַקט מיט דער רעגירונג. איר פֿאַרשטייט? מיר, די צוויי אויסבאַהאַלטענע פֿון דער אַרמיי, האָבן גענייט די היטלען פֿאַר סאָלדאַטן, וועלכע דינען יאָ אין דער אַרמיי. וועלכער ייִד האָט דעמאָלט געוואָלט דינען אין פּאָניעס אַרמיי, אויב נאָר ער האָט זיך געקענט אַרויסדרייען?

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן האָבן די דײַטשן פֿאַרנומען וואַרשע. איך געדענק ווי איך האָב זיך געקושט מיט נאָטען און געוויינט פֿון פֿרייד, זיך געזעגנט מיט מײַן בעל־הבית און אים באַדאַנקט פֿאַר אויסבאַהאַלטן מיך. איך בין אַראָפּגעלאָפֿן אויף דער גאַס און דערזען ווי די דײַטשע סאָלדאַטן מאַרשירן, האָב איך מיט־מאַרשירט מיט זיי ביז צו מײַן שוועסטערס הויז אויף גענשע 39.

5. בײַ די דײַטשן

מיינט איר דאָך, אַז ס'איז שוין גוט? איז עס גוט אין דר'ערד.

די דעמאָלטיקע „גוטע" דײַטשעלעך האָבן גלײַך גענומען אָנוואַרפֿן אַ פּחד אויף דער גאַנצער שטאָט. זיי האָבן אָנגעהויבן רעקווירירן דאָס ברויט פֿון אַלע בעקערײַען, דאָס מעל צום באַקן, דאָס פֿלייש פֿון אַלע יאַטקעס. מיט איין וואָרט: אַלץ וואָס אַ מענטש האָט באַדאַרפֿט האָבן זיך צו דערנערן, צו עקסיסטירן, האָט דער דײַטש רעקווירירט און די ציווילע באַפֿעלקערונג איז פֿאַרבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

נישט נאָר עסנוואַרג, נאָר אויך שטאָפן און מעטאַלן — קופּער, זילבער, מעש — דאָס גאַנצע פאַרמעגן וואָס מענטשן האָבן געהאַט אין שטוב, אַפילו די קליאַמקעס פון די טירן, די מעש־שרויפן פון די אויוונס, די קופּערנע פענדלעך — אַלץ איז רעקוויזירט געוואָרן, אַלץ האָט געמוזט צוגעשטעלט ווערן. דער באַפעל איז געווען, אַז ווער עס וועט נישט צושטעלן זיַין פאַרמעגן ביז אין אַ געוויסן טערמין, דער וועט דערשאָסן ווערן, אַפילו אָן אַ געריכט. אַ שרעק איז אַלעמען באַפאַלן. מענטשן זענען שוין פון פריִער געווען אָנגעשראָקן פון דעם חורבן, וואָס די דיַיטשן האָבן אָנגעמאַכט אין די שטעט קאַליש, בענדין און סאָסנאָוויץ, דאָרט ווו זיי זענען אַריבער די גרענעץ אַפילו אָן אַ קאַמף.

איך געדענק נאָך ווי היַינט אַ פאַל, וואָס איז געשען דעם ערשטן טאָג ווען די דיַיטשע סאָלדאַטן זענען אַריַין אין וואַרשע: נעבן דער האַלע ביַי דעם איַיזערנעם טויער איז געשטאַנען אַ יונג מיידל און האָט פאַרקויפט ציגאַרעטן. איר מוטער איז געשטאַנען דערביַי. זענען פאַרביַיגעגאַנגען עטלעכע סאָלדאַטן און געוואָלט ביַי איר צונעמען אַ פּאָר פּעקלעך ציגאַרעטן אָן געלט. אַזוי ווי דאָס מיידל האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט און געשריִען „ניין", האָט איינער פון די סאָלדאַטן זי אַדורכגעשטאָכן מיט דעם באַגנעט פון זיַין ביקס. דאָס איז געשען פאַר די אויגן פון דער אָרעמער מוטער.

נאָך דעם ווי אַלץ איז רעקוויזירט געוואָרן, אַלע געוועלבער און געשעפטן זענען פאַרבליבן ליידיק, האָבן די דיַיטשן איַינגעפירט ברויטקאַרטן.

פון אָנהייב האָבן זיי צוגעטיילט פאַר יעדער דערוואַקסענעם אַ פערטל קילאָ ברויט. דאָס איז געווען אַזאַ מין ליימברויט, וואָס נאָכן עסן האָט יעדער באַקומען שרעקלעכע בויכקראַמפּן.

מיט אַ ציַיט שפּעטער האָב איך טאַקע אָנגעשריבן אַ פּאַראָדיע אויף דעם „ברויט". איך האָב די פּאַראָדיע געזונגען אין קוסטיומס טרופּע מיט דעם ניגון פון פאָלקסליד „וויַיל עס שטייט געשריבן אין דער תורה".

מיט יעדן טאָג איז געוואָרן ערגער און ערגער. מען האָט שוין געטיילט אַ סך ווייניקער פון אַ פערטל קילאָ אַ מענטשן. ס'איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד. מענטשן זענען פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אין איינעם אַ טאָג בין איך פאַרביַיגעגאַנגען די דזשיקע־גאַס און דאָרטן ביַיגעווינט אַ סצענע, וואָס האָט זיך אויף אייביק איַינגעקריצט אין מיַין זכרון.

אַ יידישע פרוי איז מיט אירע דריַי קינדערלעך געשטאַנען לעבן אַ קאַזאַרמע. אַלע האָבן אַרויפגעקוקט צו אַן אָפענעם פענצטער, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער אָנגעפרעסענער סאָלדאַט מיט דיקע וואָנצעס. ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ ברויט און געשניטן שטיקער מיט אַ גרויס מעסער. אויפן פענצטער איז געשטאַנען אַ סלאָי מיט פּוטער. ער האָט אָנגעשמירט דאָס ברויט געדיכט מיטן פּוטער און פון אַ גרויסן שטיק חזיר אָפּגעשניטן גראָבע שטיקער און צוגעביסן

מיט ברויט. ער האָט געקייט מיט גרויס אַפּעטיט און די פרוי מיט די קינדער האָבן אַרויפגעקוקט הונגעריק און די סלינע איז גערונען פון זייערע מײַלער.

— האַר לעבן — האָט די מוטער אַרויפגעשריגן און זיך בײַ אים געבעטן — האַר לעבן, שענקען זי מיר אַ שטיקעלע ברויט. מײַנע קינדער האָבן שוין דרײַ טעג נישט געגעסן. זיי פאַלן פון הונגער.

אַ הײַפל מענטשן האָט זיך פאַרזאַמלט אויף דער גאַס. אַלע שטייען און קוקן זיך צו.

קוקט אַראָפּ צו איר דער סאָלדאַט, ווישט זיך לאַנגזאַם אָפּ זײַן מאָרדע, וואָס איז געווען פעט פון דעם חזיר־פלייש וואָס ער האָט געפרעסן, און ענטפערט איר קאַלט מיט אויסגעצויגענע ווערטער:

— יאָ, יאָ, גנעדיקע פראַו, אַלע ווערדן וויר שטערבן. אַלע מוסטן וויר שטערבן, אָבער זי ווערדן פריער שטערבן און ניכט זען ווען וויר ווערדן שטערבן.

און די „גנעדיקע פראַו" מיט אירע דרײַ קינדערלעך האָבן זיך געמוזט אַוועקשלעפּן אָן אַ ביסן ברויט...

געלט האָט דאַן נישט געשפּילט קיין שום ראָלע, ווײַל מען האָט גאָרנישט געקענט פאַר דעם באַקומען. אָבער מענטשן מיט גרויסע פאַרמעגנס האָבן יאָ באַוויזן ווי עס איז זיך צו דערהאַלטן די נשמה.

אין איינעם אַ טאָג האָבן די דײַטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע מענער, פון 15 ביז 45 זאָלן זיך מעלדן, כּדי צו באַקומען פּאַספּאָרטן. מעלדן זיך האָט מען געדאַרפט אין פאַרשידענע טיילן פון דער שטאָט, לויט דעם ווו מען האָט געוווינט. מיר איז אויסגעקומען זיך צו מעלדן אויף דעם הויף פון דער פּ אַ ל אַ ט ע, דעם שטאָטזאַל, ווו די דיפּלאָמאַטן פלעגן זיצן. דער פּלאַץ האָט זיך געפונען צווישן דער לעשנע־גאַס און דער דלוגע־גאַס. אַרײַנגייענדיק אין דעם אָפענעם הויף האָב איך זיך פשוט דערשראָקן. דער הויף איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, מען איז געשטאַנען צונויפגעפּרעסט איינער צום צווייטן, אַ געמיש פון יונגע און אַלטע, אַנטלאָפענע סאָלדאַטן אין רוסישע מונדירן, אָן מונדירן, גויִים, יידן, רוסן און אַפילו טשערקעסן מיט גרויסע הויכע קאַלפּאַקעס. פשוט: אַ פעלקער־אינטערנאַציאָנאַל. דאָס קאָמישסטע איז געווען וואָס זייער ווייניק פון די אַלע האָבן זיך געקאָנט צונויפרעדן. איינער האָט נישט געקאָנט דעם צווייטנס שפּראַך. איז יעדער באַזונדער געשטאַנען כּמעט דעם גאַנצן טאָג און געשוויגן.

ענדלעך האָט זיך באַוויזן בײַם טויער אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט אויסגעשריגן:

— געננוג אויף הײַנט. אַלע דאַרפן צוריקקומען מאָרגן.

דער מידער עולם האָט זיך פשוט דערפרייט מיט דער בשורה און אַלע זענען אַוועק אַהיים.

צו מאָרגנס — ווידער. מען שטייט ווידער אָפּ אַ האַלבן טאָג. אַלע שטופּן זיך און קענען נישט צוקומען צו דער טיר. ווידער קומט אַרויס דער זעלבער סאָלדאַט מיט דער זעלבער מעלדונג:

— קומט אַלע צוריק מאָרגן!

דער עולם צעגייט זיך ווידער, שוין אַ ביסל בייז. אייניקע בורטשען אונטער. נאָר אַ ברירה האָט מען? מען גייט אַהיים.

אויפן דריטן טאָג נעם זיך אָן מיט מוט און שטופּ זיך אין דער ריכטונג פון דער טיר. איך שטופּ זיך צו צום טיש ביי וועלכן עס זיצט אַ זעלנער און ער פּאַרט אַרויס אויף מיר מיט אַ מענה־לשון: „פאַרפלוכטער יודע! צוריק אין דער רייע, זאָפאָרט!" גרעאַטעוועט האָט מיך אַ בילד־שיינע יונגע פרוי, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ זייטיקן צימער. דער זעלנער דערקלערט עפּעס וועגן „דיזע פאַרפלוכטע יודן" און איך נעם זיך ווידער אָן מיט קוראַזש און רעד דירעקט צו איר: „ענטשולדיקן זי, פרוילייך, איך בין שוישפּילער און איך מעכטע מיט אינען שפּרעכן". געלויבט צו גאָט. זי ווייזט מיר אָן מיט דער האַנט, איך זאָל אַריינגיין אין צווייטן צימער און — דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַ גרעאַטעוועטער...

אַזאַ מזל! אַזוי פיל מענטשן שטייען טעג אין דער ריי און וואַרטן, און איך געפין זיך גאָר דאָ, אינעווייניק, מיט אַזאַ שיין מיידל דערצו, און לויט ווי איך באַמערק איז זי גאָר די, וועלכע גיט אַרויס די פּאַספּאָרטן. די יפהפיה הייבט אָן מיך אויספרעגן וואָס דאָרט איז געשען, פאַר וואָס דער זעלנער האָט געשריגן אויף מיר. דערציייל איך איר די גאַנצע געשיכטע, אַז איך בין אַ שוישפּילער, אַז איך האָב מיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון די רוסן און אַצינד וואָלט איך געוואָלט האָבן אַ דייטשן פּאַספּאָרט, כּדי איך זאָל קענען אָנהייבן שפּילן טעאַטער און מאַכן אַ לעבן. עס איז געווען קענטיק, אַז איך מאַך אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק. זי רופט אַריין דעם זעלנער און הייסט אים מאַכן די באַקאַנטע מעלדונג: „אַלע איבעריקע זאָלן צוריקקומען מאָרגן".

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר און געפרעגט מיט איר גאַנצער חנעוודיקייט:

„וואָלטן זי נאַכטמאַל מיט מיר געגעסן?" זי וויל, זאָגט זי, הערן מיין גאַנצע ביאָגראַפיע. כ'האָב קוים געגלייבט, אַז דאָס געשעט מיט מיר. כ'האָב אָנגענומען איר איינלאַדונג. איך בין איבער הויפּט נישט געווען קיין שעמעוודיקער, ספּעציעל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם ווייבלעכן געשלעכט. הכּלל, זי האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ קאַנטינע, וווּ מען האָט פאַרקויפט בלויז פאַר די אָנגעשטעלטע פון דער דייטשער אַרמיי. מען האָט דאָרט באַקומען די טייערסטע מאַכלים פאַר ביליקע פּרייזן.

מען האָט מיר סערווירט דעם ערשטן אָנשטענדיקן מיטאָג, וואָס איך האָב געגעסן, זינט די דייטשן האָבן אונדז אָקופּירט. זי האָט אַ פּנים באַמערקט ווי הונגעריק איך בין געווען, ווייזט זי אָן דעם קעלנער ער זאָל מיר דערלאַנגען נאָך אַ פּאָרציע פלייש.

מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט האָב איך איר דערציילט מײַנע איבער־לעבענישן אין די לעצטע פּאָר חדשים. אַלץ, אַלץ האָב איך איר דערציילט. אַזאַ צוטרוי האָב איך צו דעם פרעמדן מיידל באַקומען. אַפילו וועגן מײַנע עלטערן אין רוסלאַנד.

זי איז געזעסן שטיל און זיך צוגעהערט קוקנדיק אויף מיר מיט צווי קלוגע, שאַרפע אויגן. ווען איך האָב געענדיקט, האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל:

— איך ווייס אַפילו נישט ווי אַזוי מען רופט דיך.

דער קאָפּ נעמט מיר שווינדלען און איך ענטפער צוריק מיט אַ שמייכל, אויף דײַטש, פאַרשטייט זיך:

— מײַן נאָמען איז פּאָול.

דערלאַנגט זי מיר אַ שיין גלאַטיק הענטל און זאָגט:

— מײַן נאָמען איז מיצי...

איך האָב איר געמאַכט קאָמפּלימענטן און זי האָט מיך געפרעגט וואָס איך קלער ווײַטער צו טאָן. האָב איך איר געזאָגט דעם אמת, אַז ווען איך באַקום אַ פּאַספּאָרט וואָלט איך געקאָנט אַוועקפאָרן שפּילן טעאַטער און פאַרדינען.

— צו וואָס דאַרפסטו אַוועקפאָרן ווען דו קענסט אויך דאָ פאַרדינען וויפל דו ווילסט. און מיצי לייגט מיר פאָר, אַז איך זאָל מיט איר אַרבעטן. און זי לייגט מיר פאָר איר פּלאַן:

— דו זעסט דאָך וויפל מענטשן עס וואַרטן יעדן טאָג אין דעם הויף, טאָ געפין אויס קונים, וועלכע דאַרפן פּאַספּאָרטן. דו קענסט זיכער באַקומען 25 אָדער 50 מאַרק פאַר אַ פּאַס, אויב נישט מער. איך וועל דיר שטילערהייט אַרויסגעבן די פּעסער און דו קאָנסט אָפּשפּאָרן אַ שיינע פּאָר טויזנט מאַרק.

נישט אומזיסט איז מיצי געווען דער הויפּט פון אַן אָפּטיילונג. זי האָט פאַרמאָגט אַ קלוגן קאָפּ אויף די פּלייצעס און איך בין איר געפעלן געוואָרן. זי איז געווען איינע אַליין אין פוילן און האָט זיך שטאַרק געלאַנגווײַליקט אין איר יעקישער געזעלשאַפט. זי איז געווען אַ געזעצט מיידל, אין די צוואַנציקער יאָרן, גלייב איך, און האָט געוווּסט וואָס זי וויל.

איך האָב איר דערלאַנגט מײַן האַנט און געשלאָסן די שותפות. דאַן האָב איך זי באַגלייט צום האָטעל, ווו זי האָט געוווינט, און איידער מיר האָבן זיך געזעגנט האָט זי מיר געגעבן אַ קאַרטל פון דער קאָמענדאַטור כדי איך זאָל קענען פראַנק און פרײַ אַרײַנקומען צו איר אין ביוראָ.

איך בין שוין די נאַכט נישט געשלאָפן פאַר פרייד. עס זאָל מיר נאָר געלינגען, קאָן איך ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. צו מאָרגנס בין איך שוין געווען בײַ מיצין גאָר פרי און זי האָט מיר דערלאַנגט מײַן פּאַספּאָרט. דאַן האָב איך זיך פלײַסיק גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב אָנגעהויבן באַקומען קונים. איינער האָט געשיקט דעם צווייטן, ווײַל קיין וויכטיקערס ווי אַ פּאַספּאָרט האָט דאָך נישט עקסיסטירט. געלט איז צו מיר געפלאָסן פון רעכטס און לינקס. עס איז

געווען אַ גאָלדן געשעפט און אַ כשר געשעפט, ווײַל איך האָב געהאַט אַ זיכערן שותף. כ׳פלעג זיך טיילן מיט מיצין, אַ העלפט איר און אַ העלפט מיר. איך פלעג איר ברענגען יעדן טאָג אַ רשימה מיט די נעמען פון די אַפּליקאַנטן און זי, מיצי, האָט מיר יעדן אָוונט דערלאַנגט אַ פּאַק פּאַספּאָרטן, באַטירלעך, בײַ איר אין דער היים, און צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך זיי אויסגעטיילט צו די אייגנטימערס.

איך האָב געלעבט ווי גאָט אין אָדעס. מיט דער הילף פון מײַן קאָרטל האָב איך פון דער קאָנטינע אַפילו באַזאָרגט מײַן גאַנצע משפחה מיט שפּײַז.

עס איז בלויז געווען אַ פראַגע פון צײַט. מיצי און איך זענען געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז אין איינעם אַ טאָג האָבן מיר דערפילט, אַז מיר קאָנען שוין נישט זײַן איינער אָן דעם אַנדערן. זי איז געוואָרן מײַן געליבטע.

איך בין געווען אין גאַנצן פאַרמיציוועט מיט מײַן טײַערער מיצי, מיט איר שיינקייט, מיט אונדזער ליבע און מיט אונדזערע געשעפטן. איך האָב געשאַרט געלט ווי מיט לאָפּעטעס. איך האָב גאָרנישט געוווּסט וואָס צו טאָן דערמיט און בײַ זיך געקלערט, אַז דאָס וועט איך באַלוינט פאַר מײַנע פריִערדיקע צרות.

אונדזער אידיליע האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן ווייל איך אַרײַנגיין צו מיצין אין ביוראָ, שטייט אַ נײַער זעלנער און לאָזט מיך נישט אַרײַן.

— איך מעכטע יאַ מיט דער פרוילײַן מיצי שפּרעכן — זאָג איך אים באַפעלעריש.

— די פרוילײַן מיצי איז שוין מער נישט הי׳ר — האָט ער מיר אינפאָרמירט — זי איז געסטערן אָבענד אָפּגעשיקט געוואָרן נאָך דויטשלאַנד.

קאַלט איז מיר געוואָרן אין יעדן אבר. אַ פּנים, אַז עמעצער האָט זי געמסרט און מען האָט אונדז צעשיידט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פאַר מיר איז אַ געפאַר דאָ צו בלײַבן צוליב מײַן אָנטייל אין דעם פּאַספּאָרטן־געשעפט. האָב איך געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און אַנטלאָפן קיין פּולטוסק, אין מײַן פאָטערס געבורטסשטאָט, כדי זיך אויסצו־באַהאַלטן אַ פּאָר וואָכן, ביז די געשיכטע וועט פאַרגעסן ווערן. אין פּולטוסק בין איך געלעגן און באַוויינט מײַן פאַרלוירן גליק, מײַן מיצין. זי איז געווען מײַן ערשטע גרויסע ליבע און איך האָב געפילט, אַז איך וועל זי מער נישט זען.

ביז הײַנטיקן טאָג האָב איך נישט אויסגעפונען וואָס מיט איר איז געשען און וווּהין מען האָט זי פאַרשיקט. פאַרבליבן איז מיר אין האַרצן אַן אייביקע ווונד און די זיסע דערינערונגען פון אונדזער יונגער ליבע.

איך בין פאַרבליבן אין דער שטאָט פּולטוסק אַ דרײַ וואָכן. אײַנגעשטאַנען בין איך בײַ מײַן טאַטנס משפחה. סוף־כּל־סוף האָב איך אײַנגעזען, אַז פון

ליגן און טרויערן וועט גאָרנישט אַרויסקומען און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן תּכלית. האָב איך באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין וואַרשע און דאָרט פּרוּוון צוזאַמענשטעלן אַ טרופּע, וואָס זאָל שפּילן אין די פּראָווינצשטעט.

אָנגעקומען קיין וואַרשע, בין איך גלייַך אַוועק אין דעם קאַפעהויז ווו די ייִדישע טעאַטער־משפּחה פלעגט זיך צוזאַמענקומען.

דעם זעלבן טאָג האָב איך פאָרגעלייגט אַ גרופּע אַרטיסטן מייַן פּלאַן און מיר שליסן אַ חברים־טרופּע, אין באַשטאַנד פון שלמה לאַנדאַו, אייַזיק ראָטמאַן, בנימין פישביין, לייבל פרידמאַן, אַ פּרימאַדאָנע, וועלכע האָט געהייסן קופּערמאַן און נאָך עטלעכע, וואָס זייערע נעמען קען איך זיך נישט דערמאָנען.

אונדזער ערשטע פּיעסע איז געווען „דאָס מיידל פון דער וועסט״, אַן אימפּאָרטאַציע געשריבן פון אַנשל שאָר. דעמאָלט האָב איך, נאַטירלעך, נישט געוווּסט ווער עס איז דער אַנשל שאָר.

אונדזער ערשטע פאָרשטעלונג האָבן מיר געגעבן אין אַ שטעטל מיטן נאָמען נאָווידוואָר, נישט ווייַט פון וואַרשע, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט איר פעסטונג.

דעם ערשטן טאָג פון אונדזער אָנקומען קיין נאָווידוואָר איז די פּראָבע געווען אָפּגערעדט אויף צען אַ זייגער אין דער פרי. אַ פיר־פינף שוישפּילערס זענען מיט מיר געגאַנגען צום זאַל מאַכן אַ פּראָבע. פּלוצעם איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ פּאַטרול פון סאָלדאַטן און באַפוילן אונדז: „האַלט!״. אַנטקעגנשטעלן זיך דעם באַפעל פון אַ דייַטשן מיליטערישן פּאַטרול איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן. האָט אונדז דער פּאַטרול אַרייַנגעפירט אין דער פעסטונג און באַפוילן — טראָגן שטעכלדראָט, איבערטראָגן פאַרשידענע שטיקער אייַזן, גילזן פון אויסגעשאָסענע אַרטילערישע סנאַריאַדן און אַנדערע שווערע חפצים. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? זעלנערס וואַכן איבער אונדז, מיר זאָלן אַרבעטן פלייַסיק און שנעל און עס דויערט נישט לאַנג און מיר, די אַקטיאָרן מיט די איידעלע הענט, זענען אַלע פאַרוווּנדעט: די הענט צעריסן, די קליידער צעריסן, און טאַקע די זעלביקע קליידער אין וועלכע מיר דאַרפן אויפטרעטן אין טעאַטער, ווייַל קיין אַנדערע קליידער פאַרמאָגן מיר נישט. אַגב, ווען איך רעד פון קליידער, דאַרף איך דערמאָנען, אַז קיין דעקאָראַציעס האָבן מיר אויך נישט פאַרמאָגט. מען פלעגט דאַן אויסבאָרגן בייַ די שטאָטישע ייִדן לייַלעכער, טישטעכער, טישן מיט בענקלעך, ווי בינע־רעקוויזיט.

מיר קוקן זיך אָן איינער דעם אַנדערן און עס ווערט אונדז קאַלעמוטנע. ווי אַזוי וועלן מיר אויפטרעטן? מיר זעען דאָך אויס ווי קוילן־גרעבערס.

אַרום איינס אַ זייגער שרייַט עמעצער אויס: עסן! מען פירט אונדז אַלע צום שטיבל פון קאָמענדאַנט אויף אינספּעקציע. עס דערשייַנט אַ פעלדפעבעל און ער באַפעלט אונדז: „אַלע זיך אויסשטעלן אין די רייען. דער קאָמענדאַנט גייט״.

דער פּאַרריסענער קאָמענדאַנט האָט אונדז אינספּעקטירט. ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר, האָב איך אים פֿאַרהאַלטן און געמאָלדן, אַז כ׳וויל מיט אים „שפּרעכן״. מײַן חוצפּה האָט אים איבערראַשט און דער מאָנאָקל איז אים אַראָפּ־געפֿאַלן פֿון אויג. ער האָט זיך באַהערשט און באַפֿוילן אַרײַנפֿירן מיך אין זײַן קאַנצעלאַריע. דאָרט האָב איך אים דערציילט, אַז מיר זענען אַ טרופּע שוישפּילערס פֿון וואַרשע, מיר דאַרפֿן דעם פּרײַטיק שפּילן און פּלוצעם האָט מען אונדז געכאַפּט צו דער אַרבעט און איך בעט אים אַז פֿילײַכט...

שוין! איך האָב מער נישט געדאַרפֿט בעטן. ווי נאָר ער האָט דערהערט „אַ טרופּע שוישפּילערס״, האָט ער אַ געשריי געטאָן צום אָפֿיציר: „מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט מען גענומען שוישפּילערס אויף שווערע אַרבעט? שוין נישט פֿאַראַן גענוג מאַנסבילן אין נאָווידוואָר אָן זיי?״ און מיר הייסט ער איך זאָל מיט אים מיטגיין. מיר גייען צוריק צו די רייען און ער פֿרעגט מיך: ווער זענען דײַנע שוישפּילערס? ווײַז איך אָן אויף זיי: דער... דער... יענער... און איך אַליין נעם זיי אַלע אַרויס פֿון דער ריי. איך הער ווי אַנדערע יונגע־לײַט בעטן זיך נעבעך בײַ מיר: „אוי, זאָגט אַז איך בין אויך אײַער שוישפּילער״. מאַרשירן מיר אַלע אין קאַנצעלאַריע אַרײַן. מײַנע חברים גלייבן קוים אין דעם וואָס דאָ איז געשען און דער קאָמענדאַנט דערלאַנגט מיר זײַנס אַ קאַרטל און זאָגט מיר, אַז ווען איך וועל געבן מײַן אונטערשריפֿט, דעם וועט מען נישט כאַפּן אויף אַרבעט.

הער נאָר אַ מעשׂה, איך ווער דאָך אַ וויכטיקער מענטש! נו, אויב אַזוי, פֿאַרבעט איך אים אין טעאַטער. אפֿשר וויל ער זען אונדזערס אַ פֿאָרשטעלונג? ענטפֿערט ער גלײַך: „יאַוואָל, מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן״. זאָג איך, אַז כ׳וועל איבערלאָזן אַ ריי פּלעצער פֿאַר אים מיט זײַנע אָפֿיצירן. ער נעמט אָן מײַן אײַנלאַדונג אויף שבת בײַ נאַכט. ער וועט קומען, זאָגט ער, מיט זײַן גאַנצער סוויטע. ער געזעגנט זיך מיט די וויכטיקע שוישפּילערס גאָר העפֿלעך און מיר פֿאַרלאָזן די פֿעסטונג טאַנצנדיק אויף דער גאַס פֿון פֿרייד.

אין אַ קליין שטעטל, ווי איר ווייסט, זענען נישט פֿאַראַן קיין סודות. צו מאָרגנס אין דער פֿרי זענען געקומען יידישע מאַמעס צום פֿענצטער פֿון אַכסניה וויינען פֿאַר מיר: „זײַט אַזוי גוט, מאַכט מײַן זון פֿאַר אַן אַקטיאָרטשיק. גיט אים אײַער אונטערשריפֿט״. איין פֿרוי האָט געכאַפּט קושן מײַן האַנט און געוויינט מיט ביטערע טרערן: „איך בעט אײַך, ער איז מײַן איינציק אויג אין קאָפּ. מאַכט אים פֿאַר אַן אַקטיאָר״. אַ דריטע שרײַט: „זיי וועלן מײַן קינד דערהרגענען. ער האָט אַ שוואַך האַרץ. ער קען נישט טראָגן קיין שווערע זאַכן״.

איך האָב זייער צער און זייערע טרערן נישט געקאָנט צוזען. פֿאַרט יידישע מאַמעס. איך האָב זיך שיִער אַליין נישט צעוויינט. איך גיב זיי אַלע אונטערשריפֿטן און מאַך זיי אַלע פֿאַר אַקטיאָרטשיקעס. דער סוף פֿון דער מעשׂה איז געווען, אַז מען האָט בלויז געכאַפּט גוייִם צו דער אַרבעט. און דערציילט האָט מען, אַז

די שקצים פלעגן שעלטן און נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס מען זעט נישט קיין איין ייִד אין דער פעסטונג בייַ דער צוואַנגס־אַרבעט.

שבת בייַ נאַכט, מיר גרייטן זיך צום שפּילן, לויפט אַרונטער דער קאַסירער און מעלדעט, אַז אין זאָל טומלט זיך. דער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג מיט אַלע זייַנע אָפיצירן זענען אָנגעקומען. איך באַפעל די אַקטיאָרן, מעשה דירעקטאָר: חברה, מען זאָל הייַנט שפּילן אַזוי, אַז עס זאָל גיין אַ רויך.

אָפּגעשפּילט דעם ערשטן אַקט, קומט דער קאָמענדאַנט הינטער דער בינע, אַ באַגייַסטערטער, עס פעלן אים אויס ווערטער: „פּאַבלהאָפּט!" — שרייַט ער — „גרויסאַרטיק!"...

נאָכן צווייטן אַקט שיקט ער צו אונדז זייַן אַדיוטאַנט אָנזאָגן, מיר זאָלן נישט אַוועקגיין. ער מאַכט פאַר אונדז אַ באַנקעט. דערהערט די בשורה, האָבן מיר זיך אַלע געקושט פאַר פרייד. געגעסן זעלטענע מאַכלים און געטרונקען קאָניאַק מיט שאַמפּאַניער און געהוליעט ביז אין ווייַסן טאָג אַרייַן. איך גופא האָב שטאַרק נושא־חן געווען אין דעם קאָמענדאַנטס אויגן און ער האָט מיך דעם גאַנצן אָוונט גערופן „מייַן פּאָולכיען".

פאַר דער צייַט וואָס מיר האָבן געשפּילט אין נאָווידוואָר איז נישט אַוועק קיין איין טאָג איך זאָל נישט עסן מיטאָג מיטן קאָמענדאַנט. איך בין געוואָרן זייַן גאַנצער „קאָמעראַד". ער האָט זיך באַנומען צו מיר ווי צו אַן אייגענעם זון. ער איז ווירקלעך געווען זייער אַן איידעלער מענטש.

ווי עס פירט זיך אין אַ קליין שטעטל, זענען מיר געוואָרן זייער פּאָפּולער אַ דאַנק אונדזער פרייַנדשאַפט מיט דעם קאָמענדאַנט און מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן גאָלדענע געשעפטן. מיר האָבן זיך אַלע באַקליידט און באַנייט. מיר וואָלטן פאַרבליבן לענגער, נאָר פּלוצעם איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע און מענטשן האָבן אויפגעהערט צו גיין אין טעאַטער. זענען מיר געווען געצוווּנגען געזעגענען זיך מיטן קאָמענדאַנט און מיט נאָווידוואָר און געפאָרן ווייַטער.

אָנגעקומען זענען מיר קיין וווּרקע, אַ שטעטל בשכנות מיט נאָווידוואָר. די וווּרקער האָט מען גערופן מתים־ציִער. געשמועסט האָט מען, אַז וווּרקער פאַרשוינען פלעגן אויפגראָבן פרישע קברים און אַראָפּציִען פון די מתים די תכריכים און פאַרקויפן ווי לייַוונט. לייַוונט איז דאַן געווען מיט גאָלד צו גלייַך. מיר האָבן זיך אַפילו געוויצלט פאַרנדיק אַהין: חברה, קיינער פון אונדז זאָל נישט שטאַרבן. לאָמיר וואַרטן אויף אַ צווייטער שטאָט. דאָ מוזן מיר מאַכן אַ זבאָר.

צו מאַרגנס, נאָך אונדזער אָנקומען קיין וווּרקע, בין איך אַרויס מיט אונדזער געשעפטס־פירער וועגברייט, זוכן אַ זאַל צום שפּילן און נישט געפונען. האָט מען אונדז רעקאָמענדירט אַ סאַרייַ, אַ שאָפּע. דער אייגנטימער פון דער שאָפּע איז מסכים געווען צו פאַרדינגען דעם פּלאַץ בתנאי, מיר זאָלן אים אַליין אויסרייניקן.

אַ פּנים נאָר דערפאַר טאַקע איז ער מסכּים געווען, כּדי אים זאָל פאַרבלײַבן אַ ריינע שאָפע.

די גאַנצע טרופּע האָט זיך אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט און עס האָט גענומען צוויי טעג האַרעוואַניע ביז די שאָפע האָט באַקומען אַ לײַטיש פּנים. איצט נעמט מען קלערן וועגן פּלעצער צו זיצן און אַ בינע אויף וועלכער צו שפּילן. זענען מיר אַוועק צו אַ האָלץ־סוחר און זיך פאַרגעשטעלט, אַז מיר זענען אַ גרופּע ייִדישע קינסטלערס פון וואַרשע און מיר זענען געקומען קיין ווורקע פאַרשפּרייטן קולטור. דערפאַר זאָל ער אונדז אויסבאָרגן ברעטער כּדי צו מאַכן בענק און אַ בינע. דער ייִד קוקט אונדז אָן פאַרדעכטיק. ער פאַרשטייט גאָרנישט וואָס מיר רעדן. איינס אָבער פאַרשטייט ער יאָ און דאָס, אַז מיר ווילן אַ תּל מאַכן פון זײַנע ברעטער. קוים מיט צרות אים אײַנגערעדט. ער איז מסכּים, אָבער מיט איין באַדינג: די ברעטער מוזן פאַרבלײַבן גאַנץ. ס׳הייסט, מיר טאָרן זיי נישט צעברעכן אָדער אַרײַנקלאַפּן אפילו איין טשוועקל. מיר האָבן אים צוגעזאָגט ווייל און פּײַן, אָבער ווי אַזוי וועלן מיר זיך אַן עצה געבן אָן טשוועקעס? איז מיר אײַנגעפאַלן אַ גאָלדענער פּלאַן:

אין ווורקע האָט זיך געפונען אַ ביר־ברויערײַ. בין איך אַוועקגעלאָפן אויס־באָרגן ליידיקע פעסער. מיר האָבן אויסגעשטעלט פעסער אין די רייען און איבער־געדעקט מיט די לאַנגע ברעטער, האָבן מיר געהאַט בענק פאַרן עולם. דאַן האָבן מיר צוזאַמענגערוקט אַ צוועלף פעסער צוזאַמען, אַרויפגעלייגט די ברעטער נאָענט איינעם צום אַנדערן און עס איז געוואָרן אַ קליינע בינע.

הײַנט איז שוין אפשר שווער צו גלייבן, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען אַ מאָל אין די קליינע שטעטלעך געשפּילט טעאַטער. קיינער האָט אונדז טאַקע נישט געצוווּנגען צו שפּילן אין אַזעלכע באַדינגונגען, אָבער טעאַטער איז אַ חולאַת, אַז טאָמער ווערסטו אָנגעשטעקט, טאָמער פאַרזוכסטו דעם טעם און עס גייט דיר אַרײַן אין די בלוטן, איז שוין מער נישטאָ קיין שום כּוח אויף דער וועלט וואָס זאָל דיך פון דעם אָפּרײַסן. פאַרלאָזסט דײַן וואַרעם בעט, פאַרלאָזסט טאַטע־מאַמע — און ווי זאָגט מען? פרעגט נישט דעם רופא, פרעגט דעם חולה, און איך ווייס!

די בינע איז פאַרטיק, דאַרף מען צו אַ בינע אַ פירהאַנג. דערמאָן איך זיך, אַז אויף מײַן בעט אין דער אַכסניה ליגט אַ גרויסער לײַלעך, — לויף איך אַוועק ברענגען דעם לײַלעך. די חברה פאַרציִען אַ דראָט, מען הענגט אויף דעם לײַלעך און דער טעאַטער־זאַל מיט דער בינע זענען דאָ.

עלעקטרישע באַלויכטונג איז אין יענער צײַט אין אַזעלכע שטעטלעך נישט געווען. האָבן מיר געשפּילט בײַ נאַפטלאָמפּן, אויסגעבאָרגטע בײַ דעם בעל־הבית פון דער שאָפע. אַז ער האָט דערזען וואָס פאַר אַ פּאַלאַץ מיר האָבן געמאַכט פון שטאַל, האָט ער אונדז שוין נישט געקענט אָפּזאָגן.

גאַרדעראָבן זענען נאַטירלעך נישט געווען, נאָר אַ דאַנק דעם לײַלעך האָט דער עולם נישט געקענט זען ווי מיר טוען זיך איבער. גרימירט די פּנימער האָבן

מיר אײנער הינטער דעם צװײטנס פּלײצעס. ס׳הײסט אײנער האָט געהאַלטן דעם שפּיגל אױף דעם צװײטנס פּלײצע בעת ער האָט זיך גרימירט, דערנאָך האָט דער צװײטער געטאָן דאָס זעלביקע.

געשפּילט האָבן מיר באַריס טאָמאַשעװסקיס באַרימטע פּיעסע „דאָס פּינטעלע ייִד״, דעמאָלט האָב איך נאָך אַפילו נישט געװוּסט װער עס איז טאָמאַשעװסקי און איך האָב אים דערקענט שפּעטער, װען ער האָט מיך געבראַכט פון קאָװנע קיין ניו־יאָרק שפּילן אין זײַן טעאַטער אױף בראָדװײ.

אָבער דערװײַל שפּיל איך נאָך אין װוּרקע, בײַ די „מתים־ציִער״, און מיר דאַרפן אין דער פּיעסע זינגען. װוּ זשע נעמט מען אַן אַקאָמפּאַנימענט? אָט די פּראָבלעם האָבן מיר אױך לײַכט געלײזט. אין שטעטל האָט זיך געפונען אַ „פּאָזשאַרנער״ אָרקעסטער (פון די פײַער־לעשערס), האָבן מיר מיט אים אײַנגע־שטודירט דאָס הױפּטליד, „ייִדעלע, דײַן קרױן איז דאָס פּינטעלע ייִד״, און די רעשט האָבן מיר געזונגען אָן דער באַגלײטונג פון מוזיק.

הכלל, מיר הײבן אָן שפּילן: דער זאַל איז געפּאַקט, דער עולם אַמוזירט זיך געשמאַק און קאַטשעט זיך פון געלעכטער. מיר זענען שטאָלץ מיט אונדזער אַרבעט...

מיר האָבן געהאַט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז טאַנצן טאָרן מיר נישט. עס האָט דען עמעצער פון דער טרופּע בכלל געקענט טאַנצן? לײדער זענען בכלל פאַראַן װײניק ייִדישע אַקטיאָרן װעלכע קאָנען טאַנצן, סײַדן דער נײַער דור. דער אײנציקער שטיקל טענצער פון אונדזער טרופּע בין איך געװען. רוסישע טענץ האָב איך געהאַט געלערנט אין דער הײם, אין בערדיטשעװ. אָבער אין װוּרקע בײַ די „מתים־ציִערס״, אױף די פּעסלעך מיט די ברעטער, האָט מען אַפילו קײן פּוס נישט געטאָרט הײבן.

נאָר אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, קומט עס אין שטוב אַרײַן: מיר האַלטן אין מיטן ערשטן אַקט און קומען צום באַרימטן קװאַרטעט אין דער פּיעסע „דאָס פּינטעלע ייִד״. מיר זינגען זײער געלאַסן, דער „פּאָזשאַרנער״ אָרקעסטער באַגלײט אונדז און אַלץ גײט װי עס באַדאַרף צו זײַן. נאָר װי מיר קומען צו צום רעפרײן, װערן צװײ אַקטיאָרן, דער שמיד און שמואל שמש, מיטגעריסן פון דעם טעמפּאָ פון די פײַערלעשערס, װאָס האָבן געװאָלט אײַנשלינגען דעם גאַנצן דערפּאָלג... זײ צעלאָזן זיך בײדע אין אַ האָצקע און פּלוצעם ברעכן זיך אײַן די ברעטער און מיר בלײַבן אַלע פיר שטײן אױף דער ערד צװישן די צעבראָכענע ברעטער און די בירפּעסער, װאָס גרײכן אונדז ביז צו דער טאַליע.

איר שטױסט זיך מסתּמא אָן װי דער עולם האָט געקײַכט פון געלעכטער. פּלוצעם האָט אײנער פון אונדזערע אַקטיאָרן געכאַפּט דעם לײַלעך, איך מײן דעם פּירהאַנג און אים גיך פאַרצױגן. האָב איך אױפגעהױבן אַ געשרײ: גזלן, װאָס האָסטו געטאָן? מען דאַרף נאָך שפּילן אַ האַלבן אַקט! האָט ער געענטפערט, אַז קײן בעסערן פינאַל פון אַן אַקט קען מען זיך גאָרנישט װינטשן.

נאָך דער פּרעמיערע האָבן מיר טאַקע באַשלאָסן, אַז דאָ אין וווּרקע קען מען, וואָס אַן אמת, געהרגעט ווערן, אָבער דער עולם איז אַן ערשטקלאַסיקער, האָבן מיר אָפּגעשפּילט צוויי וואָכן און אַנטלאָפֿן קיין קעלץ.

6. מיר שטופּן דעם וואָגן

קעלץ איז שוין געווען אַ גרויסע שטאָט און מיר האָבן געהאָפֿט אויף גרויסע פּאַרדינסטן, נאָר ביז מען וועט פֿאַרדינען גרויס מוז מען דאָך שפּאָרן. ווי אַזוי זשע, מיינט איר, זענען מיר געפֿאָרן? מיט אַ באַן? מיט אַן אויטאָבוס? נישט געטראָפֿן. מען איז געפֿאָרן מיט אַ בריטשקע, געשלעפּט פֿון צוויי פֿערד. געשלעפּט האָט מען זיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט. און ביי נאַכט איז אונדז באַפֿאַלן אַ שלימזל: עס איז אַראָפּ אַ רעגן, ס'איז געוואָרן אַ גרויסע בלאָטע און די פֿערד האָבן נעבעך נישט געהאַט קיין כּוח צו שלעפּן סיי אונדז, סיי די בריטשקע און סיי די בלאָטע. האָט דער פֿורמאַן אַ געשריי געטאָן: „מענער, אַראָפּ פֿון דער בריטשקע, אויב איר ווילט אָנקומען קיין קעלץ!"

בלית־ברירה זענען מיר אונטער דעם שלאַקסרעגן אַראָפּ פֿון דער בריטשקע און זי גענומען אונטערשטופּן. באַרג־אַראָפּ האָט זיך נאָך ווי עס איז געשטופּט, נאָר אַז עס איז געקומען באַרג־אַרויף — איז האַק און בראַק און די רעדער דרייען זיך נישט... עס איז דעמאָלט געווען אַזוי ווי מיר האָבן מיט יאָרן שפּעטער געזונגען אין איציק מאַנגערס מגילה־לידער: „באַרג־אַראָפּ איז דווקא גרינג / נאָר באַרג־אַרויף איז שווערער". הכּלל, פֿון שטופּעניש זענען מיר באַגאָסן געוואָרן אַלע פֿון שווייס און אַזוי שטופּנדיק די בריטשקע זענען מיר אַריין אין דער שטאָט קעלץ. וווּ פֿאַרפֿאָרט מען אין מיטן דער נאַכט? מען פֿאַרפֿאָרט אין אַן אַכסניה. מען דאַרף אָבער וויסן, אַז אין יענע יאָרן האָט מען אַ ביסל קרום געקוקט אויף אַקטיאָרן אין די אַכסניות. נישט אומעטום האָט מען זיי אַריינגעלאָזט, ווייל זיי האָבן נעבעך געהאַט אַ שם, אַז זיי „שלעפּן מיט" האַנטעכער, לייַלעכער, לייַכטער, לעפֿל, גאָפּל, מעסער... וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט האָט מען מיטגענומען בייַם אַוועקפֿאָרן. הייַנט איז אַנדערש? אָבער הייַנט ווערט עס באַטראַכט ווי אַ מין „ספּאָרט", צי אַ מין שפּיצל.

מיר אָבער, די נאַסע אַקטיאָרן־גרופּע, אַרייַנקומענדיק אין דער וואַרעמער אַכסניה אין קעלץ, האָבן נישט אויסגעזען ווי שנאָרערס. מיר זענען געווען עלעגאַנט אָנגעטאָן און געפֿירט מיט זיך אַ נייַעם גלאַנצנדיקן באַגאַזש, נישט ווי אַנדערע אַקטיאָרן־שלעפּערס. האָט מען אונדז וואַרעם אויפֿגענומען.

צו מאָרגנס האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין קעלץ וועלן מיר האָבן די זעלבע שוועריקייטן ווי אין וווּרקע. נישטאָ קיין זאַל ווו צו שפּילן. דינגען אַן אמתן טעאַטער האָבן מיר זיך נישט געקענט פאַרגינען, עס האָט געקאָסט צו טײַער. חוץ דעם האָבן מיר אויסגעפונען, אַז דאָ האָבן די דײַטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען מוז האָבן אַ דערלויבענטש כּדי צו שפּילן טעאַטער.

קעלץ איז געווען באַרימט מיט אירע גאַרבערײַען. האָבן מיר געזוכט און געפונען אַ גאַרבערײַ מיט אַ גרויסער שאָפּע, אײַנגעהאַנדלט אַלץ וואָס איז געווען נייטיק, צוזאַמענגעקלאַפּט אַ סצענע מיט דיקע טשוועקעס און מיר אַליין זענען געווען צופרידן מיט אונדזער אייגענער אַרבעט. דעמאָלט האָבן מיר אַנאָנסירט, אַז עס איז געקומען אַ טרופּע שוישפּילערס פון דעם וואַרשעווער אַרטיסטן־פאַראיין מיט יידישע פאַרשטעלונגען און אונדזער רעפּערטואַר באַשטייט פון די פאָלגנ־דיקע פּיעסעס: „דאָס פּינטעלע ייִד", „דאָס מיידל פון דער וועסט" (וואָס מען פלעגט זי אויך רופן „די אַמעריקאַנערין"), „כאַסיע די יתומה" און אויך די באַרימטע פּיעסע „כאַנטשע אין אַמעריקע".

איך האָב, נאַטירלעך, געזאָרגט דערפאַר, אַז אונדזער ערשטע פּיעסע, אונדזער „וויזיט־קאַרטע" זאָל זײַן „דאָס פּינטעלע ייִד", ווײַל אין דער פּיעסע האָב איך דאָך אויסגעגעבן די מיזינקע, אין דער ראָלע פון ביינישל, כ'האָב געזונגען, געטאַנצט און געפײַפט, און דער עולם האָט געלעקט די פינגער. מיט איין וואָרט: איך בין געווען די אַטראַקציע.

שפּילן האָט מען געמוזט אָנהייבן צען אַ זייגער אין אָוונט. דער עולם האָט פריִער נישט געקענט קומען. מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביז אַלע סוחרים וועלן פאַרמאַכן זייערע קראָמען. האָט דער גורל געוואָלט, אַז אין דער מיט פונעם צווייטן אַקט זאָל זיך אָנהייבן אין דרויסן אַ שטורעמווינט מיט אַ מבול, וואָס האָט געהאַקט אין דאַך מיט אַזעלכע קולות, אַז מען האָט נישט געהערט וואָס מיר רעדן אויף דער בינע. דער עולם שרײַט: „העכער, מען הערט נישט!" מיר שרײַען אויף די העכסטע טענער, נאָר עס העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס. דער עולם הערט דעם שטורעם און נישט די אַקטיאָרן.

קוים מיט צרות אָפּגעשפּילט די פאָרשטעלונג. דער עולם וויל אַהיימגיין — נאָר נעם און גיי, ווען אין דרויסן שטורעמט אַז מען קאָן דעם קאָפּ נישט אַרויסשטעקן. זאָגט דער עולם, אַז אפשר וואָלט געווען אַן ענין די אַקטיאָרן זאָלן נאָך אַ מאָל שפּילן די פּיעסע ביז דער רעגן וועט איבערגיין?

ענטפערט זיי אונדזער געשעפטס־פירער, אַז אויב דער עולם וועט אַ צווייט מאָל צאָלן פאַר בילעטן וועלן מיר נאָך אַ מאָל שפּילן די פּיעסע. אַדרבא. און אַזוי איז טאַקע געווען: אַלע האָבן געשריגן: „יאָ, מיר וועלן באַצאָלן!" האָט זיך דער עולם ווידער אויסגעזעצט אויף די פּלעצער, דער געשעפטס־פירער איז אַרומגעגאַנגען צווישן עולם און גענומען פון יעדן פאַר אַ בילעט און מיר האָבן נאָך אַ מאָל פאַר זיי געשפּילט „דאָס פּינטעלע ייִד". ווען מיר האָבן געענדיקט איז

שוין געווען פיר אַ זייגער פאַר טאָג. דער רעגן האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעשטעלט, אָבער עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַזאַ געדיכטער נעפּל, אַז מענטשן האָבן נישט געזען ווּ צו גיין.

אויפן הויף איז פון דעם רעגן געוואָרן אַ גרויסע בלאָטע. אַ פּרוי איז נעבעך אַריַינגעפאַלן אין איינער פון די פעסער צו ווייקן פעלן. עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, אַ סומאַטאָכע. מען האָט די פרוי אַרויסגעשלעפּט פון דער פאַס און דער עולם איז זיך צעקראָכן אַהיים. נאָר אַזוי ווי אין יעדער מעשה מוז זיַין אַ שולדיקער, האָבן וויַיבער אויסגעטראַכט אַ בילבול, אַז אין אַלץ זענען שולדיק די אַקטיאָרשטשיקעס. אַזוי מיטן רעגן און אַזוי מיט דער פרוי, וואָס איז נעבעך אַריַינגעפאַלן אין דער ווייקפאַס. ווען נישט דער טעאַטער, וואָלט דאָך גאָרנישט פּאַסירט!

אין קעלץ האָבן מיר אָפּגעשפּילט נאָך דריַי פאָרשטעלונגען, אָבער צוליב דעם רעגן און צוליב דער מעשה מיט דער פאַס זענען מיר נישט געווען פּאָפּולער. קיין גרויסע גליקן האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט געמאַכט און אויסגעמוטשעט זענען מיר געווען פון בויען טעאַטערס, האָבן מיר באַשלאָסן צוריקפאָרן קיין וואַרשע, דאָס מאָל שוין מיט דער באַן. די באַן וועלן מיר דאָך נישט דאַרפן שטופּן...

נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע בין איך אויף צו מאָרגנס אַוועק אין דעם „פּאָקוי״־קאַפע. קומט מיר אַנטקעגן אַ מאַן:

— ה׳ בורשטיין, איך האָב זיך טאַקע נאָכגעפרעגט אויף איַיך.

ער שטעלט זיך פאָר פאַר מיר. זיַין נאָמען איז ביילענקי און ער איז דער אייגנטימער פון אַ גאָרטן־קאַפע, אַ מין קאַבאַרעט, וואָס געפינט זיך אין קאָוונע, אין דער ליטע. ער וויל מיך, זאָגט ער, אַנגאַזשירן ווי אַן אַטראַקציע אין זיַין גאָרטן־קאַפע.

מיר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן זיַין פאָרשלאָג. וועגן געלט זענען מיר אַדורכגעקומען און איך האָב אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט. ער האָט אויך אַנגאַזשירט אַ יונגע פּאָפּולערע קופּלעטיסטין, אַ זינגערין מיטן נאָמען שׂרה רוזגאַ.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אַוועקגעפאָרן קיין קאָוונע, פאַרפאָרן אין אַן אַכסניה אויף דער לייסוועס אַליי. דאָרט האָב איך זיך אַזוי גוט איַינגעלעבט מיט די בעלי־הבתּים, אַז ווען איך בין צום צווייטן מאָל געקומען קיין קאָוונע, בין איך גליַיך געגאַנגען צו זיי.

איך האָב אָנגעהויבן אויפטרעטן אין דעם גאָרטן־קאַפע צוזאַמען מיט שׂרה רוזגאַ און בין גליַיך געוואָרן אַ ליבלינג בייַם עולם. מען פלעגט מיך רופן אויף ליטוויש לשון פּאָולאַס בורשטיינאַס. כ׳האָב זיך אויך איַינגעשאַפט אַ סך גוטע פריַינד, פערזענלעכע און געשעפטלעכע, וועלכע זענען מיר שטאַרק צו הילף געקומען, ווען איך האָב מיט אַ צייַט שפּעטער געמוזט צוריק לויפן קיין ליטע.

נאָך צוויי חדשים, ווען מײַן קאָנטראַקט האָט זיך געענדיקט, האָב איך זיך געזעגנט מיט מײַנע נײַע פֿרײַנד, מיט דעם בעל־הבית ביילענקי, וועלכער האָט מיר געקלאַפּט אין דער פּלייצע און געשריגן: „פּאַולאָס, דו האָסט אײַנגענומען אַ נײַע מדינה". איך האָב זיך אויך געזעגנט מיט שׂרה רוזגאַ (כ'האָב זי מיט יאָרן שפּעטער געטראָפֿן אין קיטאָ, עקוואַדאָר, מיט איר מאַן) און בין צוריקגעפֿאָרן אַהיים קיין וואַרשע.

אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן באַווײַזן זיך בײַ מײַן טיר צוויי געהיים־אַגענטן. זיי ווײַזן מיר זייערע לעגיטימאַציעס און באַפֿוילן מיר, איך זאָל גיין מיט זיי. כ'האָב זיך, נאַטירלעך, שטאַרק דערשראָקן און זיי געפֿרעגט „פֿאַר וואָס?" האָבן זיי געענטפֿערט: „דו וועסט שוין זען. פּאַק אײַן דײַנע זאַכן", „פֿאַרגעס נישט דײַן מוזיק" — גיט צו דער צווייטער. דאָס האָט מיך אַ ביסל באַרויִקט. אײַנגעפּאַקט מײַן טשעמאָדאַן און גיי מיט זיי. אויפֿן וועג דערקען איך, אַז מען פֿירט מיך צו דער באַן, וואָס גייט קיין לאָדזש. בײַם דורכגאַנג באַווײַזן זיי פּאַפּירן און לויט ווי די אָפֿיצירן קוקן אויף מיר, פֿאַרשטיי איך, אַז איך בין אַרעסטירט. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען זיי פֿירן מיך צו אין לאָדזש צו דעם „סקאַלאַ"־טעאַטער און פֿירן מיך אַרײַן צו דעם דירעקטאָר קופּערמאַן.

— נאַט אײַך — זאָגן זיי צו אים — אָט האָבן מיר אײַך געבראַכט אײַער פֿויגל.

פֿאַר מיר האָבן זיי זיך אַנטשולדיקט און זענען אַוועק.

קופּערמאַן האָט זיך צעלאַכט:

— ווי געפֿעלט דיר מײַן קונץ? — פֿרעגט ער, און דערלאַנגט מיר די האַנט, — ער האָט געמוזט מאַכן אַזאַ טריק, כּדי מיך אַרײַנצוברענגען קיין לאָדזש. פֿאַר וואָס? לאָדזש איז דאַן געווען פֿאַררעכנט ווי אָסט־דײַטשלאַנד און עס איז געווען אַבסאָלוט פֿאַרבאָטן אַרײַנצוקומען פֿון וואַרשע קיין לאָדזש אָן אַ דערלויבעניש. אַזוי ווי אַזאַ מין דערלויבעניש האָט מען נישט געקענט באַקומען און ער האָט מיך שטאַרק געוואָלט ווי אַן אַטראַקציע צו זײַן נײַעם וואַריעטע־רעווי־טעאַטער און זיך מיט מיר נישט געקענט פֿאַרבינדן, איז ער געפֿאַלן אויף אַ המצאה: ער האָט באַצאָלט זײַנע צוויי פֿרײַנד, די צוויי דעטעקטיוון, זיי זאָלן מיך אַרעסטירן און אַזוי אַרום מיך ברענגען צו אים קיין לאָדזש.

דערהערנדיק די געשיכטע האָב איך זיך שוין אַליין צעלאַכט. די מעשׂה איז מיר איצט גראַד געפֿעלן. איך האָב שוין פֿון לאַנג געוואָלט שפּילן אין לאָדזש. לאָדזש איז געווען אײנע פֿון די בעסטע טעאַטער־שטעט.

שפּילנדיק דאָן בײַ קופּערמאַנען אין „סקאַלאַ"־טעאַטער די פּאָר חדשים האָבן מיר זיך שטאַרק באַפֿרײַנדט. איך בין אויך נאָענט באַפֿריינדט געוואָרן מיט זײַן

פרוי פּאַולאַ (לעבט היינט אין מעקסיקע און אונדזער משפּחה זעט זיך מיט איר אָפט). זי האָט געהאַט אַ שוועסטער ליאָלאַ פּאַטראַני, זייער אַ פיינע סוברעטין.

הכלל, ליאָלאַ פּאַטראַני איז אין לאָדזש אויפגעטראָטן מיט מיר צוזאַמען אין דער רעווי אין „סקאַלאַ"־טעאַטער. זי האָט געזונגען סיי אויף ייִדיש, סיי אויף דייטש.

שפּילנדיק דאָן אין לאָדזש בין איך אויך געוואָרן אַ גוטער חבר מיט אַ פּוילישן קריסטלעכן יונגן־מאַן, וועלכער האָט גערעדט ייִדיש ווי אַ ייִד. זיין נאָמען איז געווען עוגעניוש באָדאָ. זיין פאָטער איז געווען דער אייגנטימער פון אַ קינאָ און ער, באָדאָ, איז געווען זייער אַ טאַלאַנטירטער קאָמיקער און זינגער. ער איז מיט דער צייט געוואָרן איינער פון די גרעסטע נעמען אין פּוילישן טעאַטער און פילם צוזאַמען מיט זיין שותּף דימשאַ.

אין לאָדזש איז דאָן געווען אַ פּאָפּולערער טעאַטער, אָנגעפירט פון די סטאַרן יוליוס אַדלער, עמיליאַ אַדלער און הערמאַן שעראַצקי צוזאַמען מיט זיין פרוי זינאַ גאָלדשטיין.

מען האָט דערציילט, אַז זיי האָבן אין לאָדזש פאַרדינט פאַרמעגנס מיט געלט, געפאָרן אין אייגענע קאַרעטעס, פלעגן שטעלן גרויסע סומעס געלט אויף פערד און געלעבט ווי קיסרים. זיי פלעגן ברענגען יעדן סעזאָן די בעסטע פּיעסעס פון אַמעריקע און זיי אויפפירן אַזוי ווי אויף סעקאָנד עוועניו אין ניו־יאָרק, מיט אַ כאָר און טענצערס.

איך בין געגאַנגען צו זיי אין טעאַטער זען די פאָרשטעלונג „טרילבי", אָדער ווי מען רופט זי אויך „סווענגאַלי". נאָך דער פאָרשטעלונג בין איך אַוועק הינטער די קוליסן זיך באַקענען מיט זיי און איך געדענק נאָך ביזן היינטיקן טאָג וואָס פאַר אַן איינדרוק די שיינע פיר מענטשן האָבן געמאַכט אויף מיר. איבער הויפּט די שיינקייט, די מאַיעסטעטישקייט פון עמיליאַ אַדלער. זי איז געווען אַזוי שיין, אַז איך האָב די אויגן נישט געקאָנט אַראָפּנעמען פון איר. פון דעם טיף אויסגעשניטענעם דעקאָלט האָט אַרויסגעשטראַלט אַן אַלאַבאַסטער־ווייסער בוזעם. זי האָט מיך באַצויבערט. איך האָב נאָך אַזאַ פרוי ביז דעמאָלט נישט געהאַט געזען.

רעדנדיק וועגן אַדלערן מיט שעראַצקין קאָן איך נישט דורכלאָזן אַ ווונדער־לעכן קאָמישן טעאַטער־אַנעקדאָט, וועלכן איך פלעג דערציילן איבער דער גאַנצער וועלט:

ביי זיי אין טעאַטער האָט געזונגען אַ כאָריסט מיטן צונאָמען טשיזשיק באַס. טשיזשיק איז געווען זיין פאַמיליע־נאָמען און באַס, ווייל ער האָט געזונגען און גערעדט אויף אַ גאָר טיפן באַס. ער פלעגט בעטן ביי די בעלי־בתים זיי זאָלן אים געבן אַ ראָלע אַחוץ זינגען אין כאָר.

ער איז אַזוי לאַנג דערגאַנגען די יאָרן, ביז אין איינעם אַ טאָג האָט מען אים פאַרגעלייגט:

— טשיזשיק, ס׳איז דאָ פּאַר דיר אַ ראָלע (טאַקע אין דער פֿאַרשטעלונג „טרילבי״). דו קומסט אַרויף און פֿאַרנייגסט זיך פֿאַר דער קעניגין און זאָגסט: „די גיפט־מישערין מוז פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ״.

ער דרייט זיך אַרום הינטער דער בינע און חזרט אײַן די ראָלע אויף זײַן טיפֿן באַס־קול: „די גיפט־מישערין מוז פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ״, „די גיפט־מישערין מוז פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ״.

זאָגט אים דער בינע־מײַסטער:

— טשיזשיק, שטילער, מען שפּילט דאָך.

ענטפֿערט ער מיט אַ טענה:

— כ׳מוז דאָך אײַנשטודירן די ראָלע.

און אָט זאָגט מען אים:

— טשיזשיק, גרייט זיך צו. דו גייסט באַלד.

ער גייט זיך אַזוי ברייטלעך אַרויף אויף דער בינע, פֿאַרנייגט זיך און זאָגט מיט זײַן באַסשטים:

— די גיפט־פּישערין מוז פּלאַצן.

דער גאַנצער עולם איז אַרײַן אין אַ היסטעריע פֿון געלעכטער. עמיליאַ אַדלער, די קעניגין, האָט אָוועקגעחלשט און יוליוש אַדלער האָט געשריִען: „לאָזט אַראָפּ דעם פֿאַרהאַנג!״

אָט די געשיכטע איז בײַ מיר געוואָרן אַ גאַנגבאַרער וויץ יאָרן־לאַנג. ווו מען פֿלעגט דערציילן טעאַטער־מעשׂיות, פֿלעג איך דערציילן וועגן טשיזשיקן און אַלע פֿלעגן לאַכן.

מיט יאָרן שפּעטער, אין 1955, בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן צו שפּילן אין יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפֿריקע. געבראַכט האָט אונדז אַהין אַ פֿאַבריקאַנט מיטן נאָמען פֿאַלקענשטיין. געשפּילט האָבן מיר די פּיעסע „זינג ישׂראל, זינג״. אין איינעם אַ טאָג האָט אונדז פֿאַלקענשטיין פֿאַרבעטן צו זיך אין דער פֿאַבריק אויף מיטאָג און אונדז פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זײַנער אַ באַקאַנטער דאַמע, אַ דיקלעכע פֿרוי. נאָך עטלעכע שנאַפּסן איז מען געוואָרן פֿריילעך און אָנגעהויבן זיך דערציילן וויצן. געענדיקט דערציילן די געשיכטע מיט טשיזשיק באַס, ברעכן אַלע אויס אין אַ געלעכטער. נאָר זי, די ייִדענע, זיצט פֿאַרשטיינערט, מיט אַן ערנסט פּנים, און רירט זיך נישט פֿון אָרט. אַלע קוקן זי אָן. „וואָס איז?״ — פֿרעג איך זי. ענטפֿערט זי מיר מיט קאַלטע, בייזע בליקן: „טשיזשיק איז געווען מײַן ברודער״. זי איז געווען אַ לאָדזשער, מיט דער באַגעגעניש האָט זי מיר קאַליע געמאַכט מײַן „טשיזשיק־געשיכטע״. ס׳האָט זיך מיר עפּעס נישט געגלוסט מער דאָס צו דער־ציילן.

7. דוד צעלמײַסטערס טרופּע
און דער טאַטע מיט די זיבן טעכטער

אין וואַרשע אויף דער לעשנע־גאַס נומער 1 האָט זיך געפונען דער צענטראַל־טעאַטער אונטער דער לייטונג פון דוד צעלמײַסטער און מאַקס ברין.

דוד צעלמײַסטער איז געווען איינער פון די פעיִקסטע דירעקטאָרן, וואָס איך האָב אין מײַן לעבן באַגעגנט. ער איז מיט דער צײַט געוואָרן דער „שובערט" פון יידישע טעאַטערס און קאַבאַרעטן אין וואַרשע, און אויך אין לאָדזש. מיט אים טאַקע בין איך געווען פאַרבונדן לאַנגע יאָרן. מיר איז געבליבן פון אים בריוועלעך, באַגריסונגען צו מײַן דערפאָלג, וואָס ער האָט מיר געשיקט, ווען איך פלעג כמעט יעדן זומער קומען צו אים פון אַמעריקע, שפּעטער, אויף גאַסטראָלן. אונדזער פרײַנדשאַפט האָט אָנגעהאַלטן ביז די נאַציס האָבן פאַרנומען פּוילן. איך האָב שפּעטער געהערט, אַז ער איז געשטאָרבן אין טערקײַ, אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

אין דער צײַט ווען איך האָב געשפּילט בײַ קופּערמאַנען אין „סקאַלאַ"־טעאַטער, איז בײַ צעלמײַסטערן אין צענטראַל־טעאַטער אויפגעטראָטן אַן אָפּערעטע־טרופּע בראש מיט מיכאל מיכאַלעסקאָ. די טרופּע האָט אויפגעפירט אַלע מאָדערנע אָפּערעטעס פון עמעריך קאַלמאַנס רעפּערטואַר, „די טשאַרדאַש־פירשטין", „באַיאַדעראַ", „די רויז פון איסטאַנבול" און צוזאַמען מיט מיכאל מיכאַלעסקאָ (וועלכער איז נישט לאַנג נאָך דעם אַוועק קיין אַמעריקע, ווו ער איז געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע סטאַרן), האָבן אויך מיטגעשפּילט לעאָן כאַראַז, דוד לעדערמאַן, פיליפּ לאַסקאָווסקי (שפּעטער געוואָרן אַ מוזיקאַלישער דירעקטאָר אין אַמעריקע), אַ דײַטשע סוברעטין מיטן נאָמען מיצי האַפּע און אויך דער מוזיק־דירעקטאָר שמואל ווײַנבערג.

פונקט דאַן איז פון אַמעריקע געקומען צו פאָרן קיין וואַרשע אַ פּאָר־פּאָלק גאַסטראָלירן. זייערע נעמען זענען געווען סאַלאַמאָן און סאָניאַ קוסטין. ער איז געווען אַ באַרימטער קליינקונסט־אַרטיסט. איז צעלמײַסטערן אײַנגעפאַלן אַ פּלאַן: אַזוי ווי די מיכאַלעסקאָ־טרופּע האָט שוין געהאַלטן בײַם ענדיקן איר סעזאָן, וועט ער זי אַרויסשיקן אויף דער פּראָווינץ און צו זיך אַרײַננעמען די קוסטינס מיט אַ קליינקונסט־רעוויו. ער האָט אָנגעהויבן אַנגאַזשירן שוישפּילערס און אַזוי ווי ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אין לאָדזש, האָט צעלמײַסטער געשיקט נאָך מיר. צו יענער צײַט איז שפּילן אין צענטראַל־טעאַטער אין וואַרשע געווען פּונקט ווי הײַנט אויפטרעטן אויף בראָדוויי, אָדער אין האָליוווּד.

בין איך אַוועק צו קופּערמאַנען און אים געבעטן ער זאָל מיך אַרויסלאָזן פון קאָנטראַקט, כדי איך זאָל נישט פאַרלירן אַזאַ געלעגנהייט. ער האָט אײַנגע־

שטימט. איך האָב זיך געזעגנט מיט אַלע גוטע פרײַנד און צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע.

אונדזער רעוויו האָט געהייסן „די פריילעכע קונדייסים". איך פלעג אַליין פאַר זיך אָנשרײַבן מײַן אייגענעם מאַטעריאַל. דאָס ליד „הושאַ שושאַ" איז דאַן געווען שטאַרק פּאָפּולער אויף פּויליש. האָב איך עס איבערגעזעצט און געזונגען אויף ייִדיש.

פון מײַן פּען זענען אויך פּאָפּולער געוואָרן אַזעלכע לידער ווי „די זיבן טעכטער", „די מאַרמעליאַדע", „מיט אַ שטעקן זיך אונטערצושפּאַרן", „דאָס פּאַסיקל" (אַ פּאָליטיש ליד וועגן געלט־אינפלאַציע) און נאָך אַ ליד, וואָס האָט געהייסן „דודל דער פּאָפּולער" (אַ ליד וואָס איך פלעג מיט יאָרן שפּעטער זינגען פאַר מײַן אייניקל דודל).

ווײַל איך בין דאָך דודל דער פּאָפּולער,
שיינער הער, קאַוואַליער,
דודל אַהין און דודל אַהער,
דודל איז פּאָפּולער,
איַי, איַי, איַי. אאַז"וו.

צוזאַמען מיט מיר אין דער רעוויו איז אויפגעטראָטן אַ יונגע סוברעטין פון לאָדזש, אַ שיינהייט פון אַ מויד, אידאַ ערוועסט. זי איז געווען אַ קופּלעטיסטין. פלעגט אויפטרעטן אין קורצע ווײַסע הויזן מיט לאַנגע שוואַרצע זאָקן. דאָס איז דאַן געווען אין דער מאָדע.

געשפּילט האָבן מיר „די פריילעכע קונדייסים" מער ווי צוויי חדשים אין צענטראַל־טעאַטער מיט גרויס דערפאָלג און דאַן האָט אונדז צעלמײַסטער אַרויסגעשיקט אויף דער פּראָווינץ מיטן געשעפט־פירער דזשעק באַדאַש. אונדזער ערשטע שטאָט אויף דער רײַזע איז געווען לובלין. דאָרט האָבן מיר געשפּילט אין דעם רוסאַלקאַ־טעאַטער.

בעת דער ערשטער פאָרשטעלונג, ווען כ'האָב אָנגעהויבן זינגען מײַן ליד „די זיבן טעכטער", איז דער זאַל אויפגערודערט געוואָרן פון געלעכטער און הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, אַז איך אַליין האָב זיך געוווּנדערט, וואָס קומט דאָ פאָר? דאָס ליד דערציילט פון אַ טאַטן, וואָס פאַרמאָגט זיבן טעכטער און קען זיי נישט חתונה מאַכן אָן נדן. נו, גיי ווייס, אַז אין לובלין געפינט זיך אַ רעסטאָראַן, וואָס ייִדן רופן אים מיטן גראָבן צונאָמען „דער טאַטע מיט די פערצן ציצן". ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער אייגנטימער האָט זיבן טעכטער, פּונקט ווי אין מײַן ליד, און ער האָט צרות פון זיי און קען זיי נישט חתונה מאַכן. האָב איך מיט מײַן קופּלעט אַרײַנגעטראָפן און דערפאַר האָט דער עולם אַזוי געלאַכט.

נאָך דער דריטער פאָרשטעלונג האָבן צוויי סאָלדאַטן מיך אַרעסטירט און אָפּגעפירט צום לובלינער קאָמענדאַנט. די טרופּע, נאַטירלעך, האָט זיך שטאַרק

דערשראָקן און געשיקט דעם געשעפט־פירער ער זאָל מיט מיר מיטגיין. אַרײַנ־געקומען צום דײַטשן קאָמענדאַנט, האָט ער מיך גלײַך געפרעגט וואָס פאַר אַ לידער איך האָב געזונגען אין טעאַטער און צי איך האָב אַ דערלויבעניש פון דער צענזור?

דער געשעפטס־פירער איז אַוועק ברענגען די דערלויבניש און איך האָב דערווײַל אויפגעזונגען פאַרן קאָמענדאַנט דאָס ליד וועגן די זיבן טעכטער:

איך קען אַ געוויסן מאַן,
בײַ אים איז פאַראַן
זיבן טעכטער שיין און פײַן,
נאָר קיין נדן האָט ער נישט געהאַט.
עס וואָלט אויך נישט געשאַדט,
ער וואָלט זיי אַלע גיך באַשטאַט
אין אַ קורצער צײַט,
כ׳זאָג אײַך ס׳איז קיין געלעכטער,
אַז מ׳האָט זיבן טעכטער.
כ׳וועל זיי אײַך נישט פאַרשעמען
און פאַרשטעלן אויך זייערע נעמען,
חנה הייסט קאַראָלינע,
שׂרה זאָגט זי הייסט סאַבינע,
מאַטל שרײַט: איך הייס מאַניע,
פריידל שרײַט: רופט מיך פראַניאַ,
זיסל שרײַט: איך הייס זאָשע
און אַלע זענען נעבעך בעז גראָשע...

דער קאָמענדאַנט האָט שטאַרק געלאַכט. דאָס ליד איז אים געפעלן. „זייער שיין, נאָר דאָס איז אַלץ?“ — פרעגט ער. „יאַוואָל“ — פאַרזיכער איך אים.

דזשעק באַדאַש האָט שוין געהאַט געבראַכט די צענזור־דערלויבעניש און דער קאָמענדאַנט קוקט זי איבער און זעט, אַז איך זאָג דעם אמת. ער האָט מיר דערלויבט ווײַטער צו זינגען דעם קופּלעט.

צוריקגעקומען אין טעאַטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט דער טאַטע פון די זיבן טעכטער מיך געמסרט, ווײַל צופעליק האָב איך גענוצט די נעמען פון 4 פון זײַנע טעכטער, זייערע אמתע נעמען. דעם זעלביקן טאָג האָב איך זיך נישט געפוילט, אויסגעפונען אַלע זיבן ריכטיקע נעמען פון די זיבן טעכטער און זיי אַרײַנגעשטעלט אין מײַן ליד, זאָל דער רעסטאָראַטאָר וויסן ווי מען ווערט באַשטראָפט פאַר מסרן אַ ייִדישן אַקטיאָר.

דער סוף איז געווען, אַז איך האָב אָפּגעדרוקט דאָס ליד מיט מײַן בילד אויף אַ קאַרטל און גאַנץ פוילן האָט געזונגען „די זיבן טעכטער“.

ווען מיר האָבן געשפּילט אין לובלין האָבן זיך קוסטין און יעדוואַב דערוווּסט, אַז עס געפינט זיך דאָרט אַ יידיש הײַזל מיט פּראָסטיטוטקעס און מיט אַן אייגענעם קאַבערעט. האָבן זיי באַשלאָסן צו גיין אַהין נעמען אַ טרונק. זאָגט קוסטינאָווא: „איך וויל דאָס אויך זען". זאָגט אידאַ ערוועסט: „אָן מיר גייט איר נישט". דער סוף איז געווען, אַז כּמעט די גאַנצע טרופּע איז געגאַנגען „באַוווּנדערן" וואָס עס קומט דאָרט פאָר. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין קאַבאַרעט און באַשטעלט געטראַנקען. דערווײַל האָבן די פּראָפעסיאָנעלע מיידלעך געזוכט צווישן עולם קונים. פּלוצעם כאַפּט אָן איינער פון די געסט אידאַ ערוועסט בײַ דער האַנט: „קום מיט מיר". איך האָב דיך אויסגעקליבן". ס'איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל, ביז מען האָט דעם מאַן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אידאַ איז דאָרט נישט קיין „אַרבע־טאָרין", אַז זי איז אַ שוישפּילערין און איז געקומען פאַרברענגען אין קאַבאַרעט. שפּעטער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר אַ יונג שיין מיידל און פאַרטרויט מיר אַ סוד, אַז זי וויל זיך אַרויסרײַסן פון דעם גהינום, נאָר אַזוי ווי אַ שקלאַפן־הענדלער האָט זי פאַרקויפט צו דער בעל־הביתטע, קען זי נישט אַרויס. סײַדן עמעצער וויל מיט איר חתונה האָבן. דאַן וועלן זיי מורא האָבן פאַרן געזעץ און מען וועט זי באַפרײַען. זי בעט מיך איך זאָל זי ראַטעווען. בלויז „פּיקטיוו", זאָגן דער בעל־הביתטע, אַז איך וויל מיט איר חתונה האָבן.

די אַקטיאָרן האָבן מיך געראַטן איך זאָל נישט זיין קיין משוגענער און זיך נישט שטעלן אין סכּנה. אָבער איך האָב אַזוי רחמנות געהאַט אויפן מיידל, אַז איך האָב געפילט, איך מוז זי ראַטעווען. בין איך צוגעגאַנגען צו דער גראָבער בעל־הביתטע און גענומען שפּילן פאַר איר טעאַטער, אַז דאָס מיידל איז מײַן כּלה נאָך פון פריִער און איך וויל מיט איר מאָרגן שטעלן אַ חופּה. אַ פּנים זי האָט מיר געגלויבט. אויף מאָרגן בין איך געקומען נאָך איר און זי אַוועקגענומען פון דאָרטן. איך האָב געזאָגט דער בעל־הביתטע, אַז די חופּה וועט פאָרקומען אין ביאַליסטאָק, ווײַל מיר האָבן טאַקע געהאַלטן בײַם פאָרן אַהין און דאָס מיידל איז צופעליק געווען אַ ביאַליסטאָקערין. זי איז פאַרבליבן מיט אונדז ביז מיר האָבן געענדיקט שפּילן און אַוועק קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָבן מיר זי איבערגעלאָזט און געפאָרן ווײַטער.

אַזוי האָב איך אַרויסגעראַטעוועט אַ יידישע נשמה פון שקלאַפערײַ.

8. מיט הערמאַן יאַבלאָקאָף אין גראָדנע

פון לובלין זענען מיר געפאָרן קיין ביאַליסטאָק און פון ביאַליסטאָק קיין גראָדנע. דאָרט האָבן מיר געשפּילט אין דעם שטאָט־טעאַטער.

אין גראָדנע האָב איך זיך באַקענט מיט אַ יונגן בחור, וועלכער האָט געשפּילט אין אָרקעסטער אויף אַ קעסלפּויק. עס איז אַוודאי געווען באַשערט, אַז די פרייַנדשאַפט צווישן אונדז זאָל אָנהאַלטן אַ גאַנץ לעבן. ער איז שפּעטער, אין אַמעריקע, געוואָרן אַ באַרימטער אַקטיאָר, זינגער, טעאַטער־דירעקטאָר, פּרעזי־דענט פון יידישן אַקטיאָרן־פאַראיין אין אַמעריקע... זייַן נאָמען איז הערמאַן יאַבלאָקאָף.

דעמאָלט, אין גראָדנע, האָט זיך אַנטוויקלט אַ סימפּאַטיע צווישן אונדז. איך האָב געזונגען אויף דער בינע און „יאַבי" (ווי מען האָט אים גערופן) האָט געקלאַפּט אויף זייַן קעסלפּויק.

פון גראָדנע זענען מיר געפאָרן קיין ווילנע. אין ווילנע האָט זיך דאָן געפונען אַ יידיש טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון איינעם מיטן נאָמען אַ. ליפּאָווסקי. מיר האָבן געזוכט אַ טעאַטער און נישט געקענט געפינען, ביז עמעצער האָט אונדז רעקאָמענדירט דעם „קרענגעל"־זאַל. דאָס איז געווען אַ זייער גרויסער און שיינער זאַל, מיט אַ בינע, אָבער קיין דעקאָראַציעס האָט דער זאַל נישט פאַרמאָגט. האָבן די אַקטיאָרן אַליין זיך אַוועקגעשטעלט און געהאָלפן בויען דעקאָראַציעס.

געשפּילט האָבן מיר כמעט אָן רעקלאַמע, ווייַל דער דערמאָנטער ליפּאָווסקי, דער דירעקטאָר פונעם אַנדערן טעאַטער, האָט באַפוילן די צייַטונגען נישט אָנצונעמען אונדזערע אַנאָנסן. אַזוי ווי מיר זענען געווען פרעמדע און ער האָט געפירט אַ שטענדיק טעאַטער, האָט מען אים געפאָלגט. וואָס זשע טוט מען אין אַזאַ פאַל? האָבן מיר געמוזט דרוקן אַ פלוגבלעטל, אָדער אַ „לעטוטשקע" מיט אונדזער אַנאָנס און אַליין צעטיילן אין די גאַסן, אין דער יידישער געגנט.

אָנגעהויבן שפּילן האָבן מיר, געדענק איך, אין אַ מיטוואָך. אין יענעם טאָג בין איך נאָך געשטאַנען אויף דער בינע און געענדיקט אַרבעטן איבער די דעקאָראַציעס. מיר האָבן פאַרוואַנדלט דעם „קרענגעל"־זאַל אין אַן אמתן טעאַטער. איצט דאַרפן מיר אים בלויז אָנפילן מיט מענטשן.

דער זייגער איז שוין אַכט און מיר דערוויסן זיך, אַז די קאַסע האָט נאָך נישט געלייזט קיין איין גראָשן. זאָג איך צו קוסטינען: אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן מיר זאָלן אָפּלייגן די פאָרשטעלונג? כ'האָב מורא ס'וועט נישט זייַן פאַר וועמען צו שפּילן. ענטפערט ער: ניין, מען טאָר קיין פאָרשטעלונג נישט אָפּרופן; אַפילו ווען מען זאָל דאַרפן שפּילן פאַר בלויז פיר מענטשן, מוז מען זיי געבן אַזאַ גוטע פאָרשטעלונג, אַז עס זאָל קלינגען פון איין עק ווילנע ביז דעם צווייטן.

דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע לערע. איך האָב קוסטינס ווערטער קיין מאָל נישט פאַרגעסן און דער „מאָטאָ" איז מיר זייער אָפט צו נוץ געקומען אין מייַן לעבן.

די אַקטיאָרן זענען שוין אַלע אָנגעקומען און מען האָט אָנגעהויבן זיך אָנטאָן און זיך צוגרייטן צו דער פאָרשטעלונג. כ'האָב אַרויסגעקוקט צום פּובליקום: עס זיצן נישט מער ווי פיר מענטשן. נאָכן צווייטן „זוואָנאָק" — זענען שוין צוגעקומען

נאָך אַ פּאָר, אפשר צוועלף מענטשן צוזאַמען. שטעלט אײַך פֿאָר ווי ס'האָט אויסגעזען. צוועלף מענטשן אין אַ זאַל, וואָס איז גרויס גענוג פֿאַר אַכט הונדערט. נאָכן דריטן סיגנאַל — ס'קומען צו נאָך עטלעכע... הכּלל, מיר האָבן אויפֿגעהויבן דעם פֿאָרהאַנג פֿאַר צוואַנציק מענטשן.

— קינדער, האָט צו אונדז געזאָגט קוסטין — מיר מוזן הײַנט געבן אַזאַ שפּיל, ווי עס וואָלט געווען אַ פֿולער זאַל, מיט פֿײַער! איר הערט? ווען נישט זענען מיר פֿאַרלוירן.

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אַ סקעטש, אַן אײנאַקטער פֿון מאיר שוואַרץ, וואָס הייסט „דרײַ מינוט טויט"...

אין שפּילן האָבן מיר געפֿילט אַ וואַרעמקייט פֿון דעם עולם, אַ מין סימפּאַטיע. אַ סימן, אַז עס געפֿעלט. נאָך דעם קומט דער עיקר, דער קאָנצערטטייל. אידאַ ערוועסט באַווײַזט זיך אין אירע קורצע ווײַסע הייזלעך און אין לאַנגע שוואַרצע זאָקן. יונג, שיין, חנעוודיק, נאָך מיט אַ גוטער שטים דערצו, אַז סײַ די מענער און סײַ די פֿרויען זענען אַנטציקט געוואָרן. מען האָט זי פּשוט נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון דער בינע. נאָך איר זענען אַרויס דאָס פּאָרל טענצער קראַסנאָף. ווידער אַ גרויסער דערפֿאָלג. און נאָך זיי דער מאָנאָלאָגיסט הערשל יעדוואַב. ער איז געווען איינער פֿון די גרעסטע טאַלאַנטן אין טעאַטער. ביזן הײַנטיקן טאָג קאָפּירן אים עטלעכע דערפֿאָלגרײַכע קאָמיקערס און ס'איז טאַקע געווען פֿון וועמען צו לערנען.

יעדוואַב איז אַרויסגעקומען אין אַ רויטער פּאַטשיילע און האָט גערעדט מיטן לאָדזשער דיאַלעקט, וואָס האָט באַזונדערס פֿאַר ליטוואַקעס געקלונגען זייער קאָמיש. זײַן פּראָגראַם איז באַשטאַנען פֿון פּאָליטישע מאָנאָלאָגן, וועלכע ער פֿלעגט אַליין אָנשרײַבן וועגן די דײַטשן. ער האָט געשריבן אַזוי שאַרף, אַז נישט איין מאָל פֿלעגט ער ווערן אַרעסטירט און באַשטראָפֿט פֿאַר זײַנע אײַנפֿאַלן. וועגן אים, הערשל יעדוואַב, פֿלעגט מען דערציילן אַ מעשׂה: זײַן ווײַב האָט אים אין איינעם אַן אָוונט געהייסן אַרויסגיין פֿאַרמאַכן די לאָדנס, איז ער צוריק־געקומען צוויי וואָכן שפּעטער...

דער לעצטער אין פּראָגראַם בין איך געווען מיט מײַנע קופּלעטן. איך האָב דעם עולם אײַנגענומען מיט מײַן זינגען און נאָך מער מיט מײַן פֿײַפֿן, איז דער עולם געוואָרן פּשוט באַגײַסטערט.

מיט אונדזער ערשטן אויפֿטריט האָבן מיר אײַנגענומען די שטאָט ווילנע מיט שטורעם. ווען סאָלאָמאָן קוסטין האָט נאָך דעם קאָנצערט־טייל געפֿרעגט דעם „עולם": וואָס זאָגט איר צו אונדזער פּראָגראַם און צו אונדזערע שוישפּילער? האָט דער עולם געענטפֿערט מיט אַן אָוואַציע.

אין דעם גאַנצן טומל איז אויך געווען פֿאַרטראַכטן די פּרעסע און אויף מאָרגן זענען אין די צײַטונגען געווען לויב־געזאַנגען מיט אַלע אונדזערע בילדער.

פּרײַטיק בײַ נאַכט איז שוין געווען אַ האַלב־פֿולער זאַל, דערפֿאַר איז שבת בײַ טאָג און בײַ נאַכט און זונטיק בײַ טאָג און בײַ נאַכט געווען אויספֿאַרקויפֿט

דער גאַנצער זאַל. מיר האָבן דאָרט אַזוי גוט פֿאַרדינט, אַז אַלע האָבן זיך אויף ס'נײַ באַקליידט און באַנײַט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און באַצאָלט אַלע חובות. מען האָט אַהיים געשיקט געלט צו משפּחות און איך, נאַטירלעך, האָב געשיקט געלט צו מײַנע שוועסטער, פֿייגע און חיה־שׂרה, ווײַל אָן מײַן הילף וואָלטן זיי נישט געהאַט פֿון וואַנען צו לעבן.

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן געשפּילט אין ווילנע אַזוי לאַנג ביז עס זענען אַרײַן אין שטאָט די באָלשעוויקעס.

9. מיט די באָלשעוויקעס אין ווילנע און דער „יאָלד אין קאַפּעליוש"

נאָך פֿיר וואָכן שפּילן אין ווילנע האָבן מיר אין אַ געוויסן אָוונט געהאַט אַן אומגעריכטע איבערראַשונג: אין מיטן שפּילן איז אַרײַן אין טעאַטער אַ גרופּע באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן מיט ביקסן אין די הענט. איינער פֿון זיי האָט אויס־גערופֿן אין ייִדיש: „זיך נישט שרעקן און זיצן רויִק" און אונדז, די שוישפּילערס, באַפֿוילן אָנגיין ווײַטער מיט דער פֿאָרשטעלונג. די קאָמיסאַרן האָבן זיך אַוועק־געזעצט און געזען די גאַנצע פֿאָרשטעלונג. קוים מיט צרות געענדיקט שפּילן, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען זיך שאַ, שטיל אַרײַן קיין ווילנע, און די דײַטשן וועלן הײַנט, מאָרגן מוזן פֿאַרלאָזן די שטאָט.

די קאָמיסאַרן האָבן באַזוכט אַלע טעאַטערס און קאַבאַרעטן, אַלץ וואָס איז אין יענעם אָוונט געווען אָפֿן. נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָט זיך צו אונדז געוואָנדן דער ייִדישער קאָמיסאַר מיטן נאָמען פֿעלדמאַן און די גאַנצע טרופּע פֿאַרבעטן מיטצוגיין מיט אים און זײַנע קאָלעגעס אין אַ רעסטאָראַן אויף דעם „געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט". ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער איז אַ קאָמיסאַר פֿון „טשערעז־וויטשײַקע" („טשעקאַ"). דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן מיט זיי פֿאַרבראַכט אַ וווּנדערלעכן אָוונט און דער קאָמיסאַר פֿעלדמאַן האָט זיך פֿאַרליבט אין אידאַ ערוועסט. אויך זי איז צו אים געווען נישט גלײַכגילטיק. פֿעלדמאַן איז געווען אַ קראַסאַוויעץ פֿון אַ בחור, און טאַקע דאָס וואָס ער איז נאָך געווען אַ ייִדישער קאָמיסאַר דערצו, האָט פֿאַרשטאַרקט די ראָמאַנטישקייט פֿון דער סיטואַציע.

נאָך דעם פֿײַנעם אָוונטברויט זענען מיר צוריק אַוועק אין האָטעל, אָבער קיינער פֿון אונדז האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, די קאַנאָנאַדע האָט נישט געלאָזט שלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. די דײַטשן האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין אַ פֿאַרשטאָט. מיר האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן און אַראָפּגעלאָפֿן אויף דער גאַס. כ'בין געווען בײַגע־

ריק צו זען וואָס ס׳איז אַרויסגעקומען פון דער קאַנאָנען־שיסעריַי. ס׳האָט קיין צען מינוט נישט געדויערט ווי איך האָב פון דער וויַיטנס דערזען ווי די באָלשעוויקעס קומען אָן. און אויסגעזען האָט דאָס מיליטער מער ווי שלעפּערס איידער זעלנערס. זיי זענען געווען נאַקעט און באָרוועס. אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן אַלץ וואָס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט: אייניקע — „דאַמסקע שליאַפּעס״, אַנדערע — מיט אויסלענדישע היט אויף די קעפּ. קיין שיך אָדער שטיוול איז נישט געווען צו זען אויף די פיס. די לײַבער אָפּגעדעקטע ביז אין דער העלפט. די ביקסן מיט די קוילן־גאַרטלען זענען געהאָנגען איבער די נאַקעטע פּלייצעס.

אַזוי זענען זיי אַריַין אין ווילנע: שריַיענדיק, זינגענדיק און לאַכנדיק. ס׳איז געווען אַן אומפאַרגעסלעך בילד. פּלוצעם איז אַרויס אויף דער גאַס, גליַיך אַנטקעגן דעם האָטעל, אַ מאַן מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. אַ זעלנער, רײַטנדיק אויף אַ פערד, האָט אים באַמערקט און אויסגעשריִען מיט געלעכטער: „העי, טאָוואַרישטשי, וואָט אידיאָט יאָלד אין קאַפּעליוש״ (אָט גייט אַ יאָלד אין קאַפּעליוש). אַז איך האָב דאָס דערהערט בין איך גליַיך אַריַין אין אַ טויער אויף דער צווייטער זיַיט גאַס, אַרויסגענומען מיַין אייביק גרייטן בליַיפעדער און מיַין שריַיבביכעלע, זיך אָוועקגעשטעלט נעבן אַ וואַנט און פאַרפאַסט דאָס ליד „גייט אַ יאָלד אין אַ קאַפּעליוש״. טאַקע דאָס זעלבע ליד, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז גאַנץ פּוילן האָט עס געזונגען:

גייט אַ יאָלד אין קאַפּעליוש
און טראָגט אַ פאַפּירענע מאַנישקע,
ער גייט אַריַין אין דער ביליקער קיך
און שטאָפּט זיך אָן די קישקע.
ר׳איז אַ שוואַרצער, נישט קיין געלער,
ער האָט דאָך נישט קיין העלער,
ער איז אַ יאָלד אין אַ קאַפּעליוש
און לעקט אויס אַלע טעלער.

אָט דאָס ליד איז טאַקע געוואָרן איינע פון מיַינע גרעסטע שלאָגערס.

ביַי די באָלשעוויקעס אין ווילנע האָט אונדז, אַקטיאָרן, גאַרנישט געפעלט. יעדן טאָג האָט קאָמיסאַר פעלדמאַן געזאָרגט דערפאַר, מיר זאָלן באַקומען אַ „פּאַיאָק״, אַ דערלויבעניש אַנצוקומען אין אַ ספּעציעלער קיך, ווו מיר פלעגן באַקומען עסן. מיטן איַינשטעלן די נײַע אָרדענונג האָבן מיר באַקומען אַלץ, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט.

מיט די „בורזשויען״, די רײַכע, אָדער אַנטלאָפענע מיט געלט פון פאַרשידענע ערטער, מיט זיי איז געווען גאָר אַן אַנדערע געשיכטע. זיי האָבן אַפילו פאַר זייער געלט גאַרנישט געקאָנט באַקומען. עס איז פאַר זיי אַפילו געווען אַ געפאַר זיך צו באַוויַיזן אויף דער גאַס.

געוווינט האָבן מיר דאַן אין „פּאַלאַס"־האָטעל, נישט ווײַט פון זאַלקינדס געשעפט, אויף דער דײַטשער גאַס (מיט איינעם פון דער זאַלקינד־משפחה, לוסיא, בין איך באַפרײַנדט ביזן הײַנטיקן טאָג. איך האָב אים געטראָפן אין מאָנטעווידעאָ מיט יאָרן שפּעטער). אַ סך שפּעטער, אין 1939, ווען איך האָב געשפּילט אין ווילנע מיט ליליאַן לוקס, מײַן איצטיקע פרוי, זענען מיר אויך אײַנגעשטאַנען אין זעלבן האָטעל און דאָס האָט דערוועקט זיסע דערינערונגען.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין אונדזער האָטעל, אויפן צווייטן שטאָק, ליגט אַן עלטערער אַקטיאָר, איינער אַלייז, אַ קראַנקער. קיין ראָלע האָט עס ביי מיר נישט געשפּילט, יונג בין איך געווען, בין איך שנעל צוגעלאָפן אין דער קיך און גענומען פאַר אים אַ קעסעלע זופּ מיט אַ פּערטל ברויט. איך פלעג אים אַזאַ פּאָרציע ברענגען יעדן טאָג ביז ער איז געזונט געוואָרן. דאָס איז געווען דער אַקטיאָר אַדאָלף שטרײַטמאַן. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך מיט אים און זײַן פרוי העלענאַ און זייער זון מישאַ (אַ טאַלאַנטירטער קאָמפּאָזיטאָר, יונג אַוועק פון דער וועלט) געשפּילט אין בוענאָס־אײַרעס. ער האָט מיר דערמאָנט: „איך האָב דיך קיין מאָל נישט פאַרגעסן, פּסחקע, דו האָסט מיך דערהאַלטן ביי דער נשמה ווען איך בין געווען אַזוי שטאַרק קראַנק אין ווילנע".

איין מאָל, ווען איך בין צוריק אַראָפּגעלאָפן פון שטרײַטמאַנס צימער אין „פּאַלאַס"־האָטעל, נאָכן ברענגען אים די פּאָרציע עסן, גיי איך מיר אַזוי פײַפנדיק. פּלוצעם, אויפן ערשטן שטאָק, באַווײַזט זיך פאַר מיר אַ מאַן. ער האָט מיך איבערראַשט מיט זײַן פּלוצעמער ווענדונג. איך האָב אים גלײַך דערקענט, אַז ער איז איינער פון די אײַנוווינער אין האָטעל צוזאַמען מיט זײַן פרוי. איך פרעג אים, וואָס איך קען פאַר אים טאָן? קוקט ער זיך אַרום צי קיינער הערט זיך נישט אונטער און בעט, אַז ער וויל מיט מיר רעדן פּריוואַט אין מײַן צימער. פאַרבעט איך אים אין מײַן צימער. ער פאַרמאַכט שנעל די טיר הינטער זיך און זײַנע אויגן זענען פול מיט שרעק. ער רעדט צו מיר רוסיש און דערציילט מיר, אַז ער איז זייער אַ רײַכער מאַן, פּשוט אַ מיליאָנער, אַנטלאָפן פון דער שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו אין רוסלאַנד. ער, צוזאַמען מיט זײַן שיינער אַריסטאָקראַטישער פרוי, איז אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס, ווײַל זיי ווערן פאַררעכנט אַלס בורזשויען און דערפאַר האָבן זיי מורא אַפילו אַרויסצוגיין אויף דער גאַס זינט די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די שטאָט.

זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן:

— יונגער־מאַן — זאָגט ער צו מיר — מײַן פרוי האָט שוין דרײַ טעג נישט געהאַט קיין ביסן אין מויל. זי קאָן נאָך חלילה אויסגיין פון הונגער. איך ווייס, אַז ווי אַן אַקטיאָר באַקומט איר עסן פון דער קיך, טאָ נאַט אײַך...

דער מאַן נעמט אַרויס פון ביידע וועסטל־קעשענעס צוויי גרויסע בריליאַנטן אײַנגעוויקלט אין וואַטע. מיר שטייט נאָך דאָס בילד פאַר מײַנע אויגן ווי דער מענטש האָט צו מיר אויסגעשטרעקט זײַנע הענט:

— נאָט אײַך די צווי שטיינער און ברענגט מיר אַ ביסל זופּ מיט אַ שטיקל ברויט.

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וויל נישט זײַנע בריליאַנטן. ער זאָל זיי נעמען צוריק. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אַפילו מורא געהאַט צו קוקן אויף זיי. איך בין אַוועקגעלאָפן אין דער קיך און אים געבראַכט אַ קעסעלע זופּ מיט אַ פּערטל ברויט. „נאַט, האָב איך אים געזאָגט, גיט דאָס אײַער פרוי".

דער מענטש האָט געכאַפּט קושן מײַן האַנט. איך האָב זיך פאַרשעמט. ער האָט געווײנט און מיר געווונטשן, אַז איך זאָל זײַן געבענטשט מײַן גאַנץ לעבן.

עס איז פאַרבײַ אַרום אַ חודש זינט די באָלשעוויקעס זענען אַרײַן אין שטאָט, האָט אונדז דער קאָמיסאַר פעלדמאַן אויסגעזאָגט אַ סוד, אַז זיי וועלן באַלד מוזן פאַרלאָזן ווילנע. די דײַטשן קלײַבן זיך ווידער אָנצוגרײַפן מיט אַ ריזיקן כּוח און זיי וועלן פאַרנעמען די שטאָט.

וואָס טוט מען אין אַזאַ מצב? ווי אַזוי באַקומען מיר אַ „פּראָפּוסק", מיר זאָלן קענען צוריקפאָרן קיין פּוילן? ס'איז געווען אין מיטן ווינטער און דער דרויסן איז געווען אײַנגעדעקט מיט אַ טיפן שניי. „האָט נישט קיין מורא — האָט אונדז פעלדמאַן פאַרזיכערט — איך וועל פאַר אײַך אַלצדינג דערליידיקן און אַליין אײַך צופירן ביז דער גרענעץ קיין באַלטרעמאַנץ (אַ נײַטראַלע טעריטאָריע אין ליטע) און פון דאָרטן וועט איר שוין קענען אַליין פאָרן". הכּלל, מיר האָבן אַנאָנסירט אַ לעצטע פאָרשטעלונג און דאָס טעאַטער איז געווען איבערגעפולט מיט גוטע פרײַנד, וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען מיט אונדז.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט פעלדמאַן אַראַנזשירט פאַר אונדז אַ געזעגענונגס־באַנקעט אין פּלאַטקינס רעסטאָראַן אויף דער דײַטשער גאַס. עס זענען דערבײַ געווען פאַרטראַטן אַ פּאָר געהויבענע קאָמיסאַרן און אויך עטלעכע אָפיצירן פון נידעריקן ראַנג. מען האָט שוין געהאַט געגעסן און געטרונקען און עס איז שוין געוואָרן גאַנץ שפּעט, נאָר מיר האָבן געמוזט זיצן. די „חברה טאָוואַרישטשי" איז שוין געוואָרן שטאַרק שיכּור און אַרויסגעלייגט די רעוואָלווערן אויפן טיש. די הויט האָט געציטערט אויף אונדז, אָבער מען מוז זיצן. נעבן מיר איז געזעסן סאָניאַ קוסטין און אַנטקעגן מיר אַ גראָבער מוזשיק, וועלכער האָט אונטערן טיש געטאָפּט אירע פיס.

זי איז נעבעך געוואָרן פאַרצווייפלט און געשריִען צו קוסטינען:

— סאָלאָמאָן, ער טאַפּט מיך.

קוסטין האָט געקוקט אויפן מוזשיק, אויף די רעוואָלווערן אויפן טיש און געענטפערט:

— לאָז זיך... מיר מוזן דאָך מאָרגן אַוועקפאָרן. זיי גייען דאָך אונדז באַגלייטן.

עס איז ווירקלעך געווען אַ טראַגי־קאָמישע סצענע, ווי זי האָט געהאַלטן אין איין שרײַען „קוסטין!" און ער האָט כּסדר געענטפערט „ס'איז גאָרנישט, לאָז

זיך". אַרום פיר אַ זייגער פאַר טאָג האָבן מיר ענדלעך פאַרלאָזט פלאַטקינס רעסטאָראַן.

און אָט זענען מיר ווידער אין האָטעל, ווו מיר גרייטן זיך אַוועקצופאָרן דעם קומענדיקן אָוונט. דעם גאַנצן טאָג האָט נישט אויפגעהערט די שיסעריי ניט ווייט פון אונדזער האָטעל. פאַר נאַכט זענען צום האָטעל צוגעפאָרן צוויי גרויסע שליטנס. פעלדמאַן מיט נאָך צוויי קאָמיסאַרן זענען געקומען אונדז באַגלייטן קיין באַלטרעמאַנץ.

אָנגעקומען צו דער גרענעץ, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אונדזער גוטן פריינד. מיר וועלן אַלע בענקען נאָך אים, זאָגן מיר, אָבער געוווּסט האָבן אַלע, אַז צום שטאַרקסטן וועלן בענקען אידאַ ערוועסט און אויך ער, פעלדמאַן, דער יידישער קאָמיסאַר...

10. באַלטרעמאַנץ — באַראַנאָוויטש — לאָדזש

אין באַלטרעמאַנץ, די נייטראַלע שטאָט, זענען מיר פאַרפאָרן אין אַ יידישע אַכסניה. מיר האָבן באַדאַרפט וואַרטן אַ טאָג־צוויי כּדי צו באַקומען אַ באַן. דערווייל האָט מען זיך אין שטעטל דערוווּסט, אַז ס'זענען אָנגעקומען יידישע אַרטיסטן פון ווילנע. (אונדזער שם האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך). איז מען צו אונדז צוגעשטאַנען, מיר זאָלן זיי געבן אַ פאָרשטעלונג. וואָס נאָך האָבן מיר געהאַט צו טאָן? האָבן מיר איינגעשטימט.

אין אַ רעסטאָראַן האָבן מיר געפונען אַ גרויסן זאַל מיט עפּעס אַ צעבראָכענע פּיאַנאָ... קיין בינע איז, נאַטירלעך, נישט געווען. האָבן מיר גענומען אַן אַלמער, אים איבערגעדרייט מיט די טירן אַראָפּ און אויף דעם אַלמער האָבן מיר זיי דערלאַנגט אַ פאָרשטעלונג. קלאָר, אַז די פאָרשטעלונג איז געווען אַ פרייע, אָן געלט. געלט האָט אונדז נישט געפעלט. מיר האָבן געהאַט גאַנצע בלעטער מיט קערענסקי־געלט. די בלעטער האָט מען געמוזט צעשניידן אויף באַזונדערע באַנקנאָטן. אָפּרייסן שטיקער פון די בלעטער האָט מען נישט געקענט. די יידן פון באַלטרעמאַנץ זענען אונדז געווען זייער דאַנקבאַר פאַר דער פאָרשטעלונג און אין אַ צוויי טעג אַרום האָבן זיי אונדז געהאָלפן אָנקומען צו דער באַן, וואָס גייט קיין באַראַנאָוויטש.

די באַנען זענען דעמאָלט געווען אַזוי געפּאַקט מיט דייטשע סאָלדאַטן, אַז מיר האָבן נישט געהאַט גענוג פּלעצער פאַר אַלעמען צו זיצן. איך, דער העלד, בין געווען געצווּנגען צו שטיין כּמעט דעם גאַנצן וועג, אין דרויסן אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער סוף איז געווען, אַז נאָך עטלעכע שעה האָב איך זיך דערפילט

שלעכט און גענומען ציטערן ווי אַ בלאַט אויפן ווינט. די אַקטיאָרן, מײַנע חברים, האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. זיי האָבן אַ פּנים באַמערקט, אַז איך האָב הויכע טעמפּעראַטור.

זיי האָבן מיך אַרײַנגעפירט אינעווייניק, אין וואַגאָן. דער קאָרידאָר פונעם וואַגאָן איז אויך געווען אַזוי געפּאַקט, אַז מענטשן זענען געשטאַנען צונויפגעקוועטשט ווי סאַרדינען. מען האָט מיך דורכגעשטופּט און ווער ס׳האָט מיך דערזען האָט זיך אָפּגערוקט פאַר שרעק, ווײַל עס איז דאַן אומגעגאַנגען אַן עפּידעמיע פון מאַלאַריע; מען האָט עס גערופן כאָלערע.

מײַן מזל איז געווען וואָס אַן איידעלער סאָלדאַט האָט רחמנות באַקומען אויף מיר, מיר געגעבן זײַן פּלאַץ און מיך צוגעדעקט מיט זײַן שינעל. איך געדענק, אַז פאַרנדיק אַזוי, האָב איך אײַנגערוימט אַ סוד איינעם אַ חבר, אַז איך מוז גיין ווו דער קיסר גייט צו פוס. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין מעגלעכקייט אַרויסגיין פון קופּע — דורכן קאָרידאָר — אין טואַלעט אַרײַן. ס׳איז פאַר מיר געווען אַ געפאַר. האָט איינע פון מײַנע טײַערע חברטעס־אַקטריסעס מיר דערלאַנגט אַ טערמאָס־פלאַש, אין וועלכן זי פלעגט פירן טיי, און מיר געהייסן דאָס נוצן. דערנאָך האָט מען דאָס אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער פון לויפנדיקן צוג. אַך! ווי דאַנקבאַר איך בין דער אַקטריסע געווען.

איך האָב אָפּגעפיבערט ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין באַראַנאָוויטש און די אַקטיאָרן האָבן מיך שנעל אַוועקגעפירט אין האָטעל. דער גערופענער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז איך האָב זיך ערגעץ אָנגעשטעקט מיט עפּעס ענלעך צו מאַלאַריע און ס׳וועט נעמען אַ היפּשע פאַר וואָכן ביז איך וועל קענען אַרויס פון בעט.

אין באַראַנאָוויטש האָבן געוווינט אַ סך ייִדן און זיי האָבן ליב געהאַט טעאַטער. גראָד דעמאָלט האָט געהאַלטן בײַם ענדיקן שפּילן אַ באַרימטע ייִדישע טרופּע מיט די גוט־באַקאַנטע שוישפּילערס אין דער שפּיץ: דאָס פּאָרפּאָלק אַנאַ און היימי יאַקובאָוויטש. איך האָב זיי פּערזענלעך נישט געקענט. איך בין געווען איבערראַשט ווען אין איינעם אַ טאָג זענען זיי געקומען מיך מבקר־חולה זײַן אין מײַן האָטעל־צימער. איך בין פּשוט באַצויבערט געוואָרן פון די אויסערגעוויינטלעך פײַנע מענטשן. און זי, די פײַנע אַקטריסע, פון וועלכער איך האָב אַזוי פיל געהערט, אַנאַ יאַקובאָוויטש, מיט איר שיינקייט און וואַרעמקייט, איז געווען אַ סורפּריז פאַר מיר.

נאָך צוויי וואָכן אין בעט האָב איך ענדלעך געקענט שפּילן. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט גרויס דערפאָלג און שוין געהאַט אויפגעפירט עטלעכע פאָרשטעלונגען — ווען מיר האָבן באַקומען אַ קאָנטראַקט פון לאָדזש און די גאַנצע טרופּע איז אַוועקגעפאָרן צו קופּערמאַנען אין „סקאַלאַ"־טעאַטער, צו מײַן אַלטן דירעקטאָר.

אין לאָדזש זענען געווען ייִדן, וועלכע האָבן געגעסן ייִדיש טעאַטער מיט ברויט. מיר האָבן דאָרט באַלד אָנגעהויבן שפּילן בײַ קופּערמאַנען מיט גרויס דערפֿאָלג און איך האָב באַנײַט מײַן פֿרײַנדשאַפֿט מיט אַלע אַלטע באַקאַנטע. מיר האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג.

אין יענער צײַט — ס'איז געווען דאָס יאָר 1917 — איז אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד אין וואַרשע. די פּאָליאַקן האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרײַבן די דײַטשן. אָבער אין לאָדזש האָבן די דײַטשן נאָך רעגירט. סאַלאָמאָן און סאָניאַ קוסטין האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר דער פּאָליטישער סיטואַציע און אַזוי ווי זיי זענען געווען אַמעריקאַנער בירגער, מיט אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן האָבן זיי זיך אויפֿגעהויבן, זיך מיט אונדז געזעגנט, און צוריקגעפֿאָרן אַהיים, קיין אַמעריקע. מיר, די טרופּע, זענען געבליבן אַליין אין „סקאַלאַ"־טעאַטער און אַן אינטערעסאַנט פּאָליטיש געשעעניש האָט באַרײַכערט אונדזער רעפּערטואַר:

עס איז אָנגעקומען קיין לאָדזש אַ „מיסיע" פֿונעם דזשאָינט צוזאַמען מיט פֿאָרשטייערס פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, צו קאָנטראָלירן וואָס אין פּוילן קומט פֿאָר, — אַמעריקע האָט נאָך נישט אָנטייל גענומען אין קריג.

אין לאָדזש האָט געוווינט אַ שרײַבער מיטן נאָמען קאָרענטייער. האָט ער אין שײַכות מיט דעם אָנגעשריבן פֿאַר אונדזער טרופּע אַ רעוויו „הוראַ, די מיסיע פֿאָרט". פֿאַר מיר פּערזענלעך האָט ער אָנגעשריבן זייער אַ גוטן דועט און די טרופּע האָט באַשלאָסן צו אַנגאַזשירן אַ קליין ייִנגעלע, וואָס זאָל דאָס זינגען מיט מיר. קינדער זענען אַלע יאָרן געווען אַ סענסאַציע אין טעאַטער. דאָס ייִנגעלע, וואָס האָט מיט מיר געזונגען, האָט געהייסן סימאָר רעכצײַט. מען האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען „דאָס וווּנדערקינד" און אונדזער דועט האָט שטאַרק אויסגענומען. (הײַנט איז סימאָר אין אַמעריקע, ער איז דער מאַן פֿון מרים קרעסין).

סימאָר האָט געהאַט אַן עלטערן ברודער, יאַנקל האָט ער געהייסן, אַ בחור, מער־ווייניקער אין מײַנע יאָרן. מיר זענען געוואָרן גוטע פֿרײַנד. ער פֿלעגט דאַרפֿן דעם קליינעם ברודערל פֿירן אין און פֿון טעאַטער יעדן אָוונט. יאַנקל האָט נאָך דאַן נישט געשפּילט טעאַטער.

געענדיקט שפּילן דעם רעוויו „די מיסיע גייט", איז געקומען די צײַט צוריקצופֿאָרן קיין וואַרשע. אידאַ ערוועסט איז געווען בײַ זיך אין דער היים אין לאָדזש. אויך הערשל יעדוואַב.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַנע פֿרײַנד, גענומען דעם וואַנדער־שטעקן מיט מײַנע בעבעכעס, אַזוי ווי איציק מאַנגערס העלד „פֿאַסטריגאַסע", און מיט מײַן טײַער פֿעקל מוזיק אונטערן אָרעם בין איך אַוועק קיין וואַרשע און, נאַטירלעך, ווידער פֿאָרפֿאָרן צו מײַנע שוועסטער.

11. מיר פֿאָרן קיין ביאַליסטאָק

אין וואַרשע איז פֿאַרווערט געווען צו שפּילן טעאַטער. די פּאָליאַקן האָבן דורכגעפֿירט אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פֿון מענער פֿון 17 ביז 45 יאָר. זשאַנדאַרן האָבן פּשוט געכאַפּט מענער און בחורים אויף דער גאַס. אין איינעם אַ טאָג, אַהיימגייענדיק פֿון דעם אַרטיסטן־פֿאַראיין אויף לעשנע 1, האָב איך באַמערקט ווי סאָלדאַטן שטעלן אָפּ אויף דער גאַס אַלע מענער און פֿאַרלאַנגען צו זען זייערע דאָקומענטן. האָב איך זיך אויסגעדרייט אויפֿן קנאַפּל און בין אַוועק צו מײַנעם אַ חבר, אַן אַקטיאָר מיטן נאָמען פּאָליאַקעוויטש. איך האָב אים פֿאָרגעלייגט, אַז ער, צוזאַמען מיט זײַן כּלה, פּאָליאַ קײַזער, זאָלן מיט מיר מיטפֿאָרן קיין ביאַליס־טאָק, דאָרט האָט מען נאָך געקענט שפּילן און אויב די באָלשעוויקעס וועלן דאָרט אַרײַן, זאָלן מיר דאָרט פֿאַרבלײַבן און פֿאַרשפּאָרן אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די פּאָליאַקן.

— ווען דאַרף מען פֿאָרן ? — פֿרעגט ער.

— שוין ! באַלד, מאָרגן ! — ענטפֿער איך און מיר רעדן אָפּ זיך צו טרעפֿן אויפֿן ביאַליסטאָקער וואָקזאַל אין אַ געוויסער שעה.

גיין אין גאַס — איז געווען אַ געפֿאַר געכאַפּט צו ווערן. האָב איך זיך געמאַכט הינקענדיק אויף אַ פֿוס, כּדי די זשאַנדאַרן זאָלן מיך נישט פֿאַרהאַלטן.

אַזאַ „ממזר" בין איך געווען. און טאַקע דערפֿאַר האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פֿון אַזוי פֿיל געפֿאַרן ! מײַן מזל איז געווען, וואָס איך בין געווען אַליין, נישט צוגעבונדן צו קיין ווײַב, צו קיין כּלה. האָב איך זיך געקענט באַוועגן פֿראַנק און פֿרײַ און בלײַבן לעבן.

כ׳האָב זיך ווידער געזעגנט מיט די שוועסטער. קיינער פֿון אונדז האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס וועט זײַן אַ צעשיידונג אויף אַ סך יאָרן. (פֿערצן יאָר האָב איך זיי נאָך דעם נישט געזען). איך בין אַוועק צום וואָקזאַל שטילערהייט, מיט בלויז מײַנע לידלעך אונטערן אָרעם, אָן אַ טשעמאָדאַן אַפֿילו, כּדי קיינער זאָל נישט באַמערקן אַז איך טרעף זיך מיט מײַנע פֿרײַנד און מיר פֿאָרן קיין ביאַליסטאָק.

אין ביאַליסטאָק האָבן זיך אָנגעהויבן צרות. איך האָב נישט געוווּסט, אַז דאָרט איז קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע פּוילישע מיליטער. ווען מיר זענען אָנגע־קומען האָט זיך שוין געטומלט אין שטאָט, אַז די פּאָליאַקן גרייטן זיך צו מאַכן אַ פּאָגראָם. פֿאַר וואָס ? ווײַל זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז די באָלשעוויקעס גייען אויף גראָדנע און האָבן שוין געהאַט פֿאַריאָגט פֿון דאָרט די פּאָליאַקן ביז ביאַליסטאָק.

הכּלל, מיר, די טרופּע, ס׳הייסט איך, פּאַליאַקעוויטש און זײַן כּלה פּאַליאַ קײַזער, האָבן געוווינט צוזאַמען אין אַ פּריוואַטער שטוב. צווישן דעם פּשוטן פֿאָלק האָט זיך אָרגאַניזירט אַ זעלבשוץ, כּדי אָפּצושלאָגן די פּאָליאַקן ווען זיי וועלן אָנפֿאַלן. מיר האָבן צווישן זיך אײַנגעטיילט פּאַרטיידיקונגס־געווער. איך האָב געהאַט אַ האַק, אַ צווייטער — אַ מעסער, אַ דריטער — אַ שווערד, איינער — אַ לאָפּעטע, איינער — אַ ביקס און אַן אַנדערער אַ שטיק אײַזן אאַז״וו. דאָס איז געווען אונדזער גאַנץ געווער מישטיינס געזאָגט.

באַלד האָט מען גענומען דורכהאַקן פּאַרקאַנעס און ווענט, אַז פֿון איין הויף זאָל מען קענען אַריבערגיין אין אַ צווייטן, אויב איין הויף ווערט באַפֿאַלן, זאָל דער שכנותדיקער הויף קאָנען קומען צו הילף.

טאָג און נאַכט זענען מיר אַזוי אַלע געשטאַנען אויף דער וואַך, ביז אין אַ געוויסן טאָג האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן רויבן די געשעפֿטן און בײַ נאַכט האָבן זיי זיך עוואַקוּירט פֿון ביאַליסטאָק. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען שוין געהערט דאָס שיסן פֿון קאַנאָנען. יענע נאַכט בין איך גראָד געשטאַנען אויף וואַך. פּאָר טאָג האָב איך געזען ווי דער היטער פֿון אונדזער הויף קערט אָוועק דאָס מיסט פֿון די סאָלדאַטסקע פֿערד פֿון די פּאָליאַקן און מען הערט ווידער שטאַרק שיסן. פּלוצעם דערזע איך ווי עמעצער פֿליט אַרײַן אין אונדזער גאַס אויף אַ פֿערד. ער שטעלט זיך אָפּ נעבן אונדז און איך דערזע פֿאַר זיך אַ מיליטער־מאַן אין אַ לעדערנער קורטקע. ער פֿרעגט מיך אויף רוסיש „גדיע פּאָליאַקי?״ — ווו זענען די פּאָליאַקן אַוועק? האָב איך אים אָנגעוויזן אַהין, אויפֿן וועג קיין וואַרשע. ער איז געפֿלויגן ווײַטער און באַלד נאָך אים האָט אַרײַנגעמאַרשירט די באָלשעוויסטישע אַרמיי אויף פֿערד, צו פֿוס און אויף וועגענער.

דער זעלבער מיליטער־מאַן, אַ קאָמיסאַר, האָט באַלד אויף צו מאָרגנס צונויפֿגערופֿן די בירגערס און באַשטימט איינעם אַלס שטאָט־קאָמיסאַר. ס׳איז געוואָרן אַ לעבעדיקע וועלט. ער האָט אויך אויסגעקליבן אַ קאָמיסאַר פֿאַר טעאַטער און באַפֿוילן, אַז דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן זאָל אָנגיין נאָרמאַל.

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן שיקט מיך רופֿן דער שרײַבער מאיר שוואַרץ און ער אינפֿאָרמירט מיר, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס טעאַטער־קאָמיסאַר; אַז ער וועט צונויפֿשטעלן אַ טרופּע און מיר וועלן שפּילן טעאַטער. אַלע זענען געווען זיכער, אַז איצט וועלן מיר אויפֿלעבן. איך האָב אָבער געהאַט אַ געפֿיל, אַז דאָס זענען פֿאַלשע האָפֿענונגען; אַז די באָלשעוויקעס וועלן לאַנג נישט בלײַבן און מיר וועלן ווידער אַרײַנפֿאַלן צו די פּאָליאַקן אין די הענט. מען האָט שוין אָפּילו געשמועסט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן איבערגעבן ווילנע צו די ליטווינער, ווײַל קאָוונע האָט שוין געהערט צו זיי.

אייגנטלעך, ווען די באָלשעוויקעס זענען דאָס לעצטע מאָל אַרײַן אין ווילנע, זענען אַלע פֿאַבריקאַנטן אַנטלאָפֿן קיין ביאַליסטאָק. ווען די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרנומען ביאַליסטאָק, האָבן אַלע בורזשויען גענומען לויפֿן צוריק קיין ווילנע,

כדי צו בלײַבן בײַ די ליטווינער. אַזוי זענען מענטשן אין יענער נישט־זיכערער צײַט געלאָפן פון איין שטאָט אין דער צווייטער ווי פאַרסמטע מײַז. אין איינעם אַ טאָג האָט זיך באַוויזן אויף מײַן שוועל אַ רײַכער ייִד, שיין אָנגעטאָן, און מיך געפרעגט, צי וואָלט איך געוואָלט מיט אים און זײַן משפּחה פאָרן קיין ווילנע צו די ליטווינער? ער ווייסט, אַז איך בין אַן אַקטיאָר און איך קען זיי העלפן פאָרן. האָב איך אים געזאָגט דעם אמת, אַז איך וואָלט טאַקע גערן געפאָרן, אָבער ווי אַזוי? ס׳איז דאָך אוממעגלעך צו פאָרן מיט דער באַן. מיט קיין פור אויך נישט, ווײַל די רוסישע אַרמיי האַלט אין איין באַוועגן זיך אַהין און צוריק. חוץ דעם מוז מען דאָך האָבן אַ „פּראָפּוסק״.

— דו באַקומסט פון מיר אַ גרויסע סומע געלט, אויב דו פירסט אונדז קיין ווילנע. — דאָס געזאָגט, דערלאַנגט ער מיר אַ האַנט און לאָזט מיר איבער זײַן אַדרעס.

פאַלט מיר אײַן אַ פּלאַן: איך לויף אַרויף צו מאיר שוואַרצן אין ביוראָ (ווי קאָמיסאַר האָט ער שוין געהאַט אַן אייגענע ביוראָ) און איך לאָז אים וויסן, אַז איך, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אַקטיאָרן, ווילן פאָרן קיין ווילנע שפּילן, און אַזוי ווי ער איז טעאַטער־קאָמיסאַר זאָל ער אונדז געבן אַ „פּראָפּוסק״. צוליב דעם וואָס מיר זענען אַנטלאָפענע פון די פּאָליאַקן, מוזן מיר צוריקפאָרן קיין ווילנע.

קוקט ער מיך אָן:

— וואָס הייסט דו קלײַבסט זיך אַוועקפאָרן? מיר ווילן אין גיכן אָנהייבן דאָ שפּילן טעאַטער און איך מוז דיך האָבן. איך גיב דיר נישט קיין דערלויבעניש, און ווײַטער, — קוקט ער מיך אָן פאַרדעכטיקט, — ווער זענען די אַקטיאָרן? — זאָג איך אים צו, אַז מאָרגן וועל איך אים געבן אַ צעטל מיט זייערע נעמען.

איך בין באַלד אַוועק צו דעם רײַכן ייִדן, וועלכער האָט געוואָלט פאָרן מיט זײַן ברודער, זײַן ווײַב און זײַן טאָכטער. איך האָב אים דערציילט, אַז ס׳איז דאָ אַ האָפענונג, נאָר זיי מוזן זיך אָפּשערן די בערד און זיך אָנטאָן אַזוי ווי אַקטיאָרן; שיין אויספּוצן די פּרויען און זיך אַלע פאָטאָגראַפירן, ווײַל איך מוז די פּאַטאָס מאָרגן ברענגען צו דעם קאָמיסאַר, כּדי ער זאָל מיר גלייבן און געבן דעם „פּראָפּוסק״.

אויף מאָרגן בין איך מיט די בילדער אַוועק צו מאיר שוואַרצן און אים געוויזן מײַנע אַקטיאָרן און געגעבן זייערע נעמען. כ׳האָב אים דערקלערט, אַז זיי קויפן אַ פערד מיט אַ וואָגן פאַר דער רײַזע.

— אידיאָט! — שרײַט ער אויף מיר — וואָס גייסטו טאָן? דו ווילסט העלפן אַרויסשמוגלען פון דאַנען בורזשויען, טאָמער כאַפּט מען דיך, שטעלט מען דיך גלײַך צו דער וואַנט צוזאַמען מיט דײַנע „אַקטיאָרן״.

הייב איך אָן צו בעטן בײַ אים:

— מאירקע, איך מוז פון דאַנען אַוועקפאָרן. טאָמער קומען אַרײַן די פּאַליאַקן, וועלן זיי מיך נעמען פאַר אַ סאָלדאַט. איך וויל נישט געהרגעט ווערן צוליב די פּוילישע מערדערס. דו מוזסט מיך ראַטעווען. גיב מיר אַ „פּראָפּוסק״.

ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס: ניין און ניין!

אַ פאַרצווייפלטער בין איך אַוועק צו זײַן ווײַב רחלע, וואָס האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט. כ׳האָב איר דערציילט די געשיכטע און זי איז צוריקגעלאָפן מיט מיר צו מאירן. זי האָט אים גלײַך צוגעשטעלט דעם ריכטיקן סקאַנדאַל.

— מאירקע! — האָט זי געשריִען — איך וויל דו זאָלסט באַלד געבן פּסחלען אַ דערלויבעניש! דו הערסט וואָס איך זאָג דיר?

מאיר האָט געציטערט פאַר זײַן קליין ווײַבעלע. אַז רחלע האָט געזאָגט, איז געווען געזאָגט. האָט מיר דער קאָמיסאַר געגעבן דעם „פּראָפּוסק״.

הכּלל, מײַן ייִד האָט געקויפט אַ גוטע ברישקע מיט אַ פערד, אָנגעקויפט אַ סך עסנוואַרג און איך מיט מײַן „טרופּע״ האָבן זיך אַרײַנגעזעצט און — מען פאָרט. מיר זענען דערפאָרן צו אַ שטעטל, דאָרט זענען מיר מיט דער בריטשקע אַריבערגעפאָרן דעם טײַך. דעם גאַנצן וועג איז אונדז נאָכגעפאָרן אַן „אָבאָז״, די מיליטערישע קיך און נאָך זיי אַ גאַנצע אַרמיי. ווען מיר זענען אַריבערגעפאָרן דעם טײַך און געמיינט, אַז מיר זענען פאַרזיכערט, האָבן אונדז פאַרהאַלטן מיליטער־לײַט און קאָנפיסקירט בײַ אונדז דאָס פערד מיט דער בריטשקע. מיר זענען געבליבן שטיין אויפן אָפענעם פעלד. זיי דאַרפן האָבן אונדזער געשפּאַן, זאָגן זיי, כּדי אַריבערפירן איבערן טײַך פּראָוויאַנט פאַר דער אַרמיי. די לאַסט־אויטאָס קענען נישט פאָרן איבערן טײַך, מוזן זיי צונעמען פּריוואַטע געשפּאַנען. נו, גיי זאָג זיי: ניין.

אַזוי ווי מיר שטייען, דערזע איך מיט אַ מאָל ווי עס קומט אַן גענעראַל בודיאָני מיט זײַן קאַוואַלעריע. איך פויל זיך נישט און לויף אים אַנטקעגן.

— טאָוואַרישטש בודיאָני! — האָב איך אים חוצפּהדיק אָפּגעשטעלט מיט מײַן האַנט אין דער הויך. שטעלט ער אָפּ זײַן פערד און איך שרײַ אויס, אַז מיר זענען אַרטיסטן, מיר דאַרפן פאָרן קיין ווילנע און מען האָט קאָנפיסקירט אונדזער געשפּאַן. בעטן מיר זײַן הילף. ענטפערט ער גאָר פרײַנדלעך, אַז ער האָט מיט דעם גאָרנישט צו טאָן און קען אונדז נישט העלפן, און ער פאָרט אַריבער דעם טײַך.

אָן אַ זײַט זענען געשטאַנען ליידיקע לאַסטאויטאָס, אין וועלכע די אַרמיי האָט געפירט מאַשינען, דראָטן אד״גל. נעם איך רעדן מיט איינעם פון די שאָפערן און לייג אים פאָר אַז אַזוי ווי ער פאָרט סײַ ווי ליידיק, וועלן מיר אים באַצאָלן ער זאָל אונדז פירן קיין ווילנע. פאָדערט ער 5000 זלאָטעס. דעמאָלט איז עס געווען זייער אַ גרויסע סומע. נעמט מען זיך מיט אים דינגען און מײַן „אַקטיאָר״ לייגט אים פאָר 3000 זלאָטעס מיט אַן אַנצוג סחורה. הייסט ער זיך באַלד באַצאָלן. מיך הייסט ער זיצן מיט אים בײַם רעדל און הייסט די אַקטיאָרן אַרויפקריכן

אויבן און זיך אָוועקלייגן, מען זאָל זיי נישט זען. איך האָב געטראָגן אַ רובאַשקע און אויסגעזען ווי אַן אמתער רוסאַק. הכּלל, איבערן גאַנצן וועג האָבן פאַרבײַ־פאַרנדיקע סאָלדאַטן געהאַלטן אין איין שרײַען: „בורזשויעץ, אַנטלאָפן פון ווילנע, איצט פאָרט איר צוריק!״ זיי האָבן געשאָסן אין דער לופטן, כּדי אונדז איבער־צושרעקן. קוים מיט צרות זענען מיר אָנגעקומען קיין גראָדנע. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, כּדי אַ ביסל זיך אָפּרוען.

מענטשן האָבן אונדז אַרומגערינגלט און געפרעגט וואָס עס הערט זיך אין ביאַליסטאָק? צי איז אמת, אַז די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט אַ פּאָגראָם און אויס־געהרגעט אַ סך יידן? האָב איך זיי דערציילט, אַז געהרגעט האָבן זיי נישט, נאָר אַ סך אָנגערויבט האָבן זיי יאָ.

מיר האָבן זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג אַרײַן און ענדלעך אָנגעקומען קיין ווילנע. ברוך־השם! איך האָב זיך באַלד געזעגנט מיט מײַנע „אַקטיאָרן״, כ׳האָב מורא געהאַט מען זאָל מיך זען מיט זיי צוזאַמען...

12. עקסאָדוס קאָוונע

געקומען אין ווילנע — בין איך גלײַך אַוועק אין טעאַטער־קאַפע. מ׳קאָן זאָגן, אַז דאָס קאַפעהויז האָט דאַן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם טעאַטער־אַגענט. (אַפילו הײַנט צו טאָג, אין ישראל, ווערן מער קאָנטראַקטן געשלאָסן אין קאַפע ווי אין געוויסע טעאַטער־ביוראָען). נאָך דעם זעלבן טאָג בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן אויפצוטרעטן אין דעם „פּאַלאַס״־וואָדעוויל־טעאַטער. אין עטלעכע וואָכן אַרום זענען די ליטווינער אַרײַן אין ווילנע און די באָלשעוויקעס האָבן זיי איבער־געגעבן די שטאָט. עס איז געוואָרן אַ לעבעדיקע וועלט.

נאָך דעם וואָדעוויל־טעאַטער האָב איך זיך אַנגאַזשירט אויפצוטרעטן אין דער אָפּערעטע „די טשאַרדאַש־פירשטין״. איך האָב געשפּילט באָני, חנה גראָס־בערג, אַ פּרימאַדאָנע פון פּוילן, האָט געשפּילט די ראָלע פון סילוויאַ, און די ראָלע פון עדווין האָט געשפּילט אַן אַקטיאָר, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק אָנגעקומען פון רוסלאַנד, מיכאל קליין. (מיט יאָרן שפּעטער האָט ער געשפּילט אין מײַן טרופּע אין ישראל — אין יאָר 1954).

נאָך דעם ווי מיר האָבן געענדיקט מיט די „טשאַרדאַש־פירשטין״, בין איך ווידער צוריקגעגאַנגען אין „פּאַלאַס״־טעאַטער.

די שטאָט האָט געלעבט אין אומרו און שרעק. מען האָט גערעדט, אַז דער פּוילישער גענעראַל זשעליגאָווסקי קומט צוריק מיט זײַן אַרמיי קיין ווילנע און וועט אַרויסטרײַבן די ליטווינער.

איך האָב דאָן אין דעם רעוויו געהאַט גרויס דערפאָלג מיט אַ פּאָליטישן מאָנאָלאָג, וואָס מאיר שוואַרץ האָט געהאַט פאַר מיר אָנגעשריבן אין ביאַליסטאָק „זשידזשע, דאַוואַי בראָדע" („ייִד, גיב אַהער דײַן באָרד"). איך פלעג אַרײַנלויפן אין טעאַטער־זאַל אָנגעטאָן ווי אַ האַלער־סאָלדאַט (האַלער איז געווען אַ פּוילישער גענעראַל, אַן אַנטיסעמיט); איך האָב געטראָגן אין די הענט אַ לאַנגע שער פון אַן אומנאַרמאַלער לענג, געמאַכט פון קאַרטאָן, און פלעג שרײַען אויף אַ קול „זשידזשע, דאַוואַי בראָדע", ווײַל די האַלער־סאָלדאַטן פלעגן אָפּשנײַדן די בערד בײַ ייִדן אין די שטעטלעך.

חוץ דעם סקעטש פלעג איך זינגען אַ סך פּאָליטישע לידער און מײַן ליד „גייט אַ יאָלד אין אַ קאַפּעליוש" איז געווען שטאַרק פּאָפּולער. ס'האָט מיך אָבער געשראָקן דער געדאַנק אַז איך קען ווידער אַרײַנפאַלן אין די הענט פון די פּאָליאַקן.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און די פּאָליאַקן זענען שוין געשטאַנען היגטער ווילנע. די ליטווישע אַרמיי האָט זיך געגרייט צו עוואַקוירן די שטאָט.

איך בין געשטאַנען אויף דער בינע און געהאַלטן אין מיטן אַ פּראָבע, ווען אַרום צוויי אַ זייגער בײַ טאָג איז צו מיר אַרײַנגעלאָפן אַ חבר, אַ יונגער בחור, מיט אַ געשריי:

— פּאַוולושאַ, אַנטלויף! די פּאָליאַקן ווילן דיך דערשיסן!

איך האָב נישט געוואַרט מען זאָל מיך בעטן. איך האָב געהאַט גענוג דער־פאַרונג. איך האָב געכאַפּט אַ קליין וואַליזקעלע און אויך מײַן שטענדיקן באַגלייטער — מײַן רעפּערטואַר — אונטערן אָרעם, די פיס אויף די פּלייצעס און געלאָפן צום קאָוונער וואָקזאַל.

לעבן וואָקזאַל זענען טויזנטער מענטשן געלעגן אויף דער ערד און געוואַרט אויפן צווייטן טראַנספּאָרט, כאָטש דער ערשטער טראַנספּאָרט האָט נאָך נישט געהאַט אַוועקגעפאָרן. די באַן איז נאָך געשטאַנען אויפן פּעראָן אָנגעפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן ווי הינער אין אַ שטײַג, מערסטנס אָנגעשטעלטע פון דעם נאַציאָנאַל־ראַט.

מיך האָט געקענט דער גאַנצער נאַציאָנאַל־ראַט. איך בין בײַ זיי געווען אַ פּאָפּולערע פיגור, האָט מען אָנגעהויבן מיך רופן פון די אָפענע פענצטער: „פּאַוולושאַ, קום אַרײַן צו אונדז". „ניין, צו אונדז — שרײַט אַ צווייטער — מיר האָבן פּלאַץ פאַר דיר". און איידער וואָס ווען האָט מען מיך אַרײַנגעשלעפּט דורכן פענצטער. אַנדערש וואָלט איך נישט געקענט אַרײַן.

די באַן איז פון דעסטוועגן נאָך געשטאַנען שעהן לאַנג. חברה הייבן שוין אָן צו רעדן פאַרשידענע זאַכן. איינער זאָגט, אַז די פּאָליאַקן ווילן באַשיסן די באַן פון עראָפּלאַנען; אַ צווייטער — אַז זיי ווילן אויפרײַסן די הויכע בריק צווישן ווילנע און קאָוונע, ווען מיר וועלן זי אַריבערפאָרן. טראַכט איך, אַז אַזוי ווי די באַן וועט זיך רירן פון פּלאַץ, וועל איך אַרויסגיין אויף דער פּלאַטפאָרמע און

טאָמער וועט מען טאַקע באַשיסן די בריק, וועל איך תּיכּף אַרײַנשפּרינגען אין וואַסער, זיך צו ראַטעווען. שווימען האָב איך גוט געקענט.

אומזיסט געווען אונדזער זאָרג. די באַן האָט ענדלעך געריסט, בשלום אַריבער־געפאָרן די בריק, אָן שום אינצידענטן, און מיר זענען פאַר טאָג אָנגעקומען קיין קאָוונע. הונדערטער מענטשן האָבן זיך מיט רעש און געפּילדער אַ שטופּ געטאָן פון די וואַגאָנען אַרויס. פּלוצעם האָב איך דערזען צווישן המון חנה גראָסבערג מיט איר פּיצעלע קינד אויף דער האַנט, אַ ייִנגעלע פון עטלעכע חדשים. עס איז געווען אַזאַ טומל, אַז איך האָב געמוזט שרײַען, זי זאָל מיך דערהערן. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר. זי איז געפאָרן אין דעם צווייטן וואַגאָן. איר מאַן, אַ מוזיקער, אַ פּליטיסט, איז נאָך פאַרבליבן אין ווילנע. זיי זענען זיך צעגאַנגען ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק און זי איז פאַרצווייפלט צו בלײַבן איינע אַליין. חנה פלעגט רעדן מיט אַן עכט פּוילישן אַקצענט: „פּייסאַך, ווי גאַיט מען אין מיטן דער נאַכט מיט אַ פּיצעלע קינד, וואַי איז מיאַר". איך האָב זיך דערמאָנט אין מײַן אַלטער אַכסניה, ווו איך פלעג וווינען, אויף דער לײַסוויס אַליי און זי געטרייסט: „חנה זאָרג נישט. קום מיט מיר"...

די גאַסן זענען געווען פול מיט פּליטים פון ווילנע, אַלע האָבן געזוכט ווו צו גיין. געקומען צו דער אַכסניה אויף לײַסוויס אַלייע, האָב איך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. עמעצער האָט געענטפערט פון אינעווייניק:

— דאָ איז מער נישטאָ קיין פּלאַץ!

— דאָס בין איך, פּאָולאָס בורשטיינאָס.

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? תּיכּף האָט זיך די טיר געעפנט און דער בעל־הבית האָט אונדז אַרײַנגעלאָזן. חנה האָט זיך צעוויינט פון פרייד.

— הער בורשטיינאָס, עס איז פּשוט נישטאָ קיין פּלאַץ — זאָגט מיר דער ייִד. מענטשן שלאָפן אויף דער ערד, זעט!

נו, וועלן מיר אויך שלאָפן אויף דער ערד — ענטפער איך — איר דאַרפט אונדז נאָר באַזאָרגן אַ ביסל מילך פאַרן קינד.

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ מאַן, וועלכער איז געשלאָפן אין אַ ווינקל און אים גענומען שאָקלען:

— ר' ייִד, גענוג געשלאָפן. גיט אַהער דאָס קישן פאַר דער פרוי מיטן קינד. דער ייִד האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, דאָך האָט ער מיך געפאָלגט.

— חנה, — זאָג איך, — לייג זיך אַוועק מיטן קינד.

חנה גראָסבערג האָט דעם פאַל איר גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן. די ערשטע פראַזע, וואָס זי האָט אויסגערעדט צו מײַן פרוי, ווען זי האָט זיך מיט איר באַקענט מיט יאָרן שפּעטער, איז געווען: „פּייסאַך האָט געראַטעוועט מײַן לעבן אין קאָוונע".

צו מאָרגנס בין איך אַרויס אין שטאָט זוכן אַרבעט. אין קאָוונע האָט זיך שוין פון לאַנג געפונען ליפּאָווסקי מיט זײַן טרופּע פון ווילנע. זיי האָבן געשפּילט



בערדיאַנסק, רוסלאַנד, 1912 — מײַנע טאַטע־מאַמע, מרדכי און רבקה בורשטיין.
רעכטס: מײַן שוועסטער חיה־שׂרה מיט איר חתן. לינקס: מײַן עלטערער ברודער יעקב
מיט זײַן פרוי. אין דער מיט שטייענדיק: פסחקע און יהושע. אונטן זיצנדיק:
מײַן יינגסטער ברודערל אַברהמעלע.

בערדיאַנסק, רוסלאַנד, 1915 — פּסחקע בורשטיין צוזאַמען מיט זײַן ברודער יהושע (רעכטס).



בערדיאַנסק, רוסלאַנד, 1915 — מײַן ערשט בילד אַלס אַקטיאָר, גענומען איידער איך בין אַנטלאָפן פון דער היים.

טעאטער „פּאלאס
דירעקציע אלעקסאנדער אלפּעראוויץ.

פּראגראם

דינסטאג דעם 16 דעצעמבער 1919

1.

טענץ ביז 3 פארטאג

קאמעדיע אין 2 אקטען פון מ. שוואר...

פּערזאנען:

גרשון קלאץ	ה. קוסטין
פּערל זיין ווייב	פר. קוסט...
וועלוועל שפּ...נגער	מ. שווארץ
דארע זיין ווייב	א. ערוועסט
מאקס וויינער	ה. בורשטין
א גנב	ה. קראסנאוו

2.

קאנצערט טייל

ערנסטע לידער	מאניא שיין
קופּלעטן	אידא ערוועסט
טענץ	ה. בראניסלאווסקא־ה. קראסנאוו
קופּלעטן	ה. בורשטין

פּארטרא: ...

רעזשיסער ה. ...

דרוק ברידער יאלאווצער ווילנא

וואַרשע 1918 — קופּלעט אין יידיש געדרוקט אין ל. קליינוועקסלערס דרוקעריי אויף נאָוואָליפּיע־גאַס 16, דעם 15טן אויגוסט 1918.

בורשטין
מיט דעם קופלעט
דער 6סער


בורשטין
זייבעק פאר די מענער
היט זיך גוט

פוילן 1917 — אידאַ ערוועסט אין קוסטינס רעווי.

לאָדזש 1917 — הערשל יעדוואַב אין קוסטינס רעווי.

קאָוונע 1922 — פסחקע בורשטיין אין מיט פון זײַן גרופּע „פּריוואַל־קאָמעדיאַנ־
טאָוו", אַלע פון רוסלאַנד. צווישן זיי: מיכאל בראַווין, ווערא בראַווינאַ,
אַלמאַזאָף און שפּאַקאָווסקי.

קאָוונע 1922 — פסחקע בורשטיין מיט אסתּר־רחל קאַמינסקי און שוישפּילערין
ריווקינאַ, אין דער צײַט פון אויפפירן די פּיעסע „מירעלע אפרת".



ניו־יאָרק 1922 — צוגעשיקטער בילד פון מײַנע דרײַ ברידער מיט סאָלאָמאָן קוסטין. אויבן, פון רעכטס צו לינקס: יהושע און יעקב. זיצנדיק, פון רעכטס צו לינקס: יוסף און סאָלאָמאָן קוסטין.

23סטער אויגוסט 1923 — „פרינץ פסח" קומט אָן קיין אַמעריקע מיט דער שיף „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן".

בראָדוויי, ניו־יאָרק, 1923 — מײַן ערשטע ראָלע אין אַמעריקע. שפּילנדיק אונטער דער דירעקציע פֿון באָריס טאָמאַשעווסקי אין דער פּיעסע „די פֿריילעכע שנײַדערלעך" אין „נאָראַ בייז"־טעאַטער.

ניו־יאָרק 1928 — פסחקע בורשטיין באַטייליקט זיך אין אַ רוסישן רעווי.

PAVILION THEATRE :: London, E.1

Souvenir from

PAUL (Pesach) BURSTEIN

צום אנדענקונג פון

פסח׳קע בורשטיין



ווילנע 1933 — אין גאָרטן פון וועלפקעס רעסטאָראַן. זיצן, פון לינקס: מאַרסאַלאָוו, זיסעלע גירלס, טופמאַן, זיגמונד טורקאָוו, זלמן זילבערצווײַג, סעם בראָניעצקי, פסחקע בורשטיין. שטייען: נאַדיאַ קאָרעני, אײַזיק ראָטמאַן, אַנדזשע לעווין, משה קאַרפּענאָוויטש, וועלפקע, עמיל פרידעס, דינה האַלפערן און יעקב פישער.

לאָדזש 1934 — פּסחקע בורשטיין מיט דוד בײַגעלמאַן.

אַרגענטינע 1937 — אַקטיאָרן אויף דער פּראָווינץ פון אַרגענטינע. פאָרנדיק קיין מאָזעסוויל מיט דער פּיעסע „דער קאָמעדיאַנט". אויבן: סאָניאַ לאַכמאַן, מינאַ אַקסעלראַד, קלאַראַ גאָלדשטיין, ליליאַן לוקס, ליבער־זאָן, פּערלמאַן, מערי וואַרשאַווסקי. אונטן: אַדאָלף שטרייַטמאַן, פּסחקע בורשטיין און אַ יונגער אַקטיאָר.

בועגאָס־איירעס 1937 — פּסחקע בורשטיין אין דער ראָלע פון בר־כּוכבא אין „מיטרע"־טעאַטער.

לאָדזש 1938 — סצענעס פון „דער קאָמעדיאַנט". אויבן: שׂימחה נתן און פסחקע בורשטיין. רעכטס: פסחקע בורשטיין און ליליאַן לוקס. לינקס: מינאַ בערן, פסחקע בורשטיין און ליליאַן לוקס אין אַ טערצעט.

וואַרשע 1939 — פּסחקע בורשטיין און ליליאַן לוקס אין די ראָלעס פון „יאָסעלע״
און „פייגעלע״ אין „אַ חתונה אין שטעטל״ אין „סקאַלאַ״־טעאַטער.

לאָדזש 1938 — מיט רעדאַקציע־מיטגלידער פון דער יִדישער צײַטונג אין לאָדזש. שטייען, פון רעכטס צו לינקס: יעקב אַבאַזשאַנעק, ליליאַן לוקס, גראַף קאַלי ישׂראל ראָזענבערג, חיים־יעקב בזשוויטאָווסקי. זיצן: פסחקע בורשטיין און טאַניאַ פוקס.

וואַרשע 1939 — שרײַבנדיק אַ קאָנטראַקט מיט אורקע נאַכאַלניק. פון רעכטס צו לינקס: פסחקע בורשטיין, ליליאַן לוקס, אורקע נאַכאַלניק (א. פאַרבעראָוויטש), זײַן פרוי און עמיל פרידעס.



וואַרשע 1939 — „אַ חתונה אין שטעטל" אין „סקאַלאַ"־טעאַטער. פון רעכטס צו לינקס:
הערי אַריעל, באָמבע גורוויץ, פסחקע בורשטיין, יודל גוטמאַן, י. האַמבורגער, יוסף

אין אַ גאָרטן. בין איך אַוועק צו זיי און דערציילט, אַז איך און אויך חנה, זענען נעכטן אַנטלאָפן פון ווילנע און מיר בעטן, זיי זאָלן אונדז אַרײַננעמען שפּילן. האָט מען מיר געענטפערט, אַז אַזוי ווי זיי זענען אַ חברים־טרופּע מוזן זיי זיך אַדורכרעדן און נאָך מיטאָג וועלן זיי מיר געבן אַן ענטפער. נאָך מיטאָג האָבן זיי מיר דערציילט אַזאַ געשיכטע: „עס טוט זיי לײַד, חנה גראָסבערג האָט בײַ זיי נישט קיין פּלאַץ, ווײַל זיי האָבן אַליין אַ פּרימאַדאָנע, און אַזוי ווי איינער פון די ברידער איז אויך אַ בוף־קאָמיקער, אַזוי ווי איך, וואָס זשע קען איך שפּילן?"

טרערן האָבן מיר געשטיקט אין האַלדז. אַחוץ די כאַש־ און קאַדיש־משפּחה זענען געשטאַנען דערבײַ ליפּאָווסקי אַליין און נאָך צוויי אַקטיאָרן, ראובן ווענדאָרף און וויקטאָר פּעקער.

— נו, הייסט עס — זאָג איך זיי, — אַז מיר דאַרפן שטאַרבן פון הונגער אין אַ פּרעמדער שטאָט? איר שעמט זיך נישט? וועל איך אײַך שוין ווײַזן, אַז איך וועל אײַך שטיין ווי אַ ביין אין האַלדז — און איידער איך האָב זיך צעוויינט, בין איך אַרויסגעלאָפן.

איך בין געבליבן בלויז מיט אַ פּאָר פּרוטות אין קעשענע. נאָר דער מענטש טאָר קיין מאָל נישט פאַרלירן די האָפענונג. די זון שײַנט אַלע מאָל אַרויס נאָך אַ שטורעם. אַזוי גייענדיק אויף דער לײַסוויס אַלייע, האָב איך דערזען פּלוצעם דעם בנין פון „פּאַלאַס"־טעאַטער. די בעלי־בתּים האָב איך גוט געקענט. זיי זענען געווען מײַנע גאָר גרויסע פּאַטריאָטן, ווען איך האָב געזונגען בײַ ביילינקין אין גאָרטן. דאָס זענען געווען די צוויי ברידער באַק. אַ גאָלדענער פּלאַן איז מיר באַלד אַרײַן אין קאָפּ. אָפּגעפּוצט מײַנע קליידער, אויסגעגלײַכט מײַן קראַוואַט און אַרויף צו די ברידער באַק אין זייער קאָנטאָר. זייער טעאַטער איז געווען אין אַ קינאָזאַל אין וועלכן מען האָט געוויזן פילמען. אַזוי ווי זיי האָבן מיך דערזען איז געוואָרן אַ גדולה! וואָס טו איך דאָ? דערצייל איך זיי אַזאַ געשיכטע: מען האָט געשיקט מיך רופן פון אַ צווייטן קינאָ „אָלימפּיאַ" (זייערע קאָנקורענטן), ווײַל מען האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין צוריק אין קאָוונע. הכּלל, דער בעל־הבית פון „אָלימפּיאַ" וויל, אַז איך זאָל אויפטרעטן בײַ אים נאָכן קינאָ.

איך באַמערק ווי די ברידער קוקן זיך איבער און זע שוין פאָרויס, אַז מײַן פּלאַן וועט אַרבעטן. רעד איך ווײַטער:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת: אַזוי ווי איר זענט אין סאַמע צענטער, וואָלט איך בעסער געוואָלט אויפטרעטן בײַ אײַך. נאַטירלעך, אויב איך זענט פאַראינטערעסירט. אויב נישט, וועל איך זײַן געצוווּנגען זיך צו פאַרבינדן מיט זיי.

פרעגט מיך באַלד איינער פון די ברידער:

— וויפל פאַרלאַנגט איר פאַר אויפטרעטן?

זאָג איך אים, אַז איך בין נישט אַליין. מיט מיר איז געקומען אַ פּאַרטנערין, אַ גרויסע פּרימאַדאָנע, חנה גראָסבערג.

— איז וויפל ווילט איר ביידע?

קלער איך נישט קיין סך און ענטפער אים:

— איך וויל איין ליט מער ווי יעדער בילעט קאָסט. דאָס הייסט, וויפל בילעטן איר וועט פאַרקויפן וועט איר צושטעלן אַן עקסטראַ ליט פאַר אונדזער אויפטריט. נאָר איר מוזט אונדז געבן אַן אָרקעסטער פון פינף מענטשן.

— איר וועט אויפטרעטן ביי אונדז, — זאָגן זיי — נישט אין „אָלימפּיאַ׳ — און מיר גיבן זיך די הענט. דאָס איז געווען אַ זונטיק. האָט מען באַשטעלט דעם ערשטן אויפטריט אויפן קומענדיקן פרייטיק כדי צו האָבן גענוג צייט אויף רעקלאַמע.

— דערווייל, — זאָג איך זיי, — וואָלט איך געוואָלט האָבן אַן אַוואַנס ביים אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט.

פרעגט מען: „צוויי הונדערט ליט וועט זיין גענוג?"

ענטפער איך, מעשה גביר:

— איך גלייב אַזוי. ביז פרייטיק וועט 200 ליט זיין גענוג.

איך לייג דאָס געלט אַריין אין מיין לידיקער קעשענע, ווי אויך דעם קאָנ־טראַקט און לויף גלייך אַוועק צו חנהן. איך דערלאַנג איר הונדערט ליט און זאָג צו איר:

— נאַ, אָט האָסטו הונדערט ליט. גיי אַוועק און קויף זיך אַ שיין קלייד פאַר דער בינע.

— פּייסאַך, ווי איז מיאָר — האָט חנה גענומען שרייען — ביי וועמען האָסטו דאָס צוגעגנבעט?

— משוגענע — זאָג איך — מיר טרעטן אויף פרייטיק אין קינאָ „פּאַלאַס". דאָס איז אַן אַוואַנס אויף אונדזער געלט, — און איך ווייז איר דעם קאָנטראַקט. חנה איז געווען, ווי מען זאָגט אויף טעאַטער־לשון, „אַ טיפּ". זי האָט באַלד גענומען וויינען און חלשן:

— ווי איז מיאָר, פּייסאַך, וואָס וועל איך דאָרטן זינגען?

נעם איך אויסלייגן פאַר אונדז אַ פּראָגראַם: „דו, חנה, וועסט זינגען פון „טשאַרדאַש־פירשטין" און איך וועל מיט דיר אויך איינשטודירן אַ רוסישן ראָמאַנס „בעלאַיאַ אַקאַציאַ׳".

— אָבער פּייסאַך, איך קען דאָך נישט קיין איין וואָרט רוסיש.

— וועסט שוין זינגען, זאָג איך.

זי כאַפּט מיך קושן און וויינט פאַר דאַנקבאַרקייט. איך דערצייל איר אויך ווי די טרופּע אין גאָרטן האָט אונדז אָפּגעזאָגט און איך שווער, אַז מיר וועלן זיי פאַרטרייבן פון דער שטאָט. און אַזוי איז טאַקע געווען. צו מאָרגנס איז אַרויס אַן אַנאָנס אין די רוסישע און יידישע צייטונגען, אַז דער באַרימטער קופּלעטיסט פּאַולאָס בורשטיינאָס מיט זיין פּאַרטנערין אַנאַ גראָסבערג וועלן אויפטרעטן נאָך דעם פילם, פרייטיק איין מאָל און שבת און זונטיק צו דריי פאָרשטעלונגען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן רעשן אין שטאָט.

דערווײַל האָב איך נישט געהאַט קיין דאָקומענט, ווײַל כ׳האָב אים פאַרניכטעט, כּדי די פּאָליאַקן זאָלן זיך נישט דערוויסן, אַז איך בין געבוירן אין פּוילן. בין איך אַוועק צו מײַן גוטן פרײַנד פון נאַציאָנאַל־ראַט, ראַזאָווסקי, וועלכער איז געווען אָנגעשטעלט בײַ דער רעגירונג און ער האָט מיר באַזאָרגט מיט צײַטווײַליקע דאָקומענטן, אַז איך בין אַן אַנטלאָפענער פון רוסלאַנד און וועגן מאָרגן, קלער איך, וועט דער אייבערשטער זאָרגן.

ענדלעך איז געקומען פרײַטיק, דער טאָג פון אונדזער פּרעמיערע אין „פּאַלאַס״־טעאַטער.

דער טעאַטער איז געווען איבערפולט. אונדזער דערפאָלג איז געווען גרויס, און אויף צו מאָרגנס, שבת, בעת דעם ערשטן סעאַנס, איז שוין געשטאַנען אַ ריי אויף דער גאַס לײַסוויס אַליי און פּונקט ווי איך האָב חנהן פאָרויסגעזאָגט, איז בײַ ליפּאָווסקין אין גאָרטן געווען לײדיק. העכסטנס אַ פּופציק מענטשן. זיי האָבן דערפילט די בראָך. מיט צוויי וואָכן שפּעטער זענען זיי אַוועק שפּילן אין אַ צווייטער שטאָט, אין שאַוול. מיר האָבן זיי פאַרטריבן!

מיר האָבן אָנגעהויבן שפּילן פאַר אַזעלכע געפּאַקטע זאַלן, אַז דעם ערשטן פרײַטיק, שבת און זונטיק האָבן מיר אויף אונדזער חלק אָפּגענומען דרײַ טויזנט ליט.

נאָך עטלעכע חדשים האָט מיך גערופן צו זיך אַרקאַדי בוכאָוו, דער רעדאַקטאָר פון דער רוסישער צײַטונג „עכאָ״. ער האָט מיך אויפגענומען זייער בכבודיק און דערציילט מיר אַזאַ געשיכטע: עס איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד אַ גרופּע אַקטיאָרן, אַלע וויכטיקע און טאַלאַנטירטע פּערזענלעכקייטן און מען מוז זיי געבן אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען און זיך שטעלן אויף די פיס.

צווישן די אָנגעקומענע אַקטיאָרן האָבן זיך געפונען אַזעלכע סטאַרן ווי פּאַוו־לושאַ טראָיעצקי, מיכאיל בראַווין מיט זײַן פרוי, די שיינע וויעראַטשקאַ בראַווינאַ, אַלמאַזאָוו און שפּיקאָווסקי, מאַיעווסקי, די שוועסטער ווײַנרײַך, טענצערינס פון ריגע און גאָר אַ גרויסער צירק־קלאָון מיטן נאָמען קאָקאָ.

דער געדאַנק וועגן אַ רוסישן רעוויו איז מיר געפעלן, אָבער וואָס קען מען מאַכן מיט אַזאַ גרויסן אַנסאַמבל, אַז קיינער זאָל נישט באַוועלט ווערן? בוכאָוו גיט מיר אַ געזונטע עצה:

אין פּעטראָגראַד האָט זיך געפונען אַ רעוויו, וואָס האָט זיך גערופן „פּריוואַל קאָמעדיאַנטאָוו״ (אָפּרו־סטאַנציע פון די קאָמעדיאַנטן), פאַר וואָס זאָלן מיר זיך נישט רופן מיט דעם זעלבן נאָמען? און פּונקט אַזוי ווי זיי — בײַטן די פּראָגראַם אַלע צוויי וואָכן.

הכּלל, דער פּלאַן איז מיר אַרײַן אין דער נאָז און איך האָב באַשטעלט אַ צוזאַמענטרעף מיט די רוסישע אַקטיאָרן בײַ מיר אין טעאַטער.

מיר זענען זיך געפעלן געוואָרן און זיי האָבן מיך באַשטימט ווי זייער אָנפירער. איך האָב פאַרגעלייגט צוקאָאָפּטירן צו מיר נאָך צוויי מענטשן און מיר דרײַ

זאָלן זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר שטעלן די פּראָגראַמען. מיר איז אויך געפעלן געוואָרן זייער אײדלקייט דערמיט, וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז וואָס איך וועל פאַרלייגן וועט זײַן געזעצן.

געשפּילט האָבן מיר אויף מאַרקעס. ד״ה, אַקטיאָרן האָבן באַקומען לויט זייער נאָמען און דערפאַרונג אַן ערשטע מאַרקע, אַ צווייטע אָדער אַ דריטע. איך, נאַטירלעך, האָב באַקומען אַן ערשטע מאַרקע.

די ערשטע פּראָגראַם האָבן מיר אָנגערופן מיטן נאָמען „סיבירסקיע בראָדיאַגי״. פאַר מיר מיט חנהן האָב איך אָנגעשריבן אַ באַזונדערן דועט אין ייִדיש (קיין רוסיש האָט זי ניט געקענט) וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „ציטראָנע־בלאַט, ציטראָנע־בלאַט, איך בין דער שענסטער מאַן פון שטאָט״... פאַר וואָס עפּעס ציטראָנע־בלאַט? ווייס איך נישט ביזן הײַנטיקן טאָג. ס׳איז מיר גלאַט אײַנגעפאַלן און ס׳האָט געקלונגען קאָמיש. מיר פלעגן אויפטרעטן צווישן דעם פּובליקום אין זאַל. זי מיט אַ שירעם, איך — מיט ווײַסע הענטשקעס, און מיר האָבן מיט דעם נאַרישן „ציטעראָנען־בלאַט״ געהאַט גרויס דערפאָלג.

מיר זענען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער מיט אונדזער „פּריוואַל קאָמעדיאַנטאָוו־טעאַטער״. און פון בײַטן די פּראָגראַם יעדע צוויי וואָכן האָבן מיר פאַרדינט אַזוי פיל געלט, אַז נאָך אַ האַלב יאָר שפּילן האָט אונדז די רעגירונג פאַרבאָטן אָנצוגיין ווײַטער מיט אונדזער רוסישן רעוויו, מיט אַ תּירוץ, אַז מיר גראָבן אונטער די עקזיסטענץ פון דעם ליטווישן טעאַטער מיט אַ פרעמדער שפּראַך און מיר האָבן געמוזט אויפהערן שפּילן.

אין דער זעלבער צײַט איז פון רוסלאַנד אָנגעקומען די גרויסע שוישפּילערין אסתּר־רחל קאַמינסקי. זי האָט באַדאַרפט שפּילן „מירעלע אפרת״ און אין איר טרופּע האָט אויסגעפעלט אַ יונגער־מאַן, וועלכער זאָל שפּילן איר ייִנגערן זון דאָניאַ. איז מען געקומען מיך אַנגאַזשירן. איך האָב אָפּגעזאָגט. פּשוט פאַר שרעק. איך האָב נאָך אין מײַן לעבן נישט געהאַט געשפּילט קיין ערנסט טעאַטער.

פוילט זיך נישט די מאַדאַם קאַמינסקאַ און קומט אַליין מיך בעטן. זי שטייט צו מיר צו, אַז איך זאָל איר פּשוט טאָן די טובה. עס איז פאַר מיר, נאַטירלעך, געווען אַ גרויסער כּבֿוד און איך האָב מסכּים געווען. די ראָלע פון נחומטשע חנה דבורהס האָט געשפּילט אַ ייִדיש־רוסישער אַקטיאָר מיטן נאָמען מיכאַעלאָוו.

מײַן שרעק איז געווען אומזיסט... די ראָלע פון דאָניאַ האָט מיר אימפּאָנירט און ס׳איז געווען פאַר מיר אַ פאַרגעניגן צו שפּילן מיט אסתּר־רחלען. באמת אַ ליידי. איך האָב זיך פאָטאָגראַפירט מיט איר, און מיט יאָרן שפּעטער געגעבן קאָפּיעס פון דער פאָטאָגראַפיע איר טאָכטער אידאַ און איר זון יוסף, וואָס איז געווען דער ערשטער פידלער אין דעם ישׂראל־פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער ביז קורץ פאַר זײַן טויט.

ווען די אַקטיאָרן פון דעם גאָרטן, ראובן װענדאָרף און וויקטאָר פּעקער מיט וועלכע איך בין שוין געווען גוט באַפרײַנדט, האָבן מיך געזען שפּילן מיט אסתּר־

רחל קאַמינסקאַ, זענען זיי צוגעשטאַנען צו מיר איך זאָל אַרויספאָרן מיט זיי גאַסטראָלירן מיט אַ נײַער פּיעסע, וואָס זיי האָבן באַקומען — „פּאַטאַש און פּערלמוטער“. אַזוי ווי איך בין אַ קופּלעטיסט אויך, וועט די הויפּטראָלע זײַן פֿאַר מיר ווי אָנגעמאָסטן.

דער פּלאַן איז מיר געפֿעלן, אָבער איך האָב שוין געהאַט אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט אויפֿצוטרעטן אין „גאַראַדסקאָי סאַד“ (שטאָטישער גאָרטן) אין דעם רעסטאָראַן־קאַבאַרעט מיט רוסישע לידער און אויך אַלס קאָנפֿעראַנסיע. מיט מיר זענען אויפֿגעטראָטן אַכט זינגערינס שאַנסאָנעטקעס. איך האָב דערפֿאַר באַקומען אַ גרויסע סומע געלט. איך האָב צוגעזאָגט די ייִדישע אַקטיאָרן, אַז נאָך דעם ווי עס וועט זיך ענדיקן דער קאָנטראַקט, גיי איך אַריבער צו זיי.

איך בין געזעסן מיט די ייִדישע אַקטיאָרן אין קאַפֿע און געמאַכט מיט זיי פּלענער וועגן שטעלן „פּאַטאַש און פּערלמוטער“. פּלוצלינג איז אַרײַנגעלאָפֿן עמעצער און אויסגעשריִען אַז מײַן גאַס (ווו איך ווױן) ברענט! איך בין אַרויס־געפֿלויגן פֿון קאַפֿע מיט אַזאַ אימפּעט, אַז כ׳האָב איבערגעקערט אַלע טישן און שטולן וואָס זענען מיר געשטאַנען אין וועג.

די גאַנצע גאַס האָט געברענט! — און מײַן הויז אין דער מיט.

צוזאַמען מיט מיר זענען געלאָפֿן צענדליקער מענטשן, אָבער די גאַס איז שוין געווען אָפּגעשלאָסן פֿון פֿײַערלעשערס און מיליטער.

— מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן! מײַן מוזיק! מײַן געלט! — האָב איך זיך היסטעריש צעשריִען און געפּרוּווט אַדורכרײַסן זיך צו מײַן הויז. דער צימער ווו איך בין אַרײַנגעלאָפֿן איז נאָך ניט געווען אַרומגעכאַפּט פֿון פֿלאַמען, איך האָב באַוויזן אַרויסצונעמען מײַן טשעמאָדאַן מיט די לידער־קופּלעטן און זיך געלאָזט צום אַלמער ווו איך האָב געהאַלטן מײַן געלט, — האָבן מיך צוויי פֿײַערלעשערס פֿאַרכאַפּט און בגוואַלד אַרויסגעטראָגן פֿון הויז. אין עטלעכע סעקונדעס אַרום איז דער גאַנצער בנין אײַנגעפֿאַלן... איך האָב געראַטעוועט מײַנע לידער און די פֿײַערלעשערס — מײַן לעבן.

צוויי און פֿופֿציק הײַזער האָבן אָפּגעברענט, אָבער די אײַנוווינערס זענען אַרויס מיטן לעבן. אויף מאָרגן זענען אַלע צײַטונגען אַרויס מיט מײַן בילד אויף דער ערשטער זײַט: „דער פּאָפּולערער קופּלעטיסט פּאַולאָס בורשטיינאָס האָט אין דעם פֿײַער פֿאַרלאָרן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן“, מײַן גוטער פֿרײַנד בוכאָוו פֿון דער „עכאָ“ האָט געגעבן וועגן מיר אַ גאָר שיינעם אַרטיקל און באַק פֿון „פּאַלאַס“־טעאַטער האָט מיך אײַנגעלאָדן אויפֿצוטרעטן בײַ אים מיט קופּלעטן אין מײַנע פֿאַרברענטע קליידער — האָב איך אַ דאַנק דער שׂרפֿה געהאַט אַ סך דערפֿאָלג...

13. איך מוז פֿאַרלאָזן ליטע

אין אַ קורצער צײַט אַרום נאָך דער שׂרפֿה בין איך אַרויסגעפֿאָרן מיט דער ייִדישער טרופּע קיין שאַוול. די פֿאָרשטעלונג „פּאַטאַש און פּערלמוטער" האָט אויסגענומען בײַם עולם און מיר האָבן זיך געריכט צו זײַן אַ לאַנגע צײַט אין שאַוול. די אידיליע איז אָבער פּלוצעם צעשטערט געוואָרן. איך האָב באַקומען אַ באַפֿעל פֿון דער רעגירונג, אַז איך מוז פֿאַרלאָזן ליטע אין זעקס און דרײַסיק שעה.

די סיבה?

פּראָסט און פּשוט: עמעצער האָט מיך געמסרט. נישט־פֿאַרגינערס געפֿינען זיך געװנוג אין יעדער פּראָפֿעסיע. דערפֿאַר האָב איך אַלע יאָרן געטענהט פֿאַר מײַן פֿרוי ליליאַן און אַפֿילו פֿאַר מײַנע קינדער, װען זיי זענען געװאָרן שוי־שפּילערס, אַז אַזוי לאַנג װי איך פֿיל נאָך, אַז איך האָב שׂונאים אַרום זיך, װייס איך אַז איך בין נאָך אַ דערפֿאָלגרײַכער שוישפּילער.

מיך האָט דעמאָלט געמסרט אַן אַזוי געראָפֿענער גוטער פֿרײַנד, אַז איך בין אַ געבוירענער און אַנטלאָפֿענער פֿון פּוילן און נישט־פֿאַרמאָגנדיק קיין ליטווישן פּאַס, פֿאַרדין איך גרויסע סומעס געלט דאָ אין לאַנד.

ס'איז נישט געװען דאָס אײנציקע מאָל אין מײַן לעבן, װען איך בין געװאָרן געמסרט צוליב קינאה. אין יאָר 1933, װען איך בין געקומען קיין פּוילן אַלס גאַסטראָליאָר פֿון אַמעריקע, שוין װי אַן אַמעריקאַנער בירגער, האָט אײנער אין מײַן טרופּע, מיט װעמען איך האָב זיך צעקריגט, מיך געמסרט פֿאַר דער פּוילישער רעגירונג, אַז כ'פֿאַרדין צו פֿיל געלט און איך האָב דאַן באַקומען אַ באַפֿעל צו פֿאַרלאָזן פּוילן. נישט אײן מאָל בין איך געסטראַשעט געװאָרן פֿון געװיסע „שטאַרקע" אין דער פּראָפֿעסיע: „איך קאָן דיך מסרן און אַרויסשיקן פֿון לאַנד".

װען איך האָב אין שאַוול באַקומען דעם באַפֿעל צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד צײַט 36 שעה, בין איך, נאַטירלעך, געלאָפֿן נאָך הילף צו מײַן אַלטן פֿרײַנד ראָזאָװסקי, פֿון נאַציאָנאַל־ראַט, און איך האָב זיך אין אים נישט אַנטוישט. אין דער זעלבער צײַט, װען עמעצער האָט געזוכט אונטערצוגראָבן אונטער מיר אַ גרוב אין שאַוול, האָט אין אַ צװייטן עק פֿון דער װעלט, אויף יענער זײַט ים, אַ צװייטער געאַרבעט מעשׂים, אַז איך זאָל באַגליקט װערן.

מײַן אַלטער פֿרײַנד, סאַלאָמאָן קוסטין, מיט װעמען איך האָב געשפּילט אין פּוילן, האָט אין מיר נישט פֿאַרגעסן. װען ער האָט זיך דאַן פֿון לאָדזש אומ־געקערט קיין אַמעריקע, האָב איך אים געהאַט מיטגעגעבן די אַדרעסן פֿון מײַנע דרײַ ברידער װעלכע האָבן געװוינט אין ניו־יאָרק. קוסטין האָט זיך מיט זיי גוט באַקענט און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן, כּדי מיך ברענגען קיין אַמעריקע.

די קוואָטע אַרײַנצוקומען קיין אַמעריקע איז שוין געווען אַ פּאַרמאַכטע. בלויז אַרטיסטן, מוזיקערס, קינסטלערס, ווי אויך גײַסטלעכע, ווי רבנים און גלחים — פֿאַר זיי איז געווען פֿרײַ די קוואָטע.

אַלץ אין מײַן מזל וועגן! — האָט פּאַסירט אין ניו־יאָרק אַ פֿאַל, אַז דער גרויסער באַריס טאָמאַשעווסקי איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון דעם „נעשאָנעל טעאַטער", דורך זײַן שותּף גאָלדבערג (וועלכער האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט זינאַ גאָלדשטיין).

טאָמאַשעווסקי איז געווען שטאַרק פֿאַרביטערט, וואָס אויף זײַן פּלאַץ איז אַרײַן אין טעאַטער אַהרון לעבעדיעוו. וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געקומען קיין אַמעריקע דורך שאַנכײַ, צוזאַמען מיט דעם קאָמפּאָזיטאָר אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי און איז אין ניו־יאָרק געוואָרן דער גרעסטער ליבלינג. גאָלדבערג האָט מיט אים דאַן געשטעלט אין „נעשאָנעל טעאַטער" שומסקיס פּיעסע „ליאָווקע מאַלאָדיעץ".

פֿאַר אַמביציע איז טאָמאַשעווסקי (אָדער „טאָמי", ווי מען פֿלעגט אים ליבלעך רופֿן) אַוועק אויף בראָדוויי און געדונגען פֿאַרן סעזאָן דעם „נאָראַ בײַיז"־טעאַטער.

זיך דערוויסנדיק פֿון דער געשיכטע, איז מײַן פֿרײַנד קוסטין אַוועק צו טאָמאַשעווסקין און אים דערציילט, אַז אין קאָוונע געפֿינט זיך אַ יונגער בחור, וועלכער קאָן זײַן אַ גרויסער קאָנקורענט קעגן לעבעדיעוון. איינער וואָס פֿײַפֿט, זינגט און טאַנצט „אַ לאַ לעבעדיעוו", און ער לייגט פֿאָר טאָמאַשעווסקין ער זאָל מיך ברענגען קיין אַמעריקע צום נײַעם סעזאָן. מײַנע ברידער האָבן מיר שוין געלאָזט וויסן, אַז איך קאָן זיך ריכטן אַ ליאַדע טאָג אויף אַ וויזע פֿון דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט. נאַטירלעך, אַז איך האָב אויף דעם געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד און פּלוצעם: מען וויל מיך גאָר צוריקשיקן צו די פּאָליאַקן גלײַך אין פֿײַער אַרײַן...

אַזוי ווי איך האָב דערציילט די גאַנצע געשיכטע ראָזאָווסקין, וועלכער איז געווען איינער פֿון די איידלסטע מענטשן און וואָס האָט מיך זייער ליב געהאַט, האָט ער צו מיר געזאָגט: „טײַערינקער, זאָרגט אײַך נישט און קומט שוין מיט מיר". ער האָט מיך געפֿירט גלײַך צום פּרעזידענט פֿון לאַנד.

דער פּרעזידענט האָט אונדז אויפֿגענומען זייער העפֿלעך און כ'האָב גלײַך דער־זען, ווי באַפֿרײַנדט ראָזאָווסקי איז מיט אים. מיך הייסט ער זיצן און זאָגט צו מיר:

— בורשטיינאַס, איך ווייס ווער דו ביסט. דו מאַכסט פֿריילעך אונדזער פֿאָלק און ס'טוט מיר שטאַרק הנאה זיך מיט דיר צו באַקענען.

נישט ראָזאָווסקי און נישט איך האָבן זיך געריכט אויף אַזאַ געהויבענער באַגריסונג. אָבער איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן ווי דאָס האָט מיך דערמוטיקט. ראָזאָווסקי האָט אים באַלד דערציילט וואָס מיט מיר איז געשען.

— ה' פּרעזידענט, דער בחור איז אַ שטאַטלאָזער. עס איז אמת, אַז ער איז געבוירן אין פּוילן, נאָר ער טאָר נישט צוריקפֿאָרן אַהין צוליב זײַן מיליטער־

דינסט. און דאָ וויל מען אים אַרויסשיקן פון לאַנד, פונקט ווען ער דערוואַרט אַ וויזע צו פאָרן קיין אַמעריקע. ווי פּאַסט עס פאַר אונדז, אַז אַזאַ באַוווּסטער אַרטיסט זאָל אַרויסגעשיקט ווערן אָן אַ פּאַרוואָס און בפרט נאָך אַ ייִד. דערפאַר וויל ער בעטן דערלויבעניש צו פאַרבלייַבן דאָ אין לאַנד, ביז ער וועט באַקומען זייַנע פּאַפּירן אָוועקצופאָרן קיין אַמעריקע.

טאַקע נאָר אַ דיפּלאָמאַט האָט געקענט אַזוי רעדן.

פרעגט אים דער פּרעזידענט:

— ווי לאַנג וויל ער דאָ זייַן? — ביידע רעדן וועגן מיר ווי איך וואָלט נישט געזעסן דערבייַ — און ראַזאַווסקי דערקלערט אים, אַז בלויז אַ פּאָר וואָכן, ביז איך וועל באַקומען מייַן וויזע.

קוקט מיך דער פּרעזידענט אָן און פרעגט מיך דירעקט: „דרייַ חדשים וועלן זייַן גענוג?" דערפרייי איך זיך:

— מער ווי גענוג, ה' פּרעזידענט. — ער הייסט אונדז אַראָפּגיין אונטן אין דער קאַנצעלאַריע, ווו איך וועל באַקומען אַ דאָקומענט אויף דרייַ חדשים.

מיר געזעגענען זיך. דער קאָפּ דרייט זיך מיר פאַר פרייד. איך באַדאַנק אים און ער זאָגט מיר: „פּאַולאַס בורשטיינאַס, דו זאָלסט כאָטש נישט זינגען קיין שלעכטע קופּלעטן וועגן ליטע". ענטפער איך אים דעם רייִנעם אמת, אַז מייַנע שענסטע צייַטן האָב איך דאָ אין לאַנד פאַרבראַכט. איך פיל באמת, אַז קאָוונע איז מייַן שטאָט און איך פיר אַוועק מיט זיך די בעסטע דערינערונגען.

מיר זענען אַראָפּ אין דער קאַנצעלאַריע, כ'האָב געגעבן אַ פאָטאָגראַפיע און באַקומען אַ ליטווישן דאָקומענט, אַ „לעידימאַס" אויף דרייַ חדשים.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ מעלדונג פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסול איך זאָל קומען מיט 10 דאָלאַר און צוויי פאָטאָגראַפיעס.

איך האָב געוווּסט, אַז איך פאָר צו מייַנע ברידער, אָבער גענוי אין וועלכן טעאַטער און צו וועלכן דירעקטאָר האָב איך נישט געוווּסט, שטעלט אייַך פאָר מייַן איבערראַשונג, ווען דער קאָנסול האָט מיך געפרעגט:

— דו ווייסט צו וועמען דו פאָרסט? צום גרעסטן ייִדישן טעאַטער־דירעקטאָר אין אַמעריקע באָריס טאָמאַשעווסקי. (זייַן נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט פון דער פּיעסע „דאָס פּינטעלע ייִד"). און צי ווייסטו ווו דו וועסט שפּילן? — פרעגט ער מיך ווייַטער און ענטפערט אַליין — אויף דער פּאָפּולערסטער גאַס אין דער וועלט, אויף בראָדוויי און 44סטע גאַס, אין דעם „נאַרא בייַז"־טעאַטער. דייַן קאָנטראַקט איז אויף דרייַ הונדערט דאָלאַר אַ וואָך, יונגער־מאַן, דו מעגסט שטאָלצירן...

איך בין געבליבן זיצן אַ פאַרשמעליעטער. דרייַ הונדערט דאָלאַר אַ וואָך! דעמאָלט, אין 1923, איז דאָס געווען אַזוי ווי הייַנט דרייַ טויזנט דאָלאַר.

— דאָ האָסטו אָן אַוואַנס פון פינף הונדערט דאָלאַר פאַר דייַן רייַזע —

און ער דערלאַנגט מיר פינף הונדערט דאָלאַר אין מײַנע הענט אַרײַן. איך זיץ ווי אַ פאַרכישופטער.

ענדלעך האָט ער אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון דעם גאָלדענעם לאַנד, אַמעריקע, מיט דעם פרײַען פויגל, אויף מײַן ליטווישן דאָקומענט און ער ווינטשט מיר: „פאָר געזונט, יונגער־מאַן, און מאַך גרויס סוקצעס אין אַמעריקע״.

מײַן פרייד האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. איך האָב אַנאַנסירט דרײַ באַזונדערע געזעגענונגס־בענעפיסן אין דרײַ פאַרשידענע קינאָס און פאַרדינט דערבײַ אַ היפּשע פּאָר טויזנט ליט. גאַנץ קאָוונע איז געקומען זיך געזעגענען מיט מיר.

איך האָב תּיכף אויסגעביטן פופציק טויזנט ליט אויף דײַטשע מאַרקן מיט די „רויטע שטעמפּלען״, ווײַל אַלע האָבן געוווסט, אַז די דײַטשע „טויזנט מאַרק״, מיט די רויטע שטעמפּלען וועלן באַלד ווערט זײַן אַ סך געלט. דער סוף איז געווען, אַז איך האָב זיך אָפּגענאַרט, פונקט ווי טויזנטער אַנדערע מענטשן. גלײַך צו מאָרגנס האָבן די דײַטשע מאַרקן גענומען פאַלן. בין איך אַוועקגעלאָפן אויף דער בערזע, ווו אַלע האָבן מיך געקענט, כּדי צו פאַרקויפן די דײַטשע מאַרקן. האָבן גוטע פרײַנד מיך געראָטן, אַז איך זאָל צוואַרטן אַ פּאָר טעג, ווײַל די מאַרקן וועלן נאָך זיכער שטײַגן.

צום סוף איז איבער נאַכט געוואָרן אַן אינפלאַציע און מײַנע מאַרקן האָבן מער נישט געהאַט קיין ווערט. איך האָב פאַרלוירן אַ פאַרמעגן. נאָך אַ גליק וואָס איך האָב געהאַט די 500 דאָלאַר, וואָס טאָמאַשעווסקי האָט מיר געשיקט אַלס אַן אַוואַנס פון אַמעריקע. מײַן יונגער קאָפּ האָט זיך דאַן נישט גענומען אַזוי שטאַרק צום האַרצן. איך בין שוין געווען צוגעווינט אַז געלט איז קײַלעכדיק. אָט האָב איך עס פאַרלוירן און באַלד וועל איך ווידער פאַרדינען. מײַן גאַנץ לעבן בין איך נישט געווען קיין געלט־גײַציקער, בפרט דאַן. האָב איך זיך ווייניק געזאָרגט. איינער אַליין, קיין ווײַב מיט קיין קינד נישט באַדאַרפט פאַרזאָרגן.

איין ציל האָב איך נאָר דעמאָלט געהאַט אין לעבן — אַז ווען איך וועל אם־ירצה־השם אָנקומען קיין אַמעריקע, זאָל איך דאָס ערשטע אַריבערברענגען מײַנע ליבע עלטערן מיט מײַן יִינגערן ברודער אברהמעלע, זיי זאָלן שטאָלצירן מיט מיר. און זאָלן זיי זיך איבערצײַגן, אַז מײַן אַנטלויפן פון דער היים איז נישט געווען אומזיסט.

עס איז געקומען די צײַט צו געזעגענען זיך מיט אַלע פרײַנד און ספּעציעל מיט מײַן פרײַנד ראַזאָווסקי, וועמען איך בין אַזוי דאַנקבאַר געווען פאַר ראַטעווען מיך. (נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ראַזאָווסקי געקומען קיין ניו־יאָרק און מיר האָבן זיך זייער דערפרייט איינער מיטן צווייטן. שפּעטער, ווען איך האָב געווינט אין ישׂראל, אין די 60ער יאָרן, איז ער געקומען זיך באַזעצן אין תּל־אביב. מיר פלעגן זיך אָפט זען, ביז דעם טרויעריקן טאָג ווען מײַן פרוי און איך האָבן אים באַגלייט צו זײַן אייביקער רו. נישט געווען קיין סך ראַזאָווסקיס אויף דער וועלט...).

אַלע צײַטונגען אין קאָוונע זענען דעמאָלט געווען פול מיט מיר און כמעט גאַנץ קאָוונע האָט מיך באַגלייט צו דער באַן. אין קליינינקייט! אין 1923 פאָרן קיין אַמעריקע מיט אַזאַ קאָנטראַקט אין קעשענע!

14. בערלין 1923

די באַן וועט באַלד אָפּגיין פון דעם קאָוונער וואָקזאַל און איך זיץ מיר אין וואַגאָן איינער אַליין אין רײַזע־פיבער... די נסיעה דאַרף דויערן אַ פינף שעה און איך קלער בײַ זיך: אָט פאָר איך אַרויס אין דער וועלט. אין בערלין וועל איך מיר אײַנקויפן די מאָדערנסטע קליידער. איך פאָר דאָך עפּעס קיין בראָדוויי און מען זאָגט, אַז בערלין איז די שטאָט פון מענער־מאָדעס.

פאָרן קיין ניו־יאָרק דאַרף איך מיט דער שיף „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" (אין דעם נאָמען אַליין האָב איך שוין דערזען אַמעריקע); האָבן וועל איך פינף טעג צײַט צו פאַרברענגען אין בערלין. כ׳וועל אָנקומען מאָנטיק און מײַן שיף וועט אָפּגיין שבת.

אין בערלין בעט איך דעם פּיאַקער מיך פירן אין אַ פײַנעם האָטעל. איך פאַרליר נישט קיין צײַט, שטעל אַוועק מײַנע זאַכן, און באַלד געפין איך זיך אין דעם גרעסטן בערלינער געשעפט, ווו וויכטיקע פערזענלעכקייטן פון דער גאַנצער וועלט קומען נייען אויף באַשטעלונג. און זאָגן זאָגט מען, אַז דער קיסר פראַנץ יאָזעף אַליין פלעגט דאָרט נייען זײַנע בגדים.

איך האָב באַשטעלט דעם מאָדערנסטן פראַק. געקאָסט האָט ער מיך פופציק אַמעריקאַנער דאָלאַר. דײַטשע מאַרקן האָבן זיי נישט געוואָלט נעמען. צוגעזאָגט האָט מען מיר, אַז דער פראַק וועט זײַן פאַרטיק אין פיר טעג אַרום. דאָס איז געווען מײַן באַדינג, איך האָב זיי דערציילט, אַז שבת פאָרט אָפּ מײַן שיף און אַז זייער פראַק פאָרט „טאַנצן אויף בראָדוויי".

אַצינד דאַרף מען דאָך האָבן עפּעס אַ פײַנעם צילינדער, אַזוינס און אַזעלכעס צו דעם פראַק. האָבן זיי מיר רעקאָמענדירט אַ ספּעציעל הוטגעשעפט אויף דער פרידריך־שטראַסע. אָנגעקומען אַהין, הייב איך אָן מעסטן צילינדערס, צווישן זיי אַ „שאַפּאַקלאַג", וואָס איז מיר שטאַרק געפעלן, ווײַל אַ „שאַפּאַקלאַג"־צילינדער לייגט זיך צונויף אויף ספּרוזשינעס ווי אַ פּלעצל. כ׳בין צו צום שפּיגל דאָס אָנמעסטן און פאַזירט מיט דעם „שאַפּאַקלאַג" אַהער און אַהין, פּלוצעם האָב איך דערזען ווי אין אַ צווייטן שפּיגל, הינטער מיר, שטייט מיכאַל מיכאַלעסקאָ און מעסט אויך אַ צילינדער. מיט גרויס פרייד דריי איך זיך אויס און שרײַ: „פּאַניע מיכאַלעסקאָ!"

מיכאַלעסקאַ דרייט זיך אויס צו מיר און זאָגט צו זײַן פרוי:

— אַנדזשע, זע נאָר ווער ס׳איז דאָ? דער פּײַפּער, מיטן טאַטן מיט די זיבן טעכטער — האָט ער זיך דערמאָנט אין מײַן באַרימט לידל.

איך האָב אַנדזשע מיכאַלעסקאַ געדענקט נאָך פון וואַרשע, ווען זי האָט זיך געהאַט פאַרליבט אין מיכאַלן און זיך אָפּגעגט פון אַ רײַכן סוחר, אַ מיליאָנער, כּדי חתונה האָבן מיט מיכאַלעסקאָן. ס׳הייסט ער, מיכאַל, האָט אויך דעמאָלט, אָפּגעגט זײַן פרוי, אַן עלטערע אַקטריסע, וועלכע האָט געהייסן פּאַניאַ רײַבער.

(אָט די פּאַניאַ רײַבער האָט חתונה געהאַט מיט אַן עלטערן אַקטיאָר, פּאָלעיפּאַדע, מיט וועמען זי האָט זיך אויסגעלעבט אירע יאָרן. זיי זענען אַוועק, ווי אַנדערע יידישע שוישפּילערס, קיין בוענאָס־אײַרעס און ווען מיר פלעגן באַזוכן אַרגענטינע, מײַן פרוי און איך, פלעגט זי זיך תּמיד נאָכפרעגן אויף מיכאַלעסקאָן. „וואָס מאַכט ער?״ — פלעגט זי פרעגן. „ווי אַזוי זעט ער אויס, מיכאַל?״ ווײַזט אויס, אַז די אַלטע פרוי „פּאָלעיפּאַדע״, פּאַניאַ רײַבער, האָט קיין מאָל נישט פאַרגעסן איר אַלטע ליבע. צוועלף מאָל האָבן מיר באַזוכט בוענאָס־אײַרעס און שטענדיק די זעלבע פראַגע).

מיכאַלעסקאַ מיט אַנדזשען כאַפּן זיך מיט מיר אַרום און לאָזן מיך נישט אָפּ. איך דערצייל זיי, אַז איך בין אַנגאַזשירט צו באַריס טאָמאַשעווסקין און פאַר צו אים שפּילן אויף בראָדוויי. מיכאַלעסקאַ איז שוין געווען אַ גרויסער סטאַר אין ניו־יאָרק. זיי האָבן מיך פאַרבעטן צו זיך אין האָטעל־צימער און דערציילט, אַז צוזאַמען מיט זיי געפינט זיך וויעראַ לעבעדיעוו, די פרוי פון אַהרון לעבעדיעוו.

איך האָב וועגן לעבעדיעוון זייער אַ סך געהערט. מיכאַל לאַכט און זאָגט צו אַנדזשען: „אײַ! וועט וויעראַ זיך באַלד דערפרייען״.

איך האָב, נאַטירלעך, נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַ צווייטן צימער און מיך אַרײַנגעפירט באַקענען מיט איר.

וויעראַ לעבעדיעוו איז געלעגן אין בעט. דאָס בילד שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן: אַ פרינצעסין איז געלעגן אין דעם בעט, אַ זעלטענע שיינהייט. איך בין באַגײַסטערט געוואָרן. זי האָט מיט מיר גערעדט רוסיש, געפרעגט מיך פון וואַנען איך קום. צי איך קען איר מאַן, וועלכער איז זייער אַ גרויסער סטאַר אין אַמעריקע.

— דו ווייסט, וויעראַ — האָט זיך אָנגערופן מיכאַלעסקאַ — דער יונגער־מאַן זינגט און טאַנצט אַזוי ווי דײַן מאַן און איז נאָך אַ פּײַפּער דערצו. ער פאָרט דאָך צו טאָמאַשעווסקין אין טעאַטער.

וויעראַ האָט מיך אָנגעקוקט מיט מער אינטערעס און ס׳האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס. איך האָב אַלץ געקוקט אויף דער בילד־שיינהייט. ווער האָט זיך דעמאָלט געקענט פאָרשטעלן, אַז מיט יאָרן שפּעטער וועל איך זען אין ניו־יאָרק, ווי די שיינהייט ווערט אויפגעפרעסן פון אַלקאָהאָל? פאַר איר טויט, אַרום 1950, האָט זיך די פריִער צאַרטע שיינהייט קוים געקענט שלעפּן אויף די פיס. זי איז אַלט געוואָרן פאַר דער צײַט, צעקנייטשט ווי די מכשפה פון דער „באָבע יאַכנע״, און

זיך געוואַלגערט אויף דער 2טער עוועניו, די ייִדישע טעאַטער־גאַס אין ניו־יאָרק, אַז אַלע זאָלן רחמנות האָבן אויף איר.

דעמאָלט אין האָטעל, אין בערלין, האָט מיר מיכאַלעסקאָ דערציילט, אַז מען שפּילט ייִדיש טעאַטער אין בערלין. צילי אַדלער, די טאָכטער פון דזשעיקאָב פּ. אַדלער, די גרויסע קינסטלערין, איז דאָ פון אַמעריקע, און מיט איר שפּילט אַ ליבהאָבער, אַ שיינער אַקטיאָר, איוואַן בוזעט. דער זעלבער בוזעט האָט געהאַט געשפּילט מיט אַדלערס פרוי, שׂרה אַדלער, און איז געווען איר פּאַרטנער עטלעכע יאָר. איצט איז ער דער פּאַרטנער פון אַדלערס טאָכטער צילי (פון זײַן ערשטער פרוי דינה פײַנמאַן).

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיכאַלעסקאָ און מיט מאַדאַם לעבעדיעוו און מיר האָבן זיך צוגעזאָגט צו זען אין אַמעריקע. זיי האָבן מיר געווונטשן דערפאָלג. צי זיי האָבן דאָסווירקלעך געמיינט האָב איך נישט געוווסט, אָבער איך האָב זיך געפילט זייער יום־טובדיק: איך בין שוין אַרומגערינגלט מיט אַמעריקאַנער אַקטיאָרן.

דעם זעלבן אָוונט האָב איך באַזוכט דעם טעאַטער, ווו צילי אַדלער און בוזעט האָבן געשפּילט. איך בין באַגײַסטערט געוואָרן פון דער באַגאַבטער צילי אַדלער. נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך זיך פאַר זיי פאַרגעשטעלט, אַז איך בין אַ ייִדישער „קופּלעטיסט" און איך פאָר צו באָריס טאָמאַשעווסקין אויף בראָדוויי שפּילן אין זײַן טרופּע.

איוואַן בוזעט איז שפּעטער גאָר געוואָרן אַ טעאַטער־פאָטאָגראַפיסט. מיר האָבן נאָך ביז הײַנט בילדער, וועלכע ער האָט אונדז געמאַכט.

צו מאָרגנס בין איך אַוועק אין דעם באַרימטן שיפגעשעפט „סאַלאַמאַנדראַ" אויף דער פרידריך־שטראַסע און אָפּגעקליבן עטלעכע פאָר שיף. געוואָלט פאָר זיי באַצאָלן מיט דאָלאַרן — לא מיט אַ ספק. דאָ איז פאַרקערט ווי מיט דעם פּראָק — זיי נעמען נישט קיין דאָלאַרן, בלויז דײַטשע מאַרקן. בין איך אַוועק אויסבײַטן פופציק אַמעריקאַנער דאָלאַר און באַקומען צוויי גרויסע פעק מיט געלט. דאָס פּאַפּיר איז כמעט געווען מער ווערט ווי דאָס געלט. איך האָב די צוויי פעק קוים געקענט אויפהייבן. געמוזט נעמען אַ דראָזשקע.

אין „סאַלאַמאַנדראַ" האָב איך זיך געוואָנדן צו דער פאַרקויפערקע, זי זאָל נעמען וויפל ס׳קומט איר פאַר די דרײַ פאָר שיך. האָט זי געעפנט איין פּאַק און אַרויסגענומען דרײַ באַנדעראָלן מיט באַנקנאָטן. וויפל דאָס האָט באַטראָפן, ווייס איך נישט ביז הײַנטיקן טאָג.

צוריקקומענדיק אין האָטעל האָט מיך דערוואַרט אַ סורפּריז: מײַנע חברים, מיט וועלכע איך האָב געשפּילט אין קאָוונע אין „פּריוואַל קאָמעדיאַנטאָוו", אַלמאַזאָף, שפּאַקאָווסקי און מאַיעווסקי זענען געקומען מיך זוכן. זיי האָבן געוווסט, אַז איך פאָר פאַרבײַ. פאַר מיר איז די באַגעגעניש געווען אַזוי אומדערוואַרט,

אַז איך האָב זיך אַזש צעווײנט. זײ האָבן אַלע באַשלאָסן פאַר מיר צו פּראַוון אַ באַנקעט, לכּבֿוד מײַן אָפּפאָרן קײן אַמעריקע.

זײ האָבן געדונגען אַ גרויסן צימער אין אַ האָטעל און אויף צו מאָרגנס אין אָוונט זענען מיר זיך צונויפגעקומען אַ צוואַנציק מענטשן. מען האָט געגעסן פון שענסטן און בעסטן און געטרונקען שאַמפּאַניער, ווי ס'וואָלט געווען וואַסער. קלאָר, אַז איך האָב מיטגענומען מײַנע צווײ פּעק מיטן געלט און זײ אָוועקגע־שטעלט אויף דער ערד נעבן מיר. איך האָב דאָך שוין געוווסט, אַז איך וועל דאַרפן באַצאָלן פאַרן באַנקעט. איך בין געזעסן אויבן אָן און יעדעס מאָל ווען דער קעלנער האָט עפּעס געבראַכט, האָב איך אים דערלאַנגט פונעם פּעקל אַ צען טויזנט מאַרקבאַנקנאָטן און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרנייגן און שרײַען: „דאַנקע שיין!"

מיר האָבן אַזוי געטרונקען ביז צווײ אַ זײגער פאַר טאָג און דאַן זענען אַלע ערשט אָוועק צו מיר אין מײַן האָטעל, וווּ ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע סדרה פון עסן און טרינקען. וואָס וויל איך אַרויסברענגען? דער סוף איז געווען, אַז ס'איז מיר נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ פּאַק מיט געלט.

אויף צו מאָרגנס, פרײַטיק, בין איך אָוועק קויפן אַ לעדערנע וואַליזע און באַצאָלט פאַר דעם אַ האַלבן פּאַק מיט געלט. דאָס לעדער פון דער וואַליזע איז געווען אַזוי דיק, אַז איך האָב די וואַליזע קײן מאָל נישט געקענט אויסניצן. איך האָב זי מיט אַ פּופצן יאָר שפּעטער געשאָנקען מײַן שוועסטער אין וואַרשע און זי האָט זי פאַרקויפט צו אַ שוסטער אויף צו מאַכן זוילן.

יענעם פרײַטיק אין בערלין האָב איך מיר אויך געקויפט אַ פּראַכטפולן גרויען מאַנטל. איך האָב זיך פּשוט פאַרליבט אין דעם מאַנטל. ווען איך האָב שפּאַצירט אין אים אין ניו־יאָרק אויף בראָדוויי, פלעגט מיר יעדער אײנער נאָכקוקן, ווי אַ האָליוווּדער פילמסטאַר.

מײַן וווּנדער־שיינעם פראַק האָב איך שוין געהאַט אָפּגענומען און קוקנדיק אויף דעם אַלץ וואָס איך האָב אײַנגעהאַנדלט, האָב איך זיך געפילט ווי אַ פּרינץ פון אַ מעשׂה־ביכל.

פּרינץ פּסח פאָרט קײן אַמעריקע!

שבת האָבן מיך מײַנע חבֿרים באַגלייט צו דער באַן, וואָס האָט געפירט קײן ברעמען, די פּאָרטשטאָט וווּ מײַן שיף האָט זיך געפונען. אַלע זענען מיר מקנא געווען וואָס איך פאָר אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

אויף דער שיף האָב איך געהאַט אַ קאַבינע פאַר זיך אַלײן. די שיף האָט געדאַרפט אָפּגײן פינף אַ זײגער נאָך מיטאָג. אָפּגעפאָרן איז זי צוועלף אַ זײגער בײַ נאַכט. בין איך מיך געשטאַנען אויפן אייבערשטן דעק, אײַנגעאָטעמט אין זיך דעם ריח פון ים־וואַסער און געוואַרט ביז די שיף וועט אַרויס פון פּאָרט.

„יאָ, פּסח — האָב איך דעמאָלט געקלערט בײַ זיך — ביסט שוין אַדורכגע־גאַנגען אַ לאַנגן וועג, פון בערדיאַנסק ביז הײַנט, זינט יענעם פאַרטאָג, ווען דו

האָסט זיך אַרויסגעגנבעט דורך אַ פענצטער פון דייַן היים, אַנטלאָפן, צו ווערן אַן אַקטיאָר. איך האָב טאַקע מער נישט געזען דעם טאַטן. נישט אַברהמלען. בלויז די מאַמע, ווען זי איז געקומען צו מיר אין וואַרשע. ניַין יאָר זענען זינט דעמאָלט אַוועקגעלאָפן! ווו זענען זיי איצט, מייַנע טאַטע־מאַמע? מייַן ברודערל? פאַר וואָס קענען זיי אין דעם מאָמענט נישט זייַן צוזאַמען מיט מיר? צי וועל איך זיי נאָך אַ מאָל זען? איבער הויפּט מייַן מאַמען, ווען איך האָב אַזוי ליב. ווער ווייסט וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט אין דער צייַט פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווען טויזנטער מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער? זיכער נישט זיי — האָב איך זיך געטרייסט. מייַן עלטערער ברודער יעקב האָט דאָך אין בערדיאַנסק בייַם טאַטן איבערגעלאָזט זייַן פרוי מיט פיר קינדער צייַטווייַליק, ווען ער איז געפאָרן קיין אַמעריקע זוכן גליקן".

די שיף נעמט פייַפן און איך גיב זיך אַ נדר, אַז אַזוי גיך ווי איך קום אָן קיין אַמעריקע, שיק איך גלייַך נאָך מייַנע עלטערן און מייַן ברודערל.

אַזוי שטייענדיק אויפן דעק, אָנגעשפּאַרט אָן דעם באַריער, האָב איך געחלומט מייַן חלום און די שיף „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דער פינצטער אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן מיך פירן צו מייַן נייַ לעבן, אין דעם נייַעם לאַנד.

ב

1. טרערן פון פרייד
2. באַריס טאָמאַשעווסקי
3. פסחקע בורשטיין, דער ווילנער קאָמיקער
4. קאַפע „ראָיאַל"
5. אין דער „יוניאָן"
6. פּאַול מוני נעמט זיך אָן מײַן קריוודע
7. אין האָפּקינסאָן־טעאַטער
8. איך ווער אַ חתן
9. „דער גאָלדענער סאָלדאַט" און וואָס אַ פערד קען...
10. דאָס געבורט פון מײַן זון, און די שוויגער, די שוויגער...
11. מיט סעמועל גאָלדענבורג אין פילאַדעלפיע
12. מיט „אַ חתונה אין שטעטל" קיין דעטראָיט
13. צוריק אין ניו־יאָרק
14. איך פאָר קיין קאַליפאָרניע
15. ביי פּאַול מוני צו גאַסט
16. צוליב שלום־בית

1. טרערן פון פרייד

פערצן טעג בין איך געפאָרן איבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן מיט דער שיף „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן". עס איז געווען מײַן ערשטע רײַזע אויף אַ שיף, נאָר לויט מײַן האַלטונג האָט מען געקענט מיינען, אַז איך בין אַ שיף־פּאָרער זינט קאָלאָמבוסעס צײַטן. אָנגעטאָן בין איך געווען ווי דער אמתער ספּאָרטלער: אין אַ ספּאָרטקאָסטיום לויט דער לעצטער מאָדע, מיט „ניקערס" (אַזאַ סאָרט האַלבע הויזן, וועלכע פאַרקלײַבן זיך אונטער די קני), מיט ספּאָרטזאָקן ביז צו די קני און ספּעציעלע שיך, וואָס פּאַסן זיך צו דעם קאָסטיום. אויפן קאָפּ, נאַטירלעך, אַ ספּאָרטהוט אָנגעשטעלט אויף דער זײַט — אַזוי פלעג איך זיך אַרומשפּאַצירן איבער דער שיף ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן.

אויפן דעק האָב איך זיך באַפרײַנדט מיט אַ גרופּע יונגע מיידלעך און בחורים און מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט, פול מיט הומאָר און דער עיקר פול מיט לעבן. געפאָרן בין איך אין דעם צווייטן קלאַס און אַזוי ווי דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערוווּסט דורך מײַנע נײַע חברים, אַז איך בין אַ ייִדישער שוישפּילער, האָט ער מיך פאַרבעטן צו געבן אַ קאָנצערט פאַרן דריטן קלאַס, ווו די מערהייט זענען געווען ייִדן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איך בין נאָך דעם געוואָרן אַ גאַנצער העלד אויף דער שיף און איך האָב פאַרבראַכט ווי גאָט אין אָדעס.

יעדן אָוונט פלעגט דער אָרקעסטער שפּילן טאַנצמוזיק אין דעם גרויסן זאַל און איך, פאַרשטייט זיך, בין נישט געבליבן הינטערשטעליק.

אויך די גוטע צוויי וואָכן האָבן זיך געענדיקט. נאָענט צו די ברעגעס פון ניו־יאָרק האָב איך דערזען די באַרימטע פרײַהייטס־סטאַטוע. דאָס איז אויך געווען פאַר מיר אַן איבערלעבעניש. צוזאַמען מיט מײַנע שיף־חברים זענען מיר גע־שטאַנען אויפן דעק און געקוקט מיט טרערן אין די אויגן.

געוואָרט אין דעם פּאָרט האָבן הונדערטער מענטשן, משפּחה און פרײַנד פון די אָנקומענדיקע פּאַסאַזשירן. אַראָפּגייענדיק מיט די טרעפּ האָב איך נײַגעריק געזוכט צווישן עולם מײַן משפּחה. פּלוצעם האָב איך דערהערט מײַן נאָמען: „פּסח! אָט זענען מיר" — און כ'האָב דערזען מײַנע דרײַ ברידער, יעקב, יוסף און יהושע. יהושע, וועלכער איז אין בערדיאַנסק געשטאַנען מיטן טאַטן אונדז אָפּוואָרטן, בעת יענער רײַזע, מיך מיט דער מאַמען.

פרייד און טרערן האָבן באַגלייט אונדזער באַגעגעניש. איבערגעלאָזן האָבן זיי מיך אַ יינגל, אַ קינד כמעט, און איצט האָבן זיי דערזען פאַר זיך אַ גאַנצן „ספּאָרטלער", אַ שוישפּילער, אַ דערוואַקסענעם, צוזאַמען מיט זיי האָט אויף מיר געוואָרט מײַן אַלטער פרײַנד און דירעקטאָר סאַלאָמאָן קוסטין. איך האָב זיך מיט אים האַרציק צעקושט און געדאַנקט פאַר זײַן אינטערעס צו מיר.

אָפּגענומען מײַן באַגאַזש, זענען מיר אַלע אַוועקגעפאָרן מיט אַ מאַשין צו מײַן ברודער יהושען, וועלכער האָט שוין געהייסן דזשאָרדזש אין דעם נײַעם לאַנד, צו זײַן היים אויף בושוויק עוועניו אין ברוקלין. מיר זענען געזעסן און גערעדט כמעט די גאַנצע נאַכט, אַזוי פיל האָבן מיר זיך געהאַט צו דערציילן. איך האָב זיך דאָס ערשטע נאָכגעפרעגט אויף טאַטע־מאַמע, ווײַל יאָרן שוין ווי איך האָב פון זיי נישט געהערט און די ברידער האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז זיי שרײַבן זיך מיט זיי איבער און אַז זיי געפינען זיך נאָך אַלץ אין בערדיאַנסק.

געהייסן האָט עס, אַז איך בלײַב דערווײַל וווינען בײַ דזשאָרדזשן, וועלכער איז שוין געווען חתונה געהאַט מיט זײַן פרוי ראָזע און געהאַט אַ טײַער יינגעלע פון צוויי יאָר, מיטן נאָמען לעסטער. ער האָט זיך צו מיר גלײַך צוגעקלעפּט און איז אַפילו מיט יאָרן שפּעטער נאָכגעגאַנגען מײַנע טריט און געוואָרן אַן אַקטיאָר, אַ קאָמיקער אויף דער אַמעריקאַנער בינע.

וועגן מײַן אַוועקגיין וווינען אין אַ האָטעל האָט מײַן ברודער אַפילו נישט געוואָלט הערן. נאָך אַזוי פיל יאָרן פון זײַן צעשיידט! איידער קוסטין איז אַהיים־געגאַנגען, האָבן מיר זיך אָפּגעשמועסט, אַז מאָרגן בײַ טאָג וועט ער קומען מיך פירן אין טעאַטער זיך באַקענען מיט מײַן נײַעם דירעקטאָר באָריס טאָמאַשעווסקי.

אַלע זענען אַוועק און איך האָב זיך געלייגט שלאָפן אין מײַן צימער. אָבער ווער האָט דען געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן? כ'בין געלעגן אויף מײַן געלעגער מיט די הענט הינטערן קאָפּ און געטראַכט. דאָס נאַכטליכט האָט אַרײַנגעשײַנט פון דער אַמעריקאַנער גאַס, דורך דעם אַמעריקאַנער פענצטער. איך בין געווען אין גאַנצן אַ צערודערטער. פאַר מיר הייבט זיך אָצינד אָן אַ שפּאָגל נײַ לעבן — —

אויפגעשטאַנען בין איך ווען די אַמעריקאַנער זון האָט מיר אַרײַנגעשײַנט אין די אויגן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, געדענק איך, מיט אַזאַ לײַכטקייט, מיט אַזאַ וואַרעם געפיל... מײַן שוועגערין ראָזע האָט מיך באַלד באַקאַנט געמאַכט מיט דעם אַמעריקאַנער פרישטיק...

שפּעטער, בײַ טאָג, איז סאַלאָמאָן קוסטין אָנגעקומען און איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין מײַנע שענסטע מלבושים, ווי מען זאָגט בײַ אונדז אויף טעאַטער־לשון: „אויסגעפּוצט ווי חוהלע צום גט”, און זיך אַרויסגעלאָזט פון שטוב זוכן אַ טעקסי.

איך קוק אויף די גאַסן פון ברוקלין, איך באַוווּנדער די גרויסע וויליאַמסבורג־בריק, איבער דעם איסט ריווער, דער טײַך וואָס טיילט אָפּ ברוקלין פון מאַנהעטן, די וואָלקן־קראַצערס, און זיך מיט אַן אָפּן מויל.

מיר פאָרן אַדורך די ייִדישע געגנט אויף דער איסט סײַד, אָרטשאַרד־סטריט, ריווינגטאָן־סטריט און איך דערזע פאַר מײַנע אויגן אַ שטיק וואַרשע. די זעלבע פּאַרקויפערס מיט האַנטוועגעלעך אויף דער גאַס און די זעלבע ייִדן מיט די זעלבע בערד. אַזוי ווי אַ קליין קינד האָב איך זיך דערפרייט, און קוסטין האָט געלאַכט.

אויף דער פיר און פערציקסטער גאַס, בײַם עק פון בראָדוויי, אויף דעם אָרט ווו עס געפינט זיך הײַנט די געבײַדע פון „טיימס” האָט די טעקסי זיך אָפּגעשטעלט.

2. באָריס טאָמאַשעווסקי

— פּסח, אָט דאָ, אויבן, איז דײַן טעאַטער! — זאָגט צו מיר קוסטין.

איך קוק אַרויף אין דער הייך און דערזע אַ גרויסן שילד „נאָראַ בייז”־טעאַטער און אונטן אויף דער גאַס זע איך נאָך אַ שילד „אָל דזשאָלסאָן טעאַטער”. דאָס הייסט צוויי טעאַטערס אין איין געבײַדע.

מיר קומען אַרײַן אין פּאַיע פון דער געבײַדע און ווערן אַרויפגעפירט אין דער הייך אין אַ גרויסער ווינדע.

עס איז שוין געווען אַרום זיבן אַ זייגער פאַר נאַכט ווען מיר זענען אַרײַן צו טאָמאַשעווסקין אין קאַבינעט. דער גרויסער באָריס טאָמאַשעווסקי איז געזעסן גרימירט, גרייט צו זײַן אויפטריט. ווי אַצינד שטייט ער מיר פאַר די אויגן: אָנגעטאָן אין אַ צילינדער מיט אַ סורטוק און אַ לאַנגע שיינע באָרד. אַ קראַסאַוויעץ פון אַ מאַן.

מיר בלײַבן שטיין. ער קוקט אויף מיר און איך קוק אויף אים. ענדלעך רופט זיך אָן סאַלאָמאָן קוסטין:

— אָט דאָס איז ער, דער גרינער.

נעבן טאָמאַשעווסקין איז געזעסן זײַן צווייטע פרוי, די שיינע פּרימאַדאָנע רעגינאַ צוקערבערג. רופט ער זיך גלײַך אָן צו איר:

— רעגינאַ, קוק נאָר אָן דעם גרינעם. ער זעט דאָך אויס געלער פון אונדז.

דאָס איז געווען דער ברוך־הבא. די ערשטע ווערטער וואָס איך האָב געהערט פון דעם לעגענדאַרן באַריס טאָמאַשעווסקי מיט זײַן מוזיקאַלישער שטים. די גרויסע פערזענלעכקייט, פון וועמען מען האָט דערציילט, אַז אַלע ווײַבלעך און מיידלעך פלעגן אַוועקשטאַרבן נאָך אים. איינע פון זיי, וועמענס ליבע ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען, האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער גאַס פאַר זײַן קאַרעטע ער זאָל זי איבערפאָרן. מען דערציילט אויך, אַז אין דער צײַט פון זײַן סאַמע גלאַנץ, ווען ער האָט אָנגעפירט מיט אַן „אימפעריע", פלעגט ער פאַרנדיק אין זײַן קאַרעטע פאַררייכערן זײַן לאַנגן ציגאַר מיט אַ פינף־דאָלאַר־באַנקנאָט, כּדי אַלע זאָלן דאָס זען. ער האָט זיך געפירט ווי אַ קעניג מיט זײַן ערשטער פרוי, די גרויסע סובּרעטין בעסי טאָמאַשעווסקי און זײַנע זין הערי און טעדי, וועלכע געפינען זיך הײַנט אין קאַליפאָרניע. טעדיס זון איז הײַנט מײַקל טילסאָן טאָמאַס — אַ באַרימטער יונגער דיריגענט פון פילהאַרמאָנישע אָרקעסטערס.

אָט דאָס איז געווען דער מענטש, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן מיר. ער שמייכלט און פרעגט מיך:

— ווי אַזוי רופט מען דיך אויף דער בינע?

זאָג איך אים:

— פּאַוועל בורשטיין.

— פּאַוועל איז עפּעס אַ גוישער נאָמען. ווי אַזוי הייסטו אויף ייִדיש?

דערצייל איך אים, אַז אויף ייִדיש הייס איך פּסח, אָבער די מאַמע מײַנע אין דער היים פלעגט מיר פאַרצערטלען אויף פּסחקע. גיט ער אַ קלאַפּ אין טיש און שרײַט אויס:

— אַזוי וועסטו טאַקע הייסן, פּסחקע! ווו האָסטו אָנגעהויבן דײַן קאַריערע?

רעכן איך אויס די פאַרשידענע שטעט און דערמאָן צווישן זיי ווילנע. דאָ דערפרייט ער זיך און שטעלט מיך אָפּ.

— אַזוי בלײַבט עס — צעשמייכלט ער זיך — דו וועסט הייסן פּסחקע בורשטיין, דער ווילנער קאָמיקער.

איך בלײַב איבערראַשט און קלער בײַ זיך: זאָל זײַן אַזוי! וואָס איז די נפקא־מינה? איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דאָס וואָרט ווילנע וועט פאַר אים האָבן אַזאַ באַדײַטונג. דער אמת איז געווען, אַז ער האָט מיך געבראַכט אַלס קאָנקורענט קעגן אַהרון לעבעדיעוו און יענער האָט זיך גערופן „דער ליטווישער קאָמיקער", ווײַל ער איז געווען אַן עכטער ליטוואַק. און אַזוי בין איך געקרוינט געוואָרן: „פּסחקע בורשטיין, דער ווילנער קאָמיקער".

טאָמאַשעווסקי קוקט אויף זײַן זייגער און פאַרבעט מיך מיט קוסטינען:

— גיי אַרײַן, פּסחקע טאַטעלע, אין טעאַטער, וועסטו זען ווי אַזוי מען שפּילט דאָ אין אַמעריקע און מיר וועלן זיך זען נאָך דער פאָרשטעלונג.

ער האָט צו מיר גערעדט שוין ווי צו אַן אייגענעם.

מיר זענען אַרײַן אין טעאַטער און איך האָב געטראָטן אויף וואָלקנס. איך בין געווען באַגײַסטערט פון דער פּערזענלעכקייט מיט וועלכער איך האָב זיך ערשט באַקענט.

געשפּילט האָט מען אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע מיטן נאָמען „די דרײַ קליינע ביזנעסלײַט". צוזאַמען מיט אים האָבן אין דער פּיעסע געשפּילט די גרויסע מײַסטערס רודאָלף שילדקראָוט און לודוויג זאַץ. עס האָט אויך מיטגעשפּילט אַ פּערסאָנאַל פון ערשטקלאַסיקע טאַלאַנטן, צווישן זיי אירווינג גראָסמאַן און זײַן דעמאָלטיקע פרוי גאָלדע לובריצקי, פרידאַ זיבל מיט איר טאָכטער עלאַ טרוי. אין דער טרופּע האָט אויך מיטגעשפּילט פּאָלאַ קאַרטער (פּאַרקירצט פון קאַטער־זשינסקי). זי איז געווען אַ רוסישע זינגערין, וועלכע פלעגט זיך רופן „די יִדישע שיקסע". זי פלעגט זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן אויף אַ גיטאַרע. איך געדענק אויך דעם אַקטיאָר ערבער און אחרון אחרון יוסף טשערניאַווסקי מיט זײַן אָרקעסטער פון דרײַ און צוואַנציק מוזיקאַנטן. איך האָב נאָך אַזאַ אָרקעסטער נישט געהערט.

איך האָב דאַן דערזען יִדישן טעאַטער פון אַ גאָר הויכער מדרגה. גאָר אַנדערש ווי דער טעאַטער, צו וועלכן איך בין געווען געוווינט אין פּוילן און אין קאָוונע. עס איז געווען עכט פּראָפעסיאָנעל, ראַפינירט, אַ קינסטלערישער טעאַטער אויפן העכסטן ניוואָ. די דרײַ סטאַרן אַליין זענען געווען גאָט־געבענטשטע טאַלאַנטן.

נאָך דער פאָרשטעלונג בין איך אַרײַן צו טאָמאַשעווסקין אין גאַרדעראָב אין גאַנצן אַ צעמישטער. אויף זײַן פראַגע ווי אַזוי עס איז מיר געפעלן די פאָרשטע־לונג, האָב איך געפּרווט אים איבערגעבן מײַנע געפילן, נאָר איך האָב פּשוט קיין ווערטער נישט געהאַט.

— אַלזאָ, פּסחקע — האָט ער געזאָגט צו מיר — גרייט זיך צו. אין צוויי וואָכן אַרום, זונטיק, וועסטו מאַכן דײַן דעביוט. דו וועסט אויפטרעטן אין אַ רעוויו־פּראָגראַם.

דעמאָלט האָט געהערשט אַ געזעץ, וואָס האָט נישט דערלויבט שפּילן טעאַטער אין אַ זונטיק אויף בראָדוויי. די יִדישע טעאַטערס אין אַנדערע געגנטן האָבן דווקא יאָ געשפּילט צוויי פאָרשטעלונגען זונטיק, אָבער אַזוי ווי טאָמאַשעווסקי איז געשטאַנען אויף בראָדוויי האָט ער געמוזט נאָכקומען דאָס געזעץ. וואָס זשע טוט מען כּדי נישט צו פאַרלירן אַזאַ טעאַטער־טאָג ווי זונטיק? פלעגט מען שפּילן רעוויו־פאָרשטעלונגען און אָנגערופן האָט מען זיי „קאָנצערטן", איז דאָס געווען לעגאַל. קודם איז דאָס געווען אַן אָפּוועקסלונג פון דער גאַנצער וואָך און צווייטנס פלעגן מענטשן לויפן זען אַ פרישן רעוויו יעדן זונטיק.

איך האָב דערקלערט מײַן נײַעם דירעקטאָר, אַז איך בין דווקא צופרידן אויפ־צוטרעטן צום ערשטן מאָל אין אַזאַ רעוויו, ווײַל דאָס איז מײַן אייגענער זשאַנער, זינגען לידער, און איך וועל זיך פילן זיכערער. ער האָט אַרײַנגערופן דעם מוזיק־דירעקטאָר און קאָמפּאָזיטאָר טשערניאַווסקין און מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים:

— דזשאָזעף, באַשטעל זיך מיט דעם יונגגן־מאַן, קלײַב אויס זײַנע בעסטע לידער, גרייט אים צו און אָרקעסטריר זײַן מאַטעריאַל פֿאַר דרײַ און צוואַנציק מאַן.

איך האָב זיך דערשראָקן. ווען האָב איך געזונגען מיט אַן אָרקעסטער פֿון 23 מאַן?

הכּלל, געזאָגט און געטאָן. מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט און איך בין אַוועק צו טשערניאַווסקין אין דער היים אין דעם באַשטימטן טאָג און אים געבראַכט מײַן גאַנצן באַגאַזש. אַלע מײַנע גוטע קופּלעטן. גערעדט האָבן מיר צווישן זיך רוסיש און ס׳האָט זיך געשאַפֿן צווישן אונדז אַ ברידערלעך געפֿיל. טשערניאַווסקי און זײַן פֿרוי, וועלכע איז געווען די פּיאַניסטין פֿונעם אָרקעסטער, האָבן מיך גלײַך אַדאָפּטירט, אַזוי צו זאָגן, און מיך גענומען אונטער זייערע פֿליגל.

ער האָט איבערגעקוקט מײַן רעפּערטואַר און מיר געגעבן אַן עצה:

— הער, פּסחקע, דו וועסט זינגען דרײַ קופּלעטן און אַ פּערטן וועסטו האַלטן אויף ביס. מיר מוזן אויסקלײַבן דײַנע בעסטע נומערן, פֿאַרגעס נישט, דו טרעטסט אויף צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע. און נאָך אויף בראָדוויי דערצו, צוזאַמען מיט אַזעלכע גאָט־געבענטשטע קינסטלערס ווי לודוויג זאַץ און רודאָלף שילדקרויט. דו מוזסט דערלאַנגען דאָס בעסטע וואָס דו פֿאַרמאָגסט, כּדי דו זאָלסט אַריבער מיט אַ קנאַק.

איך האָב זיך היפּש דערשראָקן.

מיר האָבן אויסגעקליבן די פֿאָלגנדיקע קופּלעטן: „האָצאָ מאַמאָ" (מײַן באַרימט לידל נאָך פֿון רוסלאַנד); „ס׳איז געפּאַנפּעט נישט גערעדט"; „הושאַ שושאַ" (אַן איבערזעצונג פֿון פּויליש) און אויפֿן ביס — „מיט אַ שטעקן זיך אונטערצושפּאַרן".

זײַן פֿרוי האָט זיך געזעצט בײַ דער פּיאַנאָ און מיר האָבן געמאַכט אַ פּראָבע. ווען ס׳איז געקומען צו „הושאַ שושאַ", דערהערט מיך פּײַפֿן און צוטאַנצן, האָבן זיי ביידע אָנגעקוואָלן און טשערניאַווסקי האָט אויסגערופֿן: „עס איז גוט, עס איז דערפֿאָלג!!"

ער האָט מיר געראָטן איך זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן אָדער ווײַזן וואָס איך טו ביז צו דער פֿאָרשטעלונג. ער האָט גענומען בײַ מיר די לידער פֿאַר דעם אָרקעסטער און באַשטימט די ערשטע פּראָבע אויף פֿרײַטיק.

איך פֿאָר אַהיים שוין אַ גליקלעכער און נעם זיך גרייטן צו מײַן דעביוט.

3. פּסחקע בורשטיין,
דער ווילנער קאָמיקער

קוים דערוואַרט דעם פּריַיטיק. ווען כ׳בין געקומען איז שוין דער גאַנצער פּערסאָנאַל געווען אויף דער בינע; טאָמאַשעווסקי, אָדער „טאָמי״, ווי זייַנע נאָענטע פּלעגן אים רופן, איז געזעסן אין דער זייַט און זיך צוגעקוקט צו די פּראָבעס. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם גאַנצן אַנסאַמבל:

— דאָס איז אונדזער נייַער שוישפּילער פון אייראָפּע, פּסחקע בורשטיין! — ער האָט מיך אַוועקגענומען אין אַ זייַט און געזאָגט שטילערהייט:

— פּסחקע, זינג נישט מיט דייַן פּולער שטים און נישט מיט די ווערטער, דו הערסט?! זאָלסט בלויז מאַרקירן די טעמפּאָס... די הויפּטזאַך: פייַף נישט! באַהאַלט דעם סורפּריז אויף זונטיק! — וועגן מייַן פייַפן האָט ער שוין געהאַט אָפּגענומען אַ גרוס פון טשערניאַווסקין.

פּלוצעם שטעלט זיך אויף לודוויג זאַץ און שרייַט אויס: „איין מינוט!״ ער שטעלט אָפּ דעם אָרקעסטער. „וואַרט נאָר!״ — האָט ער באַפוילן טשערניאַווסקין — „וואָס פּאָנפּעט ער דאָרט? וואָס בורטשעט ער? פאַר וואָס זינגט ער נישט, מען זאָל הערן וואָס ער זינגט?״

זאַץ איז דעמאָלט געווען דער הויפּטסטאַר און האָט געהאַט אַ גרויסן כּוח אין טעאַטער. ענטפערט אים טאָמאַשעווסקי, האַלב אויף ענגליש:

— נעווער מייַנד, איטס אָ׳קעי. איך נעם אויף זיך די אחריות. זונטיק וועט מען אים הערן זינגען.

נאָך דער פּראָבע האָבן מיך טאָמאַשעווסקי און זייַן זון הערי, וועלכער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם טעאַטער, פאַרבעטן אויף אַ לאָנטש אינעם באַרימטן כינעזישן רעסטאָראַן „רעפּובליק״, וואָס עקסיסטירט נאָך ביזן הייַנטיקן טאָג אויף בראָדוויי און דער 42סטער גאַס.

אין כינעזישן רעסטאָראַן האָב איך דערפילט פרעמדע ריחות און דערזען פרעמדע טעלערס. די טאָמאַשעווסקיס האָבן פאַר מיר באַשטעלט און ווען מען האָט מיר דערלאַנגט די מיסטעריעזע כינעזישע מאכלים, מיט וועלכע איך האָב זיך „פאַסמאַקעוועט״, האָט „טאָמי״ צו מיר געזאָגט:

— באָי, דו וועסט זייַן אָלרייַט, זאָלסט וואָס מער פייַפן און טאַנצן! אָט די זאַכן האָט מען ליב אין אַמעריקע. דאָ איז נישט לאַנג צוריק אָנגעקומען אַן אַקטיאָר פון רוסלאַנד, וואָס האָט גענומען ניו־יאָרק מיט שטורעם נאָר צוליב זייַן זינגען און טאַנצן!

דאָס האָבן זיי געמיינט אַהרון לעבעדיעוו. איך האָב זיי פֿאַרזיכערט, אַז איך וועל זיך באַמיִען, אַז זייער צוטרוי צו מיר זאָל נישט זײַן קיין אומזיסטער.

טאָקע אין דעם זעלבן טאָג, פֿרײַטיק, איז אין דער ייִדישער פּרעסע דער־שינען אַן אַנאָנס, ווו מײַן נאָמען איז געשטאַנען צוזאַמען מיט די נעמען רודאָלף שילדקרויט און לודוויג זאַץ: „פּסחקע בורשטיין, דער ווילנער קאָמיקער, ערשט אָנגעקומען פֿון ווילנע, וועט אויפֿטרעטן מיט זײַן זינגען, טאַנצן און פֿײַפֿן צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע".

און אָט איז געקומען די שעה פֿון ערשטן אויפֿטריט. איך שטיי נערוועז אין מײַן נײַעם פֿראַק. דער סדר פֿון פּראָגראַם איז שוין געווען אויסגעשטעלט און מען זאָגט מיר, אַז איך דאַרף שליסן דעם ערשטן טייל. דאָס איז געווען אַ כּבֿוד, וואָס איז אויטאָמאַטיש צוגעטיילט געוואָרן אַ נײַעם „סטאַר". עס איז זיך לײַכט פֿאַרצושטעלן מײַן מצבֿ, ווען לודוויג זאַץ האָט זיך מיט אַ סקאַנדאַל קעגנגעשטעלט איך זאָל שליסן דעם ערשטן טייל. ער וויל שליסן דעם ערשטן טייל, און דערבײַ גיט ער אָן אַ פּוילן תּירוץ, אַז זײַנס אַ קינד איז קראַנק און ער מוז וואָס שנעלער אַהיימלויפֿן. אַ סימן: עס וואַרט אין דרויסן זײַן אויטאָמאָביל מיט זײַן שאָפֿער.

נאַטירלעך, לודוויג זאַץ האָט זײַנס אויסגעפֿירט. מען האָט מיר אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז אויף מיר פֿאַלט אויס צו שליסן דעם צווייטן טייל, דאָס הייסט, דער לעצטער אין פּראָגראַם. איך האָב פּראָטעסטירט, זיך געבעטן, געטענהט, אַז איך האָב מורא אויפֿצוטרעטן נאָך אַזאַ גרויסן ליבלינג ווי לודוויג זאַץ. איך האָב פּשוט געוויינט...

— האָב נישט מורא, מאַי באַי — האָט מיך טאָמאַשעווסקי געטרייסט — איך אַליין וועל דיך פֿאַרשטעלן פֿאַרן עולם און דו וועסט זען, וואָס פֿאַר אַ גרויסן דערפֿאָלג דו וועסט האָבן.

בײַם שלוס פֿון ערשטן טייל בין איך געשטאַנען אָן אַ זײַט און זיך צוגעקוקט ווי דער עולם לאָזט לודוויג זאַצן נישט אַראָפּ פֿון דער בינע. זײַן טאַלאַנט און זײַן חן זענען געווען געבענטשט פֿון גאָט. ער האָט געזונגען אַכט לידער. זײַן „כ'וויל נישט גיין אין חדר", „כ'בין שוין צוריק אויף אָטורני סטריט", „ס'וועט זיך שוין אויספּרעסן" — מיט איין וואָרט, ווי מען זאָגט אין דער ענגלישער שפּראַך: „ער האָט געסטאַפּט די שאָו!"

ענדלעך האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער טייל. איך בין געשטאַנען הינטער די קוליסן און ס'האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. די איינציקע צווישן אַלע אַקטיאָרן, וועלכע האָט מיך געטרייסט, איז געווען פֿאַלאַ קאַטערזשינסקי. זי האָט צו מיר גערעדט רוסיש, אַז די אַמעריקאַנער זאָלן נישט פֿאַרשטיין:

— האָב נישט מורא, פּאַוולושינקאַ — האָט זי מיר געזאָגט — גיי אַרויס און זינג, פּונקט ווי דו וואָלסט גאָרנישט געהערט וועגן עס האָט פֿריִער געזונגען! אידי אי זדיעלאַי אוספּיעך! (גיי און האָב דערפֿאָלג).

איך וועל די פּרוי קיין מאָל אין מײַן לעבן נישט פאַרגעסן. זי האָט מיר טאַקע צוגעגעבן מוט, אָבער עס איז מיר געווען זייער ביטער אויפן האַרצן.

טאָמאַשעווסקי האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַרן עולם מיט די גרעסטע לויב־געזאַנגען און דאָס פּובליקום האָט מיך אויפגענומען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. ס׳איז מיר שוין געוואָרן לײַכטער אויפן האַרצן. מײַן ערשטער נומער איז געווען אַ לײַכט לידל, אַ טאַנצנומער און גלײַך נאָך דעם האָב איך דערלאַנגט מײַן שלאַגער־ליד „הושאַ שושאַ״. דער עולם האָט אויפגענומען דאָס ליד מיט ענטוזיאַזם און „בראַוואָ״. ווי אַ דריטן נומער זינג איך „האָצע מאַמע״ מיט פײַפן און טאַנץ. עס איז געוואָרן אַ שטורעם אין טעאַטער. די אַפּלאָדיסמענטן האָבן געדונערט און די ביס־געשרייען האָבן מיך פאַרטויבט. אויף דער גאַלעריע האָבן זיך געפונען אַ סך לאַנדסלײַט פון ווילנע, קאָוונע און פון וואַרשע. זיי האָבן גענומען שרײַען און פאָדערן, אַז איך זאָל זינגען דאָס ליד, וואָס האָט מיך פּאָפּולער געמאַכט אין דער היים „מיט אַ שטעקן זיך אונטערצושפּאַרן״! איך בין שוין געווען איבער־פולט מיט מוט און אויפגעהויבן די הענט כּדי אײַנצושטילן דעם עולם. איך דער־קלער, אַז איך וואָלט זיי צוליב געטאָן און דאָס ליד געזונגען, נאָר איך האָב נישט קיין שטעקן.

איך האָב נישט געוווּסט, אַז אין טעאַטער האָבן זיך געפונען דירעקטאָרן פון פאַרשידענע יידישע טעאַטערס. אַלע זענען געקומען אָנקוקן און אָפּשאַצן דעם נײַעם „שטערן״. אין דער לאָזשע לינקס פון דער בינע זענען געזעסן אַזעלכע געהויבענע געסט ווי די שרײַבערס אַסיפּ דימאָוו, שלום אַש, דירעקטאָר עדלשטיין פון סעקאָנד עוועניו־טעאַטער און דער הויפּט־מחותּן — דזשייקאָב אַדלער. הייבט זיך אויף דער גרויסער אַדלער און זאָגט צו מיר:

— נאָ, נאָ, טאַטעלע, אָט האָסטו מײַן שטעקן! גיט אים מײַן שטעקן און זאָל ער עס זינגען.

פון דער לאָזשע, וווּ עס זענען געזעסן די אַלע וויכטיקע פּאַרשוינען, האָט מען מיר דערלאַנגט אויף דער בינע אַרויף אַדלערס שטעקן. טשערניאַווסקי האָט שוין די מוזיק געהאַט צוגעגרייט, און איך האָב אויפגעזונגען דאָס ליד. דאָס טעאַטער האָט ווידער געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן, איך האָב געפילט, אַז איך בין אין דער היים...

טאָמאַשעווסקי איז אַרויס אויף דער בינע און מיך אַרומגענומען. ער האָט זיך געוואַנדן צום עולם מיט די ווערטער:

— איך ווייס, אַז עס געפינען זיך אין טעאַטער אַ סך דירעקטאָרן, וועלכע וואָלטן געוואָלט אָט דעם פּסחקען בײַ מיר אויסכאַפּן. ווײַל איך אײַך מעלדן, אַז איך האָב מיט אים געשלאָסן אַ קאָנטראַקט אויף דרײַ יאָר!

ער דערלאַנגט מיר די האַנט בײַ דעם בײַזײַן פון גאַנצן עולם און געזאָגט צו מיר: „זאָל זײַן מיט מזל״...

אַזוי ווי איך בין אַראָפּ פון דער בינע מיט מײַן גרויסן דערפאָלג און אַלע הינטער דער בינע זענען צוגעלאָפן מיר גראַטולירן, האָב איך דערזען לודוויג זאַצן שטיין אין דער זײַט. ער איז נישט אַהיימגעגאַנגען, ווי ער האָט פריִער געטענהט. אַ נעכטיקער טאָג. די מעשׂה מיטן קראַנקן קינד איז געווען אַ ליגן. ער האָט די מעשׂה אויסגעטראַכט, כּדי איך זאָל האָבן אַ דורכפאַל. נאָר אים אויף צו להכעיס האָב איך דווקא געהאַט דערפאָלג.

אויפן וועג אין דער גאַרדעראָב קומט ער צו און שטעלט מיך אָפּ מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— נו, דו גרינער תּחת, ביזסט אַרײַן מיטן רעכטן פוס, האַ? איך האָב געמוזט וואַשן טעלערס אין אַמעריקע ביז איך בין געוואָרן אַ סטאַר, און דו? געקומען אַ גרינער און אײַנגענומען אַמעריקע? טאַ הער מיך אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגן: טאָמער וועסטו זען אַן אַקטיאָר ליגן אויף דער ערד, זאָלסטו אים צוטרעטן מיט דײַן פוס, ווען נישט וועט ער דיך טרעטן שפּעטער אויפן קאָפּ. געדענק!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק, מיך איבערלאָזנדיק אַ דערשיטערטן. עס האָט מיך אויפגעטרייסלט פון אַזאַ פאַרקריפּלטער פילאָסאָפיע, און בעיקר פון אַזאַ מענטשן ווי לודוויג זאַץ.

ליידער האָב איך שפּעטער אין לעבן אויסגעפונען, אַז ער איז נישט געווען דער איינציקער. געווען גענוג טעאַטער־מענטשן מיט דער זעלבער פילאָסאָפיע. קראַנקע מענטשן, וועלכע האָבן מורא פאַר קאָנקורענץ און אַזעלכע וואָס זעען נאָר שלעכטס אין יענעם. אָט די טאַקטיק האָט, צום באַדויערן, נישט געבראַכט קיין גוטע רעזולטאַטן דעם טעאַטער.

פונקט דאַן איז צו מיר צוגעקומען די פרוי פון רודאָלף שילדקראַוט, מיר דערלאַנגט אַ קוש און מיר אַרײַנגעשטעקט אַ בלום אין לאַץ — „יונגער־מאַן, דו וועסט זײַן אַ גרויסער דערפאָלג אין אַמעריקע". אויך שילדקראַוט אַליין האָט מיר שטאַרק געדריקט די האַנט. די אַקטיאָרן פון דער טרופּע, גראַסמאַן, עלאַ טרוי און איר מאַן האָבן מיך גראַטולירט און איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן לײַכטער און פאַרגעסן זאַצס שאַרפע ווערטער. אַסיפּ דימאָוו און שלום אַש זענען געווען פול מיט לויבגעזאַנגען וועגן מיר.

באַלד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר גוטע פרײַנד פון אייראָפּע, אַקטיאָרן און משפּחה, צו מיר איז געקומען אַ טעאַטער־אַגענט פון די באַרימטע „לאָוס־וואָדעוויל"־טעאַטערן און מיר געזאָגט: „יונגער־מאַן, נעם זיך שוין לערנען די ענגלישע שפּראַך, וועסטו ווערן אַ גרויסער מענטש אין אַמעריקע".

גלײַך נאָך אים איז צו מיר געקומען דער מענעדזשער פון דער „קאָלומביאַ רעקאָרד־קאָמפּאַני" (סי.בי.עס.), איינער אַ מיסטער נאַדיף און מיר דערלאַנגט

זײַן קאַרטל: „בורשטײן, ביסטו פּאַראינטערעסירט צו מאַכן פּלאַטן פֿאַר קאָלאָמ־ביאַ? אויב יאָ, זײַ בײַ מיר אין ביוראָ מאָרגן און מיר שרײַבן גלײַך אונטער אַ קאָנטראַקט".

שרײַבערס, אַקטיאָרן, מוזיקערס — אַלע האָבן מיך גראַטולירט. אַ געוויסע אַגענטין פֿון אונזער טעאַטער, מיטן נאָמען שׂרה וואַקס, האָט מיר פֿאַרגעלייגט צו ווערן מײַן פּאַרטרעטערין און איך האָב אַקצעפּטירט. מײַנע ברידער האָבן מיך געקושט, געוויינט פֿון פֿרייד. אויך מײַן פֿרײַנד קוסטין. נאָך דעם ווי מיר האָבן געפּראַוועט אַ שטיקל שׂימחה אין אַ בראָדוויי־רעסטאָראַן, בין איך אַהיימ־געפֿאָרן מיטן גליקלעכן געדאַנק, אַז איך האָב שוין אַ קאָנטראַקט מיט טאָמאַ־שעווסקין אויף דרײַ יאָר!

צו מאָרגנס נאָך מײַן דעביוט אויף בראָדוויי בין איך געקומען פֿון ברוקלין קיין ניו־יאָרק זיך טרעפֿן מיט מײַן נײַער אַגענטין, שׂרה וואַקס, ווי אָפּגערעדט. זי האָט מיך געפֿירט צו דעם מיסטער נאַדיף, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט דער ייִדישער אָפּטיילונג פֿון „קאָלומביאַ רעקאָרדס". מיר האָבן אויפֿן פּלאַץ אונטער־געשריבן אַ קאָנטראַקט צו אַרבעטן פֿאַר זיי 20 יאָר, עקסקלוסיוו. דאָס מיינט, אַז במשך פֿון צוואַנציק יאָר טאָר איך נישט רעקאָרדירן פֿאַר קיין שום אַנדערער געזעלשאַפֿט ווי „קאָלומביאַ".

דער קאָנטראַקט האָט פֿאָרויסגעזען, אַז יעדע וואָך דאַרף איך אַרײַנזינגען אַ רעקאָרד פֿון צוויי זײַטן. באַקומען וועל איך 300 דאָלאַר פֿאַר יעדן רעקאָרד, ווי אויך צוויי פּראָצענט פֿון דעם הורטפֿאַרקויף.

טאָמאַשעווסקי האָט שוין געהאַט צוגעגרייט זײַן נײַע אָפּערעטע „די פֿריילעכע שנײַדערלעך", און איך האָב זיך געשטעלט מיט דער גאַנצער טרופּע מאַכן פּראָבעס.

דאָס איז געווען מײַן ערשטער אויפֿטריט אין אַ פּיעסע אין אַמעריקע. די קאָמעדיע איז געוואָרן אַ דערפֿאָלג. די צײַטונגען האָבן מיך שטאַרק געלויבט. איך בין אַריבער. עס הייסט: איך בין געפֿעלן געוואָרן.

אין דער זעלבער צײַט האָב איך זיך באַקענט מיט דזשאָזעף שילדקראָוט, וועלכער פֿלעגט אָפֿט קומען אין טעאַטער באַזוכן זײַן טאַטן רודאָלף. דזשאָזעף שילדקראָוט איז דעמאָלט שוין אויפֿגעטראָטן אין ענגלישן טעאַטער אויף בראָדוויי און איז שפּעטער געוואָרן אַ באַרימטער פֿילמסטאַר.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און טאָמאַשעווסקי האָט אָנגעהויבן צוגרייטן אַ פֿאָרשטעלונג, וואָס זאָל „לויפֿן" אין מיטן דער וואָך — מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק. די פּיעסע, וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן גרייטן, איז געווען אַ דראַמע, מיט דעם נאָמען „די ייִדן", פֿון טשיריקאָוו, ווו איך האָב געשפּילט די ראָלע פֿון אַ סטודענט. אויך אין דער ראָלע האָב איך שטאַרק אויסגענומען און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מײַן רוטין: טשיריקאָווס „ייִדן" אין מיטן דער וואָך; „די פֿריילעכע שנײַדערלעך" — פֿרײַטיק און שבת, אין די

זונטיקס פלעגט מען שטעלן די פּאָפּולערע קאָנצערטן, אין וועלכע איך האָב שוין יעדע וואָך געגומען אַ וויכטיקן אָנטייל.

ווי איך האָב שוין פריִער דערציילט, האָט זיך אונדזער טעאַטער געפונען אויף אַ העכערן שטאָק, און אונטן, מיט אַן אַרײַנגאַנג פון דער גאַס, האָט זיך געפונען דער טעאַטער פון אַל דזשאָלסאָן.

נאַטירלעך בין איך געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו זען דעם גאָט־געבענטשטן דזשאָלסאָן, וואָס פלעגט, ווי איך, צופּײַפן צו זײַנע קופּלעטן. פלעג איך אַרײַנלויפן אינעם טעאַטער הינטער די קוליסן בײַ יעדער געלעגנהייט און זיך געקוויקט, פונקט ווי גאַנץ ניו־יאָרק, מיט דזשאָלסאָנס אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט.

אין אַ געוויסן טאָג, בײַם פאַרלאָזן אונדזער טעאַטער, צווישן מיטאָג און דער אָוונט־פאָרשטעלונג, האָב איך דערזען אַרויסגיין פון דזשאָלסאָן־טעאַטער אַ שיין מיידל, וועלכע איך האָב דערקענט ווי איינע פון דזשאָלסאָנס טענצערינס. אויף דער בינע איז זי מיר גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן.

אַ שעמעוודיקער בין איך קיין מאָל נישט געווען, האָב איך זי באַגריסט מיט אַ ברייטן „העלאָ". זי האָט מיט אַ שמייכל צוריקגעענטפערט „העלאָ". בין איך צוגעגאַנגען צו דעם הויכן, בלאָנדן מיידל, מיט די קורץ־געשוירענע האָר, מיט דער בלאָנדער „גזשיוועקע" אויפן שטערן, איבער איר קורץ „אײַריש" נעזל און אָנגעהויבן צו איר רעדן אין מײַן „גרינעם" ענגליש. זי האָט זיך צעלאַכט און געהאַט „הנאה" פון מײַן אַקצענט. נו, בין איך געוואָרן דרייסטער און זי פאַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן. זי האָט אָנגענומען מײַן אָרעם און מיר זענען אַוועק, צוויי יונגע מענטשן, עסן אַ מיטאָג, צווישן איין פאָרשטעלונג און דער צווייטער.

ווי אַזוי מיר ביידע האָבן זיך צוזאַמענגערעדט איז ווירקלעך געווען אַ וווּנדער, אָבער אַן מען געפעלט זיך איינער דעם צווייטן, און מען איז יונג, דאַרף מען, ווײַזט אויס, נישט האָבן קיין שפּראַך. און אַזוי האָב איך זיך באַקענט מיט באַדי, דאָס קריסטלעכע מיידל פון דעם דזשאָלסאָן־טעאַטער, און זי האָט פאַר־נומען אַ שטיקל פּלאַץ אין מײַן יונג לעבן. פון דער באַקאַנטשאַפט האָט זיך צעבליט אַ ראָמאַן. זי האָט גענומען מיך לערנען ענגליש, אויך ענגלישע לידער.

מײַן ברודער און שוועגערין, בײַ וועמען איך האָב געוווינט, זענען נאַטירלעך געווען קעגן דער פרײַנדשאַפט, אָבער איך בין מיר געווען מײַן אייגענער באַלע־באָס און איך האָב אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן פון באַדין.

אין דער זעלבער צײַט, און אפשר כדי צו ווירקן אויף מיר, האָבן מיר מײַנע ברידער אויסגעזאָגט דעם סוד, וואָס זיי האָבן ביז איצט געהאַט באַהאַלטן פון מיר, אַז מײַנע ליבע, טײַערע עלטערן, זענען שוין מער נישט צווישן די לעבע־דיקע. בײַם צוריקפאָרן פון רוסלאַנד קיין פּוילן, אין יאָר 1921, האָבן די פּאָליאַקן זיי אָפּגעשטעלט אויף דער גרענעץ אין דער שטאָט מינסק. מײַנע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן אין דער צײַט פון דער רעוואָלוציע געהאַט געעפנט אַ בעקערײַ

אין בערדיאַנסק, האָבן מיטגעפּירט מיט זיך אַ סך געלט. די פּאָליאַקן אויף דער גרענעץ האָבן מײַנע עלטערן באַרויבט, צוגענומען בײַ זיי דאָס געלט, גאָלד און בריליאַנטן, זיי צעשלאָגן און צום שלוס זיי אַרײַנגעלייגט אין שפּיטאָל, ווו זיי זענען ביידע, אי דער טאַטע, אי די מאַמע, געשטאָרבן אין איין וואָך.

אַט דאָס אַלץ האָט באַריכטעט אין אַ בריוו אונדזער ייִנגסטער ברודער אַברהמעלע. ער איז זיי נאָכגעפאָרן קיין מינסק צוזאַמען מיט זײַן נײַער פרוי, וועלכע איז פריִער געווען אַ שנײַדערקע בײַם טאַטן אין דער פאַבריק. אַזוי אַרום איז טאַקע אַברהם פאַרבליבן אין מינסק.

מײַן טרויער איז געווען נישט צו באַשרײַבן. מײַן חלום אַריבערצוברענגען מײַנע ליבסטע קיין אַמעריקע איז פאַרשוווּנדן אין אַ רויך פון חורבות, פון מאָרד, פון פּוילישן כוליגאַניזם. מער וועל איך מײַנע טאַטע־מאַמע נישט זען. אויך זיי זענען געפאַלן קרבנות אין דער מלחמה...

די טראַגעדיע האָט דאָך נישט געווירקט איך זאָל אָפּלאָזן מײַן חברטע באַדי. פאַרקערט, איך האָב געפונען אַ גוטוועדיקייט זיך אָנצולענען אין איר פרײַנדשאַפט אין דער שעה פון מײַן טרויער. און כאַראַקטעריסטיש איז, אַז איר אירלענדישע מוטער האָט מיך איין מאָל צוגעפירט צו אַ שול נעבן זייער הויז, ווען איך בין דאָרט געווען מיט אַ באַזוך, און מיר דערמאָנט, אַז איך דאַרף זאָגן קדיש נאָך מײַנע עלטערן...

איך האָב שוין מיט אַ צײַט צוריק אָנגעהויבן אַרײַנזינגען מײַנע רעקאָרדס פאַר „קאָלומביאַ". מיסטער נאַדיף האָט געהאַט באַשטעלט דעם פּאָפּולערן ייִדיש־ענגלישן קופּלעטן־שרײַבער וואָלף גילבערט, ער זאָל איבערזעצן אויף ייִדיש אַלע נײַע אַמעריקאַנער פּאָפּולערע שלאַגער־לידער.

איך פלעג כּמעט יעדע וואָך, אָדער אַלע צוויי וואָכן, אַרײַנזינגען אַ נײַעם רעקאָרד. עס האָט זיך נאָר געווענדט ווי שנעל ער האָט זיי איבערגעזעצט אויף ייִדיש. צווישן גילבערטס איבערזעצונגען האָבן זיך געפונען אַזעלכע דערפאָלג־לידער ווי: „סאַני באָי" (זונדעלע מײַנס), וואָס איך האָב רעקאָרדירט דעם זעלבן טאָג, מיט דעם זעלבן אָרקעסטער, ווי אַל דזשאָלסאָן, פאַר וועמען דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן. אַט דאָס ליד איז פאַר זיך אַליין אַ געשיכטע און האָט אַ שײַכות צו מײַן עלטערן זון, דיקי, וועלכער איז געווען אַ פּיצעלע קינד, ווען איך האָב דאָס ליד געזונגען, אָבער וועגן דעם שפּעטער.

אין יענער צײַט האָט זיך גענומען טומלען אין די ייִדישע קרײַזן מיט דער ווילנער טרופּע. אייב קאָהן, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", האָט אַליין אונטערהאַנדלט וועגן זייער קומען קיין אַמעריקע. קאָהן האָט באַשלאָסן, אַז עס

פאַסט נישט, די ווילנער טרופּע זאָל שפּילן אויף דער „איסט־סײַד"; זי מוז שפּילן נאָר אויף בראָדוויי, אין דעם „נאָראַ בייז"־טעאַטער.

באָריס טאָמאַשעווסקי האָט די טרופּע געבראַכט פון ווילנע. זי האָט אָנגעהויבן שפּילן אין דעם בראָדוויי־טעאַטער און מיר זענען געפאָרן שפּילן אויף דער פּראָווינץ.

אין יענער צײַט איז געווען אַ מינהג (ווי לאַנג דאָס ייִדישע טעאַטער האָט נאָך עקסיסטירט) צו פאָרן אויף דער פּראָווינץ פאַר פּסח. מען האָט זיך געביטן מיט די פּיעסעס און מיט די טרופּעס. פון בראָנקס איז מען אַרײַן שפּילן קיין ברוקלין, פון ניו־יאָרק אין די בראָנקס, פון ברוקלין קיין שיקאַגאָ, פון דעטראָיט קיין ניו־יאָרק אאַז"וו. מיר זענען אַרײַן שפּילן אין דעם „לענאָקס"־טעאַטער אין האַרלעם און געהאַט דערפאָלג.

דער טעאַטער איז געווען אונטער דער לייטונג פון צוויי שותּפים, ביידע שווישפּילערס, נתן גאָלדבערג און דזשייקאָב דזשייקאָבס. דזשייקאָבס האָט פאַר־פאַסט אַ היפּשע צאָל לידער פאַרן ייִדישן טעאַטער. זײַן גרעסטער דערפאָלג איז געווען „בײַ מיר ביסטו שיין" און „בעלז".

אין דער זעלבער צײַט האָט טאָמאַשעווסקי דורכגעמאַכט אַ טראַגעדיע: די ווילנער טרופּע האָט נישט געהאַט דעם געהאָפטן דערפאָלג. די אויסגאַבן פון טעאַ־טער זענען געווען זייער גרויסע און אויף בראָדוויי קען מען פאַרלירן פאַרמעגנס אין איין טאָג. לויט ווי איך פאַרשטיי, האָט ער געמוזט האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם „נאָראַ בייז"־טעאַטער, ווײַל אין אַ שיינעם טאָג האָט ער איבערגעלאָזט די טרופּע אין די הענט פון דעם געשעפט־פירער, וויליאַם ראָלאַנד, און איז אַוועק קיין אַרגענטינע צוזאַמען מיט רעגינאַ צוקערבערג.

איך געדענק נאָך הײַנט דעם טומל. מיר קומען צו דער פאָרשטעלונג און טאָמאַשעווסקי מיט דער צוקערבערג זענען נישטאָ. ווו זענען זיי? „אַנטלאָפן" — האָט מען אונדז געענטפערט. מײַק ווילענסקי, וועלכער איז געווען דער בינע־לייטער, האָט געמוזט „אַרײַנשפּרינגען" אין טאָמאַשעווסקיס ראָלע און פרידאַ זיבעל האָט געשפּילט די ראָלע פון דער פרוי צוקערבערג (די מאַדאַם זיבעל האָט געהאַט אַ פּראַכטפולע פּרימאַדאָנע־שטים).

מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט. זיי זענען אַוועק שפּילן אין בוענאָס־אײַרעס, און מיר, די טרופּע, זענען געפאָרן ווײַטער איבער דער פּראָווינץ. דאַן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די שטעט פון אַמעריקע.

געשפּילט האָבן מיר אין באָסטאָן, מאָנטרעאָל, דעטראָיט, ביז מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין ניו־יאָרק.

איך האָב געמוזט אָנערקענען דעם פאַקט, אַז מײַן אָפּמאַך מיט טאָמאַשעווסקין איז בטל געוואָרן מיט דעם טאָג ווען ער האָט פאַרלוירן זײַן טעאַטער. וואָס וועט זײַן? איז גאָט אַ פאָטער: אין ניו־יאָרק האָבן זיך דאַן געפונען עטלעכע וואָדעוויל־הײַזער און איינס פון זיי איז געווען דאָס מאָנט־מאָריס־טעאַטער.

דער דירעקטאָר פון דעם טעאַטער איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען מאַקס ווילנער (נישט דער אַקטיאָר מאַקס ווילנער, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אין מײַן טרופּע). הערנדיק פון מײַן דערפאָלג, און אויך צוליב מײַנע רעקאָרדס, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן דערשײַנען, האָט ער מיך אָפּגעזוכט און מיר פאָרגעלייגט אַרײַנקומען ווי אַן אַטראַקציע אין זײַן טעאַטער. איך האָב דעם פאָרשלאָג צוגעקלאַפּט. אַבי מען צאָלט ווי עס דאַרף צו זײַן. אין וואָדעוויל האָב איך זיך געפילט ווי אין דער היים, ווי אַ פיש אין וואַסער.

די סטאַר־אַטראַקציע, וועלכע האָט שוין דאָרט געשפּילט אַ היפּשע צײַט, איז געווען אַ פלאַם־פײַערדיקע סוברעטין, מיטן נאָמען נעלי קעסמאַן. אויסער איר זינגען קופּלעטן איז זי אויך אויפגעטראָטן אין סקעטשן, וועלכע פלעגן געשריבן ווערן פון איר אייגענעם מאַן, שלמה שטיינבערג. ער איז געווען ביים ייִדישן טעאַטער אַ שרײַבער פון פּיעסעס, ווי אויך נעליס מענעדזשער.

מײַן ערשטער אויפטריט, געדענק איך, איז געווען אין אַ דאָנערשטיק. ווען איך בין צוגעקומען צום טעאַטער, האָב איך דערזען אַ גרויסן פּלאַקאַט, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען בלויז נעלי קעסמאַן און איר בילד. איך האָב מיט צער געזוכט מײַן נאָמען אויפן פּלאַקאַט.

— זאָרג זיך נישט, בורשטיין, מאַך נאָר דערפאָלג. איך האָב שוין באַשטעלט אַ צווייטן פּלאַקאַט מיט דײַן נאָמען — האָט מיך געטרייסט ווילנער.

איך און ער האָבן געהאַלטן וואָרט: איך האָב געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג און באַלד צו מאָרגנס איז שוין געהאַנגען אַ צווייטער פּלאַקאַט, ווו מײַן נאָמען איז געשטאַנען גלײַך מיט נעליס.

אַז איר מאַן שטיינבערג האָט דערזען דעם נײַעם אַפיש, איז ער אַרײַנגעלאָפן מיט אַ סקאַנדאַל:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חוצפּה? וואָס הייסט, מען האָט צוגעשטעלט אַ „גרינעם" אַקטיאָר נעבן נעלי קעסמאַן מיט די זעלבע גרויסע אותיות?! איך וועל דאָס נישט דולדן! — האָט ער געשריִען. מײַן דערפאָלג איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז ווילנער האָט אים דערויף געענטפערט: „אויב עס געפעלט אײַך נישט קאָנט איר ענדיקן". איך האָב זיך געפילט נישט־באַקוועם, אָבער צום גליק האָבן זיך די שטיינבערגס באַרויִקט און מיר זענען פאַרבליבן פרײַנד אויף אַ סך יאָרן.

4. קאַפע „ראָיאַל"

אין ניו־יאָרק האָט זיך געפונען אַ קאַפע „ראָיאַל", וואָס איז געווען באַרימט אין דער וועלט פון ייִדישע שרײַבערס, פּרעסע־לײַט, שוישפּילערס, געזעלשאַפט־

לעכע טוערס און סתּם באַהעמע. עפּעס ענלעכס איז מער נישטאָ און וועט מער נישט זײַן.

דער קאַפּע „ראָיאַל“ האָט זיך געפֿונען אויף דער צווייטער עוועניו, נעבן דער צוועלפֿטער גאַס. אָבער אַהער פֿלעגן קומען קינסטלערס אַפֿילו פֿון בראָדוויי. קאַפּע „ראָיאַל“ איז געווען אַ קינסטלערוועלט. זומער פֿלעגן אַרויסגעשטעלט ווערן טישלעך אויף דער גאַס, אַ פּאַרקן איז געשטעלט געוואָרן, די פֿענצטער זענען געווען אָפֿן, דער טומל פֿון אַלע געשפּרעכן אינעווייניק פֿלעגט זיך אַרויסגיסן אויף דער גאַס ווי אַ זיסע מוזיק.

דאָרט האָט איר געקענט געפֿינען די וויכטיקסטע דירעקטאָרן, די גרעסטע סטאַרן און די שענסטע אַקטריסעס. אַפֿילו די קעלנערס זענען דאָרט געווען סטאַרן... די הויפּט־אַטראַקציע איז געווען איינער, וועלכער פֿלעגט דערלאַנגען גלעזער וואַסער און ענטפֿערן אויף די טעלעפֿאָנען. אין אַמעריקע הייסט עס אַ „באָס־באָי“. אָבער דער „באָי“ איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער מאַן: הערמאַן איז געווען זײַן נאָמען. ער האָט פֿאַרמאָגט מער געלט פֿון אַ סך זײַנע קליענטן. יעדער איינער פֿלעגט אים דערלאַנגען 5 סענט, אַ ניקל, טרינקגעלט און די ניקלס זענען בײַ אים געוואַקסן ווי אויף הייוון. אַז מען האָט באַדאַרפֿט אויסבײַטן די טשעקן, וועלכע מען פֿלעגט באַקומען פֿון די טעאַטער־דירעקציעס שבת בײַ נאַכט, האָבן אַלע אַקטיאָרן זיי אויסגעביטן בײַ הערמאַנען. נישט איין דירעקטאָר האָט פֿאַר דעם טעאַטער־סעזאָן געליִען אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר בײַ הערמאַנען. מען שמועסט אַפֿילו, אַז הערמאַן איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן אַ שותּף צום פֿאָלקס־טעאַטער, ווען איך האָב דאָרט אין יאָר 1935/36 געשפּילט מיט מנשה סקאָלניק אין „פֿישל דער גראָטענער“.

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז בײַ מײַן אָנקומען קיין אַמעריקע, און ווען איך האָב שוין געהאַט אויפֿגעטראָטן בײַ טאָמאַשעווסקין מיט דערפֿאָלג, האָב איך זיך געשראָקן אַרײַנצוגיין אין דעם קאַפּע „ראָיאַל“. איך בין, דאַכט זיך, נישט געווען קיין שעמעוודיקער, און קיין שרעקעוודיקער אויך נישט, אָבער אַרײַנגיין דאָס ערשטע מאָל אין דעם וועלט־באַרימטן קאַפּע האָט אָנגעוואָרפֿן אויף מיר אַן אימה. האָב איך אָפּגעלייגט פֿון טאָג צו טאָג אָט דעם פֿאַרגעניגן. ביז מײַן ברודער האָט שוין גענומען שרײַען אויף מיר: „וואָס איז מיט דיר? איך וועל גיין מיט דיר“ — האָב איך אין אַ פֿײַנעם טאָג באַשלאָסן, אַז הײַנט וועט זײַן דער „טאָג“: איך מוז דורכמאַכן די אָפּעראַציע. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, בין צוגעפֿאָרן צום „ראָיאַל“. אָבער אויך דאָ האָבן מיר די קני געציטערט. איך בין גלײַך נישט אַרײַנגעגאַנגען, חלילה. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק אויף דער צווייטער זײַט פֿון גאַס און אַריבערגעקוקט אין די פֿענצטער.

פּלוצעם איז מיר אַנטקעגנגעקומען דער קאָמיקער היימי דזשייקאָבסאָן. ער איז געווען אין „נאָראַ בייז“־טעאַטער צו מײַן ערשטן אויפֿטריט און האָט מיך דעריבער דערקענט.

— זע נאָר, ווער עס איז דאָ, העלאָו! — האָט ער מיך באַגריסט און אָנגענומען מײַן אָרעם — קומט, קומט אַרײַן אין דעם „ראַיאַל", אַלע וואַרטן זיך צו באַקענען מיט אײַך, מען וויל אײַך זען! — און אַזוי האָט ער מיך אַרײַנגעפירט אין דעם קאַפע „ראַיאַל". גלײַך ווי מיר זענען אַרײַן דורך דער דרייטיר, האָט ער אויסגערופן צו די וועלכע זענען דאָרט געזעסן: „זעט נאָר ווער עס איז דאָ. עס איז דאָך פּסחקע בורשטיין, דער נײַער אַקטיאָר פון טאָמאַשעווסקי־טעאַטער!"

אַלע קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט אין מײַן ריכטונג. איך האָב באַמערקט ווי יונגע פרויען בײַ טישלעך האָבן אַרויסגעצויגן פון זייערע טאַשן די שפּיגעלעך און זיך צוגעשמירט די ליפּן. פון אַלע טישלעך אַרום האָבן מענטשן גענומען שמייכלען, מיך באַגריסן און זיך פאָרשטעלן.

איך האָב דערפילט אַ האַרציקע וואַרעמקייט און נאָענטקייט צו די אַלע נײַע חברים. איך האָב זיך דאַן איבערצײַגט, אַז ייִדישע שוישפּילערס זענען אַזוי ווי ברידער איבער דער גאַנצער וועלט. ערשט פאַרלאָזן די אַלטע היים מיט אַלע חברים און אָט שוין האָב איך אַ נײַע משפחה, וועלכע גיט מיר דאָס געפיל, אַז איך בין צווישן אייגענע.

צווישן די, וועלכע איך האָב יענעם טאָג באַקענט, זענען אַ סך פאַרבליבן מײַנע פרײַנד אויפן גאַנצן לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם ערשטן וויזיט איז קאַפע „ראַיאַל" געוואָרן מײַן צווייטע היים. נישט נאָר איך, נאָר די גאַנצע „פּראָפעסיע" פלעגט כמעט „וווינען" אין דעם קאַפע. די געשמאַקע מאכלים ליגן מיר נאָך אין טעם. די באַלעבאַטים זענען געווען אונגאַרישע ייִדן און דאָס געקעכטס איז געווען טעם גן־עדן. עס איז אַ פאַקט, אַז אין אַ געוויסן פאַרטאָג זענען אַרײַן באַנדיטן און געמאַכט אַ „האָלד־אַפּ". דאָרט ווו די קאָרטן־שפּילערס (אַלע שוישפּילערס) זענען געזעסן, האָבן זיי בײַ די אַקטיאָרן און בײַ צוויי באַרימטע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן כמעט גאָר קיין געלט נישט געפונען. נאָר בײַ הערמאַנען, וועלכער פלעגט דערלאַנגען די גלעזער וואַסער, בײַ אים האָבן זיי צוגענומען אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר. לצנים פלעגן אָפּטאָן הערמאַנען שפּיצלעך. מען פלעגט פון די טעלעפאָנען אונטן, טעלעפאָנירן צו אַ בודקע, וועלכע איז געשטאַנען גאָר פאָרנט, נעבן, זאָלט איר מיר מוחל זײַן, דעם דאַמען־טואַלעט, און ווען הערמאַן האָט געענטפערט, פלעגט מען בעטן ער זאָל צורופן עלעאָנאָר רוזוועלט, אָדער סאַראַ בערנהאַרדט. אים האָבן די נעמען נישט געקלונגען אויסטערליש. ער פלעגט עפענען די טיר פון דער בודקע און אויסרופן צווישן עולם: „סאַראַ בערנהאַרדט צום טעלעפאָן!" פלעגט אימיצער אים זאָגן: „זי איז שוין טויט". איז הערמאַן צוריקגעגאַנגען צום טעלעפאָן און געענטפערט קאַלט און אָן עמאָציע: „זי איז שוין טויט".

די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון דער וועלט פלעגן קומען זיצן אין „ראַיאַל". איך האָב דאָרט אַ מאָל געזען טשאַרלי טשאַפּלין, דזשאָן באַרימאָר און אַנדערע.

אַז מיר גייען אַצינד פאַרביַי דעם עק גאַס פון דער צווייטער עוועניו און צוועלפטער גאַס און דערזעען די וועשערײַ, וואָס געפינט זיך איצט אויף דעם פּלאַץ, טוט אונדז אַלעמען אַ צופּ בײַם האַרצן. ס'וויַיזט זיך מיר תּמיד אויס, אַז איך זע דאָרט די גײַסטערס פון די אַמאָליקע שוישפּילערס: אַהרון לעבעדיעוו, מישאַ און לוסי גערמאַן, מיכאַל מיכאַלעסקאַ, יעקב פּ. אַדלער, באָריס טאָמאַשעווסקי, משה אוישער און נאָך און נאָך און עס וויַיזט זיך מיר אַפילו אויס, אַז איך הער די קלאַנגען פון זייער געלעכטער, פון זייערע וויצן און שטיפערײַען, פון אַ וועלט וואָס איז געווען און איז פאַרשוווּנדן אויף אייביק.

5. אין דער „יוניאָן"

אין דער זעלבער צײַט ווען איך בין אויפגעטראָטן אין „מאָנט מאָריס"־טעאַטער, האָט זיך געפונען נאָך אַ וואָדעוויל־טעאַטער אויף גרענד־סטריט. דער דירעקטאָר האָט געהייסן מלך ראַווינדזשער, אַ קאָלירפולע פיגור אין יידישן טעאַטער. ווען ביַי אונדז אין „מאָנט מאָריס" זענען געווען גאָלדענע געשעפטן, איז ביַי אים אין גרענד־סטריט־טעאַטער געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. ראַווינדזשער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען און ער האָט געזוכט אַ נײַע אַטראַקציע. ער האָט געבעטן ווילנערן, ער זאָל מיך אויסבאָרגן צו אים אויף איבער פּסח־צײַט. ווילנער האָט דערפון נישט געוואָלט הערן. ראַווינדזשער איז אָבער געווען אַ געשעפטסמאַן, האָט ער ווילנערן פאַרגעלייגט דריַי הונדערט דאָלאַר אַ וואָך פאַר יעדער וואָך וואָס איך וועל ביַי אים שפּילן אין גרענד־סטריט. ווילנער איז מסכּים געווען אויפן עסק.

אַז מען האָט זיך שוין געמומען שלאָגן איבער מיר, האָב איך געקראָגן אַמביציע צו שאַפן עפּעס אַ נײַעם סטיל. האָב איך דעמאָלט צונויפגעשטעלט אַ רעוויו און אַנגאַזשירט אַ כאָר פון זעקס מיידלעך און אַ זיבעטע — מיַין פאַרטנערין. דאָס איז געווען מעי שיינפעלד, אַ טאָכטער פון אַקטיאָרן, וועלכע האָט קורץ נאָכדעם חתונה געהאַט מיט אירווינג דזשייקאָבסאָן, איינער פון די דזשייקאָבסאָן־ברידער.

באַקומען האָב איך פון ראַווינדזשערן זיבן הונדערט און פופציק דאָלאַר אַ וואָך און איך האָב דערפון באַצאָלט „מײַנע" מיידלעך.

הכּלל, דער רעוויו איז געלונגען. עס איז געווען עפּעס נײַעס. איך פלעג מיט די מיידלעך אינסצעניזירן מײַנע לידער, אויך די וועלכע איך האָב אַרויפגעזונגען פאַר „קאָלומביאַ"־דיסקן ווי, צום בײַשפּיל, „וואָ טיע בינאָ", און דער עולם האָט אַנגעהויבן שטראָמען אין גרענד־סטריט־טעאַטער. די געשעפטן זענען געוואָרן אויסגעצייכנט און ראַווינדזשער האָט מיך געטראָגן אויפן קאָפּ.

גראַד דעמאָלט האָט מען מיר געמאָלדן אין אַ בריוו, אַז דער אַקטיאָרן־פֿאַראיין „די היברו עקטאָרס יוניאָן" וועט אויפֿנעמען אויף „פּראָבע" די אַקטיאָרן, וועלכע ווילן אַרײַנטרעטן אין דעם פֿאַראיין און בײַ דער געלעגנהייט גיט מען מיר אויך אַזאַ מעגלעכקייט.

מוז מען דערקלערן וואָס „פּראָבע" האָט געמיינט. הײַנט עקסיסטירט עס נישט מער. הײַנט קען יעדער פּראָפֿעסיאָנעלער שוישפּילער באַצאָלן זײַנע הונדערט און פֿופֿציק דאָלאַר אײַנטריטגעלט און באַקומען זײַן מיטגלידס־קאַרטע, אָבער אין יענע יאָרן האָט דער פֿאַראיין געהאַלטן פֿאַרמאַכט די טיר. דער פֿאַראיין איז באַשטאַנען פֿון אַ דרײַ הונדערט און פֿופֿציק מיטגלידער און איז געפֿירט געוואָרן מיט אַן אײַזערנער האַנט פֿון ראובן גוסקין, וועלכער איז ביז זײַן טויט געווען דער מענעדזשער פֿונעם פֿאַראיין. ער איז געווען אַ שטאַרקע פּאָליטישע פֿיגור אויך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

כּדי צו עפֿענען די טיר פֿונעם פֿאַראיין, האָט מען געמוזט זיך אויסצייכענען און באַווײַזן טאַלאַנט בײַם בײַזײַן פֿון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפֿט — „מאַכן פּראָבע" פֿון צוויי פֿאַרשידענע ראָלעס. עס פֿלעגן זיך אַזוי באַווײַזן אַ דרײַ אָדער פֿיר מענטשן אין איין טאָג. די פּראָבעס האָבן געקענט דויערן אַ וואָך צײַט און נישט יעדעס יאָר פֿלעגן די פּראָבעס פֿאָרקומען.

דערנאָך פֿלעגן די מיטגלידער שטימען, אין געהיימע וואַלן, צי מען זאָל דעם בעל־דבר אַרײַננעמען ווי אַ מיטגליד. יעדער וואַלצעטל האָט פֿאַרמאָגט צוויי ווערטער אין ענגליש יעס און נאָו מיט אַ קעסטעלע דערנעבן צו קאָנען אויסקלײַבן. קלאָר, אַז כּדי צו ווערן אַ מיטגליד אין דער „יוניאָן" האָט דער קאַנדי־דאַט געמוזט באַקומען מער יעסן ווי נאָוס. טאָמער נישט, טאָמער איז געווען פֿאַרקערט, איז מען געבליבן אַן אַדורכגעפֿאַלענער.

עס איז נישט קיין סוד, אַז זייער אָפֿט פֿלעגן זיך צענויפֿנעמען געוויסע גרופּעס, אָדער קליקעס, וואָס האָבן באַשלאָסן אַדורכוואַרפֿן אַ קאַנדידאַט. נישט איין יונגע אַקטריסע האָט אַוועקגעחלשט פֿון נערוון־אָנשטרענגנג און שרעק, ווען זי האָט געדאַרפֿט דורכגיין די פּראָבע און זיך באַווײַזן פֿאַר די קליקעס פֿון עלטערע אַקטריסעס, וועלכע זענען געזעסן אין זאַל מיט „מערדערישע" בליקן, ווי די יונגע קאַנדידאַטין וואָלט אַנגעשטאַנען אויפֿן לעבן פֿון די עלטערע. נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ גרופּע אַקטריסעס האָבן צוליב אײפֿערזוכט און מורא פֿאַר זייערע אייגענע פּאָזיציעס זיך צוזאַמענגענומען און באַשלאָסן אַדורכוואַרפֿן אַ ייִנגערע אָדער שענערע אַקטריסע מיט אַ גוטער שטים. דאָס זעלבע אויך בײַ דער קאַטעגאָריע פֿון „ליבהאָבער"־שוישפּילערס, פֿון יונגע בוף־קאָמיקערס און ענלעכע. אַזאַ איז דעמאָלט געווען דיווירקלעכקייט.

אָט אין אַזאַ סיטואַציע בין איך אַרײַנגעפֿאַלן. די סיבה? איך בין געווען, ווי מען רופֿט עס אויף ענגליש „אַ ווייזגאַי", שגץ — דאָס איז געווען זייער תּירוץ. ווען מען האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל זײַן פֿאָרזיכטיק, ווײַל מען קען

מיך אַדורכוואַרפן, האָב איך זיך, ווײַזט אויס, אויסגעדריקט: „וועמען אַרט עס? וועל איך נישט זײַן קיין יוניאָן־מיטגליד און ס׳וועט זײַן זייער פאַרלוסט״. דערווײַל האָב איך דאָך סײַ ווי געאַרבעט און זיך אײַנגעשפּאָרט דאָס געלט, וואָס איך וואָלט באַדאַרפט געבן דעם פאַראיין. און דאָס איז געווען נישט ווייניק. יעדער מיטגליד האָט באַדאַרפט צאָלן דעם פאַראיין צען פּראָצענט פון זײַנע פאַרדינסטן, געהייסן האָט עס אַז דער פאַראיין פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון אַן אַגענט און די צען פּראָצענט איז אויף פאַרזאָרגן דעם אַקטיאָר מיט אַרבעט.

דער איינציקער וועמען עס איז געווען דערלויבט אויפצוטרעטן אין אַ ייִדישן טעאַטער נישט זײַענדיק קיין פאַראיין־מיטגליד איז געווען אַ סטאַר, איינער וועלכער האָט געצויגן דעם עולם אין טעאַטער. וואָס שייך מיך, בין איך דאָך געקומען קיין אַמעריקע ווי אַ סטאַר, ווי אַן אַטראַקציע.

ווען מײַנע „נײַע חברים״ היימי דזשייקאָבסאָן און דזשעק שאַרגעל האָבן געהערט, אַז איך האַלט פאַר „פּראָבעס״ אין פאַראיין, האָבן זיי געמאַכט אַן עפּנט־לעכע דערקלערונג, אַז אויב איך בין שוין יאָ אַזאַ שטאַרקער, וועלן זיי זען מיך אַדורכצוואַרפן. זיי האָבן געהאַלטן וואָרט.

די „פּראָבעס״ האָבן זיך געצויגן פון צוועלף מיטאָגצײַט ביז זעקס פאַר נאַכט. בײַ אונדז אין גרענד־סטריט־טעאַטער האָב איך באַדאַרפט אויפטרעטן אין צוויי מאַטינע־פאָרשטעלונגען בײַ טאָג, אַחוץ דער בײַנאַכטיקער פאָרשטעלונג. ווי אַזוי מעסט מען אויס די צײַט? ראובן גוסקין האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט, אַז איך זאָל שנעל קומען צו פאָרן מיט אַ טעקסי גלײַך נאָך מײַן ערשטן סעאַנס און ער וועט פאַרזענלעך זען, אַז איך זאָל גלײַך מאַכן מײַן פּראָבע און תּיכף קענען צוריקפאָרן מיט אַ טעקסי צו מײַן צווייטן סעאַנס אין טעאַטער.

פאַרשטייט זיך, אַז עפּעס איז נישט געגאַנגען גלאַטיק בײַ די „פּראָבעס״ און מען האָט מיך פאַרהאַלטן לענגער ווי מיר האָבן גערעכנט. דערווײַל איז אונדזער פּובליקום אין גרענד־סטריט־טעאַטער שוין געווען אויסגעזעצט און געוואַרט אויפן צווייטן סעאַנס. דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק און זיך געדרייט אויף די פּלעצער. איך, דער סטאַר, בין נאָך נישטאָ. מײַן דירעקטאָר, מלך ראַווינדזשער, רײַסט ווילד דעם טעלעפאָן און רופט די יוניאָן.

— ווּ איז ער? — האָט ער געשריען צו גוסקינען — וואָס נעמט דאָרט אַזוי לאַנג, צום טײַוול. איך האָב דאָ אַ געפּאַקטן זאַל.

גוסקין האָט אים פאַרזיכערט, אַז איך ענדיק שוין און מען וועט מיך נישט פאַרהאַלטן צום ציילן די שטימען. איך וועל שפּעטער זיך קענען דערוויסן די רעזולטאַטן. דערויף האָט אים ראַווינדזשער געענטפערט: „מיסטער גוסקין, נעמט אים אַרײַן, וואַרפט אים אַרויס, אַבי שיקט אים גלײַך אַהער. מיר ברענגט ער געפּאַקטע הײַזער. דאָס פּובליקום וואַרט אויף אים״.

איך בין שנעל צוריקגעלאָפן אין טעאַטער צו מײַן צווייטער מאַטינע, נישט וויסנדיק די רעזולטאַטן פון מײַן „פּראָבע״. בײַ דער דריטער פאָרשטעלונג, אין

אָוונט, באַמערק איך ווי מײַנע מיידלעך שושקען זיך. יעדע פון זיי האָט געהאַט עמעצן וואָס האָט בײַגעוווינט די „פּראָבעס" בײַ טאָג, ווײַל די כאָריסטן האָבן אויך געהאַט אַ פאַראיין וואָס איז געווען פאַראייניקט מיט דער אַקטיאָרן־יוניאָן. פרעג איך זיי:

— וואָס איז, מיידלעך? איך בין אַוודאי דורכגעפאַלן? טאָ וואָס זשע נעמט איר זיך צום האַרצן? וועט בײַ מיר אין קעשענע בלײַבן נאָך אַ טויזנטער, אָדער מער, אַנשטאָט אײַנצאָלן דער „יוניאָן". — הכלל, נאָך דער לעצטער פאָרשטעלונג טו איך מיך איבער און פאָר אַוועק אין דער „יוניאָן", כּדי אויסצוגעפינען מײַן „גורל".

אונדזער „היברו עקטאָרס יוניאָן" האָט זיך געפונען, און געפינט זיך נאָך אַלץ, אויף דער מיזרחדיקער זיבעטער גאַס נומער 31, אין ניו־יאָרק, צווישן דער צווייטער און דריטער עוועניו. בײַם אַרײַנגאַנג פון דער גאַס, אויפן אונטערשטן שטאָק האָט זיך דאַן געפונען אַ באַר מיט אַ בופעט, אַ פאַרווײַלונגס־פּלאַץ פאַר די אַקטיאָרן. אויפן ערשטן שטאָק האָט זיך געפונען דער זאַל מיט אַ בינע, ווו די פּראָבעס זענען פאָרגעקומען און ווו אונדזערע פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען און קומען נאָך פאַר ביז היינט צו טאָג.

איך בין צוגעפאָרן צו דער „יוניאָן" און געעפנט די טיר אויפן אונטערשטן שטאָק, צו דעם בופעט, און איך טרעף דאָרט אויסגעשטעלט בײַם באַר אַלע מײַנע גוטע חברים, מײַנע קאָנקורענטן, די בוף־קאָמיקערס, היימי דזשייקאָבסאָן, מאַקס ווילנער (דער אַקטיאָר), יצחק לופּינסקי און דזשעק שאַרגעל. זיי הוליען בײַם באַר און זאָגן מיר אָן אָפן און קלאָר דעם דורכפאַל:

— מיר האָבן נישט געוואָלט דו זאָלסט אַרײַן אין פאַראיין, ווײַל דו וואָלסט צוגענומען אונדזערע „דזשאָבס". און ווי לאַנג מיר וועלן נאָר קענען, וועט מען דיך האַלטן אין דרויסן... חוץ דעם האָסטו נאָך שיין גערעדט. האָבן מיר געזען מען זאָל דיך אַדורכוואַרפן.

איך האָב זיי אַלע פיר אָנגעקוקט נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט און האָב זיך געוואָלט אויסדרייען אַוועקצוגיין, ווען איך האָב דערהערט פון דער זײַט ווי עמעצער רופט מיך: „בורשטיין! ווו גייסטו? קום אַהער און מאַך אַ שנאַפּס!"

6. פּאָול מוני נעמט זיך אָן מײַן קריוודע

אַ צעטומלטער דריי איך זיך אויס און דערזע, אַז אין אַ זײַט, נעבן באַר, שטייט נאָך אַ מענטש מיט אַ סימפּאַטישן שמייכל. איך האָב תּיכּף דערקענט מוני ווײַזנ־פרײַנד, דעם וועלכן די גאַנצע וועלט האָט מיט אַ קורצער צײַט שפּעטער פאַר־געטערט אַלס „פּאָול מוני".

ער איז צוגעקומען צו מיר, מיר דערלאַנגט זײַן האַנט און געזאָגט:

— הער זיך איַין, יונגער־מאַן, עס דאַרף דיר זײַן אַ כּבֿוד וואָס דו ביסט דורכגעפאַלן. צי ווייסטו, אַז דער גרויסער מאָריס שוואַרץ, און טאַקע איך אַליין, מיר ביידע, זענען אויך דורכגעפאַלן? יאָ, יאָ, פאַראַן אויבן אַ פּאָר חבֿרה וועלכע זענען אַנטי־יוגנט און אַנטי־טאַלאַנטן. צי ווייסטו, אַז סטעלאַ אַדלער האָט דאָ אויבן אַוועקגעחלשט אויף דער בינע בעת איר פּראָבע און מען האָט זי געמוזט אַראָפּטראָגן פון דער סצענע? קום אַהער! — האָט ער מיך צוגעפירט צום באַר — מאַך אַ שנאַפּס! וואָס טרינקסטו? פאַרבײַס עפּעס און לאָך זיך אויס! זיי וועלן זיך נאָך בעטן, וועסט זען!

איך האָב זיך דערפילט אין אַ גוטער געזעלשאַפט. דורכצופאַלן צוזאַמען מיט פּאָול מוני און מאָריס שוואַרץ, איז פּאָר מיר טאַקע געווען אַ כּבֿוד. איך האָב מיט מוני געטרונקען עטלעכע לחיימס און די חבֿרה „שטאַרקע", מײַנע קאָנקורענטן, זענען באַלד אַרויס פון באַר און אַרויפגעגאַנגען אויבן.

דער גרויסער פּאָול מוני, וועלכער האָט זיך נאָך דאַן גערופן מוני ווײַזנפרײַנד, האָט מיך אין דעם טאָג געטרייסט און דערמוטיקט. שפּעטער, ווען זײַן ערשטער פילם „די זיבן פנימער" איז אַרויס אויף בראָדוויי, זענען מיר, אַ גאַנצע חבֿרה, זײַנע פרײַנד, מיט לואיס פריימאַן, מאַקס פרידלענדער און נאָך אַ פּאָר, וועלכע זענען געווען נאָענט מיט אים אין שיקאַגאָ, געפאָרן זען דעם פילם.

נאָך דעם פילם, בײַם אַרויסגיין פון טעאַטער, האָבן מיר אין דער פינצטער באַמערקט, ווי מוני זיצט זיך אין דער לעצטער ריי און קוקט זיך צו צום פילם. מיר האָבן זיך, נאַטירלעך, דערפרייט מיט אים. אַלע זענען מיר אַרײַן ערגעץ טרינקען קאַווע און ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער זיצט אַזוי כּמעט יעדן טאָג און קוקט זיך צו — עס גלייבט זיך אים נישט, אַז דאָס איז טאַקע ווירקלעכקייט.

אַזוי ווי מוני האָט געשטאַמט פון שיקאַגאָ, דאָרט געשפּילט לאַנגע יאָרן מיט זײַנע עלטערן, אויך יידישע שוישפּילערס, זענען פאַראַן פאַרשיידענע אַנעקדאָטן וועגן אים. איין אַנעקדאָט איז אַ פאַקט: אַלס ייִנגל פון דרײַצן־פערצן יאָר האָט ער שוין געשפּילט בײַ זײַן טאַטן כאַראַקטער־ראָלעס. אין אַ געוויסער פּיעסע האָט ער געשפּילט דעם פאָטער פון זײַן אייגענעם טאַטן, מיט אַ גרויען פּאַרוק אויפן קאָפּ און אַ צוגעקלעפּטע באָרד. אַזוי ווי ס׳איז געווען זומער, און מוני האָט ליב געהאַט צו רעדלען זיך אויף סקעט־רעדלעך און ער האָט געהאַט איבערצוואַרטן לאַנגע פּויזעס צווישן זײַנע סצענעס, פלעגט ער אַרויס דורך דער בינעטיר און זיך נעמען רעדלען אויף זײַנע סקעטן איבער די גאַסן. מענטשן האָבן געשטוינט, זעענדיק אַן אַלטן ייִד, מיט אַ באָרד, אויף סקעט־רעדלעך, און ווען עס איז געקומען נאָענט צו זײַן אויפטריט, פלעגט דער בינע־מײַסטער שרײַען בײַ דער טיר: „מוני! שנעלער! ווו ביסטו? דײַן סצענע הייבט זיך באַלד אָן!" פלעגט דער קליינער מוני אַראָפּוואַרפן די סקעטן און אַרויפלויפן אויף דער בינע.

דעם זעלבן פּריַיטיק זענען דערשינען אין די ייִדישע צייַטונגען, אויף דער טעאַטער־זייַט, אַרטיקלען מיט טענות און פּראָטעסטן. „וואָס הייסט, מען וואַרפט אַדורך אַזאַ מין יונגן, טאַלאַנטפולן אַקטיאָר ווי פּסחקע בורשטיין? וועמען דען וועלן זיי אַרייַננעמען? אַלטע ייִדן? אָדער קאַליקעס, וועלכע קאָנען קיין טעאַטער נישט שפּילן?״ זייער אַן אינטערעסאַנטע קאַריקאַטור איז דערשינען אויף דער ערשטער זייַט פון אַ וואָכנטלעכן זשורנאַל וועלכער האָט געהייסן „דער קונדס״.

די קאַריקאַטור האָט געשילדערט גוסקינען ווי די יוניאָן, מיט אַ גראָבן בויך, אַרומגעוויקלט מיט אַ דיקן שטריק און פוןביידע זייַטן דריַי תּליות, און אויף די תּליות זענען געהאַנגען די דריַי, וועלכע זענען דורכגעוואָרפן געוואָרן דורך דער מיטגלידערשאַפט: איך אויף איין תּליה, אויף אַ צווייטער — די יונגע סוברעטין גאָלדע איַיזמאַן, אויף דער דריטער תּליה — דער סופּליאָר מאַקס פרידלענדער. דאָס קעפּל פון דער קאַריקאַטור איז געווען: „די דריַי געהאַנגענע״.

איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז דער איינציקער אַקטיאָר, וועלכער איז יענעם טאָג אַרייַן אין דער יוניאָן, איז געווען איינער מיטן נאָמען פעניגשטיין.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז פּאַול מוני האָט געזאָגט נביאות: מיט צוויי סעזאָנען שפּעטער, ווען איך האָב געשפּילט אַלס סטאַר אין דעם ליבערטי־טעאַטער, צוזאַמען מיט מיכאַל מיכאַלעסקאָ, האָט די יוניאָן מיך גערופן און געבעטן איך זאָל ווידער מאַכן אַ פּראָבע און מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל קיין חרטה נישט האָבן.

דער מינהג איז געווען, אַז יעדער איינער האָט באַדאַרפט פאָרשטעלן צוויי סצענעס (אָדער לידער) פון צוויי פּיעסעס. איך בין אַרויף אויף דער בינע, אויפגעזונגען אַ ליד און פאַרענדיקט מיט מייַן פּייַפן.

איך בין געוואָרן איבערראַשט פון די אַפּלאָדיסמענטן און „בראַוואָס״, און אַזוי ווי איך בין נאָך געשטאַנען אויף דער בינע, איז צו מיר צוגעטראָטן דער סופּליאָר, לואיס גאָלדשטיין, וועלכער אין דאַן אויך געווען דער וויצע־פּרעזידענט פון דער יוניאָן. ער אַליין האָט מיר אַפּלאָדירט, מיך פאַרהאַלטן און גערעדט צום עולם:

— ליבע שוועסטער און ברידער, אַזוי ווי איך פיל, אַז מיר זענען באַגאַנגען אַן עוולה קעגן פּסחקען דאָס ערשטע מאָל, מאַך איך אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן אים דאָס מאָל פאַרגיטיקן און אים שענקען די צווייטע טייל פון זייַן פּראָבע.

דער גאַנצער עולם האָט געשטימט אויף „יאָ״, אַזוי בין איך אין יאָר 1925 געוואָרן אַ מיטגליד אין דער „היברו עקטאָרס יוניאָן״.

איך דערמאָן זיך מייַן ערשטן פּסח אין דעם נייַעם לאַנד. מיר זענען געזעסן אַרום דעם סדר־טיש — מייַנע דריַי ברידער און איך. אונדזער ערשטער סדר צוזאַמען נאָך אַזוי פיל יאָרן! יעדער פון אונדז האָט בייַ זיך שטילערהייט געקלערט פון יענע גרויסע סדרים בייַ טאַטע־מאַמעס טיש. איצט — נישטאָ מער טאַטע־

מאַמע! אַצינד מוזן מיר אַליין אָנהאַלטן די טראַדיציע. דאָס רעשט פון אונדזער משפחה איז צעוואָרפן איבער דער ווייטקייט פון אייראָפּע. וועלוול געפינט זיך אין פּאַריז, ווו ער האָט געעפנט אַ בעקערײַ; אונדזערע צוויי שוועסטער מוטשען זיך נעבעך אין וואַרשע, און אַבֿרהמעלע, דער מיזיניק, מיט זײַן פרוי זענען אין מינסק, רוסלאַנד.

איך באַטראַכט מײַן משפחה אַרום דעם טיש: יוסף און רייזעלע (דזשאָ און ראָוז), בײַ וועמענס טיש מיר פּראַווען דעם סדר; דזשאָרדזש מיט זײַן פרוי און קינד און אויך דער עלטסטער זון פון מײַן מאַמען, יעקבֿ (דזשעק), וועלכער זיצט אַליין בײַם יום־טובֿדיקן טיש. זײַן פרוי, די איידעלע שיינהייט, איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע פיר קינדערלעך. דאָס האָט פּאַסירט ווען עס איז פאָרגעקומען דער גרויסער הונגער אין רוסלאַנד, הונדערטער טויזנטער זענען דעמאָלט פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

איך באַטראַכט אַצינד מײַן משפחה מיט ליבשאַפט און קלער בײַ זיך: „אָט זיצן מיר, די אַמעריקאַנער בנים פון דער משפחה בורשטיין, און פּראַווען זיך אַ סדר. דער טאַטע וואָלט שטאָלצירט מיט אונדז...

דאָס לעבן גייט ווײַטער.

וואָס שייך מײַן קאַריערע, האָב איך באַדאַרפט ענדיקן מײַן אָפּמאַך אין דעם גרענד־סטריט־טעאַטער און דאָס האָט מיך געהאַלטן באַשעפטיקט. דערווײַל האָב איך זיך כּסדר געזען מיט מײַן „שיקסע" באַדי. מײַנע ברידער, נאַטירלעך, זענען געווען נישט צו פיל צופרידן דערפון, אָבער איך האָב זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק, ווײַל איך האָב נישט געטראַכט וועגן חתונה האָבן. מיר איז געלעגן אין זינען נאָר מײַן קאַריערע. איך האָב נעבעך נישט געוווּסט וואָס מיך דערוואַרט ווען איך האָב מיט צוויי יאָר שפּעטער יאָ חתונה געהאַט, אָבער דערווײַל האָב איך זיך געלעבט, ווי מען רופט עס, „אַ משוגענעם לעבן".

7. אין האָפּקינסאָן־טעאַטער

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט טעלעפאָנירט צו מיר ראובֿן גוסקין און גע־לאָזט מיר וויסן, אַז מען וויל מיך אַנגאַזשירן אין דעם האָפּקינסאָן־טעאַטער אין ברוקלין. דער האָפּקינסאָן־טעאַטער האָט זיך געפונען אין בראַונזוויל, אין האַרץ פון דעם יידישן געגנט. בראַונזוויל האָט מען גערופן „די ירושלים פון ניו־יאָרק".

די באַלעבאַטים פון דעם טעאַטער זענען געווען אָסקאַר גרין און יעקבֿ זילבערט. מיט יאָרן שפּעטער, אין 1944, בין איך אַליין געווען גרינס אַ שותּף אין דעם זעלבן טעאַטער. איך בין פאַרבליבן זײַן שותּף ביז 1946, ווען דער טעאַטער איז

פֿאַרקויפֿט געוואָרן. מײַן צווילינג, מאַטעלע און זיסעלע, זענען טאַקע געבוירן געוואָרן אין 1945 ווען מיר זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דעם האָפּקינסאָן־טעאַטער, און די פּיעסע, וועלכע מיר האָבן דאַן געשפּילט, האָט געהייסן „ווער איז שולדיק״.

אין 1924, ווען איך האָב דאָרט געשפּילט, איז גרינס שותּף געווען יעקבֿ זילבערט, אַ באַרימטער סטאַר. זײַן פֿרוי ליזאַ זילבערט איז געווען זײַן קאָ־סטאַר, אָבער די הויפּט־אַטראַקציע און דער שטאָלץ פֿון דער משפּחה איז געווען זייער טאָכטער ראָזאַ, אַ שיינהייט און אַן אויסערגעוויינטלעך טאַלאַנטירטע אַקטריסע. ראָזאַ האָט אין יענער צײַט חתונה געהאַט מיט אָסקאַר גרין, אַזוי אַז אַלע האָבן זיך געפֿילט יום־טובֿדיק.

די זילבערט־גרין־שותּפֿים האָבן מיך צוגעצויגן אַלס סטאַר־אַטראַקציע און אויך ווי אַ פּאַרטנער פֿאַר ראָזאַן.

די קאָמבינאַציע איז מיר געפֿעלן געוואָרן און איך האָב זיך געלאָזט אַנגאַזשירן.

עס איז נישט געווען קיין נײַעס, אַז קינדער פֿון שוישפּילערס האָבן געשפּילט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן. אָט נעמט, צום בײַשפּיל, די קינדער פֿון יעקבֿ פּ. אַדלער — און מיט יאָרן שפּעטער מײַן אייגענע משפּחה. בײַ דער זילבערט־משפּחה האָט געצויגן צו דער בינע בלויז די טאָכטער ראָזאַ. איינס פֿון די קינדער, דער זון טעדי, האָט פֿאַראייביקט דעם נאָמען פֿון דער זילבערט־משפּחה, אָבער נישט אין טעאַטער. טעדי איז הײַנט טעאָדאָר זילבערט, איינער פֿון די אָנגעזעענסטע אין דער וועלט פֿון הויכע פֿינאַנסן אין ניו־יאָרק. זײַן האַרץ איז אָבער פֿאַרבליבן בײַם טעאַטער.

דער מאָטיוו, פֿאַר וואָס מען פֿלעגט אַנגאַזשירן די שוישפּילערס נאָך פּסח, ווען דער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך יום־כּיפּור — איז אַ פּשוטער: די בענעפֿיסן און בילעטן פֿאַר גרופּעס ווערן פֿאַרקויפֿט צו אָרגאַניזאַציעס און יחידים עטלעכע חדשים פֿאַר דעם סעזאָן. זיי קויפֿן אָט די בילעטן פֿאַר אַ רעדוצירטן פּרײַז און האָבן דערפֿון פֿאַרדינסט פֿאַר זייערע אָרגאַניזאַציעס. דעריבער מוזן זיי וויסן דעם נאָמען פֿון דער פּיעסע און די נעמען פֿון די סטאַרן. דער סיסטעם עקסיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג און איז געוואָרן די הויפּטבאַזע נישט נאָר פֿון די ייִדישע, נאָר אויך פֿון די ענגלישע טעאַטערס.

אין טעאַטער גופֿא האָבן זיך די זילבערטס און די גרינס געגרייט מיט גרויס גדולה. די ליבע בײַ דעם יונגן פּאָרפֿאָלק האָט געפֿלאַקערט און אַלע האָבן זיך גערעכנט אויף אַ דערפֿאָלגרײַכן סעזאָן. אָבער ווי זאָגט אונדזער אַלט ווערטל: „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט!״ אונדזער אַלעמענס פֿרייד איז אין קורצן צעשטערט געוואָרן.

אַ פּנים, עס איז נישט באַשערט געווען ראָזאַ זילבערט־גרין זי זאָל אויסלעבן אירע יאָרן. אויף דער רײַזע פֿון זייער האָניק־חודש האָט פּאַסירט דאָס אומגליק. דאָס פּאָרפֿאָלק האָט געדאַרפֿט צוריקפֿאָרן אַהיים, קיין ניו־יאָרק, פֿון באָסטאָן, וווּ אָסקאַר האָט געהאַט משפּחה. געפֿאָרן זענען זיי מיט דער באַן, אָבער

ראָזאַן איז פּלוצעם אײַנגעפאַלן, אַז זי וויל פאָרן מיט דער שיף „די באָסטאָן נאַכט־ליניע”, ווו מען קען איבערשלאָפן. עס פּאַסט טאַקע אין אַ האָניק־חודש צו שלאָפן אין אַ לוקסוס־קאַבינע.

ווען אָסקאַר האָט געבעטן רעזערווירן אַ קאַבינע, האָט מען אָפּגעזאָגט, אַלע קאַבינעס זענען געווען פאַרנומען. זי אָבער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, זי מוז פאָרן מיט דער שיף. די שיף־געזעלשאַפט האָט צוגעזאָגט, אַז טאָמער וועט עמעצער צוריקציִען זײַן רעזערוואַציע, וועלן זיי די קאַבינע באַקומען. נאָך מיטאָג זענען זיי צוגעפאָרן צו דער שיף, און ס'איז געשען ווי ראָזאַ האָט זיך געווונטשן. צוויי מענער האָבן אָפּגעלייגט זייער רײַזע און צוריקגעגעבן זייער קאַבינע. אָט די דאָזיקע פאַטאַלע קאַבינע האָט מען איבערגעגעבן די גרינס.

אַ גליקלעכע איז ראָזאַ אַרויף אויף דער שיף, און ווען אָסקאַר האָט געוואָלט שלאָפן אין דעם בעט נעבן דער וואַנט, האָט זי זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז דאָס בעט וויל זי, ווײַל עס איז נעבן פענצטער. אין מיטן דער נאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן, איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע, אַ צווייטע שיף, פון דער זעלבער ליניע, וועלכע איז געשווומען אין דער פאַרקערטער ריכטונג, פון ניו־יאָרק קיין באָסטאָן, איז צוליב אַ נעפּל אַרײַן אין זייער שיף. אָנגעשלאָגן האָט זי זיך פּונקט אויף דעם אָרט, ווו ראָזאַ זילבערט איז געשלאָפן און זי איז אומגעקומען.

גרויס איז געווען די טראַגעדיע. די מוטער, ליזאַ, איז געוואָרן אין גאַנצן גרוי איבער נאַכט. די גאַנצע ייִדישע גאַס האָט געטרויערט. אַזאַ שיינע, יונגע בלום.

דאָס לעבן גייט ווײַטער. מען איז איבערגעקומען דעם זומער. אָסקאַר גרין און די זילבערטס האָבן זיך געשטאַרקט אָנצוגיין ווײַטער מיט די צוגרייטונגען צו דעם נײַעם סעזאָן. אָנהייב סעפּטעמבער האָבן מיר אָנגעהויבן די פּראָבעס. אין דעם באַשטימטן טאָג בין איך געקומען צום האָפּקינסאָן־טעאַטער און דערזען, אַז מײַן נאָמען, פּסחקע בורשטיין, ברענט אויבן מיט גרויסע אותיות, צוזאַמען מיט ליזאַ און יעקב זילבערט. איך בין געבליבן שטיין מיט טרערן אין האַלדז. דער נאָמען פון דער אומגליקלעכער ראָזאַ איז מער נישט געווען... די אותיות פון איר נאָמען האָט מען אַראָפּגענומען...

איך דערמאָן זיך אין אַן אינטערעסאַנטן פאַל. צווישן די אַלע אויסגערעכנטע נעמען פון דער טרופּע האָב איך געזען מיט קליינע אותיות דעם נאָמען יוליוס אַדלער. „ניין” — האָב איך געקלערט — „עס קען נישט זײַן דער זעלבער יוליוס אַדלער פון לאָדזש! יענער איז דאָך אַ גרויסער סטאַר, טאָ ווער וועט אים שטעלן מיט אַזעלכע קליינע אותיות?” אַרײַנקומענדיק אין טעאַטער האָב איך באַגעגנט די גאַנצע טרופּע שוישפּילערס. זיי זענען געווען אויסגעזעצט אויף דער בינע אויף שטולן אין אַ האַלבן קרײַז, ווי עס איז געווען דער מינהג בײַ אַן ערשטער לייען־פּראָבע. מיך האָט מען אַוועקגעזעצט אויבן אָן, צוזאַמען מיט די זילבערטס, נעבן סופליאָר, וועלכער האָט פאַרגעלייענט די פּיעסע. דאָס האָט מען מיר אָפּגעגעבן כּבוד, און צווישן אַלע אַקטיאָרן, ערגעץ אין אַ ווינקעלע, איז טאַקע געזעסן מײַן

העלד פון לאָדזש, מײַן אידעאַל, יוליוס אַדלער, ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ פּראָסטער סאָלדאַט!

איך האָב זיך מער נישט געקענט אײַנהאַלטן און האָב אויפמערקזאַם געמאַכט יעקב זילבערטן: „וואָס טוט איר? דאָס איז דאָך יוליוס אַדלער!" האָט זיך זילבערט אויסגעלאַכט: „גייט, מאַכט אײַך נישט נאַריש! די יוניאָן האָט אים אַרײַנגעשיקט איך זאָל האָבן די צאָל מענטשן וואָס זיי פּאָדערן!"

איך האָב נישט געגלייבט מײַנע אויערן. שפּעטער, בײַם שפּילן, האָב איך, צום באַדויערן, באַגריפן דעם אמת... דאָס איז נישט געווען דער זעלבער מענטש וואָס אין לאָדזש. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס איז געשען. צי האָט זיך מײַן באַגריף וועגן טעאַטער אַזוי געענדערט? צי איז ער טאַקע נישט דאָס וואָס מײַן יונגער פאַרשטאַנד האָט דאָן, אין לאָדזש, אָפּגעשאַצט?

8. איך ווער אַ חתן

דער סעזאָן אין האָפּקינסאָן־טעאַטער האָט זיך געענדיקט. איך בין באַלד אַנגאַזשירט געוואָרן אין דעם נעשאַנעל־טעאַטער אויף דער צווייטער עוועניו, ווו מען האָט געשפּילט וואָדעווילן דעם גאַנצן זומער.

דעם זעלביקן זומער פון 1925 האָב איך אַנטדעקט ברייטאָן ביטש, ווו אַלע זענען געפאָרן זיך באָדן אין ים. ווױנענדיק אין ברוקלין בײַ מײַן ברודער, נישט ווײַט פון ברייטאָן, פלעג איך יעדן אינדערפרי פאָרן צום ים זיך באָדן און גלײַך פון דאָרט אַוועקפאָרן צום טעאַטער אין ניו־יאָרק שפּילן די מאַטינע־פאָרשטעלונג.

איין מאָל, אין אַ פרימאָרגן בײַם ים, האָט זיך מיט מיר געגריסט אַ פרוי, וואָס איז געלעגן אויף אַ ליגשטול און לעבן איר איז געזעסן אַ יונג שיין מיידל, ווײַזט אויס איר טאָכטער. איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. זי האָט זיך פאָר־געשטעלט פאַר מיר: זי איז די מאַדאַם פלאַמענבוים, איר מאַן האַלט די באַ־ווּסטע אַפּטייק אויף דער צווייטער עוועניו, נעבן דער 4טער גאַס, ווו אַלע יידישע אַקטיאָרן קומען אַרײַן, און דאָס איז איר טעכטערל עדנאַ. זיי האָבן מיך שוין געזען אויפטרעטן אין נעשאַנעל־טעאַטער, וואָס איז נישט ווײַט פון זייער אַפּטייק. זיי אַליין וווינען טאַקע אויך אויף דער צווייטער עוועניו.

די טאָכטער איז אַוועק צום ים זיך באָדן. איך האָב זי אָבסערווירט. פאַר אַ יאָרן האָט עדנאַ געווונען דעם שיינהייטס־פרײַז אין ברייטאָן ביטש — האָט מיר דער־ציילט די מוטער.

צוקוקנדיק זיך ווי זי שווימט, האָב איך פון דער ווײַטנס באַמערקט, ווי זי פאָכעט מיט די הענט און שרײַט: „הילף!". בין איך בליץ־שנעל אַרײַנגעשפּרונגען

אין וואַסער זי ראַטעווען. שווימען איז ביי מיר געווען די צווייטע נאַטור. איך בין דאָך דערצויגן געוואָרן נעבן ים און איך בין טאַקע געווען אַ גוטער שווימער. כ'בין אין אַן אויגנבליק דערשווומען צום מיידל, באַוויזן זי אָנצוכאַפּן און אָנגעהויבן זי אַרויסציִען פון וואַסער. דערווייל זענען אונטערגעקומען צוויי רעטונגס־לייט און מיר געהאָלפן.

אַרויסגעשלעפּט זי פון וואַסער, האָט זי שוין באַקומען די נייטיקע הילף. ביסלעכווייז איז זי געקומען צו זיך. די מאַמע האָט נישט אויפגעהערט מיך צו קושן: „לאַנג לעבן זאָלט איר. איר האָט געראַטעוועט מיין טאָכטערלס לעבן".

צום טעאַטער אויף דער צווייטער עווענין בין איך שוין נישט געפאָרן אַליין. מוטער און טאָכטער זענען געפאָרן צוזאַמען מיט מיר. אין דער אונטערגרונט־באַן האָבן מיר נענטער זיך באַקאַנט. עס איז נישט געגאַנגען לייכט. עדנאַ האָט קיין איין וואָרט יידיש נישט פאַרשטאַנען און מיין ענגליש איז נאָך נישט געווען אַזוי איי איי, דערפאַר איז עדנאַ געווען פאַר מיר בלויז אַ שיין מיידל, מיט וועמען איך האָב זיך נישט געקענט צונויפרעדן. נישט געווען קיין קאָמוניקאַציע צווישן אונדז. אין באַן האָט מיר פרוי פלאַמענבוים געזאָגט, כלומרשט אין שפּאַס, אַז ווען עמעצער ראַטעוועט דאָס לעבן פון אַ צווייטן מענטשן, געהערט דער געראַטעוועטער צו דעם רעטער. איך, דער נאַר, האָב גשמייכלט און אָפּגעשמועסט צו טרעפן זיך מיט עדנאַ פלאַמענבוים.

אַזוי צו ביסלעך, במשך דעם זומער, פלעגן מיר זיך טרעפן כמעט טעגלעך אין דער פרי ביים ים, שווימען צוזאַמען, עסן צוזאַמען און צוריקפאָרן צו דער צווייטער עווענין צוזאַמען. זיי פלעגן קומען אין טעאַטער און איך צו זיי אין שטוב. מען האָט אָנגעהויבן קוקן אויף מיר ווי אויף אַ „שטיקל חתן".

מיינע ברידער זענען געווען צופרידן. אַבי נישט קיין שיקסע. און חברה פון קאַפע „ראַיאַל" האָבן געקוקט אויף מיר מיט אייפערזוכט. אַזאַ פיינע משפחה. איך פאַל אַריין אין אַ שמאַלצגרוב! עס האָט אויך צוגעשפּילט דער גורל, וואָס פונקט אין דער צייט האָב איך אָנגעהויבן פילן, אַז מיין שוועגערין ראָזאַ איז שוין מיד פון האָבן אַ שוואָגער אין שטוב און נאָך דערצו אַן אַקטיאָר, נישט קיין נאָרמאַלער מענטש, וואָס לייגט זיך שלאָפן, ווען זיי דאַרפן באַלד אויפשטיין און שטייט אויף אין שפּעטן טאָג. זי איז געווען אַ יונגע פרוי, האָט שוין דאַן געשוואַנגערט מיט איר צווייטן קינד, און מיין אָנוועזנהייט האָט איר שטאַרק אויפגערעגט.

מיין טבע איז געווען — זיך לייגן שלאָפן מיט אַ ציגאַרעט. אַנדערש האָב איך נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. אייניקע מאָל האָט פּאַסירט, אַז איך פלעג אַנטשלאָפן ווערן און אויסברענען אַ לאָך אין דער פּערענע. נאָך אַ מזל, וואָס פּוך און פעדערן ברענען נישט; זיי סמאַליען זיך בלויז. ווען נישט — האָב איך געקענט פאַרברענט ווערן מיטן בעט צוזאַמען. עס האָט אַפילו נישט גע־האָלפן, ווען איך האָב זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס אין דער פאַרטשטאַט

מעמעל, אין ליטע, האָט מיט עטלעכע יאָר פֿאַר דעם געהאַט פּאַסירט מיט מיר געגנוי די זעלבע געשיכטע און דאָרט האָט זיך די באַלעבאָסטע באַרויִקט דערמיט וואָס איך האָב איר באַצאָלט פֿאַר אַ שפּאָגל נײַער פֿערענע. דאָרט האָב איך די פֿערענע פֿאַרברענט נישט מיט אַ ציגאַרעט, נאָר מיט אַ גרויסן ציגאַר. עס האָט אַלץ נישט געהאָלפֿן. ראָזע האָט אויף מיר געקוקט ווי „ראַבטשיק אויפֿן טאָטן״: „וואָס דאַרף איך, עס זאָל זיך אַרומדרייען אין שטוב אַ שוואָגער אַן אונטערציִנדער?״

אָט די קרומע בליקן אויף מיר פֿון מײַן שוועגערין האָבן אויך צוגעהאָלפֿן איך זאָל נעמען קלערן וועגן אַן אייגענער היים. אין דער אַפּטייק פֿון די פּלאַמענ־בוימס האָב איך זיך באַקענט מיט אַלע ייִדישע דאָקטוירים, וועלכע פֿלעגן אויך אַרײַנקומען אינעם „ראַיאַל״. דאָקטוירים, זאָלט איר וויסן, האָבן איבער הויפּט אַ סימפּאַטיע צו אַקטיאָרן. דאָס האָב איך זיך איבערצײַגט אין אַלע לענדער, ווו איך האָב געשפּילט ייִדיש־טעאַטער. עפּעס פֿאַרבינדט זיי אַ געפֿיל פֿון ברידער־לעכקייט. אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל דאָס וואָס אַ דאָקטאָר באַוויַיזט איז דאָך אויך אַ „פֿאָרשטעלונג״...

די דאָקטוירים, חברים פֿון דעם אַפּטייקער פּלאַמענבוים, האָבן מיך ליב באַקומען און מיר דערציילט וואָס פֿאַר אַ בעל־הבתישע משפּחה זיי זענען און אַז אָט די אַפּטייק איז ווערט אַ פֿאַרמעגן.

דרך־אגב, עס איז דאַן געווען די צײַט פֿון „פּראָהיבישאָן״ (מען האָט קיין שנאַפּס נישט געטאָרט פֿאַרקויפֿן עפֿנטלעך), פֿלעגט דער אַפּטייקער פֿאַרקויפֿן צו איינצלנע גלעזלעך שנאַפּס בײַ זיך אין אַ זײַטיקן צימער. אַלע שוישפּילערס, אימפּרעסאַריאָס און מוזיקאַנטן פֿון קאַפֿע „ראַיאַל״ פֿלעגן אַרײַנקומען אין אַפּטייק כאַפּן אַ שנאַפּס. דערמאָנענדיק דעם ה׳ פּלאַמענבוים מוז איך צוגעבן, אַז ער איז געווען זייער אַ פֿײַנער מענטש; אַ ווױלער, אַ שטילער. זײַן פֿרוי, די מאַדאַם פּלאַמענבוים האָט מיט אים רעגירט און חוץ עדנאַן האָבן זיי נאָך פֿאַרמאָגט אַ ייִנגערן זון.

אין דער זעלבער צײַט האָט זיך נעבן דער אַפּטייק אָנגעהויבן בויען אַ נײַער ייִדישער טעאַטער, דער „פּובליק־טעאַטער״, וועלכער הייסט הײַנט „ענדערסאָן״. צוקוקנדיק ווי עס בויט זיך אַ ייִדיש־טעאַטער פֿלעגן מיר די דאָקטוירים־פֿרײַנד זאָגן: „פּסחקע, וועסט זען, פּלאַמענבוים וועט דיר נאָך אויפֿבויען אַן אייגענעם טעאַטער. עדנאַ איז דאָך אַן איינציקע טאָכטער״.

צי איך האָב זיי יאָ, אָדער נישט געגלייבט, איך האָב גענומען טראַכטן ערנסט: אפֿשר טאַקע! אפֿשר איז אַזוי באַשערט? כ׳בין שוין געווען מיד פֿון אַרומ־וואָלגערן זיך איינער אַליין. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט געהערן צו עמעצן. ווידער זײַן אין דער וואַרעמער סביבה פֿון אַ משפּחה — אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַן אייגענע היים מיט אַ שיינער פֿרוי. אָבער די איינציקע צרה איז געווען, וואָס עדנאַ האָט נאָך אַלץ נישט געלעבט אין מײַן וועלט. מיר פֿלעגן גיין צוזאַמען אין טעאַטער, רעסטאָראַנען, אָבער זיך נישט פֿאַרשטאַנען, ווי ס׳וואָלט באַדאַרפֿט זײַן צווישן

צוויי פרײַנד. מיר זענען געווען צוויי פאַרשידענע וועלטן. דאָס האָט אייגנטלעך באַדאַרפט זײַן, פאַר מיר אַ וואָרענונג, אַז אויף שיינקייט אַליין קען מען קיין צוזאַמענלעבן נישט בויען. איך האָב געהאָפט, אַז נאָך דעם ווי איך וועל קענען אַ גוטן ענגליש און זי אַ בעסערן יידיש, וועלן מיר זיך פאָרט פאַרשטיין.

דערצו האָט מיך שרעקלעך אויפגערעגט, וואָס איר מאַמע איז אונדז שטענדיק נאָכגעקראָכן. אומעטום איז זי מיטגעגאַנגען און פלעגט רעדן פאַר עדנאַן. „עדנאַ קלערט אַזוי", „עדנאַ וויל אַזוי". דאָס האָט באַדאַרפט זײַן פאַר מיר אַ וואָרענונג, ווען איך וואָלט געהאַט שׂכל. אָבער שׂכל קויפט מען נישט אין אַן אַפּטייק. האָב איך געקלערט: מילא, נאָך דער חתונה וועט זי אונדז נישט נאָכקריכן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי היט די צניעות פון איר טאָכטער. איך בין דאָך אַן אַקטיאָר און זי — אַ יונג אומשולדיק מיידל פון אַכצן יאָר. לאָמיר נאָר האָבן אַ ביסל געדולד!

מײַן געדולד איז געווען אַרויסגעוואָרפן. די אַלע פעלערן האָבן מיך אָפּגעשטויסן און איך האָב זיך ביסלעכווײַז אָפּגעקילט צו דעם גאַנצן שידוך. די מאַמע האָט עס, אַ פּנים, באַמערקט, האָט זי באַשלאָסן עפּעס טאָן אין דער זאַך.

אין מיטן זומער האָב איך זיך געהאַט אַנגאַזשירט אין דעם „ליבערטי"-טעאַטער, אויך אין ברוקלין, אַלס קאָ־סטאַר צו מיכאַלעסקאָן. ער דער „ליבהאָבער" און איך דער בוף־קאָמיקער. אָבער פּלוצעם איז דער הימל געפאַלן צו דער ערד: דער אַפּטייקער פלאַמענבוים איז געקומען צו מיר צו לויפן מיט דער בשׂורה, אַז זײַן פרוי, וואָס האָט שוין אַ מאָל געהאַט געליטן אויפן האַרצן, האָט פּלוצעם באַקומען אַ שטאַרקן אַטאַק. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זי האָט נישט לאַנג צו לעבן. האָט זי געשיקט צו מיר דעם מאַן מיך בעטן, אַז איידער זי שטאַרבט, וויל זי זען איר בת־יחידה אַ חתונה געהאַטע. דאַן וועט זי קענען רויִק שטאַרבן.

דערהערנדיק אַזאַ בשׂורה, איז מיר קאַלט געוואָרן אין פּופּיק. דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין געהאַט חרטה באַקומען און זיך געוואָלט אַרויסדרייען פונעם גאַנצן שידוך. איך האָב שוין געהאַט באַשלאָסן בײַ זיך, אַז זי איז נישט פאַר מיר; מיר זענען צוויי באַזונדערע וועלטן. איך האָב געהאָפט, אַז מיט דער צײַט וועט זיך די גאַנצע געשיכטע אָפּקילן. און דאָ — סקאַנדאַל קומט! אַזאַ בשׂורה.

און פּלוצעם: לויף שוין און האָב מיט איר חתונה, כּדי די מאַמע זאָל נישט שטאַרבן מיט אַ צעבראָכן האַרץ! איז וואָס זשע וועט זײַן מיט מײַן האַרץ?

צו מאָרגנס האָבן מיר עטלעכע דאָקטוירים אין דעם אַפּטייק פאַרזיכערט, אויך דאָקטאָר בײַער, איר פּערזענלעכער דאָקטאָר, אַז אירע טעג זענען געציילטע.

הכּלל, מײַנע ליבע פרײַנד, איך בין מסכּים געווען. אַ ברירה האָב איך געהאַט? יענע שטאַרבט און איך האָב דאָך פאָרט געפילט אַ סימפּאַטיע צו עדנאַן.

איך האָב שלום געמאַכט מיט מײַן גורל. די חופּה האָט מען באַשטעלט אין עטלעכע טעג אַרום בײַם בעט פֿון דער מאַמען, ווײַל מען טאָר זי נישט רירן פֿון אָרט. חוץ דעם האָבן מיר בײדע, עדנאַ און איך, געמוזט קודם אַרויסנעמען פּאַפּירן, דאָס הייסט חתונה האָבן ציוויל.

מײַן ברודער דזשאָרדזש האָב איך דערווײַל קיין וואָרט נישט דערציילט. ער האָט זיך שוין געהאַט דורכגערעדט מיט מיר און געזאָגט אַז ער איז צופֿרידן וואָס איך זע זיך מער נישט מיט דעם מיידל. ער האָט אַ געפֿיל, אַז זי איז נישט פֿאַר מיר. פֿאַרפֿאַלן — האָב איך געקלערט בײַ זיך, ליגנדיק בײַ נאַכט אין בעט אין דזשאָרדזשס היים. אַ וואָרט איז אַ וואָרט. וואָס זאָל איך טאָן, אַז אַ מאַמע האַלט בײַם שטאַרבן? דערצו האָט זי מיך נאָך געהאַט אײַנגערעדט, אַז „עדנאַ געהער נאָר צו מיר", ווײַל איך האָב געראַטעוועט איר לעבן פֿון ים אַרויס.

ס'קומט דער טאָג פֿון דער חופּה. איך לאָז וויסן אַלע מײַנע דרײַ ברידער אין דעם זעלבן טאָג. דזשאָרדזש איז דאַן געווען אַ דעלעגאַט אינעם שנײַדער־פֿאַראיין. כ'האָב אים טעלעפֿאָנירט אַהין און געלאָזן פֿאַר אים אַ בשורה, אַז זײַן ברודער פּאָול האָט היינט חתונה אויף דעם און דעם אַדרעס, אין דער און אין דער שעה. אַ ווילדער איז ער געקומען צו לויפֿן:

— וואָס טוסטו? — האָט ער אויף מיר געשריִען — ביסט משוגע געוואָרן? לעבן אַ בעט? אין אַ שלאָפֿצימער? ווי פּאַסט עס פֿאַר דיר? פֿאַר וואָס האָסטו נישט חתונה ווי אַ מענטש?

אויך מײַן בעסטער חבר, לואיס פֿריימאַן, דער וועלכער האָט פֿאַר מיר געשריבן מײַנע בעסטע דערפֿאָלג־פּיעסעס אין די קומענדיקע יאָרן ביז זײַן טויט — אויך ער, לואיס דער שטיפֿער, איז געקומען צו מײַן חתונה מיט אַן אויס־געצויגענעם טרויעריקן פּנים און מיך געפֿרעגט: „אידיאָט, וואָס גייסטו טאָן?!"

און אַזוי האָב איך מקדש געווען עדנאַ פֿלאַמענבוים, נעבן בעט, וווּ איר מוטער איז געלעגן מיט אַ ווײַס געפּודערט פּנים, אַ כּלומרשט שטאַרבנדיקע. חזן ברי, אַ גוטער פֿרײַנד פֿון קאַפּע „ראַיאַל", האָט געפּראַוועט די צערעמאָניע. מחותּנים זענען געשטאַנען אַרום מיט ערנסטע פּנימער. מײַן ברודער האָט געוויינט קוקנדיק אויף מיר, אַקטיאָרן, פֿרײַנד, האָבן זיך צוגעקוקט און אַפֿילו דער „מזל־טובֿ" איז געווען אַ טרויעריקער. עדנאַ איז געוואָרן מײַן פֿרוי.

די דאַטע געדענק איך אַפֿילו נישט, נאָר געווען איז עס נאָך שׂמחת־תּורה, אין יאָר 1925.

נאָך דער חופּה האָט מען געטיילט הערינג, לעקעך און בראָנפֿן און לואי פֿריימאַן האָט זיך מיט מיר אַזוי אָנגעשיכּורט, אַז מען האָט אונדז שפּעטער געפֿונען אונטערן טיש לאַכנדיקע.

אַ סבֿרה, אַז אין מײַן חופּה־נאַכט האָט מען מיך געמוזט אויסטאָן און לייגן שלאָפֿן, אַזוי שיכּור בין איך געווען.

יאָ, שיִער נישט פֿאַרגעסן: די שוויגער האָט נאָך געלעבט נײַנצן יאָר.

9. „דער גאָלדענער סאָלדאַט" און וואָס אַ פערד קען...

מײַן דירעקציע פון טעאַטער האָט מיר געגעבן אַ וואָך פרײַ איך זאָל אָוועקפאָרן אויף מײַן האָניק־חודש. די דירעקציע האָט דעמאָלט געמאַכט צוגרייטונגען צו דער נײַער פאָרשטעלונג „דער גאָלדענער סאָלדאַט". צוריקגעקומען פונעם האָניק־חודש, בין איך מיט עדנאַן אַוועק וווינען צוזאַמען מיט מײַן שווער און שוויגער, וועלכע איז אויף אַ זייער מיסטעריעזן אופן געזונט געוואָרן.

„דער גאָלדענער סאָלדאַט" איז געווען זייער אַ גרויסע אויפפירונג. מיכאַל מיכאַלעסקאָ האָט געשפּילט דעם גאָלדענעם סאָלדאַט. איך בין געווען אַ פראַנצייזישער אָפיציר. געשריבן די מוזיק האָט דער גרעסטער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס דער יידישער טעאַטער האָט ווען עס איז פאַרמאָגט, אַלעקסאַנדער אָלשאַניעצקי, אָדער „שוראַ", ווי מיר פלעגן אים רופן. די פרימאַדאָנע איז געווען זינאַ גאָלדשטיין. ס'האָבן געשפּילט: עני לובין (אַ פלאַם־פּײַערדיקע סוברעטין), דער קאָמיקער יוסף בולמאַן, עני ליליאַן, איוואַן בוזעט און נאָך און נאָך — אַ גאַר גרויסער אַנסאַמבל. דער אָרקעסטער איז באַשטאַנען פון 18 מוזיקאַנטן, וועלכע פלעגן זיצן אויף אַ פלאַטפאָרמע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ ווינדע. אויף דער בינע האָט מען געבויט אַ בריק־קאָנסטרוקציע, אויף וועלכער איך האָב געמאַכט מײַן ערשטן אויפטריט מיטן מענער־כאָר. פון אונטער דער בריק איז אויפגעטראָטן מיכאַלעסקאָ רייטנדיק אויף אַ פערד. שטעלט אײַך פאָר ווי הויך די בריק איז געווען.

דאָס פערד איז געווען אַ ווײַס־צירקאָווע קליאַטשע. מיט אים פלעגט קומען אַ ספּעציעלער מענטש, וועלכער פלעגט בלויז פאַר דעם פערד נעמען הונדערט און פופציק דאָלאַר אַ וואָך. אַלע זענען מיר געווען שטאַרק פאַרנומען מיט צוגרייטן די גרויסע פּראָדוקציע, אָבער איך בין געווען זייער באַאומרויִקט.

עס איז מיר נישט געווען אַזוי שטאַרק באַקוועם צו וווינען צוזאַמען מיט עדנאַס עלטערן. די גאַנצע פּראָפּעסיע האָט זיך געשושקעט, אַז די מעשׂה מיטן שטאַרבן פון מײַן שוויגער איז געווען אַ „טריק" מיך אַרײַנצוכאַפּן אַלס איידעם, ווײַל איך האָב דאַן פאַרדינט אַ סך געלט סײַ פון טעאַטער, סײַ פון וואָדעוויל און סײַ פון מײַנע פּלאַטן. מײַן פּאָפּולאַריטעט איז דאַן געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה. דעם פריִערדיקן זומער, ווען איך בין אויפגעטראָטן אין „נעשאָנעל־טעאַטער" מיט וואָדעוויל, האָט דער „סעקאָנד עוועניו־טעאַטער", וועלכער איז געשטאַנען מיט צווײ בלאָקן ווײַטער, צונויפגעשטעלט אַ קאָמבינאַציע פון דרײַ סטאַרן כּדי מיך צו שלאָגן. די קאָמבינאַציע איז באַשטאַנען פון סעמועל גאָלדענבורג, אַהרון לעבעדיעוו און מיכאַל מיכאַלעסקאָ. עס האָט זיי אָבער נישט

געהאָלפן. איך האָב אַלץ געצויגן אַ גרויסן עולם און פאַרדינט אַ סך געלט אויף מײַנע פּראָצענטער.

אין דער היים האָב איך אָנגעהויבן פילן, אַז מײַן שווערס הויזגעזינד הייבט אָן צו געניסן פון מײַנע פאַרדינסטן אויף פאַרשידענע אופנים. אויך האָב איך דערזען, אַז די אַפּטייק איז נישט געווען אַזאַ גוט געשעפט, ווי אַלע האָבן געמיינט. מײַן ווײַב האָט געהאַט איר אייגענעם טשעקביכל און האָט געשריבן טשעקן אויף רעכטס און לינקס. וואָס זי האָט געקויפט פאַר זיך האָט זי גלײַכצײַטיק געקויפט דאָס זעלבע פאַר איר מאַמען. די מאַמע האָט איר געגעבן אינסטרוקציעס ווי אַזוי זי זאָל האַנדלען קעגן מיר. האָב איך באַשלאָסן זיך אַרויסקלײַבן אין אַן אייגענער דירה. קודם־כל אָבער מוז איך איבערקומען די פּרעמיערע פון דעם „גאָלדענעם סאָלדאַט".

אין יענע יאָרן האָט מען זיך אין יידישן טעאַטער געגרייט צו אַ פּרעמיערע אַזוי ווי מען גרייט זיך הײַנט אויף בראָדוויי. בײַ די אַקטיאָרן האָבן געציטערט הענט און פיס.

און אָט איז געקומען די נאַכט פון דער פּרעמיערע.

אַלץ גייט ווי געשמירט. דער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט אָלשאַניעצקי מיט זײַנע אַכצן מוזיקאַנטן קומען אַרויף פון אונטן מיט דער ווינדע־פּלאַטפאָרמע און שפּילן אָפּ די אוווערטור. עס הייבט זיך אויף דער שיינער זײַדענער פאָרהאַנג און מיר הייבן אָן אַרויסגיין אויף דער בינע. מיכאַלעסקאָ אויף זײַן ווײַסן פערד רײַט אַרויס אַלס „גאָלדענער סאָלדאַט" פון אונטער דער בריק, באַגלייט פון 16 כאָריסטקעס, אָנגעטאָן ווי פראַנצויזקעס. איך הייב אָן מאַרשירן אויף דער בריק צוזאַמען מיטן מענער־כאָר. איך, דער פראַנצייזישער אָפיציר און זיי — ווי סאָלדאַטן. אַלע זינגען: אויפן בריק, אונטערן בריק, עס איז ליכטיק — אַ מחיה. עס קומט צום סוף פונעם אויפטריט־נומער און מיכאַלעסקאָ נעמט אַ הויכן פינאַל. בײַם פינאַל ווערט נאַטירלעך דער אָרקעסטער שטאַרקער. אָלשאַניעצקי ווײַזט אָן מיט זײַן באַטאָן און די טימפּאַני־פּויקן הייבן אָן קלאַפּן גאָר שטאַרק. דאָס פערד, כאָטש עס איז געווען אַ צירקפערד און געוווינט געווען צו פּאַראַד, האָט זיך דערשראָקן און זיך אויסגעמאַכט גלײַך אויף דער בינע אַן חרפּה און אַן בושה.

מיכאַלעסקאָ ווייסט פון גאָרנישט. ער זיצט אויפן פערד און זינגט. דער עולם אין טעאַטער פאַלט אַרײַן אין אַ היסטעריש געלעכטער. איך שרײַ צו אים אויפן גאַנצן קול: „מיכאַל, גיי אַראָפּ פון פערד. ער קאָ..." נאָר מיכאַל הערט מיך ווי דעם קאָטער. ער זינגט ווײַטער. ער ענדיקט דעם נומער, שפּרינגט אַראָפּ פון פערד און דער עולם האַלט זיך בײַ די זײַטן פון געלעכטער.

קוים מיט צרות האָט מען אָפּגעשטופּט דאָס אומפאַרשעמטע פערד. אַז דאָס פובליקום האָט דערזען וואָס דאָס פערד האָט דאָרט איבערגעלאָזט, איז געקומען אַ פרישע סעריע פון געלעכטער און אַ קוויטשערײַ. בײַ אַזאַ צושטאַנד אויף דער בינע האָט מען נישט געקענט ווײַטער אָנגיין מיט דער פאָרשטעלונג. האָט

מען געזוכט דעם שומר פון טעאַטער ער זאָל אָפּרייניקן דאָס מיסט. איז דער שומר ערגעץ ווו נעלם געוואָרן. דאָס אומגליק איז גרויס. מען בעט זיך בײַ די בינע־אַרבעטערס זיי זאָלן זיך מטריח זײַן אויסרייניקן וואָס דאָס פערד האָט איבערגעלאָזט. דרייען זיי זיך אויס מיט די פּלייצעס. זיי האָבן אַ „יוניאָן" און אָפּרוימען דאָס מיסט פון אַ פערד איז נישט זייער אַרבעט. הכלל, איך קלער נישט קיין סך און שטעל אויס דעם גאַנצן כאָר אין אַ לאַנגער ריי כּדי צו פאַר־שטעלן דאָס „אומגליק". מיר שטייען און חזרן ווידער איבער דאָס ליד אַזוי לאַנג ביז מען האָט ענדלעך געפונען עמעצן מיט אַ בעזעם. מען האָט אים אַרויפגעשיקט אויף דער בינע און ער האָט אָפּגערוימט וואָס ס'איז געווען אָפּצורוימען. דאַן האָב איך געגעבן אַ ווונק צום כאָר און מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן.

ווען דער עולם האָט דערזען, אַז די בינע איז שוין אָפּגערייניקט, האָט אויס־געבראָכן אַ פרישער געלעכטער. קוים מיט צרות האָט מען אָפּגעשפּילט די פאָרשטעלונג.

צו מאָרגנס האָט שוין גאַנץ בראָנזוויל געקלונגען מיט דער מעשׂה פערד. צו אונדזער איבערראַשונג האָט דאָס זעלביקע פּאַסירט אויך בעת דער צווייטער פאָרשטעלונג. בײַ דער דריטער פאָרשטעלונג האָט שוין גאָרנישט פּאַסירט. האָט דאָס פּובליקום געפאָדערט בײַ דער קאַסע:

— פאַר וואָס איז נישט געווען די סצענע מיטן פערד? ייִדיש טעאַטער! מען נאַרט שוין אָפּ!

די מעשׂה מיטן פערד איז פאַרבליבן אין דער טעאַטער־כראָניק ווי אַ קלאַסי־שער וויץ.

נאָך אַ קוריאָז איז מיר פאַרבליבן אין זכרון פון דעם „גאָלדענעם סאָלדאַט". מיר האָבן געזונגען אַ קוואַרטעט וועגן פאַרשיידענע נאַציעס. די סוברעטקע, עני לובין, איך און דאָס קאָמישע פּאָרל, אַלע זענען געווען אין קאָסטיומען פון פאַרשיידענע פעלקער.

מיר איז אויסגעקומען צו זײַן געקליידט אין אַ קאָסטיום פון אַ סקאָט. דער שנײַדער, וועלכער האָט אָנגעטאָן די אַקטיאָרן, האָט מיר באַזאָרגט דעם קאָסטיום, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ סקאָטיש קליידל מיט אַ פּענדזל אָנגעהאָנגען פון פאָרנט, אַ סאַמעטן רעקל, אַ סקאָטיש היטל און סקאָטישע זאָקן ביז צו די קני. קיין ספּעציעלע שוואַרצע הייזעלעך אויף אָנצוטאָן אונטערן קליידל האָט ער נישט געבראַכט. וואָס ווייס איך? איך בין אַ מאָל געווען אין סקאָטלאַנד?

הכלל, מיר זינגען דעם קוואַרטעט און הייבן אָן טאַנצן. מיר פאַרענדיקן דעם טאַנץ, זיך דרייענדיק אַלע פיר אין פּירועטן. איך דריי זיך, מײַן קליידל פאַר־קאַטשעט זיך אין דער הייך — און דער עולם קאַטשעט זיך פון געלעכטער. מיר ווייסן נישט פאַר וואָס. מען רופט אונדז אַרויס אויף ביס נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. זעקס מאָל האָבן מיר ביסירט דעם טאַנץ און מען לאָזט אונדז נישט אַראָפּ פון דער בינע.

נאָכן ערשטן אַקט קומט אַהרון לעבעדיעוו צו לויפן צו מיר אין גאַרדעראָב:
— בורשטיין, וואָס איז מיט דיר? — רעדט ער מיט זײַן עכט ליטווישן ייִדיש — פאַר וואָס האָסטו נישט אָנגעטאָן קיין שוואַרצע הייזעלעך אונטערן קלייד? דער עולם האָט דאָך געזען אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט.

צו מאָרגנס האָב איך שוין געטראָגן שוואַרצע הייזעלעך. געזונגען דעם קוואַרטעט און געטאַנצט דעם זעלבן טאַנץ, — אָבער מער ווי איין מאָל האָבן מיר שוין נישט ביסירט...

געענדיקט דעם סעזאָן — בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן אין „מעקינלי סקווער־טעאַטער", אין די בראָנקס, אַ דריטער טייל פון ניו־יאָרק, וועלכער איז אויך אָנגעפּיקעוועט מיט ייִדן בן־ירבו.

10. דאָס געבורט פון מײַן זון, און די שוויגער, די שוויגער...

איך בין שוין גרייט געווען צו דינגען אַן אייגענע וווינונג. איך האָב לענגער נישט געקענט וווינען מיט אַ שווער און מיט אַ „טויטער" שוויגער, וואָס איז געזונט ווי אײַזן. איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט אונדז אַלעמען איבערלעבן.

מײַן פרוי עדנאַ האָט געשוואַנגערט. זי איז געווען אין די הויכע חדשים. האָט זי נישט געוואָלט הערן אַפילו פון איבערקלײַבן זיך. אַז איך האָב גערעדט וועגן דעם, פלעגט זי שרעקלעך וויינען. זי איז פשוט געווען דער מאַמעס בייבי. קאָכן האָט זי נישט געקענט. פון פירן אַ ווירטשאַפט איז שוין אָפּגערעדט. האָב איך אַלץ אַראָפּגעשלונגען און באַשלאָסן צו וואַרטן אַ ביסעלע לענגער און דער־ווײַל איר צו ליב טאָן און וווינען ווײַטער מיט שווער־און־שוויגער, אבי איר זאָל זײַן באַקוועם. מיט וואָס האָב איך געקענט זיך העלפן? איך בין אַרײַנגעפאַלן.

אין „מעקינלי סקווער־טעאַטער" בין איך נישט געווען צו גליקלעך. דער סטאַר און דער בעל־הבית פון טעאַטער איז מיר דערגאַנגען די יאָרן. דזשאָזעף קעסלער האָט ער געהייסן, נישט קיין קרוב, חלילה, פון דעם גרויסן דוד קעסלער. אָבער וועגן אים ווײַטער.

מײַן גדולה און פרייד איז געווען גרויס ווען מײַן פרוי האָט מיר געבוירן אַ ייִנגעלע דעם 13טן אָקטאָבער 1927. איך, פסח, אַ טאַטע! צו מיר איז נישט געווען קיין גלײַכן.

דעם טאָג ווען איך האָב באַדאַרפט אַהיימנעמען עדנאַן מיטן קינד פון שפּיטאָל, בין איך אַרײַן אין אַ געשעפט פון אויטאָמאָבילן און געקויפט אַ שפּאָגל נײַע

„נעש"־מאַשין. איך האָב באַצאָלט מיט מזומנים געלט 2140 דאָלאַר. דאָס איז געווען פון מײַן זײַט אַ חוצפה און סײַ אַ ווילדקייט. איך האָב קיין מאָל נישט געלערנט און נישט געקענט פירן אַן אויטאָ. האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט אײַנ־שמועסן מיט דעם פאַרקויפער און אים אויסגעפרעגט וואָס דאַרף מען טאָן? ווי אַזוי פירט מען די מאַשין? דער פאַרקויפער האָט מיך אָנגעקוקט און געפרעגט: „דו מיינסט עס ערנסט?" ער האָט געלאַכט פון מײַן סיטואַציע, נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן דעם קונה, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר און מיר געמעכט לערנען אַלע איינצלהייטן: „אָט דאָ געפינען זיך די „ברעקס"; דאָס איז די „קלאַטש", דאָ שליסטו אײַן דעם ערשטן גאַנג און אַזוי אַרום ביסטו אינעם צווייטן גאַנג און אַזוי אַרום ביסטו אין נייטראַל, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

במשך פון אַ שעה צײַט האָט דער פאַרקויפער אײַנגעקנעלט מיט מיר די תורה און איך האָב זיך אָנגעגורט מיט חוצפה אַרויסצופאָרן מיט דעם נײַעם אויטאָמאָביל פון געשעפט אַרויס, צוגעפאָרן צום שפּיטאָל און אַהיימגעפירט מײַן פרוי מיט מײַן נײַ־געבוירענעם זון!

איך האָב מײַן זון אַ נאָמען געגעבן נאָך מײַן מאַמען, רבקה. ער הייסט: ראובן, און אויף ענגליש רופט מען אים ריטשאַרד. די משפחה האָט אים באַלד פאַרצויגן אויף „דיקי".

מײַן טאַטנס נאָמען, מרדכי, האָב איך באַהאַלטן פאַר מײַן צווייטן זון, וועלכער איז געבוירן געוואָרן מיט אַכצן יאָר שפּעטער...

פונקט ווי איך בין געווען גליקלעך מיט מײַן ערשטן זון, אַזוי בין איך געווען גליקלעך מיט מײַן נײַעם אויטאָמאָביל! איך האָב זיך געשפּיגלט אין אים ווי אַ קליין קינד. באַלד האָב איך אַרויסגענומען אַ דערלויבעניש צום פאָרן און איך פלעג פאָרן אין טעאַטער אַרײַן, אין די בראָנקס, ווי אַ לאָרד!

מײַן גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו נעמען מײַן ווײַב און קינד און פאָרן שפּאַצירן. נאָר יעדע גוטע זאַך האָט אַ שלעכטע צוטשעפּעניש: מײַן שוויגער איז געווען די ערשטע צו זיצן אין דער מאַשין, און געזעצט האָט זי זיך דווקא פון פאָרנט, נעבן מיר! אַנדערש האָט זי נישט געקענט פאָרן. דאָס באַגלייטן מיך פון דער שוויגער איז אָנגעגאַנגען אַ שיינע פּאָר חדשים, און איך האָב פון איר נישט געקענט פּטור ווערן. ביז די גאַנצע מעשה איז מיר דערעסן געוואָרן. אין אַ שיינעם טאָג האָב איך פאַרקויפט די מאַשין, — דער שוויגער אויף צו להכעיס!

דערווײַל האָב איך געשפּילט בײַ קעסלערן אין טעאַטער און ער איז מיר דערגאַנגען די יאָרן. קעסלער איז געווען זייער אַ הויכער און זייער אַ דיקער, פּשוט אַ ריז! ער האָט געשטאַמט פון אונגאַרן, האָט נישט געקענט לייענען און שרײַבן, אָבער זײַן אַמביציע איז געווען שפּילן שעקספּירן אויף יידיש. ער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז קיין גרעסערער טאַלאַנט ווי ער איז אויף דער וועלט נישטאָ, און אייפערזיכטיק איז ער געווען אויף יעדן איינעם. ער פלעגט שרײַען, אַז די גאַנצע פּראָפעסיע איז אים מקנא, מען פאַרגינט אים נישט.

מיך האָט ער אַנגאַזשירט צו שפּילן אַלס סטאַר אין די אָפּערעטעס. אין מיטן דער וואָך פלעגט ער שפּילן קלאַסישע פּיעסעס. מײַן ערשטע אָפּערעטע איז געווען „פלאַמען פון ליבע" — אַ שיינע לירישע פּיעסע, וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. אַז מענטשן פלעגן אַ מאָל צוקומען צו דער קאַסע אין מיטן דער וואָך און אויסגעפינען, אַז „פלאַמען פון ליבע" שפּילט מען נישט דעם אָוונט, פלעגן זיי אַוועקגיין. דאָס האָט קעסלערן זייער פאַרדראָסן, האָט ער מײַן פּיעסע אַראָפּגענומען אין מיטן סעזאָן.

ער האָט אַנאָנסירט, אַז ער גייט שטעלן אַ מעלאָדראַמע פון דעם שרײַבער ליבין, אויך מיט מוזיק, וואָס האָט געהייסן „אַלץ פאַר קינדער". ער האָט געפאָדערט איך זאָל מיטשפּילן. מילא, איך נעם גאַזשע — שפּיל איך.

דאָ האָט קעסלער זיך געוואָלט באַווײַזן ווי אַ „זינגער פון פלאַטן". ער פלעגט כסדר אָפּלאַכן פון מיר און פון לעבעדיעוון און פלעגט זאָגן: „די הײַנטיקע זינגערס! אויך מיר זינגערס! עך האָב אַרײַנגעזונגען אין לאָנדאָן אַ פּלאַטע — ,שטיין, שטיין, טײַערער שטיין' — אָט דאָס איז אַ רעקאָרד!"

כדי זיך צו באַווײַזן ווי אַ זינגער, האָט ער אַרײַנגעשטעלט אַ סצענע, אין וועלכער אַלע זיצן אַרום טיש, דער גאַנצער אַנסאַמבל אַקטיאָרן: דוד וועקסלער, רעי שנייער, מוני סערעבראָף, ראובן ווענדאָרף און סעם גערשענזאָנג, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַן אַלטן טאַטן. די סצענע שטעלט מיט זיך פאָר אַ שׂימחה אין שטוב, מען זיצט בײַם טיש און דער טאַטע שטעלט אָן אַ פּלאַטע. און צו אונדז אַלעמען זאָגט ער: „איר וועט באַלד הערן אַ רעקאָרד! די הײַנטיקע זינגערס מעגן זיך פאַרשעמען!"

דער טאַטע גייט צו צום גראַמאָפאָן, דרייט דאָס הענטל (דעמאָלט האָט מען נאָך אָנגעדרייט מיט אַ הענטל, אָנצוציען די פעדער פונעם גראַמאָפאָן) און עס הערט זיך אָן אַרײַנפיר פון אָרקעסטער: טראַ־לאַ־לאַ־לאַ... פּלוצעם הערט זיך אַ שטים „עך האָב אַ מאַמען אַמאָל געהאַט, האָט זי געקאַ־קאַ־אַאַאַ..."

דאָס פּובליקום נאַטירלעך נעמט לאַכן. מיר אַלע אויף דער בינע שמייכלען אונטער די וואָנצעס. איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען. פון אויספּרובירן אַזוי פיל גראַמאָפאָנען האָט עפּעס געמוזט פּאַסירן מיט דער פּלאַטע. זי האָט אַוודאי באַקומען אַ שפּאַלט, אַ קראַץ פּונקט אויף דעם אָרט.

קעסלער ווערט בייז און צעשרײַט זיך אויפן טאַטן: „טאַטע, ווי אַזוי האָסטו אָנגעשטעלט דעם רעקאָרד? עס טויג דאָך נישט!"

גערשענזאָנג נעבעך גייט ווידער צו צום גראַמאָפאָן, דרייט ווידער מיט דעם הענטל, לייגט ווידער אַרויף די פּלאַטע, און מיר אַלע הערן זיך צו... הערט מען ווידער די אינטראָדוקציע פון מוזיק, טראַ־לאַ־לאַ אַאַז"ו. און דאַן הערט זיך ווידער קעסלערס שטימע, „עך האָב אַ מאַמען אַמאָל געהאַט, האָט זי געקאַ־אַ־אַ..."

דאָס פּובליקום איז אַרײַן אין אַ היסטעריקע פון געלעכטער. איך האָב זיך אַראָפּגערוקט אונטערן טיש. מען האָט נאָך באַדאַרפט שפּילן אַ פערטל אַקט, האָט

קעסלער אָנגעכאַפּט דאָס טישטעך, אים אַ שלעפּ געטאָן פון טיש, אַלץ איז געפלויגן אין דער לופטן, און ער האָט אַ געשריי געטאָן: „פאַרהאַנג!...״

נאָך דעם אומגליק מיט דער פלאַטע האָט ער געשטעלט „האַמלעט״ אויף יידיש און געפאָדערט, אַז איך זאָל שפּילן אין דער פּיעסע. איך האָב זיך אַנטקעגנגעשטעלט. איך בין ניט קיין שעקספּיר־אַקטיאָר, האָב איך געטענהט, און איך פאַרלאַנג, ער זאָל מיך לאָזן שטעלן אַן אָפּערעטע. מ׳האָט דעם סיכסוך געבראַכט אין פאַראיין אַרייַן. האָט די יוניאָן געפּסקנט, אַז איך מוז שפּילן — האָב איך געשפּילט! צו מייַן מזל האָט דער שנייַדער מיר געגעבן אָנצוטאָן אַ פּאָר לאַנגע טריקאָ מיט אַ לאָך... בייַז בין איך געווען אויף מייַן דירעקטאָר, וואָס שפּילט אַ האַמלעט פון אַ 150 קילאָ, האָב איך אַרייַנגעשטעקט אַ פינגער און אויסגעריסן נאָך אַ גרעסערע לאָך אינעם טריקאָ, אַזוי אַז איך בין געוואָרן אַ קאָמישע פיגור און ווען מען האָט אין די ערנסטע סצענעס דערזען מייַן קאָסטיום מיט די לעכער, האָט דער עולם שטאַרק געלאַכט...

ענדלעך האָב איך בייַ קעסלערן געפּועלט, ער זאָל מיך אַרויסלאָזן פון די שעקספּיר־פעסטיוואַלן...

קוים מיט צרות האָב איך געענדיקט דעם סעזאָן אין „מעקינלי־סקווער־טעאַטער״ און זיך געלאָזט אַנגאַזשירן צום קומענדיקן סעזאָן אין דעם „פּראָספּעקט־טעאַטער״ — אויך אין די בראָנקס. די בעלי־בתים פון „פּראָספּעקט״ זענען געווען: נאַטאַן גאָלדבערג און דזשייקאָב דזשייקאָבס. דאָס איז געווען צום סעזאָן פון 1928/29.

איינע פון די פּיעסעס, וועלכע מיר האָבן געשפּילט, האָט געהייסן „אין רויטן רוסלאַנד״, געשריבן פון נחום סטוטשקאָוו. איך האָב געשפּילט אַ בחור פון זיבעצן יאָר, וועמען די עלטערן האָבן אויסבאַהאַלטן פון מיליטער. מען האָט אים געלאָזט וואַקסן אַ לאַנגע באָרד. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען זייער אַ קאָמישע פיגור.

אין דער טרופּע האָבן אַחוץ דזשייקאָבס און זייַן פרוי בעטי און חוץ זייַן שותּף נתן גאָלדבערג און זייַן פרוי, די דראַמאַטישע שוישפּילערין ראָזע גאָלדבערג, אויך געשפּילט פּיטער גראַף, קיידי קאַפּלאַן, לוסי פינקעל, איינע פון אונדזערע בעסערע פּרימאַדאָנעס. זי איז געווען די שוועגערין פון פּאָול מוני, ווי אויך טאָמאַשעווסקיס פלימעניצע. דעמאָלט פלעגן זיך טעאַטער־משפּחות משדך זייַן און מען איז געווען געפלאָכטן און געבונדן. דער סופליאָר פון טעאַטער איז געווען מאַקס פרידלענדער און דער מוזיק־דירעקטאָר און קאָמפּאָזיטאָר — פיליפּ לאַסקאָווסקי, וועלכער איז פריִער, אין וואַרשע, געווען זייער אַ גוטער קאָמיקער אין „צענטראַל־טעאַטער״.

קורץ פאַר דעם שלוס פונעם סעזאָן איז פאָרגעקומען אַ טראַגעדיע, וועלכע האָט זיך נאָך אויסגעלאָזן מזלדיק דערמיט וואָס די אַקטיאָרן זענען געבליבן לעבן:

עס איז געווען אין דעם אָוונט פון מייַן בענעפיס־פאָרשטעלונג. דעמאָלט איז געווען אַ מינהג, אַז יעדער אַקטיאָר באַקומט אַ פרייַען אָוונט. ד״ה די גאַנצע קאַסע האָט געהערט צו אים. איך האָב צו מייַן אָוונט געשטעלט די פּיעסע „יאָשקע

כוואַט״, אַ באַקאַנטע זאַך, אַזוי אַז די אַקטיאָרן האָבן נישט געדאַרפט מאַכן קיין סך פּראָבעס, אָבער בעיקר ווײַל דאָס פּובליקום האָט די פּיעסע זייער ליב געהאַט. באַזונדערס אין די בראָנקס. אויף דער גאַס האָט מען גערעדט: „איי, ס׳וועט זײַן אַזוינס און אַזעלכעס. פּסחקע בורשטיין אַלס יאָשקע כוואַט!״ אַלע פּלעצער זענען געווען אויספאַרקויפט שוין וואָכן פריִער. קיין איין בילעט איז נישט געבליבן.

דעם זעלביקן טאָג בין איך אַוועק אין קאַפע „ראָיאַל״ און דאָרט געטראָפן מײַן דירעקטאָר, נתן גאָלדבערג, צוזאַמען מיט לוסי פינקעל און לאַסקאָווסקי. אַרום פינף נאָך מיטאָג האָט מיר גאָלדבערג געמאָלדן אַז זיי פאָרן שוין אין טעאַטער און אויב איך וויל, קאָן איך מיטפאָרן מיט זיי, ווײַל זיי פאָרן מיט זײַן אויטאָמאָביל. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן גרויסן זייגער, וואָס איז געהאָנגען אין „ראָיאַל״ איבער דער טיר און געענטפערט: „אַ שיינעם דאַנק, פאַר מיר איז נאָך צו פרי. איך קאָן זיצן נאָך אַ שעה. איך וועל קומען אין טעאַטער מיט דער סאָבוויי״. די סאָבוויי פלעגט צופאָרן ביז צו דער טיר פון טעאַטער.

עס איז געווען מײַן מזל, וואָס איך בין מיט זיי נישט מיטגעפאָרן. ווי עס זעט אויס, אַ גוטער מלאך האָט מיך אָפּגעהיט. בײַם אָנקומען אין טעאַטער געפין איך אויס, אַז אַלע דרײַ ליגן אין שפּיטאָל. גאָלדבערג האָט געפירט די מאַשין, לוסי איז געזעסן נעבן אים פון פאָרנט און לאַסקאָווסקי איז געזעסן פון הינטן.

קומענדיק פון מאַנהעטן מוז מען אַריבערפאָרן אַ בריק, כדי אָנקומען אין די בראָנקס. גאָלדבערג האָט, ווי עס זעט אויס, פאַרלוירן די קאָנטראָל און די מאַשין איז אַראָפּ פון דער בריק און אַרויף אויפן טראָטואַר. אַ מזל וואָס זיי האָבן זיך געפונען בײַם סוף פון דער בריק. ווען דאָס זאָל האָבן פּאַסירט אין מיטן דער בריק, איבערן וואַסער, אָדער פון אַ העכערן פּונקט, וואָלטן זיי אַלע אומגעקומען.

מ׳האָט דעמאָלט געזאָגט אַז לאַסקאָווסקי האַלט זייער שמאָל און דאָ דאַרף מען אָנגיין מיט דער פאָרשטעלונג. די בילעטן זענען אויספאַרקויפט. ווי גיט מען זיך אַן עצה? צום גליק איז נאָך אין יענער צײַט חברשאַפט צווישן אַקטיאָרן געווען אַ יש. אין אַן עת־צרה איז איינער געלאָפן פאַרן צווייטן אין פײַער און אין וואַסער, און ווי גייט דאָס ווערטל אויף ענגליש? „די שאָו מאַסט גאָו אָן״, „די פאָרשטעלונג מוז אָנגיין״.

עס איז באַלד געקומען צו לויפן שלום סעקונדאַ דיריזשירן דעם אָרקעסטער אַנשטאָט לאַסקאָווסקין, און לוסי לעווין, די וועלכע האָט פאַרמאָגט די שענסטע סאָפּראַנאָ־שטים, וואָס מיר האָבן געהאַט אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. פּשוט אַ זינגפייגעלע און אַ בילד־שיינהייט דערצו, איז געקומען צו לויפן כדי צו פאַרטרעטן לוסי פינקעל. מיר האָבן געשפּילט „יאָשקע כוואַט״ אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. אָט דאָס הייסט חברים!

נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר אַלע אַוועק אין שפּיטאָל און — ברוך־השם — אַלע האָבן זיך אַרויסגעדרייט מיטן לעבן, כאָטש לאַסקאָווסקי איז חדשים לאַנג געווען צוגעשמידט צום בעט.

אָבער פון אָנהייב סעזאָן איז פאַרגעקומען מײַן פערזענלעכע טראַגעדיע: נאָך דעם ווי איך האָב געהאַט אָפּגעשפּילט אַ פּאָר וואָכן, האָב איך גאַנץ פשוט געזאָגט צו מײַן פרוי עדנאַ, אַז איך קאָן שוין מער נישט ווײַנען מיט אירע עלטערן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז מיר איז געוואָרן ענג אין זייער שטוב. איך האָב געפילט: איך גיי אויס...

די שוויגער האָט איבער מיר געבאַלעבאַטעוועט פונקט ווי מיטן גאַנצן הויז־געזינד. טאָמער פלעג איך עפענען אַ פענצטער ווען מײַן קינד איז געשלאָפן, כדי עס זאָל האָבן גענוג לופט, האָט מײַן שוויגער דאָס פענצטער צוגעמאַכט... האָב איך דאָס קינד אָפּגעדעקט ווען עס האָט געשוויצט — האָט זי אים צוריק צוגעדעקט און מיר געזאָגט: „עס איז מײַן קינד פונקט ווי דײַנס און איך ווייס וואָס עס איז פאַר אים בעסער".

האָב איך געפילט עס עקט זיך מײַן וועלט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך מײַן ווײַב געגעבן אַן אולטימאַטום: „אָדער דו גייסט מיט מיר אין אַן אייגענער דירה — אָדער איך גיי אַליין אַוועק"... איר ענטפער איז געווען: „איך קאָן אַן מײַן מאַמען זיך נישט באַגיין". האָב איך גענומען מײַן טשעמאָדאַן און זיך אַרויסגעצויגן פון דער שטוב.

נישט ווײַט פונעם טעאַטער האָט זיך געפונען אַן אַפּאַרטמענט־האָטעל. האָב איך דאָרט געדונגען אַ דירה פון דרײַ צימערן, מיט מעבל, מיט באַדינונג, אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט. דאָרט האָט אויך געוווינט מײַן פרײַנד מאַקס פריד־לענדער.

ס'איז אַוועק אַ וואָך, צוויי וואָכן און עדנאַ האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז איך מיין די מעשׂה ערנסט. צום סוף האָט די מאַמע אַליין זיך דערשראָקן און האָט עדנאַן צוגערעדט, זי זאָל מיט מיר גיין וווינען אין די בראָנקס. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך געפרייט וואָס איך האָב געוווּנען דעם קאַמף מיט דער שוויגער און נאָך שטאַרקער האָב איך זיך געפרייט, וואָס מײַן פרוי און מײַן זונעלע זענען געקומען וווינען מיט מיר צוזאַמען.

איך האָב איבערגעלעבט פון דאָס נײַ. אָן אַ שוויגער און אָן אַ שווער! וואָס שייך די שטוב־ווירטשאַפט, האָט מײַן פרוי נישט געדאַרפט רוימען. דאָך איז זי אין אַלגעמיין געווען אַבסאָלוט הילפלאָז, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין קאָכן און אַכטונג געבן אויפן קינד. איך האָב איר צוגעהאָלפן וויפל איך האָב נאָר געקענט, אָבער סוף־כל־סוף האָב איך דאָך געאַרבעט אין טעאַטער. כ'פלעג אַהיימקומען שפּעט און שלאָפן אַ ביסל שפּעטלעך, האָט זי זיך דאַן געמוזט אַליין אַן עצה טאָן מיטן קינד. עסן פלעגן מיר אין רעסטאָראַנען. איך האָב נישט געפאָ־דערט פון איר זי זאָל פירן אַ קיך... בײַ נאַכט אָבער, ווען איך בין אַוועק, פלעגט איר ווערן לאַנגווײַליק. זי איז נישט געווען צוגעוווינט צו זײַן אַפילו איין מינוט אָן איר מאַמען. פלעגט זי רעדן טעלעפאָניש צו איר מאַמען צען מאָל אַ טאָג און בײַ דער קלענסטער קלייניקייט.

איך האָב זיך געבעטן בײַ איר: „קאָנסט יעדן אָוונט נעמען אַ ,בייבי־סיטער' און צוקומען צו מיר אין טעאַטער, הינטער דער בינע". דאָס האָט זי אויך נישט געוואָלט טאָן. זי האָט נישט קיין אינטערעס, פלעגט זי זאָגן, מיט די ייִדישע אַקטיאָרן. פלעג איך איר צוזאָגן, אַז נאָך דער פאָרשטעלונג וועלן מיר צוגיין אין אַ כינעזישן רעסטאָראַן, ווו ס'איז דאָ אַן אָרקעסטער. אַ פּאָר מאָל איז זי געקומען און דערנאָך האָט זי ווידער געגומען וויינען, אַז זי לאַנגווײַליקט זיך. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. די מאַמע אירע האָט ביסלעכווײַז זיך אָנגעהויבן אַרײַנדרייען אין אונדזער הויזגעזינד. פון אָנהייב האָט מיך שוין נישט געאַרט, אַבי עדנאַ זאָל זײַן צופרידן. אָבער באַלד איז די שוויגער געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכער גאַסט. זי פלעגט קאָכן, וואַשן וועש, אַכטונג געבן אויפן קינד. אַזוי צו ביסלעך, צו ביסלעך, האָט זי אָנגעהויבן צו ערשט איבערנעכטיקן אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, ביז זי האָט זיך אין גאַנצן אַרײַנגעצויגן צו אונדז און שוין. איך האָב זיך ווידער געפונען אין דער זעלבער לאַגע ווי פריִער. איך האָב געוווינט מיט אַ ווײַב און מיט אַ שוויגער.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך זיך אָוועקגעזעצט מיט מײַן פרוי און איר דערקלערט: איך האָב נישט דערקעגן, אַז איר מאַמע זאָל קומען צו אונדז צו גאַסט פּונקט ווי אַנדערע שוויגערס. פאַרקערט: מיטן גרעסטן כּבוד. אָבער עס טויג נישט פאַר מיר, אַז זי זאָל כּסדר וווינען צוזאַמען מיט אונדז. דערפאַר האָב איך זיך אַרויסגעצויגן פון זייער הויז, ווײַל איך וויל נישט און קען נישט וווינען מיט שוויגער־עלטערן. זאָל זי קומען צו גאַסט ווען זי וויל, אָבער וווינען מיט אונדז — דאָס איז אויסגעשלאָסן!

די זעלבע נאַכט, ווען איך בין אַהיימגעקומען פון טעאַטער, האָט מיך פאַרהאַלטן דער נאַכטוועכטער פון האָטעל: „וואַרט, מיסטער בורשטיין, איך גיי אַרויף מיט אײַך". איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס און בין אַרײַן אין מײַן דירה. איך האָב זי געפונען אַ ליידיקע. דאָס בעטעלע פונעם קינד איז שוין נישט געווען. מײַן ווײַב איז נישט געווען. בלויז אַ צעטעלע איז געלעגן אויפן טיש: „זײַ מיר מוחל, איך קען נישט זײַן אָן מײַן מאַמען".

מײַן וועלט איז מיר אונטערגעגאַנגען. דאָס קינד איז געווען מײַן איינציקער טרייסט אין לעבן. דער מאַן פון האָטעל האָט מיך געגומען טרייסטן: „איך האָב נישט געוואָלט איר זאָלט אַרויפקומען אין שטוב אַליין און זי געפינען ליידיק. נו, אָט דאָ האָב איך אַ פלעשל, מיסטער בורשטיין, לאָמיר מאַכן אַ שנאַפּס, וועט אײַך לײַכטער ווערן אויפן האַרצן". איך בין דעם מענטש געווען דאַנקבאַר פאַר זײַן טרייסט, און טאַקע אויסגעטרונקען מיט אים עטלעכע שנעפּסלעך און דערנאָך אָפּגעוויינט די גאַנצע נאַכט.

צו מאָרגנס אין דער פרי איז געווען פאַר מיר באַשטעלט אַרײַנצוזינגען אַ נײַעם רעקאָרד פאַר „קאָלומביאַ־קאָמפּאַני". און דער גורל האָט געוואָלט, איך זאָל

פון פריִער האָבן צוגעגרייט דאָס ליד „זונדעלע מײַנס״ („סאָני באָי״), וואָס אַל דזשאָלסאָן האָט געזונגען אין זײַן פילם מיטן זעלבן נאָמען.

איך האָב טאַקע אַרײַנגעזונגען צוזאַמען מיט אים, מיט דזשאָלסאָנען, דעם זעלבן טאָג, אין דער זעלבער סטודיאָ, מיט דעם זעלבן אָרקעסטער. ער האָט דאָס ליד אַרײַנגעזונגען אויף ענגליש און ווען ער איז אַרויס פון דער סטודיאָ בין איך אַרײַן און דאָס ליד אַרײַנגעזונגען אויף יידיש...

זינגען אָבער האָב איך אין יענעם אינדערפרי נישט געקאָנט. די ווערטער פון דעם ליד „זונדעלע מײַנס״ האָבן מיר געדריקט בײַם האַרצן און מיר געשטיקט אין האַלדז. איך האָב דאָס ליד כּמעט אין גאַנצן אויסגעוויינט. אויב איר האָט אַ מאָל דעם רעקאָרד געהערט, איז דאָס איינער פון די בעסטע, וואָס איך האָב געמאַכט פאַר „קאָלומביאַ״, אַזוי זאָגט מען... ווען „קאָלומביאַ״ האָט דעם רעקאָרד אַרויסגעלאָזט, האָט די געזעלשאַפט אים געשטעלט אויף דער צווייטער זײַט פון „מײַן יידישע מאַמע״, געזונגען פון סאָפי טאַקער.

פרײַנד האָבן מיר דאַן געעצהט, אַז איך קאָן מײַן ווײַב לײַכט אָפּגטן, אויפן סמך פון דעם, וואָס זי האָט מיך פאַרלאָזן, נאָר איך האָב צו שטאַרק ליב געהאַט מײַן קינד און האָב קיין דראַסטישע מיטלען נישט געוואָלט אָננעמען. דאָס קינד איז בײַ מיר געווען מײַן אויג אין קאָפּ. איך וואָלט זיך אָפּילו געוווען אײַנגעשפּאַרט אַ סך שפּעטערדיקע עגמת־נפש, אָבער איך האָב פון אַ גט נישט געוואָלט טראַכטן. איך בין פאַרבליבן מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

איך האָב אָפּגעשפּילט דעם סעזאָן אין „פּראָספּעקט״, אָבער באַלד גענומען קלערן וועגן אַוועקפאָרן פון ניו־יאָרק און טאַקע תּיכף זיך אַנגאַזשירט צום נײַעם סעזאָן קיין פילאַדעלפיע. קודם האָב איך דעם זומער געשפּילט אין וואָדעוויל, ווידער אין „נעשאָנעל טעאַטער״. מײַן קאָנקורענט אין דעם „סעקאָנד עוועניו־טעאַטער״ איז דאָס מאָל געווען לודוויג זאַץ.

מײַנע רעקאָרדס פלעגן דאַן געשפּילט ווערן אין די מוזיק־געשעפטן אויף סעקאָנד עוועניו ביז האַלבער נאַכט, מיט הויכע שרײַענדיקע הילכערס אויף דער גאַס אַרויס. די אײַנוווינערס פון דער געגנט פלעגן מיך שעלטן וואָס איך לאָז זיי נישט שלאָפן...

ווען כ׳האָב געשפּילט אויף סעקאָנד עוועניו פלעגט מײַן פרוי אַראָפּברענגען מײַן יינגעלע, דיקי, כּדי איך זאָל אים זען, ווײַל אַרויפגיין צו מײַן שוויגער אין שטוב האָב איך נישט געוואָלט. ער איז דאַן געווען כּמעט צוויי יאָר אַלט און חנעוודיק מיט אַלע חנען פון דער וועלט. פלעג איך זיך מיט אים אָנשפּילן און דערנאָך פלעגט מיר ווערן טרויעריק, ווען זי איז מיט אים צוריק אַוועק אין שטוב פון דער שוויגער.

איך האָב באַשלאָסן, אַז איך טו די קליגסטע זאַך, וואָס איך פאָר אַוועק צום סעזאָן אין פילאַדעלפיע, ווײַל מיך האָט אַזוי געצויגן צום קינד, אַז איך האָב

מורא געהאַט אַז באַלד וועל איך זיך ווידער געפינען אין דער זעלבער סיטואַציע ווי פריִער. דאָס הייסט, אויב איך וויל וווינען מיט מײַן קינד, מוז איך וווינען מיט דער שוויגער. בין איך אַוועק קיין פילאַדעלפיע.

11. מיט סעמועל גאָלדענבורג אין פילאַדעלפיע

אין פילאַדעלפיע האָט זיך פאַר מיר אויפגעעפנט אַ נײַ לעבן. אָנגעקומען האָב איך זיך אין האָטעל סילוואַניאַ, וווּ איך האָב געוווינט אַ טיר נעבן אַ טיר מיט סעמועל גאָלדענבורג.

מען האָט געבראַכט גאָלדענבורגן קיין פילאַדעלפיע צוליב דעם, וואָס אונדזער פּרימאַדאָנע לוסי פינקעל און דער ליבהאָבער־ראַליסט אוירווינג גראָסמאַן האָבן זיך צעקריגט צוליב רעקלאַמע און זענען אַוועק פון טעאַטער. עס איז שוין געווען כּמעט אין מיטן סעזאָן. גאָלדענבורג איז אויפגעטראָטן אין זײַן באַרימטער פּיעסע „סאַנין״, פון דעם רוסישן קלאַסיקער אַרציבאַשעוו.

געשפּילט האָבן מיר אין דעם באַרימטן „אַרטש־סטריט־טעאַטער״ אויף אַרטש און זעקסטע גאַס, וועלכער איז געעפנט געוואָרן מיט יאָרן צוריק דורך דער באַרימטער משפּחה באַרימאָר ווי אַן ענגליש טעאַטער.

די בעלי־בתּים זענען געווען בײַ אונדז דזשאַש גרובער און זײַן שותּף אַנשל שאָר, אַ שרײַבער פון פּיעסעס און אויך דער מאַן פון דער סטאַר־שוישפּילערין דאָראַ ווײַסמאַן. אין דער טרופּע האָבן זיך אויך געפונען, צווישן אַנדערע, ציליִ אַדלער, איר דעמאָלטיקער מאַן דזשייקעלע קאָהן און אויך סעם גערשענזאָנג.

וועגן סעם גערשענזאָנג מוז איך זיך אָפּשטעלן, ווײַל עס וועט שפּעטער אין מײַן געשיכטע מיר נישט אויסקומען צו שרײַבן וועגן דעם. גערשנזאָנג האָט מיט יאָרן שפּעטער געהאַט אַן אמתן אַקטיאָרישן טויט. ער איז געפאַלן אַ טויטער אין מיטן אַ פאָרשטעלונג. דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם קליינעם בראָנקס־אַרט־טעאַטער. דער עולם אין טעאַטער האָט גאָרנישט געוווּסט און איז געזעסן און געוואַרט, אַז דער דריטער אַקט זאָל זיך אָנהייבן. האָט דער אויטאָר פון דער פּיעסע, לואיס פריימאַן, אַראָפּגענומען פון דעם טויטן גערשנזאָנג דעם פּאַרוק מיטן בערדל, האָט דאָס אָנגעטאָן אויף זיך און די פאָרשטעלונג איז אָנגעגאַנגען ווײַטער.

אַזוי האָט אַן אַקטיאָר פאַרענדיקט זײַן קאַריערע, צוזאַמען מיט זײַן לעבן, אויף דער בינע.

אין פילאַדעלפיע בין איך מיט גאָלדענבורגן געוואָרן זייער שטאַרק באַפרײַנדט. ער איז ווירקלעך געווען אַ פּערזענלעכקייט. אַ גרויסער אַקטיאָר. און איך האָב אים

שטאַרק באַוווּנדערט. ווײַנענדיק אַ טיר נעבן אַ טיר אין האָטעל, פּלעגן מיר זייער אָפּט אַרײַנגיין בײַ נאַכט, נאָך דער פֿאָרשטעלונג, אין לינטאָנס רעסטאָראַן, די צווייטע טיר פֿון האָטעל, און מיר פּלעגן ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצן און רעדן רוסיש צווישן זיך. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו רעדן מיט מיר אויף רוסיש. ער פֿלעגט פֿאַר מיר אויך פֿאַרלייענען פֿאַרשידענע פּיעסעס און איך מוז צוגעבן, אַז איך האָב פֿון אים זייער אַ סך געלערנט. בעת זײַנע פּראָבעס פּלעג איך זיצן אין אַ זײַט און זיך צוקוקן און צוהערן צו יעדער וואָרט ביז ער אַליין האָט געזאָגט צו די איבעריקע אַקטיאָרן: פֿאַר וואָס זיצט מען נישט אײַן בעת פּראָבע? אָט זיצט אַ יונגער־מאַן, בורשטיין, און שלינגט יעדער וואָרט. עס איז געווען דער אמת. בײַ גאָלדענבורגן האָב איך זיך אָנגעהויבן לערנען ווי אַזוי מען פֿירט אויף אַ פּיעסע.

איך פּלעג אָבער מיט אים האָבן אַן אַנדערע צרה. ער איז געווען זייער אַ קאַרגער. תּמיד, ווען מיר פֿלעגן גיין עסן צוזאַמען, סײַ פֿרישטיק און סײַ מיטאָג, פּלעג איך דאַרפֿן באַצאָלן פֿאַר אים. ער האָט קיין מאָל נישט אויסגעשטרעקט די האַנט צו נעמען דעם רעכענונג. האָב איך דאָך געמוזט אים איין מאָל אָפּטאָן אויף טערקיש...

אין אַ געוויסן טאָג גייען מיר בײדע אַרײַן אין דעם „קאָלאָניאַל־רעסטאָראַן" אַנטקעגן טעאַטער (דאָס איז געווען קאַפֿע „ראָיאַל" פֿון פֿילאַדעלפֿיע), מיר זעצן זיך אַוועק, עסן מיטאָג. איך בעט דעם קעלנער אונדז דערלאַנגען צוויי גרויסע שנאַפּסן. ער, גאָלדענבורג, באַשטעלט פֿאַר זיך אַ גרויסן סטעיק. נעם איך און באַשטעל פֿאַר זיך אויך דאָס זעלבע. נאָך די געשמאַקע סטעיקן באַשטעלן מיר צוויי גוטע קאָמפּאָטן. איך ווינק צו דעם קעלנער, אַז ער זאָל דערלאַנגען גאָלדענבורגן דעם רעכענונג. אַז ער האָט דערזען דעם רעכענונג האָט ער שיִער נישט געחלשט.

ער קוקט אויף מיר מיט אַ שמייכל און זאָגט: „ממזרוק, האָסט מיך אונטער־געפֿירט". צעלאַך איך זיך און ענטפֿער אים, אַז „איך בין דווקא נישט אַזאַ גרויסער טרינקער און נישט אַזאַ גרויסער עסער, נאָר ווייסנדיק אַז דו וועסט באַצאָלן האָב איך זיך געלאָזט ווױלגיין".

יענעם גאַנצן סעזאָן האָבן מיר געשפּילט זעקס און נײַנציק פּיעסעס (96). דאָס זענען געווען ספּעציעלע פֿאָרשטעלונגען פֿאַר די בענעפֿיטן, פֿאַר די אָרגאַ־ניזאַציעס וועלכע האָבן געקויפֿט פֿאָרשטעלונגען נאָך איידער דער סעזאָן האָט זיך אָנגעפֿאַנגען. אַ גאַנצן זומער האָט מען פֿאַרקויפֿט בענעפֿיטן און פֿון דעם געלט האָט מען אויסגעהאַלטן דעם טעאַטער.

דער טעאַטער האָט געהאַט אַ רשימה פֿון די פֿאַרשידענע פּיעסעס און פֿון דער רשימה האָט דער קאָמיטעט פֿון יעדער אָרגאַניזאַציע אויסגעקליבן די פּיעסע וואָס זיי איז געפֿעלן, אַזוי, אַז מען האָט דורכן סעזאָן געמוזט שפּילן 96 פּיעסעס. יעדן טאָג אַן אַנדערע פּיעסע. בײַ נאַכט, נאָך דער פֿאָרשטעלונג, פֿלעגט מען צוטיילן די ראָלעס און אויף מאָרגן אין דער פֿרי, צען אַ זייגער, האָט מען שוין געגרייט אַ נײַע פּיעסע, אַזוי אַז דער סופֿליאָר, וועלכער איז געזעסן אין סופֿליאָר־

קאַסטן, איז געוואָרן דער רעזשיסאָר. וואָס ער האָט געזאָגט, האָט מען געמוזט נאָכזאָגן. אַ מזל וואָס מען האָט אין יענע יאָרן געשפּילט מיט אַ סופליאָר־קאַסטן. ווען נישט — וואָלט מען דאָס קיין מאָל נישט געקענט דורכפירן.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין נאָוועמבער 1976, ווען מײַן פרוי ליליאַן און איך האָבן באַזוכט די שטאָט ווין מיט קאָנצערטן, זענען מיר געוואָרן פאַרבעטן אין דער ווינער פאָלקס־אָפּערע. שטעלט אײַך פאָר מײַן גדולה, ווען איך האָב דערזען בײַ זיי אויף דער בינע מײַן אַלטן פרײַנד, דעם סופליאָר־קאַסטן. מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען די סיבה. די פאָלקס־אָפּערע שפּילט יעדן אָוונט אַן אַנדער אָפּערעטע. מיר האָבן געהערט „מאַדאַם פּאָמפּאַדור". אַ נאַכט פריִער איז גע־גאַנגען „די גרעפין מאַריצאַ". ווי אַזוי זשע קענען אַקטיאָרן דאָס אַלץ געדענקען אָן אַ סופליאָר? האָב איך זיך אין ווין דערמאָנט אין מײַן סעזאָן אין פילאַדעלפיע מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק.

איך בין אָבער נישט געבליבן אײַנזאַם אין יענעם סעזאָן. איך האָב געפונען אַ פרײַנד אין „אָרטש־סטריט־טעאַטער". זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ בײַ אונדז אין אָרקעסטער. געהייסן האָט זי עווא און פּונקט ווי איך האָט זי ערשט געהאַט זיך צעגאַנגען מיט איר מאַן (אויך אַ מוזיקער). צוזאַמען האָבן מיר געפונען אַ געמיינזאַמע סימפּאַטיע און זיך איינער דעם צווייטן געטרייסט. עס איז דאָך פאַראַן אַ ווערטל „אַ האַרץ פילט אַ האַרץ". האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן אַ ראָמאַן. דאָס האָט אַ ביסל געהאָלפן אײַנשטילן מײַן בענקשאַפט. חוץ דעם איז עווא אויך געווען זייער אַן אײדעלער און אינטעליגענטער מענטש.

געענדיקט דעם סעזאָן אין פילאַדעלפיע, האָב איך תּיכּף זיך אַנגאַזשירט צום קומענדיקן סעזאָן אין דער שטאָט דעטראָיִט. איך האָב שוין געזאָרגט, אַז עווא זאָל ווערן אַנגאַזשירט אַלס פּיאַניסטין אין אָרקעסטער, כּדי מיר זאָלן זיך נישט דאַרפן שיידן.

איך בין אָבער אַרײַנגעפאָרן קיין ניו־יאָרק אויף זומער, כּדי זיך זען מיט מײַן קינד און מיט מײַנע ברידער. צווישן מיר מיט עדנאַן האָט זיך גאָרנישט געענדערט. זי איז פאַרבליבן איר מאַמעס קינד.

מײַן עלטסטער ברודער, דזשעק, האָט דורך דער צײַט חתונה געהאַט און איז שוין געווען אַ טאַטע פון אַ יִינגעלע, שעלדאַן. נאָך דעם ווייטיק, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג אַרומגעטראָגן צוליב זײַן אומגעקומענער פרוי און קינדער, האָט ער אַצינד געהאַט אַ טרייסט.

אָנגעשוויצט זיך אַ ביסל אין דעם הייסן ניו־יאָרק, האָט מען מיך פאַרבעטן אויפצוטרעטן אין סעקאָנד עווענױ־טעאַטער, אויף דער פאָרשטעלונג פון די זומער־פאַליז. דאָס איז געווען וואָלאַדעקס אַ פּראָיעקט פון „פאָרווערטס", כּדי צו שיקן אָרעמע קינדערלעך אין זומער־קעמפּס. און געווען איז דאָס אַ פאָרשטעלונג פון בלויז סטאַרן.

חוץ דעם קאָנצערט האָט מען אויך געשטעלט אַן אַקט פון „גאָט, מענטש און טײַוול". סעמועל גאָלדענבורג אַלס דער טײַוול אוריאל מזיק, מאָריס שוואַרץ אַלס הערשעלע דובראָוונער און לודוויג זאַץ — אַלס לייזער בדחן.

איך דערמאָן זיך נאָך אַ זומער־פּאַליז־פאָרשטעלונג, ווו מען האָט געשטעלט „שולמית". אויך אַ קאָמבינאַציע־פאָרשטעלונג. עס האָבן געשפּילט דרײַ פאַרשידענע שולמיתן, דרײַ אַבשלומס און דרײַ צינגעטאַנגען. אין יעדן אַקט — אַן אַנדערער. איך האָב געשפּילט איינעם פון די צינגעטאַנגען מיט אַ שוואַרץ געזיכט ווי בײַ אַ נעגער.

אויף די הענט האָב איך געטראָגן ווײַסע הענטשקעס. בײַם אויפטרעטן צוזאַמען מיט מײַן אבשלום — גראָסמאַן — האָט דאָס פּובליקום גענומען שרײַען: „פײַפן". האָב איך זיי געוויזן אַז איך טראָג הענטשקעס. איז אָבער געשטאַנען אין אָרקעסטער דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי און האָט צו מיר אַרויפּ־געשריגן: „טו אויס די הענטשקעס און פײַף". האָב איך אַזוי טאַקע געטאָן. נאָך דעם בין איך אַרײַנגעשפּרונגען אין ברונעם און אַ צווייטער צינגעטאַנג, געשפּילט פון סעם קעסטין, איז אַרויף אויף מײַן פּלאַץ. אַזעלכע קונצן פלעגן מיר פּראָווען בײַ די פּאַליז.

בײַ דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען די גרויסע קאָמבינאַציע־פאָרשטע־לונג פון „מירעלע אפרת". גאַנצע פיר מירעלעך האָבן געשפּילט: בערטאַ גערסטין (אַ קראַסאָוויצע פון אַ פּרוי), בינאַ אַבראַמאָוויטש (די מאַמע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע), די דריטע — דזשעני גאָלדשטיין, און די פערטע — דאָראַ ווײַסמאַן. דאָס זענען געווען פיר ערשטע דאַמעס פון דעם יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק.

איך האָב געשפּילט איינעם פון פיר דאַניאַס. אַליין זיך אָנגעבאָטן, ווײַל אין קאָוונע האָב איך די ראָלע געשפּילט מיט אסתר־רחל קאַמינסקי, אין יאָר 1921.

אָט די פאָרשטעלונגען פלעגן צוגעבן פעפער און אינטערעס דעם יידישן טעאַטער און דאַן, לאָמיר זיך נישט נאַרן, דאַן איז טאַקע געווען פאַר וועמען צו שפּילן. דער יידישער טעאַטער האָט דעמאָלט געבליט.

12. מיט „אַ חתונה אין שטעטל" קיין דעטראָיט

כ'בין אָנגעקומען קיין דעטראָיט, ווו עס האָט דאַן עקסיסטירט דער ליפּמאַן־טעאַטער. געשטעלט האָט מען דאָרט „אַ חתונה אין שטעטל" פון וויליאַם סעגאַל, מוזיק פון הערמאַן וואָהל. אָט די פּיעסע איז געוואָרן מײַן וועלט־באַרימטער שלאָגער און איך האָב זי טאַקע געשפּילט איבער דער גאַנצער וועלט ביז וואַנען

מײַן אײגענער זון, מײַק, האָט אין ישׂראל איבערגענומען מײַן ראָלע אַלס „יאָסעלע דעם רבינס".

די טרופּע איז דאָרט, אין דעטראָיִט, באַשטאַנען פֿון מישאַ פּישזאָן (דער רבי), בעטי פֿראַנק (די אָריגינעלע פֿײגעלע), דזשאַנעט פּאַסקעוויטש, ראובן װענדאָרף, ראָזאַ װאָלערשטײן, איר מאַן, דער סופּליאָר אָסקאַר אָסטראָװ (װעלכער האָט שפּעטער איבערגענומען דעם „דאַגלאַס־פּאַרק־טעאַטער" אין שיקאַגאָ און לעבט נאָך הײַנט אין לאָס־אַנדזשעלעס) און אחרון אחרון, אַ גאָר פֿײַנער שױשפּילער פֿון מאָריס שװאַרצס קונסט־טעאַטער, אַנאַטאָל װינאָגראַדאָװ (װעלכער האָט געשפּילט יאָסעלעס ברודער שמעון).

דער מוזיק־לײטער איז געװען בעטיס מאַן, בעני בלאַנק (דער זון פֿון גרױסן שױשפּילער לעאָן בלאַנק) און מײַן חברטע עװאַ האָט, נאַטירלעך, געשפּילט אין אָרקעסטער.

װעמען עס איז באַקאַנט די פּיעסע „אַ חתונה אין שטעטל" װײסט, אַז שמעון איז אַ רשע. ער װיל צונעמען בײַ יאָסעלען אי די כּלה, אי דעם כּסא־הרבנות. אין דער נאַכט פֿון דער פּרעמיערע זע איך װי װינאָגראַדאָװ דרײט זיך אַרום אַ בײזער. סטײַטש, דער פּאַרוק־מאַכער האָט פֿאַרגעסן אים צושיקן קרעפּע־האָר כּדי צו קלעפּן זיך אַ פּאָר װאָנצעס. װי אַזױ קען ער שפּילן אַן אינטריגאַנט אָן װאָנצעס?

— װאָס איז דאָס פֿאַר אַ טעאַטער? — האָט ער געליאַרעמט.

שאַ, האָב איך אים געטרײסט. װאָס מאַכסטו אַזאַ טומל? שמירט מען זיך צו אַ פּאָר װאָנצעס מיט אַ שװאַרצן בלײַפֿעדער און שױן. „נישט בײַ מיר", װערט ער אַזש רױט פֿאַר כּעס. „דאָס איז גוט פֿאַר שונד־טעאַטער. איך בין אַן אַקטיאָר פֿון קונסט־טעאַטער".

הכּלל, מען גיט שױן דעם ערשטן סיגנאַל צום אָנפֿאַנגען. דער בינע־לײטער, יצחק אַרקאַ, רופֿט: מר' װינאָגראַדאָװ, מען דאַרף שױן אָנהײבן. און יענער ענטפֿערט אים: „איך שפּיל הײַנט נישט".

װער איך שױן אין כּעס און זאָג צו ראובן װענדאָרף, װעלכער האָט זיך אָנגעטאָן צוזאַמען מיט מיר: דערלאַנג מיר אַהער דײַן שערל. און איך שער אױס פֿון זיך אַ בינטל האָר פֿון זײער אַ פּריװאַט אָרט פֿון מײַן קערפּער, און פֿאַרדרײ דערפֿון אַ פּאָר שײנע װאָנצעס. דאַן רוף איך אים אַרײַן און דערלאַנג אים די װאָנצעס.

„נאַ, משוגענער, װאָס שרײַסטו — שונד־טעאַטער? װער איז דאָ שונד־טעאַטער? אָט האָסטו. איך האָב געפֿונען אַ שטיקל קרעפּע־האָר צװישן מײַנע זאַכן. נאַ דיר װאָנצעס און גײ שפּילן. עס האָט דאָך שױן געקלונגען דער צװײטער קלונג".

אַנאַטאָל װינאָגראַדאָװ באַטראַכט מײַנע װאָנצעס און זאָגט מיר:

— אָ! דאָס איז גוטע קרעפּע־האָר. אַצינד וועל איך אויסזען ווי אַ מענטש. — ער באַרגט פון וווּנדאָרפן אַ ביסל לאַק און קלעפּט זיך צו די וואָנצעס און וווּנדאָרף שטיקט זיך פון געלעכטער.

ענדלעך אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג. פאַרשטייט זיך, אַז מײַן שפּיצל האָט זיך באַלד צעשפּרייט צווישן די אַקטיאָרן און אַלע לאַכן. מישאַ פּישזאָן (דער רבי) און בעטי פּראַנק (פייגעלע), האָבן זיך געקניפּט זיי זאָלן נישט לאַכן און איך אַליין, ווען ער דיקטירט מיר אַ בריוו (אין גאַנג פון שפּילן) האָב אים געקוקט גלײַך אויף די וואָנצעס און זיך אָפּגעביסן אַ שטיק ליפּ. איך האָב דען געקענט שפּילן?...

ווינאָגראַדאָוו האָט קיין מאָל נישט אויסגעפונען דעם שורש פון די „מיסטע־ריעזע וואָנצעס". און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? טאַקע נאָר לצים קענען אָפּטאָן אַזעלכע שפּיצלעך.

„אַ חתונה אין שטעטל" האָט דאָן אַזוי אויסגענומען און דער דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז ערב פּסח האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָן פון ראובן גוסקין, אַז איך מוז מיט פּישזאָנען און בעטין אַרײַנקומען קיין ברוקלין אין האָפּקינסאָנס טעאַטער מיט דער פּיעסע, ווײַל די געשעפטן גייען דאָרט זייער שלעכט און מיר מוזן ראַטעווען די סיטואַציע.

דער סוף איז געווען, אַז מיר זענען געפאָרן קיין ניו־יאָרק. אָבער ווי אַזוי? מיר האָט זיך פאַרגלוסט צו מאַכן אַ שפּאַציר מיט אַן אויטאָמאָביל. האָב איך פאָרגעלייגט מײַנע קאָלעגעס אַ פּלאַן — מיר זענען געווען פינף מענטשן — בעטי און בעני בלאַנק, מישאַ פּישזאָן, מײַן פּיאַניסטין עוואַ און איך. האָבן מיר געקויפט אַ מאַשין, אַ „ביוּיק", נאַטירלעך נישט קיין נײַע און באַצאָלט פאַר איר 250 דאָלאַר (צוויי הונדערט און פופציק דאָלאַר). דאָס הייסט צו 50 דאָלאַר אַ מענטש, אַחוץ בענזין ביז ניו־יאָרק.

איך האָב געפירט די מאַשין און מיר האָבן ווונדערלעך פאַרבראַכט אויפן וועג. די רײַזע האָט געדויערט צוויי טעג.

אין ניו־יאָרק — האָבן מיר נאָך גענוצט די מאַשין כּדי צו פאָרן קיין ברוקלין אין טעאַטער יעדן טאָג. צום סוף האָב איך זי פאַרקויפט פאַר 400 דאָלאַר און מיר האָבן זיך אַלע געטיילט מיטן פּראָפיט.

געדונגען האָב איך אַ מעבלירטע דירה אין ניו־יאָרק אויף דער 12טער גאַס נעבן סעקאָנד־עוועניו אין די ווירדזשיניאַ־אַפּאַרטאַמענטן, כּדי צו זײַן נאָענט צו מײַן זונעלע, וועלכער איז שוין געווען אַ גאַנצער מענטש פון דרײַ און אַ האַלב יאָר. וואָס פאַר אַ זיסער געפיל איז דאָס געווען פאַר מיר אים קענען מיטנעמען אין רעסטאָראַנען, גיין מיט אים שפּאַצירן, האָבן דאָס פאַרגעניגן אַליין אים קויפן קליידער, שיך, מאַנטעלעך אאַז״וו.

זייער אָפּט פלעגט מײַן חברטע עוואַ מיט אונדז מיטגיין און זי טאַקע האָט בײַגעוווינט מײַנע איבערלעבענישן, ווען מיר האָבן געמוזט, איך און מײַן קינד, נאָך אַ פריילעכן טאָג, זיך צעשיידן.

איך פלעג אים צופירן צו זײַן הויז און קלינגען אונטן אין גלאָק. פלעגט זײַן מאַמע אָדער זײַן באָבע עפענען אויבן זייער טיר און אַרונטערשרײַען: „אָלרײַט דיקי, קום אַרויף אין שטוב". האָט דאָס קינד גענומען וויינען: „דעדי, גיי נישט אַוועק". איך האָב אויך געוויינט און פון אויבן פלעגן די געשרייען ווערן שטאַרקער און שטרענגער: „זאָלסט די מינוט אַרויפקומען אין שטוב. דו הערסט?" צי קענט איר אײַך פאָרשטעלן די סצענע?

דער סוף איז אַלע מאָל געווען, אַז עמעצער פלעגט אַראָפּקומען און אים אַרויפטראָגן אין שטוב. ער האָט דערבײַ געשריִען אויף אַ קול: „איך וויל מײַן טאַטן" און איך פלעג בלײַבן שטיין אין אַ ווינקל און כליפּען ווי אַ קליין קינד.

עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז עוואַ און איך האָבן געטראַכט פון חתונה האָבן, אָבער בײַוווינענדיק די סצענעס האָט זי צו מיר געזאָגט: „גיי צוריק צו עדנאַן, פסחקע, דו האָסט צו שטאַרק ליב דײַן קינד. דו וועסט אָן אים נישט קענען לעבן און איך קאָן מיט אַזאַ ליבע נישט קאָנקורירן"... זי איז צוריקגעפאָרן אַהיים, קיין פילאַדעלפיע, און מער האָב איך זי, אין מײַן לעבן, נישט געזען.

טאַקע צוליב מײַן קינד בין איך פאַרבליבן צום נײַעם סעזאָן אין ניו־יאָרק. אַנשל שאָר האָט איבערגענומען דעם „ליבערטי"־טעאַטער פון וויליאַם ראָלאַנד (איינער פון אונדזערע בעסטע אימפּרעסאַריאָס, נישטאָ מער אַזעלכע) און האָט מיך געבעטן זיך אַנגאַזשירן צום סעזאָן. איך האָב זיך דערפרייט צו קענען זײַן אַ סעזאָן נעבן מײַן ייִנגעלע. הכּלל — איך האָב אַקצעפּטירט.

13. צוריק אין ניו־יאָרק

איך בין פאַרבליבן אין ניו־יאָרק מיט אַ פריילעך האַרץ, ווײַל אין אַפּריל צו ווערן אַנגאַזשירט אויפן סעזאָן אין סעפּטעמבער איז שוין געווען אַ כּבוד און געגעבן אַן אַקטיאָר פּרעסטיזש. ס'איז דאַן געווען די מאָדע צו עפענען דעם סעזאָן מוצאי יום־כּיפּור.

מיר האָבן געעפנט דעם סעזאָן מיט דער פּיעסע „מײַן ייִדיש מיידל" מיט שלום סעקונדאַס מוזיק. עס האָבן מיטגעשפּילט: האַנאַ טאַבאַק (אַ פּרימאַדאָנע) וויליאַם שוואַרץ (אַ ליבהאָבער מיט אַ פּרעכטיקער שטים), מנשה סקולניק (צום ערשטן מאָל אין ניו־יאָרק), עני לובין (די סוברעטין) מיט איר מאַן מאַקס באָדין, איוואַן בוזעט, קלאַראַ גאָלד, אַ כאַראַקטער־קאָמיקערין (אַ דיקע פּרוי), דער פײַנער

פּאַטער־ראַליסט דוד לעווענזאָן און, פאַרשטייט זיך, איך אויך. פון יענער פּיעסע שטאַמט דאָס ליד „מײַן ייִדישע מײדעלע״, וועלכע איז אַזוי פּאָפּולער געוואָרן.

מנשה סקולניק, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אויף דער ייִדישער בינע און דערנאָך אויך אויף בראָדוויי בײַ די אומות־העולם, האָט בײַ „מײַן ייִדישע מײדעלע״ געשפּילט זײַן ערשטע קאָמישע ראָלע אין ניו־יאָרק. ער איז געקומען פון פילאַדעלפיע, וווּ ער איז געווען אַ בינע־לייטער. אין דער פּיעסע האָט ער געשפּילט די ראָלע פון דעם טאַטן און געהייסן האָט ער איטשע קאַזאַראַק, אַ שנײַדער. די אַקציע איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד. איך האָב געשפּילט אַ רוסישן סטודענט אין אַ „רובאַשקע״ און עס איז פאָרגעקומען אַ סצענע ווי מיר פּראַווען אַ פּיקניק. דאָרט איז מיר אויסגעקומען צו זינגען אַ רוסיש ליד: „עך פּאָלנאַ, פּאָלנאַ, מאָיאַ קאָראָבושקאַ״ און נאָך דעם געטאַנצט און געפּײַפט. דערבײַ איז דער גאַנצער אַנסאַמבל געזעסן אויף דער בינע בײַם פּיקניק.

סקולניק אָבער האָט נישט געקענט אײַנזיצן. ער איז געזעסן נעבן דער „קאָמישער״ אַקטריסע און געפּראַווועט קאָמישע שטיקלעך, כּדי צו ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, אין דער צײַט ווען איך האָב געזונגען. (דאָס טוען כּמעט אַלע קאָמיקערס אין ייִדישן טעאַטער).

בין איך, נאַטירלעך, געווען זייער בייז אויף אים און געקלערט וואָס פאַר אַ טריק איך קען אים אָפּטאָן. איז מיר אײַנגעפאַלן אַ פּלאַן. סקולניק האָט פּונקט דאַן אָנגעהויבן מאַכן זײַן באַרימטן זשעסט מיטן קראַוואַט (אַ זשעסט, וועלכן אַ סך אַקטיאָרן קאָפּירן אים נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג).

ער פלעגט טראָגן אַ שלייף־קראַוואַט, וועלכער איז געווען צוגעטשעפּעט צום קראַגן פון העמד. חנדלט ער זיך אַזוי צו דער קאָמיקערין, גלעטנדיק זײַן קראַוואַט און פּלוצעם פאַלט דער קראַוואַט אַראָפּ אויף דער ערד.

אַזוי גיך ווי דער קראַוואַט איז געפאַלן אויף דער ערד האָב איך אים מיט מײַן פוס אַרײַנגעשאַרט אין סופליאָר־קאַסטן צו פידלמאַנען, אונדזער סופליאָר פון אַרגענטינע. איך האָב שוין מיט אים געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל דאָס צוכאַפּן און באַהאַלטן. הכּלל, ער איז פאַרבליבן אָן אַ קראַוואַט און עס איז שוין קאַליע געוואָרן זײַן גאַנצע קאָמישע סצענע.

וואָס זשע האָט ער געטאָן? צו מאָרגנס האָט ער צוגעגרייט אַ צווייטן קראַוואַט אין קעשענע. ווען איך האָב אַרײַנגעשאַרט זײַן קראַוואַט אין קעסטל אַרײַן, האָט ער אַרויסגענומען דעם צווייטן און מיר דערלאַנגט אַ גרויסן שמייכל און האָט אים לאַנגזאַם אָנגעטאָן מיט האַ! האַ! האַ!

ווי קען איך צולאָזן, אַז ער זאָל זײַן דער זיגער? צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי איך האָב זײַן קראַוואַט אַוועקגעשאַרט, האָב איך שוין שנעל אַרויסגענומען אַ נײַעם קראַוואַט פון מײַן קעשענע און אים דאָס דערלאַנגט און דערבײַ זיך פאַרנייגט פאַר אים.

אָט די קאָמישע שטיקלעך זענען אַזוי אָנגעגאַנגען בעת יעדער פֿאָרשטעלונג, ביז וואַנען דער דירעקטאָר, אַנשל שאָר, האָט באַפֿוילן מיר זאָלן אויפֿהערן פּראָווען די קונצן. אָבער דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿון מנשה סקולניקס „קראַוואַט־קאָמעדיע" און איז פֿאַרבליבן זײַן סיגנאַטור: „איר דערקענט מיך? דאָס בין איך, מנשה סקולניק!"

אויך פֿון דער צווייטער פּיעסע, וואָס איז בײַ אונדז געגאַנגען — „ווען ליבע רופֿט" — איז אין מײַן זכּרון פֿאַרבליבן אַן עפּיזאָד, וועלכן איך מוז דאָ דערציילן.

ס'איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן אַ סצענע, וואָס האָט געשילדערט אַ ציגײַנער־שטיבל. אַ מין „כאַטע" אין אַ וואַלד. האַנאַ טאַבאַק, אַ ציגײַנערין, און וויליאַם שוואַרץ, אַ ציגײַנער, זינגען אָפּ אַ ליבע־דועט און זי פֿאַרבלײַבט אין דער כאַטע. פּלוצעם ברעכט אויס אַ שטורעם. דער עפֿעקט פֿונעם שטורעם איז געווען זייער אַן עכטער און האָט געקאָסט זייער אַ סך געלט. צו ערשט האָט מען דערהערט דונערן, דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַן עלעקטרישער בליץ, וועלכער איז אַרײַן אין אַ גרויסן בוים נעבן דעם שטיבל.

דער בוים האָט זיך אײַנגעבראָכן אין דער העלפֿט און אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן דאַך. דאַן האָט דאָס שטיבל אָנגעהויבן ברענען.

דער עפֿעקט איז אייגנטלעך געווען אַזוי עכט, אַז דאָס פּובליקום איז געווען זיכער, אַז די גאַנצע בינע ברענט. אָפֿט מאָל פֿלעגן מענטשן אָנהייבן אַרויסלויפֿן פֿון טעאַטער און מען האָט זיי געמוזט פֿאַרזיכערן, אַז עס איז בלויז אַן עפֿעקט און נישט קיין עכטער פֿײַער.

הכּלל, די סצענע שטעלט פֿאָר, ווי אַלע לויפֿן אַרויסראַטעווען די ציגײַנערין פֿון דעם ברענענדיקן שטיבל. די בינע איז פֿול מיט מענטשן, וועלכע לויפֿן און שרײַען: אַ פֿײַער! עס ברענט! כּדי עס זאָל זײַן נאָך אַ מענטש אויף דער בינע האָט זיך אַנשל שאָר אָנגעטאָן אַ ציגײַנער־העמד און איז אויך אַרויף אויף דער בינע. געהאַט האָט ער שרעקלעכע פּלאַטפֿיס. ער פֿלעגט גיין ווי אַ קאַטשקע. איז ער געלאָפֿן אַהין און צוריק איבער דער סצענע און געשריִען מיט זײַן גאַליציאַנער לשון: „אַ שראַיפֿע", „אַ שראַיפֿע", עס ברענט — די אַקטיאָרן אויף דער בינע האָבן זיך געקאַטשעט פֿון געלעכטער.

די כאַראַקטער־אַקטריסע קלאַראַ גאָלד האָט נישט געקענט לייענען און נישט שרײַבן. וועט איר דאָך אַוודאי פֿרעגן: ווי אַזוי זשע האָט זי געקענט אויסלערנען אַ ראָלע? גאַנץ פּשוט: מען האָט שוין געוווּסט, אַז פֿאַר איר דאַרף מען קיין ראָלע נישט צוגרייטן. ווען מען האָט פֿאָרגעלייענט די פּיעסע, פֿלעגט זי זיך אַזוי גוט צוהערן צו איר ראָלע, אַז צו מאָרגנס, אויף דער פּראָבע, האָט זי שוין נאָכ־גערעדט די גאַנצע פּראָזע.

„דאָס תּורהלע״ איז געווען די דריטע פּיעסע, וואָס מיר האָבן געשטעלט, אויך פון לואיס פריימאַן. אין אַ געוויסער סצענע זינגט דער גאַנצער אַנסאַמבל: „מיר גייען אין שול, מיר גייען אין שול. דאָס גאַנצע שטעטל גייט אין שול״ אאַז״וו. דער הויפּטסטאַר פון דער פּיעסע איז געווען די בעל־הביתטע פון טעאַטער, שאָרס ווײַב דאָראַ ווײַסמאַן. פריימאַן האָט, נאַטירלעך, איר געוואָלט צופרידנ־שטעלן און האָט פאַר איר געשריבן לאַנגע דראַמאַטישע מאָנאָלאָגן און סצענעס, וועלכע האָבן געדויערט אַ האַלבע שעה. נו, וואָס זשע האָבן מיר, אַקטיאָרן, געמוזט לײַדן? זיצן און זיך נודיען צו האַלבע שעהען? האָבן מיר געזוכט אַ פאַרווײַלונג און מען האָט אָנגעהויבן שפּילן אין קאָרטן, אין פּאָקער. אָבער נישט גלאַט אַ פּאָקער. מען האָט געשפּילט אויף גרויסע געלטער, ספּעציעל שבת צו נאַכטס, ווען אַלע האָבן אָפּגענומען די גאַזשעס.

ווו האָט מען געשפּילט דעם פּאָקער? בײַ מיר אין מײַן גאַרדעראָב איז געשטאַנען אַ קאַסטן מיט קאָסטיומען, אַ טראַנק. האָט מען באַשלאָסן, אַז דאָס איז דאָס באַקוועמסטע אָרט, ווײַל מײַן גאַרדעראָב איז אויך געווען די נאָענטסטע צו דער בינע, די ערשטע בײַם אַרויפגיין אויף די טרעפּ.

אַזוי ווי דער פאָרהאַנג פלעגט פאַלן אויפן ערשטן אַקט מיט „מיר גייען אין שול״, האָט דער גאַנצער „פּאָקער־קלוב״ גענומען לויפן פאַרכאַפּן פּלעצער אַרום דעם טראַנק, זינגענדיק, „מיר גייען צום טראַנק, מיר גייען צום טראַנק, מיר גייען, מיר גייען, מיר גייען צום טראַנק״. הכּלל, די חברה לצים האָבן געקנאַקט דעם פּאָקער, אַז עס איז געגאַנגען אַ רויך. ביז מען פלעגט שוין פאַרגעסן ווו מען האַלט אין דער וועלט. פרעגט נישט! דאָס איז געווען די אמתע באַנדע. סקולניק, לעווענזאָן, בוזעט, באַדין, איך. ביז איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז די דראַמאַטישע סצענע האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט, סקולניק דאַרף אַרויפגיין אויף דער בינע און נישטאָ קיין סקולניק. דער בינע־לייטער, די בינע־אַרבעטערס — אַלע רופן שטילערהייט: סקולניק פּסטט, ווו איז סקולניק? אַזוי ווי אין וואַסער אַרײַן.

מיר שפּילן און ווייסן פון גאָרנישט. ביז וואַנען אַנשל שאָר (נעבעך) איז אַרויפגעקראָכן מיט זײַנע פּלאַטפיס אויף די טרעפּ, זיך אָנגעשפּאַרט אין מײַן טיר און געזאָגט צו אונדז מיט אַ קאַלטן טאָן:

— צי דענקט איר נישט, אַז איינער פון אײַך דאַרף זײַן אויף דער בינע?

נעמט סקולניק לויפן ווי אַ משוגענער: „אוי! ווי איז מיר! איך דאַרף דאָך זײַן אויף דער בינע!״ ענטפערט אים שאָר קאַלטערהייט: „לויף נישט, האָסט שוין סײַ ווי פאַרשפּעטיקט״. נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט ער באַפוילן די אַרבעטערס אַרויסצונעמען מײַן טראַנק פון צימער און אונדזער קאָרטנקלוב איז זיך צעפאַלן.

דאָראַ ווײַסמאַן איז געווען, פּונקט ווי אַלע מעלאָדראַמאַטישע שוישפּילערינס, זייער אַ נערוועזע און אַ קאַפּריזנע און איין אָוונט האָבן מיר דערהערט פון איר שרעקלעכע גוואַלדן און קוויטשערײַען. וואָס איז געשען? אין מיטן דער פאָר־שטעלונג האָט אָנגעהויבן רעגענען. דער רעגן איז געוואָרן אַזוי שטאַרק און האָט

געקלאַפּט אויפן דאַך פון טעאַטער מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו הערן וואָס די שוישפּילערס רעדן. פונקט איז דאָרט געשטאַנען מיט אַ וויכטיקן דראַמאַטישן מאָנאָלאָג. פּלוצעם לויפט זי אַראָפּ פון דער בינע און צעשרייַט זיך היסטעריש אויף איר מאַן: „אַנשל, שטעל אָפּ דעם רעגן!״

ווי איר זעט, איז געווען לעבעדיק ביי אונדז אין „ליבערטי״־טעאַטער. נאָר לעבעדיקער איז ערשט געוואָרן, ווען אַנשל שאָר האָט געמאָלדן, אַז ער וויל קירצן אונדזער געהאַלט צוליב דעם, וואָס די געשעפטן גייען שוואַכלעך ערב פּסח.

דער סוף איז געווען — אַן אַלגעמיינער שטרייַק.

הכּלל, שאָר האָט קיין ברירה נישט געהאַט, ווייַל ער האָט געהאַט אַנגאַזשירט סעמועל גאָלדענבורגן אויף פּסח און ער האָט אונדז געמוזט האָבן, האָט ער אונדז נאָכגעגעבן.

14. איך פאָר קיין קאַליפאָרניע

געענדיקט דעם סעזאָן אין „ליבערטי״־טעאַטער, לייגט מיר פאָר שלום סעקונדאַ, אַז איך זאָל מיטפאָרן אויף אַ לוסטרייַזע מיט אים קיין לאָס־אַנדזשעלעס איבער די זומער־חדשים. איך האָב זיך גלייַך אָנגעכאַפּט אין דעם, ווייַל אַנגאַזשירט בין איך שוין געווען צום סעזאָן ביי מאַלי פּיקאָן ווי איר פּאַרטנער אין סעקאָנד עוועניו־טעאַטער.

צו אונדזביידן, צו מיר מיט סעקונדאַן, האָט זיך צוגעטשעפּעט אַ דריטער „פּאַסאַזשיר״, אייב סינקאָף, אַ קאָמיקער אין טעאַטער און אויך צופעליק אַ זייער קאָמישער פּאַרשוין אין לעבן, „אַ טיפּ״, ווי מען זאָגט ביי אונדז.

סעקונדאַ האָט געהאָפט זיך קענען שאַפן פאַרבינדונגען אין דער פילם־אינ־דוסטריע און איך, נאַטירלעך, האָב אויך געקלערט דאָס אייגענע. שלום האָט זיך געזעגנט מיט זייַן פרוי בעטי (אַ טענצערין און זינגערין אין יידישן טעאַטער), איך — מיט מייַן ייִנגעלע, און הײדאַ, מיר פאָרן קיין לאָס־אַנדזשעלעס.

געפאָרן זענען מיר מיט דער באַן פינף טעג. איך דערמאָן זיך אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד. מיר זענען געבליבן שטעקן ביי דער מעקסיקאַנישער גרענעץ אין אַ שטעטל, וועלכעס הייסט כוארעז. די באַן שטייט אַ שעה צייַט. זאָג איך: קום, שלום, לאָמיר כאַפּן אַ שפּאַציר און זען צי עס געפינען זיך דאָ אַ פּאָר ייִדן.

נישט ווייַט פון דער באַנסטאַנציע האָבן מיר דערזען אַ געשעפטל מיט אַ שויפענצטער אָנגעפילט מיט רעליגיעזע אַרטיקלען. צלמים, בילדער פון יעזוס קריסטוס אאַז״וו. אויך אין דרויסן הענגען פאַרשידענע צלמים, גרויסע און קליינע. ביי דער טיר זיצט אַ מאַן, וועלכער רופט זיך אָן צו אונדז אויף שפּאַניש. נאָר איך

דערקען אין זײַן שפּאַנישן לשון עפּעס אַ באַקאַנטן אַקצענט. איך דערזע אויך, אַז זײַן נאָז איז עפּעס נישט קיין מעקסיקאַנער נאָז. בין איך געוואָרן נײַגעריק: „איר זענט אַ ייִד?" — פרעג איך אים. צעשטראַלט זיך זײַן געזיכט. דער מענטש דערפרייט זיך און ענטפערט: „אַוודאי בין איך אַ ייִד. פון וואַנען האָט איר געוווּסט?" „מיר האָבן דאָס דערשמעקט" — האָבן מיר אים געענטפערט. הכּלל, וואָס טוט דאָ אַ ייִד אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל? האָט ער אונדז דערציילט אַזאַ מין געשיכטע:

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער פאַרבלאָנדזשעט קיין כּוראַעז אויפן וועג קיין לאָס־אַנדזשעלעס און אַ גלח פון דער קירכע האָט אים געשטיצט. ער האָט זיך מיטן גלח שטאַרק באַפרײַנדעט. איז דער ייִד געפאַלן אויף אַ פּלאַן. ער האָט געזאָגט צום גלח: „הער מיך אויס, פּאַטערל, אויב איך וועל באַשליסן דאָ צו פאַרבלײַבן און עפענען אַ געשעפטל פון רעליגיעזע אַרטיקלען, צלמים אאַ"וו, קענסטו זײַן צו מיר אַ שטיקל שותּף. דו וועסט שיקן אַלע דײַנע קריסטן פון דער קירכע קויפן זייערע צלמים בײַ מיר. דו זאָלסט זיי אײַנרעדן, אַז עס איז מזלדיק צו קויפן רעליגיעזע אַרטיקלען בײַ אַ ייִדן. און אַזוי איז געווען. ער איז פאַרבליבן דאָרטן דער איינציקער ייִד אין דער גאַנצער סביבה. דער גלח באַקומט פון אים אַ פּראָצענט פון דעם אײַנקונפט און דאָס ייִדל מאַכט אַ וווּנדערלעכן לעבן.

צוליב דער באַגעגעניש מיט דעם „צלמים־ייִד" האָבן מיר שיִער נישט פאַר־שפּעטיקט אונדזער באַן.

אָנגעקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס, האָבן מיר געדונגען אַן אַפּאַרטאַמענט אין דער געגנט „סאַנטאַ מאָניקאַ" מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, מיט אַ קיך, טעלערס, טעפּ, אאַ"וו. צו דעם האָבן מיר נאָך באַקומען אָראַנזשן־זאַפּט פרײַ, ווײַל די פּאָמעראַנצן פלעגן וואַקסן בײַ אונדזער בעל־הביתע אין גאָרטן.

כאַפּנדיק איינס פאַרן אַנדערן מוז איך אײַך דערציילן, אַז איידער איך בין אַוועקגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע מיט סעקונדאַן, האָב איך באַוויזן צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער. ס׳הייסט, אין דער צײַט פון מײַן שפּילן אין „ליבערטי"־טעאַטער איז פּונקט געוואָרן 5 יאָר ווי איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע. לויטן געזעץ מוז מען מיטנעמען מיט זיך 2 עדות, וועלכע קענען דעם אַפּליקאַנט כאָטש 5 יאָר. האָב איך פאַרבעטן 2 חברים שוישפּילערס פון דער טרופּע, מאַקס באַדין און מאַקס בולמאַן.

איך בין זיך מיט מײַנע צוויי מאַקסעס אַרײַן צום ריכטער אַ פריילעכער מיט אַ לײַכט האַרץ. בײַ מיר איז נישט געווען קיין שום צווייפל, אַז איך וועל בשלום אַדורך דעם עקזאַמען. אַנדערע זענען געשטאַנען בלאַס און נערוועז, אָבער נישט פּסחקע. איך האָב זיך נאָך געוויצלט און געחכמעט מיטן ריכטער. — און דאָס איז אים, אַ פּנים, דווקא געפעלן געוואָרן.

„ווילסטו, הייסט עס, ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער?" — האָט ער מיך געפרעגט. „עס יור האָנער", איז געווען מײַן ענטפער. „מער ווי אַלץ אין דער וועלט. איך האָב זיך שוין גענוג אַנגעליטן און דאָ, אין אַמעריקע, האָב איך געפונען מײַן היים. חוץ דעם איז איצט פּונקט 5 יאָר ווי איך בין געקומען אַהער". איך האָב דערקענט אויף זײַן פּנים, אַז מײַנע ווערטער זענען אים געפעלן געוואָרן. „זייער פײַן. לאָמיר זען, וואָס דו קענסט", האָט ער געשמייכלט. ער האָט מיר גענומען שטעלן די נייטיקע פראַגעס, אויף וועלכע איך האָב תּיכּף געענטפערט און איך בין אַדורך דעם עקזאַמען ווי אַ העלד. דער ריכטער האָט מיר דערלאַנגט זײַן האַנט און געזאָגט: „איך גראַטוליר דיך. דו ווערסט אַ בירגער פון אַמעריקע".

אַ גליקלעכער האָב איך זיך צעקושט מיט מײַנע 2 עדות און איך האָב באַקומען מוט צו בעטן דעם ריכטער אַ טובה. „אפשר איז מעגלעך, יור האָנאָר, אַז איך זאָל שוין באַקומען מײַנע פּאַפּירן אויף דער האַנט? ווײַל איך בין אַ שוישפּילער און דאַרף פּונקט איבער מאָרגן אויפטרעטן אין קאַנאַדע. עס וואָלט פּאַר מיר געווען אַ שטאָלץ צו קאָנען בײַ דער גרענעץ ווײַזן מײַנע אַמעריקאַנער פּאַפּירן, פּליעז, יור האָנאָר, עס גייט מיר פּשוט אין לעבן".

דער ריכטער האָט מיך אָנגעקוקט מיט באַוווּנדערונג. „דו ביסט אַן אַקטיאָר? דו ביסט אַ גוטער אַקטיאָר?" מײַנע 2 עדות, די צוויי מאַקסן פאַרזיכערן אים, אַז איך בין אַזוינס און אַזעלכעס און איך אַליין צעטאַנץ זיך און באַווײַז אַ פּאָר „סטעפּס" — דער ריכטער צעלאַכט זיך און אַפּלאָדירט מיר „בראַוואָ".

צו מײַן מזל האָב איך געהאַט אָנגעטראָפן אויף זייער אַ גוטהאַרציקן מענטשן און ער זאָגט מיר: „דאָס געזעץ פאָדערט אַפילו אַז די פּאַפּירן מוזן געשיקט ווערן צו דיר אין 90 טעג אַרום, אָבער אַזוי ווי דו דאַרפסט אַרויספאָרן איבער מאָרגן און אַזוי ווי דו האָסט מיר געגעבן אַ גוטע פאָרשטעלונג דאָ, וועל איך דיר טאָן אַ טובה. גיי אַרײַן אין צווייטן צימער צו דער סעקרעטאַרקע, און זאָג איר, אַז איך האָב געהייסן אויספאַרטיקן דײַנע פּאַפּירן. איך אַליין וועל זיי אונטערשרײַבן. און פאַרגעס נישט, באַצאָל מיר איין דאָלאַר".

איך האָב באַקומען מײַנע בירגער-פּאַפּירן און געלאָפן אין „ראַיאַל" מיט שטאָלץ באַווײַזן מײַן אוצר.

אין דעם זעלבן יאָר איז געשען נאָך אַ „וויכטיקע" פּאַסירונג אין מײַן לעבן. אין יאָר 1929 איז גאַנץ אַמעריקע געטראָפן געוואָרן פון דעם לעגענדאַרן „וואָל-סטריט-קראַך" און איך, דער נײַער בירגער, בין אויך געפאַלן אַ שטיקל קרבן. פּונקט ווי אַלע, האָב איך זיך אויך אויסגעלערנט גריבלען אין דער בערזע (אין סטאָקס)

אַ געוויסער סטאָק-בראָקער (אַן אַגענט) האָט זיך אַרומגעדרייט בײַם טעאַטער און פיל שוישפּילערס זענען געוואָרן זײַנע קליענטן, קויפן סטאָקס איז דאַן אַרײַן אין דער מאָדע, כאָטש איך האָב צו פיל נישט פאַרשטאַנען אין דעם גאַנצן „וואָל-סטריט", נאָר וואָס ער האָט רעקאָמענדירט האָב איך געקויפט.

ווען איך האָב דערהערט, אַז מײַנע אַקציעס האָבן גענומען פֿאַלן, האָב איך אים טעלעפֿאָנירט: „פֿאַרקויף!" האָט מיר מײַן בראָקער פֿאַרזיכערט, אַז דאָס וואָלט זייער נאַריש געווען, ווײַל זיי מוזן זיך צוריק אויפֿהייבן, און איך האָב אים געפֿאָלגט. נאָך אַלעמען, איז ער דאָך געווען דער ספּעציאַליסט.

דער סוף איז געווען, אַז אַלץ איז געפֿאַלן מיט אַ קראַך, וואָס האָט זיך געהערט פֿון איין עק לאַנד ביז צום צווייטן. איך האָב טאַקע נישט פֿאַרלוירן ווי אַנדערע — מיליאָנען, אָבער פֿאַר מיר איז דאָס דאָן געווען אַ גרויסע סומע — צען טויזנט דאָלאַר אין יענע צײַטן איז געווען אַ סך געלט.

מיליאָנען דאָלאַרן זענען דאַן פֿאַרלוירן געגאַנגען איבער נאַכט און נישט איינער האָט זיך פֿאַקטיש דאָס לעבן גענומען.

פֿאַר מיר, דעם נײַעם אַמעריקאַנער בירגער, איז דאָס געווען אַ לעקציע: „קבצן, ווו קריכסטו?"

מער אין מײַן לעבן האָב איך קיין וואָל־סטריט־אַקציעס נישט געקויפֿט.

15. בײַ פּאָול מוני צו גאַסט

ווען פּאָול מוני האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר — סעקונדאַ, סינקאָף און איך, געפֿינען זיך אין האָליוווּד, האָט ער אונדז פֿאַרבעטן צו זיך אין זײַן וווּנדערלעכער היים אויף אַן אָוונטברויט. איך האָב נאָך ביז דאַן אַזאַ היים נישט געזען. אַזאַ רײַכקייט און עלעגאַנץ. מיט אַ שווימבאַסיין, מיט אַזוי פֿיל דינערשאַפֿט. אָט דאָס אַלץ איז געווען סימבאָליש פֿאַר האָליוווּד אין יענע יאָרן.

מוניס פֿרוי, בעלאַ, האָט אונדז וווּנדערלעך אויפֿגענומען. זי איז געווען די שוועסטער פֿון לוסי פֿינקעל (זי אַליין, אייגנטלעך, איז אויך אַ מאָל געווען אַ יידישע אַקטריסע און אירע עלטערן, די פֿינקעלס, האָבן אויך געהאַט געשפּילט טעאַטער. אַ גאַנצע דינאַסטיע פֿון יידישע שוישפּילערס).

בײַם טיש האָט מען נאַטירלעך גענומען שמועסן פֿון טעאַטער און מוני האָט מיר דערמאָנט יענעם טאָג, ווען ער האָט מיך געטרייסט צוליב מײַן דורכפֿאַל בײַ די פּראָבעס אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן. מיר האָבן זיך אויך דערמאָנט ווי זײַן ערשטער פֿילם איז אַרויס אין ניו־יאָרק. „די זיבן פּנימער" האָט מען אים גערופֿן.

איצט, אין זײַן האָליווּדער פּאַלאַץ, האָט ער זיך באַוויזן פֿאַר אונדז מיט אַלע זײַנע שפּילצײַג און מיטן אַפּאַראַט פֿון וועלכן ער קאָן הערן זײַן אייגענע שטים. (הײַנט איז אַ טייפּ־רעקאָרדער נישט קיין נײַעס), דאַן, אין יאָר 1931, האָבן מיר אַזאַ אַפּאַראַט נאָך נישט געזען.

דעם אָוונט האָבן מיר זיך משוגע געמאַכט. אַלע האָבן אַרײַנגערעדט אין דער מאַשין. סעקונדאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ דער פּיאַנאָ און מיר האָבן אַרײַנגעזונגען ייִדישע לידער, זיך דערציילט פֿאַרשידענע צווידײַטיקע מעשׂיות און געלאַכט. אַלץ אינעם אַפּאַראַט אַרײַן און דערנאָך זיך צוגעהערט ווי אַזוי דאָס קלינגט. מיר האָבן ווירקלעך פֿאַרבראַכט אַ פּראַכטפֿולן אָוונט און זיך אַמוזירט ביז פֿאַר טאָג. איך וועל דאָס קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

איך וועל אויך נישט פֿאַרגעסן די באַגעגעניש אין האָליוווד מיט מאָריס שוואַרצן... ער איז פּונקט געווען דאָן אין לאָס־אַנדזשעלעס מיט זײַן טרופּע און די געשעפֿטן זענען נעבעך געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. איז ער מיט זײַן פֿרוי אַנאַ אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע. האָבן מיר, „די דרײַ מושקעטערן״, באַשלאָסן מיר זאָלן זיי פֿאַרבעטן צו אונדז אויף אַ שׂימחה — טאַקע לכּבֿוד זיי.

דער קוכער בין איך געווען. האָב איך צוגעגרייט יענע וועטשערע! אַלץ וואָס שוואַרץ האָט ליב געהאַט.

אַזוי ווי בײַ אונדז אין דער וווינונג איז געווען בלויז אַ קליין טישעלע, האָבן מיר אויסגעשפּרייט אַ גרויסן טישטעך אויפֿן דיל (איבער דעם טעפּעך) און מיר האָבן געגעסן „אַ לאַ פּיקניק־סטיל״ — אויף דער ערד. שוואַרצן איז די אידעע געפֿעלן געוואָרן.

צוזאַמען מיט אים און זײַן ליבער אַנאַ האָבן מיר געהאַט פֿאַרבעטן נאָך עטלעכע שוישפּילערס פֿון זײַן טרופּע. מוני סערעבראָוו, חנה אַפּעל און אַנד.

בעת אונדזער באַזוך אין האָליוווד איז דאָרט מיט אַ מאָל אויסגעבראָכן אַ שטרײַק אין דער פֿילם־אינדוסטריע. דער ערשטער און איינציקער שטרײַק אין דער געשיכטע פֿון האָליוווד. היתּכן? עס האָט זיך דאָן אָרגאַניזירט דער פֿאַראיין פֿון די שוישפּילערס, „די סקרין עקטאָרס גילד״ (פֿאַרקירצט הייסט עס ס. א. ג.) און אַקטיאָרן, קליין און גרויס, האָבן זיך פֿאַראייניקט כּדי צו באַקומען בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פֿאַרן קלענערן אַקטיאָר, וועלכער פֿלעגט דאַן ווערן שרעקלעך עקספּלואַטירט. זענען די גרויסע סטאַרן אויך אַרויס מיט אַ שטרײַק.

איב סינקאָף, אונדזער „דריטער״ שותּף אין קאַליפֿאָרניע האָט געדונגען פֿאַר זיך אַ באַזונדערן צימער, נאָר געגעסן האָט ער בײַ אונדז.

אַלע דרײַ זענען מיר געווען צום ערשטן מאָל אין דער שטאָט לאָס־אַנדזשעלעס. די פֿילם־אינדוסטריע האָט דאָ פּראָדוצירט פֿילמען, פֿלעגן מיר כּסדר דערקענען אַרום אונדז באַקאַנטע פּנימער, סטאַרן פֿון די פֿילמען. מיר פֿלעגן אַרומגיין און קוקן מיט אָפֿענע מײַלער. נאָך אַ פּאָר טעג זענען מיר שוין באַקאַנט געוואָרן אין די אַלע לאָקאַלן, ווו אַקטיאָרן קומען זיך צונויף. מען האָט אונדז געגעבן דעם טיטל „די דרײַ״ מושקעטערן פֿון דער איסט (מיזרח), מײַנענדיק, נאַטירלעך, פֿון ניו־יאָרק.

מיר האָבן אין האָליוווד געדונגען אַן אויטאָמאָביל, איך בין געווען דער שאָפֿער, און מיר זענען אויסגעפֿאָרן גאַנץ לאָס־אַנדזשעלעס. איך פֿלעג אומיסטן

פראַוועץ פּאַרשידענע קונצן מיט דער מאַשין כּדי סינקאָפּן איבערשרעקן. ער פלעגט אַרויסשטעקן זײַן קאָפּ פון פענצטער און שרײַען צום נאָענטן פּאָליציאַנט: פּוסי־בוי, ראַטעוועט! זיי ווילן מיך דערהרגענען.

איין מאָל האָבן מיר באַשלאָסן אַרויפצופאָרן אויפן העכסטן באַרג פון וואַנען מען קוקט אַראָפּ אויף גאַנץ האָליוווד. מיר זענען אַלע אַרויס פון דער מאַשין און באַוווּנדערט די פּאַנאָראַמע פון דער פילמוועלט. די פּרעכטיקע לאַנדשאַפט. ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן בײַם פאָרן צוריק, האָב איך דערזען, אַז מיר שטייען צו נאָענט צום ראַנד פונעם באַרג. איין טעות, און מיר קאָנען אַלע אַראָפּקײַקלען זיך מיט דער מאַשין אין אָפּגרונט. אייגנטלעך בין איך אַזאַ גוטער שאָפער נאָך דאַן נישט געווען. טאָמער שטעל איך על־פּי טעות דעם שיפט אַרײַן אין פאָר־ווערטס אַנשטאָט רעווערס, קאָנען מיר אַלע גלײַך געהרגעט ווערן. הכלל, איך פּרוּוו... און קלער בײַ זיך, אַז טאָמער גייט די מאַשין פאָרויס וועל איך מוזן שרײַען: חברה, שפּרינגט!

איך שטעל דעם שיפט אַרײַן אין רעווערס לאַנגזאַם, לאַנגזאַם און צו אונדזער מזל פיל איך ווי די מאַשין גייט טאַקע אויף צוריק. איך אָטעם אָפּ פרײַ און פאָר לאַנגזאַם אַראָפּ דעם באַרג.

אַראָפּגעקומען אונטן, האָב איך אָפּגעשטעלט די מאַשין און ערשט דאַן האָב איך זיי דערציילט דעם אמת.

צילי אַדלער האָט שיִר נישט געחלשט, און דאָס וואָס איך האָב פון סינקאָפּן אַרײַנגעכאַפּט וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. שלום סעקונדאַ האָט בלויז געלאַכט. נאָר דאָס איז געווען דער סוף פון די שפּיצלעך.

אַזוי ווי מיר האָבן שוין ביז דאַן געהאַט אַ ביסל באַקאַנטשאַפט אין די סטודיאָס, האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָן פון דער סטודיאָ „מעטראָ גאָלדווין מאַיער״, אַז מען לייגט מיר פאָר איך זאָל אָנטייל נעמען אין אַ פילם וואָס דער וועלט־באַרימ־טער מאָריס שעוואַליע האָט אָפּגעזאָגט צוליב דעם שטרײַק. נישט מער, נישט ווייניקער, „די פריילעכע אלמנה״.

שטעלט אײַך פאָר מײַן לאַגע. איך חלש אָננעמען די ראָלע. עס איז אפשר דער גרעסטער שאַנס אין מײַן לעבן, אָבער ווי טאָר איך דאָס טאָן? איך בין דאָך אַ יוניאָן־אַקטיאָר. איך געהער צו אַן אַקטיאָרן־פאַראיין. האָב איך באַשלאָסן זיך צו באַראַטן מיטן פירער פון מײַן פאַראיין, ראובן גוסקין. ער האָט מיך געוואָרנט איך זאָל נישט וואָגן ברעכן אַ שטרײַק, נישט גיין קעגן אַ פאַראיין. הכלל, איך האָב געמוזט זיך אָפּזאָגן, מיט דער האָפענונג, אַז מען וועט מיך ווידער רופן אין דער צוקונפט.

דערמאָנענדיק זיך אין יענער סיטואַציע, קלער איך אָפט, אַז ס׳קאָן זײַן איך בין באַגאַנגען אַ נאַרישקייט. ס׳קאָן זײַן, אַז איך האָב טאַקע פאַרלוירן דעם גרעסטן שאַנס אין מײַן לעבן.

גוסקין האָט מיר טעלעגראַפירט, אַז מאַלי פּיקאָן מיט איר מאַן יעקב קאַליך וואַרטן אויף מיר. זיי האָבן אים געמאָלדן, אַז די פּראָבעס פון דער פּיעסע „דאָס מיידל פון אַ מאָל" הייבן זיך אָן אין עטלעכע וואָכן אַרום.

אַזוי ווי שלום סעקונדאַ און איך האָבן אײַנגעזען, אַז מיר מוזן זיך באַלד געזעגענען מיט האָליווּד און מיט אונדזערע „חלומות", האָבן מיר באַשלאָסן צו אַראַנזשירן פאַר זיך אַ קאָנצערט אין דער געגנט „סאַנטאַ מאָניקאַ", וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג.

מיר האָבן דעם אָוונט אַרײַנגענומען אַ סומע, וועלכע האָט געדעקט אונדזער גאַנצע רייזע און אויסהאַלט־אויסגאַבן אין לאָס־אַנדזשעלעס.

נאָך דעם האָב איך אײַנגעפּאַקט מײַן באַגאַזש, מיט אַ שווער האַרץ זיך געזעגנט מיט האָליווּד און צוזאַמען מיט מײַן חבר שלום סעקונדאַ צוריק געפאָרן אַהיים, קיין ניו־יאָרק.

גוד באַי האָליווּד. העלאָ, ניו־יאָרק!

כ'האָב שוין פריִער דערמאָנט, אַז איך בין אָנגאַזשירט געוואָרן צו שפּילן אין „דאָס מיידל פון אַ מאָל", געשריבן פון ה. קאַלמאַנאָוויטש.

מיט אַ סעזאָן פריִער איז פאָרגעקומען אַ גרויסער קאָנצערט אין ברײַטאָן־ביטש, ווו איך האָב געהאַט אַן אויפטריט, און מאַלי פּיקאָן איז צופעליק דאָרט אויך אויפגעטראָטן. זי און יעקב קאַליך האָבן מיך נישט געקענט, און יאַנקעלע האָט זיך אָוועקגעשטעלט בײַ דער זײַט פון דער בינע און זיך צוגעקוקט צו מיר און זיך צוגעהערט צו מײַן זינגען און מײַן פײַפן. איך בין אים געפעלן געוואָרן.

צופעליק האָב איך צווישן אַנדערע אַנעקדאָטן דערציילט אַ קאָמישע מעשה וועגן אַ „היקעוואַטן":

אַ יונגע פרוי, האַלטנדיק אַ קליין קינד בײַ דער האַנט, קומט צו צו דער אינפאָרמאַציע־בודקע פון דער פּענסילוואַניע־סטאַנציע אין ניו־יאָרק און פרעגט דעם אָנגעשטעלטן: „אַנטשולדיקט! ווען פאָרט אָפּ די באַן קיין פילאַדעלפיע, פּענסילוואַניע?" דער אינפאָרמאַציע־געבער איז נעבעך געווען אַ היקעוואַטער, האָט ער געענטפערט דער פרוי: „די ב־ב־אַן נאָך פי־פי־פילאַדעלפיע, פּ־פּ־פּענ־סילוואַניע פּ־פּפאָרט אָוועק פי־פי־פיר אַ זייגער!" דערבײַ האָט ער בײַ יעדן שטאַמל געגעבן אַ פײַף, נאָר מיטן פײַף האָט ער געקענט אַרויסרעדן דאָס וואָרט. האָט אים די פרוי באַדאַנקט און איז אָוועק. אַ פּאָר מינוט שפּעטער קומט זי צוריק מיטן קליינעם קינד און פרעגט ווידער די זעלבע פראַגע, און ער, נעבעך, היקעט ווידער צוריק דעם זעלבן ענטפער, מיטן היקען און מיטן פײַף, און עס באַפאַלט אים אַזש אַ שוויס. צום דריטן מאָל, ווען זי האָט ווידער געפרעגט, האָט ער שוין פאַרלוירן זײַן געדולד: „וו־וו־וואָס איז מיט אײַך? איר האָט ש־שוין קיינעם נישט געקע־קענט פרעגן, נאָר מ־מי־מיך?" ענטפערט אים די פרוי: „איך האָב אײַך פאַרשטאַנען דאָס ערשטע מאָל, נאָר מײַן קינד האָט ליב צו הערן אײַך רעדן!"

הכלל, מײַן אָפּשפּילן דעם אַנעקדאָט איז יעקב קאַליכן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט גלײַך אויפן אָרט אָפּגעמאַכט מיט מיר, אַז איך זאָל שפּילן מיט מאַלין צום נײַעם סעזאָן. „דו וועסט שפּילן אַ שנײַדער־יונג, וועלכער איז אַ היקעוואַטער און מוז געבן אַ „סוויסטשע״ (אַ פֿײַף), אײדער ער קען אַרויסרעדן דאָס וואָרט! קאַלאָסאַל! אַזוי וועסטו אים שפּילן!״

און אַזוי האָב איך טאַקע געשפּילט דעם שנײַדערל אין „דאָס מײדל פֿון אַ מאַל״.

אין דער פּיעסע איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן אַ סצענע מיט דער פּרימאַ־דאָנע לוסי לעווין, האָט דער קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי אָנגעשריבן אַ דועט, אין וועלכן איך האָב בלויז געפֿײַפֿט — און זי, לוסי, האָט מיט איר קאָלאָראַטור־שטים קאָפּירט מײַן פֿײַפֿן, ווי אַ קאַנאַריקל.

מען דערציילט וועגן רומשינסקין, אַז אין יענעם סעזאָן האָט פּאַסירט, אַז עמעצער פֿון די אַקטיאָרן האָט גענומען זיך צופֿײַפֿן זיצנדיק אין דער גאַרדע־ראָב. יוסף רומשינסקי, אַזוי ווי אַ גרויסער טייל שוישפּילערס, איז געווען אַבער־גלייבעריש, ספּעציעל וואָס שייך דער „באָבע־מעשׂה״, אַז מען טאָר נישט פֿײַפֿן הינטער דער בינע, ווײַל דאָס קען ברענגען שלימזל — האָט ער זיך צעשריגן אויף דעם אַקטיאָר: „הער אויף צו פֿײַפֿן, עס איז נישט מזלדיק!״ האָט אים דער אַקטיאָר פֿאַרגעוואָרפֿן, „הלמאי פֿײַפֿט בורשטיין?״ „וואָס פֿאַרשטייסטו נישט, גולם, האָט אים רומשינסקי געענטפֿערט: אַז פּסחקע פֿײַפֿט קומט דער עולם און אַז דו פֿײַפֿסט וועסטו פֿאַרטרײַבן דעם עולם״.

אין דער פּיעסע, געדענק איך, האָבן צווישן אַנדערע מיטגעשפּילט הערי פֿעלד, טשאַרלי קאָהן, סעם קעסטין (אַן עלטערער אַקטיאָר און איינער פֿון די בעסטע יידישע קאָמיקערס, אויך אַ האַרציקער מענטש) און טילי ראַבינאָוויטש.

„דאָס מײדל פֿון אַ מאַל״ מיט מאַלי פּיקאָן, איז געלאָפֿן אַ גאַנצן סעזאָן. די אַטמאָספֿער איז געווען אַ לײַכטע, אַ לוסטיקע, אָבער קאַליך האָט געפֿירט דעם טעאַטער מיט אַ פֿעסטער האַנט. עס האָט געהערשט דרך־ארץ. קיינער האָט זיך נישט דערלויבט צו שטיפֿן אויף דער בינע. דאָך איז געשען אַ פֿאַל, וואָס אַלע וועלן אים געדענקען. מיר האָבן אין דער פּיעסע געזונגען אַ טריאָ, (אַ טערצעט). מאַלי, איך און דער קאָמיקער טשאַרלי קאָהן. עס איז דאַן געווען די צײַטן פֿון פּראָהיבישאָן — איז דער טערצעט געווען וועגן דרײַ שיכּורים. מיר זענען געזעסן מיט גלעזלעך אין די הענט מיט אַ פֿלאַש בראָנפֿן און ס׳האָט געהייסן אַז זינגענדיק און טרינקענדיק ווערן מיר אַלע דרײַ שיכּור. (די פֿלאַש, נאַטירלעך, איז געווען אָנגעגאָסן מיט טיי). האָט פּאַסירט אין אַ געוויסן אָוונט אַז בײַם זינגען, ווען איך, דער ערשטער, האָב אַ טרונק געטאָן פֿון גלעזל בין איך איבערראַשט געוואָרן פֿון אַן אמתן בראָנפֿן. איך וויל לאַכן, אָבער טראַכט באַלד: אוי ווי, וואָס וועט זײַן מיט מאַלין? זי וועט דאָך שיכּור ווערן. טשאַרלי גיט מיר אַ ווונק, אַז איך זאָל שווײַגן. מילא — שווײַגן איז שווײַגן און איך זינג ווײַטער.

די קליינע מאַלי אָבער האָט פאַרמאָגט אַ סך גבורה. אַזוי ווי זי האָט געגעבן אַ שלינג אַראָפּ פונעם גלעזל האָבן זיך אירע גרויסע אויגן געעפנט נאָך גרעסער און זי האָט שוין דאָס פלעשל נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז צו אַלע אירע מעלות קאָן מאַלי אויך גוט פאַרדייַען אַ גלעזל. אַלע דרייַ האָבן מיר זינגענדיק אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע פלעשל און אַראָפּ פון דער בינע זענען מיר דרייַ לאַכנדיקע שיכּורים.

דעם קומענדיקן סעזאָן האָב איך ווייַטער געשפּילט מיט מאַלי פּיקאָן. דאָס מאָל אין אַ פּיעסע מיטן נאָמען „גנבישע ליבע״.

אונדזערע אויפפירונגען זענען געווען אילוסטרירט מיט רייַכע דעקאָראַציעס, מיט שיינע כאָריסטקעס, מיט אַ מענער־כאָר, מיט פּראַכטפולע קליידער. אַ פאַקט, אַז מען פלעגט קומען צו אונדז אויף סעקאָנד עוועניו פון די בראָדוויייער טעאַטערס באַוווּנדערן אונדזערע אויפפירונגען, ווייַל אין יענער צייַט האָט מען (אויסער די „זיגפילד־פאָליז״) אַזוינס נישט געזען.

16. צוליב שלום־בית

אין יענער צייַט, ווען כ׳האָב געשפּילט מיט מאַלי פּיקאָן בין איך פאַרבעטן געוואָרן צוזאַמען מיט איר אָנטייל צו נעמען אין אַ גרויסער יום־טובדיקער פאַר־שטעלונג אין באָסטאָן לכּבוד דעם 30־יאָריקן יובל פון דער יִדישער צייַטונג „פאָרווערטס״.

צוזאַמען מיט אונדז זענען אויך אויפגעטראָטן מאָריס שוואַרץ, בערטאַ גערסטין, טאַשאַ זייַדל (דער וויאָלין־קאָנצערטיסט), אַברהם עלשטיין און אויך יאָסעלע ראָזענבלאַט, וועלכער איז פאַרבליבן אַ לעגענדע אין דער וועלט פון חזנים. געווען איז ר׳ יאָסעלע אַן אויסערגעוויינלעך חנעוודיק מענטשעלע. אַ נידעריקער, אַ רונדיקע געשטאַלט, האָט ער זיך, געדענק איך, אַרומגעדרייט אין דער גאַרדעראָב אין אַ כּינעזישער קימאָנע. ער האָט אָנגעקוקט אַ קינד און ווען איך האָב אים געזאָגט: „ר׳ יאָסעלע, איר זעט דאָך אויס ווי אַ כּינעזער מיט אַ באָרד״. זייער אַן איידעלער מענטש, האָט ער פאַרמאָגט די נאַיִוויטעט פון אַ קינד און האָט תּמיד געהאַט אַ וויץ צו דערציילן פאַר חברים. ער האָט איין מאָל געפרעגט אַלעמען אין קאַפע: וואָס איז דער בעסטער וויץ, ווייסט איר? און אַז קיינער האָט נישט געטראָפן האָט ער געענטפערט: „שליוואָוויץ״.

אָבער צוריק צו באָסטאָן און צו מאָריס שוואַרצן. ער האָט מיך קיין מאָל נישט געהאַט געזען אויף דער בינע, האָט ער נאָך אונדזער טרעפעניש אין קאָלי־פאָרניע זיך אָוועקגעשטעלט צוקוקן צו מייַן זינגען און מייַן פּייַפן. האָט פּונקט

פּאַסירט, אַז איך האָב געהאַט גרויס דערפאָלג יענעם אָוונט אין באָסטאָן און דאָס פּובליקום האָט מיך נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער בינע נאָך מײַן ליד „האָצאָ מאָמע". געמוזט ביסירן נאָך אַ מאָל. בײַ שוואַרצן איז דאָס געווען אַ רעטעניש. ווי אַזוי קאָן אַזאַ ליד, וואָס האָט נישט קיין שום שײַכות מיט בעסערער ליטעראַטור, האָבן אַזאַ דערפאָלג בײַם יידישן פּובליקום?

אַהיימפאָרנדיק קיין ניו־יאָרק מיט דער באַן, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט נעבן מיר און מיך געפרעגט: „וואָס מיינט עס אייגנטלעך האָצאָ מאַמאָ?" האָב איך אים דערקלערט, אַז עס איז אַזאַ רוסיש־רומעניש ווערטל „טאַנץ מאַמע, האָצקע זיך" ווײַל דײַן טאָכטער ווערט אַ כּלה.

מיט אַ צוויי טעג שפּעטער האָט שוואַרץ געשטעלט זײַן פּיעסע „קידוש־השם" פון שלום אַש אין זײַן נײַעם טעאַטער אויף דער 14טער גאַס. עס איז געווען אַ בענעפיט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע און דאָס בענעפיט־פּובליקום איז באַקאַנט געווען ווי אַ פּאַסיווער עולם. איז געפאַלן דער פאָרהאַנג נאָך דעם ערשטן אַקט מיט אַ טויט־שטילקייט. קיין האַנט האָט זיך נישט געהויבן צו אַפּלאָדירן. שוואַרץ איז שטיין געבליבן אַ דערשיטערטער און זיך אָנגערופן צום סופליאָר שוואַרצבערג: „נו, שוואַרצבערג, וואָס זאָגסטו? האָצאָ מאַמאָ, פּירבע צאָצאָ".

טאַקע פאָרנדיק צוריק פון באָסטאָן דעם אויפדערנאָכט אין דער באַן, האָט שוואַרץ צו מיר געזאָגט: איר ווייסט, בורשטיין, איר וואָלט געקאָנט פאַרנעמען בײַ מיר אַ פּלאַץ אין מײַן טעאַטער. איז דאָך אָבער די צרה אַז איר זענט אַ סטאַר. איר וועט דאָך וועלן אײַער נאָמען זאָל שטיין מיט גרויסע אותיות און בײַ אונדז אַנאָנסירן מיר נישט קיינע נעמען, בלויז „מאָריס שוואַרץ קונסט־טעאַטער". איז טאַקע אַ שאָד, האָב איך אים געענטפערט — וועט איר זיך שוין מוזן באַגיין אָן מיר.

אייגנטלעך האָבן מיר מיט יאָרן שפּעטער, אַקוראַט מיט דרײַסיק יאָר שפּעטער, יאָ געשפּילט צוזאַמען — ביידע משפחות — איך, מײַן פרוי מיט מײַנע קינדער, און שוואַרץ מיט זײַן זון און טאָכטער (וועלכע ער האָט אַדאָפּטירט קליינערהייט, ווען זיי זענען געווען יתומים פון דער 2טער וועלט־מלחמה), עטלעכע סעזאָנען האָבן מיר געשפּילט צוזאַמען און אונדזערע משפחות האָבן אָנגעהאַלטן פרײַנדשאַפט, ביז צו זײַן אָפּפאָרן קיין ישׂראל.

שפּילנדיק אין ניו־יאָרק מיט מאָלי פּיקאָן, אין 1931, פלעג איך זיך, נאַטירלעך, זען רעגלמעסיק מיט מײַן קינד און פאַרשטייט זיך, אַז מיך האָט שטאַרק געצויגן צו זײַן מיט אים. אין דער צײַט האָבן זיך מײַנע שווער און שוויגער געהאַט אַרויסגעצויגן פון סעקאָנד עוועניו. אַוועק קיין ברײַטאָן־ביטש. עס האָט לאַנג

נישט געגומען און מײַן שװער האָט מיך גענומען צורעדן איך זאָל צוריקגיין מיט עדנאַן װוינען און איך זאָל גוט פֿאַרשטיין איר לאַגע. זי מוז זײַן לעבן איר מאַמען, װעלכע העלפֿט איר מיטן קינד און מיט דער װירטשאַפֿט און אַזױ װי ס׳איז פּונקט פֿרײַ געװאָרן אַ דירה אױפֿן דריטן שטאָק איבער זײערער, אין דער זעלבער געבײַדע, זאָל איך זי דינגען און מיר זאָלן פּרוּװן אױף ס׳נײַ אַ צוזאַמענלעבן.

איך האָב דעם ענין גוט באַטראַכט, און װאָס טוט מען נישט צוליב שלום־בית? און צוליב אַן אײן און אײנציק קינד װעלכן מען פֿאַרגעטערט? איך בין אײַנגעגאַנגען. מיר האָבן געדונגען די דירה, איך האָב אײַנגעקױפֿט מעבל, די שענסטע, די מאָדערנסטע. נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס געװען מײַן ערשטע הײם און דער דאָלאַר האָט נישט געפֿעלט.

מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין דער נײַער דירה און מײַן זונעלע איז געװען אין זיבעטן הימל. מיר האָבן זיך געקװיקט אײנער מיטן צװײטן. אָבער װאָס שײַך מײַן פֿרױ עדנאַ, איז דאָס צוזאַמענלעבן געװען אַ פֿאַלשער, נישט קײן געלונגענער. איך האָב תּיכּף דערפֿילט די פּוסטקײט צװישן אונדז.

די משפּחה האָט װידער גענומען רעגירן מיט מײַן לעבן. אַז איך האָב גע־װאָלט מײַן זון זאָל גײן אין אַ ייִדישער שולע און קענען מײַן שפּראַך — האָבן זײ זיך אַנטקעגנגעשטעלט (דאָס הײסט די מאַמע אירע) איך זאָל פֿון אים „נישט מאַכן קײן גרינעם״.

איך האָב גענומען פֿילן, אַז איך װער דערשטיקט. עס איז מיר װידער געװאָרן ענג אין מײַן אײגענער הײם און קײן שלום־בית האָט בײַ אונדז נישט געהערשט. נאָר דאָס מאָל איז מײַן קינד שױן געװען גרױס גענוג צו פֿאַרשטײן און ער איז געװען שטאַרק אומגליקלעך. אָבער װאָס האָב איך געקענט טאָן? איך בין װידער אַרײַן אין דער נעץ „פֿון מײַן טױטער״ שװיגער און איך האָב געמוזט אַרױס, װען נישט װאָלט איך פֿאַרבליבן איר קרבן, פּונקט װי אַ פֿליג, װאָס ליגט אין שפּינװעבס.

פֿאַר װעמען האָב איך אױסגעגאָסן מײַן ביטער האַרץ? פֿאַר מײַן פֿרײַנד דזשעק באַדאַש. מיר האָבן זיך געקענט נאָך פֿון פּױלן. ער איז געװען אַן אונטער־נעמער, װעלכער פֿלעגט פֿירן אַמעריקאַנער סטאַרן שפּילן טעאַטער קײן פּאַריז. ער איז אױך געװען דער, װעלכער האָט געבראַכט מיכאַלעסקאָ צום ערשטן מאָל קײן אַמעריקע.

אין אָװנט פֿלעג איך זיך טרעפֿן מיט אים לעבן ים און מיר פֿלעגן צוזאַמען שפּאַצירן. אַז איך האָב זיך פֿאַר אים פֿאַרטרױט װעגן מײַנע צרות, האָט ער מיר באַלד געגעבן אַן עצה: „עס װאָלט נישט געשאַדט איך זאָל אױספּעלן פֿון דער הײם אַ פּאָר חדשים״, זאָגט ער. אפשר דאַן װעט זי פֿילן אַז דער מאַן איז איר װיכטיקער װי די מאַמע. ער לײגט מיר פֿאָר צו פֿירן מיך קײן פּאַריז שפּילן. מײַנע „קאָלומביאַ״־פּלאַטן (רעקאָרדס) — האָט ער מיר דערקלערט — זענען שױן

צעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע, איך האָב דאָרט אַ נאָמען און איצט איז געקומען די צייַט דאָרט אײַנקאַסירן דאָס געלט...

איך האָב זייַן פאָרשלאָג גלייַך אָנגענומען. דער פּלאַן איז מיר געפעלן. איך האָב זיך גענומען צוגרייטן אַ רעפּערטואַר, מוזיק. איך האָב אָפּגעקויפט בייַ וויליאַם סעגאַלן די וועלטרעכט אויף דער פּיעסע „אַ חתונה אין שטעטל” און אין 1932 געקויפט שיפסקאַרטן פאַר זיך מיט מייַן נייַעם געשעפטס־פּירער דזשעק באַדאַש צו פאָרן מיט דער פראַנצייזישער שיף „פּאַריז”.

דאָס געזעגענען זיך מיט מייַן ייִנגעלע איז מיר געווען זייער שווער, נאָר איך האָב פאַרזיכערט מייַן פרוי זי זאָל זיך נישט זאָרגן. איך וועל איר פון פּאַריז שיקן געלט צום לעבן און איך פאָר אַוועק אויף מייַנע ערשטע גאַסטראָלן זינט איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

ג

1. פּאַריז — אַנטווערפּן — פּאַריז
2. „מעגסט זיך שוין געזעגענען מיט קאָוונע"...
3. לאָנדאָן, „פּאַוויליאָן"־טעאַטער
4. קאַמינסקי־טעאַטער, וואַרשע
5. סאַנדלערס טעאַטער אויף דער סמאָטשע־גאַס
6. לאָדזש — לעמבערג — קראָקע און... לאָנדאָן
7. אַלעקסאַנדער גראַנאַך און נאַדיאַ קאַרעני
8. ריאָ־דע־זשאַניירא — מאָנטעווידעאָ — בוענאָס־איירעס
9. פּאַטריאָטקעס פון יידישן טעאַטער...
10. די בלאָנדע שיינהייט
11. זומער 1936
12. די יידישע דשזין האַרלאָו
13. אונדזער חתונה
14. דורך היטלער־דייטשלאַנד, 1938, קיין פּוילן
15. אין לעמבערג
16. „סקאַלאַ"־טעאַטער — וואַרשע 39־1938

1. פּאַריז — אַנטווערפּן — פּאַריז

און אַט בין איך אויף דער שיף, וואָס פירט מיך „צוריק" קיין איראָפּע. ווי אַנדערש האָט אויסגעזען די רײַזע מיט נײַן יאָר צוריק, אין דער פאַרקערטער ריכטונג, פון קאָוונע קיין אַמעריקע. עלנט, אַליין. אַצינד בין איך שוין אַן אַמעריקאַנער, אַ בירגער פון אַ לאַנד, אַ טאַטע פון אַ זון און אַ וועלטסטאַר.

די שיף פאָרט אָפּ פון ניו־יאָרק און מיר זיצן אויפן דעק באַוווּנדערנדיק די פּאַנאָראַמע פון ניו־יאָרק, וועלכע פאַרשווינדט אין דער נאַכט. פרעג איך זיך בײַ באַדאַשן, צי האָט ער עמעצן געלאָזט וויסן אין פּאַריז, אַז מיר קומען? ענטפערט ער מיר, אַז פון די זאַכן זאָל איך נישט קלערן, ווײַל ער ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן.

איך דערצייל באַדאַשן, אַז אין פּאַריז וווינט מײַן עלטסטער ברודער, וועלוול, וועלכער האָט דאָרט אַ בעקערײַ. מיר האָבן זיך נישט געזען אפשר 15 יאָר און איך ווייס אַפילו נישט זײַן אַדרעס. באַדאַש פאַרזיכערט מיר, אַז אויף דעם „פּלאַץ רעפּובליק" געפינט זיך אַ קאַפע, ווו אַלע אַקטיאָרן טרעפן זיך און ס'וועט זײַן זייער לײַכט אויסצוגעפינען דעם אַדרעס פון מײַן ברודער.

דערווײַל האָט ער צעפּלוישט אויף דער שיף, אַז ער פירט קיין פּאַריז דעם גרעסטן אַמעריקאַנער סטאַר. פאַרשטייט זיך, אַז יעדערער איז געוואָרן נײַגעריק מיך אָנצוקוקן און דער קאַפּיטאַן אַליין איז צו מיר צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל מהנה זײַן די פּאַסאַזשירן מיט אַ קאָנצערט. מיך האָט מען לאַנג נישט געדאַרפט בעטן. איך בין אויפגעטראָטן מיט לידער אויף רוסיש, יידיש און ענגליש און בין, פאַרשטייט זיך, נאָך דעם געוואָרן אַ פּאָפּולערע פיגור אויף דער שיף. און איך האָב דעריבער געהאַט אַ גלענצנדיקע רײַזע. איך בין יעדן אָוונט געווען פאַרבעטן אויף פאַרשידענע שׂימחות.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו די ברעגעס פון פראַנקרײַך. די שיף האָט געאַנקערט אין מאַרסיי, פון דאָרט זענען מיר געפאָרן מיט דער באַן קיין פּאַריז. פאַרפאָרן זענען מיר אין „האָטעל מאָדערן", טאַקע אויף „פּלאַץ רעפּובליק".

צעפּאַקט מײַנע זאַכן — זאָגט מיר באַדאַש: דו לייג זיך שלאָפן נאָך אַזאַ רײַזע — דיך דאַרף מען נאָך נישט זען. איך וועל אַליין אַריבערגיין אין קאַפע הערן אַ ביסל טעאַטער־נײַעס און אַלעמען אָנזאָגן וועמען איך האָב געבראַכט פון ניו־יאָרק.

ווען באַדאַש איז אָבער אַרײַן אין קאַפע איז ער געוואָרן איבערראַשט צו טרעפן דאָרט אַ האַלבע קאַפע „ראַיאַל". הײמי דזשייקאָבסאָן מיט זײַן נײַער פרוי און פאַרטנערין מרים קרעסין, שלום סעקונדאַ, מיט וועמען איך בין געפאָרן קיין לאָס־אַנדזשעלעס, מיכאַל מיכאַלעסקאָ מיט זײַן פרוי און נאָך עטלעכע אַמעריקאַנער שוישפּילערס. אַלע פראַנצייזישע אַקטיאָרן זענען אים באַפאַלן מיט פראַגעס „וועמען האָט ער דאָס מאָל געבראַכט?" — האָט ער זיי געזאָגט: דעם גרעסטן בוף־קאָמיקער פון ניו־יאָרק, דעם פּײַפנדיקן, זינגענדיקן, טאַנצנדיקן פּסחקע בורשטיין.

דאָרט האָט זיך אויך געפונען דער דירעקטאָר פון טעאַטער „ראַשאַשואַ", מענדעלעוויטש (וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער טעאַטער־דירעקטאָר אין אַנטווערפּן, בעלגיע). מענדעלעוויטש איז באַלד באַפאַלן באַדאַשן:

— משוגענער, פאַר וואָס האָסטו מיר נישט טעלעגראַפירט, אַז דו ברענגסט בורשטיינען? וואָס האָסטו אים באַהאַלטן ווי אַ קאַץ אין אַ זאַק? איך זוך אַ נײַעם גאַסטראָליאָר מיט ליכט, ווײַל סעמועל גאָלדענבורג מאַכט זייער שוואַכע געשעפטן און האָט באַדאַרפט שוין ענדיקן, נאָר צוליב דעם וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערן בין איך געווען געצוווּנגען אים צו פאַרלענגערן אויף נאָך צוויי וואָכן.

הכלל, מען באַשליסט, אַז גלײַך נאָך מײַן פרײַנד סיאָמאַ גאָלדענבורג גיי איך אַרײַן שפּילן אין טעאַטער „ראַשאַשואַ".

דערווײַל האָב איך אָבער געמוזט זיצן און וואַרטן עקסטראַ צוויי וואָכן. הייב איך אָן מאַכן פּראָבעס מיט די אַקטיאָרן פון מײַן פּיעסע „אַ חתונה אין שטעטל". דער דיריגענט פון אָרקעסטער, אָדער בעסער געזאָגט, די מוזיק־לייטערין אין טעאַטער איז געווען נישט קיין אַנדערע ווי רענע סאַלאָמאָן.

מײַן דעביוט איז צופעליק אויסגעפאַלן דעם 14טן יולי, פראַנקרײַכס גרעסטער יום־טוב פון באַפרײַונג און די היצן זענען געווען אַזעלכע שטאַרקע, אַז ס'איז געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן. מענטשן זענען פּשוט „צעשמאָלצן" געוואָרן פון היץ. מען איז געזעסן אין טעאַטער אין העמדער און זיך געפאָכעט מיט פעכערס. (קיין אייר־קאָנדישאָן האָט נאָך דאַן נישט עקסיסטירט).

טאַקע צוליב די גרויסע היצן האָבן מיר געמוזט איבעררײַסן מײַנע גאַסט־שפּילן, ווײַל דער עולם האָט פּשוט נישט געקענט קומען אין טעאַטער.

אָבער ביז איך האָב אָנגעהויבן שפּילן, האָב איך שוין געהאַט געפונען מײַן ברודער וועלוול, אָדער בעסער געזאָגט — ער האָט מיך אויפגעזוכט. ס׳האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז כּמעט מײַן גאַנצע משפּחה פון פּוילן, פון מײַן מאַמעס צד, ווױנט אין פּאַריז.

ווען מײַן ברודער וועלוול האָט זיך דערוווּסט, אַז איך געפין זיך אין פּאַריז און זוך אים, האָט ער תּיכּף געמאָלדן דער גאַנצער משפּחה און זיי האָבן באַשלאָסן מיך איבערראַשן. איך בין מיר געלעגן אין בעט אין מײַן האָטעל־צימער און געדרימלט. פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומען אַרײַן אויף די שפּיץ פינגער אפשר 15 מענטשן. יעדער טראָגט עפּעס. איינער אַ טשאָלנט, איינער געפילטע פיש, איינער געבעקס אאַז״וו. איך עפן מײַנע אויגן און קוק אָן די באַנדע און מיין, אַז איך חלום עפּעס אַן אויסטערלישן חלום. איך דערקען זיי גאָרנישט. ביז וואַנען מײַן ברודער פאַלט אַרויף אויף מײַן האַלדז: „פּסחל!״ און מיר האָבן זיך ביידע צעוויינט.

איר קאָנט אײַך שוין פאָרשטעלן די סצענע. אַ גאַנצע כּאַליאַסטרע אין אַ קליינעם האָטעל־צימער. אַלע האָבן מיר גערעדט מיט איין מאָל, אַלע האָבן זיך געקושט, געלאַכט און געוויינט פאַר פרייד.

בין איך מיר געזעסן אין פּאַריז און געוואַרט אַז די היצן זאָלן אָפּלאָזן, כּדי איך זאָל קענען ווידער אָנהייבן שפּילן טעאַטער, אָבער גיי שרײַ חי־וקים! ס׳איז אַ ברענענדיקער זומער און די היצן סמאַליען. האָב איך פאַרבראַכט דערווײַל מיט מײַן משפּחה — מיט מײַן ברודער, זײַן פרוי און זײַנע פיר קינדער און געוואַרט...

דערווײַל האָט זיך דערוווּסט מײַן געשעפטס־פירער באַדאַש, אַז די אַמעריקאַנער שוישפּילערין דזשעני גאָלדשטיין דאַרף ענדיקן אירע גאַסטראָלן אין אַנטווערפּן. דאָרט איז דער וועטער געווען אַ סך קילער און דער דאָרטיקער דירעקטאָר האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט, אַז גלײַך נאָך דזשענין קום איך אַרײַן שפּילן.

דאַרף איך זיצן און וואַרטן... און מײַנע פינאַנסן וועלן באַלד אויסגיין. עס איז נישט קיין שפּאַס. זיצן אין אַ האָטעל און לעבן פון גרייטן, איך מיט מײַן געשעפטס־„פאַרפירער״.

מײַן ברודער האָט דערשמעקט די סיטואַציע, ער איז געווען בײַ מיר צו גאַסט אין אָוונט, און צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך געפונען אונטער מײַן קישן אַ פּעקל מיט געלט.

איך טעלעפאָניר גלײַך צו מײַן ברודער און פרעג אים: „וועלוול, סטײַטש? וואָס הייסט דאָס?״ ענטפערט ער מיר: „דו האָסט געשיקט געלט פון אַמעריקע, ווען איך האָב זיך געניײטיקט און האַלטסט אויס אונדזערע שוועסטער פייגע און חיה־שׂרה אין וואַרשע... נישקשה, ווען דו וועסט פאַרדינען וועסטו מיר אָפּגעבן״.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען קיין אַנטווערפּן, ווו איך האָב זיך געטראָפן מיט דזשעני גאָלדשטיין. די באַגעגעניש האָט אונדז ביידן דערפרייט. זי איז אַוועק־

געפֿאָרן און איך האָב אָנגעהויבן שפּילן.

איידער דזשעני האָט פֿאַרלאָזט אַנטווערפּן האָט זי מיך באַקענט מיט דעם רעדאַקטאָר פֿון דער דאָרטיקער יידישער צײַטונג, וועלכער איז געווען שטאַרק פֿאַרליבט אין איר. ער האָט פֿאַר איר, אַגב, אָנגעשריבן אַ פּיעסע אונטערן נאָמען „מאַדאַם פּאַיאַטשי“, וועלכע זי האָט שפּעטער אויפֿגעפֿירט, ווען זי האָט געעפֿנט דעם „בעשאַנעל־טעאַטער“ אין ניו־יאָרק, ווי די אייגנטימערין פֿון טעאַטער.

איך האָב זיך מיט דעם יונגן מאַן גוט באַפֿרײַנדט און דורך אים טאַקע האָב איך זיך באַקענט מיט זײַן יונגער שוועסטער, אַ בילד־שיינהייט.

זי האָט אָנגעהויבן קומען אין טעאַטער יעדן אָוונט און אײַך זאָגן דעם אמת — ס'איז פּשוט געווען אוממעגלעך זיך נישט צו פֿאַרליבן אין דעם מיידל — אָבער, איך בין ליידער נישט געווען קיין פֿרײַער מענטש. איך האָב געהאַט אַ ווײַב מיט אַ קינד אין אַמעריקע... די סיטואַציע האָט שטאַרק געווירקט אויף מײַן נײַ־געפֿונע־נער ליבע. דאָס מיידל האָט געליטן צוליב דעם און געסטראַשעט, אַז זי וועט זיך נעמען דאָס לעבן, אויב זי וועט מיט מיר נישט חתונה האָבן.

ענדלעך האָב איך געענדיקט מײַנע גאַסטראָלן אין אַנטווערפּן, זיך געזעגנט מיט אַלע פֿרײַנד און צוריקגעפֿאָרן קיין פּאַריז, ווו דאָס וועטער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעקילט, און אַרײַן צוריק אין טעאַטער „ראַשאַשואַ“ מיט „אַ חתונה אין שטעטל“.

סעמועל גאָלדענבורג איז נאָך געזעסן אין פּאַריז און ווען ער האָט זיך דער־וווּסט, אַז איך קום שפּילן, האָט ער געמאַכט שותּפֿות מיט היימי דזשייקאָבסאָן און מרים קרעסין. אַלע דרײַ האָבן געדונגען אַ טעאַטער אין צענטער פֿון שטאָט און זיך געשטעלט שפּילן זײַן פּיעסע „שיר־השירים“. מיט זיי האָט געשפּילט חיים לעווין, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט מיט מיר אין ניו־יאָרק.

איך האָב אין דער זעלבער צײַט פֿון שפּילן אָנגעהויבן גרייטן מײַן צווייטע פּיעסע „דער ראַדיאָ־זינגער“. איך האָב געשפּילט אין סאַמע האַרץ פֿון יידישן צענטער. דאַקעגן זייער טעאַטער האָט זיך געפֿונען אין אַ קריסטלעכער געגנט און זייער פּיעסע האָט נישט געבראַכט קיין עולם. נאָך עטלעכע וואָכן האָבן גאָלדענבורג מיט די דזשייקאָבסאָנס געמוזט ענדיקן און איך האָב געשפּילט ווײַטער, נאָך צוויי חדשים.

בעת מײַנע גאַסטראָלן אין פּאַריז, אין יאָר 1932, האָט מיר מײַן ברודער וועלוול געבראַכט די בשׂורה, אַז איך בין פֿאַרבעטן געוואָרן פֿון דעם גרעסטן סוחר פֿון יידישע פּלאַטן, צו באַזוכן זײַן געשעפֿט, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן „פּלעצל“.

דער פּלאַטן־סוחר האָט זיך נישט געפֿוילט און געמאָלדן די גאַנצע גאַס, אַז ס'קומט צו אים דער אַמעריקאַנער פּסחקע, און יידן זענען געקומען צו לויפֿן אויף בייז וווּנדער מיך אָנקוקן און נעמען אונטערשריפֿטן.

פֿון עולם האָט מען גענומען שרײַען: „ווי אַזוי פּײַפֿט איר? — ווײַזט אונדז עפּעס, אַנו?...“ האָב איך זיי צו ליב געטאָן. דער סוחר האָט אָנגעשטעלט מײַנע

אַ פּלאַטע, איך האָב די פינגער אַרײַנגעשטעלט אין מויל, אויף מײַן שטייגער, און האָב געפײַפט באַגלייטנדיק מײַן אייגענע שטים. — מײַנע באַגײַסטערטע צושויערס האָבן זיך געפרייט — מענטשן האָבן געקויפט פּלאַטן און זיי אונטער־געשטופּט איך זאָל זיי אונטערשרײַבן — פאַר מיר איז דאָס געווען אַ נײַ, אָנגענעם געפיל! שפּעטער, בײַ אַ גלעזל טיי, האָט דער סוחר מיר דערציילט, אַז דורך די 9 יאָר, וואָס ער פאַרקויפט מײַנע פּלאַטן האָט ער פאַרדינט אַ האַלבן מיליאָן פראַנק.

זײַנע ווערטער האָבן מיך איבערראַשט, ווײַל פאַר דער גאַנצער צײַט האָב איך נישט געזען קיין איין סענט „ראָיאַלטיז" (טאַנטיעמע) פון פראַנקרײַך. פון קיין שום לאַנד, אייגנטלעך, אויסער ענגלאַנד. לויט מײַן קאָנטראַקט מיט „קאָלומביאַ", האָב איך באַדאַרפט באַקומען צוויי אַמעריקאַנער סענט פאַר יעדער זײַט פון אַ פּלאַטע, וואָס ווערט פאַרקויפט אין דער גאַנצער וועלט.

— איר זענט זייער נאַיִוו, ה׳ בורשטיין — האָט מיט אַ שמייכל מיר דערקלערט דער ייִד — צי ווייסט איר דען נישט, אַז אַפילו גרויסע פירמעס, ווי „קאָלומביאַ", קאָנען אויך באַשווינדלען?

ער איז געווען גערעכט, דער סוחר — און דערפאַר טאַקע איז ער געווען אַ סוחר און איך אַן אַקטיאָר...

מיט יאָרן שפּעטער, אין ישׂראל, האָט מיר דערציילט דער שוישפּילער יצחק כאַוויס, אַז ער האָט געהאַט אַלע מײַנע פּלאַטן אין רומעניע. איך האָב פון רומעניע קיין איין דאָלאַר נישט באַקומען.

איידער איך בין אַוועק פון דעם פּאַריזער פּלאַטן־סוחר האָב איך בײַ אים געבעטן אַ נאָטאַריזירטע באַשטעטיקונג וויפל פּלאַטן מײַנע ער האָט אומגעפער פאַרקויפט. ער האָט מיר צו ליב געטאָן און כ׳האָב די באַשטעטיקונג, שוואַרץ אויף ווײַס, אַהיימגעבראַכט נאָך מײַן רײַזע. איך האָב דאָס איבערגעגעבן צו מײַן אַדוואָקאַט, ער זאָל בײַ „קאָלומביאַ" מאָנען מײַן טאַנטיעמע, אָבער קיין סאַטיס־פאַקציע האָב איך נישט באַקומען.

עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז די „קאָלומביאַ"־געזעלשאַפט האָט שוין געהאַט באַנקראָטירט און האָט זיך גערופן „קאָלומביאַ אינקאָרפּאָריטעד" (דאָס הייסט אַ פרישע קאָרפּאָראַציע) און ווי אַזוי גייט דאָס ווערטל: משה, גיי זוך מיך. איינס ווייס איך יאָ, אַז פון די אייראָפּעיִשע לענדער האָב איך קיין סענט נישט באַקומען פאַר מײַנע פּלאַטן.

2. „מעגסט זיך שוין געזעגענען מיט קאָװנע״ . . .

אָפּגעשפּילט אין פּאַריז — האָט דזשעק באַדאַש אַראַנזשירט פאַר מיר אַ קאָנטראַקט צו פאָרן שפּילן אין קאָװנע, ליטע. די שטאָט פון װאַנען איך בין אַװעק קיין אַמעריקע.

צוריקגעבראַכט מיך קיין קאָװנע האָט דער גרויסער אימפּרעסאַריאָ לאַן. לאַן איז געװען באַרימט װי דער „יוראָק״ פון ליטע און חוץ זײַנע טעאַטער־אימפּרעזעס האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ גרויסע דרוקערײַ.

אין דער באַן, אויפן װעג קיין קאָװנע, האָב איך באַקומען רײַזע־פיבער. אַ קלייניקייט! איך פאָר צוריק קיין קאָװנע! אַמעריקע, מײַן דערפאָלג, מײַן פרוי, מײַן קינד, אַלץ איז מיט אַ מאָל פאַרשװוּנדן פון מײַן זכרון... איך האָב זיך צוריק־געקערט אין דער קאָװנע פון מיט נײַן יאָר צוריק... אויפן הויפּטוואָקזאַל האָט מיך אָפּגעװאַרט אַ ריזיקער עולם, מײַנע אַלטע גוטע פרײַנד, כּמעט די גאַנצע שטאָט!

איין קלייניקייט! „אונדזערס אַן אייגן יינגל — האָבן זיי געשריִען — װעלכער איז אַװעק קיין אַמעריקע און געװאָרן אַ באַרימטער סטאַר״. — און איך האָב געװיינט — אַזוי גערירט בין איך געװען פון דער האַרציקער אויפנאַמע.

אָט די אָװאַציע איז בײַ מיר װערט געװען מער װי אַלע געלטער אין דער װעלט.

אָנגעפאַנגען שפּילן האָב איך, פאַרשטייט זיך, מיט מײַן „אַ חתונה אין שטעטל״. דאָס איז דאָך געװען מײַן װיזיט־קאַרטע. אַ טרופּע האָב איך געהאַט זייער אַ גוטע: סאַשאַ ראַזענטאַל מיט זײַן פרוי קאַטיאַ פלאַװינאַ, װעלכע האָבן שפּעטער אַ סך יאָרן געשפּילט מיט מיר און מײַן משפּחה אין בוענאָס־אײַרעס. (קאַטיאַ לעבט נאָך הײַנט, טאַקע אין בוענאָס־אײַרעס), מאַקס פּערלמאַן מיט זײַן פרוי גיטאַ גאַלינאַ, װאָס זענען אָנגעקומען פון ריגע, אַ קאָמיקער מיטן נאָמען איינעס (אַ ריגער), סאָפי ערדי (פון רוסלאַנד) און אַנדערע. צװישן מײַנע אָנדענקונגען, װעלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט במשך מײַנע טעאַטער־יאָרן, האָב איך לעצטנס געפונען אַ זילבערן ציגאַרעטן־קעסטל (אַ פּאַרטסיגאַר) װעלכע די אויבן דערמאָנטע טרופּע האָט מיר געהאַט געשאָנקען און דערין זענען אויסגעקריצט אַלע דערמאָנטע נעמען.

דער מוזיקאַלישער דירעקטאָר פון טעאַטער איז געװען סטופּעל, אַן איידעם פון דעם אימפּרעסאַריאָ לאַן. די אַטמאָספער איז געװען גאָר אַ לעבעדיקע.

מײַן ערשטע פּיעסע האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. אַלע פרײַנד זענען געקומען מיך זען און זיך געצאַצקעט מיט מיר. דערװײַל האָב איך גענומען צוגרייטן די

צווייטע פּיעסע אויף שׂימחת־תּורה. אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע פון לואיס פריימאַן מיטן טיטל „דער ווילנער חזן״.

אין טאָג פון שׂימחת־תּורה האָבן מיר געדאַרפט שפּילן צוויי פאָרשטעלונגען. אַ בײַטאָגיקע און אַ בײַנאַכטיקע, 8.30. אַלע ערטער אין דעם טעאַטער „נאַראַדני דאָם״ זענען געווען אויספאַרקויפט אויף ביידע פאָרשטעלונגען, אַזוי אַז מען האָט אַפילו נישט געעפנט די קאַסע.

דעם זעלבן טאָג האָבן מײַנע אַלטע חברים פון מיט 10 יאָר צוריק באַשלאָסן מיך באַערן מיט אַ ברוך־הבא־באַנקעט נאָך דער בײַטאָגיקער פאָרשטעלונג. די שׂימחה איז פאָרגעקומען אין דעם גרעסטן האָטעל פון קאָוונע. בײַם טעאַטער האָט מיך אָפּגעוואַרט אַ לימוזין מיט אַ שאָפער וואָס האָט מיך אַוועקגעפירט צום באַנקעט. אין זאַל, וווּ אַלע פאַרזאַמלטע האָבן שוין געוואַרט, האָט מען מיך באַגריסט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן און מען האָט מיך אַוועקגעזעצט אויבן אָן בײַם טיש.

חברים האָבן געהאַלטן רעדעס וועגן מיר און דערציילט אַנעקדאָטן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען מײַן חבר קיווע קאַפּולסקי וועלכן איך האָב שפּעטער געפונען אין ישׂראל. איך ווער מיטגעריסן און באַמערק נישט ווי מען גיסט מיר אָן אַ גלעזל ווײַן. אַלע הייבן די כּוסות און איך אַנטשולדיק זיך, אַז איך טאָר נישט טרינקען, איך האָב נאָך הײַנט אַ פאָרשטעלונג. איך טאָר אויך צו פיל נישט עסן כּדי איך זאָל קענען טאַנצן. מײַנע חברים פאַרזיכערן מיר, אַז פון אַזאַ קליין גלעזעלע ווײַן קען גאָרנישט פּאַסירן און אַז זיי אַלע האָבן בילעטן אויף הײַנט אָוונט.

הכּלל, איך טרינק מיט זיי לחיים. אַלע טרינקען זיי פּאַר מײַן געזונט און פאַר מײַן דערפאָלג. איך עס עפּעס אַ לײַכטע זאַך און קוק אויף מײַן זייגער. איך גלייב זיך גאָרנישט ווי גיך די צײַט איז אַנטלאָפן. איך אַנטשולדיק זיך. עס איז שוין אַכט דער זייגער און איך מוז שוין זײַן אין טעאַטער.

איך וויל זיך אויפהייבן פון בענקל — איך קאָן נישט. איך פיל, אַז דער גאַנצער צימער דרייט זיך צוזאַמען מיט מיר. ווי איז מיר. „דודקע, זאָג איך צו מײַן פרײַנד ראָזמאַרין (וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע וווּרשטפאַבריק) וואָס האָסטו מיר געגעבן צו טרינקען?״ צעלאַכט ער זיך און ווינקט זיך איבער מיט דער חברה, „וואָס זשע, פּאַוולושע, האָסט שוין פאַרגעסן ווי אַזוי צו טרינקען? עס איז גאָרנישט. וועסט אַרויס אויף דער לופט, וועסטו זיך פילן בעסער״. און ער הייסט דעם שאָפער מיך גיכער פירן אין טעאַטער.

הכּלל, מען פירט מיך אַרויס צו דער מאַשין. איך פיל אָבער, אַז עפּעס איז מיט מיר נישט בסדר.

מײַן געשעפטס־פירער באַדאַש איז שוין געשטאַנען אַ נערוועזער און מיך אָפּגעוואַרט.

אַזוי ווי דער שאָפער עפנט די טיר פון מאַשין און איך וויל אַרויסגיין, פאַל איך אַרויס אויף דער גאַס און צעקלאַפּ זיך מײַן עלנבויגן און קען זיך נישט אויפהייבן.

ביזן הײַנטיקן טאָג קלינגט מיר נאָך אין די אויערן, ווי מענטשן פון עולם אין הויף האָבן געזאָגט: „אוי, ער איז שיכּור".

באַדאַש העלפט מיר זיך אויפשטעלן אויף די פיס און מוסרט מיך: „שיין, זייער שיין. און דו דענקסט אַז דו וועסט קענען הײַנט שפילן?" איך לאָז זיך אַראָפּ צו די גאַרדעראָבן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין קעלער פון טעאַטער. איך הייב אָן גרימירן מײַן פּנים, נאָר עס גייט נישט. מײַנע הענט אַרבעטן נישט.

באַדאַש דערזעט דאָס, כאַפּט ער מיך אָן און שלעפּט מיך צו צום וואַסערקראַן, שטופּט אַרונטער מײַן קאָפּ אונטער קאַלטן וואַסער — אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

פון אויבן שרײַט מען: עס איז שוין שפּעט. מען מוז אָנהייבן. דער טעאַטער איז געפּאַקט און איך הער ווי דער אָרקעסטער שפּילט שוין די אָווערטור.

איך געדענק נישט ווי אַזוי, אָבער מען האָט מיך אָנגעטאָן אין מײַן קליידונג און כ'בין אַרויף אויף דער בינע.

דער עולם נעמט מיך אויף מיט אַפּלאָדיסמענטן. איך הייב אָן טאַנצן נאָר עס טאַנצט זיך נישט. איך פּרוּוו רעדן און שפּילן, אָבער איך הער ווי דער עולם לאַכט פון מיר. לויטן גאַנג פון דער סצענע דאַרף איך זיך אָוועקלייגן אין גאָרטן אויף דער ערד, אַנטשלאָפן ווערן און זען אַ חלום. איך דאַרף אויפשטיין און אויסשפּילן דעם חלום, ווי דער טאַטע פון מײַן געליבטער טרעפט מיך אין גאָרטן און זאָגט מיר: „פאַרגעס אין מײַן טאָכטער ווײַל איך וועל קיין מאָל נישט דערלויבן זי זאָל חתונה האָבן מיט אַזאַ קבצן ווי דו ביסט". דאַן רעד איך אים אַנטקעגן און ער דערלאַנגט מיר אַ פּאַטש. דאָס הייסט, אַזוי דאַרף די סצענע זײַן, אָבער אַז איך האָב זיך אָוועקגעלייגט, בין איך אויף אַן אמתן אײַנגעשלאָפן!! פרעגט שוין גאָרנישט וואָס אויף דער בינע האָט זיך אָפּגעטאָן.

סאַשאַ ראָזענטאַל, וועלכער האָט געשפּילט דעם טאַטן, קומט אַרײַן אין גאָרטן און האָט נישט צו וועמען צו רעדן. איך ליג אָן אויסגעצויגענער. טראַכט ער בײַ זיך, אַז ער וועט מיר געבן אַ שטאַרקן פּאַטש, וועל איך אפשר קומען צו זיך. ער האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט מיר דערלאַנגט אַזאַ פּאַטש, אַז ער האָט מיר שיִער די ציין אין מויל נישט אויסגעהאַקט. האָב איך אים אָנגעקוקט מיט קאַסאָקע אויגן און בין ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

דער דירעקטאָר לאָז איז אַרויפגעלאָפן אויף דער בינע און באַפוילן מען זאָל אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג.

ער איז אַרויס פאַרן פאַרמאַכטן פאָרהאַנג און אַנאָנסירט, אַז ווער עס וויל קאָן אָפּנעמען זײַן געלט און טאָמער נישט וועט מען די פאָרשטעלונג איבערשפּילן ווען איך וועל געזונט ווערן, ווײַל „ווי איר האָט געזען — האָט ער געפּרוּווט באַרויִקן

דעם עולם — איז אײַער ליבלינג פּסחקע פּלוצעם קראַנק געוואָרן און קאָן נישט ענדיקן די פאָרשטעלונג״.

דער סוף פון דעם שׂימחת־תּורהדיקן אָוונט איז געווען, אַז מען האָט מיך געמוזט אַוועקטראָגן אין האָטעל און אַרײַנלייגן אין מײַן בעט, ווו איך בין אָפּגעשלאָפן 2 טעג מיט 2 נעכט.

ווען איך האָב ענדלעך געעפנט מײַנע אויגן, האָב איך דערזען צוויי פאַרזאָרגטע פּנימער לעבן מײַן בעט. מײַן געשעפטס־פירער דזשעק באַדאַש און מײַן דירעקטאָר לאַן.

— אַ גוטער אויפשטאַנד אויף דיר — דערלאַנגט מיר באַדאַש אַ סאַרקאַסטישן ברוך־הבא.

— שוין — זאָגט ער מיר אָן — דו מעגסט שוין אײַנפּאַקן דײַנע זאַכן און זיך געזעגענען מיט קאָוונע.

— וואָס פאַר אַ זאַכן? — וואָס פאַר אַ געזעגענען? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— וואָס איז געשען?

— זע נאָר — צעלאַכט זיך באַדאַש, ער ווייסט דאָך גאָרנישט. דו מעגסט שוין פאָרן אַהיים. האָסט זיך שוין גוט באַפּאַנפּעט. הכלל, זיי האָבן מיר דערציילט וואָס מיט מיר איז געשען, און איך בין געוואָרן רויט און טויט.

— וואָס מיינט איר, איך בין דען געווען שיכּור? — פרעג איך. דערציילט מיר לאַן, אַז זיי ווייסן שוין דעם אמת. דאָס האָט מען מיר אויפן באַנקעט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. די גלאָז ווײַן וואָס מען האָט מיר געגעבן טרינקען איז געווען הונדערט יאָר אַלט. און טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווייניק, האָט מען דאָס געמישט מיט מעד.

מײַן ערשטע פראַגע איז געווען: וואָס האָבן די צײַטונגען געשריבן וועגן מיר?

דאָ האָב איך אָפּגעשפּילט מיט מזל. איינער פון מײַנע גוטע פרײַנד, וועלכע האָבן מיר צוגעגרייט דעם פּאַטאַלן באַנקעט איז געווען אַ שותּף צו אַ צײַטונג. ער האָט שוין באַוואָרנט, אַז קיין איין וואָרט זאָל נישט געשריבן ווערן וועגן דעם אינצידענט אין קיין שום צײַטונג.

די חברה האָבן זיך געפילט זייער שולדיק קעגן מיר. זיי איז גאָרנישט אײַנגעפאַלן אַז אַזאַ זאַך קאָן געשען און זיי האָבן נישט געוווסט ווי אַזוי זיך אַנטשולדיקן פאַר זייער נאַרישן שפּיצל.

— און נאָך אַ זאַך: איר ווילט איך זאָל אַוועקפאָרן מיט שאַנדע? — האָב איך זיך קעגנגעשטעלט לאַנען — ניין, איך מוז אָפּשפּילן די פאָרשטעלונג. ה׳ לאַן! איך בעט אײַך, לאָזט אַרויס אַן אַנאָנס, אַז איך וועל די פאָרשטעלונג שפּילן אומזיסט. דער עולם וועט נישט דאַרפן באַצאָלן. איך מוז זיך ריינוואַשן.

— ניין, משוגענער — טענהט באַדאַש — אויב עמעצער וועט קומען — איז נאָר באַוואָרפן דיך מיט אייער. פאָלג מיך און לאָמיר צוריקפאָרן אַהיים.

— ניין — שרײַ איך — איך מוז דעם פּובליקום דערקלערן וואָס מיט מיר איז געשען. נאָר דאַן וועל איך אָוועקפאָרן, און נישט פריִער.

הכלל, מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ רעקלאַמע, אַז בורשטיין וועט איבערשפּילן די פאָרשטעלונג פון שׂימחת־תּורה בײַ נאַכט. אַלע בילעטן פון שׂימחת־תּורה וועלן זײַן גילטיק און ווער עס האָט נישט קיין בילעט קאָן באַקומען בײַ דער קאַסע. אַלע ווערן פאַרבעטן צו בורשטיינס געזעגענונגס־פאָרשטעלונג, איידער ער פאַרלאָזט קאָוונע.

דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט און איך האָב זיך טאַקע געשראָקן, אַז מען איז געקומען מאַכן מיר אַ סקאַנדאַל. האָב איך געבעטן באַדאַשן, איידער מיר הייבן אָן שפּילן, ער זאָל אַרויסגיין פאַרן פאָרהאַנג און מעלדן, אַז פּסחקע בורשטיין וויל זאָגן אַ פּאָר ווערטער. האָט ער געענטפערט: „איך גיי נישט. דו ווילסט מען זאָל מיך אַראָפּטרײַבן פון דער בינע?"

איך האָב דאָך אָבער געוואָלט וויסן די שטימונג בײַם עולם, האָב איך געבעטן דעם מוזיק־לייטער, סטופּעל, און ער איז אַרויס מעלדן: „חשובער עולם, פרײַנד בורשטיין וויל אײַך זאָגן אַ פּאָר ווערטער איידער מען פאַנגט אָן די פאָרשטעלונג".

אַז דער עולם האָט מיך דערזען איז אויסגעבראָכן אַן אָוואַציע, האָב איך שוין באַקומען מער מוט און אָנגעהויבן רעדן:

— מײַנע ליבע פרײַנד! איך וויל זיך פאַר אײַך אַנטשולדיקן וואָס איך האָב צעשטערט אײַער יום־טוב. עס איז נישט געווען מײַן שולד. איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז איך בין נישט געווען שיכּור. מען האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. מען האָט מיך פּשוט פאַרסמט. וואָלט איך געווען שיכּור, וואָלט איך אײַך דערלאַנגט אַזאַ פאָרשטעלונג, אַז איר וואָלט בײַ מיר געשפּרונגען פון די בענקלעך. איך בין געווען קראַנק, פאַרטשאַדעט, ווײַל מען האָט מיר עפּעס אַרײַנגעטאָן אין דעם ווײַן.

פון פּובליקום האָט מען גענומען צוריקשרײַען: מיר וויסן, מען ווייסט שוין, דודקע ראָזמאַרינס אַ שפּיצל. (ווײַזט אויס, אַז אין אַ קליינער שטאָט זענען נישטאָ קיין סודות).

— איך האָב נישט געוואָלט אָוועקפאָרן מיט שאַנדע פון מײַן קאָוונע — האָב איך פאָרגעזעצט — פון וואַנען איך בין געפאָרן קיין אַמעריקע מאַכן מײַן קאַריערע, דערפאַר האָב איך אַלעמען הײַנט צונויפגערופן, זיך אַנטשולדיקן פאַר אײַך, און איך זאָג אײַך צו אַזאַ פאָרשטעלונג, אַז איר וועט מיר האָבן לאַנג צו געדענקען.

איך האָב טאַקע געהאַלטן וואָרט. דער עולם האָט געשריגן פון זאַל: ניין, איר טאָרט נישט אָוועקפאָרן. איר מוזט בלײַבן און שפּילן ווײַטער!

מען האָט מיך שפּעטער אָפּגעוואַרט פאַרן טעאַטער מיט אַן אָוואַציע. מען האָט מיך אויפגעהויבן און געטראָגן אויף די אַקסלען.

דער סוף איז געווען אַז איך בין פאַרבליבן אין קאָוונע נאָך דרײַ מאָנאַטן, געשפּילט דעם „ראַדיאָ־זינגער”, דערנאָך געשטעלט אַ נײַע פּיעסע „דער קליינער באַנדיט” און געשפּילט טאָג־טעגלעך פאַר איבערפולטע זאַלן.

3. לאָנדאָן, „פּאַוויליאָן”־טעאַטער

פון קאָוונע בין איך געפאָרן קיין לאָנדאָן צו דעם גרויסן דירעקטאָר בלומענטאַל אין דעם באַוווּסטן „פּאַוויליאָן”־טעאַטער אויף דער ווײַטשעפּל ראָוד.

דאָרט האָט געהאַלטן בײַם ענדיקן אירע גאַסטשפּילן די אַמעריקאַנער שוי־שפּילערין צילי אַדלער, צוזאַמען מיט איר מאַן דזשעקעלע קאַהן, וועלכער איז אויך געווען איר געשעפטס־פירער. זיי האָבן באַדאַרפט ענדיקן שבת בײַ נאַכט, און איך — אָנהייבן דעם קומענדיקן פרײַטיק. איך האָב זיך דעריבער גלײַך געשטעלט גרייטן מײַן ערשטע פּיעסע „לייבקע פון אָדעס”.

בלומענטאַל האָט מיך געוואָלט פאָרשטעלן שבת פאַרן פּובליקום בעת צילים לעצטער פאָרשטעלונג, אַזוי האָט זיך געפירט. הכלל, אַזוי ווי איך בין מיט צילין געווען שטאַרק באַפרײַנדט האָט איר מאַן, דזשעקעלע, צוגעזאָגט בלומענטאַלן, אַז ער אַליין וועט מיך פאָרשטעלן.

אין לאָנדאָן האָט עקסיסטירט אַ מינהג, וועלכן מען האָט געקרוינט מיטן נאָמען „דער פויגל”... טאָמער געפעלט דעם עולם נישט אַן אַקטיאָר, נעמט מען אים פּשוט אויספײַפן... ביז דער אַקטיאָר מוז פאַרלאָזן די בינע. דערפאַר הייסט דאָס „דער פויגל”. חנה גראָסבערג האָט אין לאָנדאָן נעבעך איין מאָל באַקומען דעם „פויגל”. זי האָט אָוועקגעחלשט אויף דער בינע און מען האָט זי געמוזט אַראָפּטראָגן.

אַזוי ווי דזשעקעלע קאַהן איז אַרויס פאַרן פאָרהאַנג מיך פאָרשטעלן, זענען אַלע אַקטיאָרן אַרויסגעלאָפן פון זייערע גאַרדעראָבן און זיך אָוועקגעשטעלט הינטער די קוליסן צוצוקוקן וואָס דאָ וועט זײַן.

פאָרגעשטעלט האָט ער מיך: „דער ייִנגסטער, בעסטער, פײַפנדיקער, טאַנצנדיקער, זינגענדיקער אַקטיאָר פון אַמעריקע ‚פּסחקע בורשטיין’”.

איך בין אַרויס אויף דער בינע און דער עולם האָט מיך באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן. ווען ס'איז שטיל געוואָרן האָט עמעצער פון פּובליקום אויסגעשריגן: „זאָגט עפּעס!” איז מיר אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק און איך האָב זיך געוואָנדן צום פּובליקום:

— ליבע פרײַנד, מיר קומט גאָר אויס, אַז מען האָט מיך אַרויסגעפירט, ווי אין אַ צירק, אײַך באַווײַזן די מאַלפּע... איך הייב אָן דעם קומענדיקן פרײַטיק מיט אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע „לייבקע פון אָדעס”, נאָר אַזוי ווי איך האָב

געהערט, אַז בײַ אײַך עקסיסטירט אַ „פויגל״, איז אײדער איר זאָלט מיר געבן דעם „פויגל״, איז... און בײַ דעם שטעק איך אַרײַן מײַנע פינגער אין מויל און גיב אַ פײַף און לויף האַסטיק אַראָפּ פון דער סצענע...

אַ מינוט האָט געהערשט אין זאַל אַ טויטע שטילקייט און מיט אַ מאָל האָט דער עולם אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, גענומען אַפּלאָדירן און שרײַען „ביס״, „ביס״. איך בין שנעל אַראָפּ פון דער בינע און דאָס מאָל האָבן מיר שוין די אַקטיאָרן גראַטולירט און מיר פאַרזיכערט, אַז איך האָב שוין „אײַנגענומען״ לאָנדאָן...

אין יענער טרופּע האָבן זיך געפונען דער גוט באַקאַנטער קאָמיקער יוסף שערמאַן, מײַן פרײַנד איוואַן בוזעט פון ניו־יאָרק (דאָ האָט ער זיך גערופן איזידאָר בוזעט), ה׳ און פרוי גאָלדשטיין (די עלטערן פון דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם קאָמיקער פיניע גאָלדשטיין). עס האָבן אויך מיטגעשפּילט די צווײי ברידער יאַשקע און מאַשקע פײַנבערג.

הכּלל, איך האָב אָנגעהויבן מײַנע גאַסטשפּילן און געוואָרן אין לאָנדאָן אַ ליבלינג און געמאַכט גאָר גרויסע געשעפטן. דער טעאַטער־זאַל איז געווען אַ גרויסער, כּמעט טויזנט פּלעצער. דער באַלקאָן אַליין האָט פאַרמאָגט בײַ 500 פּלעצער. בילעטן האָט מען פאַר דעם באַלקאָן נישט פאַרקויפט. ווער עס איז פריִער געקומען, דער איז געזעסן נענטער. אײנער פון דער דירעקציע פלעגט שטיין בײַ אַ באַזונדערער טיר, וואָס האָט געפירט אויבן צום באַלקאָן און גענומען אַ שילינג פון יעדן מענטשן. מײַן געשעפטס־פירער, באַדאַש, איז געשטאַנען לעבן אים און קאָנטראָלירט, ווײַל איך האָב באַדאַרפט פון יעדן שילינג באַקומען אַ האַלבן. מיר האָבן זיך געטײלט „חצי שלי וחצי שלך״.

אײן מאָל, נאָך צווײי מאָנאַטן שפּילן, לאָזט מען מיר וויסן, אין מיטן אַ פאָר־שטעלונג, אַז מען רופט מיך טעלעפאָניש אָזש פון וואַרשע. איך ענדיק מײַן סצענע אויף דער בינע און לויף צום טעלעפאָן. ווער האָט מיך גערופן? — יצחק קרעלמאַן, דער פאַרוואַלטער פון קאַמינסקיס טעאַטער אין וואַרשע.

קרעלמאַן האָט מיך באַגריסט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „פּאַק אײַן דײַנע זאַכן און קום שוין קיין וואַרשע שפּילן אין קאַמינסקיס טעאַטער. דאָ וואַרט אויף דיר אַ סך געלט. דו וועסט שפּילן מיט דער בעסטער טרופּע אַקטיאָרן אין גאַנץ וואַרשע״. איך דערקלער אים, אַז איך האַלט אין מיטן אַ פאַרשטעלונג און קאָן אים קיין ענטפער נישט געבן, בעט ער מיך, אַז גלײַך נאָך דער פאַרשטעלונג זאָל איך אים צוריקרופן.

איך לויף צוריק אַרויף אויף דער בינע אַ באַגײַסטערטער. מען רופט מיך שפּילן אין קאַמינסקיס טעאַטער. אײן קלייניקייט. איך, וועלכער בין אַוועק פון וואַרשע אַ ייִנגל, און דאָ רופט מען מיך גאָר... קיין וואַרשע גאַסטראָלירן. איך שפּרינג אין דער לופטן פון גדולה.

אָבער איינער פון די פײַנבערגס (איך געדענק נישט צי מאָשקע, צי יאָשקע) האָט מיך שטרענג געוואָרנט: פּאָרט נישט. די מעשׂה געפעלט מיר נישט וואָס מען רופט אײַך אויף דער שנעל, הוק שטוק, איר קריכט אַרײַן אין אַ בלאָטע.

— וואָס רעדט איר נאַרישקייטן? — באַפאַל איך אים — איר ווייסט דען נישט וואָס דאָס מיינט פאַר מיר צו שפּילן אין וואַרשע, און נאָך אין קאַמינסקיס טעאַטער?

— נו, נו, — זאָגט פײַנבערג — איר זאָלט כאָטש געדענקען, אַז איך האָב אײַך געוואָרנט. מען שלעפּט אײַך אַרײַן אין אַ צרה.

געענדיקט די פאַרשטעלונג, האָב איך טעלעפאָנירט צו קרעלמאַנען קיין וואַרשע. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל בײַ אים האָבן נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג ווי אין קאָוונע, און ער האָט מיר פאַרגעלייגט 25 פּראָצענט פון ברוטאָ. דאָס איז זייער אַ הויכער פּראָצענט און אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט זיך געזען מיט מײַנע שוועסטער אַזוי פיל יאָרן, האָט מיך דער פאָרשלאָג געלאָקט — איך וועל האָבן אַצינד די בעסטע געלעגנהייט זיי אַרויסצוהעלפן פינאַנסיעל מיט מײַן קומען קיין וואַרשע. הכלל, איך האָב פאַרענדיקט דאָס געשעפט מיט אים אין טעלעפאָן און ער האָט מיר צוגעזאָגט אַרײַנצושיקן אַ קאָנטראַקט.

מיט גרויס פרייד האָב איך אָנגעזאָגט באַדאַשן די גוטע בשׂורה, אָבער ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער פאָרט נישט. — „דו האָסט שוין אַצינד אַ נײַעם מענעדזשער, קרעלמאַן, ער וועט שוין אַכטונג געבן אויף דיר. איך פאָר צוריק קיין אַמעריקע״.

4. קאַמינסקי־טעאַטער, וואַרשע

צוריק אין מײַן וואַרשע. די שטאָט ווו איך בין געבוירן געוואָרן. אַלע גוט־באַקאַנטע גאַסן — גענשע, סמאָטשע, נײַע מילע, נאַלעווקעס, דער אײַזערנער טויער, קראַשינסקיס גאָרטן, די מאַרשאַלקאָווסקאַ. דער ריח פון דער שטאָט איז מיר געלעגן אין טעם נאָך פון יענער צײַט, ווען איך בין צוריקגעקומען פון בערדיאַנסק און אָנגעהויבן מײַן קאַריערע ווי אַן אַקטיאָר.

יצחק קרעלמאַן האָט מיך שוין געהאַט אַנאָנסירט מיט דער גרעסטער רעקלאַמע: „פּסחקע בורשטיין פון אַמעריקע, וועלכער פײַפט און זינגט אויף די פלאַטן״ און די יידישע צײַטונגען האָבן זיך אויך ברייט צעשריבן וועגן מיר. „פּסחקע, וועלכער איז אַוועק פון פּוילן אַ יינגל, קומט צוריק פון אַמעריקע ווי אַ באַרימטער סטאַר״. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער טריומף פאַר מיר.

אָנגעקומען בין איך אויף דעם ווינער וואָקזאַל און די גאַנצע טרופּע פון קאַמינסקיס טעאַטער האָט מיך אָפּגעוואַרט. איך בין אַראָפּ פון צוג טאַקע ווי דער גרעסטער אַמעריקאַנער סטאַר... מיט אַ גוואַלדיק גרויסן באַגאַזש, אפשר 8 אָדער 10 וואַליזעס.

גנבים האָבן נישט אויסגעפּעלט אין וואַרשע און מען מוז דאָך זאָגן דעם אמת, אַז צווישן זיי האָבן זיך געפונען געניטע יידישע גנבים, אפשר מער ווי גענוג. דערזעענדיק אַזאַ גרויסן באַגאַזש געבראַכט פון אַ יונגן מאַן אין אַן ענגלישן קאַמעלן-מאַנטל מיט אַ פּליושענעם קאַפּעליוש און אַ שפּאַציר-שטעקעלע אין דער האַנט, האָבן זיך די גנבים געגעבן אַ לאָז אין מיין ריכטונג. זיי האָבן פאַר זיך דערזען דאָס אמתע שטיקל אַרבעט. נאָר אַזוי ווי זיי האָבן דערקענט די יידישע אַקטיאָרן אַרום מיר, האָט דער גלאַוונער פון דער חברה געגעבן אַ ווונק: „ניטע" — נישט טשעפּען „נעסקעם", ווייל דאָס איז דער נייער אַקטיאָר, וועלכער איז געקומען שפּילן אין קאַמינסקי-טעאַטער. אַקטיאָרן האָבן זיי נישט „געטשעפּעט". זיי האָבן אַפילו אָפּגעהיטן מיין באַגאַזש ביז מיר זענען אַלע אַרויס פון וואָקזאַל כדי קיין פרעמדע גנבים זאָלן מיך נישט באַגנבענען. יידישע גנבים האָבן געהאַט אַ סענטימענט פאַר יידיש-טעאַטער!!!

געפונען האָב איך אין וואַרשע שרעקלעכע פרעסט און גרויסע שנייען, זייער נאַטירלעך פאַרן חודש פעברואַר. איך האָב זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט און אויפן צווייטן טאָג שוין באַשטעלט די טרופּע צו אַ פּראָבע. מיין טרופּע איז באַשטאַנען פון מאַקס באַזשיק, אייזיק ראַטמאַן, אַן אַקטיאָר מיטן נאָמען קערמאַן און דעם סופלי‎אָר זאַנבערג.

מיין ערשטע פּיעסע איז געווען „לייבקע פון אָדעס". דאָס האָב איך צוגעגרייט ווי מיין „וויזיט-קאַרטע". די ערשטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין אַ פּריוואַטיק. כ'האָב דערזען אַז עס זיצן נישט מער ווי 300 מענטשן אין אַ זאַל, וואָס קען אַריינגעמען טויזנט מאַן. די מעשה איז מיר באַלד נישט געפעלן געוואָרן. אין טעאַטער גופא איז געווען קאַלט, אַ פראָסט. איך האָב באַמערקט ווי דער עולם קלאַפּט מיט די פיס און בלאָזט אין די הענט, כדי זיך צו דערוואַרעמען. אויף דער בינע איז קאַלט געווען אַזוי ווי אין אַן אייזקאַסטן. האָב איך געמאַכט אַ סקאַנדאַל. פאַר וואָס הייצט מען נישט אין דעם טעאַטער? ענטפערט מען, אַז עפּעס איז קאַליע געוואָרן מיט דער באַהייצונג. אַ גוטער תירוץ.

צו מאָרגנס זענען אַרויס די צייטונגען מיט לויבגעזאַנגען: אַז עס איז געקומען איינער פון די בעסטע בוף-קאָמיקערס פון אַמעריקע. אַזאַ זינגען און טאַנצן האָט מען נאָך נישט געהערט און געזען. אָבער — אַ שאָד וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ קאַלטן טעאַטער ווו דער עולם קאָן נישט קומען אים זען.

איך האָב זיך דערנאָך דערוווּסט, אַז בעלי קעסמאַן האָט געמוזט ענדיקן, ווייל זי האָט זיך אויף יענער בינע אַזוי שטאַרק צוגעקילט, אַז זי האָט ווייטער נישט געקענט שפּילן. זי אַליין האָט דאָס מיר געזאָגט.

איך האָב אַפילו באַקומען בריוו פון פּובליקום צוגעשיקט צו מיר אין דעם „האָטעל קראַקאָווסקי" אויף ביעלאַנסקאַ 5 (ווו איך האָב געוווינט) מיט באַדויערונגען ווי, למשל: „ליבער פּסחקע, מיר ווילן אײַך שטאַרק זען און הערן אָבער מיר קענען נישט קומען אין טעאַטער, ווײַל ראשית־כּל דאַרף מען זיך אויסגליטשן אין דעם שניי אויף דעם טיפן באַרג־אַראָפּ, והשנית איז דאָרט אַ גויִישע געגנט און אַהיימגייענדיק נאָך דער פאָרשטעלונג ווערט מען זייער אָפט באַפאַלן. מען האָט מורא דאָרט צו גיין. אײַער פּלאַץ צו שפּילן איז אין דער ייִדישער געגנט".

צו די אַלע אויסגערעכנטע צרות איז נאָך צוגעקומען אַ מעשׂה מיט אַ שאַטניע־קאָנצעסיע. נאַטירלעך האָט קיינער נישט געוואָלט אָוועקגעבן זײַן מאַנטל אין די פּרעסט. איז אָבער דער ייִד פון דער שאַטניע געווען „אַ שטאַרקער". מען האָט פּשוט געריסן די מאַנטלען פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געבעטן, אַז זיי וועלן גערן באַצאָלן די פּאָר גראָשנס פאַר דער שאַטניע אַבי זיך נישט דאַרפן אויסטאָן. דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן און עס זענען פאָרגעקומען גרויסע סקאַנדאַלן אין פאָיע פון טעאַטער.

נאָך 4 וואָכן האָב איך געזען, אַז די שפּיל איז פאַרן טײַוול. האָב איך געפּרוווט אַרײַנטענהן אין טײַערן חבר יצחק קרעלמאַן (שפּעטער געקומען זיך באַזעצן אין תּל־אביב צוזאַמען מיט זײַן פרוי דאָראַ און זייער טעכטערל פּרענסיס). איך האָב זיך בײַ אים געבעטן: באַפרײַ מיך פון דעם קאָנטראַקט. דו זעסט דאָך, אַז עס גייט נישט גוט. צו וואָס זאָל איך מיך מוטשען אומזיסט און אומנישט?

אין דער זעלבער צײַט האָט אָנגעהויבן מיט מיר אונטערהאַנדלען דער אַקטיאָר חיים סאַנדלער, דירעקטאָר פון דעם טעאַטער אויף דער סמאָטשע־גאַס, די סאַמע ייִדישע געגנט אין וואַרשע, ווו ייִדן פלעגן גערן גיין אין טעאַטער. עס האָט בײַ אים דאַן גאַסטראָלירט רודאָלף זאַסלאַווסקי און די געשעפטן זענען געווען זייער שלעכטע. סאַנדלער האָט שוין געהאַט פאַרלוירן צוליב אים אַ פאַרמעגן. אַפילו „דאָס גאָלדענע מעבל" וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך אין שטוב (אַן אמתער פאַקט) האָט ער שוין געהאַט פאַרזעצט.

סאַנדלער איז געווען „אַ טיפּ". גערעדט האָט ער מיט אַ גנבישער שפּראַך:

— הער מיך אויס, ממזר, דו גיב קרעלמאַנען אַ טויזנט זלאָטעס און ער וועט דיך אַרויסלאָזן פון קאָנטראַקט. אָבער עס מוז פאַרבלײַבן אַ סוד, אַז דו קומסט אַרײַן שפּילן צו מיר. אויב נישט לאָזט ער דיך נישט אַרויס.

איך האָב סאַנדלערן געפאָלגט. פאַרגעלייגט קרעלמאַנען טויזנט זלאָטעס, אָבער ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ קאָנטראַ־פּראָפּאָזיציע: אַחוץ די טויזנט זלאָטעס זאָל איך שפּילן נאָך צוויי וואָכן אומזיסט. עס הייסט — נישט נעמען מײַנע פּראָצענטער. דאַן וועט ער מיך באַפרײַען פונעם קאָנטראַקט. איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט. אָנגענומען די תּנאָים וואָס מײַן גוטער חבר האָט מיר געשטעלט. אָפּגעשפּילט נאָך צוויי וואָכן אומזיסט.

איך האָב אַפילו אַוועקגעשיקט צוויי בריוו וועגן דער סיטואַציע קיין ניו־יאָרק. איין בריוו צו מײַן יוניאָן און דעם צווייטן צום טעאַטער־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", איך האָב געשריבן, אַז איך שפּיל אין דעם ריזיקן קאַמינסקי־טעאַטער מיטן גרעסטן דערפאָלג נאָר קיינער קומט מיך נישט זען. שבת און זונטיק אפשר דרײַ אָדער פיר הונדערט מענטשן און אין מיטן דער וואָך נישט מער ווי צוויי הונדערט. פאַר וואָס? ווײַל עס איז אַזוי קאַלט אין טעאַטער, אַז ווען איך פרעג דעם עולם: „זאָגט מיר דעם אמת, איר קלאַפּט ווײַל עס געפעלט אײַך אָדער דערפאַר ווײַל עס איז אײַך קאַלט?" ענטפערן זיי מיר: „ביידע זאַכן".

הכלל, נאָך די צוויי וואָכן בין איך מיט קרעלמאַנען אַרויף אין דעם וואַרשעווער יידישן אַרטיסטן־פאַראיין, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער לעשנע־גאַס נומער 2. ער האָט מיך באַפרײַט פונעם קאָנטראַקט און איך בין ענדלעך פּטור געוואָרן פון דעם גרויסן, קאַלטן קאַמינסקי־טעאַטער.

5. סאַנדלערס טעאַטער אויף דער סמאָטשע-גאַס

חיים סאַנדלער איז געווען איבער גליקלעך, וואָס איך בין באַפרײַט געוואָרן פון קרעלמאַנען און אַריבער צו אים. ער האָט אַנאָנסירט אין דער פרעסע, אַז איך הייב אָן שפּילן אין צוויי וואָכן אַרום מיט מאיר שוואַרצס אַ פּיעסע „דער ראַדיאָ־זינגער". בײַם בויען די דעקאָראַציעס האָט ער צו מיר געזאָגט אויף זײַן „בלאַטן" לשון:

— הער נאָר דו פײַפער... דאָס איז שוין מײַן לעצטע קאָרט (ער איז געווען אַ גרויסער קאָרטן־שפּילער) איך בין פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. אַצינד פאַרזעץ איך אַלצדינג כּדי צו שטעלן דײַן פּיעסע, אַלע בריליאַנטן פון מײַן ווײַב, מײַן גאַנץ צירונג און גאָלד, טאָמער ברענגסטו מיר נישט קיין גרויסע „זבאָרן", שנײַד איך דיר איבער דעם בויך. — אַזוי האָט ער טאַקע גערעדט. נישט נאָר ער, נאָר אויך זײַן פרוי, אַנדזשע לעווין, איינע פון די בעסטע כאַראַקטער־קאָמיקערינס. אויך זי פלעגט רעדן מיט אַ קאָלירפולער שפּראַך. אָבער איר פלעגט דאָס קליידן. זי האָט שפּעטער געשפּילט אין עטלעכע פילמען, צווישן זיי — „יידל מיטן פידל".

די פּיעסע „דער ראַדיאָ־זינגער" איז געווען אַן אויפפירונג מיט סענסאַציאָנעלע חידושים, אַ דאַנק דעם וואָס איך האָב אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע די ערשטע טעלעוויזיע־עפעקטן: אַ הויכן קאַסטן, די גרויס פון אַ טעלעפאָן־בודקע, אין דעם אייבערשטן טייל האָט זיך געפונען אַ שפּיגל (וועלכן איך האָב געהאַט מיטגעבראַכט

פון לאָנדאָן). דער שפּיגל איז געווען באַשמירט אויף דער לינקער זײַט מיט אַ כעמישן שטאָף, וועלכער האָט אים געמאַכט דורכזיכטיק. ווען ס'איז געוואָרן פינצטער אויף דער בינע און ליכטיק אינעווייניק, אין קעסטל, האָט מען מיך געזען דורכן שפּיגל, ווי איך שטיי און זינג פּונקט ווי אין טעלעוויזיע. פאַרשטייט זיך, אַז אין יאָר 1933 איז דאָס ווירקלעך געווען אַ גרויסע אַטראַקציע. (געהאַט אויך אַ דורכפאַל, שפּעטער, אויף דער פּראָווינץ, ווען דער אַלטער ראַטשטיין האָט דעם שפּיגל צעבראָכן. איך געדענק עס ווי הײַנט. מיט אַ געלעכטער האָט ער מיר אָנגעזאָגט די בשׂורה: „איר ווייסט, דער שפּיגל האָט זיך צעבראָכן". איך בין דאָן פאַרבליבן אָן דעם עפעקט. שפּעטער, אין לאָנדאָן, האָב איך שוין געלאָזט מאַכן צוויי שפּיגלען, איינעם אין רעזערוו).

אָבער צוריק צו דער סמאָטשע־גאַס. דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען אין אַ הויף אַנטקעגן דעם באַזאַר. און אַזוי ווי איך האָב געהאַט מיטגעבראַכט מײַנע פּלאַטן (נישט צום פאַרקויפן, חלילה. אין יענע טעג האָט די מאָדע פון פאַרקויפן אייגענע פּלאַטן נאָך נישט עקסיסטירט). האָב איך געהייסן אַרויסשטעלן צוויי גרויסע הילכערס און מען האָט געשפּילט מײַנע פּלאַטן בײַ טאָג און בײַ נאַכט. די טענער האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן הויף אַזש צום באַזאַר.

איך האָב שוין געהאַט אָנגעהויבן די פּראָבעס. מײַן פּאַרטנערין אויף דער בינע איז געווען די שיינע, וווּנדערלעכע אַקטריסע נאַדיאַ קאַרעני, וועלכע האָט מיט מיר דערנאָך מיטגעשפּילט ביז צו מײַן אַוועקפאָרן פון פּוילן. דאָס זעלבע דער כאַראַקטער־קאָמיקער, מײַן פרײַנד יעקב פישער. אין דער טרופּע האָט אויך געשפּילט סאַנדלערס פרוי אַנדזשע לעווין, אַזוי אַז איך האָב געהאַט זייער אַ גוטע טרופּע. מײַן מוזיקאַלישער דיריגענט איז געווען אַ יונגער טאַלאַנט, שײַעוויטש, אַ זון פון יידישע שוישפּילערס.

מײַן דעביוט איז אויסגעקומען אין אַ פרײַטיק־צונאַכטס. פון האָטעל צום טעאַטער בין איך געפאָרן מיט אַ דראָזשקע. די גאַנצע גאַס און דער הויף פון טעאַטער זענען געווען געפּאַקט מיט מענטשן... איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער דראָזשקע, אויפגעהויבן דעם קראַגן פון מאַנטל און אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעליוש איבערן פּנים מען זאָל מיך נישט דערקענען און אָנגעהויבן זיך אַדורכשטופּן דורך דעם המון. הקיצור, מען האָט מיך יאָ דערקענט און דער גאַנצער הויף האָט גענומען שרײַען „אָט איז ער". מען האָט מיך פּשוט אַרײַנגעטראָגן אין טעאַטער. דאָס איז געווען אַרום 7 אַ זייגער און אָנפאַנגען האָט מען באַדאַרפט 8.30.

אַרײַנגעקומען אין דער גאַרדעראָב, האָט מיך חיים סאַנדלער באַגריסט:

— דו זעסט! איך האָב דיר געבראַכט די ערשטע אויספאַרקויפטע פאָרשטעלונג — אַצינד דאַרפסטו ברענגען די איבעריקע! — און ער האָט צוגעגעבן די גוטע בשׂורה, אַז אויף שבת און זונטיק זענען שוין נישט פאַרבליבן קיין בילעטן.

איך האָב אָפּגעשפּילט דעם פֿרײַטיק, שבת און זונטיק, און דאַן האָט זיך אָפּגערופֿן די פּרעסע מיט אַן אָפּהאַנדלונג, געשריבן פֿון דעם ייִדישן קריטיקער קיפּניס (װעלכער איז אויך געװען אַ פֿאָלקסזינגער און צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי, די זעלינגפֿעלד, פֿלעגט ער זאַמלען ייִדישע פֿאָלקסלידער, װעלכע ער פֿלעגט אַרויסלאָזן אין בוכפֿאָרעם). קיפּניס האָט מיך שטאַרק געלויבט און געשריבן, אַז טאַקע דאָ דאַרף איך שפּילן ייִדיש־טעאַטער, און נישט „בײַ די גוייִם". דער סוף איז געװען, אַז איך האָב געשפּילט אין סאַנדלערס טעאַטער דרײַ חדשים. פֿון דער פּיעסע „דער ראַדיאָ־זינגער" זענען פּאָפּולער געװאָרן דאָס ליד „גוד בײַ ניו־יאָרק" און מײַן קופּלעט „פּיטיע דעריטיע", דאָס ליד װאָס איך זינג ביזן הײַנטיקן טאָג און איז פֿאַרבליבן װי אַ „טעאַטער־ירושה" פֿאַר מײַן זון מײַק.

געװען דאַן אין װאַרשע ייִנגלעך, װעלכע פֿלעגן פֿאַרקויפֿן פֿרישע בייגל אויף דער גאַס שפּעט בײַ נאַכט, נאָך די פֿאָרשטעלונגען. אָט די ייִנגלעך האָבן „אַדאָפּטירט" מײַן ליד און זיך באַנוצט מיט אים װי אַ רעקלאַמע פֿאַר זייער מיסחר. דאָס ליד פֿלעגן זיי זינגען מיט זייערע אייגענע װערטער:

הו האָ פּיטיע דעריטיע
צװיי בייגל אַ דרײַער,
הו האָ פּיטיע דעריטיע,
קויפֿט זשע בײַ מיר קויפֿט,
הו האָ פּיטיע דעריטיע,
ס'קאָסט בײַ מיר נישט טײַער,
הו האָ פּיטיע דעריטיע,
קויפֿט און איך אַנטלויף,
יאָם טעדאָ ראָ ראָ האָ האָ.

אין די הויפֿן פֿון װאַרשע פֿלעגט דאַן אומגיין אַ בלינדער בעטלער, געפֿירט פֿון זײַן זונדל, אַ בחורל פֿון 12 אָדער 13 יאָר. ביידע פֿלעגן זיי גיין איבער די הויפֿן זינגען און ס'איז שוין געװען אַ מינהג זיי אַראָפּצוװאַרפֿן אַ פּאָר גראָשן דורך די פֿענצטערס. דער בלינדער בעטלער פֿלעגט זינגען מײַן ליד „גוד בײַ ניו־יאָרק" און איך האָב דאָס איין מאָל בײַגעװוינט, װען איך האָב געגעסן מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן, װעלכער האָט זיך געפֿונען אין אַ הויף. נאָך דעם װי דער טאַטע האָט אָפּגעזונגען דאָס ליד האָט דאָס ייִנגל אויסגערופֿן אויף אַ הויכן קול: „אַ לאַ פּסחקע בורשטיין" — און האָט אָנגעהויבן פֿײַפֿן, נאָר אַזוי װי פֿײַפֿן דורך די פֿינגער האָט ער נישט געקענט האָט ער אַרײַנגעשטעקט צװיי פֿינגער אין די נאָזלעכער, כּדי עס זאָל קלינגען װי מײַן פֿײַפֿן.

איך האָב זיי געגעבן אַ שיינע מטבע און געזאָגט דעם בחורל „דאָס איז אַ לאַ פּסחקע בורשטיין".

אין מײַן צװײטער פּיעסע האָב איך געזונגען אַלעקסאַנדער אָלשאַניעצקיס ליד „מײַן שטעטעלע בעלז” און אַזױ װי איך בין געװען דער ערשטער דאָס צו זינגען אין פּױלן האָט אַ געװיסע מוזיק-געזעלשאַפֿט דאָס צוגעשריבן צו מײַן קרעדיט. זײ האָבן דאָס ליד אָפּגעדרוקט אָן שום דערלױבעניש און אַנשטאָט שרײַבן „געזונגען פֿון פּסחקע בורשטײן” האָבן זײ אָנגעגעבן: „געשריבן פֿון פּסחקע בורשטײן”. פֿרעגט שױן נישט װאָס פֿאַר אַן אומזיסטיקע צרות איך האָב דערפֿון געהאַט, װען איך בין צוריק געקומען קײן ניו-יאָרק. עס האָט מיך געקאָסט אַ סך עגמת-נפֿש ביז איך האָב איבערצײַגט אַ. אָלשאַניעצקין, און דעם מחבר פֿון די װערטער דזשײקאָב דזשײקאָבס, אַז איך בין מיט דעם נישט געװען פֿאַרבונדן. איך בין אומשולדיקערהײט אױסגענוצט געװאָרן.

בעתן פֿאָרשטעלן די צװײטע פּיעסע האָט דער גרױסער אימפּרעסאַריאָ פֿון לאָדזש, דוד צעלמײַסטער, געצומען אונטערהאַנדלען מיט מיר איך זאָל קומען שפּילן אין לאָדזש. איך אָבער האָב שױן געהאַט אָפּגעמאַכט מיט חיים סאַנדלערן צו פֿאָרן קײן װילנע, צוזאַמען מיט דער גאַנצער טרופּע, אַזױ װי זי שטײט און גײט. שױן אַפֿילו געװען אַנאָנסירט. האָב איך צוגעזאָגט צעלמײַסטערן, אַז גלײַך נאָך װילנע און אומגעגנט, װעל איך קומען צו אים קײן לאָדזש און דערװײַל װעלן מיר זײַן אין קאָנטאַקט.

אײדער איך גײ אָן װײַטער מיט מײַן געשיכטע מוז איך דערצײלן װעגן מײַן טײַערן, געטרײַען פֿרײַנד עמיל פֿרידעס. פֿרידעס איז געװאָרן מײַן געשעפֿט-פֿירער אין דער צײַט װען איך האָב געשפּילט בײַ סאַנדלערן אין װאַרשע, אין יאָר 1933.

עמיל פֿרידעס איז פֿאַרבליבן מײַן פּערזענלעכער מענעדזשער און געפֿירט אַלע מײַנע געשעפֿטן און פּערזענלעכע ענינים ביז סוף אױגוסט 1939, װען איך בין אָפּגעפֿאָרן קײן אַמעריקע, אַקוראַט פֿינף טעג אײדער היטלער-דײַטשלאַנד האָט אַטאַקירט פּױלן (פּשוט אַ מזל-זאַך). ער איז דאָן פֿאַרבליבן אין לאָדזש, װוּ ער האָט געהאַט אָװעקגעפֿירט די קאָסטיומען און דעקאָראַציעס פֿון אונדזערע פּיעסעס צו אונדזער פֿרײַנד מילשטײן אין הױף פֿון זײַן האָלצגעשעפֿט. ער איז דאָן אַרײַן אין לאָדזשער געטאָ, ער האָט געטײלט דעם גורל פֿון די זעקס מיליאָן קרבנות.

אים, פֿרידעסן, האָב איך געטרױט מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן. איך האָב קײן געלט נישט געפֿירט מיט זיך, אױסער סומעס װאָס ער פֿלעגט מיר צוטײלן צום לעבן. ער איז געװען מײַן באַנקיר, מײַן פֿרײַנד, מײַן קאָנפֿידענט, מײַן סעקרעטאַר. מיט אײן װאָרט: ער האָט מיך אָפּגעהיט װי אַ קלײן קינד. דורך די אַלע יאָרן פֿון אונדזער פֿאַרבינדעניש געדענק איך נישט, אַז מיר זאָלן האָבן געטוישט צװישן זיך צװײ הױכע װערטער.

פרידעס האָט אַנגאַזשירט די טרופּע־אַקטיאָרן, פרידעס האָט אויסגעצאָלט די גאַזשעס. איך האָב פון גאָרנישט געדאַרפט קלערן. ער איז געווען מײַן רעכטע האַנט.

אַ דאַנק פרידעסן האָט געהערשט אַ פרײַנדלעכע אַטמאָספער און שלום אין דער טרופּע.

ווען דער מענטש וואָלט געוווּסט וואָס וועט אים אין דער צוקונפט פּאַסירן! ווען מיר וואָלטן געוווּסט וואָס פאַר אַ חורבן עס דערוואַרט די ייִדן פון פּוילן, וואָלטן מיר אים מיט כּוח געווען געצוווּנגען מיטפאָרן מיט אונדז, אַנשטאָט פאַר־בלײַבן אין לאָדזש אָפּהיטן די קאָסטיומען מיט די דעקאָראַציעס.

פרידעסעס ברודער טוביה האָט געוווינט אין האָלאַנד. ער פלעגט קומען צו פאָרן אויף עטלעכע חדשים, אַרויסהעלפן בײַם געשעפט. אַזוי ווי טוביה איז געווען זייער אַ הויכער, האָט ער באַקומען אַ צונאָמען „דער לאַנגער פרידעס". אונדזער בינע־לייטער מאַטקע זאַק האָט אים געקרוינט מיט אַ צווייטן צונאָמען — „מר האָלענדער". אים האָבן די נאַציס נאָכגעיאָגט אַזש קיין האָלאַנד. איך האָב געפונען זײַן נאָמען, ווי אויך די נעמען פון זײַן פרוי און קינד, אין „יד ושם", אין ירושלים, צווישן די אומגעקומענע.

עמיל פרידעסן וועל איך אין מײַן ביאָגראַפיע נאָך אַ סך מאָל דערמאָנען, ער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין מײַן לעבנס־געשיכטע.

6. לאָדזש — לעמבערג — קראָקע און... לאָנדאָן

פון וואַרשע בין איך געפאָרן מיט מײַן טרופּע קיין ווילנע שפּילן אונטער סאַנדלערס דירעקציע. איך האָב בײַ אים גענומען פּראָצענטער און ער האָט אַליין באַצאָלט דער טרופּע.

געשפּילט האָבן מיר אין דעם גרויסן שטאָט־טעאַטער, און די ערשטע פּיעסע, נאַטירלעך, איז געווען „דער ראַדיאָ־זינגער". מײַן פּובליקום האָט מיט מיר שטאַרק שטאָלצירט, וואָס איך האָב זיך אין אַמעריקע גערופן „דער ווילנער קאָמיקער". זיי האָבן מיך אויפגענומען מיט אָוואַציעס און די פּיעסע איז זייער געפעלן געוואָרן.

זלמן רייזען, דער ברודער פון דעם וועלט־באַרימטן דיכטער אַברהם רייזען, איז פּונקט דאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון אַ ייִדישער צײַטונג אין ווילנע. ווי איבערראַשט בין איך געווען, ווען ער איז אַרויס מיט אַ שרעקלעכער רעצענזיע און געזאָגט דעם עולם, אַז איך האָב נישט געבראַכט קיין ווילנע דעם ריכטיקן

רעפּערטואַר. דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, ווײַל „דער ראַדיאָ־זינגער" איז דווקא געווען אַן ערנסטע פּיעסע, געשריבן פון מאיר שוואַרץ. נאָך שטאַרקער האָט מיך פאַרדראָסן אויף זלמן רייזען, ווײַל זײַן אייגענע פרוי פלעגט זיצן כּמעט יעדן אָוונט בײַ מיר אין טעאַטער און קוועלן פון דער פאָרשטעלונג. וואָס זשע הייסט דאָס?

אין יענע יאָרן האָב איך פאַרמאָגט יוגנטלעכע חוצפּה, און געווען אַ געוואָגטער דערצו. האָב איך זיך אין אַ געוויסן אָוונט דערלויבט צו רעדן צום פּובליקום פון דער בינע אין מיטן מײַן קופּלעט, ווען די „רייזענאָוואַ" איז פּונקט געזעסן אין אַ לאָזשע:

— זאָגט מיר דעם אמת: האָט דען די פאָרשטעלונג פאַרדינט אַזאַ שלעכטע רעצענזיע? צי האָט מען אונדז געדאַרפט אַזוי מיאוס אַראָפּרײַסן אין דער יידישער צײַטונג? ווען עס וואָלט טאַקע געווען אַזוי שרעקלעך ווי זלמן רייזען שרײַבט, וואָלט דען זײַן פרוי געקומען הײַנט זען די פּיעסע שוין צום דריטן מאָל?

אין טעאַטער איז באַלד געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע. מענטשן האָבן געשריגן: „פאַר באַליידיקן אונדזער פּסחקען דאַרף מען אויפהערן קויפן די צײַטונג. פּסחקע איז אַן אונדזעריקער. אַ ווילנער יאַט. ער איז אונדזער ליבלינג. ס׳איז אַ סקאַנדאַל" און אַז״וו.

פרוי רייזען איז אַרויסגעלאָפן פון טעאַטער און צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מיר טעלעפאָנירט רייזען אין מײַן האָטעל: „פרײַנד בורשטיין, פאַר וואָס באַרעדט איר מיך פון דער בינע? איך זאָג אײַך צו, בײַ אײַער צווייטער אויפפירונג וועל איך אײַך פאַרגיטיקן".

הכּלל, ער האָט געהאַלטן וואָרט. וועגן דער צווייטער פּיעסע האָט זלמן רייזען שוין געשריבן לויבגעזאַנגען און וועגן מיר — אַז „מען קען שפּילן לײַכט טעאַטער און עס זאָל זײַן קינסטלעריש געמאַכט. ס׳איז וויכטיק ווי אַזוי מען שפּילט". מיר זענען נאָך דעם געוואָרן די בעסטע גוטע פרײַנד.

פון ווילנע זענען מיר געפאָרן שפּילן קיין ביאַליסטאָק און פון דאָרטן זיך דורכגעשריבן מיט דוד צעלמײַסטער, אַז ער זאָל אונדז דערוואַרטן גלײַך נאָך ביאַליסטאָק.

מײַנע אַלטע ביאַליסטאָקער פרײַנד האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט מײַנע גאַסטשפּילן. מיר האָבן דאָרט געהאַט גרויס דערפאָלג.

איך האָב זיך אין ביאַליסטאָק צעשיידט מיט סאַנדלערן אויף אַ פרײַנדלעכן אופן — ער האָט מיט מיר זייער גוט פאַרדינט — און ער איז מיט זײַן פרוי צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. פרידעס און איך האָבן גענומען רעאָרגאַניזירן די טרופּע און צוגעצויגן עטלעכע נײַע שוישפּילערס, צווישן זיי לאָלאַ יאַקובאָוויטש, וועלכע האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון סאַנדלערס ווײַב.

הכּלל, צוזאַמען מיט אונדזער טרופּע, נאַדיאַ קאַרעני, פישער און די אַנדערע, זענען מיר ענדלעך אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש.

אָנגעקומען זענען מיר צו דוד צעלמײַסטערן אינעם שײנעם „ראָזמאַיִטאָשטשי"־טעאַטער. דער אײגנטימער פון טעאַטער איז געווען ה׳ מילשטײן און וועגן דער מילשטײן־משפּחה וועל איך נאָך אַ סך שרײַבן. אײן זון איז פאַרבליבן פון דער גאַנצער משפּחה, שמעון, דער ייִנגסטער, און ער געפינט זיך איצט אין תל־אביב צוזאַמען מיט זײַן ליבער פרוי לילי און זײערע טײַערע קינדער.

בעת מײַנע גאַסטשפּילן אין לאָדזש איז שמעון נאָך געווען אַ ייִנגל, אָבער זײַן עלטערער ברודער, יוזשעק, איז געווען דער אַדמיניסטראַטאָר פון טעאַטער. ער איז אויך געווען אַ גוטער פרײַנד מיט עמיל פרידעסן, אַזוי אַז יוזשעק מילשטײן איז יאָרן לאַנג געווען אַ טײל פון מײַן אינטימסטער געזעלשאַפט.

די געשעפטן אין לאָדזש זענען געווען קאָלאָסאַלע. כ׳האָב דאָרט געשפּילט מײַן גאַנצן רעפּערטואַר. „אַ חתונה אין שטעטל" איז געוואָרן די באַליבטסטע פּיעסע בײַ די לאָדזשער טעאַטער־גײערס. תּמיד, ווען איך פלעג צוריקקומען קײן לאָדזש, האָב איך געמוזט ווידער שטעלן „אַ חתונה אין שטעטל".

פון לאָדזש בין איך געפאָרן קײן לעמבערג. דאָרט האָבן מיר געשפּילט אין דעם באַרימטן גימפּל־טעאַטער. אויסער נאַדיאַ, פּישער און אַנעטאַ רײַזער (אין דער ראָלע פון פײַגעלע), זענען די איבעריקע שױשפּילערס אַלע געווען פון לעמבערג. פרידעס האָט זיי דאָרט אַנגאַזשירט ווען מיר זענען אָנגעקומען. די לעמבערגער טרופּע איז באַשטאַנען מערסטנס פון עלטערע מענטשן. יודל גוטמאַן האָט געשפּילט דעם רבין. (שפּעטער האָב איך געשיקט נאָך אים פון וואַרשע, אין 1938, ער זאָל שפּילן די זעלבע ראָלע). חוץ אים האָט מיטגעשפּילט די מאַמע פון לעאָ פוקס, ראָזאַ פוקס, אַלס רוזשע סערצע. איר מאַן, וועלכער האָט געהײסן ראָט, איז געווען דער געשעפט־פירער פון טעאַטער. דער אַלטער אַקטיאָר און זינגער קאַליש — אין דער ראָלע „גוזיק". עס האָט אויך מיטגעשפּילט אַ ברודער פון לודוויג זאַצן. איך דערמאַן זיך נישט די איבעריקע נעמען, אָבער איך פאַר־זיכער אײַך, אַז אַלע צוזאַמען זענען אַלט געווען אפשר טויזנט יאָר.

דער גימפּל־טעאַטער איז געווען אַן אַלטער טעאַטער און די בינע האָט פאַר־מאָגט אַ לאַנגע רײ פון שטאַכעטן, וועלכע האָבן באַשיצט דאָס ליכט אונטן, בײַם ברעג פון דער בינע. די שטאַכעטן אָבער האָבן פאַרנומען כּמעט אַ פערטל פון דער בינע און איך האָב גלײַך געזען, אַז איך וועל נישט האָבן גענוג פּלאַץ צו טאַנצן. בײַ דער מוזיק־פּראָבע בין איך געוואָרן שטאַרק נערוועז און אָנכאַפּנדיק אַן עק פון דעם דראָט האָב איך אים אין גאַנצן אַראָפּגעריסן פון דער בינע. דער אַלטער דירעקטאָר פונעם טעאַטער, גימפּל אַלײן, איז אַרויפגעלאָפן צו מיר אַ פאַרצווײפלטער: „וואָס האָט איר געטאָן? דאָס שטײט שוין אַזוי יאָרן און יאָרן". „איז טאַקע צײַט מען זאָל דאָס אַראָפּנעמען" — האָב איך אים געענטפערט. „ס׳איז מער וויכטיק איך זאָל האָבן פּלאַץ צום טאַנצן".

דער סוף איז אײגנטלעך געווען, אַז ער האָט אָנערקענט, אַז איך בין געווען גערעכט (נאָך דעם ווי זײַן שותּף צום טעאַטער, די אַקטריסע פרוי יאָלעס, האָט

אים איבערצײַגט). יאָלעס איז געווען די פּרוי פון דעם ה׳ מערקל, וועלכער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ קינאָ־טעאַטער. וועגן גימפּלען מוז איך דאָ באַמערקן, אַז ער איז געווען דער פאָטער פון די צוויי טאַלענטירטע גימפּל־ברידער, איינער אַ פּיאַניסט, דער אַקאָמפּאַניסט פון בראָניסלאַוו הובערמאַן, דער צווייטער גימפּל — אַ באַרימטער פידלער.

הכּלל, מיר האָבן געשפּילט „אַ חתונה אין שטעטל" מיט גרויס דערפאָלג. די לעמבערגער אַקטיאָרן האָבן זיך אין טעאַטער געפילט באַלעבאַטיש, ווי אין דער היים, אַז שבת און זונטיק, ווען מיר פלעגן שפּילן אַ מאַטינע־פאָרשטעלונג, האָבן די ווײַבער דאָרט געקאָכט זייער מיטאָג אויף דעם אויוון, וועלכער איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער אַלגעמיינער גאַרדעראָב, ווו אַלע האָבן זיך צוזאַמען אָנגעטאָן ווי אין גרויסע משפּחה. דאָס אויוועלע איז אייגנטלעך געווען צו באַהייצן דעם צימער.

אַזוי ווי די פרוי פוקס האָט געקאָכט מיטאָג פאַר איר משפּחה שבת און זונטיק אין טעאַטער, פלעגט איר זון לעאָ קומען צו דער מאַמען עסן. אַך! ווי לעבעדיק עס איז בײַ אונדז אין דער גאַרדעראָב געווען צווישן די פאָרשטעלונגען! ס׳האָט זיך געטראָגן דער ריח פון טשאָלנט און צימעס אין זאַל אַרויס, צום פּובליקום.

איך דערמאָן זיך, אַז לעאָ פוקס, וועלכער איז דאַן אויפגעטראָטן אין דער פּוילישער שפּראַך, האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט מײַן זינגען און טאַנצן און איבער הויפּט מיט מײַנע אַמעריקאַנער קליידער. ווען ער איז שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער מיך דערמאָנט אין דעם.

אין אַ שיינעם טאָג איז געקומען צו מיר אַ דירעקטאָר פון דעם פּוילישן טעאַטער „באַגאַטעלאַ" אין קראָקע, און ער האָט פאַרבעטן מיך מיט מײַן גאַנצער טרופּע צו שפּילן בײַ אים אין טעאַטער. מיר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דער פאָרשלאָג און איך האָב באַטראַכט מײַן לעמבערגער טרופּע, עטלעכע פון זיי, וועלכע זענען נאָך אין לעבן נישט אַרויסגעפאָרן פון לעמבערג, און זיך געפּרוווט פאָרשטעלן, ווי אַזוי זיי וועלן אויסזען אויף דער בינע פון „באַגאַטעלאַ" אין קראָקע. הכּלל, איך האָב אַקצעפּטירט זײַן פאָרשלאָג. פרידעס האָט אַלעמען געמאָלדן וועגן דעם. מיר האָבן באַשטעלט נײַע קאָסטיומען פאַר אַלעמען, זײַדענע קאַפּאָטעס, טאַפטענע קליידער פאַר די פרויען. אַלץ איז געווען שפּאָגל נײַ. אַלע האָבן געשײַנט.

הכּלל, איך האָב גענומען מײַן לעמבערגער טרופּע און זי אַרויסגעפירט אין דער וועלט.

אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז אין לעמבערג איז יעדער איינער געווען אַ דאָקטאָר. דאָקטאָר אַדוואָקאַט, דאָקטאָר מעדיצין אאַז״וו. איך האָב אַפילו איין מאָל דערמאָנט פון דער בינע, אַז מיר האָבן אַ טעאַטער פול מיט דאָקטוירים, נאָר טאָמער דאַרף מען האָבן אַ פעלדשער אויף אַ רפואה — איז נישטאָ.

אין קראָקע זענען מיר פאַרפאָרן אין האָטעל „ראָיאַל", אַנטקעגן דעם וואַוועל (מ'האָט דערציילט, אַז פּילסודסקיס קערפּער איז געלעגן דאָרטן באַלזאַמירט).

אַזוי ווי מיר האָבן קיינעם נישט געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך צו שפּילן די ראָלע פון „מײַן ברודער" שמעון אין „אַ חתונה אין שטעטל", האָט פרידעס אַנגאַזשירט אַ יונגן שוישפּילער, לעאָן ליבגאָלד, וועלכער האָט געוווינט אין קראָקע מיט זײַנע עלטערן (ביידע ייִדישע שוישפּילערס). „לעאָניק" האָט דאַן געשפּילט מיט מיר צום ערשטן מאָל. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז פאַר־בליבן אין אַמעריקע מיט זײַן פרוי לילי ליליאַנאַ (זיי זענען געקומען גאַסטראָלירן מיט דער „ייִדישער באַנדע") איז אים ווידער אויסגעקומען צו שפּילן מיט מיר טאַקע די זעלבע ראָלע.

אָבער צוריק קיין קראָקע, צום יאָר 1933. אין קראָקע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין דער ייִדישער געגנט אויף בוכאַנסקי־גאַס שפּילט אַ ייִדישע טרופּע מיטן פּאָרפּאָלק דוד זײַדערמאַן און חנה לערנער בראש. מיר איז דאָס נישט אָנגעגאַנגען. איך בין געקומען טאָן מײַן אַרבעט, שפּילן אין דעם פּוילישן „באַגאַטעלאַ"־טעאַטער.

אָנגעהויבן שפּילן האָבן מיר אין אַ מיטוואָך בײַ נאַכט, געדענק איך. דער באַזוך איז דווקא נישט געווען אַזוי פויגלדיק. מײַנע אַקטיאָרן האָבן שוין גענומען אויסטײַטשן, אַז די צווייטע טרופּע האָט אונדז קאַליע געמאַכט דעם דערפאָלג. דער סוף אָבער איז געווען אַ גוטער. דער דירעקטאָר פון טעאַטער איז אַרונטער־געקומען צו מיר, נאָך דעם ערשטן אַקט פון דער פּרעמיערע, צוזאַמען מיט עמיל פרידעסן און מיך געטרייסט:

— פאַניע בורשטיין, זאָרגט אײַך נישט. לויט די קאָמענטאַרן פונעם עולם הער איך, אַז די פּיעסע איז שטאַרק געפעלן געוואָרן. מיר וועלן דאָ מאַכן גרויסע געשעפטן. איר וועט זען.

צו מאָרגנס האָבן זיך טאַקע די געשעפטן פאַרבעסערט און פרײַטיק איז שוין געווען גאָר גוט. שבת אין דער פרי בין איך אַוועק אין דעם קאַפע זשעמיאַנסקי עסן פרישטיק, איידער איך גיי אַרײַן אין טעאַטער שפּילן די ערשטע פאָרשטעלונג. דער „באַגאַטעלאַ"־טעאַטער האָט זיך געפונען אַנטקעגן קאַפע. אַרײַנקומענדיק אין זשעמיאַנסקי־קאַפע האָב איך תּיכּף באַמערקט, ווי מענטשן דערקענען מיך און עטלעכע דאַמעס שושקען זיך איבער און ווײַזן אָן אויף מיר. אַ גוטער סימן, קלער איך בײַ זיך. אָפּגעטרונקען, כאַפּ איך אַ בליק אויפן זייגער און רוף צו דעם קעלנער כּדי אים באַצאָלן. פּלוצעם דערזע איך דורכן פענצטער, אַז די גאַס איז אָנגעפּאַקט מיט מענטשן און עס דרייען זיך שוין אַרום פּאָליציי־לײַט אויף פערד.

פרעג איך דעם קעלנער: „וואָס קומט פאָר אין דרויסן? עפּעס אַ דעמאָנסטראַ־ציע?" דער קעלנער צעשמייכלט זיך גאָר פרײַנדלעך: „ניין, פאַניע בורשטיין, דאָס

גייט מען צו אײַך אין טעאַטער. ווער עס קומט דאָ אַרײַן טרינקען נאָך דער פאָר־שטעלונג לויבט אײַך ביזן הימל אַרײַן".

קוים זיך אַדורכגעשטופּט דורך דעם עולם. דער דירעקטאָר איז מיר אַנט־קעגנגעקומען מיט אַ ברייטן שמייכל:

— נו, וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? איך קאָן זייער גוט מײַן פּובליקום. מיר וועלן נאָך מאַכן אַ סך געלט.

ער איז געווען גערעכט. עס זענען געקומען זען „אַ חתונה אין שטעטל" נישט נאָר ייִדן, נאָר אַפילו קריסטן און, אַזוי ווי „באַגאַטעלאַ" איז געווען דער נאַציאָנאַל־פּוילישער טעאַטער, פלעגן מיר זען צווישן פּובליקום פּוילישע גענעראַלן אין זייערע אוניפאָרמען. אַפילו גלחים פלעגן בײַ אונדז זיצן אין די לאָזשעס. די פּרעסע האָט אונדז זייער וואַרעם אויפגענומען.

אינטערעסאַנט: אין קראָקע האָט זיך געפונען אַן אַנטיסעמיטישע צײַטונג, וועלכע האָט געהייסן „טשאַס". דער קריטיקער אָבער פון דער אַנטיסעמיטישער „טשאַס" האָט זיך צעשריבן וועגן מיר אויף כמעט אַ גאַנצער זײַט. ער האָט מיך אָנגערופן „דער זשידאָווסקי מאָריס שוואָליע", געלויבט מײַן זינגען, מײַן טאַנצן און (ווי ער האָט דאָס אָנגערופן) מײַן שאַרם. דעם אמת געזאָגט, האָב איך צו פיל רעצענזיעס נישט פאַרהיט אין מײַן לעבן. אין אַלגעמיין ווערן די זאַכן פאַרלוירן און פאַרניכטעט דורך אַרומפאָרן און זיך איבערקלײַבן פון לאַנד צו לאַנד, אָבער די אַלטע רעצענזיע פון דער אַנטיסעמיטישער „טשאַס" האָב איך אָפּגעהיט ביזן הײַנטיקן טאָג און זי געפינט זיך איצט, צוזאַמען מיט מײַנע אַנדערע רעצענזיעס, אין ייִוואָ אין ניו־יאָרק.

מיר האָבן דאַן געשפּילט און געשפּילט און געלט האָט מען געטראָגן ווי מצה־וואַסער.

פּלוצעם קומט צו פאָרן פון וואַרשע מאַקס ברין, דער פּרעזידענט פון דעם ייִדישן אַקטיאָרן־פאַראיין, מיט אַ גאַנצער טענה. ווײַזט אויס, אַז די זײַדערמאַן־לערנער־טרופּע אויף בוכאַנסקי האָבן מיך אָנגעקלאָגט אין פאַראיין, אַז איך נעם צו זייער ברויט. זינט אונדזער אָנקומען פון לעמבערג האָבן זיי נישט קיין פּובליקום און אַזוי ווי די לעמבערגער אַקטיאָרן זענען נישט געווען קיין מיטגלידער פון אַקטיאָרן־פאַראיין, באַפעלט מיר ברין איך זאָל שוין פאַרלאָזן די שטאָט. דאָס הייסט ער שיקט מיך אַרויס, כּדי איך זאָל נישט שטערן די געשעפטן פון דער צווייטער טרופּע.

ווי נאָר דער דירעקטאָר פון „באַגאַטעלאַ" האָט דאָס דערהערט האָט ער תּיכּף פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פּשוט שאַנטאַזש, „בלעקמעיל", און ער האָט געוואָרנט, אַז ער וועט גלײַך מעלדן וועגן דעם דער פּאָליציי און אַז ער פּערזענלעך וועט די צווייטע טרופּע פאַרטרײַבן פון שטאָט.

וועלכער ייִד אין פּוילן האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דער פּאָליציי? און ווען די דראָונג איז נאָך געקומען פון אַ דירעקטאָר פון אַ פּוילישן טעאַטער? האָט

מאַקס ברין זיך באַטראַכט און גענומען רעדן גאָר אַנדערע ווערטער. בקיצור, ער האָט געמאַכט אַ פּשרה, אַז איך זאָל צאָלן דער טרופּע זיידערמאַן־לערנער 150 זלאָטעס יעדע וואָך, כּדי צו דעקן זייערע אויסגאַבן. גערופן האָט ער דאָס אַנטשעדיקונג, אָבער געווען איז דאָס פּראָסט־פּשוט כּאַבאַר.

איך בין איינגעגאַנגען, ווייל די גאַנצע געשיכטע איז מיר געווען ניט אָנגענעם און חוץ דעם האָב איך זיך נישט געוואָלט קריגן מיטן פּאַראיין. איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין סיטואַציע אין קאָוונע מיט יאָרן צוריק, און מיין געוויסן וואָלט נישט דערלויבט איך זאָל איגנאָרירן שוישפּילערס, וועלכע דאַרפן פּאַרדינען אויף ברויט. דער ענין איז ענדלעך דערליידיקט געוואָרן און מאַקס ברין איז צוריק־געפּאָרן קיין וואַרשע.

נאָך דעם האָב איך ערשט געשטעלט מיין צווייטע פּיעסע „דער ראַדיאָ־זינגער", וועלכע איז געלאָפן נאָך אַ זעקס וואָכן. איך האָב זיך דערוואָרבן דורך דער צייט אַ סך פריינד, צווישן זיי דער טאַלענטירטער מאָלער בער האַראָוויץ פון וועמען איך האָב אינטערעסאַנטע קאַריקאַטור־בילדער. אַ צווייטער מאָלער, אַ יונגער בחור, האָט פון מיר געמאָלן אַ „קוביסטישן" קאָפּ, און אויך אַ וווּנדער־לעכע צייכענונג אין מיין פראַק און צילינדער אין דער פאָרעם פון אַ טריאַנגל, וועלכן איך האָב גענוצט אין מיינע צייטונגס־רעקלאַמעס ביז אַ געוויסער אַקטיאָר האָט דאָס „אַדאַפּטירט" פאַר זיך... ווי אַזוי? פּראָסט־פּשוט. ער האָט אַרויסגעשניטן מיין פּנים פון דער פיגור און אַריינגעשטעלט זיינעם. מיר האָבן דאַן שטאַרק געלאַכט פון דעם, נאָר אויב איך האָב נישט קיין טעות, באַנוצט ער זיך נאָך ביז היינט מיט דער „אויסגעבאָרגטער" רעקלאַמע — זיין פּנים אונטער מיין צילינדער.

אָפּגעשפּילט אין קראָקע, בין איך מיט מיין טרופּע אַרויסגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ פון גאַליציע — דראָהאָביטש, באָריסלאַוו, בענדין, סאָסנאָוויץ, פּשעמישל אאַז"וו. און נאָך אַ דערפאָלגרייכער רייזע האָבן מיר די טרופּע אָװעקגעשיקט אַהיים, קיין לעמבערג. די אַקטיאָרן האָבן מיר געוווּנטשן דאָס אייביקע לעבן. זיי האָבן ביי מיר גוט פאַרדינט און גוט פאַרבראַכט. און רעדנדיק פון לעמבערג און פון מאָלערס און קינסטלערס מוז איך דערמאָנען זייער אַ וויכטיקן פריינד. פריץ קליינמאַן, אַ זעלטענער טאַלאַנט און אַ גוטער פריינד פון יידיש־טעאַטער בכלל. מיר האָבן נאָך ביז היינט פאַרהיט „מוסטערן" פון זיין טאַלאַנט.

אָוועקגעשיקט די טרופּע, האָב איך מיטגענומען יעקב פישערן און נאַדיאַ קאַרעני און צוריקגעפאָרן קיין לאָדזש, וווּ פרידעס האָט ווייטער געפירט מיינע ענינים.

צוריק אין לאָדזש, האָב איך זיך געפילט ווי צוריק אין דער היים, צווישן פריינד: צעלמייסטער, העניעק בירנבוים, יוזשעק מילשטיין, אויך אַלע מיינע חברים פון די צייטונגס־רעדאַקציעס, געלבאַרט, אַבערזשאַניק, גראַף קאַלי, מיין ליבער משה בראָדערזאָן מיט זיין פרוי, די שיינע מרים. אַלע האָבן זיך דערפרייט מיט מיר.

געשטעלט האָב איך אַ לײַכטע מוזיקאַלישע אָפּערעטע מיטן אויסטערלישן נאָמען „דער בלאָנדער ציגײַנער״, פול מיט אינטריגעס וועגן צוגעגנבעטע קינדער, וועגן ציגײַנערס. זייער שיינע מוזיק, אַ קאָלירפולע בינע מיט שיינע קאָסטיומען. מיר האָבן געמאַכט גלענצנדיקע געשעפטן, און ווען איך האָב אָנגעהויבן פּרווון אַ צווייטע פּיעסע האָב איך באַקומען פּלוצעם אַ שרעקלעכע ידיעה דורך פרידעסן, אַז די פּוילישע רעגירונג מעלדעט מיר אין אַ בריוו, אַז איך מוז פאַרלאָזן פּוילן, ווײַל איך פאַרדין צו פיל געלט. אַ דערשטוינטער האָב איך אָפּגענומען די בשורה. נישט אַנדערש ווי אַ מסירה (דאָס איז געווען אַן אָפּטע דערשײַנונג אין פּוילן). די דירעקציע פון טעאַטער האָט אינטערווענירט פאַר מיר, פרידעס איז געלאָפן אומעטום, אײַנגעריסן וועלטן. איך בין אַוועק צו מײַן פרײַנד מאַקס קאָהן, דער זון פון אָשר קאָהן, דער גרויסער גביר. מאַקס איז געווען אַן ערן־קאָנסול פון שוועדן. אויך ער האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן. די רעגירונג האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו פאַרלענגערן מײַן וויזע. שטעלט אײַך פאָר: איך מוז אַוועק אין דרײַ טעג אַרום.

מײַן מזל איז געווען, וואָס איך האָב זיך אין די אַלע חדשים געהאַט דורכגעשריבן מיטן טעאַטער־דירעקטאָר פון לאָנדאָן, אײַזיקאָוויץ. ער און זײַן פרוי האָבן מיך אין אַלע בריוו געבעטן איך זאָל צוריקקומען קיין לאָנדאָן שפּילן אין זייער טעאַטער אין דער איסט ענד „גראַנד פּאַליי״. איך האָב אין לאָנדאָן געהאַט איבערגעלאָזן אַ גוטן נאָמען. זײַענדיק אין אַזאַ פאַרלעגנהייט, האָב איך תיכף געקלאַפּט אַ טעלעגראַם צו אים, אַז ער זאָל מיר שיקן טעלעגראַפיש אַן אַרבעטס־וויזע, ווײַל איך מוז פאַרלאָזן פּוילן אין דרײַ טעג אַרום און אַז איך וויל שפּילן בײַ אים אין טעאַטער, איידער דער סעזאָן ענדיקט זיך. הכלל, אײַזיקאָוויץ האָט נישט געשוויגן. ער האָט דאָס גלײַך דערלעדיקט. אין צוויי טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַם, אַז בײַ דעם ענגלישן קאָנסול וואַרט שוין אויף מיר די וויזע.

7. אַלעקסאַנדער גראַנאַך און נאַדיאַ קאַרעני

פאַרשטייט זיך, אַז די בעלי־בתּים פונעם טעאַטער, מילשטיין־צעלמײַסטער, זענען געוואָרן פאַרצווייפלט, הערנדיק אַז איך מוז ענדיקן אין 3 טעג אַרום. נאָך גוט וואָס זיי איז געלונגען פריִער צו פאַרבעטן דעם באַגאַבטן שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וועלכער איז אַקוראַט געווען דאַן פרײַ אַרײַנצוטרעטן אין טעאַטער מיט זײַן באַרימטער פּיעסע „די געלע לאַטע״, ווען איך וועל ענדיקן. מיך האָבן זיי געבעטן אַ טובה, איך זאָל בײַ יעדער פאָרשטעלונג אַנאָנסירן, אַז גראַנאַך הייבט אָן די צווייטע וואָך.

איך דערמאָן זיך אָן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, ווי איין מאָל אין אַן אָוונט נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר אַלע אַוועק צו צעלמײַסטערן אין נאַכטלאָקאַל, ווו ער האָט געגעבן אַ באַנקעט לכּבוד מײַן אַוועקפאָרן און לכּבוד גראַנאַכס אָנהייבן. מיר זענען געזעסן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע בײַ געדעקטע טישן, געזונגען, זיך געוויצלט, געלאַכט אויף אַ קול, ווען פּלוצעם איז געשען אַן אינצידענט: בײַ אַ טיש זענען געזעסן דרײַ פּוילישע אָפיצירן שטאַרק שיכּור. דערהערנדיק אונדזער געלעכטער און אויך אונדזער ייִדיש־לשון אויף אַזעלכע הויכע טענער, האָט זיך איינער פון זיי אויפגעשטעלט, איז צוגעקומען צו אונדזער באַנקעט־טיש און גענומען אונדז זידלען אויף פּויליש: „זשידזשי, פּשיאַקרעוו דאָ כאָלערי", הינטישע ייִדן, צום טײַוול, ווי קומט איר דאָ צו זיצן צווישן אונדז. אײַער פּלאַץ איז אין פּאַלעסטינע. וואָן! אַרויס פון דאַנען".

גראַנאַך האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון טיש און האָט דעם פּאָליאַק דער־לאַנגט בלויז איין „שאָס", נישט מער, און יענער האָט זיך גלײַך אויסגעצויגן אויף דער ערד. די אַנדערע צוויי אָפיצירן האָבן זיך גענומען צו זייערע רעוואָלווערן, נאָר גראַנאַך האָט באַוויזן צו אַנטלויפן פון לאָקאַל און אַרויפלויפן אין האָטעל צו מיר אין צימער אַרײַן. די איבעריקע אַרום טיש זענען זיך שנעל צעלאָפן. ווען יענע אָפיצירן וואָלטן דאַן גראַנאַכן געוועזן געפּאַקט, וואָלטן זיי אים זיכער דערשאָסן. אַ קלייניקייט! אַ ייִד זאָל וואַגן שלאָגן אַ פּוילישן אָפיציר.

איך האָב אים נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון מײַן צימער יענע נאַכט. ער האָט געקענט נעכטיקן בײַ מיר, אין מײַן צימער זענען געשטאַנען צוויי בעטן. איך גרייט זיך צום שלאָפן און דערזע מיט איבעראַשונג ווי ער, גראַנאַך, בעט זיך אויס אַ געלעגער אויף דער ערד. וואָס טוסטו? — פרעג איך אים — גיי אין בעט אַרײַן. האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער קען נאָר שלאָפן אויף דער ערד, אויף אַ האַרטן פּאָל. אָט דער גרויסער שוישפּילער, וועלכער האָט געשפּילט „פּראָפעסאָר מאַמליוק" און געדרייט דעם באַרימטן פילם אין רוסלאַנד, „ציגײַנער", איז ווירקלעך געווען אַ ציגײַנער אין לעבן. אַ געזונטער גאַליציאַנער ציגײַנער.

נאַדיאַ איז געווען אַ גוטע חברטע און אַ שיינהייט דערצו. זי האָט פאַרמאָגט אַ קלאַסישן אויסזען, געהאַט אַ פײַנע שטים און געווען אַ גוטע אויסטײַטשערין פון אַ ליד — אַ וווּנדערלעכער מענטש מיט אַ סך מעלות.

מיט נאַדיאַן איז קיין מאָל נישט געווען אומעטיק. זי האָט פאַרמאָגט הומאָר, זי איז תּמיד געווען גרייט מיט איר שיינעם שמייכל, מיט איר וויצעלע, מיט איר אייגנאַרטיקן לשון.

ווי אַ פּאַרטנערין אויף דער בינע האָט זי זיך זייער גוט צוגעפּאַסט צו מיר. זי איז געווען אַן אינטעליגענטע אַקטריסע און דערפאַר טאַקע איז מיר געווען אַ פאַרגעניגן צו שפּילן טעאַטער מיט איר.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב מײַן פֿרוי ליליאַן געבראַכט קיין פּוילן, אין 1939, האָט נאַדיאַ געשפּילט צוזאַמען מיט אונדז און איז געוואָרן די בעסטע חברטע פֿון מײַן פֿרוי. נאַדיאַ איז דאַן געווען די פֿרוי פֿון יוסף קאַמין, דער ברודער פֿון אַליאַשאַ שטיין און אויך דער פֿאָטער פֿון ליאַ קעניג. יוסף איז געווען מײַנער אַ חבר נאָך פֿון די יונגע יאָרן.

טרויעריק איז אונדז געווען די באַגעגעניש מיט נאַדיאַן אין ישׂראל אין 1954, ווען מיר האָבן זי געטראָפֿן אין שפּיטאָל אַ פּאַראַליזירטע. זייער טרויעריק, אַז אַזאַ קלוגע פֿרוי ווי נאַדיאַ זאָל זיך האָבן אַזוי באַנאַרישט.

נאָך דער מלחמה, נאָך איר אָפּמוטשען זיך אין רוסלאַנד און נאָכן פֿאַרלירן איר מאַן יוסף קאַמין, האָט נאַדיאַ חתונה געהאַט מיט אַ מאַן אַ סך יִינגער פֿון זיך. יענער, ווי איך פֿאַרשטיי, איז געווען אַ קנאַפּער מענטש. נאַדיאַ האָט געקענט פֿאָרן קיין אַמעריקע צו איר שוועסטער אַלאַ שליפּקאַ, אָבער זי האָט נישט געוואָלט פֿאָרן אָן איר „מאַן". דאָס נײַ־פֿאַרהייראַטע פּאָרל איז געפֿאָרן קיין ישׂראל, ווו זײַן משפּחה האָט אים געגומען אָפּרעדן פֿון זײַן „עלטערער" ווײַב. פּונקט דאַן איז נאַדיאַן געשען אַן אומגליק מיטן רוקנביין. זי וואָלט אַזוי זיכער געקענט אויסלעבן אירע יאָרן, אָבער צוליב איר פֿאַמיליען־לעבן האָט זי געוואָלט זײַן אַ געזונטע, אָן ווייטיקן. האָט זי זיך געלאָזט אײַנרעדן דורכצומאַכן אַן אָפּעראַציע. דער סוף איז געווען, אַז זי איז פֿאַרבליבן פּאַראַליזירט אין דעם גאַנצן אונטערשטן טייל פֿון איר קערפּער. זי האָט פֿאַרשפּילט. פֿאַרלוירן דעם מאַן און פֿאַרלוירן אַלץ. דער פֿאַדליעץ האָט זיך אַפֿילו נישט אומגעקוקט אויף איר נאָך דעם.

בעת אונדזער ווײַלן אין לאַנד אין 1954 פֿלעגט מײַן פֿרוי זי גיין באַזוכן זייער אָפֿט, אין דער באַגלייטונג פֿון בערטאַ ליטווינאַ (וועלכע האָט מיט אונדז אויך מיטגעשפּילט אין וואַרשע), און עטלעכע מאָל זי אַרײַנגעבראַכט אַזי שטאָט מיט אַ טעקסי. מיר איז געווען זייער פּײַנלעך זי צו זען אין אַזאַ צושטאַנד.

נאַדיאַ איז געווען אַ דאַמע, אַ ליידי.

צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן — האָב איך געשפּילט בײַ אײַזיקאָוויטשן אין זײַן „גראַן פּאַלעי־טעאַטער". עס איז שוין געווען אָנהייב 1934. נאָך עטלעכע וואָכן שפּילן האָב איך באַמערקט, אַז איך האָב שוועריקייטן אין האַלדז בײַם רעדן און בײַם זינגען. נאַטירלעך אַז איך האָב זיך דערשראָקן און בין אַוועק צו אַ גרויסן האַלדז־ספּעציאַליסט. דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז פֿון אָנשטרענגונג בײַם זינגען, ווײַזט אויס, האָב איך באַקומען אַ „נאָדיולאַ", אַ וואָרצל אויף די שטים־בענדער. דאָס איז אייגנטלעך אַ געוויינלעכע דערשיינונג בײַ זינגערס און רעדנערס, אָבער דאָס מוז מען אָפּערירן.

דערהערט דאָס וואָרט אָפּעראַציע, האָב איך גענומען ציטערן. נאָך אַלעמען זענען די שטים־בענדער אין האַלדז זייער און זייער דעליקאַטע סטרונעס! און

טאָמער גייט עפּעס נישט בסדר מיט דער אָפּעראַציע? פון זינגען און רעדן מאַך איך דאַך אַ לעבן. האָב איך דעם גרויסן פּראָפעסאָר געפרעגט אַן עצה, צי דאָס קען נישט אויסגעהיילט ווערן אָן אַן אָפּעראַציע? דערציילט ער מיר, אַז מײַן איינציקע ברירה איז צו זײַן טאָטאַל שטום כּאָטש איין חודש צײַט. נישט אויסרעדן קיין איין וואָרט. דאָן איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז דער וואָרצל זאָל אַליין פאַרשווינדן. און בעסער ווי אַלץ, ראָט ער מיר, איז צו געניסן פון ים־לופט, אויב איך קען דאָס אויספירן. די זאַלץ און דער יאָד פון ים העלפן היילן דעם האַלדז.

ווײַזט אויס, אַז מײַן מזלדיקער שטערן האָט מיר פּונקט דאַן צוגעשײַנט... אין דער שטאָט בוענאָס־איירעס (אַרגענטינע) האָט מען זיך דערוווּסט, אַז איך געפין זיך אין לאָנדאָן. באַקום איך אַ טעלעגראַמע פון אַ געוויסן שוישפּילער מיטן נאָמען לעאָן ברעסטאָוויצקי, אין וועלכער ער פאַרבעט מיך אויף גאַסטשפּיל אין דאָרטיקן עקסעלסיאָר־טעאַטער. ער וועט מיר שיקן אַ שיפסקאַרטע און די רײַזע אויפן ים דאַרף דויערן 28 טעג. איך האָב זיך גלײַך דערפרייט. ים־לופט! פאָרן אויפן ים כאָטש אַ חודש צײַט. אַ רפואה פאַר מײַן האַלדז.

איך האָב תּיכּף אַקצעפּטירט דעם פאַרשלאָג און טעלעגראַפיש זיך פאַרשטענ־דיקט וועגן אָנהייבן שפּילן אין חודש יוני, ווען מנשה סקולניק וועט ענדיקן. (אין יענע חדשים איז ווינטערצײַט אין דרום־אַמעריקע).

הכּלל, איך האָב געמאָלדן אײַזיקאָוויטשן, אַז איך קאָן שפּילן נאָך אַ חודש און זיך גענומען דערווײַל צוגרייטן צו דער רײַזע. דעם האַלדז האָב איך באַנוצט אַזוי ווייניק ווי מעגלעך, כּמעט ווי נישט געזונגען ביז כ׳בין אָפּגעפאָרן מיט דער שיף „היילאַנד פּאַטריאָס” קיין אַרגענטינע.

בײַם אַרויפגיין אויף דער שיף האָב איך באַלד געמאָלדן דעם הויפּט־סטיוואַרד, אַז איך מוז אויסהיילן מײַן האַלדז און טאָר נישט רעדן. האָט ער מיר אָפּגעגעבן אַ טיש אין עסזאַל פאַר מיר אַליין. די פּאַסאַזשירן האָבן געמיינט, אַז איך בין אַ שטומער. דורך דער גאַנצער רײַזע האָב איך קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, בלויז אָנגעשריבן מיט אַ פּען בײַם באַשטעלן עסן. יעדן טאָג פלעג איך ליגן אויפן דעק, זיך באַקן אויף דער זון און אײַנזאַפּן אין זיך די געזאַלצענע ים־לופט.

בײַ נאַכט, ווען אַלע פלעגן טאַנצן, בין איך מיר געשטאַנען בײַ דעם אונ־טערשטן שפּיץ פון דער שיף, אַראָפּגעקוקט אין די שוואַרצע וואַסערן, זיך געקוויקט מיט די עלעקטרישע שטראַלן וואָס האָבן געפינקלט אין וואַסער, געקוקט ווי די שיף האָט אַדורכגעשניטן דעם ים און פון צײַט צו צײַט דערזען אין דער פינצטער־ניש פון דער נאַכט אַ צווייטע שיף פון דער ווײַטנס, באַלויכטן ווי מיט קליינע בריליאַנטעלעך אויף אַ שוואַרצן סאַמעט.

אַזוי פלעג איך שטיין שעהען לאַנג און זיך געטראַכט, אַז איך פאָר אין אַ לאַנד וווּ איך קען קיינעם נישט.

איידער די שיף האָט זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן אין ערשטן פּאָרט אין בראַזיל האָב איך באַשלאָסן אויסצופּרוּוון מײַן שטים. אפשר בין איך שוין טאַקע שטום

געוואָרן. שוין איבער דרײַ וואָכן נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. דעם זעלבן אָוונט אין מײַן קאַבינע האָב איך געפּרוּווט נעמען אַ טאָן און — אַהאַ! עס גייט ווי געשמירט.

די טענער קומען אַרויס פֿון מײַן האַלדז ריין און קרעפּטיק. ווי בײַ אַן אָפּערע־זינגער. אַ פּנים ס׳האָט געהאָלפֿן. מיר איז טאַקע געלונגען אויסמײַדן אַן אָפּעראַציע.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען געמאָלדן די פּאַסאַזשירן, אַז צו מאָרגנס קומען מיר אָן קיין ריאָ־דע־זשאַניירא. דער שענסטער נאַטור־פּאָרט אין דער וועלט. איך האָב זיך צוגעגרייט אַראָפּצוגיין אין שטאָט.

8. ריאָ־דע־זשאַניירא — מאָנטעווידעאָ — בוענאָס־אײַרעס

אויב איך האָב אַ מאָל אין מײַן לעבן געהאַט געחלומט פֿון אַ גן־עדן אויף דער ערד, האָב איך אים דערזען אין יענעם פֿרימאָרגן, אין יאָר 1934, צוקומענדיק צו ריאָ־דע־זשאַניירא, דער פּאָרט איז דאַן נאָך געווען ריין פֿון מאָדערנע עלעקטרישע עפֿעקטן און הויכע מאָדערנע געביידעס. די ריינע נאַטור און דער פֿיזישער געבוי פֿון „ריאָ“ איז פּשוט געווען צו באַוווּנדערן.

ווער עס דערזעט „ריאָ“ צום ערשטן מאָל מוז באַגײַסטערט ווערן. אַראָפּגייענדיק פֿון דער שיף האָב איך דערפֿילט די וואַרעמע פֿײַכטקייט וועלכע הערשט אין דער שטאָט. איך האָב אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי און געפּרוּווט מיטן שאָפֿער זיך צונויפֿרעדן, דערקלערנדיק, אַז איך זוך די ייִדישע געגנט.

איך ווייס נישט עד־היום ווי אַזוי דער שאָפֿער האָט מיך פֿאַרשטאַנען, אָבער ער האָט מיך צוגעפֿירט אין דעם קאַפֿע וווּ ייִדישע אַקטיאָרן קומען זיך צונויף, אויף דער ברייטער אַווענידאַ ריאָ בראַנקאָ מיטן נאָמען „בעלאַז אַרטעס“. אַזוי ווי איך בין אַהין אַרײַן איז צו מיר צוגעלאָפֿן אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿערצן: „איר זענט פּסחקע בורשטיין“, — האָט זי געפֿרעגט אַ דערפֿרייטע אין אַ ריינעם ייִדיש. איך האָב זיך אַוודאי און אַוודאי דערפֿרייט. „כ׳האָב אײַך דערקענט פֿון אײַער בילד“ — האָט צוגעגעבן דאָס מיידעלע — „מײַן טאַטעשי איז דאָך אַוועק צו דער שיף אײַך זוכן“. „ווער איז דײַן טאַטעשי?“ — פֿרעג איך איר. לאָזט זיך גאָר אויס, אַז דאָס מיידעלע איז די טאָכטער פֿון דעם דאָרטיקן טעאַטער־אימפּרעסאַריאָ אײַזיק לובעלטשיק, וועלכן איך האָב געקענט אין די פֿריִערדיקע יאָרן אין לאָדזש, איידער ער מיט זײַן פֿרוי, די אַקטריסע רעגינאַ, זענען אַוועק־

געפאָרן קיין בראַזיל. דאָס מיידעלע דערציילט מיר אַז מײַן פּאַטאַ איז געדרוקט אין דער ייִדישער צײַטונג. דער רעדאַקטאָר סעניאָר קאַראַקושאַנסקי האָט געמאָלדן, אַז איך פֿאָר הײַנט פֿאַרבײַ אויפֿן וועג קיין אַרגענטינע.

אַזוי, אַזוי, טראַכט איך בײַ זיך, אַ פּנים אַז די היגע לענדער זענען מער פֿאַראייניקט ווי איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט. שׂרהלע (אַזוי הייסט דאָס מיידעלע) דערציילט מיר דערווײַל, אַז בײַ איר טאַטן טרעט אַצינד אויף דזשעני גאָלדשטיין, וועלכע האָט שוין אָפּגעשפּילט אין בוענאָס־אײַרעס און איז אויפֿן וועג צוריק קיין ניו־יאָרק.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און לובעלטשיק מיט זײַן פֿרוי רעגינאַ זענען אָנגעקומען אין קאַפּע שרײַענדיק: „ווו ביסטו פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿון דער שיף?". די באַגעגעניש איז געווען אַ פֿריילעכע און האַרציקע און איידער וואָס, ווער, ווען — האָט ער מיט מיר שוין אָפּגעמאַכט אַ געשעפֿט. אויפֿן וועג אַהיים זאָל איך אָפּטרעטן שפּילן בײַ אים אין צוויי שטעט — ריאָ און סאַן־פּאַולאָ.

ווו קען איך געפֿינען דזשעני גאָלדשטיין? — וויל איך וויסן. זאָגט מען מיר אַז זי זיצט אַצינד אין אַ צווייטן קאַפּע מיט חברים. מיר שפּאַצירן צו אַהין און איך גנבֿע זיך שטילערהייט הינטער איר בענקל און שטיפֿעריש פֿאַרשטעל איך איר די אויגן מיט מײַנע הענט. דזשעני האָט געוווּסט, אַז איך דאַרף אָנקומען און האָט זיך שטאַרק צעלאַכט: „פּסחקע פּײַפֿער". מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט קושן און דעם גאַנצן טאָג שוין פֿאַרבראַכט צוזאַמען מיט איר און מיט דער משפּחה לובעלטשיק. נאָך מיטאָג האָט לובעלטשיק מיך צוגעפֿירט צו דער ייִדישער צײַטונג און מיך באַקענט מיט קאַראַקאַשינסקין. נאָך אַ פֿײַנעם אָוונטברויט זענען מיר אַוועק אין טעאַטער, ווו איך האָב באַוווּנדערט דזשעני גאָלדשטיינס פֿאָרשטעלונג „מאַדאַם פּאַיאַטשי". נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָבן אַלע מיך אָפּגעפֿירט צו מײַן ענגלישער שיף — „הייל‎אַנד פּאַטריאָט", וועלכע האָט באַדאַרפֿט פֿאַרלאָזן ריאָ 12 אַ זייגער בײַ נאַכט. די גאַנצע טרופּע אַקטיאָרן האָט מיך באַגלייט. ס'איז געווען אַ גוט געפֿיל. איך בין געשטאַנען אויפֿן דעק פֿון דער שיף און מיט אַ טיכל געמאַכט סימנים און זיך געזעגנט מיט מײַנע פֿרײַנד. און ווען די שיף איז אָפּגעפֿאָרן פֿון פּאָרט האָב איך דאָן ערשט דערזען די שיינקייט פֿון ריאָ. בײַ נאַכט אין דער פֿינצטערניש האָבן די ליכט פֿון קאָפּאַ קאַבאַנאַ טאַקע געפֿינקלט ווי אַ שנירל פּערל.

אַ מידער פֿון דעם רעש און דעם טומל בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן און געחלומט פֿון דער נײַער וועלט, דרום־אַמעריקע.

שיִער נישט פֿאַרגעסן זייער אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד. אַ טאָג פֿריִער, איידער איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין ריאָ האָט זיך די שיף געהאַט פֿאַרהאַלטן אין דער פּאָרטשטאָט רעסיפֿע, וועלכע איז אַ טייל פֿון פּערנאַמבוקאָ. אויך דאָרט האָב איך געזוכט ייִדן, געקוקט אין די געשעפֿטן און זיך נאָכגעפֿרעגט, און שטעלט אײַך פֿאָר מײַן איבעררעשונג, ווען אַ יונגער־מאַן האָט זיך אָנגערופֿן מיט אַ פּוילישן

אַקצענט: „ס׳איז דאָך פּאַוועל בורשטיין״ — דער מאַן האָט מיך געדענקט פון פּוילן. ער האָט מיך אַרומגעפירט אין די יידישע געשעפטן און איך האָב זיך געוווּנדערט וואָס קיינער פון זיי האָט נישט אויסגעזען יידיש. אַלע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שפּאַניאָלער. איידער מיין שיף איז אָפּגעפאָרן האָט מיך דער לאַנדסמאַן געבעטן, אַז אויפן וועג צוריק קיין ניו־יאָרק זאָל איך זיך אָפּשטעלן זיי געבן אַ קאָנצערט. „זאָרגט אייך נישט — האָט ער פאַרזיכערט, — מיר וועלן אייך גוט באַצאָלן. מיר זענען דאָ אַלע רייכע סוחרים״.

נאָך ריאָ האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט אין דעם פּאָרט סאַנטאָס אויף אַ פּאָר שעה און ערשט אויפן דריטן טאָג האָבן מיר זיך דערנענטערט צו מאָנטעווידעאָ.

מאָנטעווידעאָ, אַפילו דער נאָמען פון דער שטאָט האָט מיר געקלונגען פרעמד. גיי ווייס, אַז איך וועל מיט יאָרן שפּעטער חתונה האָבן אין דער שטאָט און נישט נאָר איך, נאָר אַפילו מיין זון וועט דאָרט חתונה האָבן. איך בין דאַן געווען זיכער, אַז דאָ אין דער שטאָט האָב איך נישט קיין איין באַקאַנטן מענטשן. די שיף קומט אַריין אין פּאָרט און שווימט צו צום ברעג. מענטשן שרייען און רופן זיך איבער איינער מיט דעם צווייטן און צווישן דעם געטומל הער איך ווי עמעצער פייפט מיינס אַ ליד. אַצינד בין איך שוין געווען איבערצייגט, אַז דאָס פייפט מען צו מיר. אָבער ווער קען דאָס זיין? ווער געפינט זיך עס דאָ אין דעם פאַרוואָרפענעם לאַנד?

איך האָב לאַנג נישט געדאַרפט קלערן. עס איז באַלד אַרויפגעלאָפן אויף דער שיף מיין אַלטער גוטער חבר פון ווילנע, לוסיק זאַלקינד. אַך! סאַראַ איבערראַשונג. מיר האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט. זיך נישט געהאַט געזען זינט איך בין אַנטלאָפן פון ווילנע (פון די פּאָליאַקן) קיין קאָווגע אין 1921. פּלוצעם לויפט צו מיר צו איינער מיט אַ מיקראָפאָן אין דער האַנט — „רעדט אַריין אַ פּאָר ווערטער — שרייט ער און שטעלט זיך פאַר פאַר מיר — מיין נאָמען איז פּעדראָ שפּרינבערג. אויף מיין ראַדיאָ־פּראָגראַם שפּיל איך אייערע אַלע פּלאַטן און איר זענט דאָ געוואָרן זייער שטאַרק באַליבט״.

כ׳קוק אָן דעם סעניאָר שפּרינבערג מיט זיין מיקראָפאָן אין דער האַנט און מיין קאָפּ דרייט זיך מיר שוין פון דעם געטומל. „נאָט אייך״ — און ער שטופּט מיר דעם מיקראָפאָן אונטער דער נאָז.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב באַגריסט די ראַדיאָ־צוהערערס פון מאָנטעווידעאָ און זיי דערלאַנגט מיין באַרימטן פייף. שפּרינבערג האָט מיך געבעטן איך זאָל גלייך קומען אין זיין סטודיאָ ווו די יידישע ראַדיאָ־שעה דאַרף זיך ערשט אָנהייבן. מיין חבר זאַלקינד וועט מיך שוין פירן מיט זיין מאַשין. נאָר איידער וואָס־ווען, באַווייזן זיך צוויי פאַרשוינען וועלכע כאַפּן מיך קושן.

דאָס זענען געווען די דעלעגאַטן פון „עקסעלסיאָר״־טעאַטער אין בוענאָס־איירעס, שמואל איריס, וועלכן איך האָב געקענט פון ניו־יאָרק און סעמועל

(שמואל) זילבערבערג. זיי זענען געשיקט געוואָרן פון דעם טעאַטער־ראַט מיך צו באַגריסן און מיך באַגלייטן איבער נאַכט קיין בוענאָס־איַירעס.

הכלל, מיר זענען אַלע געפאָרן צו שפּרינבערגן אויף דער ראַדיאָ, ווו עס האָט מיך אָפּגעוואַרט אַ היפּשער עולם. צווישן זיי — אַן איבערראַשונג! מייַן שוועסטער־קינד איַיזיק, דער זון פון מייַן מאַמעס שוועסטער, די מומע לאה פון פּראַגע. איך האָב גאָר געמיינט אַז ער וווינט אין בוענאָס־איַירעס. איך האָב אים אַרומגענומען מיט אַ פריילעך הארץ און איבערגעגעבן גרוסן פון זייַן מוטער מיט זייַנע צוויי ברידער הערש־יאָסל און נח און פון זייַן שוועסטער טויבעלע. איך האָב דאָך זיי ערשט נישט לאַנג געהאַט געזען אין וואַרשע.

פון דעם ראַדיאָ האָבן מיך מייַנע נייַע קאָלעגעס איריס און זילבערבערג געפירט עסן אין אַ שפּאַנישן רעסטאָראַן, ווו איך האָב צום ערשטן מאָל פאַרזוכט די באַרימטע פליישן פון יענער געגנט, די ווונדערבאַרע סטעקן „טשוראַסקאָ" און „ביפע דע לאָמאָ", וועלכע ליגן מיר נאָך אין טעם (דער ערשטער פאַרזוך לאָזט זיך לאַנג געדענקען). אָנגעגעסענע און אָנגעטרונקענע זענען מיר אַלע דרייַ אַוועק צו דער שיף.

אַזוי ווי זיי האָבן שוין געהאַט שיפסקאַרטן, האָב איך זיי פאַרבעטן איבער־נעכטיקן אין מייַן קאַבינע, ווו איך האָב געהאַט פיר בעטן. זיך דורכשמועסנדיק האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער ייִד פּעדראָ שפּרינבערג שפּילט כּסדר מייַנע „קאָלומביאַ"־פּלאַטן שוין אַ לענגערע צייַט און אַ דאַנק מייַן פּאָפּולאַריטעט דאָרט, וועל איך קענען קומען קיין מאָנטעווידעאָ שפּילן עטלעכע פאָרשטעלונגען. שפּרינבערג האָט מיר געהאַט מיטגעגעבן אַ גרוס צו זייַן שוואָגער, מאָטיע סטאָליאַר, וועלכער איז דאַן געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער וויכטיקער אַרגענטינער צייַטונג „די ייִדישע צייַטונג" און דאָס האָט טאַקע געפירט צו אַ לאַנגער פרייַנדשאַפט מיט מאָטיע סטאָליאַר און זייַן משפּחה.

ייִדישע אַקטיאָרן, ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, זענען אַ פאָלק פאַר זיך אַליין. מען ווערט צווישן זיך באַלד היימיש פונקט ווי אייגענע משפּחה. מיר האָבן געלאַכט, פאַרבראַכט און זיך דערציילט טעאַטער־אַנעקדאָטן ביז מען האָט זיך געלייגט שלאָפן.

בוענאָס־איַירעס איז דאַן פאַררעכנט געווען ווי די דריטע גרעסטע מעטראָ־פּאָליע אויף דער גאָרער וועלט (נאָך ניו־יאָרק און שיקאַגאָ). איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל פון דער ווייַטנס, שטייענדיק אויפן דעק פון דער שיף. איך האָב זיך באַלד פאַרליבט אין איר, ווי איך וואָלט אינסטינקטיוו געוווּסט, אַז זי וועט ווערן מייַן צווייטע היים, אַז איך וועל כּסדר קומען אַהער שפּילן טעאַטער אין די קומענדיקע יאָרן.

אַראָפּ פון דער שיף, האָב איך מיט באַוווּנדערונג זיך צוגעהערט צו דעם מוזיקאַלישן קלאַנג פון דער שפּאַנישער שפּראַך. מיר זענען צוגעפאָרן צו דעם

האָטעל „קאָנטינענטאַל״, וועלכער איז געווען איבערפולט. אָבער אַ דאַנק דעם וואָס מנשה סקולניק איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָנטעווידעאָ שפּילן, האָט מען פאַר מיר באַשטעלט זײַן צימער. אָן שום צערעמאָניע האָב איך אַוועקגעשטעלט מײַן געפּעק און געפאָרן גלײַך צום טעאַטער, וווּ אַלע האָבן שוין געוואַרט אויף מיר.

אויפן וועג האָט מען מיר געוויזן די צוויי ייִדישע צײַטונגען „די פּרעסע״ און „די ייִדישע צײַטונג״ כּדי איך זאָל זען ווי גרויס איך בין אַנאָנסירט. אין טעאַטער האָט מען מיך גלײַך אַרויפגעפירט אויף דער בינע און מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער טרופּע. עס האָט מיט מיר מיטגעשפּילט אייגנטלעך „די סמעטענע״ פון די דאָרטיקע שוישפּילערס. די אַריסטאָקראַטישע מאַדאַם זינאַ ראַפּעל און איר מאַן פּעלץ; איר טאָכטער, די יונגע פּרימאַדאָנע אסתּר ראַפּעל מיט איר מאַן זלמן הירשפעלד (וועלכע געפינען זיך איצט אין ישׂראל); בן־ציון בערדיטשעווסקי צוזאַמען מיט זײַן פרוי סוזאַנאַ; דער קאָמיקער האַנדפוס (וועלכער האָט שפּעטער, אין יאָר 1963 מיטגעשפּילט מיט מײַן טרופּע אין ישׂראל); שמואל איריס מיט זײַן טײַערער סאָניאַ איריס, סעמועל זילבערבערג, לעאָן ברעסטאָוויצקי, און לעאָן נאַרעפּקין ווי בינע־לייטער. דער פּיאַניסט פון אָרקעסטער איז געווען סימאָן טענאָווסקי, וועלכן איך האָב דערהויבן צום אמט פון „דיריזשאָר״, אָבער דאָס איז אַ מעשׂה פאַר זיך אַליין. ווי זאָרגלאָז און פריילעך עס איז דאַן געווען אַרום דעם ייִדישן טעאַטער אין בוענאָס־אײַרעס! טעאַטער האָט דאָרט געבליט פּונקט ווי אין ניו־יאָרק און אויף דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ. ווער האָט זיך דאַן געקענט פאָרשטעלן, אַז ייִדיש טעאַטער וועט אַ מאָל האַלטן בײַם אונטערגיין? אַז בײַם שרײַבן די שורות וועט זיך נישט געפינען קיין איין ייִדישער טעאַטער אין ניו־יאָרק צום סעזאָן 1977/78? איך האָב געמיינט, אַז ייִדיש־טעאַטער וועט אייביק, אייביק בליִען.

בײַ דער טרופּע איז אויך געווען אַ גרויסער כאָר פון מיידלעך און מענער (זינגערס און טענצערס) און אויך אַ גרויסער אָרקעסטער. דער דיריגענט פון דעם אָרקעסטער איז גלײַכצײַטיק אויך געווען אַ כאָר־דיריגענט אין אַ שולע און דעריבער נישט געקענט פּערזענלעך זײַן אַנוועזנדיק אויף אַלע פּראָבעס. דערפאַר האָט דער יונגער בחור, טענאָווסקי, אײַנגעשטודירט אַלע געזאַנגען מיט די שוישפּילערס און מיטן כאָר. אַז איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם דיריגענט האָט מען מיר מודיע געווען, אַז ער וועט קומען צו די לעצטע פּאָר פּראָבעס.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג פון דער גענעראַל־פּראָבע. אַלצדינג קלאַפּט ווי אַ מיזמור. די וווּנדערלעכע דעקאָראַציעס, דער כאָר, די קאָסטיומען, אַלע אַקטיאָרן, אויסער דעם דיריגענט, יעדע פּאָר מינוט שטעלט ער אָפּ דעם אָרקעסטער און פרעגט בײַ טענאָווסקין: „וואָס איז דאָס?״ און צו מיר שרײַט ער: „וואָס לויפט איר אַזוי שנעל?״ דאָ האָב איך שוין אין גאַנצן פאַרלוירן מײַן געדולד. איך האָב דערזען, אַז דער ייִד גייט מיך רויִנירן. „אַ חתונה אין שטעטל״ איז נישט קיין „כאַלטורע״ און נישט קיין לידל צו אַקאָמפּאַנירן.

אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ חברים־טרופּע, רוף איך צונויף דעם ראַט און זאָג זיי פּראָסט־און־פּשוט, אַז דער מענטש ווייסט נישט פון זײַן חיות און ער וועט דערהרגענען מײַן פּיעסע. בעטן זיי מיך האָבן געדולד. ער איז אַנגאַזשירט בײַ זיי אויפן סעזאָן. הכלל, איך גיי אײַן. איך דערקלער אים, אַז די פאָרשטעלונג גייט אין אַ געוויסן טעמפּאָ און אויף דעם באַשטייט מײַן דערפאָלג. זאָגט ער צו מיר:

— סעניאָר בורשטיין, עס טויג נישט אַזוי ווי איר ווילט. אַן אָפּערעטע ווערט געזונגען אַ סך לאַנגזאַמער. איך וועל אײַך אָנווײַזן מיט מײַן שטעקעלע און אַזוי זאָלט איר זינגען.

— הערט מיך אויס, — ענטפער איך שוין מיט כּעס, — עס איז מײַן פּיעסע און מײַן ערשטער אויפטריט דאָ. דער אָרקעסטער וועט שפּילן אַזוי ווי איך פאַרלאַנג. — ענטפערט ער מיר מיט חוצפּה, אַז איך ווייס נישט וואָס איך וויל.

דאָ בין איך שוין אין גאַנצן אַרויס פון די כּלים און זיך צעשריִען:

— גייט אַרויס פון אָרקעסטער. מיר וועלן שפּילן אָן אײַך!

די חברים האָבן זיך דערשראָקן:

— וואָס האָט איר געטאָן? בורשטיין! מיר בעטן אײַך, אַנטשולדיקט זיך פאַר אים. מיר וועלן בלײַבן אָן אַ דיריגענט.

ענטפער איך זיי גלײַך:

— איר וועט האָבן אַ דיריגענט און אַ גוטן דיריגענט. — און טענאָווסקין גיב איך אַ באַפעל: — סיאַמאַ, פון הײַנט אָן וועסטו זײַן מײַן דיריגענט.

דער בחור האָט זיך דערשראָקן און געטענהט אַז ער איז דאָך בלויז אַ פּיאַניסט. האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז ער דאַרף קיין מורא ניט האָבן און געגעבן אַ פאַראָרדענונג מען זאָל די פּיאַנאָ אַוועקשטעלן אין דער מיט פון אָרקעסטער און סיאַמען זאָג איך אָן, אַז מיט איין האַנט זאָל ער שפּילן און מיט דער צווייטער האַנט זאָל ער דיריגירן דעם אָרקעסטער, ווי אויך די אַקטיאָרן מיטן כאָר.

יענער דיריגענט איז אַנטלאָפן מיט כּעס און די דירעקציע האָט זיך דערשראָקן. איך האָב זיי ענדלעך באַרויִקט און פאַרזיכערט, אַז טענאָווסקי וועט פירן די אָפּערעטע אויף מײַן פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און אַזוי איז געווען. בעת דער פּרעמיערע האָט ער באַקומען, נאָכן אָפּשפּילן די אוווערטור, אַזעלכע אַפּלאָדיס־מענטן, וואָס קיינער האָט נישט דערוואַרט. פון יענעם טאָג אָן איז סיאַמאַ טענאָווסקי געוואָרן דער ערשטער דיריגענט פון דעם ייִדישן טעאַטער אין בוענאָס־אײַרעס.

ביזן הײַנטיקן טאָג דערציילט ער דער גאַנצער וועלט, אַז פּסחקע בורשטיין האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם אָנהייב פון זײַן קאַריערע. ער האָט דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

9. פּאַטריאָטקעס פון יידישן טעאַטער...

ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַרגענטינע, אין יאָר 1934, האָט שוין געהאַלטן די „לעגאַלע פּראָסטיטוציע" בײַם אונטערגיין. אַ סימן, קורץ נאָך דעם איז יענע אינדוסטריע דערקלערט געוואָרן פון דער רעגירונג ווי אומגעזעצלעך. עס האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט די גאַנצע טראַגישע סיטואַציע. טויזנטער יידישע מיידלעך זענען פאַרנאַרט געוואָרן אַהין, אין משך פון יאָרן, דורך „שיינע" יונגע־לײַט און לײדער נישט געהאַט קיין ברירה, ווי זיך צוגעוווינען צו דעם סאָרט לעבן אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד. לויט ווי מען דערציילט איז די פּאָליציי אַליין געווען קאָרומפּירט און פאַרבונדן מיט די ווײַסע שקלאַפן־הענדלערס. אַ גרויסע ליטעראַטור איז פאַראַן אויף דער טעמע.

אינטערעסאַנט, אַז אַלע יידישע נקבות זענען געווען פּאַטריאָטקעס פון יידישן טעאַטער. זיי פלעגן פרײַטיק פאַרמאַכן פרי „די געשעפטן" און זיך אויסזעצן אין די לאָזשעס פון טעאַטער; אין יעדער לאָזשע איז געזעסן אַ מאַדאַם מיט אירע מיידלעך. עס האָבן צווישן זיך קאָנקורירט איין מאַדאַם מיט דער צווייטער, אַלע אויסגעפּוצט ווי פּרימאַדאָנעס אין עסיק און אין האָניק, באַהאָנגען מיט זייער גאַנצער צירונג.

צו מיר אויף דער בינע פלעגן זיי שיקן גאַנצע קוישן מיט בלומען, מיט אײַנלאַדונגען זיך צו טרעפן אין קאַפע „אינטערנאַציאָנאַל" אָדער קאַפע „פּאָפּולאַר". געוויסע יידישע שוישפּילערס פלעגן טאַקע זײַן באַפרײַנדט מיט זיי. מײַנע דירעקטאָרן האָבן מיך געוואָרנט, אַז טאָמער וועט איך אַ פרײַנד מיט אָט די פּרויען וועל איך לײַדן פּראָפעסיאָנעל און אויך דער טעאַטער וועט לײַדן, ווײַל מאַמעס וועלן מער נישט ברענגען זייערע קינדער צו מיר אין טעאַטער שבת און זונטיק צו די בײַטאָג־פאָרשטעלונגען. (עס האָט תּמיד עקסיסטירט אַ טראַדיציע אין בוענאָס־אײַרעס, אַז יידישע קינדערלעך פלעגן זיצן אויף די טרעפּ פון דער בינע און מיטזינגען אַלע מײַנע לידער. ביזן הײַנטיקן טאָג, אַגב, טרעף איך זיך אין ישׂראל מיט עולים פון אַרגענטינע, וועלכע דערמאָנען מיר, אַז זיי זענען געווען צווישן די דאָזיקע קינדערלעך).

אַגב האָב איך גאָרנישט געוואָלט זיך באַקענען מיט מײַנע „פאַרערערינס פון דער עלטסטער פּראָפעסיע". איך האָב מיט אַלע כּוחות געזוכט דאָס אויסצומײַדן און באַטראַכטנדיק דעם פרײַטיקדיקן עולם, זענען זיי נישט געווען די איינציקע קונים אין טעאַטער. פרײַטיק פלעגט אין יענע יאָרן במילא זײַן אַ גינסטיקער אָוונט פאַר יידישן טעאַטער. אַלע בעלי־בתּים פון די שפּײַז־געוועלבן, קצבים אאַז"וו

פלעגן פרײַטיק פרי שליסן זייערע געשעפטן און קומען מיט זייערע משפּחות אין יידישן טעאַטער.

הכלל, דער סוף איז געווען, אַז כּדי אָפּהיטן מײַן גוטן נאָמען פלעג איך זיך אַרויסגנבענען נאָך דער פאַרשטעלונג דורך אַ הינטערטיר און אַוועקפאָרן פאַר־ברענגען מיט חברים אין די קריסטלעכע קאַפעען אין צענטער פון שטאָט.

האָט זיך אָבער דאָס פובליקום פאַרקלאָגט אויף מיר. די ייִדן פון בוענאָס־איירעס פלעגן נאָך דער פאַרשטעלונג זיצן אין קאַפע „אינטערנאַציאָנאַל" און זענען געווען צוגעוווינט צו זען די סטאַרן אַרײַנקומען אַהין, זיי באַגריסן און אַפּלאָדירן. ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז איך, פסחקע בורשטיין, האַלט זיך גרויס, ווײַל איך ברעך זייער טראַדיציע.

מײַנע דירעקטאָרן האָבן מיר דערציילט וועגן דעם און אין זייער באַגלייטונג טאַקע האָב איך זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אין „אינטערנאַציאָנאַל". אַזוי ווי מיר זענען אַריבער די שוועל פון קאַפע בין איך איבערראַשט געוואָרן פון דער אָוואַציע וואָס איך האָב באַקומען פון מײַן פובליקום. „אָט איז ער", „זע נאָר אַ קראַסאַוועץ". איך האָב זיך אַזש פאַרשעמט. מען האָט מיך שטאַרק אַפּלאָדירט און מיר האָבן זיך צוגעזעצט צו דעם טיש ווו לודוויג זאַץ איז געזעסן מיט זײַן פרוי לילי. (לודוויג האָט אין דער זעלבער צײַט וואָס איך גאַסטראָלירט אין דעם טעאַטער „סאָלעיל", אַ גאַס ווײַטער פון „עקסעלסיאָר").

ביי זייער טיש איז שוין געשטאַנען אַ פלאַש קאָניאַק און מיר האָבן אַלע צוזאַמען גוט פאַרבראַכט. געגעסן, געטרונקען, זיך באַקענט מיטן באַלעבאָס פונעם „אינטערנאַציאָנאַל", ליאָוואַ פאַלעי, אַן אָדעסער ייִד, אַ הויכער, אַ ריז און אַ גוטמוטיקער מענטש. מיר זענען געוואָרן גוטע פרײַנד.

פון יענער נאַכט אָן בין איך שוין געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי ליאָוועו. די בעסטע יידישע מאָלצײַטן האָט מען ביי אים באַקומען און כּמעט יעדן אָוונט פלעג איך קומען אין באַגלייטונג פון מײַנע נײַע האַרציקע פרײַנד. איך וויל אויסרעכענען אַ פּאָר, וועמענס בילדער עס געפינען זיך אין מײַן אַלבאָם פון יענעם וויזיט: מאָטי סטאָליאַר און שמואל ראָזשאַנסקי פון „די אידישע צײַטונג", ד"ר זשיטניצקי און יעקב באָטאָשאַנסקי פון „די פרעסע". סאַלוואַדאָר בערמאַן (טעאַטער־דאָקטאָר פון די שפּאַנישע און אויך פון די יידישע שוישפּילערס). אַלעקס פאַנדעברידער (אַ חבר פון קאָווגע), דער פּראָמינענטער פאָטאָגראַפיסט זבולון ווילענסקי מיט זײַן פרוי און מײַן האַרציקסטער פרײַנד (כּמעט ווי אַ ברודער) בערנאַרדאָ מאַנדלבוים מיט זײַן משפּחה.

מײַנע פרײַנד האָבן מיר אין אַ געוויסן טאָג געוויזן אַ הויז איבערן וואַסער אין סאַן פערנאַנדאָ ווו עס האָבן „געאַרבעט" איבער דרײַ הונדערט פרויען פון פאַרשידענע נאַציעס. איך האָב געוווּסט, אַז דאָרט געפינט זיך די ווײַב פון מײַנעם אַן אַלטן פרײַנד, אַן אַקטיאָר. זי איז מיט יאָרן צוריק אין וואַרשע געווען אַ בילד־שיינהייט, האָט זיך פאַרליבט אין אַ שיינעם בחור, און צוליב אים פאַרלאָזן איר

מאַן און קינד. אַנטלאָפן איז דאָס פּאָרפּאָלק קיין אַרגענטינע. איר טרויעריקער סוף איז נעבעך געווען אַט דאָס הויז אין סאַן פערנאַנדאָ.

איך בין געווען איבערראַשט אויסצוגעפינען וויפל מענטשן אַרום מיר זענען „שטילערהייט" געווען פאַרמישט מיט יענער פּראָפּעסיע... אַן אַקטיאָר פון מײַן אייגענער טרופּע אַפילו האָט אומפאַרשעמטערהייט מיר געוואָלט צושדכנען אַ שאַנס צו אַ זײַטיק פאַרדינסט... וואָס אַרט עס דיך, האָט ער געטענהט, אַ שיינהייט פון אַ פרוי איז פאַרליבט אין דיר. דו קענסט גוט פאַרדינען און איך אויך. איך האָב די חברה געטריבן פון זיך ווי די הינט און טאַקע דערפאַר קען איך הײַנט פרײַ שרײַבן וועגן דעם.

נאָכן אָפּשפּילן „אַ חתונה אין שטעטל" האָב איך געשטעלט אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דער ייִדישער שגץ".

מיר איז שוין באַשערט געווען, אַז „דער ייִדישער שגץ" זאָל מיך נאָכפאָלגן מײַן גאַנץ לעבן. דהײַנו? ווען איך בין אַהיים געפאָרן קיין ניו־יאָרק האָט מײַן חבר לואיס פריימאַן זי איבערגעאַרבעט און געשאַפן דערפון מײַן דערפאָלגרײַכסטע פּיעסע „דער קאָמעדיאַנט", מיט וועלכער איך האָב פאַרדינט זייער אַ סך געלט איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען די ערשטע פּיעסע אין וועלכער מײַן פרוי ליליאַן איז שפּעטער אויפגעטראָטן אין אַרגענטינע אַלס סטאַר. אַפילו מײַן זון מײַק האָט די פּיעסע געשפּילט — אָן אונדז, אין ישׂראל, אונטערן נאָמען „מײַן שטעטעלע בעלז".

אין בוענאָס־אײַרעס האָב איך דעמאָלט שיִער נישט חתונה געהאַט. איך האָב זיך באַקענט דורך מײַנע פרײַנד מיט אַ שיינער רײַכער אלמנה, וועלכע האָט געטאָן אַלץ, וואָס אין איר מאַכט, איך זאָל נישט צוריקפאָרן נאָר בלײַבן מיט איר אין אַרגענטינע. איר פאַרשטאָרבענער מאַן איז געווען אַ קריסט, אַ מיליאָנער. ער האָט פאַר איר איבערגעלאָזט אַ מאַיאָנטעק מיט באָדן און געבײַדעס. ווי אַ חתונה־מתּנה האָט זי געוואָלט אויף מײַן נאָמען איבערשרײַבן אַ ריזיקע געבײַדע אין צענטער פון שטאָט. זי איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר און זייער אַ קלוגע. זי האָט פאַרגעלייגט מײַן פרוי אין אַמעריקע 5000 דאָלאַר כּדי זי זאָל מיך אָפּגטן... אָבער... מיט איין באַדינג: איך מוז זיך אויך אָפּגטן פון טעאַטער. דאָס הייסט אויפגעבן מײַן פאַך. עס קען גאַנץ מעגלעך זײַן, אַז ווען נישט דער באַדינג וואָלט איך אײַנגעגאַנגען.

ס'איז דען שלעכט צו זײַן דער מאַן פון אַ מיליאָנערשע? — האָב איך בײַ זיך געקלערט. איך האָב אָבער דערפילט אַז זי וועט מיך קויפן מיט איר געלט. איך וועל מער נישט זײַן איבער מיר בעל־הבית. איך בין נאָך געווען צו יונג, אַ בחור אין די דרײַסיקער יאָרן, זיך צו לאָזן פאַרבינדן אין אַזאַ סיטואַציע. מסתּם געווען אַזוי באַשערט. און דאַן, ווי אַזוי וואָלט איך, פּסחקע בורשטיין, געקאָנט לעבן אָן טעאַטער? צוליב טעאַטער האָב איך דאָך פאַרלאָזן מײַן היים, מײַנע עלטערן... צוליב טעאַטער וואַנדער איך דאָך אַרום איבער דער וועלט...

געענדיקט מײַנע גאַסטשפּילן אין בוענאָס־אײַרעס, איז די גאַנצע טרופּע אַקטיאָרן געפֿאָרן מיט מיר שפּילן אין מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי. איך האָב זיך געזעגנט מיט לאהלען, די פֿרוי, װעלכע האָט געװאָלט איך זאָל אויפֿגעבן דאָס טעאַטער און בלײַבן מיט איר. צום אָװעקפֿאָרן האָט זי מיר געשאָנקען אַ מתּנה, אַ טײַערן גאָלדענעם בראַסלעט, געמאַכט אויף באַשטעלונג, פֿאַר מײַן זייגער, װעלכן איך האָב געהאַט געקויפֿט אין לאָנדאָן. זי האָט מיר געשוווירן, אַז זי וועט וואַרטן ביז איך וועל בײַטן מײַן מיינונג. זי האָט אָבער נישט געקאָנט וויסן (און איך אוודאי נישט), אַז אין מײַן צוקונפֿט דערוואַרט מיר נאָך אַ „לאהלע״ — די אמתע לאהלע — מײַן באַשערטע.

אַן אינטערעסאַנטע זאַך — ווען איך בין מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער צוריק־געפֿאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס מיט מײַן לאהלען, האָב איך אויף דער שיף באַמערקט, אַז דער טײַערער גאָלדענער בראַסלעט האָט זיך פּלוצעם אָנגעהויבן צערײַסן! קײטל נאָך קײטל!! פּונקט ווי יענע וואָלט געוווּסט, אַז איך קום נישט צוריק צו איר. איך האָב אים געמוזט אויסטאָן און מער נישט טראָגן. און טאַקע קורץ נאָך מײַן אָנקומען קיין בוענאָס־אײַרעס, האָט יענע חתונה געהאַט מיט אַ באַקאַנטן בריליאַנטן־סוחר.

מיר האָבן געשפּילט אין מאָנטעווידעאָ מיט גרויס דערפֿאָלג. און איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב „אײַנגענומען״ פֿרישע צווײ לענדער, אַרגענטינע און אורוגוואַי...

נאָך מאָנטעווידעאָ איז די טרופּע צוריקגעפֿאָרן אַהיים קיין בוענאָס־אײַרעס, און איך בין געפֿאָרן ווײַטער, קיין בראַזיל, צו יצחק לובעלטשיקן.

לובעלטשיק האָט שוין וואַרטנדיק אויף מיר געהאַט צוגעגרייט אַ טרופּע. און איך האָב געשפּילט אין ריאָ־דע־זשאַנײראָ עטלעכע וואָכן, דערנאָך האָב איך געגעבן אַ קאָנצערט, אײנער אַלײן, אין דעם אָפּערע־טעאַטער פֿון סאַן־פּאַולאָ. איך געדענק, אַז דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט. איך האָב צווישן אַנדערע אויסגעפֿײַפֿט אַריעס פֿון די באַרימטע אָפּערעס „ריגאָלעטאָ״ און „לאַ טראַוויאַטאַ״. יענעם אָוונט האָב איך זיך באַקענט מיט די „באָו־מאָנט״, די סמעטענע פֿון דער סאַן־פּאַולער ייִדישער געזעלשאַפֿט: די קלאַביגס (אמתע מיליאָנערן), אין וועמענס הויז איך האָב דאָן פֿאַרבראַכט אַ וואָך — באַריס דאַנעמאַן און זײַן משפּחה, מיט וועלכער איך בין עד־היום באַפֿרײַנדעט (אַ טאַכטער, מאַרגאַ, וווינט הײַנט אין ישׂראל), איך וועל יענע צײַטן אין בראַזיל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן...

איך האָב דאָן צופֿעליק געפֿונען אַ פֿרײַנד אין סאַן־פּאַולאָ. איך בין אין אַן אָוונט אַרויס פֿון מײַן האָטעל, אײנער אַלײן, און געוואָלט געפֿינען אַ נאַכטלאָקאַל, כ׳האָב אָפּגעשטעלט אַ טאַקסי און געפּרוווט מיטן שאָפֿער זיך צונויפֿרעדן. האָט זיך גאָר אויסגעלאָזט, אַז דער מענטש רעדט אַ גוטן ייִדיש. מיר האָבן זיך אַזוי

צערעדט, אַז איך האָב אים פֿאַרבעטן אַרײַנקומען מיט מיר עסק. ער איז פֿון יענעם טאָג אָן פֿאַרבליבן מײַן פּערזענלעכער שאָפֿער, ביז איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון בראַזיל. געהייסן האָט ער יאָסל (דזשאָסיי).

קורץ נאָך יענער געשעעניש האָט יאָסלען געטראָפֿן אַ גרויס גליק — איך האָב קיין מאָל נישט אויסגעפֿונען גענוי, אָבער מען שמועסט, אַז עס איז געווען דורך אַ ירושה — און ער איז געוואָרן אַן אייגנטימער פֿון אַ גרויסן האָטעל. פֿון דעם האָטעל איז ער אַרײַן אין נאָך אַ גרעסערן, דעם „עקסעלסיאָר" — און נאָך דעם געבויט דעם גרעסטן האָטעל אין סאַן־פּאַולאָ „זשאַראַגואַ", וווּ די וויכטיקסטע צײַטונג פֿאַרנעמט עטלעכע שטאָק. שפּעטער האָט ער געבויט „קאָפּאַקאַבאַנאַ עקסעלסיאָר" אין ריאָ, און נאָך דעם דעם „פּרעזידענט"־האָטעל אין בראַזיליאַ — הכּלל — דזשאָסיי (יוסף) טשורס איז געוואָרן איינער פֿון די רײַכסטע ייִדן אין לאַנד. ער איז אויך דער פּרעזידענט פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון אַלע האָטעל־אייגנ־טימערס אין בראַזיל — אָבער — ער האָט קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן זײַן פֿרײַנד, פּסחקע בורשטיין; ווען מיר זענען געקומען קיין בראַזיל, קודם מיט מײַן פֿרוי, און שפּעטער מיט מײַנע קינדער, האָבן מיר געוווינט אין זײַנע לוקסוס־האָטעלן, ווי איך וואָלט געווען זײַן ברודער. ער פֿלעגט תּמיד דערציילן, ווי איך האָב זיך נישט געשעמט צו פֿאַרבעטן אַ טאַקסי־שאָפֿער אין אַן עלעגאַנטן נאַכטלאָקאַל אויף אָוונטברויט — ער פֿלעגט אַפֿילו אונדז באַזוכן אין ניו־יאָרק, צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי, און שפּעטער אין ישׂראל, ווען מיר האָבן דאָרט געוווינט —ווירקלעך, אַ טײַערער ייִד — דזשאָסיי טשורס.

הכּלל, אַלץ וואָס האָט אַן אָנהייב, האָט אויך אַ סוף. איך האָב ענדלעך געמוזט פֿאָרן אַהיים קיין ניו־יאָרק. געפֿאָרן בין איך מיט אַ לוקסוסשיף, וועלכע איז געשווומען זיבעצן טעג איבער די דרום־אַטלאַנטישע וואַסערן, ביז צום קאַלטן, ווינטערדיקן פּאָרט פֿון ניו־יאָרק. די זיבעצן טעג זענען אייגנטלעך געווען פֿאַר מיר אַ וואַקאַציע, און איך האָב טאַקע אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אויסצורוען.

איך האָב געהאַט געשריבן מײַנע ברידער, אַז איך קום אָן מיט דער שיף, און זיי זענען טאַקע געווען בײַ דער שיף מיך אָפּוואַרטן.

נישט נאָר זיי, נאָר אויך מײַן זון, דיקי, האָט מיך אָפּגעוואַרט אין דער באַגלייטונג פֿון זײַן מוטער — איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען מײַנע ברידערס אַרבעט. איך בין טאַקע געווען איבער גליקלעך זיך ווידער טרעפֿן מיט מײַן קינד, וועלכער איז שוין געווען אַ גרויס ייִנגעלע, ער האָט ערשט געהאַט דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע, און מײַן האַרץ האָט מיר געריסן צוזעענדיק ווי בלאַס און דאַר ער איז געווען.

איך האָב דערשפּירט, אַז אי זײַן מוטער און אי מײַנע ברידער האָבן דער־וואַרט, אַז איך זאָל צוריקגיין לעבן מיט איר, אָבער איך האָב אינסטינקטיוו געוווּסט, אַז דאָס איז אַ פֿאַרמאַכט קאַפּיטל אין מײַן לעבן. איך האָב געקוקט אויף איר, און קיין שום געפֿיל נישט געהאַט! איך האָב צוגעזאָגט מײַן זון, אַז מיר

וועלן זיך זען אין עטלעכע טעג אַרום — אַז איך וועל יעדן טאָג רעדן מיט אים אין טעלעפאָן, און בין פֿאַרפֿאַרן אין דעם „יוניאָן סקווער האָטעל״

דער האָטעל איז געווען אַ באַקוועמער, נאָענט צו סעקאָנד עוועניו, צו אַלע טעאַטערס, צו מײַן קאַפּע „ראַיאַל״ און דער עיקר צו דער יוניאָן. עס איז אויך געשטאַנען גלײַך אַנטקעגן אַ הויפּט־פֿאַרבינדונג פֿון אַלע סאַבוויי־באַנען. מיט איין וואָרט, מײַן גאַנצע וועלט, דאָ, האָט זיך געדרייט אַרום יענער געגנט, פֿון יוניאָן־סקווער אויף דער פּערצנטער גאַס, ביז אַראָפּ גאַנץ סעקאָנד עוועניו.

אין האָטעל האָט מיך דערוואַרט אַ סורפּריז. מײַן חבר, דער שרײַבער לואיס פֿריימאַן האָט דאָרט צײַטווײַליק געוווינט. „נו, נו, — האָב איך בײַ זיך געקלערט — עס וועט שוין זײַן לעבעדיק!״ נישט נאָר ער, נאָר אויך אָסקאַר גרין, מיט זײַן נײַער פֿרוי אײדאַ, און מײַנע אַלטע פֿרײַנד אַנאַ און הײמי יאַקאָבאָוויטש — די אַטמאָספֿער איז געווען אַ פֿריילעכע. מיר איז שוין געווען באַשערט, אַז דער „יוניאַן־סקווער־האָטעל״ זאָל ווערן מײַן היים במשך די קומענדיקע עטלעכע יאָר.

ווי נאָר איך האָב אָוועקגעשטעלט מײַן געפּעק, בין איך דאָס ערשטע צוגעלאָפֿן אין דער יוניאָן זיך זען מיט ראובן גוסקין און אים מעלדן, אַז איך בין ווידער אין „צירקולאַציע״ — אַרײַנקומענדיק אין דער געבײַדע האָב איך דערהערט זינגען פֿון דעם ערשטן שטאָק, אַ סימן, אַז עס קומט פֿאָר אַ פּראָבע פֿון אַ טעאַטער. איך עפֿן לאַנגזאַם די טיר, שטעק אַרײַן מײַן קאָפּ, און דערהער אַ געשריי: „פּסחקע בורשטיין! זעט נאָר ווער עס איז דאָ! דער פּײַפּער!!!״

10. די בלאָנדע שיינהייט

דאָס איז געווען אַ פּראָבע פֿון דעם האָפּקינסאָן־טעאַטער. דזשוליוס נאַטאַנזאָנס טרופּע האָט געגרייט אַ נײַע פּיעסע. אַלע גוטע פֿרײַנד האָבן מיך אַרומגערינגלט און געקושט. צווישן זיי טילי ראַבינאָוויטש (אַ גוטע חברטע נאָך פֿון מאַלי פּיקאָנס טעאַטער), גאָלדע אײַזמאַן מיט איר מאַן מאַרטי באַראַץ, מיני און לואי בירנבוים, דוד פֿאָפֿער און טאָקע נאַטאַנזאָן אַליין מיט זײַן פֿרוי אַנאַ. אַלע האָבן זיך מיט מיר דערפֿרייט.

צווישן די אַקטיאָרן האָב איך דערזען שטיין אין אַ זײַט אַ בלאָנדע שיינהייט מיט גרויסע בלויע אויגן און איך האָב דערפֿילט אַז איך קען פֿון איר מײַנע אויגן נישט אַראָפּנעמען. ווער איז דאָס מיידעלע? — האָב איך שטילערהייט געפֿרעגט בײַ טילין. — דאָס איז אַ יונגע אַקטריסעלע — האָט זי מיר דערקלערט. זי פֿלעגט שפּילן קינדער־ראָלעס בײַ מאָריס שוואַרצן. זי האָט ערשט אָנגעהויבן שפּילן דערוואַקסענע ראָלעס. ווײַזט אויס, אַז שיינע פּרויען האָבן מיר תּמיד

אינטערעסירט און דערצו נאָך יונגע... איך בין גלײַך צוגעגאַנגען זיך באַקענען מיט איר. „זײַט באַקאַנט"... האָט טילי אָנגעהויבן — „לאָז", האָב איך זי אָפגעשטעלט. „איך קאָן אַליין... מײַן נאָמען איז פסחקע בורשטיין" — האָב איך געזאָגט צו דער בלאָנדער שיינהייט און גענומען איר צאַרט הענטל. איבערראַשט פון מײַן דרײַסטקייט, האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט די גרויסע אויגן — „און מײַן נאָמען איז ליליאַן לוקס" — האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ יונג שטימעלע. און אַזוי האָב איך זיך באַקאַנט מיט מײַן איצטיקער פרוי, מײַן לעבנס־באַגלייטערין. מיר האָבן ביידע נישט געוווּסט וואָס די צוקונפט וועט אונדז ברענגען. איך האָב איר דערלאַנגט מײַן באַרימטן שמייכל, אַ לאַ פסחקע בורשטיין און בין אַרויס פון זאַל.

ראובן גוסקין האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר און גענומען מאַכן פלענער, ווו איך זאָל שפילן. אַזוי ווי עס איז שוין געווען אין מיטן סעזאָן, פעברואַר 1935, זענען אַלע טעאַטערס געווען אין פולן שוווּנג און אַלע אַקטיאָרן שוין אַנגאַזשירט. עס האָבן דאַן עקסיסטירט 24 יידישע טעאַטערס איבער גאַנץ אַמעריקע און קאַנאַדע. אַפילו איינער אין מעקסיקע. 12 טעאַטערס האָבן זיך געפונען אין ניו־יאָרק גופא.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „מאַקינלי סקווער־טעאַטער" אין די בראָנקס האָט געזוכט אַן אַטראַקציע. די דירעקטאָרן־שותפים זענען באַשטאַנען פון די אַקטיאָרן לעאָן שעכטער, מאַקס לאַסקי און טשאַרלי גאָלדשטיין. איך האָב מיט זיי געשלאָסן אַ הסכם און בין אַרײַן צו זיי שפילן אַ ראָמאַנטישע אָפערעטע „ציגײַנער־ליבע". אין דער טרופע האָבן זיך געפונען מײַנע פרײַנד עטל און אייבי דאָרף און עטל האָט געשפילט מײַן פאַרטנערין, די ציגײַנערין. ווען איך האָב דאָרט געענדיקט, האָב איך זיי מיטגענומען מיט מיר אין האָפקינסאָן־טעאַטער, ווו איך האָב אָפגעמאַכט אָנצוהייבן אויף פסח. די דירעקציע דאָרט איז באַשטאַנען פון אָסקאַר גרין, לואיס גאָלדשטיין און יוליוס נאַטאַנזאָן. זייער טרופע האָט באַדאַרפט אַרויספאָרן אויף פסח שפילן אין דער פראָווינץ מיט שלמה שטיינבערגס נײַער פיעסע „דער קליינער באַנדיט" (אַ פיעסע וועגן דער געשיכטע פון ווײַסן שקלאַפן־האַנדל אין בוענאָס־אײַרעס, איך האָב געוואָגט אין 1940 צו שטעלן די פיעסע אין מאָנטעווידעאָ).

איך דערמאָן זיך, אַז צוגרייטנדיק מײַנע פראָבעס פון „ציגײַנער־ליבע" ערב פסח, אויף דער בינע פון האָפקינסאָן־טעאַטער, יעדן טאָג, איז מיר אויסגעקומען בײַצוווינען איינע פון די לעצטע פאָרשטעלונגען פון באָריס טאָמאַשעווסקי, מײַן ערשטער אימפרעסאַריאָ אין אַמעריקע. דער וועלכער האָט מיך טאַקע געבראַכט אין לאַנד אַרײַן. דאָס איז געווען אַ בענעפיט־פאָרשטעלונג פאַר אים אַליין און ער האָט געשפילט דעם „ישיבה־בחור", זײַן באַרימטע פיעסע (צוזאַמען מיט זײַן פרוי רעגינאַ צוקערבערג, וועלכע איז נאָך דאַן אַלץ געווען אַ שיינהייט). דער זאַל

איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, בין איך געשטאַנען הינטער די קוליסן און באַוווּנדערט דעם גרויסן טאָמאַשעווסקי אין זײַן קרוינראָלע.

פּלוצעם וואַקסט לעבן מיר אויס די יונגע אַקטריסעלע ליליאַן לוקס. זי איז אויך געשטאַנען הינטער די קוליסן כּדי צו כאַפּן אַ בליק. איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר און געמאַכט פּאַר איר פּלאַץ צו זיצן. זי אָבער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי קאָן נישט פאַרבלײַבן. זי איז בלויז, זאָגט זי, אַרײַנגעלאָפן נעמען אַ פּאָר שיך, וועלכע זי האָט פאַרגעסן, ווײַל עמעצער וואַרט אויף איר אין דרויסן (עס האָט זיך דאַן צו איר געשדכנט אַ יונגער בחור וועמענס פאָטער איז געווען אַ בעל־הבית פון „אַרטש סטריט־טעאַטער" אין פילאַדעלפיע, מעני וואָלף, און ער איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון פילאַדעלפיע צו זען). איבעריקנס, האָט זי געפּלאַפּלט ווי אַ קינד, איז זי זייער פאַרנומען, ווײַל שוין מאָרגן אין דער פרי פאָרט זי מיט דער האָפּקינסאָן־טרופּע אַרויס אויף דער פּראָווינץ, אַזוי אַז זי אײַלט זיך. זי איז שנעל אַנטלאָפן און איך האָב איר נאָכגעקוקט קלערנדיק: „אַך, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעך מיידל!"

מיר זענען אָבער געווען אַזוי ווײַט איינער פון צווייטן, ווי דער הימל פון דער ערד. די גאַנצע „דערוואַקסענע" אַקטריסע איז נאָך קיין זעכצן יאָר נישט אַלט געווען. זי איז טאַקע יענעם זומער, נאָך דעם טורנע מיט דער האָפּקינסאָן־טרופּע, אַרײַן אין אַן ענגלישער טרופּע שפּילן אויף דער ענגלישער שפּראַך און צוזאַמען מיט איר האָט מיטגעשפּילט אַ יונגער־מאַן מיטן נאָמען דעני קעי. אים איז באַשערט געווען צו ווערן מיט דער צײַט איינער פון די וועלט־באַרימטסטע סטאַרן אין האָליווּד.

איך האָב אָפּגעשפּילט „ציגײַנער־ליבע" און בין אַוועקגעפאָרן אויף דרײַ חדשים קיין לאָדזש צו פרידעסן שפּילן אין מילשטיינס „ראָזמאַיטאַשטשי־טעאַטער" אונטער דער דירעקציע פון צעלמײַסטער.

איידער איך בין אַוועקגעפאָרן האָב איך זיך געלאָזט אַנגאַזשירן צום נײַעם סעזאָן אין פאָלקס־טעאַטער צו דער נײַער קאָמבינאַציע — מנשה סקולניק און יוסף רומשינסקי אין „פישל דער גראָטענער".

אָפּגעשפּילט אַ דערפאָלגרײַכן זומער אין פּוילן, בין איך אַהיים געקומען קיין ניו־יאָרק פּונקט צו דער צײַט ווען ס'האָבן געדאַרפט זיך אָנהייבן די פּראָבעס אין דעם פאָלקס־טעאַטער. „פישל דער גראָטענער" האָט צונויפגעפאָרט אַ קאָמבינאַציע פון 5 סטאַרן: מנשה סקולניק, אַלאַ ליליט, פּסחקע בורשטיין, דיאַנאַ גאָלדבערג און אירווינג גראָסמאַן. די 5־סטאַרן־קאָמבינאַציע איז געווען אַ גרויסע אַטראַקציע, אַ דאַנק דעם וואָס די פּיעסע איז געווען אַ געלונגענע איז זי טאַקע געלאָפן דעם גאַנצן סעזאָן פון סוכּות 1935 ביז נאָך פּסח 1936. ערשט נאָך דעם

איז מען געפֿאָרן אויף דער פּראָווינץ, שיקאַגאָ, דעטראָיִט, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, פֿילאַדעלפֿיע אאַז״וו.

די מוזיק איז געווען פֿון רומשינסקין און געשפּילט האָט אַן אָרקעסטער פֿון בלויז פֿרויען.

מען זאָגט אַז פֿײַער איז מזלדיק. אַ פּנים אַז ס'איז אמת. אין אַ שבת בײַ טאָג אין מיטן אַ פֿאָרשטעלונג האָט איין מאָל אויסגעבראָכן אַ קלײנער פֿײַער אונטער דער בינע. דאָס פּובליקום האָט גאָרנישט געוווּסט. מיר האָבן געשפּילט די פֿאָר־שטעלונג און הינטער די קוליסן האָבן פֿײַערלעשערס געאַרבעט און אויסגעלאָשן דאָס פֿײַער.

מיך האָט איבערראַשט צו זען די בלאָנדע ליליאַן לוקס זייער אָפֿט אַרײַנקומען אין אונדזער טעאַטער זיך זען מיט אַלאַ לילית. זיי זענען געווען גוטע פֿרײַנד פֿון דעם פֿריִערדיקן זומער, ווען ליליאַן איז אויפֿגעטראָטן אין דער ענגלישער שפּראַך צוזאַמען מיט דעני קעי, אין די בערג, וווּ אַלעקסאַנדער אָלשאַניעצקי איז געווען דער מוזיק־דירעקטאָר. אַזוי ווי אַלאַ לילית איז געווען די חברטע פֿון שוראַ אָלשאַניעצקי און איז דאָרט אויך געזעסן דעם גאַנצן זומער, האָט זיך ליליאַן מיט איר שטאַרק באַפֿרײַנדט.

מיר איז תּמיד געווען אַ פֿרייד זיך צו טרעפֿן מיט איר בײַ אונדז אין טעאַטער אָדער אין קאַפֿע „ראָיאַל״, אָבער אונדזער באַקאַנטשאַפֿט איז בלויז באַשטאַנען פֿון נישט מער ווי „האַלאָ״ און „וואָס מאַכט איר״... בײַ יעדער באַגעגעניש האָב איך איבערגעלעבט אַ נאַגעניש אין האַרץ, אַ געפֿיל פֿון ווען נענטער באַקענען זיך מיט דעם מיידל. דער געדאַנק אָבער, אַז זי איז געווען פֿיל יִינגער פֿון מיר, האָט מיך אָפּגעהאַלטן.

איך געדענק אַפֿילו אַ געוויסן טאָג, ווען איך האָב זי אומדערוואַרט געטראָפֿן אויף אַ ייִדישער ראַדיאָ־סטאַנציע אין בראָנקס, וווּ איינער אייב ליימאַן האָט אָנגעפֿירט מיט ייִדישע פּראָגראַמען. איך בין געקומען צוליב מײַן שטענדיקער פּראָגראַם אויף רוסיש און ייִדיש אונטערן נאָמען „דער אָדעסער יאַט״ און ליליאַן איז יענעם סעזאָן געווען באַשעפֿטיקט מיט שרײַבן סקעטשן, לידער און זינגען אין פֿאַרשידענע פּראָגראַמען.

איך האָב זיך אין יענעם טאָג דערוווּסט וואָס און ווער ליליאַן לוקס איז. כאָטש זי איז געווען געבוירן אין אַמעריקע, פֿון „רוסישע״ עלטערן, וועלכע זענען אָנגעקומען ווי יונגע קינדער, איז זי דאָך געווען אַן איבערצײַגטע ייִדישיסטין. דורכגעמאַכט די שלום־עליכם־פֿאָלקסשול און מיטלשול. די ייִדישע דערציִונג האָט זי אין אירע צאַרטע יאָרן אַנטוויקלט אין אַ וועלטלעכן מענטש. איר מענטאַ־ליטעט איז געווען פֿון אַ פֿרוי פֿיל עלטער ווי אירע יאָרן. איך האָב אין איר געפֿונען אַ רײַפֿע, אינטערעסאַנטע פֿרוי.

עס איז אונדז אויסגעקומען צוריקצופֿאָרן אין שטאָט פֿון די בראָנקס צוזאַמען אויף דער זעלבער סאָבוויי־באַן. איך האָב איר דערציילט אַז איך פֿאָר באַלד

צוריק קיין פוילן שפּילן פּריימאַנס נײַע פּיעסע „דער קאַטערינשטשיק" און אַזוי ווי איך ווייס אַז זי האָט אין דער פּיעסע געהאַט אויפגעטראָטן מיט נאַטאַנזאָנען האָב איך איר פאָרגעלייגט פאָרן מיט מיר קיין לאָדזש דעם זומער ווי די פּרימאַ־דאָנע און אויך מיר העלפן אין דער אויפפירונג. איך געדענק עס ווי הײַנט. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אירע לאַכנדיקע בלויע אויגן און געשטוינט, וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן אַזאַ זאַך. „וואָס רעדט איר? — האָט זי געענטפערט — מײַנע עלטערן וועלן מיך קיין מאָל נישט לאָזן פאָרן". מיר האָבן ביידע זיך צעלאַכט. אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, איז יעדער זיך געגאַנגען זײַן וועג און מיט דעם האָט זיך אונדזער באַגעגעניש געענדיקט.

אין דער צײַט פון מײַן שפּילן אין „פּישל" פלעג איך אָפּט זען מײַן זון. ער פלעגט קומען צו מיר אין טעאַטער, איבערשלאָפן מיט מיר אין האָטעל פרײַטיק און שבת בײַ נאַכט און איך האָב שטאַרק געליטן צוזעענדיק ווי אומגליקלעך ער איז וואָס ער איז אָפּגעשיידט פון מיר. מײַנע ברידער און די שוועגערינס האָבן גענומען זיך אַרײַנמישן, מיך צורעדן איך זאָל צוריק גיין וווינען מיט ווײַב און קינד. „ווי לאַנג איז דער שיעור צו מאַכן לײַטיש געלעכטער", האָבן זיי געטענהט. „עדנאַ האָט זיך דורך די פּאָר יאָר שטאַרק אָנגעמוטשעט. זי איז שוין קליגער געוואָרן. מאַך נאָך אַ פּרווו". מען האָט מיך פּשוט נישט אָפּגעלאָזן, ביז... מען האָט מיך אײַנגערעדט.

מײַן איינזאַמקייט און דער רחמנות אויף מײַן קינד האָבן צוגעאײַלט דעם באַשלוס. איך האָב זיך מיט מײַן פרוי ווידער איבערגעבעטן און ווידער געדונגען אַ פרישע דירה, ווידער נישט ווײַט פון אירע עלטערן. מײַן קינד איז געווען איבערגליקלעך. איך האָב אין אים אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נשמה. אין דער פרי, ווען ער פלעגט זיך אָנטאָן צו גיין אין דער שולע, פלעגט ער מיך קושן. „מײַן טאַטע וווינט מיט מיר!" — דאָס איז פאַר אים געווען אַ טרייסט.

וואָס שײַך אָבער עדנאַן האָט די אידיליע לאַנג נישט געקענט אָנהאַלטן. איך האָב באַלד געוווסט, אַז איך האָב זיך באַנאַרישט וואָס איך האָב זיך געלאָזט אײַנרעדן פון מײַן משפּחה. מיר זענען געווען צוויי פאַרשידענע וועלטן, זיך אַפילו נישט געקענט פאַרשטיין. איך בין שוין געווען צוגעוווינט צו אַן אַנדער שטייגער פון לעבן, קיין ליבע האָט צווישן אונדז נישט עקסיסטירט. איך בין געווען אומגליקלעך און איך בין זיכער אַז זי אויך. נאָר כּדי ווידער נישט צעברעכן דעם קינדס האַרץ בין איך פאַרבליבן אין שטוב און פלעג שלאָפן אויף דער סאָפע. פאַרשטייט זיך, אַז קיין לעבן איז דאָס פאַר מיר נישט געווען. איך האָב זיך געפילט ווי אין אַ תּפיסה און נאָר געוואַרט אויף דעם מאָמענט איך זאָל קענען אַנטלויפן. איין מאָל פאַר אַלע מאָל איבעררײַסן.

אַזוי ווי עס איז שוין געווען סוף סעזאָן, האָט די דירעקציע מיך געבעטן פאָרן אויף דער פּראָווינץ. איך אָבער האָב זיך אָפּגעזאָגט, ווײַל איך האָב געדאַרפט פאָרן שפּילן צו פרידעסן קיין לאָדזש. גוסקין האָט אָבער געשיקט מיך רופן און

געפֿאָדערט אַז איך מוז פֿאָרן, ווען נישט וועט זיך די טרופּע צעפֿאַלן און מענטשן וועלן בלײַבן אָן אַרבעט און די באַציִונגען מיט דער פּראָווינץ וועלן לײַדן. עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז אוירווינג גראָסמאַן מיט זײַן פֿרוי דיאַנאַ פֿאָרן אַוועק קיין בוענאָס-אײַרעס און אויף זייערע ערטער דאַרפֿן שפּילן לעאָן גאָלד (וועלכער איז נאָך הײַנט אַ חזן אין באָסטאָן) און מנשה סקולניקס יינגערע טאָכטער, הענאַ, וועלכע האָט זיך גערופֿן אין טעאַטער „מאַנאַ אַש״.

איך האָב ליב געהאַט מײַן ראָלע אין דער פּיעסע. כ׳האָב געשפּילט אַ ברודער פֿון אַלאַ לילית. איך — אַ גאַסן-פּויקער און זי — אַ זינגערין, וועלכע גייען אַרום איבער די הויפֿן אין פּוילן כּדי צו מאַכן אַ לעבן. איך האָב געמאַכט מײַן ערשטן אויפֿטריט טראַגנדיק אַ פּויק אין די הענט, גלעקלעך זענען געווען אָנגעהאָנגען אויף מײַן הוט און מײַנע אַרבל. אויך אויף מײַנע שטיוול זענען געווען אָנגעהאָנגען גלעקלעך.

ד״ר מאַרגאָשעס, דער פּראָמינענטער שרײַבער און קריטיקער פֿון „דער טאָג״-צײַטונג האָט וועגן מיר דאָן געשריבן אין זײַן רעצענזיע די דאָזיקע ווערטער: (איך ציטיר) „ווען מאַני לייב האָט אָנגעשריבן זײַן ,גאַסן-פּויקער׳ האָט ער אַ פּנים אין זינען געהאַט פּסחקע בורשטיין״.

חוץ דעם בין איך אין צווייטן אַקט אויפֿגעטראָטן ווי אַ „טשערקעס״, אין אַ ווײַסן טשערקעס-קאָסטיום מיט אַ ווײַסער פּאַפּאַכע און ווײַסע שטיוועלעך; גע-זונגען און געטאַנצט „טיפֿליס״ אין אַ פּרעכטיקן פֿײַף-דועט ספּעציעל געשריבן פֿאַר מיר מיט דיאַנאַ גאָלדבערג.

דער עיקר, איך האָב געוואָלט פֿאָרן, און ווויסנדיק אַז מײַן פּאָזיציע איז אַ שטאַרקע האָב איך געשטעלט באַדינגונגען. איך האָב געבעטן אַ העכערע גאַזשע און חוץ דעם אַ העכערונג אויף דער „דיעטע״. אַנשטאָט די געוויינלעכע 7 דאָלאַר אַ טאָג האָב איך געבעטן 15. עדווין רעקלין, וועלכער איז געווען דער מענעדזשער פֿאַר דער פּראָווינץ האָט מיר אַלץ נאָכגעגעבן, אַבי איך זאָל פֿאָרן.

אויף יענעם טורנע האָבן מיר ווונדערלעך פֿאַרבראַכט. מיר האָבן געפֿירט אַ גרויסע טרופּע מיט אַ כאָר פֿון 16 מיידלעך און אַ דאַמען-אָרקעסטער, אַזוי אַז עס איז געווען לעבעדיק. נאָך דער פֿאָרשטעלונג פֿלעגט מען אין האָטעל שפּילן אין ביינדלעך. זיי האָבן דאָס אָנגערופֿן „שיסן אין קרעפּ״. איך האָב זייער ווייניק געוווסט וועגן דעם שפּיל. האָבן אַלע געקלערט, אַז בײַ אַזאַ גרינעם ווי איך וועלן זיי צונעמען דאָס גאַנצע געלט. דער סוף איז געווען פּונקט פֿאַרקערט. זײַענדיק אַ גרינער בין איך גאָר געווען מזלדיק... איך האָב בײַ די אַקטיאָרן געוווּנען כּמעט אַלע זייערע גאַזשעס. אין שיקאַגאָ האָב איך פֿאַר זייער געלט מיר געקויפֿט אַ נײַעם אַנצוג מיט אַ מאַנטל.

אָנקומענדיק קיין טאָראָנטאָ אין דער פֿרי האָבן זיך אַלע אַוועקגעשטעלט מיר אָנזאָגן, אַז קיינער פֿון זיי האָט נישט אויף פֿרישטיק (מיר זענען געפֿאָרן מיט אַן אייגענעם וואַגאָן). וואָס זשע האָב איך געטאָן? איך האָב זיי אַלע פֿאַרבעטן

אין רעסטאָראַן לעבן דער באַן־סטאַנציע און באַצאָלט פאַר אַלעמען. איך געדענק, אַז כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט בײַם טיש און זיי „געטרייסט״: „חברה, איך בין אײַך מכבד מיט אײַער אייגן געלט״. רומשינסקי איז געווען אַזוי בייז, אַז צוריק־פאָרנדיק פון טורנע, אין מאָנטרעאָל, האָט ער אַרײַנגעשטורעמט צו מיר אין דער גאַרדעראָב און פאַרלאַנגט איך זאָל מיט אים „שיסן קרעפּ״ ביז די פאָרשטעלונג וועט זיך אָנהייבן. איך האָב זיך געבעטן ער זאָל מיך צו רו לאָזן, ווײַל איך דאַרף זיך גרימירן און אָנטאָן — בעט ער זיך בײַ מיר: „בלויז איין דאָלאַר, נישט מער״.

נאָך דעם ווי איך האָב אַזוי פיל געוווּנען האָב איך אים נישט געקענט אָפּזאָגן — שיסט ער די ביינדלעך און געווינט בײַ מיר. האָט ער אָנגעהויבן טאַנצן פאַר פרייד און שרײַען צו אַלע אַקטיאָרן: „חברה! שוין! איך האָב געבראָכן זײַן מזל. פון איצט אָן וועט ער שוין פאַרשפּילן״. און אַזוי איז טאַקע געווען. פאָרנדיק צוריק קיין ניו־יאָרק אין אונדזער פּריוואַטן וואַגאָן האָב איך געהאַלטן אין איין פאַרשפּילן. מיר האָבן אָבער גוט פאַרבראַכט.

איידער איך בין אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש אויף זומער האָב איך זיך געלאָזט אַנגאַזשירן צום קומענדיקן סעזאָן צו אַ פרישער קאָמבינאַציע פון 5 סטאַרן. מײַן אַלטער דירעקטאָר פון „ליבערטי״־טעאַטער וויליאַם ראָלאַנד, צוזאַמען מיט זײַן שותּף נתן פאַרנעס האָבן אין דעם „פּובליק״־טעאַטער אַנגאַזשירט די אַקטיאָרן יצחק פעלד, לוסי לעווין, אוירווינג גראָסמאַן, דיאַנאַ גאָלדבערג און מיך, פסחקע בורשטיין. די פּיעסע איז געווען פון לואיס פריימאַן „פּיניע פון פּינטשעוו״, מוזיק פון שלום סעקונדאַ, רעזשי פון אַנשל שאָר.

פאַר מײַן אַוועקפאָרן האָב איך אָפיציעל דערקלערט מײַן געוועזענער פרוי, אַז בײַם צוריקקומען פון לאָדזש וועלן מיר ווינען באַזונדער, אַז איך בין ביז איצט נישט אַוועק נאָר צוליב דעם קינד. זי האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען און מיר זענען זיך צעגאַנגען ווי פרײַנד. איך האָב צוגעזאָגט איר אויסהאַלטן מיטן קינד פּונקט ווי ביז איצט. פון קיין גט האָבן מיר דערווײַל נישט גערעדט. איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַן זון און מיט מײַנע ברידער נישט וויסנדיק, אַז מיט איינעם פון זיי זע איך זיך צום לעצטן מאָל, און כ׳בין אַוועקגעפאָרן מיט דער פּוילישער שיף „פּילסודסקי״. עס איז געווען זומער 1936.

11. זומער 1936

זומער 1936 איז מיר געלונגען אין לאָדזש מער ווי אַלע מאָל. די געשעפטן זענען געגאַנגען אויסערגעוויינלעך גוט. ס׳האָט זיך גאָרנישט געגלוסט אַוועקצופאָרן. עמיל פרידעס האָט מיך געבעטן פאַרבלײַבן, ווײַל שוין עטלעכע יאָר ווי איך האָב

נישט באַזוכט ווילנע, ביאַליסטאָק, לעמבערג אאַז״וו. די ייִדן דאָרט וואַרטן אויף מיר, האָט ער מיר פֿאַרזיכערט. איך האָב אים דערקלערט, אַז ס׳איז פּשוט אומ־מעגלעך, ווײַל איך האָב זיך אַנגאַזשירט אויפֿן סעזאָן אין דעם „פּובליק״־טעאַטער. בעט ער מיך איך זאָל פֿאַרבלײַבן כאָטש ביז צו די ימים־טובים. איך קלאַפּ אַוועק אַ טעלעגראַמע צו מײַנע דירעקטאָרן אין ניו־יאָרק און בעט זיי זאָלן מיר צושיקן מײַן ראָלע צו שטודירן, ווײַל איך וועל אָנקומען די לעצטע מינוט צו די פּראָבעס. דאָס אַלץ כּדי איך זאָל קענען פֿאַרבלײַבן נאָך עטלעכע וואָכן און נישט איבער־רײַסן די גוטע געשעפֿטן אין לאָדזש.

פּלוצעם קומט פֿון וואַרשע צו פֿאָרן מאַקס ברין, דער געשעפֿטס־פֿירער פֿון ייִדישן אַרטיסטן־פֿאַראיין, מיט אַ טעלעגראַמע אין דער האַנט. די טעלעגראַמע איז געווען פֿון גוסקינען, וועלכער האָט געפֿאָדערט אַז ברין זאָל מיך שוין צוריק־שיקן קיין ניו־יאָרק. ווען נישט, וועט ער איבעררײַסן די באַציִונגען צווישן ביידע פֿאַראיינען. די סיבה? די בעלי־הבתּים פֿון „פּובליק״־טעאַטער זענען געקומען צו אים מיט אַ גערעכטע טענה. זיי האָבן געהאַט פֿאַרקויפֿט אַ היפּש ביסל בענעפֿיט־פֿאַרשטעלונגען אויפֿן חשבון פֿון מײַן נאָמען און טאָמער קום איך נישט צום סעזאָן קענען זיי נישט עפֿענען דעם טעאַטער.

— וואָס ווילסטו? — שרײַט צו מיר ברין — ס׳זאָל ווערן אַן אינטערנאַציאָ־נאַלער קאָנפֿליקט צוליב דיר? דו ווילסט שטערן אַן עפֿענונג פֿון אַ טעאַטער? דו האָסט מיט זיי אַ קאָנטראַקט! דו מוזסט שוין דאָ ענדיקן און צוריקפֿאָרן צו די פּראָבעס. מילא, אַ ברירה האָב איך? אַז איך בין אַזוי וויכטיק פֿאַר דעם „פּובליק״־טעאַטער מוז איך פֿאָרן. פֿאַרפֿאַלן. מסתּמא וואַרט אויף מיר אַ גרויסע וויכטיקע ראָלע. איך ענדיק מײַנע גאַסטשפּילן אין לאָדזש. מיט פֿאַרדראָס געזעגן איך זיך מיט אַלעמען און פֿאָר אַהיים קיין ניו־יאָרק. דאָס מאָל מיט דער שיף „באַטאָרי״.

אין ניו־יאָרק האָבן מיך אָפּגעוואַרט בײַ דער שיף מײַנע ברידער דזשאָרדזש און יוסף. „ווו איז דזשעק?״ — פֿרעג איך מיט אַ פֿאָרגעפֿיל און דערקען דעם ענטפֿער אויף זייערע פּנימער. פּונקט מיט איין וואָך פֿריִער האָבן מיר געהאַט פֿאַרלוירן אונדזער טײַערן ברודער יעקב און דערפֿאַר טאַקע האָט גוסקין געהאַט טעלעגראַפֿירט איך זאָל אַהיימקומען וואָס שנעלער. מײַנע ברידער האָבן געהאַט באַשלאָסן וואַרטן מיט דער טרויעריקער ידיעה ביז איך וועל זײַן צוריק אין ניו־יאָרק. וואָלט איך געווען אַהיים געקומען מיט איין וואָך פֿריִער ווי איך האָב באַדאַרפֿט, וואָלט איך כאָטש געווען בײַגעווווינט זײַן לוויה. מיט אַ שווער האַרץ האָב איך זיך געזעגנט שיבֿעה נאָך מײַן טײַערן דזשעק, וועלכער האָט פֿאַריתומט אַ קליין ייִנגעלע, שעלדאָן.

מערקווערדיק, אַז מײַן פּלימעניק שעלדאָן האָט „נאָכקאָפּירט״ זײַן טאַטן. פּונקט מיטן זעלבן טויט ווי מײַן ברודער איז שעלדאָן געשטאָרבן אין 1969, ווען

ער איז אַלט געווען בלויז זיבן און דרײַסיק יאָר, פּונקט ווי זײַן פֿאָטער, פּלוצעם, פֿון אַ האַרצאַטאַק, אין באַדצימער. און פּונקט ווי זײַן טאַטע האָט ער אויך פֿאַר־יתומט צוויי קליינע מיידעלעך. אַ שאָד וואָס דזשעק האָט אים נישט געקאָנט דערציִען. ער וואָלט שטאָלצירט מיט זײַן שעלדאָן וועלכער איז אויסגעוואַקסן אַ ווערדיקער מענטש. געאַרבעט אין דער געהיים־פּאָליציי און זוכה געווען צו אַ מיליטערישע לוויה.

אָבער צוריק צו מײַן געשיכטע. גלײַך נאָכן שיבעה זיצן בין איך אַוועק אין טעאַטער נעמען מײַן ראָלע פֿאַר דער נײַער פּיעסע „פּיניע פֿון פּינטשעוו". מען דערלאַנגט מיר די ראָלע און ס'ווערט מיר פֿינצטער אין די אויגן. די גאַנצע ראָלע איז באַשטאַנען פֿון צוויי און האַלבן בלעטל... פֿרעג איך דערשטוינט בײַ אַנשל שאָר (וועלכער האָט באַדאַרפֿט רעזשיסירן די פּיעסע):

— צוליב די צוויי בלעטלעך האָט איר מיך געצוווּנגען איבעררײַסן אַ דער־פֿאָלגרײַך געשעפֿט אין לאָדזש? ווו איז מײַן ראָלע וואָס דאַרף פּאַסן פֿאַר פּסחקע בורשטיין? מיט דעם ווילט איר איך זאָל אויפֿטרעטן און האָבן דערפֿאָלג? — איך וואַרף אים די ראָלע גלײַך אין פּנים אַרײַן און זאָג — שעמען מעגט איר אײַך אַלע. גוד בײַ. איך פֿאָר שוין צוריק קיין לאָדזש. איר וועט קענען שפּילן די גרויסע ראָלע אָן מיר!

אויסגעלאָזן האָט זיך אַזאַ געשיכטע: אַזוי ווי איך בין געווען אַוועק פֿון שטאָט איבער זומער, ווען פֿריימאַן האָט געשריבן די פּיעסע, האָבן זיך אַלע דערלויבט צוצוגנבֿענען סצענעס פֿון מײַן ראָלע, איבער הויפּט יצחק פֿעלד. ער איז געזעסן גאַנצע טעג מיט פֿריימאַנען און קאָנטראָלירט וואָס ער שרײַבט פֿאַר יעדן איינעם. אַזוי אַז צו ביסלעך, צו ביסלעך האָט מען „צעפּליקט" מײַן ראָלע. דער תּירוץ איז געווען, אַז איך וועל אפֿשר פֿאַרבלײַבן אין גאַנצן אין לאָדזש צום סעזאָן און די דירעקציע האָט זיך דערשראָקן און האָט צוגעגרייט פּנחס לאַוואַנדען צו שפּילן די ראָלע אין פֿאַל ווען איך וועל נישט קומען צו דער צײַט.

שטאַרק באַליידיקט, האָב איך קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט פֿון שפּילן און אָנגעהויבן מאַכן פּלענער צוריקצופֿאָרן קיין לאָדזש. דעם זעלבן טאָג אָבער האָט מיך גוסקין גערופֿן צו זיך און געבעטן איך זאָל קומען הערן דאָס ליד וואָס שלום סעקונדאַ האָט אָנגעשריבן פֿאַר מיר, דעם דועט פֿאַר מיר מיט דיאַנאַ גאָלדבערג און דעם טערצעט וואָס איך דאַרף זינגען מיט צוויי מיידלעך — דיאַנאַ און לוסי לעווין.

אין מיטן דעם קאָנפֿליקט האָט בײַ אונדז פּאַסירט נאָך אַ קאָנפֿליקט. לוסי לעווין און דיאַנאַ גאָלדבערג האָבןביידע געוואָלט זיך אָנטאָן אין דער סטאַר־גאַרדעראָב לעבן דער בינע. ביידע האָבן געסטראַשעט אַוועקצוגיין פֿון טעאַטער, אויב זיי באַקומען נישט די גאַרדעראָב.

דער אָרעמער דירעקטאָר ראָלאַנד האָט אַזש געוויינט. די טעמפּעראַמענטפֿולע אַקטריסעס וועלן אים אַוועקהרגענען. ער קען נישט אָנהייבן דעם סעזאָן. ער איז צוגעשטאַנען צו מיר און געבעטן מיך:

— פּסחקע, זײַ אַ חבר. מאַך נישט קיין סקאַנדאַלן. איך וועל זיך דאָס לעבן נעמען. מאַך פֿון דער ראָלע וואָס דו ווילסט. שרײַב זיך צו סצענעס. שרײַב דיר צו ווערטלעך. דו שפּילסט אַ פּוילישן שגץ. מאַך וואָס דו ווילסט. אַנשל גיט דיר „קאַרט בלאַנש". דו דאַרפֿסט אין גאַנצן נישט קיין ראָלע, אַז דו וועסט זינגען און פֿײַפֿן וועט שוין זײַן גוט. — הכלל, ער האָט מיך איבערצײַגט.

וואָס שײַך די צוויי ווײַבער האָט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט באַפֿוילן, אַז בײדע זאָלן זיי זיך אָנטאָן צוזאַמען און מען איז צוגעטראָטן צום סעזאָן אין אַ מזלדיקער שעה. פֿאַר מיר איז אָבער דער סעזאָן נישט געווען אַזאַ מזלדיקער און פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שוין געשפּילט, ווי מען זאָגט עס, „מיט ווערעם אין בויך", ווײַל איך האָב געליטן שרעקלעכע צרות פֿון יצחק פֿעלדן. ער איז מיר פּשוט דערגאַנגען די יאָרן. ער פֿלעגט פּראַוּוען זײַנע „שטיקלעך" כּלומרשט אויף שפּאַס, נאָר געמיינט האָט ער דאָס אויף ערנסט.

איך האָב געהאַט זייער אַ געלונגענעם דועט מיט דיאַנאַן און מיר האָבן דערבײַ געשאַפֿן פֿאַרשיידענע סיטואַציעס, כּדי אַרויסצורופֿן געלעכטער בײַם פּובליקום. עס איז אונדז געלונגען. למשל, זי האָט אויסגעטאָן אַ זאַקן־בענדל, איך האָב דאָס אויפֿגעכאַפּט און געוואָרפֿן אונטער דער בינע. דער פּויקער האָט דערבײַ דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ, ווי עס וואָלט געפֿאַלן אַ פּאָדקאָווע פֿון אַ פֿערד. דאָס פּובליקום פֿלעגט שטאַרק לאַכן. אין אַ געוויסן טאָג האָט דאָס פּובליקום אויפֿגעהערט צו לאַכן. איך קאָן דאָס נישט פֿאַרשטיין און פֿרעג סעקונדאַן: „וואָס טוט זיך דאָ?" ווײַזט זיך אַרויס, אַז פֿעלד מאַכט דאָס זעלבע קונצעלע אין ערשטן אַקט אין זײַן דועט מיט יעטע צווערלינג — און גיי טו אים עפּעס.

דערנאָך איז געווען אַ סצענע ווו פֿעלד האָט מיך געפֿרעגט: „יוזשקע, וואָס וואָלסטו געזאָגט אויף דעם?" ענטפֿער איך גאָרנישט, נאָר שטעק אַרײַן די פֿינגער אין מויל און פֿײַף דעם רעפֿריין פֿון לייטמאָטיוו (וואָס דו ווילסט דאָס וויל איך אויך). איך פֿלעג בײַם פֿינאַל אַרויסלויפֿן און באַקומען דווערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. בעת אַ געוויסער פֿאָרשטעלונג דערזע איך, ווי פֿעלד שטעקט אויך אַרײַן די פֿינגער אין מויל און פֿײַפֿט גלײַך מיט מיר כּדי ווײַזן דעם עולם, אַז ער קען אויך פֿײַפֿן. וואָס זשע האָב איך געטאָן? איך האָב אים געלאָזן אַליין אויף דער בינע און בין אַוועק מיט כּעס צו זיך אין דער גאַרדעראָב. פֿעלד האָט געענדיקט פֿײַפֿן און דער עולם האָט אים זייער שטאַרק אַפּלאָדירט און גלײַכצײַטיק געשריִען: „בורשטיין! ווו איז בורשטיין?" דער דירעקטאָר ראָלאַנד קומט צו לויפֿן און שרײַט: „פּסחקע, גיי צוריק אַרויף". איך ענטפֿער אים: „איך נישט. אַזוי לאַנג ווי ער שטייט דאָרט, וועל איך נישט גיין". נעמט ער מאַכן גוואַלדן: „דו ווילסט מיך רויִנירן!"

ווילנדיק־נישט־ווילנדיק בין איך צוריק אַרויף אויף דער בינע און מיר האָבן צוזאַמען אויסגעפּײַפט דעם רעפּריין. אָן איבערקערעניש איז געוואָרן אינעם טעאַטער. אַזוי ווי דער פּאַרהאַנג איז געפאַלן, האָב איך דערלאַנגט פּעלדן אַלץ וואָס מיר איז געלעגן אויפן האַרצן.

— דו לאַטעק! — האָב איך געשריִען — דו גנב וואָס דו ביסט. דו מיינסט דו ביסט אין לובלין מיט דײַנע גנבישע שטיק? רעספּעקט פאַר אַ צווייטן אַקטיאָר! אַ נס וואָס דו האָסט נישט פּרובירט צוגנבענען מײַן ליד „האַרי, דאַרי". נאָר צו דעם דאַרף מען קענען טאַנצן און האָבן אַ שטים צו זינגען און דו האָסט צוויי לינקע פיס ווי אַ קאַטשקע און אַ שטים ווי אַ רוקבעט. ראָלאַנדן האָב איך געמאָלדן: איך ענדיק הײַנט בײַ נאַכט.

צו מאָרגנס זענען אַלע געגאַנגען צו גוסקינען זיך באַקלאָגן. ראָלאַנד האָט אַזש געוויינט. די סצענע איז אַזוי געלונגען — דאָס פּײַפן צוזאַמען איז גוט פאַרן געשעפט. ער האָט מיר פאַרגעלייגט אַלערליי קאָנצעסיעס, אַבי איך זאָל אײַנגיין. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט בײַ מיר געפּועלט. ס'איז דערשינען אין „פאָרווערטס" אונדזער אַנאָנס אויף אַ האַלבער זײַט און אין דער מיט אַ גרויס בילד ווי פּעלד און איך פּײַפן צוזאַמען. איך מוז צוגעבן, אַז ראָלאַנד האָט געהאַלטן וואָרט. אויס דאַנקבאַרקייט האָט ער מיר געשאָנקען אַ טײַערן גאָלדענעם זייגער.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שוין אויף פּעלדן נישט געקענט קוקן. אַ שיינע פּאָר יאָר בין איך מיט אים געווען ברוגז. נישט נאָר איך, נאָר אויך דער גרויסער אַהרון לעבעדיעוו פלעגט קלאָגן און וויינען, אַז יצחק פּעלד האָט אים מיט אַ סעזאָן פריִער געהאַט אַרויסגעשטופּט פון טעאַטער און פאַרנומען זײַן פּלאַץ. עס איז געווען אמת.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שוין געזוכט ווי מיט ליכט אַ געלעגנהייט צו אַנטלויפן פון טעאַטער און בין טאַקע אַרויס אין מיטן סעזאָן צו שפּילן אין דעם „קלינטאָן"־טעאַטער מיט מײַן אייגענער פּיעסע, אָבער נישט פריִער ווי איך האָב געליטן אַ פאַרלוסט אין געלט. דאָס האָט פּאַסירט אין אַ שבת בײַ נאַכט. ווען מען האָט אין ביוראָ פון טעאַטער צוגעגרייט אונדזער אַלעמענס גאַזשע, האָבן צוויי באַנדיטן, מיט טיכלעך איבער די פּנימער און רעוואָלווערן אין די הענט, זיך אַרײַנגעריסן אין דעם ביוראָ און געמאַכט אַ „האָלד־אַפּ" אויף אונדזער דירעקציע. זיי האָבן פאַרנעסן צוזאַמען מיטן קאַסירער, מאַקס זייגערן, פאַרבונדן די הענט מיט די פיס, פאַרקלעפּט זיי די מײַלער, זיי אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און אַנטלאָפן מיט אונדזערע געהאַלטן, אַ סומע פון איבער 6000 דאָלאַר. אין יענע טעג אַ גרויסע סומע.

ווער זשע מיינט איר איז געווען דאָס כּפּרה־הינדל? דער אַקטיאָר. אונדזער פאַראיין האָט געפּסקנט, אַז מיר מוזן מיטהעלפן דער דירעקציע, אַז מען וועט אונדז אויסצאָלן די וואָך־גאַזשע ביזן סוף פונעם סעזאָן. אָבער די בינע־אַרבעטערס און די מוזיקאַנטן האָבן יאָ באַקומען זייער געהאַלט, ווײַל זייערע פאַראיינען האָבן

פון גאַרנישט געוואָלט וויסן. אַ פּנים, אַז די שוואַכסטע, די אייביקע קרבנות, זענען מיר געווען, די ייִדישע אַקטיאָרן. מיר האָבן דערלויבט, אַז אונדזער יוניאָן זאָל האַלטן מיטן בעל־הבית, אַנשטאָט מיט די אַרבעטערס — פאַרפאַלן. ביז הײַנטיקן טאָג איז אונדזער יוניאָן גליקלעך ווען אַ בעל־הבית וויל עפּענען אַ טעאַטער און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווײַל דאָס מיינט אויפהאַלטן בײַם לעבן דעם ייִדישן טעאַטער.

אין דער זעלבער צײַט וואָס איך האָב געשפּילט אין „פּובליק"־טעאַטער האָב איך אונטערהאַנדלט מיט דעם „עקסעלסיאָר" אין בוענאָס־אײַרעס, צוריקצו־פאָרן צו זיי ווי דער צווייטער גאַסט פון סעזאָן. זיי האָבן געפאָדערט איך זאָל מיטברענגען מיט זיך אַ פּאַרטנערין, אַ „סטאַר־אַקטריסע". יעדע סטאַר־אַקטריסע מיט וועמען איך האָב גערעדט האָט געפאָדערט אַזעלכע באַדינגונגען, אַז עס האָט זיך נישט געלוינט די גאַנצע רײַזע. צווישן אַ גאַנצער ליסטע מיט פּרימאַדאָנעס און סוברעטינס האָב איך זיך נישט געקענט צופּאַסן קיין איינע. וועגן דער יונגער ליליאַן לוקס האָב איך אַפילו נישט געקלערט, וויסנדיק אַז אירע עלטערן וועלן נישט דערלויבן זי זאָל פאָרן.

אַז מען האָט זיך דערוווּסט אַז איך פאַרלאָז דעם „פּובליק"־טעאַטער האָב איך באַקומען אײַנלאַדונגען אין עטלעכע טעאַטערס, צווישן זיי דער „קלינטאָן"־טעאַטער. אין קלינטאָן האָט דער בעל־הבית, אַן אַקטיאָר מיטן נאָמען לואיס ווײַס, אַרײַנגענומען אַ נײַע סטאַר־אַטראַקציע אַלע פּאָר וואָכן. דער סטאַר איז אַרײַנ־געקומען מיט זײַן אייגענער פּיעסע און ווײַס האָט געהאַט אַ סטאַבילע טרופּע פאַרן סעזאָן, וועלכע האָט מיטגעשפּילט מיט יעדן נײַעם סטאַר (מיט יאָרן שפּעטער האָב איך איבערגענומען דעם „קלינטאָן"־טעאַטער, צוזאַמען מיט מײַן שוואָגער וויליאַם לוקס. דאָס איז געווען דער סעזאָן 1949/50, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קיין אַמעריקע פּליטים פון די דײַטשע לאַגערן — אָבער וועגן דעם שפּעטער).

ליליאַן לוקס האָט אין יענער צײַט געהערט צו דער „קלינטאָן"־טרופּע און זי האָט אָנגעהויבן צו מאַכן מיט מיר פּראָבעס, ווי מײַן פּאַרטנערין. דאָן איז מיר אײַנגעפאַלן ווידער פּרוּוון מיט איר אַ שמועס טאָן וועגן פאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס. זי האָט מיך פאַרבעטן קומען צו איר אין שטוב רעדן מיט אירע עלטערן.

איך געדענק זייער דײַטלעך מײַן ערשטן באַזוך בײַ זיי אין דער היים. זיך באַקענענדיק מיט איר מוטער (מײַן ליבע פאַרשטאָרבענע שוויגער פרידאַ) האָב איך זיך דערפרייט צו הערן, אַז זי שטאַמט פון אָדעס. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט אויף רוסיש, כאָטש זי איז געקומען קיין אַמעריקע אַלס קינד און זי האָט מיר טאַקע באַוויזן די אמתע „רוסישע גאַסטפרײַנדלעכקייט" סערווירנדיק אַ שיינעם טיש.

ליליאַנס פאָטער איז נישט געווען שטאַרק פאַר דעם זי זאָל פאָרן קיין אויסלאַנד. דאָך האָבן ביידע עלטערן פאַרשטאַנען, אַז זי באַקומט אַצינד אַ געלעגנהייט צו

שטייגן אין איר פּראָפעסיע, אויב זי וועט פאָרן ווי אַ סטאַר קיין בוענאָס־איירעס און צוריקקומען מיט פּרעסטיזש. מר׳ לוקס האָט שוין געהאַט אַנגעווענדט אַלע זיינע מעגלעכקייטן איר צו העלפן דערגרייכן די קאַריערע. אַחוץ אויסהאַלטן אירע לעקציעס פון זינגען און טאַנצן האָט ער אַפילו געהאַט אָפּגעדונגען פּאַרשטעלונגען פון צייט צו צייט, אַז ליליאַן זאָל זיך באַווייזן אין אַ סטאַר־ראָלע. אָבער קיין גביר איז ער לײדער נישט געווען אין יענע יאָרן. ער האָט זיך געמוזט אָפּגעבן מיט פאַרזאָרגן זיין הויזגעזינד. עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז עס איז גאָרנישט געווען אַזוי גרינג פאַר אַ יונג מיידל צו שטייגן ביים ייִדישן טעאַטער, סיידן דער דירעקטאָר (אָדער בעל־הבית) איז געווען איר פאָטער, אָדער איר מאַן, אָדער גאָר איר געליבטער. ליליאַן איז נישט געווען אַזאַ סאָרט מיידל. זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַ מאָדערנער אַטמאָספער. אָבער אין אַן עכט ייִדישער שטוב מיט אַ ייִדישער טראַדיציע.

הכלל, אין תּוך האָבן די עלטערן אַקצעפּטירט דעם געדאַנק וועגן איר פאָרן און עס איז פאַרבליבן, אַז איך זאָל מיך ווייטער דורכשרייבן מיטן טעאַטער און „מען וועט שוין זען״. דערווייל האָבן מיר שוין אָנגעהויבן שפּילן צוזאַמען אין דעם „קלינטאָן״־טעאַטער. די ערשטע פּיעסע וועלכע ליליאַן האָט מיט מיר געשפּילט איז געווען „ציגיינער־ליבע״. ביי אונדז געפינען זיך בילדער פון ליליאַן אין יענער פאָרשטעלונג. אַ יונגיטשקע ציגיינערין מיט לאַנגע בלאָנדע האָר און ווייזט אויס, אַז די „ציגיינערין״ האָט מיך פּשוט „פאַרכּישופט״.

פריימאַן האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ נייע פּיעסע פאַר מיר, געבויט אויף דער טעמע פון „דעם ייִדישן שגץ״, ווי איך האָב פאַרלאַנגט. די נייע פּיעסע האָט געהייסן „דער קאָמעדיאַנט״. דאָס איז טאַקע געווען די פּיעסע מיט וועלכער איך האָב באַדאַרפן אָנהייבן אין בוענאָס־איירעס. פּונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך געוואַנדן די דירעקציע פון האָפּקינסאָן־טעאַטער, אַז איך זאָל אַריינקומען שפּילן אויף פּסח. זיי האָבן געגעבן גרויסע אַנאָנסן, אַז „פּסחקע קומט אויף פּסח״. איך האָב געהייסן פריימאַנען פאַרגרעסערן ליליאַנס ראָלע אין דער פּיעסע, שלום סעקונדאַ האָט פאַר איר געשריבן אַ ליד, און מיר האָבן אָנגעהויבן גרייטן די נייע פּיעסע.

לואיס ווייס האָט געמאַכט סקאַנדאַלן אין דער יוניאָן, הלמאי איך נעם צו פון „קלינטאָן״־טעאַטער זיין פּרימאַדאָנע, אָבער ס׳האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. ליליאַן איז פון דאָרט אַרויס. (שפּעטער פלעגט ער זיך באַרימען, אַז ער איז דאָס געווען אונדזער שדכן). איך האָב אויך אַנגאַזשירט פאַר דער פּיעסע דעם 70־יאָריקן כאַראַקטער־קאָמיקער סעם קעסטין. קעסטין האָט מיך דאַן געבענטשט פּשוט, ווייל יוסף רומשינסקי האָט אים געהאַט געמאַכט אַ „רעקלאַמע״, אַז ער איז שוין צו אַלט צו שפּילן. ביי מיר אין דער פּיעסע, ווי דער פעטער איטשע־מאיר, האָט ער געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. מיר האָבן דאַן אַפילו געפּראַוועט זיין 70סטן געבורטסטאָג — אַרויפגעטראָגן אים אַ טאָרט אויף דער בינע. מיט 24 יאָר

שפּעטער, ווען איך האָב געשטעלט „דער קאָמעדיאַנט“ אין ישׂראל צום 5טן מאָל, האָט מײַן זון מײַק געשפּילט מײַן ראָלע — יוזשעק, און איך אַליין האָב געשפּילט קעסטינס ראָלע — איטשע־מאיר. (אויך מײַן טעכטערל זיסעלע האָט שפּעטער געשפּילט די ראָלע פֿון מאַשאַ אין ישׂראל, ווען מיר האָבן די פּיעסע גערופֿן „מײַן שטעטעלע בעלז“). וועט איר פֿרעגן, פֿאַר וואָס בײַטן דעם נאָמען? פֿראָסט־פּשוט. אַזוי ווי מען האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר גרייטן דעם „קאָמעדיאַנט“, האָט אַ צווייטער דירעקטאָר אַנאָנסירט זײַן פּיעסע ווי „די קאָמעדיאַנטקע“. האָט מײַן שותּף, וועלכער איז דאָן געווען ישׂראל וואַליך, נישט געהאַט קיין ברירה און אַנאָנסירט אונדזער פּיעסע ווי „מײַן שטעטעלע בעלז“ און אַזוי איז עס שוין פֿאַרבליבן.

צוריק צו אונדזער געשיכטע. מיר האָבן געשפּילט פּסח אין האָפּקינסאָן־טעאַטער מיט גרויס דערפֿאָלג און ליליאַן האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט מיט מיר צו פֿאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס און האָט זיך געגרייט. פּלוצעם באַקום איך אַ בריוו פֿון שמואל איריס און ס׳ווערט מיר פֿינצטער אין די אויגן. ער מוסרט מיך: סטײַטש, איך וויל ברענגען צו זיי אין טעאַטער „עפּעס אַ כאָריסטקע“, אַ פּאַרטנערין? איינע, וועלכע האָט נאָך קיין מאָל קיין טעאַטער נישט געשפּילט. ווו איז מײַן פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט? אויב איך וויל קומען זאָל איך פֿרווון מיטברענגען איינע פֿון די צוויי אַקטריסעס (וועלכע מען האָט אים רעקאָמענדירט), דאָן וועט אונדזער אָפּמאַך זײַן גילטיק. טאָמער נישט, רײַסט ער מיט מיר איבער די באַציִונגען.

איך האָב גלײַך פֿאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען. איך האָב געהאַט איבערגעגעבן די גאַנצע רעקלאַמע מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס צו מײַן גוטער חברטע דזשעני גאָלדשטיין, וועלכע איז געפֿאָרן אין „עקסעלסיאָר“ עפֿענען דעם סעזאָן. איך האָב איר געבעטן, זי זאָל פֿאַר מיר זאָגן אַ גוט וואָרט, אויב זיי וועלן זיך נאָכפֿרעגן ווער ליליאַן איז, אַז זי איז אַ יונגע שוישפּילערין, געשפּילט מיט מאָריס שוואַרץ אַלס קינד. זינגט און טאַנצט און וועט אין בוענאָס־אײַרעס האָבן דערפֿאָלג. זי האָט מיר די טובֿה צוגעזאָגט, אָבער ווײַזט אויס, אַז גערעדט האָט זי פּונקט פֿאַרקערט.

אַ באַליידיקטער, האָב איך אָנגעשריבן אַ לופֿטפּאָסט־בריוו צו איריסן, אַז ער האָט אַ גרויסן טעות. דאָס איז אַלץ אַ בילבול, נאָר זײַן ענטפֿער איז געווען, אַז די צײַט איז זייער קורץ און זיי האָבן שוין אָפּגעמאַכט מיט יוליוס נאַטאַנזאָן און זײַן פֿרוי אַנאַ צו שפּילן אויף מײַן פּלאַץ. איך האָב תּיכּף אָוועקגעקלאַפּט אַ טעלעגראַם צו דעם צווייטן טעאַטער, וועלכער האָט געהייסן טעאַטער „אָמבו“. די בעלי־בתּים דאָרט זענען געווען בערעלעכעס און מרים לערער. מען האָט מיר געענטפֿערט, אַז פֿעלד הייבט בײַ זיי אָן שפּילן.

הכּלל, כ׳בין געוואָרן פֿאַרצווייפֿלט זעענדיק אַז כ׳פֿאַרליר אין גאַנצן בוענאָס־אײַרעס. איך האָב אָבער נישט געוווּסט, אַז אין בוענאָס־אײַרעס געפֿינט זיך אַ דריטער טעאַטער, אין אַ בעסערער געגנט ווי די אַנדערע צוויי.

זיצנדיק אינעם קאַפע „ראַיאַל" קומט צו מײַן טיש צו דער אַקטיאָר מאַקס קלאַס און דערציילט מיר, אַז ער האָט באַקומען אַ טעלעגראַם פון זײַן קוזין, אַז ער זאָל מיט מיר רעדן וועגן בוענאָס־אײַרעס.

„ווער איז דײַן קוזין?" — פרעג איך. ענטפערט ער מיר: „אַדאָלף מידע, דער בעל־הבית פון „מיטרע"־טעאַטער, וועלכער געפינט זיך אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער געגנט „וויזשאַ קרעספאָ". אַזוי ווי איך האָב נאָך קיין מאָל פון דעם טעאַטער נישט געהערט, האָט ער צוגערופן צו אונדזער טיש פריידעלע אוישער, וועלכע איז ערשט צוריקגעקומען פון שפּילן אין דעם טעאַטער „מיטרע". איך פרעג איר וועגן דעם טעאַטער, ענטפערט זי, אַז דאָס איז גאָלד. — ה׳ בורשטיין, זאָגט זי אַ באַגײַסטערטע, עס איז פאַר אײַך ווי געוווּנטשן. אַ געגנט ווו עס וווינען בלויז ייִדן, אַ היימישער אַרבעטער־קלאַס און מידע איז דער פּעיִקסטער אימפּרע־סאַריאָ פון זיי אַלע.

קלאַס פרעגט מיך מיט וועמען איך וואָלט געפאָרן, ווײַז איך אים אָן אויף ליליאַן, וועלכע איז געזעסן מיט פרײַנד בײַ אַ צווייטן טיש.

— אַזאַ שיינהייט ווי זי וועט איבערקערן בוענאָס־אײַרעס — זאָגט מיר קלאַס — און נאָך ספּעציעל אַזאַ טיפּישע בלאָנדע אַמעריקאַנערין. די אַרגענטינער זענען דאָך אַלע טונקעלע.

איך שטעל זי פאָר פאַר מאַקס קלאַסן, איך דערצייל איר וועגן דעם נײַעם „מיטרע"־טעאַטער און פרעג צי זי וואָלט געוועזן מסכּים. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, ווײַל זינט מיט יענע צוויי טעאַטערס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, האָט איר פאָטער געזאָגט, אַז איך בין אַ בלאָפער, אַ שווינדלער און ער לאָזט זי נישט פאָרן. אָבער אַזוי ווי איר איז אויך געגאַנגען אין אַמביציע צו פאָרן און אַלעמען „באַווײַזן", גיט זי מיר די דערלויבעניש אונטערצוהאַנדלען פאַר איר אויך.

מיר לאָזן וויסן מידען, אַז איך פאַרלאַנג 25 פּראָצענט פון די אײַנקונפטן און שיפסקאַרטעס פאַר צוויי פערזאָן אַהין און צוריק. אויך צוויי פרײַע בענעפיטן צו קענען דעקן די קאָסטן פון די שיפסקאַרטעס. עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי טעג און איך האָב באַקומען אַן ענטפער, אַז מידע אַקצעפּטירט מײַנע תּנאים און בעט, איך זאָל תּיכּף אַרויסשיקן בילדער און רעקלאַמעס מיט לופטפּאָסט. ער לאָזט מיר אויך וויסן, אַז ער האָט שוין באַצאָלט פאַר צוויי פּלעצער אויף דער שיף „סאַטהערן קראָס" אַרויסצופאָרן דעם 19טן מײַ.

ווען ליליאַן איז געקומען אַהיים יענעם אָוונט, ווען איך האָב מיט איר גערעדט וועגן „מיטרע"־טעאַטער, האָבן זיך אירע עלטערן געגרייט צום שלאָפן. זי איז אַרײַן צו אירע עלטערן אין שלאָפצימער און זיי דערציילט וועגן דעם נײַעם טעאַטער. דער טאַטע האָט אויף דעם געענטפערט:

— גיי שלאָפן און שלאָג זיך דאָס אַרויס פון דײַן קאָפּ. דו פאָרסט נישט אין ערגעץ. — האָט זי גענומען וויינען און איז נישט אָפּגעטראָטן פון זייער בעט ביז וואַנען די מאַמע האָט געזאָגט:

— גיי שלאָפֿן, מיר וועלן שוין זען.

אַז די מאַמע האָט געזאָגט „מיר וועלן זען", איז ליליאַן שוין אַוועק צו זיך אין צימער אַ צופֿרידענע. דאָס הייסט, אַז די מאַמע איז אויף איר זײַט. נאָך דעם ווי איך האָב שוין געהאַט דעם ענטפֿער פֿון מידען, האָב איך זיך ערשט באַדאַרפֿט טרעפֿן מיט איר פֿאָטער, אַרײַנטענהן אין אים. און גלייבט מיר, עס איז נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג. עס האָבן זיך אין דעם ענין אַרײַנגעמישט עטלעכע אינטימע פֿרײַנד פֿון אונדז ביידע. איינער פֿון זיי משה פֿעדער. ער האָט גערעדט אין מײַן נאָמען, אויך ווי אַ פֿרײַנד פֿון די לוקסעס. ער האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זיי ווי אַן אָנשטענדיקן מענטש און זיי דערקלערט, זיי זאָלן נישט פֿאַרגעסן, אַז זי פֿאָרט מאַכן אַ קאַריערע, פּשוט: ווערן אַ סטאַר.

אויך ראובן גוסקין האָט גערעדט מיט ליליאַנס עלטערן און זיי פֿאַרזיכערט, אַז ע ר נעמט אויף זיך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז איך וועל ז י י ע ר טאָכטער אָפּהיטן און קיין עוולה קעגן איר נישט באַגיין וואָס שייך טעאַטער. ער האָט זיי פֿאַרזיכערט, אַז אויב זי וויל טאַקע זײַן אַן אַקטריסע, וועט זי תּמיד מוזן אַרומפֿאָרן. (ווי אמת זענען געווען זײַנע ווערטער. איך האָב ליליאַן שפּעטער אַרומגעפֿירט פֿון לאַנד צו לאַנד כּמעט אונדזער גאַנץ לעבן).

הכּלל, דער טאַטע האָט נאָכגעגעבן. מיר האָבן געענדיקט די גאַסטשפּילן אין האָפּקינסאָן־טעאַטער, דער נײַער קלוב „מיר שיקאַגער" האָט פֿאַר מיר אײַנגעאָרדנט אַ געזעגענונגס־באַנקעט, ליליאַן און איר מוטער זענען אַרומגעלאָפֿן זוכן קליידער און זיך געגרייט צו דער רײַזע. אינטערעסאַנט, ווען דער טאַטע איז מיט איר אַוועק נאָך אַ פּאַספּאָרט און די סעקרעטאַרין דאָרט האָט דערזען אירע יאָרן און אַז זי פֿאָרט קיין בוענאָס־אײַרעס, האָט זי געפֿרעגט דעם טאַטן: — דו ווייסט וווהין זי פֿאָרט? מיט וועמען זי פֿאָרט? — דאָס האָט אַוודאי אויך נישט געהאָלפֿן צום טאַטנס שטימונג.

דעם 19טן מײַ, באַגלייט פֿון פֿרײַנד, משפּחה און כּמעט די גאַנצע פּראָפֿעסיע־חברה, האָבן מיר זיך אויפֿגעזעצט אויף דער שיף „ס. ס. סאַטהערן קראָס" צו פֿאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס שפּילן אין „מיטרע"־טעאַטער, מײַן נײַע פּאַרטנערין ליליאַן לוקס און איך. ערשט דאַן האָט זיך מײַן לעבן אָנגעהויבן.

12. די ייִדישע דזשין האַרלאָו

די שיף איז אַרויסגעשוווּמען פֿון דעם ניו־יאָרקער פּאָרט און איך בין מיט ליליאַן געשטאַנען אויף דעם אייבערשטן דעק און זיך געזעגנט פֿון דער ווײַטנס מיט אַלע פֿרײַנד, משפּחה און שוישפּילערס.

איך געדענק, אַז עס זענען געקומען זיך געזעגענען מיט ליליאַן אַ גרופּע פון אירע פריַינד, וועלכע האָבן געשפּילט מיט איר דעם פאַריקן זומער אין דער ענגלישער שפּראַך, (סאַמער סטאַק). צווישן זיי איז אויך געווען דעני קיי. דעני האָט גערעדט אַ פּרעכטיקן ייִדיש, ער איז געווען דער ייִנגסטער זון ביַי זיַינע עלטערן, אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, פון דער שטאָט קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק. זיַין אמתער נאָמען איז געווען קאַמינסקי.

אַרויפקומענדיק אויף דער שיף זיך געזעגענען, האָט מיך דעני געפרעגט (כּלומרשט אויף שפּאַס): פּסחקע, אפשר דאַרפסטו אויך האָבן אַזאַ בחור ווי איך אין אַרגענטינע?

די פריַינדשאַפט צווישן מיר מיט ליליאַן איז געווען קודם־כּל ווי צווישן אַרטיסטן, דאָך האָב איך שוין געפילט אַז פאַר מיר הייבט זיך אָן אַ ניַי לעבן. מאָדנע, ווי דער מענטש קען דאָס אינסטינקטיוו שפּירן. אירע פּריוואַטע געפילן האָב איך דאָך נישט געקאָנט וויסן, נאָר איך האָב זיך גענומען באַציִען צו איר ווי דער עלעגאַנטסטער קאַוואַליר. איך האָב זי אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

אַזוי ווי איַינשטודירן די פּיעסע האָבן מיר נישט באַדאַרפט, וויַיל מיר האָבן זי ערשט געהאַט געשפּילט, האָבן מיר פאַרבראַכט די לאַנגע טעג שווימענדיק, זיך ברענענדיק אונטער דער טראָפּישער זון, אַרומגערינגלט פון פריילעכע, לאַכנדיקע וואַקאַציע־פּאַסאַזשירן. אין אָוונט, ווען מען פלעגט קומען אין עסזאַל, האָבן זיך אַלע אויגן געווענדט אין ליליאַנס ריכטונג און איך בין געווען שטאָלץ מיט איר.

זייער אָפט פלעג איך מיט איר זיצן אויפן דעק פון דער שיף ביז שפּעט אין דער נאַכט. נישט פאַרשטייענדיק פאַר וואָס, האָב איך איר דערציילט אַלע סודות פון מיַין לעבן, וועגן מיַין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, פּונקט ווי איך וואָלט זיך מתוודה געווען פאַר איר. (דעם אמת געזאָגט האָב איך דאָס שפּעטער באַ־דויערט, וויַיל מיַין לילי האָט אַן איַיזערנעם זכּרון און האָט נאָך דעם געדענקט איינצלהייטן, וועלכע איך האָב שפּעטער געוואָלט פאַרלייקענען). און ווי כ׳האָב געהאָפט, האָט מיר מיַין מזל צוגעשפּילט און לילי האָט אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט אַנדערע אויגן. פאַרנדיק אַזוי פיל טעג צוזאַמען, טאַנצנדיק ביַי נאַכט אונטער די פינקלענדיקע שטערן און ראָמאַנטישער טאַנגאָ־מוזיק פון דעם אַרגענטינישן אָרקעסטער, האָט זיך געשאַפן צווישן אונדז אַ ראָמאַנטישע אַטמאָספער. איך האָב געפילט, אַז מיַין פריַינדשאַפט מיט לילין איז פאַר מיר אַ גליק און איך האָב ווידער געקלערט „קע סעראַ, סעראַ״, לאָמיר זען וואָס די צוקונפט וועט ברענגען.

די שיף איז אָנגעקומען קיין ריאָ־דע־זשאַניירא און עס זענען געקומען אונדז באַגריסן מיַינע גוטע פריַינד די משפּחה לובעלטשיק און דער רעדאַקטאָר קאַרוקאַשאַנסקי. זיי איז געפעלן געוואָרן מיַין פּאַרטנערין און דערביַי איז ליליאַן גליַיך געוואָרן אַ גוטע חברטע מיט זייער טעכטערל שׂרה. (אַ פריַינדשאַפט וועלכע דויערט ביזן היַינטיקן טאָג אויך צווישן אונדזערע קינדער).

לובעלטשיק האָט מיר דערציילט, אַז די נאַטאַנזאָנס האָבן געשפּילט בייַ אים עטלעכע וואָכן און זעצן זיך הייַנט אויף טאַקע אויף אונדזער שיף, פֿאָרן מיט אונדז צוזאַמען קיין בוענאָס־אייַרעס. מיר האָבן זיך צעלאַכט פֿון דער נייַעס. דאָס הייסט אַז אַלע דרייַ פֿאָרלעך פֿון אַלע דרייַ טעאַטערס וועלן אָנקומען צוזאַמען אויף איין שיף.

אויף דער שיף האָבן מיר שוין געטראָפֿן אַנאַ און יוליוס נאַטאַנזאָן, וועלכע זענען געזעסן צוזאַמען מיט יצחק פֿעלדן בייַ איין טיש אין דעם עסזאַל. מיר האָבן זיך זייער פֿרייַנדלעך באַגריסט, אָבער איך האָב תּיכּף דערפֿילט אַ קאַלטקייט. ווען נאַטאַנזאָן האָט אָפּגעמאַכט מיטן „עקסעלסיאָר"־טעאַטער האָט ער נאָך נישט געוווּסט, אַז איך וועל פֿאָרן אין אַ דריטן טעאַטער און אַז ער וועט מיך האָבן פֿאַר אַ קאָנקורענט.

פֿאַר ליליאַן איז דאָס במילא געווען אַן איבערראַשונג און אַן אַנטוישונג צו דערפֿילן די קאַלטקייט פֿון די נאַטאַנזאָנס. זי האָט דאָך געהאַט געשפּילט מיט זיי צוויי סעזאָנען. איך האָב איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז איר ערשטע „גאַסטראָלישע" לעקציע און אַז זי זאָל זיך האַלטן שטאָלץ קעגן זיי. וואָלט זי נאָך אַלץ געווען דאָס יונגע מיידעלע אין זייער טרופּע אין ניו־יאָרק, וואָלטן זיי געווען גאָר פֿרייַנדלעך צו איר. אָבער אַצינד פֿאָרט זי קאָנקורירן מיט זיי אין דער זעלבער שטאָט, טאָ ווי אַזוי קענען זיי זייַן מיט איר „קוצעניו־מוצעניו"?

נאָך אַ כּלל האָט דאָן ליליאַן געלערנט, וועלכן זי געדענקט איר גאַנץ לעבן. ווען איך האָב צוגעגרייט די פּיעסע מיט די ראָלעס, האָט זי פּלוצעם געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז די צווייטע ראָלע אין דער פּיעסע, מאַשאַ, האָט מער צו זינגען ווי זי. האָב איך גערעדט צו איר שטרענג און איר דערקלערט, אַז אויב זי וויל זייַן אַן אַקטריסע און פֿאַרנעמען איר פּלאַץ אין טעאַטער זאָל זי קיין מאָל נישט מורא האָבן, אַז אַ צווייטע אַקטריסע וועט איר איבערשטייַגן. פֿאַרקערט, זי דאַרף אַרבעטן איבער זיך כּדי זי זאָל זייַן בעסער ווי יענע, אַז טאָמער וועט זי מורא האָבן און זייַן אייפֿערזיכטיק אויף יעדן איינעם, זאָל זי שוין פֿאַרלאָזן דעם טעאַטער און נישט קלערן פֿון אַ קאַריערע. ליליאַן האָט דאָס קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

נאָך צוויי טעג אויפֿן דרום־אַמעריקאַנער ים, ווו מיר האָבן מיט גרויס טאָלעראַנץ עטלעכע מאָל אין טאָג זיך באַגריסט מיט אונדזערע „קאָנקורענטן", האָט די שיף ענדלעך זיך געריכט אָנצוקומען קיין מאָנטעווידעאָ. קאָמיש איז געווען צו פֿילן, ווי זיי שפּיאָנירן אונדז נאָך און פּרוּוון געפֿינען עפּעס, וואָס זיי זאָלן קענען פֿאַרוואַנדלען אין אַ רכילה קעגן ליליאַן מיט מיר. ווי איבערראַשט זענען זיי געווען אויסצוגעפֿינען, אַז מיר האָבן צוויי באַזונדערע קאַבינעס און אַז זייערע פֿאַרדאַכטן זענען טאַקע געווען נישט מער ווי פֿאַרדאַכטן.

אונדזער שיף איז אָנגעקומען אין פּאָרט פון מאָנטעווידעאָ אין אַ זוניקן אינדערפרי און אַלע מײַנע גוטע פרײַנד זענען דאָרט געווען אונדז באַגריסן, אויך מײַן שוועסטערקינד אײַזיק מיט זײַן משפּחה, און אַזוי שטייענדיק מיט דער גאַנצער גרופּע פרײַנד דערהערן מיר פּלוצעם ווי מען רופט אויס דורכן מיקראָפאָן פון דער שיף: „מיס ליליאַן לוקס, מען רופט מיס ליליאַן לוקס".

אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז אַ גרופּע צײַטונגסלײַט האָבן באַקומען אַ ידיעה פון בוענאָס־אײַרעס, אַז מיט דער שיף אויפן וועג קיין בוענאָס־אײַרעס פאָרט די שענסטע אַקטריסע פון ניו־יאָרק, די ייִדישע דזשין האַרלאָו. זענען זיי געקומען צו לויפן נעמען פון ליליאַן פאָטאָס און אויך אַן אינטערוויו. (אויסגעלאָזן האָט זיך שפּעטער, אַז דאָס איז געווען אַ שטיקל אַרבעט פון אַדאָלף מידע. ער איז געווען שוין איין מאָל אַ טעאַטער־דירעקטאָר. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו מאַכן רעקלאַמע).
מײַן ליליאַן זיצט זיך אויף דער „פּאָרענטשע" פון דער שיף, ווו די פאָטאָ־גראַפיסטן האָבן זי אַוועקגעזעצט. זי פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס (אירע שיינע פיסלעך) און שמייכלט מיט איר ברייטן אַמעריקאַנער שמייכל. די פאָטאָ־אַפּאַראַטן שיסן פון אַלע זײַטן. אונדזערע „קאָנקורענטן", די נאַטאַנזאָנס מיט די פעלדס, קוקן מיט קינאה. איך האָב שטאַרק שטאָלצירט מיט מײַן „בלאָנדער שיינקייט". זי איז אָבער נאָך נישט געווען „מײַנע".
באַלד איז אָנגעקומען פּעדראָ שפּרינגבערג פון דער ראַדיאָ און פאַרבעטן אַלעמען צו זיך אין זײַן סטודיאָ. אַלע צוזאַמען זענען מיר געקומען צו שפּרינגבערגן. מיר, די פעלדס, די נאַטאַנזאָנס, אַלע אָנוועזנדיקע פרײַנד און באַקאַנטע. עס איז דאָרט פּשוט פאָרגעקומען אַ באַנקעט. אונדז איז פאַרבליבן אַן אָנדענק פון יענעם טאָג, אַ פאָטאָ ווו אַלע דרײַ פרויען זיצן און די מענער שטייען הינטער זיי.

צו מאָרגנס איז די שיף ענדלעך אָנגעקומען קיין בוענאָס־אײַרעס גאַנץ פרי און אַדאָלף מידע האָט זיך באַוויזן אויף דער שיף. ענדלעך טרעפן מיר זיך. אַ הויכער מאַן, אַ פּערזענלעכקייט טאַקע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דירעקטאָר. ער כאַפּט אונדז ביידע קושן. מיך האָט ער געדענקט נאָך פון פּוילן און אין ליליאַן האָט ער זיך תּיכּף פאַרליבט. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך ספּעציעלע פּאַפּירן אַז מיר זאָלן נישט דאַרפן דורכגיין קיין אונטערזוכונג, אונדז אַראָפּגענומען פון דער שיף גלײַך אין אַ טאַקסי, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף אונדז. ער האָט איבערגעלאָזט עמעצן היטן אונדזער באַגאַזש, נישט געלאָזט אַדורכגיין די קאָנטראָל אין צאָלאַמט און אונטערגעאײַלט: גיכער, גיכער. מיר האָבן געוואָלט וויסן, וואָס איז די אײַלעניש, וואָס קומט דאָ פאָר? האָט ער געענטפערט: ס'איז אַ סורפּריז, „איר וועט באַלד זען ווי איר וועט פליִען"...

און ער ווײַזט אויפן הימל און שרײַט: „אָט פליט ער, קוקט!" מיר קוקן אויפן הימל און דערזעען אַן עראָפּלאַן פון וועלכן עס פליִען אַראָפּ טויזנטער בלעטלעך. מיר פאָרן צו צו אַן אָרט ווו די בלעטלעך האָבן שוין דערגרייכט די

גאַס און מידע לויפט אַרויס פון דער טאַקסי און כאַפּט עטלעכע פון זיי. ער ברענגט זיי און גיט מיר צו לייענען. אויף די בלעטלעך שטייט געדרוקט:

„אַט פליִען זיי, פּסחקע בורשטיין און ליליאַן לוקס. זיי קומען צו פליִען פון אַמעריקע. זיי וועלן אויפטרעטן אין „מיטרע"־טעאַטער. זיי זענען דאָ!"

אַזוי איז געשטאַנען אויף די פליִענדיקע בלעטער און דערביי — אונדזערע בילדער. איך בין געבליבן זיצן אַ פאַרכישופטער. אַזאַ רעקלאַמע האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען. ער איז מיר געפעלן געוואָרן, דער מידע. וועמען וואָלט איינגעפאַלן צו מאַכן אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע? מיט דעם, וואָס ער האָט צוגעשיקט צייטונגס־לייט אין מאָנטעווידעאָ, האָט ער שטאַרק געהויבן ליליאַנס פּרעסטיזש. אירע בילדער זענען אַרויס אין די בוענאָס־איירעסער צייטונגען אונטערן טיטל „די יידישע דזשין האַרלאָו" און די אַנדערע צוויי טעאַטערס זענען שוין געווען אייפערזיכטיק.

איך האָב תיכף דערפילט, אַז מיר וועלן האָבן גרויס דערפאָלג, אַז מיר ביידע, צוזאַמען מיט אַדאָלף מידע, וועלן זיין אַ געלונגענע קאָמבינאַציע און אַז אַלצדינג איז אַזוי באַשערט געווען. איך האָב טאַקע נישט געהאַט קיין טעות. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן דעם „מיטרע"־טעאַטער און כאָטש די געביידע איז נישט געווען אַזאַ גרויסע און אַזאַ נייע ווי דער „עקסעלסיאָר", האָב איך דאָך געזען, אַז זי געפינט זיך אין דער ריכטיקער יידישער געגנט. די גאַס איז געווען פול מיט יידן און מיט יידישע געשעפטן.

נאָך דעם ווי מיר זענען צוריקגעפאָרן צו דער שיף און אָפּגענומען אונדזער באַגאַזש זענען מיר פאַרפאָרן אין האָטעל „סאַוואָי". אַ גוטער אַריסטאָקראַטישער האָטעל אויף דער גאַס קאַזשאַאַ. אָוועקגעשטעלט דעם באַגאַזש אין אונדזערע צימערן, האָב איך באַלד געפירט ליליאַן עסן אַנטקעגן דעם האָטעל אין דעם באַרימטן רעסטאָראַן „טראַפּעזאַן". עס האָבן אונדז נאָך אָפּגעוואַרט געסט יענעם אָוונט. מיין גוטער חבר מאַקס פרידלענדער האָט זיך פונקט געפונען אין בוענאָס־איירעס מיט זיין פרוי, די שוישפּילערין סילוויאַ פישמאַן. זיי האָבן ערשט געענדיקט שפּילן די פּיעסע „אַ ווייב אויף בייטאָג" מיט היימאַן פּריזאַנט.

צו מאָרגנס נאָך די פרישטיק האָב איך געוואַרט אויף ליליאַן אין לאָבי פון האָטעל און מיר זענען אַרויס אויף דער ברייטער קאָריענטעס־גאַס זוכן אַ קאַפע ווו צו פרישטיקן. דאָן זענען מיר אַראָפּ אין דער „סובטעראַניאַ" (די אונטערגרונט־באַן פון בוענאָס־איירעס) און מיר זענען געפאָרן קיין „ווישאַ קרעספאָ", ווו דער טעאַטער „מיטרע" האָט זיך געפונען. פאַר ליליאַן איז אַלץ געווען ניי און אינטערעסאַנט און איך האָב געהאַט פאַרגעניגן צו זען ווי גליקלעך זי איז געווען.

איך האָב אין טעאַטער געפונען זייער אַ גוטע טרופּע. מידעס פרוי — קלאַראַ פרידמאַן — אסתר ראַפּעל מיט זלמן הירשפעלד, אַדאָלף שטרייטמאַן און זיין פרוי העלענאַ, זייער זון מישאַ שטרייטמאַן אַלס מוזיקאַלישער דיריגענט (איינער פון די פעיִקסטע מאָדערנע מוזיקערס, וועלכער איז לײדער יונג געשטאָרבן),

ווילי און קלאַראַ גאָלדשטיין, סאָניאַ לאַכמאַן מיט איר מאַן יצחק און איטשע־מאיר וואַרשאַווסקי, יעקב פערלמאַן (אַ ברודער פון אסתּר פערלמאַן) און די פּיַינע שוישפּילערין מינאַ אַקסעלראַד. אַ ריזיקע טרופּע!

אונדזער ערשטע פאָרשטעלונג איז געגאַנגען ביַי אַ געפּאַקטן זאַל. בכלל איז דער אינטערעס אין שטאָט געווען זייער גרויס מיט דער עפּענונג פון אַלע דריַי טעאַטערס. ליליאַן איז געווען אַ סורפּריז פאַרן עולם. זי האָט אין ערשטן אַקט געזונגען אַ חזניש ליד „זורע צדקות" — וואָס איז געוואָרן דער טשוואַק פון איר ראָלע. דאָס פּובליקום האָט געלעקט די פינגער הערנדיק ווי אַ יונג מיידל, וועלכע זעט אויס ווי אַן אַמעריקאַנער שיקסע, זינגט חזנות מיט דעם ריכטיקן קנייטש. אַט דעם געפיל צו תּפילה האָט ליליאַן וואַרשיַינלעך געירשנט פון איר זיידן, וועלכער איז געווען אין אָדעס אַ חזן, אַ גרויסער מנגן, זונדל לוקאַשעווסקי איז געווען זיַין נאָמען, און ער פלעגט שריַיבן נגינה פאַר אַזעלכע באַרימטע חזנים אין אָדעס ווי חזן מינקאָווסקי, חזן ראַזומני און זיַידל ראָוונער.

די ציַיטונגען האָבן וועגן אונדזער שפּילן געשריבן מיט גרויס התלהבות, איבער הויפּט וועגן מיַין פּאַרטנערין. (מיך האָבן זיי שוין גוט געקענט). די קריטי־קערס ראַזשאַנסקי און ד"ר זשיטניצקי האָבן וועגן איר געשריבן: „די צאַרטע, די שיינע, די טאַלאַנטירטע, אַ געווינס פאַרן יידישן טעאַטער". ליליאַן האָט פאַרשטייט זיך גליַיך צוגעפּעקליבן אַלע רעצענזיעס און זיי אַהיים געשיקט צו אירע עלטערן.

איך בין שוין פון לאַנג ביַי זיי אַ ליבלינג, האָבן זיי געשריבן, און זיי גיבן מיר גרויס קרעדיט פאַר מיַין ברענגען קיין בוענאָס־איַירעס אַזאַ פּאַרטנערין ווי ליליאַן לוקס.

עס האָט נישט געהאָלפן פעלדן, וואָס ער האָט ביַים אַריַינגאַנג אין טעאַטער אַרויסגעשטעלט בילדער פון דער פּיעסע „פּיניע פון פּינטשעוו", ווו איך בין געשטאַנען לעבן אים. אָדער דאָס וואָס נאַטאַנזאָן האָט אויסגעשטעלט בילדער פון זיַינס אַ פּיעסע, ווו ליליאַן ווערט באַוויזן אין אַ קליינער ראָלע. קיינער האָט אונדז נישט געקענט דיסקרעדיטירן ביַים עולם. מיר זענען געווען ליבלינגען.

אַלע דריַי טעאַטערס האָבן זיך געעפנט דעם זעלבן אויפדערנאַכט. און דריַי רעצענזיעס האָבן זיך באַוויזן איינע לעבן דער אַנדערער מיט באַזונדערע טיטלען — בורשטיין — לוקס אין דעם „קאָמעדיאַנט" אין „מיטרע"־טעאַטער; נאַטאַנזאָן אין „פריילעכע טעג" אין „עקסעלסיאָר", און יצחק פעלד אין „פּיניע פון פּינטשעוו" אין טעאַטער „אָמבו". פון אויבן איבער די דריַי רעצענזיעס — אַ גרויסער בשותּפותדיקער „דאַך" מיט קידוש־לבנה אותיות: „לואיס פריימאַן קומט קיין בוענאָס־איַירעס". עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַלע דריַי פּיעסעס זענען געווען געשריבן פון לואיס פריימאַן. פאַר דער פּרעסע איז דאָס אייגנטלעך געווען אַ קאָמעדיע.

װאַרשע 1939 — די פאָרשטעלונג „ציגײַנער ליבע" אין „סקאַלאַ"־טעאַטער. פון רעכטס צו לינקס: יוסף װידעצקי, מאַניעלאַ, הערש האַרט, ליליאַן לוקס, פּסחקע בורשטײן, בערטאַ ליטװינאַ, י. האַמבורגער, לאַלאַ יאַקובאָװיץ, באַמבע גורװיץ. אונטן, זיצן: הערי אַריעל און סאַניאַ זאַמינאַ.

דאָס לעצטע פּאָסטקאַרטל דערהאַלטן פון א. פאַרבעראָוויטש (אורקע נאַכאַלניק) אין 1939, ווען מיר האָבן געשפּילט אין ווילנע.

מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי, 1940 — אַ באַנקעט אין דער ראַדיאָ-סטודיאָ פון פּעדראָ שפּרינבערג. פון רעכטס צו לינקס: פרוי שפּרינבערג, לעווין, חזן קאַל־מעלע ווייץ, יצחק לאַכמאַן, מיין שוועסטערקינד אײַזיק, ליליאַן לוקס, פּסחקע בורשטיין, צילי טעקס, נתן קלינגער, הערמאַן קאָסאָווסקי, אַהרן אַלעקסאַנדראָוו, ווילי גאָלדשטיין, סאַשאַ ראָזענטאַל. זיצט: שפּרינבערגס מוטער. שטייען אויבן: מישאַ שטרײַטמאַן און פּעדראָ שפּרינבערג.

ברוקלין 1944 — „האַפּקינסאָן"־טעאַטער, בעת אַ פּראָבע פון דער פּיעסע „ווער איז שולדיק". שטייען, פון רעכטס צו לינקס: חזן בערמאַן, יוליוס אַדלער, אָסקאַר גרין, מאַקס ראָזענבלאַט, יצחק אַרקאַ, לואיס מאַרקאָוויץ, פּיַיוויש פינקל, הערי לאַנדמאַן, סיַימאָן וואָלף, סאָל דיקשטיין. זיצן, פון רעכטס צו לינקס: סאַלטשע שאָר, צילי בודקין, פלאָראַ פריַימאַן, הענריעטאַ דזשייקאָבסאָן, פּסחקע בורשטיין, לואיס פריַימאַן, איליאַ

ברוקלין 1945 — אַהרן לעבעדיעוו און פסחקע בורשטיין אין „ליאָווקע מאָלאָדיעץ"
אין „האָפּקינסאָן"-טעאַטער.

ברוקלין 1945 — פסחקע בורשטיין אין דער ראָלע פון „דער טאַטאַר"
אין דער פּיעסע „ליאָווקע מאַלאַדיעץ".

4 דורות אין ברוקלין, 1946 — ליליאַנס זיידע פּנחס לוקס מיט דער באָבע שיינדל, אירע עלטערן פרידאַ און וויליאַם לוקס; פּסחקע און ליליאַן בורשטיין און דער פערטער דור — מאַטעלע און זיסעלע.

ניו־יאָרק 1947 — אָפּשייד־מסיבה פאַרן אָפּפאָרן קיין בוע־נאָס־איירעס. עס שטיין, פון רעכטס צו לינקס: מיין ברודער דזשאָרדזש, פּסחקע בורשטיין, מיין פלימעניק לעסטער, ליליס פאָטער וויליאַם לוקס, מיין זון דיקי, מיין פלימעניצע ריטאַ, מיין שוואָגער בען פרידמאַן. עס זיצן, פון רעכטס צו לינקס: מיין שוועגערין ראָוז, ליליאַן לוקס, ליליס מוטער פרידאַ, ליליס שוועסטער ביאַטריס און מיין פלימעניצע מוצי.

ניו־יאָרק 1949 — מאָטעלע און זיסעלע האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער בינע
פון „נעשאָנעל טעאַטער" אין מיטן אַ פאָרשטעלונג. פון רעכטס צו לינקס:
פּיַיוויש פינקל, פּסחקע בורשטיין און יעקב זאַנגער.

סאַנטיאַגאָ, טשילע, 1953 — מיט דער טרופּע פֿון טעאַטער „סאָלעיל״. פֿון רעכטס צו לינקס: הערמאַן לודוויג, מאַקס קלאָס, אַנאַ ראַפּעל, עלזאַ ראַבינאָוויטש, קלאַראַ שטראַ־מער, ליליאַן לוקס, גרעגאָריאַ סעראַטאַ, זיסעלע, פּסחקע בורשטיין, מאַרגאַ שטיינבערג, מאַטעלע, לעאָן נאַרעפּקין, סאַלאָמאָן שטראַמער, אַרינקאַ פֿעלדבוים, נחמן ערליך,

פּאַריז 1954 — אין „אַלהאַמבראַ"־טעאַטער. ליליאַן
לוקס און מאָטעלע, 8 יאָר אַלט, אין אַ דועט
„די מאַמע מיטן זינדל".

זיסעלע און מאָטעלע אין פּאַריז, 1954.

תּל־אביב 1954 — אין „אהל״־שם־טעאַטער אויפפירנדיק „דער קאָמעדיאַנט״. פון רעכטס צו לינקס: מישאַ נתן, פעלאַ פעלד, סאַוויץ גאָלדרייך, פסחקע בורשטיין, זיסעלע, מאַטעלע, ליליאַ לוס, פסח גוטמארק, בערטא ליטווינא, בעטי סעגאל.

תּל־אביב 1954 — 9טער געבורטסטאָג פון מאָטעלע און זיסעלע, אויף דער בינע
פון „בית ציוני אמריקה".



די בורשטיינס געזעגענען זיך מיט ישראל אין 1955 מיט אַ רעווי־פֿאַרשטעלונג.

דרום־אַפריקע 1955 — די בורשטיין־משפחה צוזאַמען
מיט יוסף בולאָוו בײַ אַ „זולו״־טאַנץ. אין דער מיט:
אַ „זולו״־טענצער.



בוענאָס־אײַרעס 1956 — אַ באַנקעט לכּבוד דער בור־
שטײן־משפּחה. בײַם טיש אין רעסטאָראַן „פּינאַטי" מיט
די פרײַנד בערנאַרדאָ מאַנדעלבאַום, אַבראַשאַ גריסטאַן
מיט זײַן פרוי מאַניאַ.

AMUSEMENTS

THURS. EVE. OCT. 30th

Pesachke **BURSTEIN** Lillian **LUX**

Celebrity

A BAR and BAS MITZVAHS

Of Their Talented Twins

Susan and Michael

On The Stage Of Downtown **NATIONAL** THEA

HOUSTON ST. at 2nd AV. TEL. OR 4-2461

plus

The 4 BURSTEINS

Will Appear Together
With an All Star Cast
In the Joyous MUSICAL COMEDY

"VILLAGE WEDDING"

And After The Play

ZERO MOSTEL • JENNIE GOLDSTEIN
FREIDELE OYSHER & her Daughter MARILYN
SHOLOM SECUNDA
will Conduct the Orchestra
and Many of the Celebrities of the
Yiddish & American Stage, Radio & TV
will participate in

A GRAND CEREMONY

TICKETS NOW AT NATIONAL BOX OFF.

YIDDISH THEATERS

NEW YORK POST
OCTOBER 26, 1958



פסחקע בורשטיין און מאַטעלע אין בוענאָס־אײַרעס, 1961.

תּל־אביב 1962 — פסחקע בורשטיין אויספֿיַפֿנדיק „די אונגאַרישע ראַפּסאָדיע".

תל־אביב 1962 — אַן אויפנאַמע הינטער די קוליסן, נאָך דער פּרעמיערע. פון רעכטס צו לינקס: דאָראַ צאַנין, יהודית וואַלין, מרדכי צאַנין, ישׂראל וואַלין און דער באַרימטער „חנא טשאַפּ״.

פעלדס פרוי איז אויף דער צווייטער וואָך קראַנק געוואָרן און אויף איר פּלאַץ איז אַרײַן שפּילן אַ יונגע אַקטריסע, שפרה לערער (ווען שוועסטער מרים איז געווען איינע פון די בעלי־בתים פון טעאַטער). באַקומענדיק אַ יונגע פּאַרטנערין האָבן זיך אַ ביסל געהויבן פעלדס אַקציעס, ווײַל דער עולם האָט באַלד געזאָגט, אַז זײַן פרוי (כאָטש זי איז אין לעבן זייער אַ פײַנע פרוי) איז נישט קיין סטאַר.

די שוואַכסטע געשעפטן פון אַלע דרײַ טעאַטערס האָט געמאַכט נאַטאַנזאָן אין „עקסעלסיאָר". בײַ אונדז אין טעאַטער איז יעדן טאָג געווען שבת: אויספאַרקויפט!

זונטיק אין דער פרי פלעגן אַרטיסטן אויפטרעטן אין די יידישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען כדי צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע. אין אַ געוויסן זונטיק, געדענק איך, האָבן מיר דאָרט זיך באַגעגנט מיט דער „עקסעלסיאָר"־טרופּע און מיט נאַטאַנזאָנען. אַזוי ווי זיי האָבן זייער אוידיציע געהאַט געענדיקט און מיר האָבן באַדאַרפט אָנהייבן, זענען זיי פאַרבליבן כדי צו הערן אונדזער פּראָגראַם, דאָס הייסט די געזאַנגען פון אונדזער פּיעסע. שמואל איריס, מײַן חבר פון „עקסעלסיאָר", האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט געזען ליליאַן און זי נישט געהערט זינגען. איצט האָט ער זיך צוגעהערט ווי זי האָט געזונגען חזנות. ער איז געשטאַנען און זיך געביסן די ליפּן. איך בין געשטאַנען לעבן אים און האָב דאָס אָבסערווירט. דאַן האָט ער געכאַפּט מײַן האַנט און זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט פאַר די צרות וואָס זײַן טעאַטער האָט מיר פאַרשאַפט. ער האָט מיר דאַן אויסגעזאָגט דעם אמת, אַז דזשעני גאָלדשטיין האָט אַזוי אָנגערעדט אויף ליליאַן, אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן, אַז איך ברענג מיט זיך „עפּעס אַ כאַריסטקע" — פּסחקע, האָט ער זיך אַנטשולדיקט — גיב איר אַ קוש פאַר מיר און זאָג איר אַז מיר וועלן נאָך שפּילן צוזאַמען...

(מיר האָבן טאַקע שפּעטער געשפּילט צוזאַמען אַ סך יאָרן, ווען זײַן דירעקציע איז אַריבער אין טעאַטער „סאַלעיל").

ווי נאָר אַדאָלף מידע האָט דערזען ווי די דירעקציע פון „עקסעלסיאָר"־טעאַטער שטייט אין דער סטודיע און הערט זיך צו צו אונדז, האָט ער זיי באַוויזן אַ זשעסט. ווען ליליאַן האָט געענדיקט איר זינגען איז ער צוגעגאַנגען צום מיקראָפאָן און האָט אַנאָנסירט: „ליבער פּובליקום, איך וויל אײַך מעלדן, אַז בײַ אונדז זענען די בילעטן הײַנט אויספאַרקויפט. ביז קומענדיקע וואָך מוזסט איר זיך באַזאָרגן פאַרויס מיט בילעטן. נאָר אויב איר ווילט הײַנט זען אַ שיינע פאָרשטעלונג, דאַן גייט אין טעאַטער „עקסעלסיאָר" צו יוליוס נאַטאַנזאָן, איר וועט זיך פײַן אַמוזירן".

אָט די מעלדונג איז שוין געווען די גרעסטע סאַטיספאַקציע פאַר ליליאַן און פאַר מיר: „אויב איר ווילט זען פּסחקע בורשטיין מיט ליליאַן לוקס מוזסט איר זיך באַזאָרגן מיט בילעטן אַ וואָך פאַרויס".

דעם 20סטן יוני האָב איך געפּראַוועט ליליאַנס 17טן געבורטסטאָג, נאָך דער פאָרשטעלונג. די שימחה איז פאָרגעקומען אין קאַפע „אינטערנאַציאָנאַל". דאָרט

האָב איך שוין פאַרבעטן די נאַטאַנזאָנס צו אונדזער טיש. נישט האָבנדיק קיין ברירה האָב איך שוין צוגעשיקט שנאַפּס צו פעלדס טיש אויך.

יענעם אָוונט האָב איך דערזען דאָרט אין רעסטאָראַן לאהלען, וועלכע האָט אין 1934 געוואָלט מיט מיר חתונה האָבן. עס איז געווען אַ שבת ביי נאַכט און דער קאַפּע „אינטערנאַציאָנאַל" איז געווען געפּאַקט. ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין בענקל כּדי זיך באַגריסן מיטן בעל־הבית ליאָווא, פון דער ווייטנס, האָבן זיך מיינע אויגן פּלוצעם אָנגעטראָפן אויף לאהלען, וועלכע איז געזעסן ביי אַ טיש מיט אַ מאַן (זי האָט מיט אים קורץ נאָך דעם חתונה געהאַט — ווי איך פאַרשטיי). אַ מאָמענט האָבן מיר זיך אָנגעקוקט פון דער ווייטנס, איבער אַלע טישן, און זי האָט אָפּגעווענדט פון מיר אירע אויגן; איך האָב באַלד דערזען ווי זי מיט איר פריינד האָבן פאַרלאָזט דעם קאַפּע.

ווי פריִער דערציילט, האָט זיך איר מתּנה, דער גאָלדענער בראַסלעט, גענומען צעפאַלן אויף מיין רייזע צוריק קיין בוענאָס־איירעס. איך האָב דאָס געוויזן ליליאַן און איר דאַן אויך דערציילט וועגן לאהלען.

אַצינד, ווען איך האָב זיך מיט לאהלען איבערגעקוקט אין קאַפּע האָבן ליליאַנס שאַרפע אויגן דאָס באַמערקט און אַז לאהלע מיט איר פריינד זענען פאַרביי אונדזער טיש, פאַרלאָזנדיק דעם קאַפּע, און איך האָב איר שטומערהייט נאָכגעקוקט, האָט ליליאַן גלייך געוווּסט ווער דאָס איז.

איך האָב געפּראַוועט אַ גרויסע בענעפיט־פאָרשטעלונג און דערנאָך איינע פאַר ליליאַן און ביידע פאָרשטעלונגען האָבן מער ווי געדעקט אונדזערע רייזע־הוצאות, אַזוי אַז עס איז אונדז נאָך פאַרבליבן פּראָפיט.

אין אַ טאָג האָט מידע מיר געמאָלדן, אַז ער גייט פּראַווען אַ בענעפיט־פאָרשטעלונג פאַר זיך און וויל אַז מיר זאָלן שטעלן גאָלדפאַדענס פּיעסע „בר־כּוכבא". „ווער זשע וועט שפּילן בר־כּוכבא?" — פרעג איך אים. „וואָס הייסט ווער? דו, דו פּסחקע, מיט דיין שטים וועסטו זיין אַ גלענצנדיקער בר־כּוכבא און לילי אַ וווּנדערלעכע דינה".

עס האָבן נישט געהאָלפן מיינע דערווידערונגען. מיר האָבן געשטעלט „בר־כּוכבא" מיט דערפאָלג און די פּיעסע איז געגאַנגען אַ שיינע פּאָר וואָכן. איך האָב פאַר זיך באַשטעלט אַ פּאָר הויך געשנורעוועטע סאַנדאַלן, לויטן רוימישן סטיל, מיט הויכע קלעצער. אויפן קאָפּ האָב איך אָנגעטאָן אַ קאַסקע מיט אַ הויכן פעדער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מיט דער לאַנגער פּעלערינע האָב איך אויסגעזען מיט צוויי קעפּ העכער. דאָס פּובליקום האָט מיך אַפילו נישט דערקענט. (איך האָב נאָך דערצו געטראָגן אַ באָרד אויך). ערשט אין מיטן מיין סאָלאָ, אפשר 5 מינוט נאָך מיין אויפטרעטן האָט מען מיך דערקענט און גענומען אַפּלאָדירן: „דאָס איז ער".

די עלטערע אַקטריסעס האָבן זיך געהאַט געשפּאַרט מיט מיר הלמאי איך דערלויב ליליאַן צו שפּילן אַ בלאָנדע דינה, מיט בלאָנדע צעפּ. זיי זענען אַלץ געווען צוגעבונדן צו דער אַלטער טראַדיציע פון דעם אַלטן יידישן טעאַטער.

אַ געלעכטער איז געווען, ווען יוליוס נאַטאַנזאָן האָט קיין אַמעריקע געהאַט צוריקגעפירט אַ פאָטאָגראַפיע פון מיר אין דער ראָלע, און האָט דערציילט פאַר גאַנץ ניו־יאָרק, אַז ווען בורשטיין (ד״ה בר־כּוכבא) האָט געגעבן אַ שטאַרקן פייַף, האָט דאָס גאַנצע רוימישע מיליטער אַוועקגעוואָרפן זייַנע שווערדן און זיך אויס־געצויגן אויף דער ערד.

נאָכן דערפאָלג פון „בר־כּוכבא״ און זייַענדיק שוין אייַנגעשפּילט מיט ליליאַן אין 5 פּיעסעס, „דער קאָמעדיאַנט״, „די פריילעכע ציגייַנער״, „דער ראַדיאָ־זינגער״, „אַ חתונה אין שטעטל״ און „מען קען לעבן, נאָר מען לאָזט נישט״, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ.

מידע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאָרן אויף דער פּראָווינץ צוליב פּריוואַטע ענינים, האָב איך (מיט זייַן ברכה) אָרגאַניזירט מייַן אייגענע טרופּע.

איך האָב שוין פון לאַנג געהאַט געקלערט, אַז דער אַקטיאָר ווילי גאָלדשטיין קאָן זייַן אַ פּעיִקער געשעפטס־פירער. (איך האָב טאַקע געטראָפן. ער האָט זיך אויסגעטויגט בעסער צו געשעפטס־פירעריַי ווי צו שוישפּילעריַי). איך האָב אים דאַן געגעבן די ערשטע געלעגנהייט זיך צו באַווייַזן אַלס טעאַטראַלישער אימפּרע־סאַריאָ. עס איז אים געלונגען און ער איז טאַקע נאָך דעם געוואָרן אַליין אַ דירעקטאָר.

פאַר ליליאַן איז דאָס אַלץ געווען ווי אַ חלום. זי האָט געלעבט אין אַ נייַער וועלט. אַ „סטאַר״, אַרומגערינגלט פון נייַע פרייַנד און פאַרערערס. דאָס פּובליקום פלעגט איר נאָכגיין אויף דער גאַס, נאָכלויפן, באַוווּנדערנדיק אירע קליידער. זי האָט גאָרנישט געקלערט פון אַהיים פאָרן. זי האָט זיך געפונען איר אָרט אין דער ראָלע פון מייַן פּאַרטנערין. מיר האָבן זיך זייער גוט פאַרשטאַנען און דער עיקר — מיר זענען געווען פאַרליבט. איך בין געווען זיכער אַז ליליאַן האָט מיך באמת ליב, פּונקט ווי איך זי.

וועגן דעם אונטערשיד אין אונדזערע יאָרן האָבן מיר ביידע אַפילו נישט געקלערט. עס האָט אונדז נישט געקימערט. פאַרקערט — אין אַ סך הינזיכטן איז ליליאַן געווען עלטער פון מיר, מער ערנסט און מיט מער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט.

איך האָב אָנגעשריבן אַן אָפיציעלן בריוו צו מייַן אַדוואָקאַט דזשערי פאַרקער (דער מאַן פון דער פּרימאַדאָנע לוסי לעווין), אַז ער זאָל פאַר מיר דערלייזדיקן אַ גט. און ער האָט דאָס טאַקע געטאָן. און מיר, דערווייַל, האָבן זיך געגרייט צו פאָרן אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ.

די ערשטע שטאָט איז געווען ראָזאַריאָ, ווו די פאָרשטעלונגען זענען געווען אָפּגעקויפט פון אַ דאָרטיקן אונטערנעמער מיטן נאָמען ראָס. פון דאָרטן זענען

מיר געפֿאָרן קיין סאַנטאַ פע, טוקומאַן, קאָרדאָבאַ א״אַ. אין אונדזער טרופּע האָט געהערשט אַ לעבעדיקע, היימישע אַטמאָספֿער.

מיר איז פֿאַרבליבן אין זכּרון אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד פֿון דער שטאָט טוקומאַן.

זיצנדיק אין עסזאַל פֿון האָטעל האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דער לאָקאַלער ראַדיאָ־סטאַנציע. איך האָב דערקענט צווישן די אַנאָנסן פֿון דעם ספּיקער עטלעכע ייִדישע נעמען פֿון ייִדישע געשעפֿטן. איז מיר איינגעפֿאַלן אַ פּלאַן, אַז גאָלדשטיין זאָל צוגיין אין דער סטודיאָ פֿון דער לאָקאַלער ראַדיאָ און זיי מעלדן, אַז קיין טוקומאַן זענען אָנגעקומען צוויי אַמעריקאַנער סטאַרן שפּילן ייִדיש טעאַטער, זיי זאָלן געבן אַ ראַדיאָ־פּראָגראַם למען רעקלאַמע, כּדי די ייִדן זאָלן וויסן, אַז מיר זענען דאָ. אַזוי האָט ווילי טאַקע געטאָן און אַזוי גיך ווי דער דירעקטאָר פֿון דער ראַדיאָ האָט געהערט דאָס וואָרט „ייִדישע״, האָט ער אַרויסגעבראַכט צוויי פּלאַטן און אים דערקלערט, אַז די צוויי אַמעריקאַנער פּלאַטן שפּילט ע ר יעדן פֿרייטיק לכּבוד זיינע ייִדישע צוהערערס.

גאָלדשטיין האָט באַטראַכט די צוויי פּלאַטן און זיך צעלאַכט פֿאַר פֿרייד. איינע פֿון די פּלאַטן איז געווען מיינע (וועלכע איך האָב אַריינגעזונגען פֿאַר „קאָלומביאַ״), וווּ איך זינג „פּיטי־דאַ־ריטי״, אויף איין זייט, און „דער גאַליציאַנער קאַוואַלעראָ״ אויף דער צווייטער זייט. די צווייטע פּלאַטע איז געווען אַהרון לעבעדיעווס „רומעניע, רומעניע״.

גאָלדשטיין האָט אָנגעוויזן אויף מיין פּלאַטע:

דו זעסט, זאָגט ער, אָט דער זינגער, פּסחקע בורשטיין, איז אַצינד דאָ אין דיין שטאָט טוקומאַן.

דער קריסט האָט אים נישט געגלייבט:

— דו מיינסט, אַז מיר דאָ, אין דער פּראָווינץ, זענען אידיאָטן? דו ווילסט מיר איינרעדן, אַז דער אָ בורשטיין פֿון די „קאָלומביאַ״־פּלאַטן האָט שוין גאָרנישט מער צו טאָן ווי קומען אַהער צו אונדז אין שטעטל?

— וואָרט — בעט זיך גאָלדשטיין — איך שווער אייך אַז ער איז דאָ. וואָס וועט איר זאָגן, אַז איך וועל אייך איבערצייגן, האַ? אַז ער וועט קומען אַהער אין סטודיאָ און אייך זינגען דאָס זעלבע ליד?

— ווען דאָס זאָל געשען — ענטפֿערט דער דירעקטאָר — איז די ראַדיאָ אייערע אויף דער גאַנצער וואָך.

הכּלל, ווילי איז געקומען צו לויפֿן אין האָטעל און אָנגעהויבן מיך וועקן:

— פּסח, קום שנעל. אַ גליק האָט אונדז געטראָפֿן. מיר וועלן האָבן פֿרייע רעקלאַמע. דער גוי איז פֿאַרליבט אין דיין רעקאָרד נאָר ער גלייבט נישט, אַז דאָס ביסטו. דו מוזסט פֿאַר אים מאַכן פּראָבע.

מיר גייען מיט אים צו דער ראַדיאָ־סטאַנציע און נעמען מיט אונדזער פּיאַניסט. נו, נו, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, מען האָט דערקענט מײַן קול, מײַן היקען, מײַן פּײַפן.

דער סוף איז געווען, אַז דורך דער גאַנצער וואָך פון אונדזער שפּילן אין טוקומאַן האָבן מיר יעדן טאָג געהאַט אַן אייגענע פּראָגראַם און יידן פלעגן שטראָמען אין טעאַטער, אַפילו בײַ טאָג, און די סטודיאָ איז געווען פול מיט יידן.

צוריקוועגס פון דער פּראָווינץ זענען מיר אַרײַנגעפאָרן קיין מאָזעסוויל (אָדער ווי מען פלעגט עס רופן אויף יידיש משהסוויל).

דאָס איז געווען אַ טייל פון די יידישע קאָלאָניעס, וועלכע משה מאָנטעפיאָרע האָט אָפּגעקויפט בײַ דער רעגירונג אויף הונדערט יאָר און דאָס געשאָנקען די יידישע קאָלאָניסטן.

אין מאָזעסוויל האָט זיך געפונען דער ליבער פרײַנד יעדלין (וווינט הײַנט אין ישׂראל מיט זײַן משפּחה), וועלכער פלעגט זיך אָפּגעבן מיט יידישע שוי־שפּילערס, וואָס זענען אַהין געקומען שפּילן.

דאָס לעבן אין מאָזעסוויל איז ענלעך צום מושב־לעבן אין ישׂראל. אַלע זענען געווען מיטגלידער פון דעם שטאָט־קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער האָט געפירט די געשעפטן פון די קאָלאָניסטן.

די גאַנצע באַפעלקערונג איז דאַן געווען אַ יידישע. יידישע פּאָליציי, יידישע „גאַוטשאָס" (קאָו־באָיס), אַ יידישע פּאָסט, אַ יידישע ביבליאָטעק. איך געדענק, אַז שטייענדיק אין דער פּאָסט האָב איך געהערט דעם פּאָסטמײַסטער זיך אָנרופנדיק צו אַ בחורל: „חיים, זאָג דעם טאַטן ס'איז דאָ אַ בריוו פאַר אים". דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען ווי איין משפּחה.

מיט אונדזער אָנקומען קיין מאָזעסוויל האָבן מיר „געמאַכט געשיכטע". בײַם צוקומען צו דער שטאָט האָבן מיר בײַגעוווינט אַן אָנפאַל פון היישעריקן. די פעלדער זענען געוואָרן רויִנירט. דערצו האָבן זיי געליטן פון אַ טריקעניש. עס האָט שוין נישט גערעגנט אין דעם געגענט כמעט צוויי חדשים. די בהמות האָבן שטאַרק געליטן. די פּויערים אין מאָזעסוויל זענען געווען אויף גרויסע צרות. דאָך האָבן זיי דעם מוט נישט געהאַט פאַרלוירן. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט געהאָלפן אין דער שווערער צײַט אויפהאַלטן די מאָראַל. ווען מיר זענען אָנגעקומען מיט אונדזער טעאַטער האָט דער שטאָטראַט דערקלערט אַ יום־טוב.

די באַנק האָט אויסגעבאָרגט יעדער משפּחה אַ געוויסע סומע געלט, כּדי מען זאָל זיך קענען אויספּוצן און גיין אין טעאַטער. מיר האָבן דעריבער געשפּילט אין דער „קדימה" אין מאָזעסוויל גאַנצע צוויי וואָכן, זיי געוויזן אַלע אונדזערע פּיעסעס. עס האָט ווירקלעך געהערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג. אַוועקגעפאָרן זענען מיר אין דער באַגלייטונג פון אַ סך נײַע פרײַנד.

צוריקקומענדיק קיין בוענאָס־אײַרעס פֿון דער פּראָווינץ, זענען מיר צוזאַמען מיט אונדזער טרופּע געפֿאָרן שפּילן קיין מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי. אײנע פֿון די ייִדישע צײַטונגען אין מאָנטעווידעאָ האָט געהערט צו צוויי ברידער פֿון ווילנע, דודקע און משהלע אָרזוך. זיי פּלעגן זיך יעדן טאָג צעשרײַבן וועגן אונדז, און מיר האָבן זיך פֿאַרליבט אין דער שײנער שטאָט מאָנטעווידעאָ.

ליליס יונגער קאָפּ האָט גלײַך באַנומען די שפּראַך און זי האָט אָנגעהויבן רעדן שפּאַניש. אין ניו־יאָרק איז שוין געווען האַרבסט, אָבער אין דרום־אַמעריקע האָט געהערשט דער פֿרילינג. אויך אין אונדזער לעבן איז געווען פֿרילינג און מיר האָבן גענאָסן פֿון לעבן און געשלונגען יעדן גליקלעכן מאָמענט. איך קאָן באמת זאָגן, אַז דאָס איז געווען דער שענסטער פּעריאָד אין מײַן לעבן. איך האָב געפֿונען דאָס וואָס איך האָב מײַן גאַנץ לעבן געזוכט. די געליבטע פֿון מײַן האַרצן און אַ פּאַרטנערין צו מײַן קאַריערע. איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מײַן גט פֿון אַמעריקע און דערווײַל אָפּגעהיטן מײַן לילין ווי אַן אויג אין קאָפּ. אין דער זעלבער צײַט האָב איך אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט עמיל פֿרידעסן אין פּוילן און ער האָט זיך געפֿרייט מיט מײַן גליק.

אַחוץ מײַן חבר לוסיאַ זאַלקינד האָט דאָרט געוווינט נאָך אַ חבר פֿון ווילנע, פֿון מײַנע יוגנטטעג, איסאַק ווישניעוועור מיט זײַן יונג שיין ווײַבל עסיע. זי איז אויך געקומען ווי אַ קינד פֿון ווילנע און איז געווען אפֿשר אַ יאָר אָדער צוויי עלטער פֿון לילין. די צוויי מיידלעך האָבן געפֿונען אַ סך געמיינזאַמס צווישן זיך. (זיי זענען נאָך חברטעס ביזן הײַנטיקן טאָג). אַזוי האָבן מיר פֿאַרבראַכט מיט אונדזער אינטימער גרופּע יעדע נאַכט נאָך די פֿאָרשטעלונגען און גאָרנישט געפֿילט ווי די צײַט לויפֿט אַוועק.

פּלוצעם האָב איך באַקומען אַ בריוו פֿון עמיל פֿרידעסן פֿון לאָדזש, אַז ער אָראַנזשירט פֿאַר מיר, צוזאַמען מיט מײַן נײַער פּאַרטנערין, אַ רײַזע, צו שפּילן אין בעלגיע, פּאַריז און נאָך דעם אַרײַנפֿאָרן קיין פּוילן אויפֿן ווינטער. לילי איז געווען זייער נײַגעריק צו זען אייראָפּע, אָבער אונדזער פּלאַן איז געווען קודם אַהיים צו פֿאָרן און שטעלן אַ חופּה אין ניו־יאָרק. איצט וואָס טוט מען? פֿאָרן קיין ניו־יאָרק וועט דאָך פֿאַרנעמען צו פֿיל צײַט און מיר וועלן פֿאַרשפּעטיקן אייראָפּע.

ווי אַ נס פֿון הימל איז מיר פּונקט אָנגעקומען מײַן גט פֿון ניו־יאָרק. אַזוי ווי דער גורל וואָלט געוווּסט וואָס מיר צוזשיקן. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן חתונה צו האָבן אין מאָנטעווידעאָ. לילי האָט טעלעפֿאָנירט צו אירע עלטערן קיין ניו־יאָרק אָט די בשׂורה און געבעטן זייער ברכה. נו, וואָס האָבן די עלטערן געקאָנט איר ענטפֿערן אין אַזאַ פֿאַל? זײַענדיק הײַנט אַליין אַ טאַטע (אַפֿילו אַ זיידע) קאָן איך פֿאַרשטיין וואָס ליליס טאַטע־מאַמע האָבן דאַן געמוזט פֿילן. געלאָזן אַ קינד פֿאָרן מאַכן איר קאַריערע און זי קומט נישט מער צוריק צו זיי אין שטוב. אַוודאי וואָלטן זיי געוואָלט זײַן אויף זייער טאָכטערס חתונה, אָבער ווי זאָגט מען? —

אַ קניפּ אין באַק, אַז די פאַרב זאָל שטיין. זיי האָבן לילין געענטפערט, אַז אויב זי וועט זײַן גליקלעך וועלן זיי אויך זײַן גליקלעך. זיי האָבן אונדזביידן געווונטשן מזל־טוב און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו אונדזער חתונה.

13. אונדזער חתונה

אונדזער חתונה־צערעמאָניע איז פאָרגעקומען אין שטאָטזאַל (רעכיסטראַ סיוויל) פון מאָנטעווידעאָ, אין דער באַגלייטונג פון אַלע פרײַנד, שווישפילערס און מײַן שוועסטערקינד אײַזיק. מיר האָבן אויך פאַרבעטן דעם אַמעריקאַנער קאָנסול ווי איינער פון די עדות כּדי די חתונה־פּאַפּירן זאָלן אויך רעגיסטרירט ווערן אין וואַשינגטאָן. די צערעמאָניע איז געפּראָוועט געוואָרן אין גאַנצן אויף שפּאַניש, אַזוי אַז איך האָב קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. מיך האָט דאָס אָבער נישט געקימערט. אין וועלכער שפּראַך עס זאָל נישט זײַן, האָב איך אין מײַן האַרצן געפילט, אַז דאָס איז מײַן ערשטע אמתע חתונה. מײַן כּלה האָט געשײַנט ווי די זון אין הימל. דער ריכטער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער חתונה־צערעמאָניע, איז געשטאַנען אויבן אָן מיט אַ ברייטער לענטע פון לילאַ־קאָליר, אָנגעהאָנגען איבער זײַן ברוסט.

דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ווען עס וועט קומען צו דער וויכטיקער פראַגע זאָל איך זײַן גרייט צו ענטפערן אויף שפּאַניש „סי" (ס'הייסט יאָ). איך בין געשטאַנען געשפּאַנט און יעדער מאָל וואָס דער ריכטער האָט געכאַפּט אָן אָטעם בײַ דער לאַנגער דרשה האָב איך אויסגעשאָסן „סי". דער קאָנסול האָט געהאַלטן אין איין שושקען: „נישט איצט, מר' בורשטיין, נאָך נישט". דער סוף איז געווען, אַז ווען די וויכטיקע פראַגע איז ענדלעך געקומען האָב איך גאָר געשוויגן. דער נערוועזער קאָנסול האָט מיך גענומען שטורכען און שרײַען „אַצינד, מר' בורשטיין, אַצינד". ערשט דאַן האָב איך אויסגעשריִען „סי, סי" און דער ריכטער האָט אונדז דערלאַנגט אַ חתונה־ביכל מיט פּלאַץ אַרײַנצושרײַבן 16 קינדער. (די אורוגוואַיער רעגירונג איז אַ פּנים געווען זייער אָפּטימיסטיש).

(מיט יאָרן שפּעטער האָבן מיר נאָך אַ מאָל דורכגעמאַכט די זעלבע צערע־מאָניע, אין דער זעלבער שטאָט מאָנטעווידעאָ, נאָר דאָס מאָל איז אונדזער זון מײַק געווען דער חתן. ליליאַן, זײַן מאַמע, איז דאָס מאָל געווען די מחותּנעסטע און פעסט געהאַלטן די האַנט פון מײַקס כּלה, עדית, וועלכע איז געקומען אַזש פון ישׂראל כּדי חתונה האָבן אין דער זעלבער שטאָט ווי זײַנע עלטערן).

צוויי טעג שפּעטער האָבן מיר געשטעלט די ייִדישע חופּה בײַ געדעקטע טישן. אָט די צערעמאָניע האָב איך שוין פאַרשטאַנען... פרידעס האָט אונדז געשריבן,

אַז ער האָט אָפּגעמאַכט אַ קאָנטראַקט פֿאַר אונדז אָנצוהייבן אין אַנטווערפּן אין דעם „אַמעגאַנג גאַס טעאַטער״ מיטן דירעקטאָר מענדעלעוויטש. ער אַליין, פּרידעס, וועט אונדז טרעפֿן אין אַנטווערפּן. מיר דאַרפֿן דאָרט אָנהייבן שפּילן סוף יאַנואַר. ער האָט אונדז אויך צוגעשיקט אַ טעלעגראַם מיט אַלע פּרטים און לויטן געזעץ איז דאָס געווען פּונקט ווי אַ געשריבענער קאָנטראַקט.

אַזוי ווי מיר האָבן ערשט געהאַלטן ביַי אָנהייב נאָוועמבער, און גרויסע היצן דערצו, האָבן מיר באַשלאָסן פֿאָרן אויף האָניק־חודש צום ים. דער האָניק־חודש איז אונדז טאַקע צו „ניץ״ געקומען נאָך 6 חדשים כּסדר אַרבעטן. די וואַקאַציע האָט אונדז געגעבן פֿרישע כּוחות פֿאַרן אָפּפֿאָרן קיין איראָפּע צום נײַעם סעזאָן.

איידער מיר זענען געפֿאָרן צום ים האָב איך אָבער אַלץ דערליידיקט בנוגע אונדזער ריַיזע. אַזוי ווי די ריַיזע קיין לאָנדאָן דויערט 28 טעג, וועלן מיר אַרויספֿאָרן מיט אַן ענגלישער שיף אָנהייב דעצעמבער און אָנקומען קיין אַנטווערפּן פּונקט אין דער ציַיט.

האָב איך טאַקע צוגעגרייט אונדזערע פּאַפּירן, באַשטעלט די שיפֿקאַרטעס און אויסגעקליבן די שענסטע קאַבינע פֿאַר מיר מיט מיַין לילין. די שיפֿס־געזעל־שאַפֿט האָט דערוויַיל צוגענומען אונדזער גרויסן באַגאַזש צו זיך אין זייער דעפּאָזיט־הויז, ביז צום טאָג פֿון אונדזער ריַיזע. אין יענעם טאָג האָבן זיי צוגע־זאָגט צוצושטעלן אַלע קאַסטנס צו דער שיף. אַלץ דערליידיקט, זענען מיר געפֿאָרן אויף וואַקאַציע, פֿאַרגעסנדיק, אַז די שיף פֿאָרט אָפּ אין אַ זונטיק, ווען קיינער אַרבעט נישט אין דעפּאָזיט־הויז.

אין דעם האָטעל ביַים ברעג פֿון ים איז אונדז גאָרנישט געווען אומעטיק. אונדזערע חברים זענען יעדן טאָג געקומען אויף באַזוך. חוץ זיי זענען אָנגעקומען אַלע פֿריַינד פֿון בוענאָס־איַירעס אויף זומער־וווינונג קיין פּיריאַפּאָליס. איך האָב שוין פֿאַרשטאַנען, אַז קיין ריכטיקן „האָניק־חודש״ וועלן מיר נישט האָבן ביז מיר וועלן זיך אויפֿזעצן אויף דער שיף. דערוויַיל האָבן מיר זיך אַלע צוזאַמען געברענט אויף דער זון, אין די הייסע זאַמדן פֿון דער פּלאַזשע און עס איזווירקלעך געווען אַ זומער צו געדענקען אויף אייביק.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג פֿון דער ריַיזע. שוואַרצע, אויסגעבאַקענע פֿון דער זון, זענען מיר געפֿאָרן צו דער שיף. איך האָב מיט אַ טאָג פֿריִער טעלעפֿאָנירט אין דער שיפֿס־געזעלשאַפֿט און מען האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז מיַין באַגאַזש וועט געפֿירט ווערן צו דער שיף, אָבער אָנקומענדיק אַהין האָבן מיר די זאַכן נישט געפֿונען... נישטאָ אונדזערע קאַסטנס, נישט אין דער קאַבינע און נישט אין פּאָרט. מיט גרויס נערוועזישקייט האָב איך זיך פֿאַרבונדן טעלעפֿאָניש מיטן וועכטער פֿונעם דעפּאָזיט און ער האָט מיר געמאָלדן, אַז עס געפֿינען זיך ביַים

טויער קאַסטנס, און אויף זיי מײַן נאָמען אָנגעשריבן, נאָר אַ פּנים אַז די אַרבעטערס האָבן דאָס נעכטן פאַרגעסן מיטצונעמען און אַזוי ווי עס איז הײַנט זונטיק איז דאָרט קײנער נישטאָ.

ס׳איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. אַלע פרײַנד האָבן געכאַפּט זײערע אויטאָס, אײנער אַפילו אַ לאַסטוואָגן און שנעל געלאָפן נאָך אונדזערע זאַכן. די ווײַבער זענען אַלע פאַרבליבן מיט אונדז. דער קאַפּיטאַן האָט צוגעזאָגט אויפהאַלטן די שיף, ער האָט אָבער אונדז פרובירט אײַנרעדן, אַז ווי עס פירט זיך, וועט די געזעלשאַפט נאָכשיקן די קאַסטנס מיט אַ צווייטער שיף. „עס וועט זײַן צו שפּעט״ — האָב איך אים דערקלערט. איך האָב דאָ אין קעשענע אַ קאָנטראַקט אָנצוהײבן שפּילן אין יאַנואַר. וואָלט איך געוועזן געוווסט די סיטואַציע, וואָס אונדז דערוואַרט אין אַנטווערפּן, וואָלט איך אין גאַנצן אַראָפּ פון דער שיף, זיך אָוועקגעזעצט אין שענסטן האָטעל, באַשטעלט דעם בעסטן אַדוואָקאַט און געמאָנט בײַ דער שיפס־געזעלשאַפט אַ סומע געלט לויטן ווערט פון מײַן קאָנטראַקט. אָבער אַ מענטש איז דאָך נישט קיין נביא. האָבן מיר זיך דערפרייט, ווען עס איז ענדלעך אָנגעקומען אַ בריגאַדע פון אויטאָמאָבילן. יעדער האָט געפירט אַ שטיקל באַגאַזש. די שיפס־אַרבעטערס האָבן אויפגעהויבן דעם באַגאַזש. די שיף איז שוין געווען פאַרשפּעטיקט אויף 30 מינוט. מיר האָבן זיך שנעל געזעגנט און די שיף איז אָפּגעשווומען פון ברעג.

צום קריסטלעכן יום־טוב, דעם 25סטן דעצעמבער, זענען אויף דער שיף, אין דער קירכע, פאָרגעקומען קריסטמעס־תּפילות. ווען דער קאַפּיטאַן האָט מיך געפרעגט פאַר וואָס מיר נעמען נישט אָנטייל האָב איך אים דערציילט, אַז מיר זענען ייִדן, ייִדישע שוישפּילערס. ער האָט זיך דערפרייט מיט דעם וואָרט שוישפּילערס און פאַרבעטן יענעם אָוונט געבן אַ קאָנצערט, אַ מתּנה פאַר די פּאַסאַזשירן לכּבוד זייער יום־טוב.

מיט פאַרגעניגן האָבן מיר זיי דערלאַנגט אַ פּרעכטיקן קאָנצערט, געזונגען אויף ענגליש, שפּאַניש, רוסיש און פּאָרטוגעזיש, און די קריסטלעכע פּאַסאַזשירן האָבן געלעקט די פינגער.

צו מאָרגנס איז געשען אַ נס. איבער נאַכט איז אַ האַלבע שיף געוואָרן אַ ייִדישע. מיט אַ מאָל האָט מען זיך נישט געשעמט צו זאָגן: איך בין אַ ייִד, איך בין אַ האַלבער ייִד. אַפילו דאָס פּאָרל איטאַליענישע טענצערס, וועלכע זענען אויך אויפגעטראָטן אויפן באַל, האָט זיך מודה געווען, אַז די מאַמע פון אײנעם איז אַ ייִדישע. פּלוצעם איז געוואָרן כּל־ישׂראל חברים. אָט די געשיכטע איז פאָרגעקומען מיט איין יאָר פריִער אײדער היטלער האָט אָקופּירט פּוילן.

אין אַ צוויי טעג אַרום האָט זיך אונדזער שיף אָפּגעשטעלט בײַ דעם אינדזל מאַדעירע. דאָרט האָבן מיר זיך אָנגעקויפט פלעשער מיט דעם באַרימטן מאַדעירע־ווײַן, וועלכע איך האָב פאַרזיכטיקערהייט אַרײַנגעפּאַקט אין די טשעמאָדאַנעס צווישן די ווייכע וועש.

איידער די שיף איז אָנגעקומען קיין שערבורג האָבן מיר געדאַרפט פאַרביי־שווימען דעם באַרימטן „ביי פון ביסקיי". דאָס איז אַ שטח ווו עס גיסן זיך צוזאַמען וואַסערן פון פאַרשידענע ימים. אַזאַ שטורעם ווי אונדז האָט דאָן געטראָפן האָב איך נאָך קיין מאָל אין מײַן לעבן נישט דורכגעמאַכט. די שיף האָט זיך געוויגט ווי אַ בלעטל אויפן ווינט. קוים דערלעבט צו זען דעם פּאָרט פון שערבורג. ענדלעך, נאָך 28 טעג רײַזע, האָבן מיר דערגרייכט די ברעגן פון ענגלאַנד, די פּאָרטשטאָט פון סאָוטהעמפּטאָן.

23 שטיקלעך געפּעק זענען צוזאַמען מיט אונדז אַרויף אויף דער שיפסבאַן וואָס האָט אונדז באַדאַרפט פירן פון סאָוטהעמפּטאָן קיין לאָנדאָן.

אויפשטײַגנדיק אויף דער באַן האָב איך פּלוצעם דערהערט ווי עמעצער שרײַט אויס מײַן נאָמען און זוכט מיך.

דאָס איז געווען אַ פאַרטרעטער פון דער שיפס־געזעלשאַפט און ער האָט געהאַט פאַר מיר אַ בריוו פון פרידעסן. איך האָב געלייענט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„ליבער בורשטיין, איר זאָלט וויסן, אַז איך געפין זיך נאָך אַלץ אין פּוילן, ווײַל מענדעלעוויטש האָט מיר נאָך קיין וויזע נישט געשיקט. ווײַזט אויס אַז ער וויל נישט אַז איך זאָל קומען קאָנטראָלירן די קאַסע. איר זאָלט נישט אָנהייבן שפּילן אָן מיר. פאָרט אַרײַן אין דעם האָטעל „עקסעלסיאָר" און שיקט מיר זאָפאָרט אַרויס אַ וויזע קיין לאָדזש. אײַער עמיל פרידעס".

מיר האָבן זיך געדאַרפט דערקלײַבן צום וויקטאָריאַ־וואָקזאַל און פון דאָרט נעמען אַ באַן, וועלכע וועט אונדז פירן צו דער בעלגישער שיף. איך האָב דערווײַל געהאַט צוגעגרייט דעם טעלעפאָן־נומער פון מײַן אַלטן פרײַנד און דירעקטאָר אײַזיקאָוויטש און איידער וואָס ווען, האָב איך צו אים טעלעפאָנירט. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט דערהערנדיק מײַן קול. — „פּסחקע, וואָס טוסטו דאָ?" — דערציייל איך אים אַז איך פאָר פאַרבײַ אויפן וועג קיין בעלגיע. מיר שמועסן זיך אָפּ צו טרעפן אויפן וויקטאָריאַ־וואָקזאַל אין אַ שעה אַרום. מיר איז נישט געפעלן געוואָרן וואָס אײַזיקאָוויטש פרעגט מיך וואָס איך טו דאָ, אָבער איך האָב וועגן דעם ליליאַן גאָרנישט געזאָגט.

כדי צו פאָרן צום וויקטאָריאַ־וואָקזאַל האָבן מיר געמוזט דינגען צוויי טאַקסיס פאַר אונדז און פאַר דעם באַגאַזש. ליליאַן און איך זענען געפאָרן אין דער ערשטער מיט אַ טייל פונעם באַגאַזש און דאָס רעשט אין דער צווייטער טאַקסי. דער לאָנדאָנער נעפּל איז געווען געדיכט ווי „סמעטענע" און כאָטש ס׳איז נאָך געווען פאַר מיטאָג זענען אַלע אויטאָמאָבילן געפאָרן מיט אָנגעצונדענע ליכט. מען האָט קוים געקענט זען די צווייטע טאַקסי מיטן באַגאַזש. מיר האָבן געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן דורך דעם הינטערשטן פענצטער. האָט מיך שוין באַנג געטאָן וואָס איך אַליין בין נישט געפאָרן מיט דער צווייטער טאַקסי. נאָר גיי צעטייל זיך מיט

מײַן ליליאַן און לאָז זי אַליין פֿאָרן אין דער פֿרעמדער שטאָט! דאָס האָב איך מורא געהאַט.

ענדלעך אָנגעקומען אויפֿן וואָקזאַל און זיך געמאָלדן צו דער בעלגישער שיפֿס־געזעלשאַפֿט. עס לאָזט זיך גאָר אויס, אַז מיר וועלן מוזן פֿאָרן מיט צוויי שיפֿן. אַ קליין שיפֿל וועט אונדז פֿירן קיין האָלאַנד און פֿון דאָרט אַ גרעסערע שיף, וועלכע פֿאָרט איבער נאַכט אַדורך דעם טײַך „הוק אָוו האָלאַנד". ס'איז יענע שלעפּעניש, נאָר מילא... קיין ברירה איז נישטאָ.

ענדלעך איז אָנגעקומען אײַזיקאָוויטש און אַרומגעכאַפּט מיך קושן. ער איז איבער גליקלעך זיך צו באַקענען מיט מײַן פֿרוי, מײַן נײַע פּאַרטנערין ליליאַן. „האָסט גוט געטראָפֿן פּסחקע" גיט ער מיר אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע. צוזאַמען מיט אים איז געקומען אַ קליין מענטשעלע מיט אַ הויקער און זייער אַ סימפּאַטיש פּנים און ער האָט אים פֿאַר אונדז פֿאָרגעשטעלט. דאָס איז געווען מײַזלס פֿון ווין, אַ שרײַבער און אויך אײנער פֿון די דירעקטאָרן פֿון דעם ווינער יידישן טעאַטער, וועלכער פֿאָרט אויך קיין אַנטווערפּן צוזאַמען מיט אונדז.

זיי האָבן אונדז אָנגעזאָגט די „בשורה", אַז אין אַנטווערפּן הייבן אָן שפּילן די קומענדיקע וואָך 2 פּאָרלעך, זײַדערמאַן־לערנער צוזאַמען מיט פּערלמאַן און גאַלינאַ. איך האָב זיי באַוויזן מײַן טעלעגראַם און קלער, אַז אפֿשר וועלן זיי שפּילן בלויז ביז מיר מאַכן גרייט אונדזער פּיעסע. אין יעדן פֿאַל איז די גאַנצע געשיכטע מיר נישט געפֿעלן. מײַן לילי האָט גלײַך באַקומען גרימעניש אין בויך...

ווען זי האָט פֿריִער דערזען מײַזלסן האָט זי צו מיר שטילערהייט געזאָגט, אַז מיר וועלן זיכער מצליח זײַן, ווײַל אַ הויקער איז מזלדיק, אָבער אַצינד האָבן מיר גענומען צווייפֿלען, ס'זאָל נישט זײַן פּונקט פֿאַרקערט, אַז דער הויקער זאָל אונדז נישט זײַן שלימזלדיק.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אײַזיקאָוויטשן. ער האָט אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן אָנהאַלטן מיט אים קאָנטאַקט, טאָמער האָבן מיר טאַקע צרות אין אַנטווערפּן.

אַרום 8 אַ זייגער בײַ נאַכט איז אונדז אויסגעקומען זיך איבערזעצן אויף דער צווייטער שיף. מען האָט אונדז געוואָרנט, אַז עס וועט זײַן אַ שטורעם. מיר האָבן אָבער דעם שטורעם נישט געפֿילט, ווײַל ערשטנס איז נאָך בײַ אונדז געווען די שטימונג פֿון „האָניק־חודש", צווייטנס איז געשען אַ פֿאַל וואָס האָט אונדז געצוווּנגען צו לאַכן די גאַנצע צײַט. מען האָט אונדז צוגעטײלט אַ קאַבינע פֿון 12 בעטן. דאָס דערזעענדיק האָבן מיר זיך שוין צעלאַכט. שטעלט אײַך פֿאָר: 2 מענטשן מיט 12 בעטן און קיין איין בעט איז נישט קיין באַקוועמע. מיר האָבן דעריבער גענומען אויספּרובירן אַלע 12 בעטן, כּדי צו געפֿינען אַ באַקוועמע און אַז איך האָב דערבײַ געזאָגט „זע נאָר ווי מיר וואַרפֿן זיך פֿון איין בעט אין צווייטן", האָבן מיר זיך ביידע שטאַרק צעלאַכט און די גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט אויפֿהערן.

אויף דער שיף האָט אונדז מײַזלס געגעבן זײַן אַדרעס און געבעטן אים רופֿן, אויב מיר וועלן האָבן אומאָנגענעמלעכקייטן — מיר קאָנען שוין גלײַך

אַרײַנפּאָרן קיין ווין און אָנהייבן שפּילן. מיר זאָלן פאַרגעסן וועגן בעלגיע.

איך האָב דערזען ווי מײַן לילי איז בלאַס געוואָרן און איך טרייסט זי:

— באַלד וועסטו זען וואָס דאָ וועט פּאַרקומען! מענדעלעוויטש וועט באַלד זײַן, ער וועט דיר זיכער ברענגען בלומען. און אפשר אַ פּאָר אַקטיאָרן אויכעט. ס׳וועט ווערן אַ טומל. דו וועסט זען.

די שיף איז צו צום ברעג און פון הימל איז געפאַלן אַ טריבער רעגנדל. דער פרימאָרגנדיקער נעפּל איז שווער און מיר ווערט מרה־שחורהדיק אויפן האַרצן, ווען איך דערזע נישט קיין איין מענטש אונדז אָפּוואַרטן. נישט מענדע־לעוויטשן, נישט קיינעם.

לילי און איך שטייען ביידע אַליין מיטן באַגאַזש:

— דו זעסט דאָך, טרייסט איך זי, עס גייט דאָך אַ גרויסער רעגן! דערפאַר איז קיינער נישטאָ. זיי דערוואַרטן אונדז זיכער אין האָטעל. זאָרג זיך נישט. מענדעלעוויטש וועט מיר שוין אַלץ דערקלערן. אפשר וויל ער מיט מיר האַנדלען אַליין, אָן פרידעסן. באַלד וועלן מיר אַלצדינג וויסן.

דערשלאָגענע, האָבן מיר געדונגען אַ וואָגן פאַר דעם געפּעק, זיך אַרײַנ־געזעצט אין אַ טאַקסי און פאַרפאָרן אין דעם האָטעל „עקסעלסיאָר״ אויף דער פעליקאַן־שטראַסע אין אַנטווערפּן.

לילין האָב איך איבערגעלאָזן אין האָטעל „עקסעלסיאָר״, זי זאָל זיך אָפּרוען און אַליין בין איך אַוועק אין טעאַטער זוכן מענדעלעוויטשן.

לילי האָט אָבער נישט געקאָנט רוען. זי האָט דערשפּירט פון די וואַליזעס דעם גערוך פון ווײַן. האָט זי גענומען זוכן און געפונען, אַז אַלע פלעשער וואָס מיר האָבן געקויפט אין „מאַדעיראַ״ האָבן זיך צעבראָכן און זיך צעגאָסן איבער מײַן גאַנצער וועש: צוויי וואַליזעס קליידער נאַס פון ווײַן. קודם, האָט זי געקלערט, מוז מען די אַלע זאַכן אויסטריקענען. האָט זי צוזאַמענגעבונדן די גאַרטלען און שטריקלעך פון אַלע אונדזערע שלאַפרעק, דאָס פאַרצויגן פון איין עק צימער צום צווייטן און אויף דעם אויסגעהאַנגען דאָס גאַנצע וועש און דער צימער האָט גענומען שמעקן ווי אַ ווײַנקעלער. פון דעם שטאַרקן געררוך איז לילי פשוט פאַרשיכורט געוואָרן. דער סוף איז געווען אַז זי האָט זיך אַוועקגעלייגט און געוויינט... ביז וואַנען איך בין צוריקגעקומען.

איך בין דערווײַל צוגעפאָרן צום יידישן טעאַטער אויף דער אַמעגאַנג־שטראַסע. איך האָב שטילערהייט געעפנט די פאָדערשטע טיר פון טעאַטער און דערזען ווי די צוויי פאַרלעך גרייטן זייערע פאָרשטעלונגען. איך האָב געכאַפּט אַ טאַקסי און צוריקגעפאָרן אין האָטעל.

אַרײַנקומענדיק אין צימער האָב איך געטראָפן מײַן יונג ווײַבעלע אַ פאַר־וויינטע אויפן בעט. דאָס גאַנצע צימער האָט געשמעקט ווי אַ ווײַנגאָרטן. ווען איך האָב איר דערציילט וועמען איך האָב אין טעאַטער געטראָפן, האָט זי זיך אַרײַנגעוואָרפן אין מײַנע אָרעמס און געכליפּעט נאָך שטאַרקער. איך אַליין האָב

זיך אויך שיִער נישט צעווײנט, אַזוי פּאַסקודנע איז מיר געווען אויפן האַרצן פון דער סיטואַציע.

הכלל, איך האָב זי קוים באַרויִקט, געגלעט אירע בלאָנדע האָר ביז זי האָט זיך אײַנגעשטילט און מיר געוויזן, וואָס עס איז געוואָרן פון מײַנע פלעשער מאַדעירע־ווײַן. דאַן האָבן מיר זיך ביידע צעלאַכט. איך האָב באַלד געעפנט די פענצטער, עס זאָל אַרײַן פרישע לופט, אַראָפּגענומען די דעקאָראַציעס (די שטיקער ווײַניקע וועש פון דער שטריק) און דאָס באַלד אַראָפּגעשיקט אין דער וועשערײַ פון האָטעל אויסצוּוואַשן. דערבײַ האָב איך מײַן ליליטשקען באַפוילן, זי זאָל זיך אויסשווענקען אירע שיינע אייגעלעך מיט קאַלט וואַסער, מען זאָל נישט באַמערקן, אַז זי האָט געוויינט און איך האָב גענומען זוכן אין טעלעפאָן־בוך דעם נומער פון מענדעלעוויטשן. איך האָב געוווּסט, אַז ער פאַרמאָגט אַ געשעפט פון רעגן־מאַנטלען, האָב איך טעלעפאָנירט אַהין. געענטפערט האָט זײַן פרוי:

— מיסיע בורשטיין, וואָס טוט איר דאָ? מיר האָבן געמיינט, אַז איר קומט אין גאַנצן נישט! אַז פרידעס נאַרט אונדז אָפּ.

— ווּ איז מענדעלעוויטש? — האָב איך בייז געפאָדערט.

— ער איז אין פּאַריז — האָט זי אַ פאַרצווייפלטע געענטפערט. ער איז געפאָרן זוכן אַ נײַע אַטראַקציע אויף אָנצוהייבן נאָך די איצטיקע צוויי פּאַרלעך.

מיר האָבן גענומען אַ טאַקסי און געפאָרן צו דער פרוי מענדעלעוויטש אין געשעפט.

זי האָט טעלעפאָנירט צו מענדעלעוויטשן קיין פּאַריז, און מיר איבערגעגעבן דאָס טרײַבל. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויסגעגאָסן אויף אים מײַן גאַנץ ביטער האַרץ.

— בורשטיין, טאַטעלע, באַרויִק זיך. מאָרגן אין דער פרי בין איך שוין צוריק אין אַנטווערפּן און מיר וועלן דאָס אויסגלײַכן — האָט ער געשריִען אין טעלעפאָן אַרײַן.

די פרוי מענדעלעוויטש האָט אונדז דערציילט, אַז עמיל פרידעס האָט טאַקע אָפּגערעדט מיט מענדעלעוויטשן, אַז פּסחקע בורשטיין מיט זײַן נײַער אַמעריקאַנער פּאַרטנערין זאָלן אָנהייבן שפּילן קומענדיקע וואָך. ווען מענדעלעוויטש האָט גענומען פרעגן: ווען קומט בורשטיין? ווי אַזוי הייסט זײַן פּאַרטנערין? ווי אַזוי הייסט די ערשטע פּיעסע? האָט אים פרידעס געענטפערט, אַז ער וועט די גאַנצע אינפאָרמאַציע אים איבערגעבן פּערזענלעך אַזוי גיך ווי ער וועט אָנקומען קיין אַנטווערפּן. און מענדעלעוויטש זאָל אים מאָמענטאַל אַרויסטעלעגראַפירן אַ וויזע, ווען נישט קען ער נישט אַרויספאָרן פון פוילן.

מענדעלעוויטשן איז נישט געפעלן געוואָרן וואָס פרידעס וויל אים נישט ענטפערן אויף זײַנע פראַגעס. פרידעסן איז נישט געפעלן געוואָרן וואָס מענדעלע־וויטש וויל אים די וויזע נישט שיקן ביז בורשטיין וועט אָנקומען. הכלל, מענדע־לעוויטש פּרובירט צום לעצטן מאָל און פרעגט אים: — מיט וועמען קומט

בורשטיין צו פֿאָרן? באַקומט ער אַ טעלעגראַם פֿון פֿרידעסן: „בורשטיין פֿאָרט מיט די לוקס". אַזוי ווי עס איז אים נישט באַקאַנט געווען דער נאָמען ליליאַן לוקס האָט מענדעלעוויטש געמיינט, אַז די לוקס מוז זיין די שיף מיט וועלכער בורשטיין פֿאָרט. האָט ער גענומען זוכן אין אַלע שיפֿס־געזעלשאַפֿטן אַ שיף מיטן נאָמען „דע לוקס", וועלכע דאַרף אָנקומען פֿון דרום־אַמעריקע. געזוכט ביי די איטאַליענישע ליניעס, ביי די פֿראַנצייזישע און מען האָט אים נאַטירלעך געמאָלדן, אַז עס עקסיסטירט נישט אַזאַ שיף.

איך בין אויף מענדעלעוויטשן געווען שטאַרק בייז וואָס ער האָט צו פֿרידעסן נישט געהאַט קיין צוטרוי, ווייל גאַנץ אייראָפּע האָט געוווסט, אַז פֿרידעס איז מיין פּאַרטנערער און זייער אַן ערלעכער מענטש.

די ידיעה אַז מיר זענען געבליבן שטעקן אין אַנטווערפּן האָט זיך צעטראָגן איבערן קאָנטינענט און איך האָב באַקומען טעלעפֿאָנישע איינלאַדונגען צו שפּילן אין פּאַריז ביי צימבאַליסטן (דער מאַן פֿון דער סובּרעטין רעגינאַ צוקער). די אַקטריסע פּעני וואַקסמאַן, וועלכע האָט אָנגעפֿירט מיט איר אייגענעם טעאַטער אין לאָנדאָן, רופֿט מיך אויך איך זאָל קומען צו איר. מייזלס בעט אונדז: „קומט קיין ווין שפּילן" און מענדעלעוויטש בעט מיר זאָלן צוװאַרטן, ער וועט דעם קוואַרטעט הייסן ענדיקן אין 2 וואָכן אַרום. פֿון דעם לעצטן האָב איך זיך אַבסאָלוט אָפּגעזאָגט. איך בין נישט געקומען צעשטערן יענעמס גאַסטשפּילן, ווייל נאָך אַלעמען, וואָס זענען זיי שולדיק אין דעם פּלאָנטער?

פּלוצעם באַקום איך אַ מעלדונג פֿון דעם פּוילישן קאָנסול, אַז 12 אַ זייגער וועט מען מיך רופֿן טעלעפֿאָניש פֿון לאָדזש דירעקט צום קאָנסולאַט. אַז איך האָב דערהערט פֿרידעסעס שטים אין טעלעפֿאָן האָב איך אים דערלאַנגט די אמתע פּאַרציע. אַלץ וואָס מיר איז געלעגן אויפֿן האַרצן. פֿאַר וואָס האָט ער אונדז פֿאַרפֿירט אין אַזאַ בלאָטע אַאַז"וו. נאָך דעם ווי ער האָט מיך אויסגעהערט האָט ער געענטפֿערט:

— פּאַקט איין אייערע זאַכן און קומט שוין קיין לאָדזש — עס וואַרט אויף אייך די בעסטע טרופּע, שׂמחה נתנס טרופּע. איר וועט אין לאָדזש פֿאַרדינען בעסער ווי אין אַנטווערפּן.

איך האָב אים קיין ענטפֿער באַלד נישט געקענט געבן און מיט אים אָפּגעשמועסט, ער זאָל מיך ווידער רופֿן מאָרגן אין דער זעלבער צייט. איך האָב געוואָלט זיך באַראַטן מיט לילין, ווייל לילין האָט געצויגן קיין ווין — אויף מייזלס אומאויפֿהעריקע איינלאַדונגען.

אַ מזל־זאַך וואָס איך האָב איר נישט געפֿאָלגט. מיט איין חודש שפּעטער האָט היטלער אַריינגעמאַרשירט קיין ווין.

צו מאָרגנס נאָך פֿרידעסעס טעלעפֿאָן זענען מיר ווידער אַוועק צום קאָנסול און באַשטעטיקט, אַז מיר וועלן טאַקע פֿאָרן קיין לאָדזש. דער פּוילישער קאָנסול האָט

אונדז געגעבן 2 אַרבעטס־וויזעס און אונדז געמאָלדן, אַז מיר מוזן אָפּשטאַטן אַ וויזיט בײַם דײַטשן קאָנסול, נעמען טראַנזיט־וויזעס אויפֿן וועג קיין פּוילן.

14. דורך היטלער־דײַטשלאַנד, 1938, קיין פּוילן

אין דער דײַטשער אַמבאַסאַדע האָט אונדז אָנגעכאַפּט אַ גרויל ווען מיר האָבן דערזען דעם האַקנקרייץ בײַם אַרײַנגאַנג. עס האָט אונדז געגלוסט זיך אויסדרייען און אַוועק צוריק. מיר האָבן אָבער געמוזט האָבן אַ טראַנזיט־וויזע כּדי אַדורכפֿאָרן דײַטשלאַנד. די שטימונג אין קאָנסולאַט איז געווען זייער אַ שטײַפֿע און קאַלטע. בײַם דערלאַנגען אונדזערע אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן האָבן זיי אונדז באַהאַנדלט מיט דרך־ארץ. ליליאַנס פּאַספּאָרט האָט באַשטעטיקט, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק און חוץ דעם איז איר נאָמען „לוקס“ נישט קיין ספּעציפֿישער יידישער נאָמען. ווען זיי האָבן באַמערקט אויף מײַן פּאַספּאָרט, אַז איך בין געבוירן אין וואַרשע, האָט מען מיר געהייסן זיצן און וואַרטן...

כּמעט צוויי שעה האָבן מיר געוואַרט ביז וואַנען זיי האָבן דורכגענישטערט פֿאַרשידענע ליסטעס. נישט געפֿינענדיק קיין „פֿלעק“ אויף מיר האָט מען אונדז אַרײַנגערופֿן צום קאָנסול באַקומען די וויזעס. יענער האָט אונדז זייער העפֿלעך אויפֿגענומען און געפֿרעגט, פֿאַר וואָס מיר בעטן אַ טראַנזיט־וויזע. — איך וועל אײַך געבן די וויזע אויף דרײַ חדשים — האָט ער אונדז צוגעטיילט די „גוטע“ נײַעס. — אַזוי אַרום וועט איר קענען אַרײַנפֿאָרן און אַרויספֿאָרן פֿון דײַטשלאַנד פֿרײַ און אָפֿן. — איך בין זיכער, אַז איר ווילט אָנקוקן אונדזער לאַנד! — גיי דערצייל אים, אַז מיר וועלן דאַנקען גאָט, אַז מיר וועלן די רײַזע שוין איבערקומען.

מיר האָבן געמוזט פֿאָרן דורך בריסעל, ווײַל דאָרט זעצט מען זיך אויף אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן צוג, די באַרימטע באַן, וועלכע פֿלעגט פֿאָרן פֿון פּאַריז ביז מאָסקווע דורך דײַטשלאַנד און פּוילן. מיר האָבן זיך אײַנגעקויפֿט אַ ביסל עסנוואַרג, ווײַל עס האָט זיך דווקא נישט געפֿונען אין דער באַן קיין שפּײַזוואַגאָן. האָב איך געקויפֿט אַ טערמאָס־פֿלאַש, אויפֿשניט, ברויט, פּרוכט, אד"גל, גענוג אויף אַ רײַזע פֿון איבער 24 שעה.

אין מיטן דער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין ליעזש, ווו די אינטערנאַציאָ־נאַלע באַן האָט שוין געוואַרט אויף אונדז.

אויפֿגעשטיגן אויף דער „אינטערנאַציאָנאַלער באַן“ זענען מיר אין מיטן דער נאַכט און געהאַט שוועריקייטן צו באַקומען אַ ליידיקן קופּע. אַלע זענען געווען פֿול מיט שלאָפֿנדיקע פּאַסאַזשירן. מיט מזל האָבן מיר דערזען איין ליידיקן קופּע, פֿאַרנומען בלויז פֿון איין פּאַסאַזשיר, אַ מאַן אַליין. דער מאַן האָט אונדז געלאָזט

וויסן, אַז ער פאָרט נישט דעם גאַנצן וועג. ער וועט אָפּשטייגן אין בערלין. איך האָב טאַקע דערקענט אין זיין ענגליש אַ רוסישן אַקצענט, און נאָך עטלעכע מינוט זיך דורכרעדן האָב איך אויסגעפונען, אַז ער איז אַ רוסישער קאָנסול, וועלכער האָט עטלעכע יאָר געדינט אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין ניו־יאָרק. אַצינד פאָרט ער צוריק קיין רוסלאַנד, און אויפן וועג וועט ער באַזוכן די רוסישע אַמבאַסאַדע אין בערלין.

מיך האָט שטאַרק אינטערעסירט צו רעדן מיט אַזאַ קאָלירפולן פּאַרשוין. ער איז געווען זייער אַ פריינדלעכער מענטש, ער האָט אונדז איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן פון דער וועלט־אויסשטעלונג, וועלכע האָט זיך ערשט געהאַט געעפנט אין ניו־יאָרק.

לילי איז געוואָרן שטאַרק שלעפעריק, האָב איך גענומען זוכן אין קאָרידאָר, און ווי דורך אַ נס איז פּלוצעם דערשינען אַ ליידיק קופּע! איך האָב דעם פּאָרטיער דערלאַנגט טרינקגעלט, איז „אויסגעוואַקסן" אַ קישן מיט אַ קאָלדרע. איך האָב איינגעאָרדנט לילין אין דעם איינצלנעם קופּע, פאַרמאַכט די פאָרהענגלעך און אויסגעלאָשן די ליכט, איר געהייסן זיך פאַרשליסן פון אינעווייניק און איך בין אַוועק צו מיין רוסישן קאָנסול און מיט אים געשמועסט כמעט די גאַנצע נאַכט.

גאַנץ פרי איז אונדזער באַן אַריבער די גרענעץ פון דייטשלאַנד. ס'זענען אַרויף גאַנצע סוויטעס פון געסטאַפּאָ־אַגענטן און עס־עס־לייט, כדי צו אונטער־זוכן די פּאַפּירן פון אַלע פּאַסאַזשירן. מיין לילי, שלאָפנדיק אין דעם ערשטן קופּע, ביים אַריינגאַנג, איז דעריבער געווען די ערשטע אויפן צעטל. אין מיטן שלאָף האָט זי דערהערט עמעצן זעצן מיט אַ פויסט אין דער פאַרמאַכטער טיר, און גלייכצייטיק שרייענדיק אויף אַ קול: „אויפמאַכן! וואָס איז היער, איין שלאָף־וואַגאָן ? !"

דערשראָקן און פאַרשלאָפן האָט לילי אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג אויף דעם פענצטער, איבער איר קאָפּ: פּאָר אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ האַקנקרייץ. זי איז אַראָפּ פון דער באַנק און גענומען זוכן אירע שיך. דאָס קלאַפּן אין דער טיר האָט נישט אויפגעהערט און ליליס האַרץ האָט פּונקט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט... מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי אויפגעשלאָסן די טיר און דער אָפיציר האָט מיט דרייסטקייט אַריינגעשפּאַנט אין קליינעם צימערל און געשריגן אויף איר האָט ער מיט אַ נישט־מענטשלעכן קול. ער האָט כמעט געבילט, פּונקט ווי ער וואָלט געפּרוווט קאָפּירן זיין „פיורער".

— וואָס איז היער ? וואָרום שליסן זי די טיר ? — לילי האָט זיך תּיכּף געכאַפּט, אַז זי טאָר אים נישט ענטפערן אויף דייטש, און האָט אויף ענגליש קוים אַרויסגערעדט די ווערטער, אַז זי שלאָפט, וויל זי נישט לאָזן אָפן די טיר. נאָך אַלץ מיט בייזקייט האָט ער אָפּגעהאַוקעט: „פּאַספּאָרט! ווו זענען דיינע דאָקומענטן ?". זי האָט געוויזן מיט דער האַנט, אַז איר מאַן האָט אירע פּאַפּירן און זיצט אין דעם צווייטן קופּע. דער נאַצי האָט זי אָנגעקוקט, ווי זי איז געשטאַנען

אָן די שיך, אַ צעטומלטע, און האָט ווידער געשריגן, אַז זי זאָל די טיר לאָזן אָפן דורכפאָרנדיק דורך דײַטשלאַנד.

ער האָט זיך געלאָזט גיין און לילי האָט געקוקט ווי עס איז אים נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע סוויטע פון אָפיצירן אין אוניפאָרמען, צוזאַמען מיט דעם דערשראָקענעם קאָנדוקטאָר פון דער באַן. זי איז פאַרבליבן זיצן, זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

ווען די „הויכגעשטעלטע פאַרשוינען" זענען אָנגעקומען אין דעם קופּע, ווי איך בין געזעסן, האָט דאָס אויף מיר, נאַטירלעך, אויך געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג און איך האָב אויך באַמערקט, אַז מײַן רוסישער שכן קוקט אויף זיי נישט אַפּעטיטלעך. ווען זיי האָבן בײַ מיר געבעטן ליליס פּאַספּאָרט, האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, אַז מײַן ווײַבעלע מוז דאָרטן זיצן אַ שטאַרק איבערגעשראָקענע. בין איך תיכף געלאָפן צו ליליס קופּע און זי געטראָפן אַ בלאַסע, זי איז געזעסן און געקוקט אויף מיר מיט גרויסע אויגן, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אונטער־געגאַנגען.

איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן און געלאָפן נאָך אונדזער טערמאָס־פלאַש, פון וועלכן איך האָב איר דערלאַנגט אַ טעפּעלע טיי. זי האָט געהאַלטן דאָס הייסע טעפּעלע טיי אין אירע אײַז־קאַלטע הענט און קוים געקענט טרינקען. עס האָט געדויערט כּמעט אַ האַלבע שעה ביז זי איז געקומען צו זיך.

מיר זענען דעם גאַנצן טאָג געפאָרן דורך דײַטשלאַנד. אַ גאַנצן טאָג איז לילי געזעסן אַ טרויעריקע, נישט געוואָלט אַפילו אַרויסקוקן אויף דער דײַטשער לאַנדשאַפט דורך דעם פענצטער, די רײַזע איז איר געווען פאַרמיאוסט.

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין, האָבן מיר געקוקט ווי משפּחות מיט קליינע קינדער ווערן אָפּגעוואָרט פון פרײַנד. מען האָט זיך צערטלעך באַגריסט און געקושט. אויף דעם האָט לילי רעאַגירט: „זע נאָר, פּסחקע, ווען מיר ווייסן נישט, אַז זיי זענען אַ פאָלק פון נאַציס, אַנטיסעמיטן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס זענען נאָרמאַלע מענטשן, פּונקט ווי יעדער איינער פון אונדז".

דאָס איז געווען פּונקט אַ חודש איידער די היטלערישע אַרמיי האָט פאַרנומען עסטרײַך.

מיט אַ פאַרשפּעטיקונג איז אונדזער צוג אָנגעקומען צו דער פּוילישער גרענעץ און אַ לאַנגע צײַט זענען מיר געבליבן שטיין אויף דער דײַטשער זײַט — עס האָט געהערשט אַ טויטשטילקייט אין דער פאַרשפּעטיקטער באַן! די שעהען זענען געלאָפן. נאָר קיינער איז נישט געגאַנגען פרעגן די סיבה. ענדלעך האָט זיך די באַן גענומען רירן, צו ביסלעך, ביז — מזל־טוב! מיר זענען אַריבער די פּוילישע גרענעץ.

אין אַ בליץ פון אַ מינוט איז געוואָרן לעבעדיק — אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן און מען האָט געהערט די פּוילישע שפּראַך פון אַלע זײַטן. ייִנגלעך זענען אַרײַן אין באַן מיט סאָדע, מיט בייגל, און עס איז געוואָרן אַ לעבעדיקע וועלט.

פלוצעם קומט מיך רופן דער קאָנדוקטאָר, ווײַל די פּוילישע אינספּעקטאָרן ווילן רעווידירן אונדזערע קאַסטנס. איך בין מיט אים אַוועק עפענען די קאַסטנס. דער אינספּעקטאָר האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן צוויי אַרטיקלען, וועלכע מיר האָבן באַקומען אין בראַזיל ווי מתנות: אַן עכטער קראָקאָדיל געשטאָפּט מיט וואַטע און אַ פּופּע געמאַכט פון שמאַטעס פון באַהיאַ (מיט אַ קאַשיקל אויפן קאָפּ).

„מיט וואָס זענען געשטאָפּט די זאַכן? — האָט דער אינספּעקטאָר געוואָלט וויסן — וואָס פירט איר דערין?" איך האָב אים געשוווירן, אַז דאָס זענען בלויז מתנות און עס איז גאָרנישט פאַראַן אינעווייניק, בלויז וואַטע. אָבער דער צווייטער אינספּעקטאָר האָט, ווי אַ גזלן, אַרויסגענומען אַ מעסערל און אויפגעשניטן די שטאָף, אַרײַנגעשטופּט זײַנע גראָבע פינגער און געטאַפּט פון אַלע זײַטן, ביז ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז איך פיר נישט קיין בריליאַנטן אָדער גאָלד אָדער ווער ווייסט וואָס.

די צוויי אינספּעקטאָרן האָבן מיר שוין דערמאָנט, אַז די פּוילישע אַנטיסעמיטן זענען נישט פיל בעסער ווי די דײַטשע.

ענדלעך, ענדלעך, נאָך אַ פאַרשפּעטיקונג פון 9 שעה זענען מיר בשלום אָנגעקומען קיין לאָדזש.

אָפּגעוואַרט האָבן אונדז עמיל פרידעס און מאַטקע זאַק, מיט אַ גרויסן בוקעט בלומען, וועלכער איז שוין געווען האַלב פאַרוועלקט פון 9 שעה וואַרטן!...

אונדזער צוג האָט באַדאַרפט אָנקומען קיין לאָדזש זעקס אַ זייגער פאַר נאַכט. אַזוי ווי עס איז געווען שבת, זענען פרידעס און מאַטקע זאַק, צוזאַמען מיט דער גאַנצער טרופּע אונדז געקומען אָפּוואַרטן צווישן די פאַרשטעלונגען. די בלומען זענען דאַן געווען פרישע און בליִענדיקע...

דערהערנדיק אַז אונדזער צוג איז פאַרשפּעטיקט און וועט ערשט אָנקומען 12 אַ זייגער בײַ נאַכט, זענען אַלע צוריקגעלאָפן אין טעאַטער אַרײַן... אָפּגעשפּילט די צווייטע פאַרשטעלונג, זענען זיי ווידער צוריקגעקומען צום וואָקזאַל.

דערהערט, אַז די באַן איז פאַרהאַלטן געוואָרן אויף נאָך דרײַ שעה, זענען די אַקטיאָרן אַוועק אַהיים — פאַרבליבן אויפן וואָקזאַל איז בלויז עמיל פרידעס צוזאַמען מיט זײַן גוטן חבר, דעם בינע־לייטער פון טעאַטער, מאַטקע זאַק. (מאַטקע זאַק איז פאַרבליבן אונדזער פרײַנד, וווינט איצט אין ישׂראל, איז מיטגליד פון דעם באַרימטן „קאַמרי"־טעאַטער).

זיי האָבן צוגעטראָגן מײַן ווײַבעלע דעם נעבעכדיקן בוקעט בלומען און אונדז גלײַך אָפּגעפירט אין דעם „גראַנד־האָטעל" אויף דער פּיאָטרקאָווסקי־גאַס — איך האָב זיך יענע נאַכט אויסגעטענהט מיט פרידעסן (ביז זעקס אַ זייגער פאַר טאָג), וועגן די מיספאַרשטענדענישן אין בעלגיע — אָבער סוף־כּל־סוף האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזט צום גוטן. פרידעס האָט פאַר מיר צוגעגרייט שׂימחה נתנס טרופּע — אַלע ערשטקלאַסיקע אַקטיאָרן, שׂימחה נתן איז אַליין געווען אין פּוילן אַ סטאַר, און וואָלט מיט קיין אַנדערן נישט געשפּילט. „מיט אים, מיט בורשטיינען — האָט

ער געזאָגט — ווייל איך שפּילן". — און נישט נאָר ער, אויך זיין פרוי לעוועטאַל (נעמי) און זיין זון מישאַ האָבן מיטגעשפּילט. די נתנס זענען געווען אַ גאַנצע משפּחה פון אַקטיאָרן, זיי האָבן אויך געהאַט אַ טאָכטער, אידאַ, וועלכע איז דאַן געווען אויף דער פּראָווינץ מיט אַן אַנדער טרופּע, צוזאַמען מיט איר מאַן יאַנעק ווײַנבערג.

צו מאָרגנס, נאָך אונדזער אָנקומען זענען מיר, ווי דער שטייגער איז, אַוועק אין דעם קאַפע „אַסטאָריאַ" ווו אַלע שרײַבערס און שוישפּילערס זענען זיך צונויפגעקומען. לילי האָט דאָרט באַקומען איר ערשטן פּאַרזוך פון דעם פּוילישן לעבנס־שטייגער — דער ערשטער, געדענק איך, וועלכער איז צוגעקומען צו אונדזער טיש אונדז באַגריסן און קושן איר די האַנט, איז געווען מיין חבר, דער זשורנאַליסט פון דער פּוילישער צײַטונג סטעפאַן געלבאַרט. אַט דאָס קושן די האַנט, „צאַלויע ראַנטשקי", איז מיין לילין דווקא זייער געפעלן! פאַר אַן אַמעריקאַנערין איז דאָס געווען אַ נײַע דערשײַנונג. באַלד האָב איך באַמערקט, אַז דער גאַנצער קאַפע „אַסטאָריאַ" איז איינשטימיק מיט מיין געשמאַק. איך בין געווען גליקלעך צו זען, אַז לילי האָט גרויס דערפאָלג ביי דער חברה זשורנאַליסטן — איר אַמעריקאַנער אויסזען און איר יוגנטלעכע נאַיִוויטעט האָט אַלעמען אינטריגירט.

נאָך מיטאָג האָט פרידעס אונדז געפירט אין טעאַטער זיך צו באַקענען מיט אונדזער טרופּע.

מיר זענען אָנגעקומען פּונקט אין דער צײַט ווען ס'איז געגאַנגען נתנס פאָרשטעלונג. איך געדענק נאָך ווי הײַנט, זיי האָבן געשפּילט „די דרײַ טעכטער".

דער גאַנצער פּערסאָנאַל פון פילהאַרמאָניע־טעאַטער האָט אונדז דאַן באַגריסט. די באַלעבאַטים זענען געווען די ברידער ווערדיגער. צו מאָרגנס האָבן מיר זיך געשטעלט גרייטן „דער קאָמעדיאַנט" מיט נתנס טרופּע.

מיר האָבן אָבער געהאַט אַן אויפטריט נאָך איידער די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען. דער גוט־באַקאַנטער שרײַבער און הומאָריסט אָבערזשאַנעק האָט מיך געבעטן מיר זאָלן באַשײַנען זיין אָוונט (טאָקע אין דעם זעלבן טעאַטער) געווידמעט דעם דערשײַנען פון זיין נײַעם בוך און אויפטרעטן מיט אייניקע געזאַנג־נומערן. עמיל פרידעס האָט אין יענעם אָוונט געזען לילין אויף דער בינע צום ערשטן מאָל און האָט אָנגעקוואָלן: „מיר זענען פאַרזיכערט מיט אַן אויספאַרקויפטער פּרעמיערע" — האָט ער נביאות געזאָגט.

אין 1938 האָט אָבערזשאַנעק אויך געשריבן אַ קאָלום אין דער צײַטונג וועגן דעם אָריגינעלן „פּיניעלע מזיק" און יעדע וואָך האָט פּיניעלע מיט זיין לאָדזשער לשון געהאַט עפּעס צו דערציילן וועגן דער שיינער „מעריקאַנקע ליליאַן לוקס", און מיר זענען געוואָרן זייער נאָענט מיט אָבערזשאַנעקן און מיט דער גאַנצער רעדאַקציע פון „פאָלקסבלאַט". צווישן זיי האָבן זיך געפונען „גראַף קאַלי" (פען־נאָמען), ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט מיט אַן אויסערגע־

ווײַנלעכן הומאָר. אַן אָרעמאַן אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, מיט עלף קינדערלעך. אַז מען האָט אים געפֿרעגט פֿאַר וואָס ער פּאַרגינט זיך אַזוי פֿיל קינדער זײַענדיק אַזאַ גרויסער קבצן, האָט ער געענטפֿערט: „וואָס קאָן איך טאָן אַז איך וווין אין אַזאַ קליינער דירה אַז ווו איך דריי זיך אויס האָב איך דאָס ווײַב״.

נאָך דער פּרעמיערע פֿון „קאָמעדיאַנט״ האָב איך פּלוצעם דערזען אַ נײַעם עלעמענט צווישן מײַן פּובליקום. דאָס זענען געווען פֿרומע ייִדן אין לאָדזשער היטעלעך. אַזוי ווי זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז אַן אַמעריקאַנער שיקסע זינגט חזנישע לידער, פֿלעגן זיי זיך אַרײַנגנבֿענען אין טעאַטער, כּדי צו הערן די בלאָנדע שיקסע זינגען יאָסעלע ראָזנבלאַטס „יהי רצון״. ס'איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג אין שטאָט אַז ליליאַן איז נישט קיין ייִדישע און טאָקע דערפֿאַר איז איר דערפּאָלג מיט חזניש געווען נאָך שטאַרקער.

אינטערעסאַנט, אַז די ווײַבער פֿון די ייִדן מיט די לאָדזשער היטעלעך זענען געווען די עלעגאַנטסטע אין טעאַטער, אָנגעטאָן לויט דער לעצטער פּאַריזער מאָדע.

אונדזער געזעלשאַפֿטלעך לעבן אין לאָדזש איז געוואָרן באַזונדערס אינטערעסאַנט. לילי האָט זיך געגומען פֿילן אין דער היים פּונקט ווי איך, אַ דאַנק די צענדליקער גוטע פֿרײַנד און אויך אַ דאַנק דער ליבשאַפֿט וואָס דאָס פּובליקום האָט איר געשאָנקען. הײַנט דער פּרעכטיקער באַל וועלכן מײַן פֿרײַנד מאַקס קאָהן (דער זון פֿון אָשר קאָהן) האָט געפּראַוועט יעדן ווינטער צוליב זײַן „ווידזעווער מאַנופֿאַקטור״. די סמעטענע פֿון דער פּוילישער „הײַ־סאָסײַעטי״. עס זענען געווען פֿאַרבעטן אַפֿילו געסט פֿון אויסלאַנד. וועמען אָבער מיינט איר האָט מאַקס פֿאַרבעטן טאַנצן דעם ערשטן וואַלס, וואָס זאָל אָפּיציעל עפֿענען דעם באַל? נישט קיין אַנדערע ווי ליליאַן לוקס. דאָס בילד שטייט מיר נאָך פֿאַר די אויגן. אין איר שוואַרץ טאַפֿטן־באַלקלייד מיט לאַנגע, ווײַסע לעדערנע הענטשקעס און איר בלאָנדער קאָפּ, פֿאַרקעמט אין אַ הויכער פֿריזור מיט לאָקן. מײַן לילי האָט געטאַנצט מיט מאַקסן (וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פֿראַק) פּונקט ווי זי וואָלט געווען געבוירן אין אַ קעניגלעכן הויז. מיט איין וואָרט, לילי האָט זיך געפֿילט אין איר נײַער געזעלשאַפֿט ווי אַ פֿיש אין וואַסער.

אין דער זעלביקער צײַט איז אָנגעקומען פֿון ישׂראל די „הבימה״־טרופּע. זי איז אויפֿגעטראָטן אין דעם „ראָזמאַיִטאָשטשי״־טעאַטער בײַ מײַנע פֿרײַנד די מילשטיינס מיט דער באַרימטער אויפֿפֿירונג פֿון ש. אַנסקיס „דער דיבוק״. מיר האָבן צום ערשטן מאָל געזען די מאַדאַם חנה ראָווינאַ. זי איז דאַן געווען אין סאַמע גלאַנץ.

(מיט יאָרן שפּעטער, אין 1972, בעת מײַן 50סטן יובֿל פֿון טעאַטער־אַקטיוויטעט, אונטערן פּראָטעקטאָראַט פֿון דעם געוועזענעם ראש־העיר פֿון תּל־אָבֿיבֿ יהושע ראַבינאָוויטש, גאָלדע מאיר, צוזאַמען מיט משה רון, מענדל קאָהאַנסקי און די „הבימה״ [און באַטירלעך מײַן זון מײַק] איז דער קאָנפֿעראַנסיע פֿון אָוונט געווען שמעון פֿינקעל, דער באַרימטער שוישפּילער פֿון „הבימה״. אין זײַן דער־

עפֿענונגס־רעדע האָט ער דערציילט דעם פּובליקום פֿון „היכל־התרבות" דעם עפּיזאָד, ווי מיר האָבן זיך אין 1938 געטראָפֿן אין לאָדזש און ער האָט דאַן געפֿרעגט בײַ זײַן דירעקציע „ווער איז ער אָט דער אַמעריקאַנער פּסחקע בורשטיין וואָס איז אַזאַ ליבלינג בײַם עולם מיט זײַן פֿײַפֿן און מיט זײַן זינגען?")

געפֿרייט האָב איך זיך צו טרעפֿן אין לאָדזש מײַן לאַנגיאָריקן חבר משה בראָדערזאָן, דעם געניאַלן שרײַבער. ס'האָט פֿון אים געשפּרודלט מיט הומאָר, געשפּרודלט ווי פֿון אַ קוואַל. ער האָט מיר דאַן געשאָנקען זײַן לעצט בוך און אונטערגעשריבן אויפֿן שער־בלאַט די פֿאָלגנדיקע ווערטער: „צו מײַן ליבן חבר פּסחקע וויעלקאַנאָצניקל פֿון זײַן משה בראָדערזאָן". אַז איך האָב אים געפֿרעגט מיט וואָס איך קען אים אָפּדאַנקען האָט ער געזאָגט: „איך וויל פֿון דיר אַ מתּנה. אַן עכטן אַמעריקאַנער קראַוואַט". אַדרבא! איך האָב אים אַרויפֿגעפֿירט צו מיר אין האָטעל און געזאָגט: „נאַ, קלײַב זיך אויס וועלכן קראַוואַט דו ווילסט".

וועלכן, מיינט איר, האָט ער אויסגעקליבן? איינעם וואָס איך האָב געהאַט געקויפֿט אין לאָדזש. „אָט! — האָט ער אָנגעקוואָלן — דאָס זעט מען איז אַן אמתער אַמעריקאַנער קראַוואַט".

אין דער צײַט וואָס מיר האָבן געשפּילט אין לאָדזש דעם „קאָמעדיאַנט" זענען מיר עטלעכע מאָל אַרײַנגעפֿאָרן קיין וואַרשע זיך זען מיט מײַנע שוועסטער און אויך באַזוכן דעם ייִדישן אַרטיסטן־פֿאַראיין אויף לעשנע־גאַס נומער 2. מיר האָבן דאָרט געטראָפֿן מײַנע חברים שוישפּילערס, צווישן זיי יעקב פֿישער, וועלכער האָט געהאַט מיט מיר געשפּילט אין פּוילן כּמעט יעדן זומער. פּונקט דאַן איז ער געווען פֿאַרנומען מיט אַ טרופּע אין וואַרשע און האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז ער וועט אונדז באַזוכן אין לאָדזש.

אין אַ שיינעם טאָג קומט יעקב פֿישער צו פֿאָרן און מעלדעט מיר מיט פֿרידעסן, אַז ער האָט שוין געענדיקט זײַן סעזאָן אין וואַרשע און איז פֿרײַ אָנצוהייבן מיט מיר שפּילן. אַ דערשטוינטער האָב איך אים דערקלערט, אַז איך האָב אַ קאָנטראַקט מיט דער גאַנצער נתן־טרופּע אַזוי, אַז אַלע ראָלעס זענען פֿאַרנומען. פֿישער האָט אָבער געטענהט, אַז ער וויל פֿון גאָרנישט וויסן — גאַנץ פּוילן, זאָגט ער, ווייסט אַז „יעקב פֿישער איז אַ פּסחקע בורשטיין־שוישפּילער", אַז ער האָט אַלע יאָרן געשפּילט מיט מיר, ווען איך פֿלעג קומען קיין פּוילן, און דערפֿאַר האָט ער אַ חזקה איבער מיר און איך מוז פֿאַר אים מאַכן פּלאַץ אין מײַן איצטיקער טרופּע.

פֿרידעס האָט געפּרוּווט אים דערקלערן, אַז ער מאַכט זיך לעכערלעך. ער אָבער האָט געבראַכט יצחק קרעלמאַנען קיין לאָדזש, כּדי ער זאָל מיט מיר רעדן. אויך קרעלמאַן האָט מיך געפּרוּווט אײַנרעדן, אַז פֿישער האָט אַ גערעכטע טענה, אַז ער ווערט אַצינד „געבראַכן פֿון ברויט" צוליב דעם וואָס ער בלײַבט אין דרויסן.

לילי האָט אַזאַ לאָגיק נישט געקענט פֿאַרנעמען. אַן אַמעריקאַנער געבוירענע האָט אַזעלכע „דריידלעך" נישט געקענט פֿאַרשטיין. „רבונו־של־עולם! — האָט

זי געשריִען — וואָס איז ער? דײַן טאַטע? דײַן ברודער?״ פישער האָט געשריגן אַז ער איז אַ „פסחקע בורשטיין־אַקטיאָר״. ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס. אַז דער פּרעזידענט פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין, מאַרק יובעליר, האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אַרײַנצומישן אין דעם ענין האָט מיך פישער גערופן צו אַ דין־תּורה. דער בית־דין, וועלכער איז באַשטאַנען נאַטירלעך פון זײַנע חברים האָט געפּסקנט אַז איך מוז אים אויסצאָלן 500 זלאָטעס אַנטשעדיקונג.

כּדי צו פאַרמײַדן סקאַנדאַלן האָב איך אים די 500 זלאָטעס געשאָנקען. דעם אינצידענט האָב איך אָבער קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

קיין וואַרשע האָט מען געקאָנט פאָרן מיט דער עלעקטרישער באַן. מיר אָבער זענען זיך געפאָרן מיט אַ נאָך באַקוועמערן וועג, מען קען זאָגן: לוקסוסאָווע. מיט אַ „ראָלס־ראָיס״־לימוזין געפירט פון אַ שאָפער אין אַן אוניפאָרם. היתּכן? אונדזער ליבהאַרציקער חבר ד״ר מאַרטקאָוויטש האָט אַזוי געוואָלט. דער „ראָלס־ראָיס״ מיטן שאָפער זענען געווען זײַנע. ער פלעגט זיך פשוט באַליידיקן אויב מיר האָבן אים נישט געמאָלדן ווען מיר וועלן פאָרן.

אונדזער ליבער פרײַנד איז געווען באַרימט ווי דער בעסטער כירורג נישט נאָר אין לאָדזש, נאָר אויך אין גאַנץ פּוילן. קינד־און־קייט האָבן אים גערופן מיטן צונאָמען „זלאָטאַ ראַנטשקאַ״ (דאָס גאָלדענע הענטל), מחמת ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכע לײַכטע האַנט צום אָפּערירן. אינטערעסאַנט איז אַז ער פלעגט מוזן שטיין אויף אַ פּלאַטפאָרמע בעת ער האָט דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע, ווײַל ער איז געווען זייער קליין אין וווקס, אָבער אַ מענטש איז ער געווען גאָר אַ גרויסער מיט אַ גרויס האַרץ און אַ טײַערע נשמה.

אינטערעסאַנט, אַז לילי האָט דורך אים געפונען איר משפּחה אין לאָדזש. זײַן קראַנקן־שוועסטער איז געווען די טאָכטער פון איינעם יוסף סאַנדלער. יוסף איז געוועזן אַ קוזין פון ליליס באָבע רבקה און דעם זיידן, דעם חזן זונדל לוקאַשעווסקי פון אָדעס. די משפּחה האָט אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין לאָדזש.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן: אין ישׂראל האָבן מיר געטראָפן שפּעטער אַ טייל פון דער משפּחה. דער עלטסטער זון איז געווען אַ דאָקטאָר־וועטערינאַר אין פּרדס־חנה, ד״ר בן־יוסף. (אַזוי רופט זיך די משפּחה אין ישׂראל, בן־יוסף). זײַן טאָכטער מלכּה בן־יוסף איז הײַנט ישׂראל־קאָנסול אין קאַליפאָרניע.

אונדזער דאָקטאָר מאַרטקאָוויטש האָט אין יענער צײַט דורכגעלעבט אַן אינטערעסאַנטע לעבנס־דראַמע. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פּוילן האָט ער זיך ערשט געהאַט אָפּגעגט פון אַ פרוי מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט, ווען זיי האָבן זיך געקענט בלויז עטלעכע טעג. אַ ראָמאַן געגנוי ווי אין אַ מעשׂה־ביכל. אָבער זיי האָבן ביידע דערזען גלײַך נאָך דער חתונה, אַז עס טויג נישט. זיי

זענען צוויי פֿאַרשידענע מענטשן. האָבן זיי תּיכּף באַשלאָסן צו אַנולירן די חתונה. אָבער מען זאָגט דאָך, אַז דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז די פֿרוי האָט פֿאַרשוואַנגערט. זי האָט קיין קינד נישט געוואָלט. עס וואָלט געשטערט איר לעבנסטיל. ער, פֿון זײַן זײַט, האָט זיך געשראָקן צו פֿאַרבלײַבן צוגעבונדן צו אַ פֿרוי, וועלכע ער ליבט נישט. האָבן זיי צווישן זיך געשלאָסן אַן אָפּמאַך, אַז זי זאָל אויסטראָגן דאָס קינד און דאָס אים איבערגעבן. ער האָט איר געגעבן אַ גאָר גרויסע סומע געלט, כּדי זי זאָל אָפּשרײַבן אַלע רעכט צום קינד אויף זײַן חשבון, זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פֿון אירע רעכט אַלס מוטער. אַזוי איז געווען. זי האָט געבוירן אַ טײַער מיידעלע, צוגענומען דאָס געלט און אַרויס פֿון זײַן לעבן. ער האָט אַליין דערצויגן דאָס קינד.

נאָך דער היטלער־מלחמה, ווען מיר האָבן געזוכט אַלע אונדזערע פֿרײַנד האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ווען די נאַציס זענען אַרײַן קיין פּוילן איז ד״ר מאַרטקאָוויטש געפֿאָרן מיט זײַן קינד קיין טאָמאַשאָוו. דאָס לעצטע מאָל האָט מען אים געזען מיט זײַן 4־יאָריק מיידעלע בײַ אַן אָפֿענעם גרוב...

עס מוז דאָך שטענדיק זײַן אַ קאַפֿע, ווו שוישפּילערס און שרײַבערס קומען זיך צונויף בײַ טאָג און דאָס גלײַכן נאָך אַ פֿאָרשטעלונג בײַ נאַכט. אין לאָדזש איז דאָס געווען דער קאַפֿע „אַסטאָריאַ״, אַ מילכיקער רעסטאָראַן, וועלכער האָט זיך געפֿונען לעבן דער רעדאַקציע פֿון דער ייִדישער צײַטונג.

דער בעל־הבית פֿון „אַסטאָריאַ״, בערנהיים, איז געווען אַ גאָר אינטערעסאַנ־טער טיפּ. אַמאָליקע יאָרן איז ער געווען אַן אייגנטימער פֿון דעם לאָדזשער „סקאַלאַ״־טעאַטער, געפֿירט גרויסע געשעפֿטן און געברענט אַ וועלט. זײַענדיק אַ קאָמיש מענטשל, פֿלעגט ער תּמיד זיך אויסדריקן אויף אַזאַ נאַיִוון קאָמישן אופֿן, אַז זײַנע ווערטלעך זענען פֿאַרבליבן כּמעט ווי שפּריכווערטלעך.

דאַן האָב איך געשטעלט די פּיעסע אויף וועלכער גאַנץ לאָדזש האָט געוואַרט, „אַ חתונה אין שטעטל״ מיט מײַן לילין אַלס פֿייגעלע. כאָטש די פּיעסע איז שוין ביז דאַן געהאַט געשפּילט געוואָרן צום פֿערטן מאָל, איז זי אַלץ געווען דער שלאַגער פֿון סעזאָן, באַליבט בײַ קינד־און־קייט. נישט געווען קיין איין ייִד אין לאָדזש, וואָס זאָל נישט נאָכזינגען די לידער „אוי ווי טאַטע״, „יאָסעלע און פֿייגעלע״ און „איך גיי אַוועק פֿון מײַן טאַטעניו״.

15. אין לעמבערג

אויף פּסח בין איך מיט נתנס טרופּע אַרויסגעפאָרן קיין לעמבערג. מיר האָבן שוין געהאַט אין אונדזער רעפּערטואַר אַ גאַנצע ריי פּיעסעס: „מ׳קען לעבן נאָר מען לאָזט נישט" (אַ קאָמעדיע צו וועלכער שלום סעקונדאַ האָט אָנגעשריבן דאָס ליד „ביי מיר ביסטו שיין"), פּריימאַנס פּיעסע „דער קאָטערינשטשיק" (פון וואַנען עס שטאַמט אַלשאַניעצקיס באַרימט ליד „איך האָב דיך צו פיל ליב"). מיר האָבן דאָס שפּעטער געשפּילט אין ישראל אונטערן נאָמען „די פריילעכע קבצנים".

אונדזער רייזע קיין לעמבערג איז געווען אַ גאָר אינטערעסאַנטע. לילי האָט צום ערשטן מאָל געזען ווי אַזוי טעאַטער־משפּחות פאָרן אַרויס אין דער פּראָווינץ. (אייגנטלעך איז איר מיט יאָרן שפּעטער אויסגעקומען אַרומצופאָרן מיט איר אייגענער משפּחה איבער דער וועלט). אַ גאַנצע קיך איז געווען איינגעפּאַקט אין די טשעמאָדאַנעס. די טעפּ, דאָס געשיר און די הויפּטזאַך, אַ פּרימוס צום קאָכן.

אויף די טשעמאָדאַנעס פלעגן זיין אָנגעקלעפּט צעטעלעך, מען זאָל וויסן, וואָס דאָרטן געפינט זיך. איז פונקט אויף איינעם געווען צוגעקלעפּט „אַפּאַראַט" (מיינענדיק דעם פּרימוס). די באַגאַזש־טרעגערס האָבן דערהערט, אַז עס זענען דאָ שוישפּילערס, האָבן זיי דאָס ערשטע גענומען נתנס געפּעק און דערזעענדיק דעם אויפשריפט „אַפּאַראַט" געמיינט, אַז דאָס מוז זיין כאָטש אַ פילם־אַפּאַראַט, האָבן זיי דאָס געטראָגן אויף די קעפּ, שרייענדיק איינער צום צווייטן „אָסטראָזשנאָ, אַפּאַראַט". אויף אונדזער אַלעמענס באַגאַזש האָבן זיי זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

אָנגעקומען קיין לעמבערג, בין איך מיט מיין פרוי פאַרפאָרן אין האָטעל „בריסטאָל" אויף דער יאַגעלאָנסקי־גאַס. מיר האָבן זיך אַלע גענומען גרייטן צו דער פּרעמיערע אין טעאַטער „קאָלאָסעום". קודם־כל האָט אונדז נתן פאַרבעטן צום ערשטן סדר ביי זיך אין האָטעל. איך וועל יענעם סדר קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

די נתנאָווע האָט צוגעגרייט אַ סדר ווי אין פּסוק שטייט. מיט געפילטע פיש, מיט קניידלעך, אַלץ אָפּגעקאָכט אויף דעם קליינעם פּרימוס. זי איז טאַקע געווען אַ קינסטלערין.

מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש און נתן האָט אויסגערופן: „הכלל, לאָמיר עסן". די נתנאָווע אָבער זאָגט: „לא מיט אַ ספּאָדיק". אויב ער וועט נישט פּראַווען אַ ריכטיקן סדר, מיט קידוש, מיט דער גאַנצער הגדה, וועט זי נישט דערלאַנגען קיין עסן. נתן האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ וועלט מיט חן און הומאָר, האָט ער זיך אויפגעשטעלט מיטן כוס אין דער האַנט און האָט אָנגעהויבן זינגען אויף אַ קול „אוי ווי, טאַטע, לעבעדיקער פאָטער" און אַלע חברה צוזאַמען מיט אים. מיר האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט, אַלע... אַחוץ זיין פרוי. דער סוף איז געווען, אַז נתן

האָט געמוזט פּראַווען אַ סדר ווי עס באַדאַרף צו זײַן. מיט דעם אויוועלע, געדענק איך, האָט זי אַפילו געראַטעוועט לילין. דער דאָקטער האָט איר געהאַט פאַרשריבן עסן רויען לעבער. ווו מיינט איר פלעגט די רויע לעבער ווערן אַ ביסל דער־וואַרעמט? אויף נתנאַוועס פּרימוס. (איר בינע־נאָמען איז געווען לעווענטאַל).

ווי דער שטייגער, האָבן זיך אין לעמבערג באַלד צוגעשטעלט אַלע מײַנע גוטע פריינד. כּמעט אַלע נאַכט נאָך דער פאָרשטעלונג פלעגן מיר גיין טאַנצן אין „באַגאַטעלאַ״. מען האָט טאַקע געמאַכט אַ לעבן.

צווישן אונדזערע פרײַנד האָבן זיך געפונען מאַניאַ און אַבעק פּאַבולעוויטש, אַ וואַרעם פּאָרפאָלק (זיי האָבן געוויינט פאַר פרייד ווען מיר האָבן זיך געטראָפן מיט זיי נאָך דער מלחמה אין פּאַריז). אין דער צײַט פון אונדזער שפּילן אין פּוילן זענען בײַ צוויי משפּחות פון אונדזערע פריינד געבוירן צוויי מיידעלעך. בײַ די בירנבוימס אין לאָדזש און בײַ די פּאַבולעוויטשעס אין לעמבערג. מיר האָבן באַשטעלט בײַ אַ גאָלדשמיד צוויי ענלעכע מתּנות. צוויי גאָלדענע העלפאַנטלעך אויף צוויי גאָלדענע קייטעלעך, יעדע אויסגראַווירט מיטן נאָמען פונעם קינד און מיט אונדזער נאָמען.

ליידער איז דאָס העלפאַנטל נישט געווען אַזוי מזלדיק פאַר דעם מיידעלע פון די בירנבוימס. (זי איז אומגעקומען אין לאָדזש צוזאַמען מיט איר מוטער רעני. דאָס האָט אונדז העניעק בירנבוים דערציילט, ווען ער האָט אונדז באַזוכט אין תּל־אביב. העניעק האָט אין לאָדזש פאַרמאָגט אַ פאַבריק פון גלאַזוואַרג און ער איז טאַקע געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר באַזאָרגן אונדז די דערלויבעניש אַרײַנ־צוקומען שפּילן אין פּוילן. הײַנט געפינט ער זיך אין קאַנאַדע).

דער צווייטער העלפאַנטל האָט אַ פּנים יאָ געבראַכט מזל דער משפּחה פּאַבולעוויטש. זיי האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַ מזל־פּאַל. אַבעק איז געווען אַ הויכער באַאַמטער אין דער פירמע „פּעליקאַן״ (פון טינט און פעדערס). דער בעל־הבית פון דער פירמע „פּעליקאַן״, אַ קריסט, האָט זיי אַלעמען אויסבאַהאַלטן פון די נאַציס.

עס איז אָבער נישט אָנגעקומען גרינג און זייער אָפּט האָבן זיי געהונגערט. דערציילן זיי, אַז ווען זיי האָבן שוין אַלצדינג געהאַט פון זיך פאַרקויפט, האָבן זיי זיך געראַטעוועט מיט אונדזער מתּנה, דאָס גאָלדענע העלפאַנטל מיטן קייטעלע. זיי האָבן דערפון געהאַט צו עסן אַ שיינע פּאָר וואָכן.

אין לעמבערג האָבן מיר געשפּילט פון פּסח ביז דעם חודש יוני און איך האָב דאָן געפּראַוועט מײַן לילים געבורטסטאָג אין האָטעל „בריסטאָל״. חוץ אונדזער טרופּע און אונדזערע פּריוואַטע פרײַנד האָבן מיר געהאַט נאָך געסט. די טרופּע, וועלכע האָט זיך גערופן „די יידישע באַנדע״ איז אָנגעקומען אין שטאָט און באַדאַרפט אָנהייבן שפּילן, ווען מיר וועלן ענדיקן. זיי זענען דאָן געווען אויף אַ טורנע און טאַקע נישט לאַנג נאָך דעם זענען זיי געפאָרן קיין אַמעריקע. אַזוי אַרום האָבן זיך כּמעט אַלע געראַטעוועט פון די דײַטשן. פון אָט דער טרופּע זענען

געווען בײַ אונדז לעאָן ליבגאָלד מיט זײַן פרוי לילי לילי, מאַלווינאַ ראַפּעל, חנה גראָסבערג, מײַן אַלטער חבר ווילי גאָדיק (דער טאַטע פון גיורא גאָדיק, וועלכער איז געוואָרן דער גרעסטער אימפּרעסאַריאָ אין ישׂראל און האָט אַזוי טראַגיש און יונג פאַרלוירן זײַן לעבן). אין „דער באַנדע" האָבן אויך געשפּילט דוד לעדערמאַן און דער קאָמיקער זישע קאַץ (וועלכער האָט זיך, זאָגט מען, געהאַנגען, ווען ער איז צוריקגעפאָרן פון ניו־יאָרק און אַרײַנגעפאַלן אין די נאַצישע הענט).

געענדיקט שפּילן, האָבן מיר איבערגעלאָזן אין לעמבערג אונדזער געפּעק און זיך אַרויסגעלאָזן שפּילן אויף דער פּראָווינץ — פּשעמישל, דראָהאָביטש, באָריסלאַוו, טורקע בײַם סטרי, בענדיק, סאָסנאָוויעץ און פון דאָרט ווידער צוריק קיין לעמבערג.

פּונקט דאַן האָבן מיר באַקומען אַ טעלעפאָן פון חיים סאַנדלערן פון וואַרשע, מיר זאָלן אָנהייבן בײַ זיי דעם נײַעם סעזאָן אין טעאַטער „סקאַלאַ" אויף דזשעלנע־גאַס. איך האָב מיט פרידעסן גלײַך אָנגעהויבן אַנגאַזשירן מײַן טרופּע פאַר וואַרשע, ווײַל נתנס טרופּע האָט געהאַט אַנדערע פּלענער.

אויף נתנס פּלאַץ האָב איך אַנגאַזשירט באַזשיקן צוזאַמען מיט זײַן יונגער פרוי רייזל. זייער טעכטערל זיסעלע איז דאַן געווען 2 יאָר אַלט. מיר האָבן קאָנטראַקטירט די פײַנע מוטער־ראַליסטין בערטאַ ליטווינאַ און פון נתנס טרופּע זענען מיט אונדז פאַרבליבן יוסף ווידעצקי און באָמבע גורוויטש.

עס האָט מיר געבראַכן דער קאָפּ קלערנדיק וועמען איך קאָן אַנגאַזשירן פאַר דער ראָלע פון העלען. („מײַן טאַטנס" געליבטע). זי האָט געמוזט זײַן אַן עלעגאַנטע און זייער אַ שיינע. דער עיקר אָבער האָט זי געמוזט זײַן אַ גוטע אַקטריסע. פרידעס האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די בעסטע וואָלט געווען נאַדיאַ קאַרעני. איך האָב אים באַלד דערוווּדערט, קלערנדיק אַז לילי וועט זיך פילן אומבאַקוועם. האָט זיך מײַן לילי אָנגערופן: „פאַר וואָס נישט? אויב זי איז די בעסטע פאַר דער ראָלע, דאַרפן מיר זי טאַקע האָבן".

איך האָב זיך פאַרבונדן מיט נאַדיאַ קאַרעני און זי האָט גלײַך אַקצעפּטירט. זי איז שוין דאַן געווען פאַרהייראַט צו מײַן גוטן חבר יוסף קאַמען, דער טאַטע פון ליאַ קעניג.

יענעם זומער אין לעמבערג פלעג איך וווּנדערלעך פאַרברענגען מיט שׂימחה נתן און דוד בייגעלמאַן שפּילנדיק אַ קערטל. וואָס בין איך געווען שולדיק, אַז איך בין תּמיד געווען מזלדיק און פלעג בײַ זיי צונעמען דאָס גאַנצע געלט? נתן איז געווען זייער אַ קאַרגער. (מיר פלעגן זיך אָפּט וויצלען אויף זײַן חשבון). דאָס זעלבע אויך בייגעלמאַן. פון גאַנץ פרי האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט פאַר אונדזער האָטעל און געקוקט אויף אונדזערע פענצטער. ווי נאָר מיר האָבן אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג זענען זיי שוין געשטאַנען בײַ אונדזער טיר און זיך געבעטן איך זאָל שפּילן בלויז איין רונדע. ווי אַזוי האָב איך זיי געקענט אָפּזאָגן?

לילי פּלעגט שרײַען גוואַלד. נאָך אײדער זי האָט זיך באַוויזן אָנטאָן זענען זיי שוין געזעסן בײַם טיש. אַזוי יעדן אינדערפרי. יאָ, דאָס זענען געווען פריילעכע טעג.

איך געדענק אָבער טרויעריקע אינצידענטן אויך. אין פאַרלויף פון איין וואָך האָבן מיר געהאַט צוויי אַקצידענטן אין דער טרופּע. דוד שאַפּיראָ האָט צעריסן זײַן האַנט, ווען ער האָט געפּרוווט עפענען אַ פלאַש וואָדקע מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דעק און מאַטקע זאַק האָט פאַרווונדיקט אַ האַנט, ווען ער האָט אין האָטעל גערייניקט דעם רעוואָלווער, וועלכן מיר האָבן גענוצט אויף דער בינע. ביזן הײַנטיקן טאָג האָט מאַטקע אַן אָנדענק פון יענעם זומער אין לעמבערג — צוויי שטײַפע פינגער.

מיר האָבן נאָך באַדאַרפט פאָרן קיין ווילנע און ביאַליסטאָק, נאָר אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אַ פּאָר וואָכן צו פאַרברענגען, האָבן מיר באַשלאָסן פאָרן קיין טרוסקאַוויעץ נעמען די בעדער און טרינקען די וואַסערן „נאַפטושאַ". אַזוי ווי מיר פלעגן כמעט יעדן טאָג עסן בײַ פּליסערן אין רעסטאָראַן (אַנטקעגן דעם גימפּל־טעאַטער) האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די פּליסערס האָבן אַן אייגענעם האָטעל אין טרוסקאַוויעץ. טאַקע צו זיי זענען מיר געפאָרן און פאַרבראַכט אַ וווּנדער־לעכע וואָך.

פון דאָרט איז די גאַנצע טרופּע געפאָרן ענדיקן דעם סעזאָן אין ווילנע און ביאַליסטאָק. ערשט דאַן זענען מיר געפאָרן קיין וואַרשע, כּדי זיך גרייטן צו דעם נײַעם סעזאָן 1938/39.

שפּילנדיק אין ביאַליסטאָק סוף זומער 1938 האָב איך פּלוצעם באַקומען אַ טעלעפאָן פון לאָדזש, פון מײַן חבר יוזשעק מילשטיין, אַז איך זאָל תּיכּף קומען „ראַטעווען די סיטואַציע". וואָס איז געשען? זײַן טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי" איז געשטאַנען ליידיק צוליב דעם, ווײַל היימי דזשייקאָבסאָן און מרים קרעסין (וועלכע האָבן געווײַלט אין פּוילן נאָכן פילמירן „דער פּורים־שפּילער") האָבן געמוזט ענדיקן. געזאָלט האָבן זיי שפּילן ביז פאַר די ימים־טובים.

איך האָב יוזשעקן געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם ברודער, און וואָס טוט מען נישט פאַר אַ ברודער? דער „ראַזמאַיטאָשטשי" איז געווען אַ קעניגלעכער טעאַטער און צו האַלטן פאַרמאַכט אַזאַ טעאַטער האָט אָפּגעקאָסט אַ סך געלט. האָב איך אים אין טעלעפאָן געענטפערט: „יוזשעק, מ'קען לעבן, נאָר מ'לאָזט נישט". דאָס ווייס איך — האָט ער געענטפערט — נאָר וועלכע פּיעסע וועסטו בײַ מיר שפּילן? „מ'קען לעבן, נאָר מ'לאָזט נישט — האָב איך זיך צעלאַכט — אַזוי הייסט מײַן פּיעסע".

איך האָב „געכאַפּט" נתנס טרופּע און מיר זענען תּיכּף געפאָרן קיין לאָדזש ראַטעווען די סיטואַציע. מיט גרויס דערפאָלג האָבן מיר דאָרטן אָפּגעשפּילט עטלעכע וואָכן ביז צו אונדזער אָפּפאָרן קיין וואַרשע צוגרייטן דעם סעזאָן. אין לאָדזש, ווי איר זעט, האָט מען געשפּילט טעאַטער זומער פּונקט ווי ווינטער. יאָ, לאָדזש איז באמת געווען אַ גאָלדענע שטאָט פאַר טעאַטער...

16. „סקאַלאַ״־טעאַטער — וואַרשע 1938-39

פאַרפאַרן זענען מיר אין דעם האָטעל „בריטאַניאַ״ אויף דער נאַוואַליפקי־גאַס און זיך געגרייט פאָרן אין טעאַטער, ווען עמיל פרידעס האָט אונדז געבראַכט די נייַעס, אַז מאַקס באָזשיק מיט זייַן פרוי ווילן זיך באַפרייַען פון אונדזער טרופּע און דער אַקטיאָרן־פאַראיין אונטערשטיצט זיי, ווייַל אידאַ קאַמינסקי מוז זיי נייטיק האָבן צו איר נייַער אויפפירונג „שעפּסן־קוואַל״.

אויפן אָרט פון רייזל באָזשיק האָבן מיר אַנגאַזשירט אַ יונגע סוברעטין סאָניאַ זאַמינאַ. וואָס טוט מען אָבער מיט דער וויכטיקער ראָלע פון איטשע־מאיר? נישטאָ מער קיין קאָמיקערס אין וואַרשע. איך בין שוין געווען פאַרצווייפלט, ווען פּלוצעם איז מיר אויפגעקומען אַ געדאַנק. באַמבע גורוויטש, וועלכער פלעגט פירן די בינע, איז געווען פון דער נאַטור אַ קאָמישער מענטש. ער האָט געקענט די ראָלע פון אויסנווייניק, ווייַל ער האָט געזען נתנען דאָס שפּילן אַזוי פיל חדשים. ער האָט אַזוי גוט קאָפּירט נתנען, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו געבן אים אַ שאַנס און אים לאָזן שפּילן. איך האָב זיך טאַקע נישט אָפּגענאַרט. די צייַטונגען האָבן אים נאָך דער פּרעמיערע געלויבט. „עס איז אַרויף אויפן האָריזאָנט אַ נייַער קאָמיקער — האָבן זיי געשריבן — באַמבע גורוויטש״.

מיר האָבן אָנגעהויבן שפּילן דעם סעזאָן 1938/39 אין וואַרשע. ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, אַז צום קומענדיקן סעזאָן 1939/40 וועט שוין קיין יידישער טעאַטער אין וואַרשע מער נישט עקסיסטירן, אַז מיליאָנען ייִדן וועלן לעבן אונטער דער הערשאַפט פון טעראָר און פאַרניכטונג. ווער האָט זיך דען געקענט ריכטן, אַז די פּוילישע יידישע וועלט וועט אין גאַנצן פאַרשווינדן פון דער ערד. ס׳איז דאָך געווען אַזאַ שיינע יידישע וואַרשע. אונדזער טעאַטער־עולם פלעגט שטראָמען אין טעאַטער און אַזוי האַרציק געלאַכט, מיט אַזוי פיל פאַרגעניגן. זיי האָבן אַזוי געוואָלט לעבן!

צום דערמאָנטן סעזאָן איז מייַן טרופּע באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע אַרטיסטן: הערש האַרט, לאָלאַ יאַקובאָוויטש, מאַניעלע (וועלכע איז געווען די פרוי פון לעאָן קאָסווינער) און ווי שוין דערמאָנט, בערטאַ ליטווינאַ, סאָניאַ זאַמינאַ, יוסף ווידעצקי, באַמבע גורוויטש, נאַדיאַ קאָרעני און דוד בייגעלמאַן אַלס מוזיק־לייטער. שפּעטער, ווען איך האָב אין מיטן סעזאָן אַראָפּגענומען דעם „קאָמעדיאַנט״ און געשטעלט „אַ חתונה אין שטעטל״ האָב איך אַנגאַזשירט האַרי אַריעלן (הייַנט אין לאָנדאָן) און געבראַכט ספּעציעל פון לעמבערג אידל גוטמאַנען צו שפּילן דעם רבין.

אין אַ פּרייַטיק בייַ נאַכט נאָך דער פאָרשטעלונג זענען אַלע אַוועק עסן אין אַ היימישן רעסטאָראַן. מיר האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון הינער־לעבערלעך

נאָר ווייַזט אויס, אַז איינע פון די לעבערלעך האָט געמוזט זייַן נישט פריש. לילי האָט פון דעם באַקומען אַ פאַרסמונג און פון הויכער טעמפּעראַטור האָט זי אַזש פאַרלוירן דעם באַוווסטזייַן. איך האָב אין מיטן דער נאַכט געמוזט זוכן אַ דאָקטער כדי זי צו ראַטעווען. פאַרבליבן איז זי זייער אָפּגעשוואַכט.

אין דער פרי האָב איך גערופן פרידעסן. עס איז געווען שבת, און מען האָט געדאַרפט שפּילן צוויי פאָרשטעלונגען און אויך דאָס זעלבע צו מאָרגנס, זונטיק. פרידעס איז אויף גיך געלאָפן נאָך ליזאַ שלאָסבערג (וועלכע האָט צופעליק געוווינט אַנטקעגן אונדזער האָטעל) און געבעטן זי זאָל פאַרטרעטן לילין אין די פיר פאָרשטעלונגען, מען מוז ראַטעווען די סיטואַציע! ליידער איז אים די מיסיע נישט געלונגען, ליזאַ שלאָסבערג האָט געשטעלט אַ באַדינג, אַז אויב מען וועט אַרויסשטעלן איר נאָמען אין דער הייך, גלייַך מיט מייַנעם, וועט זי שפּילן.

אַז לילי האָט דאָס דערהערט האָט זי שוואַכערהייט פון איר בעט באַפוילן: „מען דאַרף נישט קיינעם. איך וועל אַליין שפּילן. איך מוז דאָך שפּילן".

אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען, אַז מייַן לילי איז געוואָרן אַ פּאַראַנט־וואָרטלעכע שוישפּילערין. און איך האָב מיט איר אייַנגעשטימט. „אַ פּייַג וועט עמעצער אַנדערש שפּילן דייַן ראָלע".

„באַוואָפנט" מיט קאַפּסולן און טאַבלעטקעס, וואָס דער דאָקטער האָט איר צוגעטיילט, איז לילי אַרויס אויף דער בינע. געזונגען, געשמייכלט און אַפילו באַוויזן צו טאַנצן. בייַם אַראָפּקומען פון דער בינע, נאָך יעדער סצענע, האָט זי זיך געבויגן אין דרייַען פון שמערצן. אַזוי איז דאָס לעבן פון דעם אַקטיאָר. דאָס ווערטל „לאַך קלאָון, לאַך" איז טאַקע אַ ווירקלעכקייט.

ליזאַ, די טאָכטער פון דעם דיריגענט שלאָסבערג, איז אָבער שפּעטער אַרייַן אין מייַן טרופּע, ווען זאַמינאַ איז אָפּגעפאָרן קיין אויסטראַליע. זי איז שוין פאַר־בליבן מיט אונדז ביז צו אונדזער אָפּפאָרן פון פּוילן.

זינט מייַן אָנקומען האָב איך זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט מייַנע צוויי שוועסטער און זייערע משפּחות און זיי געשטיצט מאַטעריעל ווי ווייַט איך האָב נאָר געקענט. מייַן ייִנגערע שוועסטער חיה־שרה האָט שוין געהאַט אַ זון פון 18 יאָר (מאָטל, אַ נאָמען נאָך מייַן גאָטזעליקן פאָטער). איר מאַן איז געווען אַ שטיקל בעל־מלאכה און פאַרדינט נעבעך וואַסער אויף קאַשע. די עלטערע שוועסטער, פייגע, צוזאַמען מיט איר טאָכטער מלכה זענען גלאַט געווען אויף געהאַקטע צרות. געוווינט נאָך אין דער אַלטער דירה אויף גענשע 39, אָבער שוין צוזאַמען מיט אַ שכן, וועלכער האָט פון זייַן העלפט דירה געמאַכט אַ פאַבריק. ער איז געווען אַ שטעקעלע־מאַכער. מייַן אַמעריקאַנער ווייַבל האָט גאָרנישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָס איז פאַר אַ פּרנסה — אַ שטעקעלע־מאַכער.

זייער אָפט פלעגן מיר צו זיי קומען, באַלייגט מיט פּעק שפּייַז און פּרוכט. דאָס איז בייַ זיי געווען אַ לוקסוס. די צוויי עלטערע זין פון פייגעס זענען שוין

געווען חתונה געהאַט. דער עלטערער, איטשעלע, האָט געהאַט 2 קינדער, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, און דער ייִנגערער, אָשר־פּסח, אַ קליין 2־יאָריק מאַטעלע, אַן אויסערגעוויינלעך שיין קינד.

איך שטעל מיך פאָר וואָס מיט זיי האָט געקענט פּאַסירן... ווער קען וויסן, צי איינער פון זיי איז ערגעץ לעבן געבליבן?

מייַן פלימעניצע מלכּהן האָב איך געהאַט געפונען אין שפּיטאָל ביַי מייַן אָנקומען אין לאַנד. זי האָט געליטן אויף אַרטריטיס (אישיאַס). זי איז אַלט געווען בלויז 20 יאָר. איך בין תּיכּף געפאָרן אין שפּיטאָל און באַשטעלט אַ גוטן דאָקטער. ער האָט איר געהייסן נעמען הייסע זאַמדבעדער. איך האָב נישט געזשאַלעוועט און ווי נאָר עס איז געוואָרן וואַרעמער האָב איך פאָר זיי געדונגען אַ שטיבל אויפן וועג קיין אָטוואָצק („אויף דער ליניע"). ליגנדיק דעם גאַנצן זומער אין די הייסע זאַמדן האָט זיך מלכּה אין גאַנצן אויסגעהיילט.

דערנאָך, ווען מיר זענען געקומען קיין וואַרשע שפּילן צום סעזאָן האָט לילי זי באַקליידט און באַנייט, איר אַפילו אָנגעטאָן איר אייגענעם פוטערנעם מאַנטל און מלכּהלע האָט גענומען בליִען. זייער אָפט קלער איך, אַז ווען נישט היטלער וואָלט מלכּה מצליח געווען אין לעבן. דאָס לעצטע וואָרט פון איר איז געווען: אַ קאַרטל פון אַ דייַטשן לאַגער, וועלכן איך האָב נאָך ביז היַינט. עמעצער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מען האָט זי געזען שיילן קאַרטאָפל אין לאַגער. ווער ווייסט וואָס עס האָט מיט איר נאָך דעם פּאַסירט?

דער שענסטער אַנעקדאָט אין מייַנע זכרונות איז דער פאַל ווען מייַנע צוויי אַלטע מומעס, די מומע לאה און די מומע העניע, זענען געקומען מיך זען שפּילן אין „סקאַלאַ"־טעאַטער. זיי האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס דאָס איז אַזוינס טעאַטער. אין אַ געוויסן טאָג, זייַענדיק אויף מיטאָג ביַי דער מומע לאהן, האָט זי צו מיר געזאָגט: „דו ווייסט, פּסחל, אַלע רעדן אַזוי פיל וועגן דייַן טעאַטער, טאָבעלע און אַברהם און הערש־יאָסל. זיי אַלע זאָגן, אַז דו ביסט אַזוינס און אַזעלכס. טאָ ווייסטו וואָס — איך וועל אויכעט דיך קומען זען".

איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט און געגעבן דער פּוילישער דינסט גענוג געלט פאַר אַ טאַקסי, כּדי זי זאָל ברענגען די מומע זונטיק ביַי טאָג צוזאַמען מיט איר שוועסטער, מיט מייַן מומע העניען. איך האָב געהאַט געבעטן פרידעסעס ברודער, טוביהן, אַז ער זאָל זיי אָפּוואַרטן. „וואָס טוען דאָ אַזוי פיל מענטשן אין מיטן העלן טאָג?" — האָבן זיי געפרעגט. פרידעס האָט זיי אַוועקגעזעצט צוזאַמען מיט דער דינסט אויף גוטע פּלעצער און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן.

אַרויסקוקנדיק דורכן סעקרעטן לאָך אינעם פאָרהאַנג, האָב איך געזען ווי די צוויי אַלטע באָבעלעך זיצן זיך בנעימותדיק אויף זייערע פּלעצער, ביידע אָנגעטאָן אין שייטלען און מיט וויַיסע שפּיצענע קראַגנס. ווען דער עולם האָט אַפּלאָדירט

בעת מײַן אויפטריט האָבן זיי געשמייכלט צופרידענע. זיי האָבן געשעפּט נחת. באַלד זענען זיי געוואָרן די הויפּט־פּאַטשערס אין טעאַטער. יעדעס מאָל וואָס איך בין אַראָפּ פון דער בינע האָבן זיי געפּאַטשט בראַוואָ. ווען איך בין צוריק אַרויף, האָבן זיי פון דאָס נײַ געפּאַטשט. בעת מײַן טאַנצן האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט פון די בענקלעך, כּדי בעסער קענען זען ווי אַזוי איך טאַנץ. די אַקטיאָרן אויף דער בינע האָבן זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן פון געלעכטער. דאָס פּובליקום האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז עפּעס קומט פאָר און ווען עס איז געקומען צו מײַן קופּלעט „איך האָב זיך אַרײַנגעדרייט" און דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט, האָבן מײַנע מומעס גענומען בעטן: „מוטשעט אים נישט!... איר וועט דאָך אים פאַרמאַטערן!" פּונקט דאַן האָב איך אָפּגעשטעלט דעם אָרקעסטער און געזאָגט: „איר מיינט אַז איך ביסיר אַזוי פיל מאָל גלאַט אַזוי? עס איז אײַער מזל וואָס מײַנע צוויי מומעס זיצן אין טעאַטער... און אויב איר ווילט זיי אָנקוקן, טאָ אַפּלאָדירט זיי, וועלן זיי זיך אויפשטעלן". וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? מײַנע צוויי אַלטיטשקע מומעס האָבן זיך מיט שטאָלץ אויפגעשטעלט און זיך געבייגט פאַרן עולם אַזוי ווי צוויי גראַפיניעס. נאָך דער פאָרשטעלונג זענען זיי אַרײַן צו אונדז אין דער גאַרדעראָב מלא־שׂימחה, מיט אַ גרויס בײַטל געבעקס. די אַקטיאָרן האָבן אונדז אַרומגערינגלט און די מומעס האָבן געטיילט שטרודל יעדן איינעם און דערבײַ נאָך געדאַנקט יעדן שוישפּילער: „איך דאַנק אײַך, ליבע מענטשן, וואָס איר העלפט אַרויס מײַן פּלימעניק".

די מומע לאה האָט זיך נאָך באַרימט פאַר מיר: „דו ווייסט, פּסחל, איין פרוי האָט מיך געפרעגט צי איך בין אויכעט פון אַמעריקע". זיי האָבן זיך גאָר נישט געוואָלט צעשיידן מיטן טעאַטער. אַז דער לאַנגער פרידעס האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין אַ טאַקסי, האָבן זיי נאָר געוואָלט ער זאָל מיטפאָרן אַ שטיקל וועג. „וואָס אַרט דאָס אײַך? עס ווערט דאָך סײַ ווי באַצאָלט. כאַפּט אויך אַ שפּאַציר". און אַזוי האָבן מײַנע צוויי אַלטיטשקע מומעס געזען צום ערשטן און איינציקן מאָל אין לעבן אַ יידישן טעאַטער.

די מומע לאה איז אין אַלגעמיין געווען אַ בראַווע און קלוגע יידענע. תּמיד מיט אַ ווערטל, תּמיד מיט אַ לאַך, אַ וויץ. און אויך אַ זעלטענע בעל־הביתטע. נאָכן אָפּעסן אַ מיטאָג בײַ דער מומע לאהן האָט מען געמוזט נאָך דעם גיין צו פוס פון פּראַגע ביז צום „סקאַלאַ"־טעאַטער אין וואַרשע, אַזוי אָנגעפּילט איז מען געווען מיט געשמאַקע מאכלים. הײַנט די ריינקייט בײַ איר, איז געווען נישט צום באַשרײַבן.

אַ דאַנק דער מומע לאהן האָב איך ענדלעך אויסגעפונען מײַנע ריכטיקע יאָרן. ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע, נישט פאַרמאָגנדיק קיין פּאַספּאָרט, האָט מײַן ברודער מיך געהייסן איך זאָל זיך פאַרשרײַבן מיט 4 יאָר עלטער, ווײַל עס וועט זײַן בעסער צוליבן מיליטער. איך אַליין האָב אין גאַנצן געהאַט פאַרלוירן דעם חשבון. אַז איך האָב געפרעגט די מומע לאה צי זי ווייסט גענוי ווי אַלט איך

ביך, האָט זי מיר תּיכּף דערלאַנגט אַן ענטפער, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין דער זעלבער צײַט מיט איר ייִנגסטן זון נח. אַ סימן, ווען מײַן מאַמע איז געווען פאַרנומען, פלעגט די מומע לאה מיך אָנזויגן צוזאַמען מיט נחן (קען דען זײַן אַ בעסערער סימן?) און אַזוי ווי נח איז דאַן געווען פונקט 38 יאָר אַלט, האָב איך אויסגעפונען, ווי אַלט איך בין געווען. (נח האָט דאַן געוווינט אין ביאַליסטאָק, וווּ ער איז אומגעקומען מיט זײַן פרוי און דרײַ קליינע טעכטערלעך).

איינער פון די קאַלירפולסטע פאַרשוינען, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַפרײַנדן אין וואַרשע אין 1938, איז געווען דער שרײַבער פון קרימינעלע ראָמאַנען, אורקע נאַכאַלניק. זײַן ריכטיקער נאָמען איז געווען א. פאַרבעראָוויטש. אַ שרײַבער איז ער געוואָרן ווען ער איז געזעסן אין תּפיסה. ער אַליין האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען אַ קאַסע־ברעכער און אַ קינסטלער אין זײַן פאַך. (דאָס אַלץ איז באַשריבן אין זײַן ערשטער פּיעסע „מײַן לעבנס־וועג״). זיצנדיק אין תּפיסה האָט ער זיך דורך אַ צופאַל באַקענט מיט זײַן צוקונפטיקער פרוי. זי איז דאָרט געווען אַ קראַנקן־שוועסטער. זיך פאַרליבט אין איר, האָט ער געביטן דעם גאַנג פון זײַן לעבן. זי האָט אויף אים געווירקט ער זאָל אָנהייבן שרײַבן. זיי האָבן חתונה געהאַט און ער איז אַוועק אויפן גלײַכן וועג.

(אין ייִדישן טעאַטער ווערט אַפילו געשפּילט אַ פּיעסע אויף זײַן נאָמען „אורקע נאַכאַלניק״, אָבער דאָס איז נישט פון אים געשריבן. דאָס האָט ראָזע שושנה געהאַט אָנגעשריבן ספּעציעל פאַר מאָריס ליאַמפּען די כאַראַקטער־ראָלע).

באַקאַנט האָבן מיר זיך מיט אים ווען ער איז געקומען צו אונדז הינטער די קוליסן אין „סקאַלאַ״־טעאַטער: „איך בין געקומען זיך באַקענען מיט אײַך, ווײַל איר געפעלט מיר. מײַן נאָמען איז אורקע נאַכאַלניק״. — מיט די ווערטער איז ער אַרײַן און זיך פאַרגעשטעלט. זײַן אוממיטלדיקייט און זײַן שמייכל זענען מיר גלײַך געפעלן געוואָרן. ער האָט אונדז אָנגעהויבן באַזוכן כּמעט יעדע וואָך. געוווינט האָט ער אויסער דער שטאָט, אין אָטוואָצק. אַלס פאַרשוין האָט ער אונדז שטאַרק אינטריגירט. געווען איז ער פון דער שטאָט לאָמזשע און די לאָמזשער האָבן קיין לאָמעד נישט געקענט אויסרעדן. עס איז געווען אַ ווערטל „וואָמזשע האָט וויב קוואָפּס״ (לאָמזשע האָט ליב קלאָפּס) און אָנשטאָט ליליאַן פלעגט ער זאָגן וויוויאַן. זײַנע אײַנפאַלן זענען געווען אַזוי אינטערעסאַנט און אַזוי קאָמיש און מיר האָבן זיך מיט אים שטאַרק אַמוזירט.

שפּאַצירנדיק אַ מאָל לעבן „סקאַלאַ״־טעאַטער, וווּ מען פלעגט פאַרקויפן פרוכט אויף די וועגעלעך, האָט ער ליליאַן אויסגעלערנט ווי זיך צו היטן פאַר די גנבישע סוחרים, ווײַל זיי „קלאַפּן־אָפּ״ בײַם דערלאַנגען רעשט. דאָס הייסט אַז אַ העלפט פון דער רעשט קען בלײַבן בײַ זיי אין דער האַנט... ווער וואָלט פון דעם אַפילו געוווּסט? בײַ אַ געוויסן באַזוך אין אונדזער האָטעל, ווען ער איז שוין געשטאַנען

ביי דער טיר אַוועקצוגיין האָט ער לילין דערלאַנגט איר גאַנצע צירונג, וועלכע זי האָט געהאַט באַהאַלטן. דערביי האָט ער איר געוואָרנט: „דו זעסט ווי נאַכלעסיק דו ביסט. נישט אַזוי באַהאַלט מען צירונג. יעדער איינער קען דיך באַגנבענען". דאָס אַלץ האָט אונדז שטאַרק אינטריגירט.

אונדזער פריינדשאַפט איז געווען זייער אַ האַרציקע. זיי האָבן אונדז אָפט פאַרבעטן צו זיך קיין אָטוואָצק און זיי פלעגן פאַר אונדז צוגרייטן די אמתע באַנקעטן. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ זונעלע „אַזוינס און אַזעלכס". ער איז אַלט געווען אַ יאָר 6 און געווען אַ שטיפער פונקט ווי דער טאַטע. איך פלעג אים מיט ליבשאַפט אָנרופן „דער קליינער נאַכאַלניק". אין אַ געוויסן שבת האָבן מיר באַדאַרפט קומען צו זיי עסן פיש. די פרוי פאַרבעראַוויטש האָט געקויפט אַ שיינעם גרויסן קאַרפּ און אים געלאָזט שווימען אין דער וואַנע. צו מאָרגנס, אַז זי איז געגאַנגען נאָכן קאַרפּ, איז די וואַנע געווען ליידיק. מען האָט געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב — נישטאָ קיין קאַרפּ. איז אורקען איינגעפאַלן פרעגן דאָס קינד: „דו האָסט אפשר געזען ווו דער פיש איז אַהינגעקומען?" — „אַוודאי! — האָט דער קליינער אים געענטפערט — איך האָב רחמנות געהאַט אויף אים, האָב איך אים צוריקגע־שיקט אין ים. איך האָב אים אַריינגעלאָזט אין קלאָזעט און נאָכגעלאָזט דאָס וואַסער!"

דערציילנדיק מיר די געשיכטע האָט אורקע געלאַכט: „ווי געפעלט דיר, פסחקע, ער האָט דעם קוריסל אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי".

טאַקע דעם זעלבן שבת האָב איך ביי אים אין שטוב געטראָפן דעם שרייבער פרעגער און מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט פאָטאָגראַפירן, ווען מיר זענען נאָך מיטאָג אַרויס אויף אַ שפּאַציר מיט אורקען, צו באַזוכן דעם באַרימטן משוגעים־הויז אין אָטוואָצק.

איך האָב די פאָטאָגראַפיע געהאַט מיט זיך אין תּל־אביב און עס געוויזן פרעגערס ברודער, דעם שרייבער ירחמיאל ווײַנגאַרטן, וועלכער האָט זיך דערמיט זייער דערפרייט.

יענעם פרילינג האָב איך אָפּגעקויפט ביי אורקע נאַכאַלניקן די אויסשליסלעכע רעכט אויף זיינע דריי בעסטע פּיעסעס. מיר האָבן זיך אַלע פאָטאָגראַפירט ביים שרייבן דעם קאָנטראַקט און דאָס בילד איז ביי מיר פאַרבליבן ווי אַן אוצר. ליידער האָב איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט געשטעלט קיין איינע פון די דריי פּיעסעס. זיי פאַרמאָגן אַלע אַ זייער גרויסן פערסאָנאַל און פאַסן זיך גיכער צו אַ פילם ווי צום טעאַטער. (נו, די דריי פּיעסעס פון אורקע נאַכאַלניק וועלן שוין בלייבן אַ ירושה פאַר מיין זון מייקן).

אומגעקומען איז אורקע ווי אַ העלד. ביים אָנקומען פון די נאַציס האָט ער אָרגאַניזירט אַלע זיינע שכנים און מען האָט באַגראָבן לעבן זיין הויז אַ סך געווער. זיין דינסט איז געווען פון דייטשער אָפּשטאַמונג. זי האָט אַלץ געזען און געמסרט.

ווען די נאַציס האָבן אויפגעגראָבן דאָס געווער, איז זיין טויט געקומען שנעל. מען האָט אים געצוווּנגען אויסגראָבן זיין אייגענעם קבר און אים דערשאָסן אויפן אָרט. אורקע האָט אַלע מאָל געהאַט געזאָגט אין אַ וויץ, אַז ער איז געוואָרן אַ „לייטישער", כּדי ער זאָל קאָנען שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט...

אומפאַרגעסלעך איז מיר פאַרבליבן אין זכרון דער לעצטער נייאָר־אָוונט אין וואַרשע — דעם 31סטן דעצעמבער 1938. נאָך אונדזער פאָרשטעלונג האָט אונדז אָפּגעוואַרט אונדזער חבר מענדזישעווסקי (וווינט היינט אין פּרדס־חנה) מיט אַ גאַנצער גרופּע חברים. מיר האָבן יענעם אָוונט באַזוכט כּמעט אַלע נאַכט־לאָקאַלן אין דער שטאָט, אָנהייבנדיק מיט „אַדריאַ", ווו אונדזערע גוטע פריינד גאָלד און פּעטערסבורסקי האָבן געשפּילט מיט זייער באַרימטן אָרקעסטער, ביז אין „עף־עף־קלוב" פון די ברידער פּראַנט (פירן אָן ביז היינט מיט אַ נאַכטלאָקאַל — „דולפין" — אין תּל־אביב) און ענדלעך פאַר טאָג אַריינגעוואַנדערט צו מיין אַלטן דירעקטאָר דוד צעלמייסטער אין זיין שפּאָגל נייעם לאָקאַל, וועלכן ער האָט טאַקע יענעם אָוונט געעפנט. פּלוצעם איז דאָרט אויסגעוואַקסן שימחה נתן, און מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט פאָטאָגראַפירן צוזאַמען, נישט קלערנדיק אַפילו, אַז דאָס בילד וועט פאַרבלייבן ווי אַ זכר פון אַ ייִדישן לעבן אין וואַרשע, וואָס איז אויף אַ שוידערלעכן אופן פאַרשניטן געוואָרן.

אַזוי ווי אַלע גוטע זאַכן מוזן קומען צו אַ סוף, האָט זיך אויך געענדיקט אונדזער טעאַטער־סעזאָן אין וואַרשע. עס איז שוין געווען נאָך פּסח (דעם לעצטן סדר האָבן מיר געהאַט געפּראַוועט ביי דער מומע לאה) און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו פאָרן אויף דער פּראָווינץ. די ערשטע שטאָט איז געווען ביאַליסטאָק. פון דאָרט זענען מיר געפאָרן קיין ווילנע. ווידער געגעסן ביי וועלוועלען אין רעסטאָראַן זיין געשמאַקן הערינג, ווידער געזעסן ביי דעם לאַנגן טיש און דורכגעלעבט אַ „קליינע מלחמה".

עס איז געווען אַזוי: נאָך אַ פאָרשטעלונג זענען מיר געזעסן, אונדזער טרופּע, ביים לאַנגן טיש. מיר האָבן געגעסן אָוונטברויט. מיר זענען אָבער נישט געווען אַליין ביי דעם טיש. נעבן אונדז זענען געזעסן פאַרלעך, פרויען מיט מענער, וואָס זענען, ווייזט אויס, ערשט געקומען פון אונדזער פאָרשטעלונג. די מענער זענען געווען, ווי מען זאָגט עס, פון די „ווילע יאַטן"... און האָבן שוין געהאַט אויסגע־טרונקען אַ היפּש ביסל בראָנפן. כּדי אונדז באַווייזן אַז זיי זענען שטאַרקע האָבן זיי געזוכט אונדז צו פּראָוואָצירן. ווען איינע פון זייערע פרויען האָט זיך גענומען חנדלען צו מיר, האָט איר מאַן זי אָנגעקוקט בייז און האָט אַ געשריי געטאָן צו מיין אַקטיאָר באָמבע גורוויטש:

— העי באַמבע, טרינק אַ שנאַפּס אויף אונדזער חשבון. איך וועל באַצאָלן פאַר אַ הונגעריקן אַקטיאָר, אַ קאָמעדיאַנטשטשיק.

אַלע זענען מיר פאַרבליבן שטיל. הערש האַרט איז פּונקט געזעסן נעבן מיר און מיך שטילערהייט געהעצט: „מען טאָר דעם בחור נישט פאַרשווייַגן". דערבײַ מוז איך באַמערקן, אַז הערש האַרט פלעגט בײַ זיך אַרומטראָגן אין קעשענע אַ רעוואָלווער, מחמת ער איז געווען אַ וועטעראַן פון פּילסודקיס אַרמיי. צוליב דעם האָט ער אַפילו פאַרמאָגט אַ קאָנצעסיע אויף צו שפּילן טעאַטער און מיר האָבן די קאָנצעסיע בײַ אים געדונגען. אַזוי ווי יענער האָט מיך שוין געהאָט פּראָוואָצירט, און האָבנדיק אים בײַ מײַן זײַט, דעם שטאַרקן, מיטן רעוואָלווער — האָב איך באַקומען מוט. יענע מיאוסע ווערטער פון דעם שיכּור האָבן מיך שרעקלעך אויפגערעגט. ווען זײַן פרוי האָט אַ פאַרשעמטע אים געפּרווט אײַנשטילן האָט ער באַקומען נאָך מער לשון און זיך אויסגעדריקט אויף זייער אַ מיאוסן אופן וועגן מיר פערזענלעך.

דאָ האָט זיך שוין אין מיר אָנגעצונדן דער כּעס. קיין גאָר גרויסער שלעגער בין איך קיין מאָל נישט געווען, אָבער אַז מען דאַרף, קאָנט איר זיך אויף מיר פאַרלאָזן. אַזוי ווי דער שיכּור איז געזעסן פּונקט בײַ מײַן רעכטער זײַט, האָב איך זיך פלינק אויסגעדרייט צו אים, אים אָנגעכאַפּט בײַ די קלאַפּעס פון מאַרי־נאַרקע און אים אויפגעהויבן פון זײַן בענקל. מיט מײַן לינקער פויסט האָב איך אים דערלאַנגט אַ לײַכטן זעץ אין זײַן גאָמבע און דערבײַ געזאָגט:

— דו פּאַסקודנער שיכּור וואָס דו ביסט. דרך־ארץ, ווען דו רעדסט וועגן אַן אַקטיאָר. — און אים צוריק אַוועקגעזעצט אויף זײַן בענקל.

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? אין איין סעקונדע איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה. ער האָט זיך געוואָרפן אויף מיר און זײַנע חברים אויף מײַנע אַקטיאָרן. מען האָט דאָרט דערלאַנגט קלעפּ איינער דעם צווייטן, אַז עס איז געגאַנגען אַ רויך.

איך האָב גענומען זוכן מײַן הערש האַרטן, אָבער אַ נעכטיקער טאָג. ער איז מיר נעלם געוואָרן. ער האָט דער ערשטער געשטעלט פּיס און איז אַנטלאָפן פון רעסטאָראַן.

דער אָרעמער וועלווקע נעבעך, דער בעל־הבית, איז געלאָפן אַהין און צוריק, פון איין צד צום צווייטן. לאַלאַ יאַקובאָוויטש איז געווען אַ כוואַטסקע יידענע. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל מיט אַ בענקל אין דער האַנט און ווער עס איז איר פאַרבײַגעגאַנגען, האָט זי דערלאַנגט מיטן בענקל איבערן קאָפּ (פּונקט ווי אין די פילמען וועגן דעם ווילדן מערב מיט 100 יאָר צוריק).

איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן טיש און איך האָב געשלאָגן פון אַלע זײַטן ווער ס'איז צו מיר נאָר געקומען. איך האָב דערלאַנגט מיט די פּיס, מיט די הענט און אַלע פרויען האָבן געקוויטשעט. פּלוצעם האָט מײַן לילי דערזען ווי עס פליט אַ שווערע גלעזערנע כּלי גלײַך מיר אין קאָפּ אַרײַן. זי האָט אָבער שוין נישט באַוויזן צו זען ווי איך בייג זיך אײַן און די כּלי איז אַרײַן אין דער וואַנט, ווו

זי האָט די וואָנט דורכגעלעכערט, ווײַל לילי האָט שוין געהאַט אָוועקגעחלשט און וועלווקע האָט זי אַרײַנגעפירט צו זיך אין אָפיס.

הכלל, די מלחמה האָט זיך געענדיקט ווען אַלע האָבן שוין פאַרלוירן די כּוחות. קיינער האָט נישט געוואָגט צו רופן פּאָליציי.

צו מאָרגנס האָבן יענע חברה געשיקט צו מיר אַ דעלעגאַציע (טאַקע דורך וועלווקען): איך געפעל זיי, איך בין אַ יאַט פון די יאַטן און זיי וועלן שטעלן שנאַפּס כּדי זיך איבערצובעטן. דעם זעלבן אָוונט האָבן זיי געפּראַוועט בײַ וועלווקען אַ באַנקעט פאַר דער גאַנצער טרופּע. דער אָרעמער וועלווקע איז נעבעך אַרומגעגאַנגען מיט אַ געשוואָלענעם קאָפּ, פול מיט בײַלן און לאָלאַ יאַקובאָוויטש האָט מיר אײַנגערוימט אַ סוד, אַז דאָס איז געווען פון איר בענקל.

דעם זומער פון 1939 האָבן מיר געשפּילט אין קראָקע און פאַרבליבן זענען פון יענעם זומער אַ סך זכרונות. געוווינט האָבן מיר אין האָטעל „ראָיאַל" אַנטקעגן דעם וואַוועל. בײַ דעם וואַוועל האָט זיך געפונען אַ פֿײַנע פּליאַזשע און מיר פלעגן יעדן טאָג דאָרט פאַרברענגען מיט חברים אַקטיאָרן און פּריוואַטע פרײַנד. מען פלעגט דאָרט שווימען, זיך באָקן אויף דער זון און אַפילו געגעסן דאָרט אָונטערבּרויט ביז עס פלעגט קומען די צײַט צו גיין אין טעאַטער אַרײַן.

געשפּילט האָבן מיר אין אַ גאָרטן, ס׳הייסט אַ זומער־טעאַטער, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ הויף. דער טעאַטער האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרמאָגט אַ דאַך, אָבער אין דער מיט צווישן די בענקלעך איז געוואַקסן אַ גרויסער בוים און ספּעציעל פאַר דעם בוים איז געווען אויסגעשניטן אַ לאָך אינעם דאַך. מיר זענען יענעם זומער נישט געווען די איינציקע טרופּע אין קראָקע. אין דער זעלבער צייט האָט אין אַ צווייטן טעאַטער, אויף דער יאַגעלאָנסקי־גאַס, אויך געשפּילט מײַן ליבער חבר זיגמונט טורקאָוו. ער האָט אַהין געהאַט געבראַכט אַ גרויסע טרופּע פאַר זײַן אויפפירונג פון גאָלדפאַדענס „שולמית". עס איז געווען אַ פּרעכטיקע אויפפירונג. פאַרשטייט זיך, אַז ביידע טרופּעס פלעגן זיך טרעפן בײַם וואַוועל און פאַרברענגען צוזאַמען גאַנצע טעג. אויך מאַטקע זאַק און די שׂימחה נתן־משפּחה האָבן זיך דאָרט געפונען.

זיגמונט, מײַן חבר נאָך פון די אַלטע צײַטן אין וואַרשע, האָט דאַן ערשט חתונה געהאַט מיט אַ יונגער טענצערין פון זײַן טרופּע. רוזשאַ האָט זי געהייסן און איז געווען כּמעט אין די זעלבע יאָרן ווי מײַן לילי. ביידע מיידלעך זענען תּיכּף געוואָרן די בעסטע חברטעס. ווי אַזוי זיי האָבן זיך ביידע צונויפגערעדט איז געווען פאַר אונדז אַ מיסטעריע, ווײַל רוזשאַ האָט נאָך דאַן קיין יידיש נישט געקענט, בלויז פּויליש, און מײַן ווײַבעלע האָט גערעדט בלויז ענגליש און יידיש. איר גאַנצע קענטעניש פון פּוילישן לשון איז באַשטאַנען פון 10 ווערטער. דאָך האָבן זיי געפונען צווישן זיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך און זענען יענעם זומער געוואָרן צוגעקלעפּט איינע צו דער צווייטער. עס איז דאַן אין פּוילן געווען שטאַרק

פּאָפּולער דאָס ליד „ליסט״. האָט רוזשאַ אויסגעלערנט לילין דאָס זינגען אויף פּויליש.

די פֿאַרזיגלונג פֿון יענער פֿרײַנדשאַפֿט עקסיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג. זיי האָבן זיך באַגעגנט דורך די אַלע יאָרן אין פֿאַרשידענע לענדער איבער דער וועלט, ווו ייִדיש־טעאַטער ווערט נאָך געשפּילט. אין 1947 איז רוזשאַ געווען בײַ אונדז צו גאַסט אין ניו־יאָרק. (זי איז געקומען פֿון בראַזיל מיט דער מיסיע צו פֿאָרן קיין וואַשינגטאָן פּרוּוון עפּעס אויסאַרבעטן פֿאַר זיגמונטס טאָכטער רוטאַ, וועלכע איז דאַן אַרעסטירט געוואָרן אין רוסלאַנד מיט איר מאַן אַדי ראַזנער).

יענעם יאָר האָט רוזשאַ זיך באַקענט מיט אונדזער זיסעלע און מאַטעלע, וועלכע זענען דאַן אַלט געווען צוויי יאָר. זי פֿאַרגעסט קיין מאָל נישט ווי די קינדער האָבן איר געזאָגט: „רוזשאַ, זעץ זיך אַוועק״ און זיי האָבן פֿאַר איר דורכגעפֿירט אַ פֿאַרשטעלונג. מאַטעלע האָט צוגעשטופּט אַ גרויסן טשעמאָדאַן צו דער וואַנט און האָט געמאָלדן, אַז „דאָס איז די בינע״. ער האָט זיך מיט זיסעלען אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טשעמאָדאַן און ביידע האָבן זיי געזונגען און געטאַנצט פֿון אונדזערע דועטן. מאַטעלע אין טאַטנס צילינדער אויפֿן קאָפּ האָט „געסטעפּט״ און געפּײַפֿט אויף אַ קינדערשן קלאַרנעט. נאָר וועגן דעם שפּעטער. ס׳וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרײַבן זייער פֿיל וועגן די טורקאָווס, איבער הויפּט וועגן זיגמונטן.

(שרײַבנדיק די שורות, אין דער שטאָט בוענאָס־אײַרעס, ווו איך געפֿין זיך אַקוראַט מיט מײַן פֿרוי אויף גאַסטשפּילן, האָט מיר זײַן ברודער מאַרק טורקאָוו געוויזן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס ער האָט ערשט באַקומען פֿון רוזשאַן, אַ בילד פֿון דעם שילד אויף דער נײַער גאַס אין ישׂראל, וואָס מען האָט ערשט אַ נאָמען געגעבן נאָך זיגמונטן. עס הייסט טאַקע די „זיגמונט טורקאָוו־גאַס״. אַלע האָבן מיר פֿאַרגאָסן אַ טרער און דערמאָנט מיט כּבֿוד דעם גאָט־געבענטשטן קינסטלער זיגמונט טורקאָוו).

דעם זעלביקן זומער האָבן מיר זיך זייער נאָענט באַפֿרײַנדט אין קראָקע מיט מרדכי געבירטיג און זײַן פֿרוי. מיר האָבן פֿאַרבראַכט בײַ זיי אין שטוב און זיך באַקענט מיט זייערע דרײַ טעכטער.

מרדכי געבירטיג איז געוואָרן אַן אָפֿטער גאַסט בײַ אונדז אין טעאַטער און ווען איך פֿלעג אים פֿאַרשטעלן פֿון דער בינע פֿלעגט ער פֿון גרויס עמאָציע זיך צעוויינען. איך געדענק, ער האָט ליב געהאַט צו זיצן בײַ דעם „בוים״. איך האַלט דאָס פֿאַר אַ גרויסן כּבֿוד צו האָבן געקענט בײַ זײַן לעבן די אײדעלע נשמה, דעם געניאַלן טאַלאַנט מרדכי געבירטיג. בײַם געזעגענען זיך האָב איך אים מיט זײַן פֿרוי באַוויזן צו פֿאָטאָגראַפֿירן אויף זייער באַלקאָן. ער איז געשטאַנען אין אַ פּידזשאַמע (אָט דאָס בילד האָב איך אַפֿילו געלאָזן מיט יאָרן שפּעטער פֿאַר־

גרעסערן און אויסשטעלן אין דעם „צוותא״־קלוב אין תל־אביב, ווען איך האָב צוזאַמען מיט מײַן פרוי און מיט מײַן זון מײַק געגעבן אַן אָוונט פון מרדכי געבירטיג־לידער). חוץ די בילדער איז מיר פאַרבליבן אַ קאָפּיע פון זײַן בוך לידער, געווידמעט אונדז מיט ליבע ווערטער.

נאָך אַ טײַערן פרײַנד האָב איך פון קראָקע נישט פאַרגעסן. דאָס איז דער שרײַבער און מאָלער בער האָראָוויטש. פון אים זענען אונדז פאַרבליבן קאַריקאַטורן, וועלכע ער האָט פון מיר מיט לילין געמאָלן, נוצנדיק מײַן אַלטע, גאָר גרויסע וואָטערמאַן־פעדער, וועלכע איך האָב אים דאַן געשאָנקען.

דעם גאַנצן זומער פון 1939 האָבן מיר געהאַלטן אין איין באַקומען בריוו פון אונדזער משפחה אין ניו־יאָרק, אַז מיר זאָלן וואָס גיכער אַהיימקומען. די מלחמה האָט שוין געבושעוועט אין דער לופטן. מען האָט עס שוין געקענט כמעט „דערשמעקן״. די גאַנצע משפחה, ליליס פאָטער, איר זיידע, מײַנע ברידער, אַלע האָבן געפּאָדערט אין זייערע בריוו: „קומט אַהיים!״ אין אַלע קאַפעהײַזער און אין די פּאַרקן האָט מען געזען פליטים פון טשעכיע און פון אַנדערע לענדער.

זיך צוקוקנדיק וואָס עס קומט פאָר אַרום אונדז האָט מיך לילי נישט געלאָזט צו רו:

— וואָס דאַרפסטו אַרומטראָגן מיט זיך אַזוי פיל געלט — האָט זי מיך געבעטן — קויף בעסער שוין אונדזערע שיפסקאַרטעס און לאָמיר זיי האָבן צוגעגרייט!

— נאַרעלע — האָב איך געפּרוּווט זי טרייסטן — אין פאַל פון אַ מלחמה זענען מיר דאָך אַמעריקאַנער בירגערס. מיר האָבן דאָך אַן אַמבאַסאַדע.

— אַוודאי — האָט זי צוריקגעטענהט — אַז מען וועט וואַרפן באָמבעס וועט מען דיך פרעגן וואָס פאַר אַ פּאַספּאָרט דו האָסט און די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע וועט מען „נעבעך״ נישט וואַגן צו רירן.

מזלדיקערהייט האָב איך איר געפאָלגט און וויפל אַמעריקאַנער, טאָקע מיט זייערע גוטע פּאַספּאָרטן, האָבן נישט געקאָנט אַרויס מער פון פוילן און זענען צוזאַמען מיט זייערע פּאַספּאָרטן אַרײַן אין די גאַזקאַמערן — האָב איך זיך שוין שפּעטער דערוווּסט.

די לעצטע שטאָט פון אונדזער טורנע איז געווען נאָווע־ראַדאָמסק. פון נאָווע־ראַדאָמסק זענען מיר אַרײַנגעפאָרן קיין לאָדזש, ווו אונדזערע קאָסטנס מיט קליידער זענען געשטאַנען בײַ די מילשטיינס. זיך געטראָפן מיט אַלע גוטע פרײַנד, האָבן זיי אונדז געבעטן מיר זאָלן נישט אָוועקפאָרן און נישט צעברעכן אַזאַ גוט געשעפט. עמיל פרידעס האָט זייער נישט געוואָלט מיר זאָלן אָוועקפאָרן,

ווײַל מיר האָבן שוין געהאַט אַ נײַעם קאָנטראַקט פון „סקאַלאַ"־טעאַטער אין וואַרשע, אָנצוהויבן דעם נײַעם סעזאָן נאָך די ימים־טובים.

אַלע האָבן געפּרוּווט לילין איבעררעדן, אַז אַפילו אין פאַל פון מלחמה וועט אין לאַדזש זײַן אַ „פּראָספּעריטי" פּונקט ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיך האָבן זיי שיִער נישט איבערגערעדט, אָבער מײַן קליינע לילי האָט אַלעמען געטריבן פון זיך.

אין וואַרשע האָט אויף לילין געוואַרט אַ בריוו פון איר אַמעריקאַנער חברטע, וועלכע איז געווען די סעקרעטאַרשע פון זלמן רייזען אין ווילנער ייִוואָ. אינעם בריוו האָט זי געשריבן, אַז עס גייט אַרום אַ קלאַנג, אַז דער אַמעריקאַנער קאָנסול האָט צוגעגרייט אַ בריוו אַרויסצושיקן צו אַלע אַמעריקאַנער בירגערס זיי זאָלן שנעל פאַרלאָזן פּוילן.

פּונקט דאַן איז דער ענגלישער פּרעמיער לאָרד טשעמבערליין געווען אין פּוילן אויף אַ באַזוך. דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ נישט געגלייבט אַז עס וועט זײַן אַ מלחמה.

לילי אָבער האָט מיך געשלעפּט צום קאָנסול און דער קאָנסול האָט מיך דערקענט. ווען איך האָב געשפּילט אין פילאַדעלפיע איז ער געווען אַ סטודענט אין אוניווערסיטעט, נישט ווײַט פון דעם ייִדישן טעאַטער, און ער פלעגט קומען עסן יעדן טאָג אין דעם רעסטאָראַן אַנטקעגן איבער, ווו מיר, די ייִדישע שוישפּי־לערס, פלעגן אַרײַנקומען. דאָרט האָט ער זיך באַפרײַנדט מיט היימי דזשייקאָבסאָן און מיט אים אַרײַנגעקומען אָפט אין טעאַטער, כאָטש ער האָט קיין ייִדיש נישט פאַרשטאַנען. איך האָב דאַן געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויף אים מיט מײַן פּײַפן און איך בין אים פאַרבליבן אין זכרון. מיסטער ווילסאָן האָט ער געהייסן.

ער האָט זיך מיט אונדז זייער דערפרייט און מיך באַהאַנדלט נישט סתּם ווי יעדן בירגער, וואָס קומט צו אים אַרײַן, נאָר טאַקע ווי אַ פרײַנד און ער האָט אונדז געהאָלפן באַשליסן וואָס צו טאָן.

ער האָט אונדז געראָטן: „פאָרט דערווײַל אַהיים, זעט זיך מיט אײַער משפּחה, קויפט אײַך אַ נײַעם גאַרדעראָב, און אויב עס וועט דאָ גאָרנישט געשען וועט איר קאָנען צוריקקומען צום סעזאָן. וועט יאָ אויסברעכן אַ מלחמה, וועט איר דאָך זײַן חכמים וואָס איר זענט אַוועק. אָבער טאָמער בלײַבט איר און עס ברעכט אויס אַ מלחמה און איר ווערט פאַרכאַפּט? וועט איר דאָך שוין זײַן נאַראָנים. מײַן עצה איז: פאָרט דערווײַל אַהיים. פון דאָרט וועט איר קאָנען באַשליסן וואָס ווײַטער צו טאָן".

ווײַזט אויס, אַז די השגחה האָט אונדז געהיט פון אויבן, ווײַל מיר האָבן אים געפאָלגט.

גלײַך פון קאָנסולאַט בין איך אַוועק צו דער שיפס־געזעלשאַפט און שוין באַקומען אַ ברוך־הבא, אַז אַלע ערטער אויף דער שיף „פּילסודסקי", וועלכע פאָרט אָפּ סוף וואָך, זענען שוין אין גאַנצן אויספאַרקויפט. אַזוי ווי איך האָב שוין

געהאַט די שיפסקאַרטעס האָב איך בלויז באַדאַרפט רעזערווירן אַ קאַבינע. האָט מען מיר געגעבן אַן עצה, אַז מיר זאָלן גלײַך פאָרן צו דער שיף און אפשר וועלן מיר האָבן מזל און קאָנען באַקומען אַ פּלאַץ.

דאָ האָב איך זיך שוין גענומען שרעקן און באַקומען נערוון. עמיל פרידעס האָט אַקצעפּטירט אונדזער אַוועקפאָרן. ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט. הלוואי וואָלט ער געקענט מיט אונדז מיטפאָרן. פאַרלירנדיק אים, האָב איך פאַרלוירן מײַן רעכטע האַנט.

מיר האָבן אַלע געהאָפט, אַז עס וועט זיך אַלץ אויסלאָזן צום גוטן און מיר וועלן קענען צוריקקומען צום סעזאָן. דערווײַל האָט ער אַוועקגעשטעלט אַלע אונדזערע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען בײַ מילשטיינען. טאַקע צוליב די זאַכן האָט פרידעס שפּעטער נישט געוואָלט פאַרלאָזן לאָדזש. ער איז פאַרבליבן דאָרט אין לאָדזשער געטאָ און מער האָבן מיר פון אים נישט געהערט.

בעת אונדזער אַוועקפאָרן פון וואַרשע האָבן אונדז אויפן ווינער וואָקזאַל באַגלייט אייניקע שוישפּילערס פון אונדזער טרופּע. צווישן זיי געדענק איך לאָלאַ יאַקובאָוויטש און טוביה ראָזענבערג, אויך די משפּחה פון מײַן פרוי, וועלכע האָט זיך געהאַט אָפּגעזוכט אין וואַרשע. איך געדענק ווי איינער פון די באַגלײ־טערס האָט אונדז געזאָגט די פאָלגנדיקע ווערטער: „קינדערלעך, אַז איר וועט בשלום אָנקומען קיין ניו־יאָרק וועט איר דאָרט לייענען אין די ,דעילי ניוז׳ (אַ ניו־יאָרקער צײַטונג) ווי אַזוי מען הרגעט און מען קוילעט אונדז דאָ אויס״. די אַרומיקע האָבן אים געראָטן נישט צו רעדן אַזוי פּעסימיסטיש, אָבער צום גרויסן באַדויערן זענען זײַנע ווערטער מקוים געוואָרן.

דעם 26סטן אויגוסט 1939 האָבן מיר מיט אַ שווערן געמיט פאַרלאָזן וואַרשע.

עמיל פרידעס האָט אונדז באַגלייט ביז צו דער פּאָרטשטאָט גדאַנסק (דאַנציג). די באַן איז אַדורכגעפאָרן דעם אַזוי גערופענעם „קאָרידאָר״. דאָרט האָבן מיר שוין געזען דײַטשע סאָלדאַטן. אין גדיניע האָט אונדז אָפּגעוואַרט אַ גרופּע פרײַנד פון לעמבערג, וועלכע זענען געווען אויף זומער־וווינונג אין צאָפּאָט. פרידעס האָט זיי טעלעפאָנירט, אַז מיר פאָרן אַוועק.

אין דער באַגלייטונג פון אונדזערע פרײַנד האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צו דער שיף „פּילסודסקי״. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער קליינער סטאַנציע פון דער שיפס־געזעלשאַפט „גדיניאַ־אַמעריקאַן־ליניע״, כּדי צו ווײַזן אונדזערע שיפסקאַרטעס און בעטן אַ קאַבינע. פּונקט אין דער מינוט האָט אונדז געטראָפן אַ גרויס גליק. דער הויפּט־אָפיציר פון דער שיף האָט מיך דערקענט, ווײַל אין 1935 האָב איך אויף דער שיף געגעבן אַ קאָנצערט. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט.

— פּאַניע בורשטיין! צאָ פּאַן טו ראָבי? (וואָס טוסטו דאָ?).

דערציי̆ל איך אים, אַז מײַן פרוי און איך מוזן אַהיימפאָרן קיין אַמעריקע, נאָר מיר האָבן נישט רעזערווירט צו דער צײַט קיין קאַבינע און אַצינד ווייסן מיר נישט וואָס צו טאָן.

— זאָרגט זיך נישט — האָט ער געלאַכט — פֿאַר אײַך װעלן מיר שוין געפֿינען פּלאַץ. איר גייט גלײַך אַרויף אויף דער שיף.

איך האָב געפֿירט מיט זיך געלט און געװוּסט אַז מען קאָן מיך בײַ דער אינספּעקציע אָפּשטעלן (װײַל מער װי 10 זלאָטעס האָט מען פֿון פּוילן נישט געטאָרט אַרויספֿירן). איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ פּלאַן און איך זאָג צו אים שטילערהייט, אַז איך פֿיר מיט זיך 15,000 זלאָטעס אין קעשענע, וואָס טו איך מיט דעם געלט?

ער האָט מיך אָװעקגענומען אָן אַ זײַט און מיר געזאָגט: — „גיב מיר דאָס געלט. איך װעל עס דיר אומקערן אויף דער שיף אין אַמעריקאַנער דאָלאַרן" — פּשוט, אַ גליק האָט מיך געטראָפֿן! איך גיב אים אַװעק דאָס פּעקל מיט זלאָטעס און לאָז איבער פֿאַר זיך מיט לילין בלויז צו 10 זלאָטעס.

הכּלל, מיט אַ שװער האַרץ געזעגענען מיר זיך מיט פֿרידעסן נישט װיסנדיק, אַז מיר װעלן זיך שוין מער נישט זען. ער איז אַװעק מיט די פֿרײַנד קיין צאָפּאָט און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער קאָנטראָל־בודקע. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז מען האָט אונדז נישט אונטערזוכט. אפֿשר האָבן זיי געהאַט אַ ביסל דרך־ארץ פֿאַר די אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן...

אויף דער שיף האָט אונדז דער הויפּט־אָפֿיציר שוין אָפּגעװאַרט און האָט שוין געהאַט פֿאַר אונדז צוגעגרייט אַ קאַבינע. (װי עס װײַזט אויס, מוז מען אין דער גאַנצער װעלט האָבן אַ שטיקל פּראָטעקציע)... װעגן דעם געלט האָט ער נישט דערמאָנט און איך האָב מורא געהאַט אים צו פֿרעגן...

אַװעק אַ טאָג, צװיי און גאָרנישט. ביז װאַנען ער איז אַליין צוגעקומען צו מיר מיט אַ געלעכטער: „װאָס איז, דו װילסט גאָרנישט דײַן געלט?" און דערלאַנגט מיר די 15 טויזנט זלאָטעס אין דאָלאַרן. איך האָב אים, פֿאַרשטייט זיך, שטאַרק געדאַנקט און צוגעזאָגט, אַז מיר װעלן אויף דער רײַזע אויך געבן אַ קאָנצערט פֿאַר די פּאַסאַזשירן.

אויף דער שיף זענען געװען אַ סך ייִדן, װעלכע האָבן אונדז געקענט פֿון טעאַטער. מענטשן װעלכע זענען דאַן געפֿאָרן זען די װעלט־אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק. אַנדערע זענען געפֿאָרן צו קרובים צו גאַסט (מיר האָבן טאַקע געטראָפֿן אַ שװעסטער פֿון אונדזערע באַקאַנטע און זי איז דאַן געבליבן שטעקן אין ניו־יאָרק איבערלאָזנדיק איר מאַן און קינדער אין ביאַליסטאָק). אויפֿן פֿינפֿטן טאָג נאָך אונדזער אַרויספֿאָרן איז פּוילן באָמבאַרדירט געװאָרן און אונדזער שיף האָט זיך פֿאַרמאַסקירט אין „בלעק אַוט", אַלע פֿענצטער פֿאַרדעקט מיט שװאַרצע קאָטאָרן, דער שׂונא זאָל אונדז בײַ נאַכט נישט באַמערקן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מענטשן זענען שוין געװאָרן היסטעריש און פֿאַרצװייפֿלט. איך שרײַב דאָ היסטאָריע, װײַל דאָס איז שוין געװען די לעצטע רײַזע פֿון דער שיף „פּילסודסקי". צוריקפֿאָרנדיק קיין פּוילן האָבן זי די נאַציס דערטרונקען

נישט ווײַט פון לאָנדאָן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט איז דער קאַפּיטאַן פאַרשלונגען געוואָרן צוזאַמען מיט דער שיף. ער האָט זיך נישט געלאָזט ראַטעווען.

אָנגעקומען זענען מיר קיין ניו־יאָרק אין אַ זונטיק אין דער פרי און געטראָפן אַ שרעקלעכן נעפּל. מען האָט נישט געקענט זען קיין צוויי מעטער פאַר זיך. דערפאַר טאַקע האָבן מיר נישט געקענט צופאָרן צום האַפן כּדי צו אַנקערן, ביז נאָך מיטאָג. אַזוי ווי מען האָט יענעם טאָג נישט געזאָלט מער עסן אויף דער שיף, געדענק איך, האָט מען די פּאַסאַזשירן סערווירט בלויז וווּרשטלעך אויף מיטאָג.

מען האָט אונדז דערציילט, אַז לעבן אונדז שטייט די ענגלישע שיף „קווין מערי" און די פראַנצייזישע „איל דע פראַנס", נאָר דער נעפּל איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מיר האָבן גאָרנישט געזען. דער פּאָרט איז געווען אָנגעפּאַקט מיט שיפן, מיט מענטשן, וועלכע זענען אַהיימגעלאָפן פון אייראָפּע, פון דער מלחמה, און דאָ — אַ נעפּל. עס האָט געדויערט אַ שיינע פּאָר שעה ביז דער נעפּל איז ענדלעך פאַרשוווּנדן.

בײַם אַראָפּגיין פון דער שיף מיט מזל האָט אונדז אָפּגעוואַרט מײַן נײַע משפּחה, ליליס טאַטע־מאַמע, איר שוועסטערל בעאַטריס, אַ מומע מיט קוזינען, אפשר 15 מענטשן.

אַזוי אַרום זענען מיר ניצול געוואָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און אַהיימגעקומען צו דער פרײַער, ליכטיקער מדינה. די מדינה וועלכע האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום אַנונג וואָס דאָס מיינט אַזוינס מלחמה.

ד

1. צוריק אין ניו־יאָרק
2. גראַטעוועט 1.500 מענטשן
3. „פּאַוולושאַ, דאָס ביסטו?״
4. אין שאָטן פון דער מלחמה
5. מאָטעלע און זיסעלע
6. לאָנדאָן 1949
7. פילאַדעלפיע — ניו־יאָרק — פילאַדעלפיע
8. אַ גאָלדענע תּקופה
9. דאָס וווּנדערקינד פון פּאַריז...
10. ישׂראל! ישׂראל!
11. דרום־אַפריקע און ווידער דרום־אַמעריקע
12. די 4 בורשטיינס אין ישׂראל
13. „די מגילה״ פון איציק מאַנגער
14. חשבון־הנפש

1. צוריק אין ניו־יאָרק

מיר זענען פֿאַרפֿאָרן צו ליליס עלטערן. אינטערעסאַנט, אַז דאָס מאָל האָט מיך גאָרנישט געאַרט צו וווינען צוזאַמען מיט די שוויגער־עלטערן... אַ פּנים, אַז ווען מען האָט ליב דאָס ווײַב איז די גאַנצע משפּחה דיר ליב.

אַזוי גיך ווי מען האָט זיך דערוווּסט אַז מיר זענען שוין צוריקגעקומען, האָט זיך מיט אונדז פֿאַרבונדן צבֿי רובינשטיין, דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג „דער טאָג". ער איז אויך געווען פֿאַרבונדן מיט ייִדישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען אויף דער סטאַנציע, וועלכע געהערט ביז צום הײַנטיקן טאָג צום „פֿאָרווערטס", (וו.ע.וו.ד.). צוזאַמען מיט זײַן זון שלום האָט ער געמאַכט שותּפֿות מיט דער דזשייקאָבס־אַגענץ, וועלכע מאַכט רעקלאַמע פֿאַר גרויסע פֿירמעס.

רובינשטיין האָט אונדז פֿאָרגעלייגט אַז מיר זאָלן מיט אים אַרבעטן אויף דער ראַדיאָ אין דרײַ פֿאַרשידענע פּראָגראַמען. די ערשטע „פּרויִען אין די נײַעס", אַ פּראָגראַם פֿאַר לילין אַליין, ווו זי זאָל איבערגעבן די נײַעס 6.45 אין דער פֿרי. די צווייטע — אַ פּראָגראַם צוזאַמען מיטן שוישפּילער־זינגער אירווינג דזשייקאָבסאָן, לילי אַלס קאָנפֿעראַנסיע, און איך זינג מיט אירווינגען. די דריטע פּראָגראַם איז געווען פֿאַר אונדזביידן אַליין, פֿאַר מיר מיט לילין. דער פֿאָרשלאָג איז אונדז געפֿעלן געוואָרן און מיר האָבן אָנגעהויבן פֿלײַסיק אַרבעטן אויף דער ראַדיאָ. מיר פֿלעגן יעדן טאָג זײַן באַשעפֿטיקט פֿון גאַנץ פֿרי ביז אַרום האַלב צען. דאַן פֿלעגט מען ערשט עסן פֿרישטיק און צוריקגיין שלאָפֿן, אַזוי אַז גאַנצע טעג, ווי אויך שבת און זונטיק זענען מיר אַרומגעגאַנגען פֿרײַ.

זיך צונויפרעדנדיק מיט מײַן חבר לואיס פריימאַן, דעם שרײַבער, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען קען באַקומען דעם ברייטאָן־טעאַטער אין ברוקלין, אין ברייטאָן־ביטש, בײַם ים. דאָס איז געווען אין סאַמע האַרץ פון אַ ייִדישער געגנט. מיר האָבן באַשלאָסן אים צו דינגען בשותפות און שפּילן בלויז פרײַטיק אין אָוונט, שבת בײַ טאָג און אין אָוונט און זונטיק בײַ טאָג און אין אָוונט. געעפנט האָבן מיר מיט דער פּיעסע „דער קאָמעדיאַנט" און גלײַך נאָך דעם געשטעלט „אַ חתונה אין שטעטל". מער ווי אַ וואָך, העכסטנס צוויי, האָט מען קיין פּיעסע נישט געשפּילט, אַזוי אַז מען האָט געהאַלטן אין איין מאַכן פּראָבעס.

פון יענער צײַט איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אַ פּיקאַנטע געשיכטע. ליליס טאַטע האָט געבראַכט זײַנע עלטערן זען אַ פאָרשטעלונג, זענען מיר אַלע אַוועק עסן צווישן די צוויי פאָרשטעלונגען. עס איז געווען אַרום זעקס אַ זייגער און זייער שיין און זוניק בײַם ים, האָט מײַן שווער זיי געהייסן גיין אַ ביסל שפּאַצירן אויף דעם „באָרד וואָק", שעפּן פרישע לופט, און אַליין איז ער אַוועק מיט אונדז עסן. די פאָרשטעלונג האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן 8.45 אין אָוונט און מענטשן פלעגן נישט קומען צו דער קאַסע ביז 7 אַ זייגער, נאָר דער זיידע פּיניע האָט דאָך דאָס נישט געוווּסט. נישט דערזעענדיק קיין מענטשן נעבן טעאַטער איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער עולם וועט נישט קומען, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער באָבען: „שיינדל, דו דריי זיך אַרום פון איין זײַט און איך פון דער צווייטער. זאָל מען כאַטש זען, אַז עס שטייען מענטשן פאַרן טעאַטער". און אַזוי האָבן זיי זיך בײדע אַרומגעדרייט און געמוטשעט אפשר אַ שעה צײַט. ווען דער זיידע האָט אַרום זיבן אַ זייגער דערזען מענטשן בײַ דער קאַסע קויפן בילעטן, האָט ער טיף אָפּגעאָטעמט: „אוי, אַצינד איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, קום שיינדל, איצט קענען מיר גיין שפּאַצירן צום ים".

עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט אין ייִדישע טעאַטערס אין דער גאַנצער וועלט, אַז עטלעכע וואָכן פאַר פּסח זענען די געשעפטן שוואַכע. מענטשן גרייטן זיך צום סדר. מען גיט אויס אַ סך געלט אויף נײַע מלבושים אאַז"וו. מיר זענען נישט געווען קיין אויסנאַם, האָבן מיר באַשלאָסן, מײַן שותף פריימאַן און איך, צו פאָדערן פון די אַרטיסטן פון אונדזער טרופּע, זיי זאָלן אײַנגיין אויף אַ רעדוקציע פון געהאַלט ביז איבער פּסח.

פאַרשטייט זיך, אַז פּונקט ווי אין אַלע טעאַטערס איז בײַ אונדז אויך געווען היינטערקוליסן־פּאָליטיק.

חברה האָט געענטפערט, אַז זיי מוזן זיך באַראַטן און אָפּהאַלטן אַ זיצונג. מײַן פרוי לילי, אַלס שוישפּילערין, האָט אויך בײַגעוווינט די זיצונג (אײגנטלעך בין איך דאָך געווען בעל־הבית און נישט זי).

אויף דער זיצונג האָבן אַלע געשטימט צו גיין מיט אונדז האַנט בײַ האַנט און אַקצעפּטירן די קירצונג. נאָך דער זיצונג האָט זיך מײַן לילי געוויצלט:

איך קען נישט באַשליסן צי זאָל איך אַקצעפּטירן אַ „שניט" פון מײַן אייגענעם מאַן. אַלע האָבן געלאַכט, זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זי זאָגט דאָס אין שפּאַס.

אַ יונגע אַקטריסע, וועלכע איז אַנגאַזשירט געוואָרן צו פּאַרטרעטן פרײמאַנס טאָכטער פלאָראַ, וועלכע האָט דאַן פּונקט חתונה געהאַט, האָט געזוכט נושא־חן זײַן אין פרײמאַנס אויגן. זי פלעגט אים צוטראָגן אַלע פּליאָטקעלעך און אַלץ וואָס איז גערעדט געוואָרן צווישן די אַקטיאָרן. אין אַ שיינעם טאָג האָט זי זיך אַרײַנגעקליבן צו לילין אין דער גאַרדעראָב זאָגנדיק אַז פרײמאַן וויל אַזוי, ווײַל זי איז אַ וויכטיקע אַקטריסע אין דער טרופּע אאַז"וו.

הכּלל, נאָך דעם ווי לילי האָט געשפּאַסט בעת דער אַקטיאָרן־זיצונג וועגן איר גאַזשע האָט פרײמאַנס שפּיאָנקע אים איבערגעגעבן אַ פּליאָטקע, אַז די איינציקע וואָס איז נישט געווען צופרידן איז געווען לילי. זי האָט געזאָגט, זי אַקצעפּטירט נישט, ווײַל פּסחקע איז איר מאַן.

פרײמאַן, וועמען איך האָב שטאַרק ליב געהאַט ווי אַ חבר, האָט געהאַט אַ גרויסן חסרון. מײַנע רייד זאָלן אים נישט זײַן צו שווער. ער האָט הנאה געהאַט פון „אָנצײַען" איין מענטשן קעגן אַ צווייטן און איך וועל נישט לייקענען, אַז צוליב אונדזער לאַנג־יאָריקער פרײַנדשאַפט בין איך געווען מער ווי אַ ביסל אונטער זײַן אײַנפלוס.

ער איז באַלד געקומען צו לויפן צו מיר מיט טענות, אַז מײַן ווײַב בונטעוועט די גאַנצע טרופּע, אַז קיינער זאָל נישט אַקצעפּטירן קיין „שניט".

פאַרשטייט זיך, אַז מיך האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן.

— איך וואָרן דיך, פּסחקע — האָט ער געשריִען — זי זאָל זיך מער נישט אַרײַנמישן אין געשעפט.

אַהיימפאָרנדיק אין דער סאָבווײ נאָך אונדזערע ראַדיאָ־פּראָגראַמען האָב איך זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן און לילין דערלאַנגט אַ גאָב:

— דו פאַרשעמסט מיך פאַר מײַן שותּף. דו רעדסט קעגן דעם געשעפט. דו האָסט געזאָגט אַזוי און אַזוי.

ווען לילי האָט דערהערט פון מיר אַזעלכע באַשולדיקונגען איז זי קודם־כּל פאַרבליבן אַ דערשטוינטע און באַלד איז איר כּעס אויף מיר געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב זיך פּשוט דערשראָקן פאַר איר.

אירע ערשטע ווערטער זענען געווען:

— דו פרעגסט מיך גאָרנישט צי דאָס איז אמת? דו ביסט גרייט צו גלייבן אויף מיר אַלץ וואָס מען וועט דיר אונטערטראָגן? און ווען פרײמאַנס שפּיאָנקע זאָגט דיר, אַז איך האָב דערהרגעט אַ מענטשן וועסטו אויך גלייבן? איך וויל זיך פאַר דיר גאָרנישט פאַרענטפערן...

— אָבער פרײמאַן שווערט זיך, אַז — האָב איך געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן — לילי האָט מיר נישט געלאָזט רעדן. צום ערשטן מאָל אין אונדזער פאַרהייראַט

לעבן האָבן מיר זיך אַזוי געקריגט און דערצו נאָך צווישן מענטשן אין סאָבווײ. זי האָט גענומען װײנען און איז געװאָרן היסטעריש.

— הער מיך אויס, פּסח. איך האָב שוין דײַן טײַערן פֿריימאַנען איבערן קאָפּ. צי פֿאַרשטייסטו דען נישט אַליין פֿאַר וואָס ער האָט אַרײַנגעזעצט אַ שפּיאָנקע אין מײַן גאַרדעראָב? כּדי איבערצודרייען יעדעס וואָרט וואָס איך זאָג. פֿריִער האָסטו אים שיִער נישט געפּאָלגט ווען ער האָט נישט געוואָלט מײַן נאָמען אַרויפֿשטעלן אויפֿן אַפֿיש גלײַך מיט דײַנעם. אים וואָלט נישט געאַרט ווען מיר צעשיידן זיך, כּדי ער זאָל ווידער מיט דיר קאָנען אַרומגיין פֿאַרברענגען ווי פֿריִער. ער איז דיר נישט קיין פֿרײַנד, פּסח. זאָלסט עס וויסן. ער איז נישט דאָס וואָס דו מיינסט. ער זוכט אונדז צו צעשיידן.

מײַן מענערישער שטאָלץ האָט נישט דערלויבט איר צו געבן גערעכט. די באַן איז צוגעקומען צו דער 14טער גאַס. זי האָט זיך האַסטיק אויפֿגעהויבן פֿון איר פּלאַץ און געזאָגט:

— פּסח, איך האָב גענוג. אַצינד וועסטו מוזן באַשליסן: אָדער איך אָדער פֿריימאַן! — און זי איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער באַן. איידער איך האָב באַוויזן איר נאָכצולויפֿן האָט זיך די טיר פֿאַרמאַכט און די באַן האָט זיך געלאָזט גיין ווײַטער.

מיר האָבן שוין דאַן געוווינט אין דעם „יוניאָן־סקווער״־האָטעל צוליב דער באַקוועמלעכקייט פֿון זײַן נאָענט צו דער ראַדיאָ־סטאַנציע. האָב איך קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט אָפּשטײַגן אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע „אַסטאָר פּלייס״. איך בין דערווײַל פֿאַרבײַגעגאַנגען די יוניאָן און זיך דערוווּסט, אַז די פּראָבע וועלכע האָט געזאָלט פֿאָרקומען מיט אונדז אין דעם „נעשאַנעל״־טעאַטער איז אָפּגעלייגט געוואָרן. „גאַנץ גוט וואָס איך האָב זיך דערוווּסט״, — האָב איך געקלערט, און זיך געלאָזט אַהיימגיין אין האָטעל. לילי מוז שוין זײַן אין דער היים, ווײַל נאָך דער ראַדיאָ פֿלעגן מיר מוזן צוריקגיין שלאָפֿן אויף אַ פּאָר שעה.

איך בין אַרויף אין אונדזער צימער — נישטאָ קיין לילי. איך וואַרט אַ שעה — נישט מען הערט און נישט מען זעט זי. אַהאַ, קלער איך, זי האָט געמוזט פֿאָרן צו אירע עלטערן. טעלעפֿאָניר איך צו מײַן שוויגער, אָבער זי ווייסט נישט פֿון וואָס צו זאָגן. זי האָט פֿון לילין נישט געהערט. האָב איך געבעטן, אַז ווען זי וועט אָנקומען זאָל זי מיר תּיכּף טעלעפֿאָנירן. פֿאַרשטייט זיך, אַז שלאָפֿן האָב איך שוין נישט געקאָנט. איך האָב איבערגעקלערט מײַן נאַרישע האַנדלונג. טאַקע, ווי אַזוי האָב איך געוואַגט זי צו באַשולדיקן איידער איך האָב זי געפֿרעגט כאָטש, צי עס איז אמת? ווי אַזוי האָב איך איר געקענט אַזוי ווײ טאָן? און פֿאַר וואָס בין איך געווען אַזאַ עקשן?

איך האָב ווידער טעלעפֿאָנירט צו דער שוויגער און באַקומען ווידער אַ נעגאַטיוון ענטפֿער. די שוויגער האָט שוין אָנגעהויבן צו זאָרגן. „וואָס איז געשען? ווו איז לילי?״ „עס איז גאָרנישט, האָב איך איר פֿאַרזיכערט, לילי איז מן־הסתּם געגאַנגען עפּעס קויפֿן...״

הכּלל, עס זענען אַוועק 4 שעה און לילי איז אַזוי ווי אין וואַסער אַרײַן. איך האָב שוין געוואָלט רופן די פּאָליציי. געהאַלטן אין איין טעלעפאָנירן צו דער מאַמען און פאַר ערגערניש האָב איך זיך צעוויינט פאַר איר:

— וואָס וויל זי פון מיר? איך טו אַלץ איר צופרידנצושטעלן. אַ מענטש מעג דאָך אַ מאָל מאַכן אַ פעלער אויך. ניין?

די מאַמע עצהט מיר: „לויף צו אין דעם קאַפע ‚ראַיאַל׳, אפשר זיצט זי דאָרט?" איך לויף שנעל אַהין, אָבער קיינער האָט לילין נישט געזען.

ווו זשע מיינט איר איז לילי געווען דעם גאַנצן טאָג? אין אַ סינעמאַ־טעאַטער

זיך אויסגעוויינט די אויגן. לעבן אונדז האָט זיך געפונען דער גרויסער סינעמאַ „אַקאַדעמיאַ אָוו מיוזיק". אַזוי ווי זי האָט נישט געקאָנט אויפהערן וויינען פאַר גרויס פאַרדרוס און זיך געשעמט צו גיין אויף דער גאַס, האָט זי באַצאָלט פאַר אַ בילעט און איז אַרײַן אין טעאַטער. דער פילם איז געלאָפן אָן אויפהער, איינס נאָכן צווייטן, זי האָט אַפילו נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ פילם עס גייט. 5 שעה איז זי געזעסן און געוויינט. זי האָט בײַ זיך באַשלאָסן, אַז זי מוז מיך אַרויסרײַסן פון איר האַרצן (אַזוי האָט זי מיר שפּעטער דערציילט). בעסער פריִער ווי שפּעטער. אויב איך האָב נישט אין איר קיין גלויבן און וועל זי נישט פאַרטיידיקן קעגן אירע שׂונאים, איז דאָס נישט קיין אמתע ליבע. בעסער מיר זאָלן זיך שוין צעשיידן. אַז זי האָט זיך שוין גוט אויסגעוויינט, האָט זי זיך דערמאָנט אין דער פּראָבע פון „נעשאַנעל"־טעאַטער און איז אַרײַן אין דאַמען־צימער פון טעאַטער און זיך דערשראָקן ווען זי האָט דערזען ווי געשוואָלן אירע אויגן און איר געזיכט זענען געווען. אפשר אַ שעה האָט זי זיך געשווענקט מיט קאַלטע וואַסער ביז דאָס געשווילעכץ איז אַוועק. דאַן האָט זי זיך געלאָזט גיין, פאַרבײַ דעם קאַפע „ראַיאַל", אויפן וועג צו דער פּראָבע.

פּונקט דאַן בין איך געשטאַנען בײַם טעלעפאָן און גערעדט מיט דער מאַמען, ווען עמעצער האָט אויסגעשריִען — „דײַן פרוי גייט!" איך לויף אַרויס אויף דער גאַס און דערפריי זיך מיט איר. — „גיי שנעלער צום טעלעפאָן. דײַן מאַמע זאָרגט וועגן דיר".

אַז זי האָט גענומען רעדן מיט דער מאַמען האָט די מאַמע איר דערציילט, נאַטירלעך, אַז איך קלינג צו איר דעם גאַנצן טאָג, אַז איך האָב געוויינט, אַז איך האָב חרטה, נאָר זי זאָל נישט אויסזאָגן אַז די מאַמע האָט איר דערציילט וועגן דעם.

איך האָב דערווײַל רעזערווירט פאַר אונדז אין „ראַיאַל" אַ טיש מיט כּיבוד. איך האָב איר אַרויסגערוקט דעם בענקל ווי אַן אמתער דזשענטלמען און איר געמאָלדן, אַז איך האָב שוין באַשטעלט פאַר איר אַ גוטן סטעק. „גוט, האַ?" — פרעג איך. לילי ענטפערט נישט קיין וואָרט. זי האָט זיך געזעצט צום טיש קוקנדיק אויף מיר ווי ראַבטשיק אויפן טאַטן. איך דערצייל איר, אַז די פּראָבע איז אָפּגעלייגט געוואָרן און נאָכן עסן וועלן מיר באַלד אַהיימגיין, ווײַל זי מוז

זיַין שרעקלעך מיד. פּאַרט נישט געשלאָפן ביַי טאָג. זי רעדט נישט קיין איין וואָרט. איך זע פאַר זיך אַ נײַע לילי.

אויפן וועג צום האָטעל האָט זי מיר געמאָלדן, אַז זי מוז באַהאַנדלען מיט מיר אַן ערנסטע פּראָבלעם. איך האָב שוין מורא געהאַט אַרויפצוגיין אין אונדזער צימער. אַזוי ווי מיר זענען אַריַין אין האָטעל האָט מיר מעני ערבער (דער זון פון אַ טעאַטער־משפחה), וועלכער איז געווען דער מענעדזשער ביַים דעסק, דער־לאַנגט אַ טעלעגראַם פון אויסלאַנד. די טעלעגראַם איז געווען פון ווילי גאָלדשטיין. ער בעט אונדז קומען אויף פסח קיין מאָנטעווידעאָ עפענען דעם סעזאָן. עס וועט זיַין דאָס ערשטע מאָל וואָס אַמעריקאַנער גאַסטראָליאָרן וועלן עפענען דעם סעזאָן אין מאָנטעווידעאָ אַנשטאָט אין בוענאָס־איַירעס. ער האָט געדונגען דעם דאָרטיקן „מיטרע״־טעאַטער מיט אַ גרויסער טרופּע און בעט מיר זאָלן שוין אַרויספאָרן.

זעט איר, אָט די טעלעגראַם האָט געראַטעוועט מיַין פאַמיליע־לעבן. לילי איז מסכּים געווען פאָרן צוריק קיין דרום־אַמעריקע אַבי מיך אַוועקצונעמען פון מיַין „חברל״ פריימאַן מיט די ניו־יאָרקער טעאַטער־פּאָליטיקערס. איך האָב איר אויך געמוזט שווערן, אַז פון היַינט אָן וועל איך זיך עצהן בלויז מיט איר, ווײַל נאָר זי איז מיַין געטריַיסטער חבר.

2. געראַטעוועט 1.500 מענטשן

די ריַיזע קיין דרום־אַמעריקע מיט דער נײַער שיף „אַרגענטינאַ״ איז געווען פאַר אונדז אַ צווייטער האָניק־חודש און האָט אויסגעהיילט אַלע וווּנדן. מיר האָבן איבערגעלאָזן אַלע טעאַטער־אינטריגעס הינטער זיך און מיט פריילעכע געמיטער און פרישע כּוחות זענען מיר אָנגעקומען קיין מאָנטעווידעאָ, ביידע „אויסגעבאַקן״ ברוין פון דער טראָפּישער זון.

אַלע אונדזערע גוטע פריַינד האָבן אונדז אָפּגעוואַרט ביַי דער שיף. אונדזער טרופּע איז באַשטאַנען פון צילי טעקס (פון דער ראַפּעל־משפחה), איר מאַן נתן קלינגער (זיי האָבן געפירט מיט זיך זייער יונג טעכטערל אסתּר רחל, אַ נאָמען נאָך אסתּר רחל קאַמינסקי), אַהרון אַלעקסאַנדראָוו, סאַשאַ ראָזענטאַל מיט זיַין פרוי קאַטיאַ פלאַוויאַנט (מיַינע פריַינד נאָך פון קאָוונע), לאַכמאַן מיט זיַין פרוי סאָניאַ און גאָלדשטיינס וויַיב קלאַראַ.

דער טעאַטער „מיטרע״ פון מאָנטעווידעאָ איז געשטאַנען ביַים ים (לעבן דער ראַמבלע). עס איז געווען אַ ריזיקער גרויסער זאַל, וואָס האָט געהאַט 1.500 פּלעצער און די ערשטע נאַכט, צו דער פּרעמיערע, האָבן מיר טאַקע אָנגעפּאַקט

דעם זאַל, און נאָך צוגעשטעלט בענקלעך. צו אונדזער „מזל" האָט אין מיטן דער פאָרשטעלונג אָנגעהויבן רעגענען. ביסלעכווײַז האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקער שטורעם. דער רעגן האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט אויף דעם בלעכענעם דאַך פון טעאַטער, אַז דאָס פּובליקום האָט נישט געקענט הערן וואָס די אַקטיאָרן רעדן אויף דער סצענע. אין דער ערשטער ריי איז געזעסן אַ יונגע שוואַנגערע פּרוי שוין אין די הויכע חדשים. דאָס געדענק איך זייער גוט. זי האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז איך האָב זיך דערלויבט אַראָפּצורעדן צו איר פון דער בינע: „אויב איר וועט אַזוי שטאַרק לאַכן קענט איר נאָך דאָ געבוירן דאָס קינד".

הכּלל, דער סוף איז געווען, אַז דער שטורעם האָט זיך אַזוי שטאַרק צעיושעט, אַז דער דאַך האָט זיך אַזש געגומען וויגן און מיר האָבן געמוזט וואָס גיכער ענדיקן די פאָרשטעלונג.

מיר האָבן אַרויסגעלאָזט דעם עולם מיט אַ האַלבער שעה פריִער ווי שטענדיק. אַלע זענען שנעל אַהיימגעלאָפן. שלאָפן איז געווען זייער שווער יענע נאַכט. מיר האָבן כּסדר געהערט דאָס קראַכן פוןביימער און די דונערן. די שטאָט מאָנטעווידעאָ איז באַפאַלן אַ טאָרנאַדאָ.

גאַנץ פרי האָט אונדז גאָלדשטיין אויפגעוועקט מיט אַ נײַעס:

— שרעק זיך נישט פּסחקע, נאָר עס האָט עפּעס פּאַסירט מיט אונדזער טעאַטער: דער דאַך איז אײַנגעפאַלן. דער טעאַטער איז רויִנירט.

דער טעאַטער־בנין איז אײַנגעפאַלן פּונקט ווי אַן אַקאָרדעאָן ווערט פאַרמאַכט. דער דאַך האָט צעפּלעטשט אַלע זיצפּלעצער אויף פּיץ־פּיצלעך. אַלץ וואָס איז געשטאַנען אויף דער בינע איז צעקוועטשט געוואָרן. די דעקאָראַציעס, דאָס מעבל אאַז"וו. בלויז דער גרויסער פליגל־פּיאַנאָ, וועלכער איז געווען אַרונטערגערוקט אונטער דער בינע איז פאַרבליבן גאַנץ.

דער בעל־הבית פון טעאַטער, אַ פײַנער קריסט, מיטן נאָמען כואַן איגנאַסיאָ, איז געשטאַנען אַ דערשיטערטער. ווען איך האָב אים געטרייסט אויף זײַן פאַר־לוסט און געפרעגט ווען דאָס האָט פּאַסירט, האָט ער מיר געזאָגט: אַ האַלבע שעה נאָך דעם ווי מיר זענען אַלע אַרויס פון טעאַטער.

אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען דאָס פּובליקום פון נעכטן פאַר מײַנע אויגן: די שוואַנגערע פרוי אין דער ערשטער ריי, דעם גאַנצן עולם וואָס האָט אַזוי האַרציק געלאַכט. „לילי! — האָב איך אָנגעכאַפּט מײַן פרוי מיט ביידע הענט — מיר האָבן דאָך געראַטעוועט 1.500 לעבנס. ווען מיר ענדיקן נישט די פאָרשטע־לונג מיט אַ האַלבער שעה פריִער וואָלטן 1.500 מענטשן צעקוועטשט געוואָרן אונטער דעם דאַך". דער בעל־הבית איגנאַסיאָ האָט זיך מיט דעם געדאַנק אויך דערפרייט. דאָס איז פאַר אים געווען אַ טרייסט. כאָטש ער האָט פאַרלוירן זײַן טעאַטער, האָבן מיר פאַרט געראַטעוועט 1.500 מענטשן. די טראַגעדיע וואָלט דאָך געווען אַזוי גרויס, אַז אין זײַן לעבן וואָלט ער נישט געקאָנט אַרויסקריכן דערפון. „קומט! — האָט ער זיך צעשמייכלט — לאָמיר אַלע גיין טרינקען אַ לחיים".

אַלע שפּאַנישע צײַטונגען האָבן אויפגעכאַפּט די נײַעס און אונדז באַשריבן ווי גרויסע העלדן. מענטשן אין די גאַסן האָבן אונדז פּשוט געבענטשט. דאָס קאָמישסטע אָבער איז געווען, וואָס דער יונגער שגץ, וועלכער האָט געהיט בײַ נאַכט דעם טעאַטער, איז געשלאָפן אויף אַ בעטל אין איינער פון די גאַרדעראָבן. כאָטש די קליידער זענען אַלע געוואָרן רויִנירט האָט ער אָבער גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געפילט. ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי און דערזען איבער זײַן קאָפּ דעם פרײַען הימל. אים האָט גאָרנישט געשאַדט.

אָט דאָס הייסט אַן אײַזערנער שלאָף.

פאַרבלײַבנדיק אָן אַ טעאַטער האָבן מיר ערשט געהאַט די אמתע פּראָבלעם: ווו שפּילט מען? אונדזער מזל האָט אונדז צוגעשפּילט און גאָלדשטיין האָט באַקומען דעם טעאַטער „סטעלאַ דע איטאַליאַ״. דאָס פּובליקום איז געלאָפן צו אונדז אי צוליב דעם דערפאָלג און אי צוליב דעם וואָס מיר זענען געוואָרן „גרויסע העלדן״.

שפּילנדיק אין „סטעלאַ דע איטאַליאַ״ האָבן מיר פּלוצעם באַקומען אַ טעלע־גראַם פון לובעלטשיקן פון בראַזיל. ער האָט געהערט פון אונדזער אומגליק מיטן דאַך און אונדז פאַרגעלייגט קומען צו אים קיין בראַזיל מיט דער גאַנצער טרופּע. ער וועט דעקן די שיפסקאַרטעס פאַר אַלעמען. איידער מיר זענען אָבער געפאָרן האָבן מיר געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט די אייגנטימערס פון דעם גרויסן מאָדערנעם טעאַטער „אַרטיגאַס״, מיט די צוויי קאַרדעראַסאַ־ברידער, אַז מיר וועלן צוריקקומען קיין מאָנטעווידעאָ שפּילן אין זייער טעאַטער.

מיר זענען טאַקע אין בראַזיל געווען אַ גרויסע סענסאַציע. דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט דאָרט געזען לילין. מיך האָט מען שוין געקענט פון 1934, ווען איך בין אויפגעטראָטן מיט אסתּר פּערלמאַן אַלס פּאַרטנערין. דאָס ברענגען אַ גאַנצע טרופּע מיט אונדז איז אויך געווען אַ נײַעס. מײַנע פרײַנד, די דאַנעמאַנס און די קלאַבינס (די סמעטענע פון דער שטאָט) האָבן מיך ווידער שיין אויפגענומען. אַז עס איז געקומען צו לילים געבורטסטאָג האָט דאָנאַ ליובאַ קלאַבין געפּראַוועט פאַר איר אַ שׂימחה בײַ זיך אין שטוב און אונדז אויך געשאָנקען איר פּריוואַטע לאָזשע אין דער אָפּערע צו זען דעם באַלעט „רוס דע מאָנטע קאַרלאָ״.

פאַר דער צײַט וואָס מיר זענען געווען אין בראַזיל האָבן די ברידער קאַרדע־ראַסאָ רעקלאַמירט אונדזער קומענדיקן אויפטריט אין טעאַטער „אַרטיגאַס״.

אָנגעהויבן האָבן מיר אין מאָנטעווידעאָ מיט אַ פּיעסע — זייער אַ געוואַגטע פאַר יענער צײַט — אונטערן נאָמען „דער קליינער באַנדיט״, וועגן ווײַסן שקלאַפן־האַנדל, וועגן מיידלעך פון אייראָפּע, וועלכע ווערן פאַרפירט קיין בוענאָס־אײַרעס און פאַרקויפט... פאַר דער ראָלע פון אַ יונגן בחור האָב איך דאַן אַנגאַ־זשירט אַ יונגן אַקטיאָר מיטן נאָמען מיכאַל מיכאַלאָוויטש (וווינט הײַנט אין ניו־יאָרק מיט זײַן פרוי שׂפרה לערער).

אין יענער צײַט האָב איך געהאַט אַ שטיקל סיכסוך מיט מײַן גוטן פרײַנד פּעדראָ שפּרינבערג פון דער ייִדישער ראַדיאָ־שעה. ביז דאַן האָט ער קיין מאָל

נישט פאַרלאַנגט, מיר זאָלן באַצאָלן פאַר אונדזערע אַנאָנסן. ערשטנס האָט ער יאָרן לאַנג געדריט מײַנע פּלאַטן און געמאַכט פון דעם אַ לעבן, צווייטנס פלעגן מיר אָפט אויפטרעטן אין זײַן ראַדיאָ־שעה.

מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן וואָס ער האָט פאַרלאַנגט מיר זאָלן באַצאָלן פאַר יעדן אַנאָנס — זענען מיר אַריבער צו אַ צווייטער ראַדיאָ־סטאַנציע, וועלכע האָט אונדז רעזערווירט אַ גאַנצע שעה, אין דער זעלביקער צײַט ווי שפּרינבערגס פּראָגראַם, און שפּרינבערג האָט פאַרלוירן אַ סך צוהערערס. ראַדיאָ איז דאָך געווען אונדזער צווייטער פאַך, לילי האָט צונויפגעשטעלט פּראָגראַמען, געשריבן סצענעס פאַרן ראַדיאָ און מיר האָבן געהאַט דערפאָלג.

פּלוצעם, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איז שפּרינבערג געקומען זיך איבערבעטן: ער מאַכט פאַר אונדז אַ גרויסן באַנקעט, וואָס וועט טראַנסמיטירט ווערן דורך ראַדיאָ, לכּבוד אונדזער צוריקקער און, פאַרשטייט זיך, ער נעמט אָן אַלע אונדזערע באַדינגונגען. מיר זענען ווײַטער פאַרבליבן די זעלבע גוטע פרײַנד, ווי אַ מאָל.

אין בוענאָס־אײַרעס האָט שוין געהאַלטן בײַ דער מיט פון סעזאָן, ווען מיר האָבן באַקומען אַ טעלעפאָנישע אײַנלאַדונג פון מידען מיר זאָלן קומען. האָב איך באַשלאָסן אַז ס׳איז די ריכטיקע צײַט צו פאַרלאָזן מאָנטעווידעאָ.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער טרופּע און אָפּגעפאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס איז שוין געווען אויגוסט 1940.

די ערשטע פּיעסע וועלכע מיר האָבן געשטעלט אין בוענאָס־אײַרעס איז געווען אַ שפּאָגל נײַע. די פּיעסע האָט געשריבן ספּעציעל פאַר אונדז, נאָך אין וואַרשע, דער דראַמאַטורג קאָרנטייער און געהייסן האָט זי „דער וואַרשעווער קאַנאַריק״. אין דער טרופּע זענען אַרײַן מאַקס און רייזל באָזשיק, מאַקס פּערלמאַן, מאַקס קלאָס, דאָס פּאָרל בלומענטאַל, „דער לאַנגער זילבערבערג״ און יוסף שײַן.

אין דער זעלביקער צײַט איז אָנגעקומען די ידיעה אַז זיגמונט טורקאָוו און זײַן פרוי רוזשאַ האָבן זיך געראַטעוועט פון פּוילן און געפינען זיך אין איטאַליע. מאַרק טורקאָוו, זיגמונטס ברודער, האָט זיך שוין געהאַט באַזעצט אין בוענאָס־אײַרעס און געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעם „סאָלעיל״־טעאַטער, צו ברענגען אַהער זײַן ברודער אויף גאַסטשפּילן.

די טורקאָווס זענען געווען צווישן די ערשטע, וואָס זענען אָנגעקומען קיין אַרגענטינע פון דעם היטלערישן גיהנום. מיר האָבן אַלע געוווינט אין דעם נײַעם האָטעל „וואָרטהיים״ און כּמעט יעדע וואָך פלעגט מען אײַנאָרדענען באַנקעטן, אויף וועלכע ס׳פלעגן פאַרבעטן ווערן די „פּני״ פון שטאָט. חברה שוישפּילערס פלעגן האַלטן רעדעס און דערציילן אַנעקדאָטן. אויף איינעם אַזאַ אָוונט האָב איך איבערראַשט טורקאָוון, דערציילנדיק אַ געשיכטע וואָס האָט מיט אונדז ביידן פּאַסירט אין דער יוגנט. דאָס איז געווען אין 1919 אָדער 1920. צוזאַמען מיט זיגמונטן און זײַן דעמאָלטיקער פרוי אידאַ קאַמינסקי זענען מיר אויף דער פּראָווינץ אויפגעטראָטן אין אַ מוזיקאַלישער פּיעסע „די אַמעריקאַנערין״ (לויט

דער אַמעריקאַנער אַפּערעטע „דאָס מיידל פון דער וועסט"). זיגמונט האָט גע־שפּילט פאַר אַ פאַרמער (אַ כאַראַקטער־ראָלע) און איך דעם בוף־קאָמיקער. אין גאַנג פון דער פאָרשטעלונג לייגט מיך דער פאַרמער אַוועק אויף זײַנע קני און דאַרף מיך אָפּשמײַסן — הייב איך אויף מײַן קאָפּ און דערזע אַז דער סופיט איבער דער בינע ברענט (געשפּילט האָבן מיר דאַן ביי נאַפטלאָמפּן), דער נאַפט־לאָמפּ האָט זיך צעפּלאַקערט און אונטערגעצונדן דעם הילצערנעם סופיט. זיגמונט איז געווען אַ גרויסער לאַכער, ער פלעגט לאַכן מיט אַ סאָפּראַן־שטים — האָט ער זיך הויך צעלאַכט, ווען כ'האָב אים געזאָגט אַז דער סופיט ברענט, מיך אַוועקגעלייגט אויף דעם דיל, געכאַפּט אַ שמאַטע, וואָס איך האָב אים צוגעוואָרפן, אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, פאַרלאָשן דאָס ליכט און אויסגעקלאַפּט דעם פײַער מיט דער שמאַטע. דער עולם האָט מיטגעלאַכט, געמיינט אַז דער עפּיזאָד איז געווען לויט דער פּיעסע.

ווען זיגמונט האָט אויסגעהערט די געשיכטע פון אונדזערע יוגנט־יאָרן האָט ער זיך ווידער צעלאַכט, טאַקע אַזוי ווי ער, זיגמונט, האָט דאָס געקענט, אויף די אייבערשטע טענער, און שיִער נישט אַראָפּגעגליטשט זיך פון זײַן שטול...

3. „פּאַוולושאַ, דאָס ביסטו?"

יענעם סעזאָן, 1940־41, האָבן מיר זיך שוין געפּילט אין בוענאָס־אײַרעס ווי ביי זיך אין דער היים. מיר פלעגן פאַרברענגען מיט אונדזערע פרײַנד, די משפחה מאַנדלבאַום, אַלבערטאָ גאָטהעלף און זײַן יונגער פרוי כוליאַ, אַ שיינהייט.

פרײַטיק בײַ נאַכט פלעגן מיר זײַן פאַרבעטן צו דער משפחה נוסבאַום, פּאַול און העלענאַ. זיי פלעגן זיך אָפּגעבן מיט אויפנעמען ייִדישע קינסטלערס, שוישפּילערס, מאָלערס, חזנים... דאָרט, בײַ די נוסבאַומס פלעגן מיר זיך טרעפן מיט מײַן חבר, דעם חזן פּינטשיק, וועלכער איז געקומען צו פאָרן מיט אונדז אויף איין שיף פון ניו־יאָרק.

פּאַול נוסבאַום האָט געהאַט אַ פאַבריק פון וואַליזעס. איין מאָל ווען כ'בין אַרײַן צו אים אין געשעפט האָט ער צו מיר צוגעפירט אַ מענטשן און געזאָגט: „פּסחקע, איך וויל דו זאָלסט זיך באַקענען מיט מײַן שותף אַבראַשאַ גריסטאָן". ווען איך האָב דעם מענטשן אָנגעקוקט האָב איך באַקומען אַ מאָדנעם געפיל, אַז איך קאָן אים פון ערגעץ. גריסטאָן גיט מיר די האַנט און קוקט אויף מיר מיט זײַנע קליינע כינעזישע אייגעלעך, און ווידער האָב איך דעם מאָדנעם געפיל: פון וואַנען קאָן איך אים? ביז וואַנען ער פרעגט מיך: „זאָגט מיר, סעניאָר בורשטיין, פון וואַנען שטאַמט איר?" — נוסבאַום האָט זיך גיך אָנגערופן: „כ'האָב

דאָך דיר געזאָגט! ער איז אַ וואַרשעווער געבוירענער!" „איין מינוטקעלע — האָב איך געענטפערט — איך בין טאַקע געבוירן אין וואַרשע, אָבער צו 5 יאָר האָבן מיך מײַנע עלטערן אַוועקגעפירט קיין רוסלאַנד". איך זע ווי גריסטאָן ווערט בלאַס: „האָט איר נישט אַ מאָל געוווינט אין בערדיאַנסק?" — פרעגט ער... אין דעם מאָמענט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן... טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן און איך האָב אויסגעשריִען: „יאַפּאַנטשיק!" — און אַזוי האָב איך גע־פונען מײַן אַלטן חבר פון מײַנע קינדער־יאָרן אין בערדיאַנסק. אַלע אַרום אונדז האָבן געוויינט צוקוקנדיק, ווי מיר האָבן זיך געהאַלטן פעסט אַרומגענומען.

ער האָט אונדז אַוועקגעפירט צו זיך אין שטוב, זיך באַקענען מיט זײַן פרוי און זײַנע קינדער. געוווינט האָבן זיי אויסער דער שטאָט, אין אַ הויז אַרומגע־רינגלט מיט פּרוכטביימער. מיר האָבן זיך שעהען לאַנג געוואָרעמט אין די זכרונות פון אונדזער קינדהייט. אַבראַשאַ האָט מיר דאַן געמאַכט אַ פאָרשלאָג: אַזוי ווי ער איז געווען אַ שותּף אויך צו אַ פאַבריק אין מאָנטעווידעאָ, האָט ער מיר פאַר־געלייגט איבערנעמען זײַן חלק פון פאַבריק: „פּסקקע, איך וויל דו זאָלסט אַוועק פון טעאַטער! גענוג זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, דאַרפסט מיר נישט געבן קיין געלט, דו וועסט מיר אויסצאָלן.

וואָס עס איז געוואָרן פון דער פאַבריק — דאָס איז אַ געשיכטע פאַר זיך. אָבער דעם אמת געזאָגט האָב איך נישט קיין חרטה וואָס איך בין פאַרבליבן אַן אַקטיאָר...

צוריק צו מײַן סעזאָן פון 1941/1940 אין בוענאָס־אײַרעס.

אָפּגעשפּילט דעם „וואַרשעווער קאַנאַריק", האָב איך באַשלאָסן פאָרן מיט דער טרופּע אויף דער פּראָווינץ. שוין 4 יאָר ווי מיר זענען דאָרט נישט געווען. אַדאָלף מידע האָט נישט געהאַט קיין חשק צו פאָרן מיט דער טרופּע, האָב איך גענומען מײַן פּערזענלעכן געשעפטס־פירער גרעגאָריאָ סעראַטאָ, און ער האָט מיר אַראַנ־זשירט דעם גאַנצן טורנע. אייגנטלעך איז גרעגאָריאָ געווען און איז ביז הײַנט פאַרבונדן מיטן שפּאַנישן טעאַטער, נאָר תּמיד ווען מיר זענען געקומען קיין בוענאָס־אײַרעס האָט ער אַלעמען געלאָזן אין אַ זײַט און געקומען אַרבעטן מיט מיר. ער איז לסוף געוואָרן אַ טייל פון אונדזער משפּחה, אונדז געהאָלפן דערציִען אונדזער צווילינג, ווען מיר האָבן די קינדער שפּעטער געבראַכט קיין אַרגענטינע. זיי רופן אים פעטער און זענען מיט אים אין קאָנטאַקט ביזן הײַנטיקן טאָג. שטאַמען שטאַמט ער פון אַ גרויסן יִחוס, מחמת דער גרויסער חזן סיראָטאַ איז געווען זײַן מאַמעס ברודער אין אָדעס.

הכּלל, אַרויסגעפאָרן זענען מיר מיט אַ גרויסער טרופּע. גרעגאָריאָ האָט פאַר מיר „צוגעגרייט אַלע שטעט" און דער עולם איז אומעטום געקומען מאַסנווײַז. אָבער אַזוי ווי אַלץ אין איינעם איז נישטאָ בײַ קיינעם, האָבן מיר געהאַט געהאַקטע צרות מיט דער טרופּע. (דערפאַר טאַקע האָט מידע זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן).

זיי האָבן אונדז געטאָן אין דער גאַל אַרייַן. צוליב איפּערזוכט אָדער סתּם בייזקייט, זיי האָבן אונדז געגעבן פעפער צו שמעקן. און מען דאַרף נישט מער, אַז איייניקע זאָלן אַרויסווייַזן אומצופרידנהייט — באַווירקן זיי און פּראָוואָצירן די גאַנצע טרופּע — ווי צום בייַשפּיל:

מאַקס באָזשיק האָט אין דער פּיעסע געשפּילט אַ כאַראַקטער־ראָלע פון אַ וואַרשעווער גנב מיטן נאָמען „בולדאָג". אין בוענאָס־אײַרעס האָט ער אָנגעקלעפּט אַ ברייטע נאָז, ווי אַ בולדאָג, אָנגעטאָן אין פּאַסיקע קליידער ווי אַ ביליקער גנב און געהאַט גרויס דערפֿאָלג.

אין דער ערשטער שטאָט, ראָזאַריאָ, גיב איך אַ קוק אויף באָזשיקן און עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. ער האָט זיך פאַרגרימירט פאַר אַ שיינעם יונגן־מאַנטשיק (אָן דער נאָז), אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייַסן לייַוונטענעם קאָסטיום, אין שוואַרצע גלאַנציקע שטיוועלעך, און אויפן קאָפּ אַן עלעגאַנט היטל מיט אַ שוואַרצן גלאַנציקן דאַשיק.

— באָזשיק, וואָס איז דאָס? ווו איז דייַן קאָסטיום פון בוענאָס־אײַרעס, ווו איז דייַן נאָז? דו שפּילסט דאָך אַ „בולדאָג" — האָב איך אים געפרעגט מיט איבער־ראַשונג. זייַן ענטפער איז געווען זייער אַ קאַלטער:

— וואָס זשע מיינסטו, איך בין געפאָרן אויף דער פּראָווינץ זיך מאַכן מיאוס? איך בין דאָ פאַר אַ יאָרן אַליין געקומען ווי אַ סטאַר!

— באָזשיק — האָב איך געפאָדערט — מאַך מיר נישט קאַליע מייַן פּיעסע. קלעפּ זיך צו אַ נאָז.

— איך האָב נישט קיין נאָז־קיט — האָט ער געענטפערט.

— און אַז איך וועל פאַר דיר נישט האָבן קיין גאַזשע סוף וואָך וועסטו מיר פאַרשווייַגן? — הכּלל, דער דעלעגאַט פון פאַראיין האָט געפּרוּווט אויסגלייַכן דעם סיכסוך, נאָר דערווייַל גייט שוין אַרויף דער פאָרהאַנג און ער פּירט אויס זייַנס.

נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה שטרייַקן. אין דער צווייטער שטאָט האָט זיי סיראָטאַ צוגעגרייט צימערן אין זעלבן האָטעל ווו זיי זענען פאַר אַ יאָרן אייַנגעשטאַנען. איך, פאַר מייַן געלט, האָב אַרייַנגעפּירט מייַן פרוי אין אַ גרעסערן האָטעל. ווען מייַנע אַקטיאָרן האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר שטייען נישט אייַן אין זעלבן האָטעל מיט זיי האָבן זיי זיך אָנגעקגעזעצט אין מיטן דער גאַס אויף זייערע טשעמאָדאַנעס, כּדי די גאַנצע שטאָט זאָל זען, און געמאַכט אַ שטרייַק.

ווען גרעגאָריאָ איז געקומען צו מיר צו לויפן מיט אַ געוויין, סעניאָר בורשטיין, וואָס טוט מען? זיי זיצן אויף דער גאַס אויף די וואַליזעס. זיי ווילן נישט יענעם האָטעל — האָב איך אים געהייסן ברענגען זיי אַלע אַהער, אין מייַן האָטעל. אין עסזאַל האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע סקאַנדאַלן. גרעגאָריאָ איז ווידער געקומען צו אונדז מיט אַ געוויין. „סעניאָר בורשטיין, וואָס טוט מען? זיי ווילן עסן אַ לאַ

קאָרט. עס איז אַלץ אויף אײַער חשבון״. — גיב זיי — האָב איך אויסגעשריִען, שוין נישט קאָנענדיק באַהערשן מײַנע נערוון — זאָלן זיי פרעסן.

אַזוי גיך ווי מיר האָבן פאַרענדיקט אין דער שטאָט קאָרדאָבאַ האָב איך באַפוילן סיראָטאָן איבערצוריַיסן דעם טור און זיי אַהיימשיקן. איך האָב געפילט, אַז זיי וועלן מיך קראַנק מאַכן און איך האָב זיי דעם פאַרגעניגן נישט געוואָלט צוטיילן. אייניקע פון דער טרופּע האָבן זיך ביַי מיר געבעטן: „סעניאָר בורשטיין, רײַסט נישט איבער. מיר מאַכן דאָך גוטע געשעפטן״. נאָר איך האָב פיזיש מער נישט געקענט דולדן די פּאָליטיק וואָס איז אָנגעגאַנגען קעגן מיר פון געוויסע שוישפּילערס אין דער טרופּע.

סיראָטאָ האָט זיי באַזאָרגט מיט באַנבילעטן אָבער איך בין נאָך אַלץ נישט געוועזן פריַי פון דער מגיפה. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די באַן האָט באַדאַרפט אָנקומען קיין בוענאָס־איַירעס 10 אַ זייגער בײַ נאַכט. איז אָבער געווען אַ צווייטע באַן, אַ לוקסוסבאַן, וועלכע האָט געקאָסט דאָפּלט געלט, און איז אָנגעקומען אין בוענאָס־איַירעס מיט 2 שעה פריִער. האָט מײַן טייערע טרופּע אָפּגעהאַלטן אַן אַסיפה און באַשלאָסן, אַז אויב איך שיק זיי מיט דעם געוויינלעכן צוג וועל איך זיי מוזן צאָלן פאַר אַן עקסטראַ טאָג געהאַלט. פאַר וואָס? ווײַל ביז זיי וועלן קומען אַהיים וועט שוין זײַן נאָך דער שעה פון נאַכטמאָל. אַז גרעגאָריאָ האָט דאָס מיר דערציילט האָב איך אויסגעשריִען:

— שיק זיי לוקסוסאָווע! שיק זיי צו אַל די גוטע יאָר, ווײַל איך קען מער זייערע פּנימער נישט אָנקוקן!

דאָס איז געווען מײַן ערשטע און לעצטע דערפאַרונג מיט אַזאַ טרופּע. דאָס איז אויך געווען פאַר מיר אַ לעקציע. זינט דאַן בין איך זייער פאָרזיכטיק, ווען איך קלײַב אויס אַ טרופּע. מײַן פרוי און מײַנע קינדער וויסן דאָס אויך. בעסער נעמען אַ שוואַכערן אַקטיאָר, אָבער אַן ערלעכן מענטשן.

די לעקציע האָט אָפּגעקאָסט אַ סך געלט און געזונט.

גרעגאָריאָ האָט אונדז אַוועקגעפירט אין אַ קוראָרט לעבן דער שטאָט קאָרדאָבאַ, אין די בערג. די געגנט רופט זיך קאָטשעוטאַ. דאָרט פליסן נאַטירלעכע הייסע מינעראַל־וואַסערן. דאָרט האָב איך אויסגערוט מײַנע צעשרויפטע נערוון און הנאה געהאַט וואָס מײַן אַמעריקאַנער ווײַבל האָט זיך דאָרט וווּנדערלעך געוויַילט.

נאָכן צוריקקומען אין בוענאָס־איַירעס האָב איך אָנגעקלאָגט די טרופּע אינעם אַקטיאָרן־פאַראיין. מיט מיר איז אַהין אַוועק מײַן גוטער פרײַנד טשאַרלס גראָל (דער מאַן פון דזשעני גאָלדשטיין). איך האָב געבראַכט די געהעריקע עדות און דערציילט, ווי מען האָט מיר בייזווייליק צעשטערט מײַן טורנע און צוגענומען פון מענטשן דאָס ברויט.

ווען עס איז געקומען דער מאָמענט, די אָנגעקלאָגטע האָבן זיך געמוזט פאַר־ענטפערן, האָט זיך אויפגעשטעלט אַ געוויסער שוישפּילער, וועמענס נאָמען איך

וויל נישט דערמאָנען, און אָנגעהויבן (איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן זײַנע ווערטער):

— מען האָט מיך נאָך אין וואַרשע געוואָרנט, אַז איך זאָל נישט אַרבעטן מיט פּסחקע בורשטיין, ווײַל ער איז אַ שלעכטער, ביטערער מענטש.

דערהערנדיק די ווערטער האָבן אַלע אָנוועזנדיקע אים אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט. מײַן פרײַנד גראָל האָט זיך תּיכּף אויפגעשטעלט און נישט געלאָזט יענעם רעדן ווײַטער. אויפן גאַנצן קול האָט ער אויסגעשריִען:

— צו וואָס האָסטו מיך געבראַכט אַהער? בײַ וועמען זוכסטו גערעכטיקייט? דו וועסט בײַ זיי קיין יושר נישט געפינען. ווייסט פאַר וואָס? ווײַל דו ביסט אַ באַלעבאָס און אַן אַמעריקאַנער דערצו. קום אַרויס פון דאַנען. איך קען די פאַלשע רייד מער נישט הערן!

מיט דעם האָט ער מיך אַרויסגעשלעפּט פון צימער און טאַקע דעם זעלבן סעזאָן איז ער געווען געצוווּנגען אויפצוגעבן דעם טעאַטער „סאַלעיל”. ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער איז געווען אַזוי פאַרביטערט.

איבערגענומען דעם „סאַלעיל” האָט אַ חברים־טרופּע און צו מאַרגנס זענען די חברים שוין געווען בײַ מיר אין האָטעל אונדז צו אַנגאַזשירן אויף פּראָצענטער צו דעם קומענדיקן סעזאָן. דאָס איז טאַקע געווען דער אָנהייב פון לאַנגע יאָרן גאַסטראָלירן אין דעם טעאַטער „סאַלעיל”.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון שמואל און סאָניאַ איריס, בן־ציון און שושנה בערדיטשעווסקי, סאַמועל זילבערבערג, שפרה לערער, אַנאַ ראַפּעל, ניוראַ און לעאָן בלומענטאַל, סאַמועל גולדין, הערמאַן קאַסאָווסקי און אַנדערע.

דעם סעזאָן האָבן מיר געעפנט מיט אַ פּיעסע — געשריבן ספּעציעל פאַר אונדז פון אורקע נאַכאַלניק — „דער בעטלער־קעניג”.

מיר האָבן געזוכט אַ גוטן רעזשיסאָר צו דעם ספּעקטאַקל און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אין דעם „איפּעט”־טעאַטער געזען אַ וווּנדערלעכע פאַרשטע־לונג אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט. מיר האָבן אים אַנגאַזשירט אויפצופירן צום ערשטן מאָל אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער טאַקע אונדזער פּיעסע „דער בעטלער־קעניג”, מיט מוזיק געשריבן אין בוענאָס־אײַרעס פון יעקב פּיכער. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דוד ליכטס קאַריערע מיט פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן. ער פלעגט שטענדיק דערמאָנען, אַז דאָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין זײַן קאַריערע. ער האָט דעם ספּעקטאַקל פּראַכטפול אויפגעפירט, מיט וווּנדערלעכע אײַנפאַלן.

אין דער חברים־טרופּע האָט זיך אויך געפונען לעאָן נאַרעפּקין, דער געשעפטס־פירער, לעאָן ברעסטאָוויצקי און אַהרון אַלעקסאַנדראָוו — אַ גרויסע טרופּע.

נאָכן דערפאָלג פון „דער בעטלער־קעניג” האָב איך געשטעלט „אַ נאַכט אין קאַליפאָרניע”, אַן אָפּערעטע, מוזיק פון אַלשאַניעצקי, און צו ליליאַנס ערן־אָוונט האָב איך געשטעלט עמעריק קאַלמאַנס וועלט־באַרימטע אָפּערעטע „די טשאַרדאַש־

פּירשטין״. זי אַלס סילוויאַ און איך אַלס באַני. די פּיעסע האָט געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג, אַז מיר פלעגן זי שפּעטער אָפּט שפּילן אין בוענאָס־איירעס. אונדזער מוזיק־לייטער איז דאַן געווען מישאַ שטרייטמאַן.

אונדזער סעזאָן האָבן מיר פאַרענדיקט מיט „מ׳קען לעבן נאָר מ׳לאָזט נישט״. בערדיטשעווסקי און איריס זענען געווען גלענצנדיק אין זייערע ראָלעס.

אין יענער צייט האָבן מיר כּסדר פאַרבראַכט מיט די טורקאָווס, זיגמונט און רוזשאַ, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט באַזעצט אין בוענאָס־איירעס. אין דעם צווייטן טעאַטער, „עקסעלסיאָר״, האָט היימי דזשייקאָבסאָן געשפּילט איינער אַליין מיט דער טרופּע, ער האָט זיך פּונקט דאַן געהאַט געגט מיט זיין פרוי מרים קרעסין. ער איז אויך אַריין וווינען אין האָטעל „ווערטהיים״ און עס איז דאָרט געוואָרן אַ לעבעדיקע וועלט. דער גאַנצער האָטעל כּמעט פול מיט יידישע שוישפּילערס.

מאָריס שוואַרץ איז דאַן אָנגעקומען פון אַמעריקע שפּילן „סענדער בלאַנק״ אין אונדזער טעאַטער. מיר האָבן נאָך געשפּילט, האָט ער ביי טאָג שוין געמאַכט מיט דער טרופּע פּראָבעס. זייענדיק אַליין, פלעגט ער יעדן אָוונט וואַרטן אין דער לאָזשע פון טעאַטער ביז מיר וועלן ענדיקן די פאָרשטעלונג און מיטגיין מיט אונדז עסן. דאַן האָבן מיר זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט אים, אַ פריינדשאַפט, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין טויט.

הכּלל, מיר האָבן געענדיקט. מאָריס שוואַרץ האָט אָנגעהויבן און מיר זענען געפאָרן אויף קאָנצערטן. פריער קיין מענדאָזאַ און פון דאָרט קיין טשילע. אין מענדאָזאַ האָבן מיר געמוזט ווייַלן צוויי וואָכן צוליב אַ לאַווינע אין די אַנדן־בערג. עס איז געווען אַ שטיקל געפאַר צו פליען איבער די בערג אין אַ שטורעם, נאָר קיין חרטה האָבן מיר נישט געהאַט, ווייַל אין מענדאָזאַ איז אונדז אויסגעקומען זיך צו באַפריינדן מיט דעם פּרנס פון דער שטאָט, אַ גאָלדענער מענטש מיטן נאָמען משה טובערט. ער האָט דאָרט פאַרמאָגט גרויסע וויינגערטנער און אַן אייגענע פאַבריק פון וויין. צוויי וואָכן צייט זענען מיר געווען זיינע געסט. משה טובערט איז געווען אַ גרויסער פילאַנטראָפּ און האָט זייער אַ סך געטאָן פאַר דער יידישער געזעלשאַפט.

מיט אונדז איז מיטגעפאָרן דער קאָמיקער אַדאָלף שטרייטמאַן און אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר וועלן טאַקע פליען קיין טשילע האָט מען אים 5 מאָל אַ טאָג געמוזט מינטערן...

אין טשילע זענען מיר אָנגעקומען צו דעם אימפּרעסאַריאָ מעסיער און געשפּילט מער ווי אַ חודש אין די שטעט סאַנטיאַגאָ און וואַלפּאַראַיסאָ. שטאַרק בייז בין איך געווען ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט אַז מעסיער האָט אונדז רעגיסטרירט ביי דער טשילענער רעגירונג ווי פּראָטעסטאַנטן, ווייַל ווי יידן וואָלט ער קיין וויזעס פאַר אונדז נישט באַקומען.

לילי האָט שטאַרק געוואָלט אַהיימפאָרן, קיין ניו־יאָרק, דאָס מאָל מיט אַ שיף דורכן פּאַציפישן אָקעאַן און איך האָב איר געוואָלט צו ליב טאָן. פאָרט אַן אינטע־רעסאַנטע רײַזע דורכן פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, אָבער אונדזער גרויסער באַגאַזש איז פאַרבליבן שטעקן אין מענדאָזאַ. וואָס זשע טוט מען?

אונדזער פּראָבלעם איז אָבער גיך געלייזט געוואָרן. אין אַ געוויסער נאַכט קלינגט דער טעלעפאָן. אַהאַ! ס'איז די חברים־טרופּע פון „סאָלעיל"־טעאַטער, איריס, בערדיטשעווסקי און נאַרעפּקין. איריס שרײַט אַרײַן אין טעלעפאָן:

— פּסחקע, קום צוריק. מיר דאַרפן דיך האָבן! מאָריס שוואַרץ האָט שוין געענדיקט און האָט שוין געשפּילט אין מאָנטעווידעאָ. אָנגעהויבן אין טעאַטער האָט דזשעני גאָלדשטיין, און זי איז דורכגעפאַלן, מיר מוזן זי שנעל פאַרטרעטן, ווײַל מען פאַרלירט אַ פאַרמעגן מיט געלט. קומט, ראַטעוועט אונדז!

נו, אַזוי ווי דער באַגאַזש אונדזערער איז סײַ ווי געשטאַנען אין מענדאָזאַ, האָב איך אײַנגעשטימט. מיר זענען צוריקגעפלויגן קיין בוענאָס־אײַרעס און ווידער געשפּילט „מ'קען לעבן נאָר מ'לאָזט נישט" און ווידער געהאַט דערפאָלג.

דזשעני גאָלדשטיינען, נאַטירלעך, האָט דאָס זייער נישט געשמעקט. שמואל איריס האָט דאַן געזאָגט צו מיר:

— דו זעסט ווי דאָס רעדל גיט זיך אַ דריי איבער? מיט 4 יאָר פריִער האָט זי אָנגערעדט אויף לילין און דיר קאַליע געמאַכט דעם „עקסעלסיאָר"־טעאַטער. געדענקסט? נו, הײַנט איז זי אַדורכגעפאַלן און לילי איז דער סטאַר.

(היימי דזשייקאָבסאָן האָט דאַן פאַר דזשענין אָנגעשריבן אַ נײַעם רעפּערטואַר פון קאָמישע לידער מיט וועלכע זי איז צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע און אין גאַנצן געביטן איר זשאַנער. מער האָט זי קיין מעלאָדראַמעס נישט געשפּילט. זי איז בלויז אויפגעטראָטן אַלס סאָליסטין מיט קאָמישע לידער און געבויט פאַר זיך אַ נײַע קאַריערע).

4. אין שאָטן פון דער מלחמה

ענדלעך, סוף אָקטאָבער, האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אויף דער שיף אַהיימצו־פאָרן קיין ניו־יאָרק.

אויפן וועג אַהיים האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין בראַזיל און דאָרט באַקומען אַן אײַנלאַדונג פון אַ נאַכטלאָקאַל אויפן שפּיץ באַרג אין ריאָ, אויפצוטרעטן אויף ענגליש און רוסיש במשך צוויי וואָכן. עס האָט זיך אָבער נישט געלוינט, ווײַל מיר האָבן געפירט צו פיל באַגאַזש. זענען מיר פאַרבליבן אויף אונדזער שיף און געפאָרן ווײַטער. אַ מזל־זאַך, ווײַל ווען מיר פאַרבלײַבן אין בראַזיל צוויי וואָכן

וואָלטן מיר צוליב דער מלחמה נישט געקאָנט אַהיימפאָרן.

אַהיימגעקומען זענען מיר סוף נאָוועמבער. דעם 1טן דעצעמבער 1941 האָבן מיר אָנגעהויבן שפּילן „דער וואַרשעווער קאַנאַריק" אין נואַרק, ניו־דזשערסי, אין דעם טעאַטער אונטער דער לייטונג פון בערנאַרד עלווינג. עס איז געווען אַ זונטיק און מיר האָבן געשפּילט צוויי מאָל. נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג זענען מיר אַריין אין אַ יידישן רעסטאָראַן עפּעס איבערצוכאַפּן. איך געדענק, אַז ליליס טאַטע־מאַמע און איר פעטער זענען געזעסן מיט אונדז ביים טיש.

דער ראַדיאָ האָט דאָרט געשפּילט און פלוצלונג האָט זיך די מוזיק אָפּגעהאַקט און מען האָט געמאָלדן, אַז „יאַפּאַן אַטאַקירט פּוירל האַרבאָר". — ווו איז דאָס פּוירל האַרבאָר? — האָט מיין שוויגער געפרעגט. וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונדז? דער ענטפער איז אונדז אַלעמען באַלד געוואָרן קלאָר. אַמעריקע איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער 2טער וועלט־מלחמה!

איך געדענק, אַז ביים אָנקומען אַהיים דאָס מאָל האָבן אונדז אַגענטן פון דער פעדעראַלער רעגירונג פאַרבעטן אין אַ פּריוואַט צימערל אויף דער שיף, כאַפּן מיט אונדז אַ שמועס. דערזעענדיק אויף אונדזערע פּאַספּאָרטן, אַז מיר האָבן פאַרבראַכט כמעט 2 יאָר אין יענע לענדער האָבן זיי אונדז פאַרזיכערט, אַז אַלץ וואָס מיר וועלן דערציילן וועט פאַרבלייבן געהיים, נאָר זיי האָבן שטאַרק געבעטן מיר זאָלן זיי איבערגעבן אויב מיר האָבן אין דרום־אַמעריקע באַמערקט נאַציס־טישע אַקטיוויטעט.

מען האָט אונדז האַרציק באַדאַנקט און די אימיגראַציע־אָפיצירן האָבן בטל געמאַכט אַלעמענס פּאַספּאָרטן ביים אַראָפּגיין פון שיף.

מלחמה איז מלחמה! שוין! מען האָט קיין פרישע פּאַספּאָרטן נישט געגעבן און פאָרן האָט מען מער נישט געקענט. וווהין? אַז עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ פייער איבער דער גאַנצער וועלט און וועגן גורל פון מיין משפּחה אין פּוילן און אין פּאַריז האָב איך אַפילו נישט געוווּסט.

וואָס זשע האָבן געטאָן די בורשטיינס? מיר האָבן דאָן אָנגעהויבן אַליין פירן טעאַטערס און שפּילן נישט נאָר אין ניו־יאָרק נאָר אויך איבער אַלע שטעט אין אַמעריקע, שיקאַגאָ, קליוולאַנד, דעטראָיט, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, מיאַמי. צוזאַמען מיט מיין פרוי זענען מיר שוין געוואָרן אַ פירמע. שוין מער נישט פּסחקע בורשטיין אַליין נאָר פּסחקע בורשטיין און ליליאַן לוקס.

איין מאָל האָב איך באַקומען אַ ביטע צו פאָרן זומער אויפטרעטן אין די קעטסקיל־בערג. און נישט נאָר איך אַליין, אַלע יידישע שוישפּילערס האָבן געפונען נייע טעריטאָריעס אין אַמעריקע, ווו מען האָט פאַרדינט זייער אַ סך געלט. אין די בערג האָבן זיך געפונען אויסשליסלעך יידישע האָטעלן. דער ברייטער עולם איז דאָן נישט געפאָרן קיין אייראָפּע אויף זומער. אַלע האָטעלן האָבן געהאַט קליינע טעאַטערס און האָבן אַנגאַזשירט גרויסע סטאַרן. אַזוי ווי אַלע יינגערע ענגליש־רעדנדיקע אַקטיאָרן זענען געווען פאַרנומען אין דער אַרמיי ביי אָנקל סעם

און אַזוי ווי דאָס פּובליקום איז באַשטאַנען מערסטנס פון עלטערע מענטשן, זענען ייִדישע אַקטיאָרן געוואָרן מיט גאָלד צו גלײַך.

לילי האָט מיר קוים אײַנגערעדט מיר זאָלן פאָרן. ס׳איז געווען מײַן ערשטער זומער אין די בערג. כאָטש איך בין געווען פאַרשריבן אין דער אַרמיי אַלס רעזערוויסט, האָב איך אָבער נישט באַדאַרפט גיין זיך שלאָגן.

אין דעם נײַעם „מאַדזשעסטיק״־האָטעל, ווו מען האָט אונדז אַנגאַזשירט אויפן זומער איז מיט אונדז צוזאַמען אויפגעטראָטן אַן ענגלישער זינגער מיטן נאָמען דעני לואיס. זײַן פרוי, רעי, איז געווען די פּיאַניסטין און די לואיס־משפּחה האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ יונגן זון פון אַ יאָר 17, וועלכער איז געווען אויף וואַקאַציע. דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער הײַנטיקער וועלט־באַרימטער קאָמיקער דזשערי לואיס. דער טאַטע האָט דעם טאַלאַנטירטן ייִנגל געטריבן פון דער בינע. ער האָט בשום־אופן נישט געוואָלט אַז דער זון זאָל ווערן אַן אַקטיאָר.

אין אַ געוויסן אָוונט זענען זײַנע עלטערן געפאָרן געבן אַ פאָרשטעלונג אין אַ צווייטן האָטעל און דזשערי האָט מיך געבעטן איך זאָל אים לאָזן אויפטרעטן מיט אונדז צוזאַמען. ער האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג, אַז צו מאָרגנס האָב איך טעלעפאָנירט צו מײַן אַגענט, וועלכער האָט אים תּיכּף גענומען אויף סאָלאָ־אויפטריטן אין פאַרשידענע האָטעלן און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קאַריערע פון אַ בחור, וועלכער איז הײַנט צו טאָג איינער פון די באַרימטסטע אַרטיסטן אין דער וועלט. איך בין זיכער, אַז זײַן טאַטע, דעני, איז שוין מער נישט קעגן, ער זאָל זײַן אַן אַקטיאָר...

אין צײַט פון דער מלחמה, 1942, האָט זיך פאַר מיר מיט לילין אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון שפּילן אין און אַרום ניו־יאָרק. איך בין אַרײַנגעטראָטן אין „טרימאָנט״־טעאַטער אין די בראָנקס ווי איינער פון 5 שותּפים: לואיס פריימאַן, וואָלף באַרזעל, יהודה בלייך, דינה האַלפּערין און איך. געשטעלט האָט מען פריימאַנס אַ ראַדיאָ־דראַמע „ווער דאַרף אַ מאַמע?״ דינה האָט געשפּילט די מוטער און לילי די טאָכטער.

אויסגעפּעלט האָט אונדז צום פּערסאָנאַל אַן עלטערער ליבהאָבער (איינער וואָס זאָל פירן אַ ליבע מיט לילין, נישט וויסנדיק אַז ער איז איר אמתער פאָטער, דער געליבטער פון איר מוטער). אַלע שותּפים זענען געווען בײַ דער מיינונג, אַז דער פּאַסיקסטער צו דער ראָלע וועט זײַן בן־ציון וויטלער. כאָטש איך האָב מיט וויטלערן נישט גערעדט, האָב איך דאָך אײַנגעשטימט און געהייסן מײַנע שותּפים אים אַנגאַזשירן, אָבער איך האָב מיט אים פּערזענלעך נישט געוואָלט האַנדלען. מײַנע רייד זאָלן אים נישט זײַן צו שווער, ער האָט מיך געהאַט שטאַרק באַעוולט אַ מאָל אין פּוילן. ער האָט בײַ מיר אָפּקאָפּירט „אַ חתונה אין שטעטל״, דאָס אָנגערופן „יאַסעלעס חתונה״ און געשטעלט די פּיעסע אין ביאַליסטאָק, ריגע און קאָוונע, ווו איך האָב דאָס שוין מער נישט געקאָנט שפּילן. ס׳הייסט

אַפּקאָפּירט האָט דאָס פֿאַר אים אַ בחור פֿון ביאַליסטאָק מיטן נאָמען ישׂראל בעקער. (מיט יאָרן שפּעטער, אין ישׂראל, האָט זיך בעקער מודה געווען, אַז ער האָט דאָס ביי מיר אָפּקאָפּירט „אַ חתונה אין שטעטל" און פֿאַרקויפֿט וויטלערן פֿאַר 100 זלאָטעס. האָב איך אים געזאָגט, אַז ווען ער פֿאַרקויפֿט דאָס בעסער מיר גלייך צוריק, וואָלט איך אים באַצאָלט דערפֿאַר 200 זלאָטעס).

אין יענער צייט האָט מען באַשטימט פּראָבעס אין דער יוניאָן (יידישער אַקטיאָרן־פֿאַראיין) פֿאַר נייע חברים און לילי איז געווען די ערשטע אויפֿן צעטל. נישט נאָר זי, נאָר אַלע פֿריש אָנגעקומענע פֿון אייראָפּע אין די לעצטע עטלעכע יאָר, דינה האַלפּערין, וויטלער, לעאָן ליבגאָלד און ליליאַנאַ, מאַלווינאַ ראַפּעל א"אַ (די זעלבע פּראָבע וואָס איך האָב מיט יאָרן פֿריִער געגעבן ווען מען האָט מיך דאָס ערשטע מאָל אַדורכגעוואָרפֿן און פּאָול מוני האָט זיך אָנגענומען מיין קריוודע). לילי איז אָבער אַדורך מיט פֿליענדיקע קאָלירן (ווי מען זאָגט אויף ענגליש), קיין איין „ניין" האָט זי נישט באַקומען. איך בין מיט איר געווען זייער שטאָלץ.

זינט איך האָב לילין צוריקגעבראַכט קיין ניו־יאָרק ווי מיין פֿרוי, האָט זיך געהאַט געשאַפֿן אַ וואַרעמע פֿריינדשאַפֿט צווישן איר מיט מיין זון דיקי. ער איז שוין געווען 14־15 יאָר אַלט און האָט לילין זייער ליב באַקומען. זי פֿלעגט זיך מיט אים אָפּגעבן אויף אַן אינטעליגענטן אופֿן און אים געווען אַ גוטער פֿריינד. מיך האָט דאָס זייער געפֿרייט. ער פֿלעגט קומען צו אונדז אויף מיטאָג, זי פֿלעגט אים נעמען אין די געשעפֿטן און אים קויפֿן קליידער, שיך אויף יום־טוב. איך האָב זיך צווישן זיי נישט אַריינגעמישט. איך האָב געוואָלט אַז זייער פֿריינדשאַפֿט זאָל זיין אַ נישט־געצוווּנגענע.

זיין מוטער איז געשטאַנען אין שידוכים, פֿלעגן זיי פֿאַרלייקענען אַז דיקי איז איר זון. איר מאַמע פֿלעגט אים פֿאָרשטעלן פֿאַר די חתנים־קאַנדידאַטן ווי איר ברודערל. פּלוצעם האָט דיקי אויפֿגעהערט צו קומען צו אונדז אין שטוב. איך האָב דערפֿילט, אַז עפּעס איז געשען. איך האָב לאַנג נישט געדאַרפֿט וואַרטן. מיין שוויגער, לילי'ס מוטער, האָט מיר געבראַכט דעם ענטפֿער. אַריינגייענדיק אין ברוקלין אין אַ גוט־באַקאַנטן רעסטאָראַן האָט זי דערזען עדנאַן זיצן ביי אַ טיש מיט אַ באַלעבאַטישן מאַן. זי האָט געטראָגן אַ קידושין־רינגל. אַ סימן, אַז זי האָט געמוזט חתונה האָבן טאַקע מיט יענעם מאַן און דערפֿאַר לאָזט זי דיקין נישט קומען צו אונדז.

לויטן געזעץ האָב איך אַחוץ אויסהאַלטן מיין קינד ביז 18 יאָר אויך געמוזט איר צאָלן גרויסע אַלימענטן. עס פֿלעגט מיר ווי טאָן צו טראַכטן, אַז מיין פֿרוי אַרבעט באַגלייך מיט מיר און העלפֿט מיר צאָלן אַלימענטן עדנאַן. אַצינד, ווייזט אויס, האָט זי מורא געהאַט, אַז איך וועל דורך דיקין זיך דערוויסן וועגן איר חתונה און אויפֿהערן איר צאָלן אַלימענטן. נו, מילא. אַבי שוין געפּטרט אַ צרה. איך האָב איר דערלאַנגט דורכן טעלעפֿאָן וואָס מיר איז געווען אויפֿן האַרצן און — דאַנקען גאָט — שוין פֿאַרמאַכט דאָס קאַפּיטל עדנאַ.

אויף פסח 1944 בין איך אַרײַן אין „האָפּקינסאָן"־טעאַטער אין ברוקלין. (דאָרט װוּ איך האָב נאָך מײַן אָנקומען אין לאַנד געשפּילט מיט די זילבערטס, דאָרט װוּ לילי האָט אַלס 6־יאָריק מײדעלע געװוּנט אַנטקעגן און פלעגט נאָכלויפן די אַקטיאָרן). אויפגעפירט האָב איך דאָן אַ נײַע פּיעסע, װאָס פרײמאַן האָט אָנגעשריבן פאַר לילין מיט מיר אונטערן נאָמען „דער רויטער סאָלדאַט". מוזיק האָט אָנגעשריבן משה רויך. דער סענטימענט אין אַמעריקע איז דאָן געװען פּראָ־רוסלאַנד. די פּיעסע האָט פאַרמאָגט אַ סך רוסישע לידער און איז געװען אַ מוסטער פאַר אַ בריק צװישן רוסלאַנד און אַמעריקע. מיטגעשפּילט האָבן פלאָרענס װײַס, װי אויך אַ נײַ־אַנטדעקטער אַקטיאָר, װעלכן איך האָב אַרויסגעבראַכט אויף דער בינע צום ערשטן מאָל. אַ בחור פון 18 יאָר מיטן נאָמען פּײַװיש פּינקל. (מיט יאָרן שפּעטער האָט זײַן זון, עליאָט פּינקל, אָנגעהויבן זײַן קאַריערע אַלס מוזיק־דיריגענט — אויך מיט מיר).

פּײַװישעס טאַטע איז געװען איבער גליקלעך און מיר געװוּנטשן דאָס אײביקע לעבן. ער האָט געשטרעבט אַז פּײַװיש זאָל װערן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און זײַן װוּנטש איז מקוים געװאָרן. בעת דעם שרײַבן איז פּײַװיש אַן אַקטיאָר אויף בראָדװײ און שפּילט שוין פיל יאָרן אין פאַרשידענע טרופּעס. דאָן איז ער געװען אַ הויכער, דאַרער בחורל מיט אַ קאָמישן אויסזען. הײַנט איז ער אַ פאָטער פון צװײ גרויסע מוזיקערס.

דער דערפאָלג פון „דער רויטער סאָלדאַט" האָט געפירט צו מײַן װערן אַ שותף מיט אָסקאַר גרין צום טעאַטער אויף דעם קומענדיקן סעזאָן 1944/45. אַזוי װי לואיס פרײמאַן האָט דאָן געגעבן דורך ראַדיאָ װ.א.װע.דע. אַ נײַע סענסאַציע־סעריע „װער איז שולדיק", האָבן מיר באַשטעלט ער זאָל אונדז דאָס איבערשרײַבן װי אַ פּיעסע. נישט געװען קײן אין יִדישע שטוב װאָס האָט זיך צו דעם נישט צוגעהערט.

הכלל, קײן גרעסערן דערפאָלג האָבן מיר זיך נישט געקענט װינטשן. איליאַ טרילינג האָט געשריבן דערצו מוזיק. עס האָט זיך געהאַנדלט (װי אין אַלע פּיעסעס דאַן) װעגן מלחמה און װי אַזוי דאָס רירט אָן אַ יִדישע משפּחה אין אַמעריקע. מיר האָבן געמוזט אַנגאַזשירן אַ טרופּע פון 16 אַקטיאָרן און אַ גרויסן אָרקעסטער, לויט די געזעצן פון די יוניאָנס, און די געשעפטן זענען געשטיגן ביזן הימל.

פּלוצעם באַפאַלט אונדזער טרופּע אַ מחלה: שװאַנגערשאַפט. די גאַנצע טרופּע הײבט אָן צו שװאַנגערן...

קודם העגריעטאַ דזשײקאָבסאָן, װעלכע האָט דאָן געבוירן איר זון ברוס (הײַנט אַ טאַלאַנט אויף דער אַמעריקאַנער בינע). גלײַך נאָך איר די פרוי פון אלי מינץ (ברודער פון לודװיג זאַץ), נאָך דעם האָט געמאָלדן בען באָנוס (װעמענס ערשטער

טעאַטער־סעזאָן דאָס איז געווען) אַז זײַן פּרוי איז אויך מעוברת און אחרון אחרון, דערוויס איך זיך, אַז מײַן ווײַבעלע לילי וועט מיך אויך באַלד מאַכן פֿאַר אַ טאַטן.

דעם אמת געזאָגט האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן, זיך דערוויסנדיק די בשׂורה. מיר זענען געווען אַזוי גליקלעך מיט אונדזער צוזאַמענלעבן. דאָס ערשטע מאָל אין אַזוי פֿיל יאָרן ווי איך האָב זיך געפֿילט פֿרײַ ווי אַ פֿויגל און אין דער זעלבער צײַט געהאַט מײַן חברטע. איך האָב מורא געהאַט, אַז אַ קינד וועט דאָס קאָמפּלי־צירן. און ווידער, איך האָב שוין געהאַט געליטן צוליב דער ליבע צו מײַן ערשטן זון. לילי אָבער האָט מיר אויפגעקלערט ווי נאַריש איך בין. זי האָט דווקא געוואָלט פֿאַרהיילן מײַן ווייטיק מיט נאָך אַ קינד, וואָס זאָל אין גאַנצן געהערן צו מיר, צו דערציִען אים לויט מײַן שטייגער. אַ קינד וואָס קיינער קען בײַ מיר נישט צונעמען.

עס וועט אָבער זײַן שווער, האָב איך געטענהט, צו דערציִען אַ קינד, ווען מיר מוזן אַרומפֿאָרן.

— נאַרעלע — האָט מיך לילי באַרויִקט — מײַנע עלטערן וועלן זײַן גליקלעך אונדז צו העלפֿן. אַז מיר וועלן געבענטשט ווערן מיט אַ צווילינג האָבן מיר זיך גאַרנישט פֿאַרגעשטעלט.

איך געדענק דײַטלעך דעם אָוונט ווען מיר האָבן שפּאַצירט אַהין און צוריק אויף דער סעקאָנד עוועניו, לעבן אונדזער שטוב, און דיסקוטירט. זי האָט מיך דאַן צוגעפֿירט צום קאַפֿע „ראַיאַל" אויפֿן צווייטן עק גאַס און מיר האָבן אַרײַנ־געקוקט דורך די פֿענצטער. זע! — האָט זי מיר אָנגעוויזן — קוק אָן אַהרון לעבעדיעוו מיט זײַן פֿרוי. זיי זיצן דאָ טאָג־טעגלעך. קוק אָן די גערמאַנס, מישאַ און לוסי. אויך זיי קומען אַהער פֿאַרברענגען נאַכט נאָך נאַכט. צי ווייסטו פֿאַר וואָס? ווייל זיי האָבן נישט וועמען צו באַזוכן. קיין קינדער און אייניקלעך, וועלכע זאָלן קומען זיך אינטערעסירן מיט זיי. דאָס איז אַ פֿאַלש לעבן. איך וויל נישט פֿאַרעלטערט ווערן אויף אַזאַ אופֿן. מיר וועלן האָבן משפּחה, קינדער און קינדס־קינדער, אַ טרייסט אויף דער עלטער. (און אַ דאַנק מײַן לילין איז עס טאַקע הײַנט אַ ווירקלעכקייט).

הכּלל, אונדזער טעאַטער מיט אַלע שוואַנגערנדיקע אַקטריסעס, איז אַרײַן אין דער מאָדע. באַלד האָבן מיר דערהערט, אַז אסתּר זאַלצמאַן און דייוו לובריצקי ריכטן זיך אויף אַ קדיש, ווי אויך רבקה, דאָס נײַע ווײַבל פֿון לעאָ פֿוקס.

אָט די אַלע אויבן דערמאָנטע קינדער זענען טאַקע געבוירן געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר. עס איז געווען אַ פּראָדוקטיוו יאָר אין יידישן טעאַטער.

אָבער קיינער, איך שטרײַך אונטער, ק י י נ ע ר, האָט זיך נישט געקענט באַרימען מיט אַ צווילינג, קיין עין־הרע. אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע, אונדזער מאַטעלע און זיסעלע, האָט מיר לילי געבוירן דעם ערשטן יולי 1945, 9 אַ זייגער אין דער פֿרי. אַזוי זענען מיר פֿון צוויי געוואָרן פֿיר.

אונדזער ליבער צווילינג האָט געמאַכט זײַן דעביוט יענעם זונטיק אין דער פרי.

5. מאָטעלע און זיסעלע

עס זענען אַרײַן צו אונדז אין שטוב צווי מלאכימלעך, צווי ליאַלקעס און אונדזער פרייד איז געווען נישט צו באַשרײַבן. בײַם ברית איז געווען פאַרטראָטן די גאַנצע טעאַטער־משפחה און כאָטש עס איז נאָך געווען מלחמה־צײַט און פלייש איז געווען ראַציאָנירט, האָבן מײַנע שוויגער־עלטערן געהאַט אַ יוגנט־פרײַנד מיט אַ ווורשט־פאַבריק. די באָבע האָט אַליין געמאַכט מאַרינירטן הערינג און איז אַרומגעגאַנגען צעטיילן יעדן איינעם אַ שטיקל פון איר אייגענעם געבאַקענעם פלאָדן. (זי האָט מורא געהאַט עס זאָל נישט אויספעלן). מיר האָבן געהאַט אַ נאָענטן פרײַנד, אַ ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער מיט אַן אייגענער פאַבריק פון אײַזקרעם, אַזוי אַז נישט נאָר אונדזערע געסט נאָר דער גאַנצער שפּיטאָל מיט אַלע קימפעטאָרינס האָבן געגעסן אײַזקרעם. איך דערמאָן זיך, אַז אין דער זעלבער וואָך זענען אין דעם קינדער־שפּיטאָל — (ד״ר לעוו׳ס מאַטוירניטי האָספּיטאַל) געבוירן געוואָרן דרײַ פּאָרלעך, צווילינגס, אין דרײַ טעג, און אַלע דרײַ פּאָרלעך זענען געווען געמישטע — אַ יינגל מיט אַ מיידל — מײַנע, נאַטירלעך, זענען געווען די שענסטע!...

פאַר לילין מיט מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן. געווױנט האָבן מיר אין אַ פּענטהאַוז־דירה אויפן 15טן שטאָק. זי איז באַשטאַנען פון איין גרויסן צימער, אַ קליינע קיך און צווי גוואַלדיק גרויסע שאַפעס.

אַהיימברענגענדיק פון שפּיטאָל מײַן נײַע משפחהלע האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַ גרויסע דירה. אין דער צײַט פון לילים שוואַנגערשאַפט האָט אונדז עמעצער געהאַט רעקאָמענדירט אַ גוטע דינסט פון דעם אינדזל דזשאַמײַקאַ. איך האָב בלויז באַדאַרפט איר שיקן פאַפירן, ווערן איר „ספּאָנסער״. בין איך מיט אַ מאָל געוואָרן אָבערגלויבעריש און גאָרנישט געוואָלט צוגרייטן ביז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן, אַפילו קיין שפּילקע נישט צוגעגרייט. (אויף אַ צווילינג האָבן מיר זיך גאָרנישט געריכט). לילי האָט מיך געבעטן, זי האָט געוואָלט באַשטעלן אין דעם גרויסן געשעפט „מייסיז״ אַלץ וואָס אַן עופעלע דאַרף, בלויז באַשטעלן און געבן האַנטגעלט, ווײַל דאָרט פירט זיך, אַז אויב עס ווערט געבוירן אַ צווילינג דאַן גיבן זיי אַ מתנה אַלצדינג פאַרן צווייטן קינד. נו, בין איך דאָך געווען פסח־עקשן און האָב נישט געוואָלט באַשטעלן. עס איז נישט מזלדיק — איז געווען מײַן טענה.

האָבן מיר געהאַט געהאַקטע צרות זוכנדיק אַ גוטע דינסט אָדער אַ ניאַנקע. צוליב דער מלחמה איז געווען נאָך שווערער. די דינסטן זענען ביי אונדז געפלויגן איינע נאָך דער אַנדערער. די וועלכע איז מיט לילין און די קינדער אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל האָט מאָטעלען שיִער נישט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. לילי איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט גיך ווי אַ וויכער און אים געכאַפּט אין דער לופט (זי זאָגט מיר צו, אַז זי וועט אַ מאָל נאָך אָנשרייבן אַ בוך „מיינע דינסטן און איך" און עס וועט אַרויס אַ בעסט־סעלער).

ענדלעך האָב איך באַקומען אַ דירה אויפן ווינקל פון 2טער עוועניו און 10טע גאַס. נישט אין אַזאַ לוקסוסאָווער געביידע ווי אונדזערע, נאָר גאַנץ באַלעבאַטיש. צוליב דער מלחמה, ווי דער שטייגער פירט זיך, איז אַלץ געווען ברען־טייער. מיך האָט געקאָסט בלויז 5.000 דאָלאַר שליסלגעלט פאַר דער דירה פון 5 צימערן (אין יענע יאָרן האָט מען שוין באַלד געקענט קויפן אַ הויז פאַר דער סומע). טויזנט דאָלאַר דעם סטרוזש „אונטערנטיש־געלט" בלויז פאַר רעקאָמענדירן די דירה און 4.000 דאָלאַר אַ געוויסער פרוי שאַפּיראָ. עס האָט געהייסן אַז איך קויף אָפּ ביי איר די מעבל וואָס זי האָט אונדז איבערגעלאָזן... אַלטע צעבראָכענע בעטן, וועלכע איך האָב סיי ווי אַרויסגעוואָרפן. חוץ דעם האָב איך דער פרוי שאַפּיראָ נאָך אָפּגעטראָטן אונדזער דירה אין דעם עלעגאַנטן "וואָרען האָל". ס׳הייסט מיר האָבן זיך געביטן מיט די דירות נאָר זי האָט דערביי פאַרדינט 4.000 דאָלאַר.

די מלחמה האָט זיך ענדלעך געענדיקט און עס זענען אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד אין די לאַגערן הערמאַן יאַבלאָקאָף, געשיקט פון דזשאָינט־קאָמיטעט. גלייך נאָך אים מאַלי פּיקאָן מיט יעקב קאַליך. איך האָב געחלשט פאָרן. וואָס הייסט? עס איז דאָך מיין אייראָפּע מיט מיינע יידן! נאָר גיי לויף, גיי פלי, אַז איך האָב צוויי ניי־געבוירענע עופעלעך און בין נאָך אַ שותף אין טעאַטער. מיר האָבן צום צווייטן סעזאָן אין האָפּקינסאָן־טעאַטער געשטעלט נאָך אַ ראַדיאָ־סענסאַציע פון פריימאַן „ערלעך איז שווערלעך" און די געשעפטן זענען געווען גלענצנדיקע, טאַקע דערפאַר ווייל די מלחמה האָט זיך געענדיקט. גיי פלי קיין אייראָפּע מיט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיט אַ הויזגעזינד און מיט אַ טעאַטער.

ווי האָט געזאָגט מיין חבר איציק? — איך הייב די פליגל, עס איז מיר שווער,
/ צו פיל, צו פיל זאַכן האָט די מאַמע אָנגעטאָן / דעם פייגעלע, דעם שוואַכן.

הכּלל, פאָרן האָב איך נישט געקענט אָבער געשוויגן האָב איך אויך נישט. איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען, פון דער ווייטנס. אַוועקגעשיקט געלט, קליידער, פּעקלעך עסן און פאַר דער בינע שמינק מיט קאָסטיומען. איך האָב געזוכט קרובים, פריינד. פון מיין גאַנצער משפּחה אין פּוילן איז בלויז איינע פאַרבליבן, מיין קוזינע טאָבעלע...

מײַן עלטערער זון, דיקי איז שוין געווען 18 יאָר ווען דער צווילינג איז געבוירן געוואָרן. ער פלעגט אָפט קומען צו אונדז און האָט אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט צו די קינדער און זיי צו אים. איך האָב שטאַרק געהאָפט אַז צווישן מײַנע דרײַ קינדער וועט הערשן די זעלבע ליבשאַפט און צוזאַמענלעבן ווי עס האָט געהערשט בײַ מײַנע עלטערן אין שטוב צווישן דעם טאַטנס קינדער און דער מאַמעס קינדער מיט אונדז, די קלענערע. איך בין זיכער, אַז מײַן ווונטש וואָלט מקוים געוואָרן, ווען נישט די שׂינאה פון זײַן מוטער מיט זײַן באָבען.

זיי האָבן אים צו ביסלעך אָוועקגעריסן פון אונדזער שטוב מיט רכילות און אײפערזוכט. צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז זײַן מוטער, כאָטש זי האָט חתונה געהאַט, האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין פּלאַץ פאַר דיקין אין איר נײַ פאַרהייראַט לעבן.

בײַ אונדז אין שטוב האָט עקסיסטירט אַ צווייטע סיטואַציע. מיר האָבן אָנגע־הויבן שפּילן אַרום ניו־יאָרק און געמוזט די קינדערלעך איבערלאָזן, אי מיט אַ דינסט און אי מיט ליליס עלטערן, אַזוי אַז קיין פּלאַץ און קיין אַטמאָספער האָט ער בײַ אונדז אויך נישט געפונען. מ׳האָט אים אײַנגערעדט, אַז צוליב מײַנע „נײַע" קינדער איז ער בײַ מיר בלויז „אַ פינפטער ראָד צום וואָגן"!

די נאָענטסטע איז פאַר דיקין געווען זײַן באָבע, וועלכע האָט אים אייגנטלעך דערצויגן, און ווען זי איז געשטאָרבן, איז ער באמת פאַרבליבן פאַריותמט.

פון רחמנות איז מײַן זון אַוועק ווינען מיט זײַן מוטער ווען איר צווייטער מאַן איז געשטאָרבן און אַזוי ביזן הײַנטיקן טאָג. ער איז אַצינד פאַר איר, דאָס וואָס זי איז קיין מאָל נישט געווען פאַר אים — איר טאַטע, איר מאַמע, איר פאַרזאָרגער, איר גאַנצע וועלט! אָבער זײַן וועלט האָט ער צוליב איר פאַרשפּילט!

אין יאָר 1947, ווען מאַטעלע און זיסעלע זענען אַלט געווען ווייניקער פון 2 יאָר, האָבן מיר זיי איבערגעלאָזט, דאָס ערשטע מאָל, כּדי מאַכן אַ רײַזע קיין אַרגענטינע. געפאָרן זענען מיר צו די שטראַמערס אין טעאַטער „סאַלעיל", מיט אונדזערע נײַע צוויי סוקצעס־פּיעסעס, „ערלעך איז שווערלעך" און „טויזנט ווײַבער". מיר זענען קוים אויסגעזעסן די צען וואָכן! זיך נישט געקענט דערוואַרטן אַהיימצוקומען צו אונדזערע צוויי אוצרות.

אַ קאָמעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט יעדעס מאָל ווען מיר האָבן געמוזט פאָרן שפּילן אויף עטלעכע וואָכן! מיר זענען אַרויס פון שטוב מיט אונדזערע טשעמאָ־דאַנעס, און ליליס עלטערן זענען אַרײַן מיט זייערע טשעמאָדאַנעס! עס האָט אויסגעזען ווי אַ קאָמישער סקעטש.

צו צוויי און אַ האַלב יאָר האָבן שוין די קינדער געהאַט זייער ערשטן דעביוט אויף דער סצענע. דאָס איז געשען אין דעם „נעשאָנעל־טעאַטער", אין אַ געווויסן זונטיק בײַ טאָג, יום־טוב־צײַט, ווען חנוכּה איז אויסגעפאַלן צוזאַמען מיטן קריסטלעכן יום־טוב, און אויף יעדער גאַס האָט מען געזען אַ „סאַנטאַ קלאָוז" מיט אַ באָרד.

אונדזער דינסט האָט די קינדער צוגעבראַכט צו אונדז אין טעאַטער, ווען איך בין געשטאַנען אויף דער בינע און געזונגען מײַן ליד. פּלוצעם האָבן די אַקטיאָרן מאַקס באָזשיק און דזשוליוס אַדלער דערזען ווי מײַן מײַקעלע שטייט בײַ דער זײַט און זינגט מיר נאָך, צוקלאַפּנדיק צום טאַקט. זיי האָבן לאַנג נישט געקלערט, אָנגעטאָן דעם קליינעם אין אַ צילינדער, מיט אַ פאַלשער באָרד, און אים אַרויס־געשיקט צו מיר. ער האָט זיך גאָרנישט געשעמט, איז אַרויס אויף דער בינע און געשמייכלט צום פּובליקום. איך הער אין מיטן מײַן זינגען, אַז דער עולם קוויטשעט פון געלעכטער — איך דריי זיך אויס און דערזע דעם קליינעם באַנדיט מיט דער באָרד.

איך האָב אָפּגעשטעלט דעם אָרקעסטער, אים צוגערופן צו זיך — אַראָפּגעלאָזט דעם מיקראָפאָן צו זײַן הייך, און האָב אים געפרעגט: „ווער ביסטו? — דאָס קינד האָט אַפילו נישט געקלערט און מיר געענטפערט —— „איך בין סאַנטאַ קלאַוז״ — „וואָס ווילסטו דאָ?״ — האָב איך אים געפרעגט — „איך וויל זינגען״ — האָט ער אויף אַ קול אַרויסגעשריגן, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט זינגען מײַן ליד „האָצאַ מאַמע״, זיך צעשאָקלענדיק! דער מוזיק־ליטער מעני פליישמאַן האָט אים אַקאָמפּאַנירט מיטן אָרקעסטער און דער קליינער מײַק איז אַראָפּגעלאָפן פון דער בינע מיט אַזאַ דונער־אַפּלאָדז, וואָס דער גרעסטער סטאַר אין דער וועלט האָט נאָך נישט באַקומען — פון זיך אַליין איז ער צוריקגעקומען זיך בייגן — און געבייגט האָט ער זיך ווי אַ „שעקספּיר־אַקטיאָר״ — איך געדענק ווי אַ ייִד האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער ערשטער ריי און אים דערלאַנגט אַ זילבערנעם דאָלאַר! „נאַ, ייִנגעלע״, האָט ער דערבײַ געזאָגט, „באַהאַלט דעם דאָלאַר! דו וועסט אַ מאָל זײַן אַ גרויסער סטאַר!״ דער ייִד האָט טאַקע געטראָפן!

אין 1949 האָבן מיר באַקומען אַן אײַנלאַדונג קיין לאָנדאָן אין דעם גרויסן טעאַטער „גראַנד אַלעקסאַנדער״ אין סטאָוק ניואינגטאָן. דער טעאַטער וווּ איך האָב אַ מאָל געשפּילט, „פּאַוויליאָן״, אויף ווייטשעפּל, האָט שוין מער ניט עקסיס־טירט, באָמבאַרדירט געוואָרן בעת דער מלחמה און דאָ איז שוין געווען אַ נײַע ייִדישע געגנט וווּ פיל ייִדן האָבן זיך איבערגעצויגן פון דער איסט ענד.

פּונקט האָט זיך מײַן שוויגער נישט געפילט ווי צום בעסטן — און עס פעלן דאָך קיין מאָל נישט אויס קיין אונטערזאָגערס (צווישן פרײַנד אָדער משפּחה) וואָס זאָלן אַ בורטשע טאָן: „ווי לאַנג איז דער שיִער, אַז איר זאָלט זײַן פאַר־שקלאַפּט מיט די קינדער און זיי זאָלן אַרומפאָרן?״ איז עס דאָ אויך פאָרגעקומען און מײַן שווער האָט זיך אויף אַ גוטמוטיקן וועג אָנטקעגנגעשטעלט. „קינדער, ס'איז פאַר אונדז אַ ביסל צו שווער. די מאַמע איז נישט געזונט און איר דאַרפט נישט אַרומפאָרן כל־זמן די קינדער זענען נאָך קליין״. דערצו האָט ער צוגעגעבן אַן אַלט ווערטל — „דער אמת איז, אַז מיר האָבן אונדזערע דערצויגן, אַצינד דאַרפט איר דערציִען אײַערע״. טאַקע אמת געווען, אָבער אין אונדזער פּראָפעסיע

קען מען אַנדערש נישט מאַכן. מען מוז פֿאָרן כּדי צו פֿאַרדינען. קיין סוחר קען איך שוין נישט ווערן.

איך האָב לאַנג נישט געקלערט און אויסגעזוכט די בעסטע פֿאַרמאַכטע שולע נישט ווײַט פֿון שטאָט. אַ שולע ווו מיליאָנערן שיקן זייערע קינדער. כאָטש דער צווילינג איז נאָך נישט געווען 6 יאָר אַלט, ווי עס פֿאָדערט זיך, האָט מען זיי דאָך אַקצעפּטירט נאָך אַן אינטערוויו און געפּסקנט, אַז זיי פֿאַרמאָגן אינטעליגענץ פֿון 7־יעריקע קינדער. (זיי זענען נאָך קיין 5 יאָר נישט אַלט געווען).

— פֿאַרפֿאַלן. אַזאַ איז דער גורל — האָב איך מײַן ווײַב געטרייסט. סוף־כּל־סוף מוזן זיי דאָך באַקומען בילדונג. קיין בעסערע שולע קען מען זיך נישט ווינטשן. בעסער זיך צוגעוווינען קלײנערהייט. ווען מיר וועלן זײַן אין ניו־יאָרק וועלן זיי זײַן מיט אונדז און בײַם אַרומפֿאָרן וועלן זיי זײַן אָפּגעהיט צווישן אַנדערע קינדערלעך מיט דער בעסטער באַדינונג. ליליס טרערן האָבן געקענט אָנפֿילן אַ טײַך, ווען זי האָט באַדאַרפֿט אָנטשעפּען זייערע נעמען צו אַלע זייערע זאַכעלעך, צו די קליידעלעך, די הייזעלעך, אאַז״וו.

אַלץ איז שוין געווען פֿאַרטיק און איך האָב שוין אַפֿילו געהאַט אײַנגעצאָלט אין דער שולע. אַזאַ איז דער גורל פֿון קינדער פֿון אַקטיאָרן. אין זיך האָב איך טאַקע געשטיקט דעם ווייטיק און געמאַכט אַ פֿריילעך פּנים. אָבער ווי נאָר מײַנע שוויגער־עלטערן האָבן זיך דערוווּסט פֿון אונדזערע פּלענער זענען זיי געקומען צו לויפֿן פֿאַרצווייפֿלטע: סטײַטש, מיר גיבן אַרײַן די קינדער אין אַ בית־יתומים? צו דעם וועלן זיי נישט דערלאָזן. פֿאַרפֿאַלן — האָב איך זיי געענטפֿערט — עס איז שוין אַלץ אַראַנזשירט. האָבן זיי צו אונדז צוגעשיקט דעם זיידן. זיידעס פּיניע איז געקומען און אונדז געגעבן אַ פּסק. צי זענען מיר משוגע געוואָרן וואָס מיר גיבן אַוועק די קינדער. אין זייער משפּחה איז אַזאַ זאַך נאָך נישט פֿאָרגעקומען. איך האָב אים דערקלערט, אַז הײַנט זענען אַנדערע צײַטן און כּדי זיי אַלעמען צופֿרידנשטעלן האָבן מיר דער מאַמען מיטן זיידן צוגעפֿירט אין דער שולע זיי ווײַזן וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ דאָס איז. מיר האָבן שוין געהאַט אָפּגעזאָגט אונדזער דינסט, באַצאָלט פֿאַר דער שולע און אָט איבער מאָרגן וועלן מיר זיי אַוועקפֿירן אין דער שולע, דאָס הייסט שבת, ווײַל זונטיק גאַנץ פֿרי מוזן מיר אָפּפֿליִען קיין לאָנדאָן.

פּלוצעם באַקום איך אַ טעלעפֿאָן־געשפּרעך פֿון לאָנדאָן, אַז מיר מוזן שבת דאָרט זײַן, כּדי מען זאָל אונדז אין אָוונט פֿאָרשטעלן פֿון דער בינע. אַזוי פֿירט זיך דאָרט. האָבן מיר שוין קיין ברירה נישט געהאַט ווי בעטן ליליס עלטערן קומען צו אונדז פֿרײַטיק, מיר וועלן קענען אַוועקפֿליִען אין דער פֿרי און זיי וועלן שוין די קינדער אַוועקפֿירן אין דער שולע זונטיק. און יעדן פֿרײַטיק וועט דער זיידע זיי קומען נעמען צו זיך אויף סוף וואָך.

די שוויגער־עלטערן זענען געקומען אויספֿירן אונדזער פֿאַרלאַנג. פֿרײַטיק בײַ נאַכט האָבן מיר די קינדער געלייגט שלאָפֿן אין זייערע בעטעלעך און זיי

טויזנט מאָל אָנגעקוקט. אַלע פיר זענען מיר געזעסן נאָך דעם מיט טרויעריקע פּנימער. געקומען דער שבת־אינדערפרי און מיר זענען אָפּגעפלויגן קיין לאָנדאָן. 7 שעה האָט געדויערט דאָס פליִען און 7 שעה האָט לילי נישט אויפגעהערט צו וויינען.

היות מען פאַרלירט 5 שעה איבערפליִענדיק דעם ים, זענען מיר אָנגעקומען קיין לאָנדאָן גאַנץ פרי און עס איז נאָך אַלץ געווען שבת. פאַרנדיק אין האָטעל האָב איך אויפן וועג געזען אַ סך צעבאָמבאַרדירטע הײַזער, פּונקט ווי עס וואָלט זיך נעכטן געהאַט געענדיקט די מלחמה. איך האָב דערזען אין גאַנצן אַן אַנדער שטאָט ווי די לאָנדאָן פון אַ מאָל.

איבערגעשלאָפן די פּאָר שעה וואָס מען איז נישט געשלאָפן בײַ נאַכט, זענען מיר אַוועק אין דעם „גראַנד אַלעקסאַנדער"־טעאַטער ווו מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט די באַלעבאַטים און אונדזער טרופּע און מען האָט אונדז פאַרגעשטעלט פון דער בינע, אַנאָנסירנדיק, אַז פּסחקע בורשטיין און ליליאַן לוקס הייבן אָן שפּילן די קומענדיקע וואָך.

6. לאָנדאָן 1949

דער נײַער אימפּערעסאַריאָ אין לאָנדאָן האָט געהייסן מר׳ ביטלער. פון פאַך אַ בעקער, וועמען מען האָט „אַרײַנגעשלעפּט" ער זאָל אינוועסטירן געלט אין יידיש־טעאַטער צוזאַמען מיט נאָך 2 שותפים. אין טעאַטער־ענינים האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען. נישט געוווּסט אַפילו מיט וואָס מען עסט דאָס. אַקטיאָרן זענען געווען בײַ אים אַזוי ווי דאָס געבעקס פון זײַן בעקערײַ. אינטריגעס און סקאַנדאַלן זענען פאָרגעקומען ביז ער איז פאַרבליבן אַליין באַלעבאָס, אָן די שותפים. די עצה צו שיקן נאָך אונדז האָבן אים געגעבן די שוישפּילערס מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּעל, וועלכע זענען געקומען קיין לאָנדאָן פון ריגע אין דער צײַט פון דעם קריג און דאָרט שוין פאַרבליבן. זיי זענען געווען די ערשטע אַקטיאָרן אין דער טרופּע. דאָרט האָט זיך אויך געפונען מײַן אַלטער חבר פון פּוילן, לעאָן קאָסווינער.

עטאַ טאָפּעל האָט אין ריגע געשפּילט אַלס פּאַרטנערין פון בן־ציון וויטלער און קומענדיק קיין לאָנדאָן מיט איר מאַן האָט זי מיטגעבראַכט מיט זיך אַלע פּיעסעס, וועלכע זי האָט מיט וויטלערן געשטעלט. מיט אָט דעם באַגאַזש האָבן זיי די גאַנצע מלחמה־צײַט געשפּילט אין „גראַנד פּאַלעי"־טעאַטער צוזאַמען מיט דעם פֿײַנעם שוישפּילער מאיר צעלניקער און זײַן טאָכטער חנה.

איידער מיר זענען געקומען האָבן אין „גראַנד אַלעקסאַנדער" געשפּילט עטלעכע אַמעריקאַנער אַטראַקציעס: אירווינג גראָסמאַן מיט דײַנאַ גאָלדבערג, לעאָ פוקס

מיט זײַן פרוי רבקה, מיכאל ראָזנבערג און אויך הענריעטאַ דזשייקאָבסאָן מיט יוליוס אַדלער.

זײַענדיק אַנגאַזשירט אויף 10 וואָכן האָבן מיר מיט זיך מיטגעבראַכט אַ רעפּערטואַר, ווײַל מען האָט געמוזט אין לאָנדאָן אָפּט בײַטן די פּיעסעס, ווי אויך אַ גרויסן באַגאַזש פון קאָסטיומען צו דער בינע. חוץ דעם האָבן מיר געהאַט געשיקט מיט דער שיף אַ קאַסטן מיט קליידער פאַר מײַנע פלימעניקעס אין פּאַריז. מיר זענען שוין געווען מיט זיי אין פאַרבינדונג נאָכן קריג און געקלערט אַרײַנ־פאָרן צו זיי. אויך איז אונדזער האָפענונג געווען צו קענען פאָרן קיין ישראל.

הכלל, מיר האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, געמאַכט פּראָבעס און אָנגעהויבן שפּילן.

מיר האָבן כסדר געשריבן צו די קינדער אין דער שולע און צו ליליס עלטערן און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף ענטפערס, אָבער אומזיסט. דרײַ וואָכן זענען אַוועק. אויף דער פערטער וואָך זענען מיר שיִער נישט משוגע געוואָרן ווען עס איז ענדלעך אָנגעקומען פון מײַן שוועגער אַ בריוו.

זיי האָבן די קינדער נישט אַוועקגעפירט אין דער שולע. זיי האָבן געקוקט אויף די שלאָפנדיקע קינדערלעך און באַשלאָסן נישט צו צעברעכן זייער היים און זייער לעבנס־שטייגער, אַפילו מיר זאָלן בייז זײַן. זיי האָבן אַנאָנסירט אין דער יידישער צײַטונג און געפונען אַ יידיש מיידל פון מעקסיקאָ, אסתּר, וועלכע היט אָפּ די קינדער און אויך דאָס הויז. כאָטש די מאַמע איז פאַרנומען בײַ טאָג מיטן טאַטן אין זײַן אָפּיס, דאָך האָבן זיי זיך אַרײַנגעקליבן אין גאַנצן צו אונדז און אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג.

מיר האָבן זיך ביידע צעלאַכט מיט טרערן פון פרייד לייענענדיק דעם בריוו. קיין גרויסע איבעררעשונג האָט דאָס נישט געדאַרפט זײַן קענענדיק ליליס עלטערן. נו, מיר וועלן שוין נישט קאָנען פאָרן קיין ישראל, אָבער עס מאַכט נישט. אַבי די קינדער זענען אין דער היים און נישט אין דער פרעמד.

אין שלעכטע זאַך אָבער איז פאַרבליבן פון דעם אינצידענט. עס איז בײַ די קינדער פאַרבליבן אויף אייביק אַ שרעק פאַר פּריוואַטע שולן.

אין לאָנדאָן איז אין טעאַטער אַ מאָדע, אַז צווישן די אַקטן קאָן מען באַקומען הייסע מאכלים ווי אויך הייסע טיי. די קאָנצעסיע דערפון אין אונדזער טעאַטער איז געווען אין די הענט פון אַ פרוי, וועלכע האָט גלײַכצײַטיק געהאַט אַ יידישן רעסטאָראַן אין דער איסט־ענד. איר נאָמען איז געווען בעקי קאָהן און זי האָט אונדז אַדאָפּטירט, ווי מיר וואָלטן געווען אירע קינדער.

אַזוי ווי עס איז געווען זייער שווער דאַן צו באַקומען גוט עסן אין לאָנדאָן, האָבן מיר זיך מער נישט געדאַרפט זאָרגן. בעקי פלעגט אונדז האָדעווען מיט דאָס בעסטע און דאָס טײַערסטע. זי האָט אויך געהאַט אַ שם אין לאָנדאָן, ווײַל

צו איר פלעגן קומען אַלע דיפּלאָמאַטן עסן געפילטע פיש. דער גרעסטער גאַסט איז ביי איר געווען ווינסטאָן טשערטשיל. ווען ער איז צו איר געקומען עסן האָט בעקי קאָהן אויסגעשפּרייט אַ רויטן טעפּעך אויף דער גאַס און אויף די טרעפּ צום רעסטאָראַן. צו איר קאָכן האָט זיך קיינער נישט געקאָנט גלייכן. אירע עסנס ליגן מיר נאָך איצט אין טעם.

אין דער זעלבער צייט איז אויך ליליס אַלטער חבר דעני קיי געקומען שפּילן אין דעם „פּאַלאַדיום"־טעאַטער. ווען אונדזערס אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט האָט באַדאַרפן גיין צו אַ פּרעסע־קאָנפערענץ צו אים האָט לילי אין שפּאַס געבעטן: „זאָג דעניק, אַז לילי און פּסחקע זענען דאָ אין דעם יידישן טעאַטער". נו, ווער זאָל זיך ריכטן, אַז אין מיטן פון אַ פּראָבע זאָל מען לילין רופן צום טעלעפאָן? עס האָט געקלונגען דעני. ער האָט אונדז פאַרבעטן קומען צו אים אין טעאַטער, ווו ער איז אויפגעטראָטן עטלעכע מאָל אין טאָג.

הכלל, אין אַ פרייען טאָג זענען מיר טאַקע צוגעפאָרן אים זען הינטער די קוליסן. דעני איז שוין דאַן געווען אַ וועלטסטאַר, אָבער ער האָט זיינע אַלטע פריינד געוואָלט זען. ער האָט אונדז ווונדערלעך אויפגענומען. אַזוי ווי קיין לידיקע פּלעצער האָט ער פאַר אונדז נישט געקענט באַקומען אין טעאַטער, האָט ער געבעטן אַוועקשטעלן צוויי בענקלעך פאַר אונדז אין דער זייט פון דער בינע און פון דאָרט האָבן מיר געזען זיין אויפטריט. אַזוי ווי מיר האָבן זיך געאיילט צו זיין צוריק אין אונדזער טעאַטער אין צייט, האָט ער אונדז געגעבן זיין שאָפער מיט זיין ראָלס־רויס. די יידישע אַקטיאָרן זענען אַלע געווען איבערראַשט צו הערן, אַז שיִער, שיִער איז ער נישט געוואָרן אַ יידישער אַקטיאָר.

ווען מיר זענען געווען ביי דעניקן אין דער גאַרדעראָב האָט ער זיך פאַר אונדז באַקלאָגט, אַז ער האָט צרות, וואָס ער קען נישט באַקומען אַן עסן, וואָס זאָל אים נישט שאַטן. צווישן די פאָרשטעלונגען קאָן ער נישט אַרויסגיין פון טעאַטער, ווייל מענטשן שטופּן זיך אַזוי שטאַרק אים אָנצורירן, אַז מען האָט אים שוין געהאַט אָפּגעריסן אַ האַלבן זשאַקעט. בכלל האָט ער ליב געהאַט יידישע מאכלים. לילין איז איינגעפאַלן אַ פּלאַן. זי האָט אים דערציילט וועגן בעקי קאָהן און אַז זי וועט בעקין בעטן, וועט זי פאַר דעניקן אָפּקאָכן דאָס בעסטע. ער וועט אַפילו קאָנען מיטנעמען געקעכטס צו זיך אין האָטעל.

אַז בעקי האָט דערהערט צו וועמען לילי פירט זי, איז זי אַוועק צום פריזירער, זיך אונטערגעשוירן די האָר לויט דער נייעסטער מאָדע, אָנגעטאָן איר בריליאַנט פון 16 קאַראַט און געבאָרגט דורך איר ברודער אַ ראָלס־רויס מיט אַ שאָפער אין אוניפאָרעם. אין אַ דינסטיק ביי טאָג, פּונקט ווען דעניס ערשטער אויפטריט האָט זיך געענדיקט, זענען זיי צוגעפאָרן צו דעם בינע־אַריינגאַנג פון „פּאַלאַדיום". דאָרט איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטופּט ביי דער טיר, אפשר וועלן זיי באַקומען אַ בליק פון דעני קיי...

דערהערנדיק אַז אַ פּראָצעסיע בראש מיט אַ שאָפער, וואָס טראָגט אַ גרויסן טאָפּ, דערנענטערט זיך, האָט מען געמאַכט פּאַר זיי אַ וואַרע און לילי האָט דערהערט ווי אַ פרוי האָט אויסגעשריגן: „זעט, ליליאַן לוקס גייט דאָך אַרײַן צו דעני קיי״!

אַז דעני האָט דערזען ווי בעקי עפנט דעם טאָפּ און עס ליגט דערין אַ געבאַקענע קאַטשקע מיט מערן־צימעס און אין אַ צווייטן טאָפּ געפילטע פיש מיט חלה, איז ער געוואָרן מלא־שׂמחה. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט בעקין. זי איז אָבער געווען אַזוי צעחושט, אַז זי האָט פאַרגעסן דעם כריין. נאָר ער האָט איר מוחל געווען. עס האָט זיך דאָרט אָפּגעטאָן יענע שׂמחה און ער האָט גלײַך באַשטעלט בײַ בעקין אויף דאָנערשטיק אַ זיס־און־זויערן יויך פון קרויט.

לויט דעם בײַשפּיל פון בעקי קאָהן האָבן אַלע אָנגעהויבן ברענגען מיטאָגן צו דענין אין טעאַטער אַרײַן. די שוויגער פון דעם אָרקעסטער־דיריגענט האָט באַלד געשיקט אירע געפילטע פיש און אַפילו די אירלענדישע גויע, וועלכע פלעגט רוימען די גאַרדעראָבן האָט פאַר אים אָפּגעקאָכט אַן „איירישן סטיו״ (ענלעך צו אַ יידישן ראָסל־פלייש). עס האָט זיך געטאָן אויף טיש־און־אויף־בענק מיט ברענגען דענין וואָס בעסערע מאכלים.

(מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין געווען אין לאָנדאָן, האָב איך געזען אַ בילד וואָס דעני קיי האָט איבערגעלאָזט בעקין, אונטערגעשריבן: „צו בעקי קאָהן, די גרעסטע קעכין אין גאַנץ לאָנדאָן״).

מיר האָבן דערווײַל שוין געהאַלטן בײַ ענדיקן אונדזערע צען וואָכן אין לאָנדאָן און ביטלער האָט אונדז געבעטן בלײַבן נאָך אַ וואָך. אָבער מיט וואָס? מיר האָבן מער קיין פּיעסעס נישט געהאַט מיט זיך. האָט מיך מאַרק מאַרקאָוו געגעבן אַ געדאַנק: „שטעל אַ חתונה אין שטעטל״!

איך האָב געוווסט, אַז מאַרקאָוו האָט יאָרן לאַנג אין לאָנדאָן געשפּילט מײַן „אַ חתונה אין שטעטל״ און זיך דערמיט געשאַפן זײַן נאָמען. איך האָב אויך געוווסט אַז ווען אַ פּיעסע איז נישט געקויפט אין אָריגינעלער פאָרעם מוז זי עפּעס פאַרלירן. ווי אַזוי זיי האָבן געשפּילט האָב איך נישט געקענט וויסן. איינס אָבער האָב איך יאָ געוווסט, אַז „אַ חתונה אין שטעטל״ איז שוין שטאַרק אָפּגעשפּילט אין לאָנדאָן.

מאַרקאָוו אָבער, מיט וועמען מיר זענען געוואָרן שטאַרק באַפרײַנדט, האָט מיר צוגערעדט, איך זאָל שטעלן „אַ חתונה אין שטעטל״ ווי אַ געזעגענונגס־אָוונט. און ער וויל מיט מיר שפּילן דעם רב, יאָסעלעס טאַטע. הכלל, ער האָט מיך איבערגערעדט און איך האָב געשטעלט „אַ חתונה אין שטעטל״ מיינענדיק, אַז דער עולם וועט גאָר נישט קומען מיך זען. צו מײַן איבערראַשונג איז דער טעאַטער געווען געפּאַקט. איך האָב די פּיעסע געהאַט געשפּילט אין לאָנדאָן מיט 17 יאָר פריִער, אָבער דאָ איז איצט שוין געזעסן אַ נײַער עולם.

אַזעלכע אָפּלאָדיסמענטן און אַזעלכע געשרייען פון פּובליקום האָב איך שוין לאַנג נישט געהאַט געהערט. צו מאָרגנס, פרײַטיק, האָט מאַרקאָוו אונדז אײַנגעלאַדן

אויף אָונטברויט, זאָגנדיק אַז נאָך דער פּרעמיערע וועט ער האָבן פֿאַר מיר אַן איבעררעשונג. נאָכן אָפּעסן די פֿיש דערלאַנגט ער מיר אַ דין ביכל און זאָגט צו מיר: „קוק דאָס איבער, ווּעסטו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס איך האָב געוואָלט דו זאָלסט שפּילן די פּיעסע". עס איז געווען זײַן קאָפּיע פֿון „אַ חתונה אין שטעטל". איך האָב דאָס דורכגעבלעטערט און דערזען בלויז אַ סקעטש פֿון מײַן פּיעסע. איך האָב דאַן פֿאַרשטאַנען אַז מײַן ווערסיע פֿון „אַ חתונה אין שטעטל" האָט קיינער נישט געקאָנט שפּילן. (בלויז מײַן מאַטעלע, וועמען איך האָב געגעבן דאָס צו שפּילן מיט יאָרן שפּעטער).

אין דער יִדישער טעאַטער־פּראָפּעסיע אין אייראָפּע האָבן אַלע באַלד געוווּסט ווער עס שפּילט און ווּ. האָב איך פּלוצעם דערהאַלטן אין לאָנדאָן אַן אומדער־וואַרטן בריוו. דאָס איז געווען פֿון יעקב פֿישער, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד. אַצינד האָט ער זיך געפֿונען אין דײַטשלאַנד, ווּ טויזנטער יִדן האָבן געוווינט אין די די. פּי. ־לאַגערן. ער לייגט מיר פֿאָר קומען קיין דײַטשלאַנד אויף דרײַסיק קאָנצערטן צו טויזנט דאָלאַר אַ קאָנצערט.

מיר זענען געווען זיכער אַז ער נאַרט אונדז אָפּ און וויל אונדז פֿאַרשלעפּן קיין דײַטשלאַנד. דרײַסיק טויזנט דאָלאַר פֿאַרדינען אין די די.פּי.־ לאַגערן האָט דאָך געקלונגען אויסטערליש. מײַן פֿרוי האָט באַלד געזאָגט: פֿון וועמען זאָלן מיר דאָרט נעמען געלט? פֿון מענטשן וועלכע זענען אַרויס פֿון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן באָרוועס און נאַקעט? מען דאַרף דאָך זיי געבן.

ווער האָט זיך דען געקאָנט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ האַנדל און געשעפֿטן עס זענען פֿאָרגעקומען אין יענער עפּאָכע אין דײַטשלאַנד? עס זענען פֿאַראַן מענטשן, וועלכע האָבן געמאַכט פֿאַרמעגנס טאַקע דאַן. אָבער מיר האָבן דאָס נישט געקאָנט וויסן, זענען מיר געווען זיכער, אַז פֿישער בלאָפֿט אונדז. ער האָט געהאַלטן אין איין שרײַבן און עס קאָן זײַן, אַז ער וואָלט אונדז געווען איבערגערעדט, ווען נישט אַ וויכטיקער בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פֿון מײַן שווער און האָט צע־שמעטערט אַלע אונדזערע פּלענער.

דער דאָקטאָר וואָס האָט אונטערזוכט מײַנע קינדערלעך האָט באַפֿוילן, אַז מען מוז זיי מאַמענטאַל אויסשנײַדן די מאַנדלען פֿון האַלדז. ער האָט אונדז געהאָט געוואָרנט, אַז די מאַנדלען מוזן באַזײַטיקט ווערן. נאָר צוליב אונדזערע רײַזעס איז דאָס אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ געוויסער צײַט. אַצינד, האָט ער באַפֿוילן, מוז דאָס שוין געמאַכט ווערן.

מיר האָבן באַשלאָסן גלײַך אַהיימצופֿאָרן. דעם קאַסטן מיט קליידער האָבן מיר אָוועקגעשיקט קיין פּאַריז צו דער משפּחה און אָנגעהויבן אָראַנזשירן אונדזער רײַזע קיין ניו־יאָרק. מיר האָבן דאַן געראַטן לעאָ פֿולדן ער זאָל פֿאָרן קיין ישׂראל.

אונדזער חלום וועגן פאָרן קיין ישראל האָט שוין געמוזט וואַרטן. פאַרפאַלן! מיר זענען שוין מער נישט קיין פרײַע פייגעלעך, ווי פריִער. מיט 5 יאָר שפּעטער זענען מיר יאָ געפאָרן קיין ישראל, אָבער צוזאַמען מיט זיי, מיט זיסעלען און מאַטעלען.

אַהיימגעפאָרן זענען מיר מיט דער האָלענדישער שיף „ניו אַמסטערדאַם". מיר האָבן זיך, ווײַזט אויס, צו שטאַרק צוגעכאַפּט צו די געשמאַקע האָלענדישע פּאַ־טראַוועס. דעם ערשטן אָוונט האָבן מיר געקײַט אויף בײדע באַקן. פּונקט אויף צו להכעיס האָט זיך די שיף שטאַרק געוואַקלט יענע נאַכט. — אין רעזולטאַט האָט שוין לילי געמוזט פאַרברענגען די גאַנצע רײַזע ליגנדיק אויפן אייבערשטן דעק און איך האָב איר אַליין באַדינט. דערזעענדיק מיך טראָגן טיי, אָנגעטאָן מײַן קאַפּיטאַנסקי היטל (וואָס איך פלעג תּמיד אָנטאָן אין דער רײַזע) האָבן עטלעכע פּרויען, וועלכע זענען דאָרט אויך געלעגן צוליב דער ים־קראַנקהייט, מיר נאָכ־געשריגן: „סטיואַרט, ברענג מיר אויך אַ ביסל טיי".

אָנקומענדיק קיין ניו־יאָרק האָבן מיר באַקומען די זיסטע, וואַרעמסטע אויפ־נאַמע פון אונדזערע צווײ ליאַלקעלעך, וועלכע זענען געקומען צו דער שיף אונדז אָפּוואַרטן צוזאַמען מיט באָבע־זיידע. איך דערמאָן זיך די סצענע ווי מײַן קליינ־טשינקע זיסעלע האָט זיך אויסגעטענהט מיט אַ הויכן אימיגראַציע־אָפיציר. ער האָט קײנעם נישט צוגעלאָזן צו די פּאַסאַזשירן אײדער זײ וועלן דורכגיין די אינספּעקציע פון עפּענען זײער באַגאַזש.

„דו שלעכטער מאַן — האָט זי אים געזידלט — מיר האָבן אַזוי לאַנג נישט געזען אונדזער ‚דעדי' און מאַמי און דו לאָזסט אונדז נישט צו צו זיי. דו ביסט אַ שלעכטער מאַן". זי איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן שטריק און מאַטעלע גלײַך נאָך איר. דער עולם אַרום אונדז האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז דער אינספּעקטאָר האָט זיך שוין געשעמט זיי אָפּשטעלן. דעם טעם פון האַלטן זיי ווידער אין אונדזערע הענט און זיי קענען אָנקושן איז ווערט געוועזן צען מאָל אייראָפּע, צוואַנציק מאָל פּאַריז און טויזנט מאָל דײַטשלאַנד.

אין דער היים האָבן מיר געפונען די נײַע דינסט אסתּר, אַ קאָמישע מויד מיט אַ שפּאַנישן ענגליש. זי האָט תּיכף אַלעמען גערופן בײַם ערשטן נאָמען. אינטערעסאַנט: זי פלעגט די קינדערלעך מיטנעמען מיט זיך אין סינעמאַ זען איר באַליבטן מעקסיקאַנער אַרטיסט קאַנטינפלאַס און זיי האָבן שוין דאַן אָנגעהויבן פאַרשטיין אַ צווייטע שפּראַך.

די אָפּעראַציע איז פאָרגעקומען אין דעם פראַנצייזישן שפּיטאָל, ווו אונדזער פרײַנד ד"ר דעילי האָט געאַרבעט.

אין דעם באַשטימטן טאָג האָבן מיר אַהין געפירט אונדזער צווילינג. מיר האָבן זיי געהאַט צוגעגרייט פּסיכיש צו דער אָפּעראַציע, דערציילנדיק זיי אַז מען וועט זיי געבן עפּעס צו שמעקן און זיי וועלן אַפילו גאָרנישט פילן. טיף אין

האַרצן אָבער האָב איך געפּילט אַזוי ווי אַברהם אָבינו ווען ער האָט געפירט יצחקן צו דער עקידה...

לילי האָט זיך געבעטן מען זאָל איר דערלויבן בלײַבן מיט זיי איבער נאַכט און האָט זיך שפּעטער טאַקע נישט געקענט מוחל זײַן וואָס זי האָט געפאָלגט ד״ר דעילין, ווײַלכער איז געווען קעגן. אין לעבן וועל איך נישט פאַרגעסן זייערע געשרייען, ווען מען האָט זיי געפירט צו דער אָפּעראַציע. (די הײַנטיקע מעטאָדע איז שוין אין גאַנצן אַן אַנדערע. מען שלעפּערט אײַן דאָס קינד בײַ זיך אין צימער איידער מען פירט אים אָפּערירן). ווען מען האָט זיי צוריקגעבראַכט, נאָך שלאָפנדיקע, זענען מיר ערשט אַהיים געגאַנגען.

די גאַנצע נאַכט האָבן מיר נישט געקענט שלאָפן. גאַנץ פרי זענען מיר געקומען צו לויפן אין שפּיטאָל און געפונען זיי זיצן אין קאָרידאָר אַזוי ווי צוויי פליכטלינגען. אַזאַ אומסענסיטיוויקייט און ברוטאַלע באַהאַנדלונג האָב איך זיך נישט געקענט פאַרשטעלן. זעקס אַ זייגער אין דער פרי האָט מען זיי שוין געהאַט אַנגעטאָן און אַוועקגעזעצט אינעם קאָרידאָר מיט צוויי גלעזער קאַלטן קאַקאַאָ אויף אַ טישל.

אַז מיר האָבן זיי דערזען האָבן אונדזערע הערצער שיִער נישט געפּלאַצט פאַר ווייטיק. רעדן האָבן זיי נישט געקאָנט. וויינען איז זיי אויך געווען שווער. זיי האָבן געקוקט אויף אונדז מיט בייזע בליקן, ווי אויף שונאים, אַזוי צו זאָגן: „גזלנים, וואָס האָט איר אונדז געטאָן?" זיי האָבן זיך אַפילו נישט געלאָזט צערטלען און קושן. „גייט אַוועק פון אונדז" — האָבן זיי געמורמלט. אַלע האָבן מיר געוויינט. אסתּר, די דינסט, האָט זיך צעכליפּעט אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר אַזוי ווי אַ פּיצל קינד.

פאָרנדיק אַהיים האָבן מיר זיך ענדלעך „רײן געוואַשן", ווען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ געשעפט פון שפּילצײַג, זיי אַרײַנגענומען און דערלויבט צו קויפן אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט. צו ביסלעך האָבן זיי זיך איבערגעבעטן און דער אינצידענט איז פאַרגעסן געוואָרן. לילי האָט זיך אָבער קיין מאָל נישט מוחל געווען, וואָס זי האָט געפאָלגט דעם דאָקטאָר דעילי.

איך האָב דאַן געקלערט פון אָנקלאָגן דעם שפּיטאָל אין געריכט פאַר דער ברוטאַלער האַנדלונג. ווי אַ רעזולטאַט פון יענער דערפאַרונג טרעטן מײַנע קינדער נישט אָפּ פון זייערע קינדערלעך ווען עס טרעפט, אַז זיי מוזן זײַן אין שפּיטאָל. און ווען מײַן טײַער אייניקל דבורהלען האָט געטראָפן אַן עקסידענט לעצטן זומער, איז מײַן טאָכטער זיסעלע געשלאָפן אין שפּיטאָל אויף אַן אויפשטעל-בעטל לעבן קינד דרײַ חדשים צײַט. מיר דאַנקען און לויבן גאָט וואָס דאָס קינד איז איצט געזונט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מיר דערציילט מײַן שווער, אַז דער „קלינטאָן"־טעאַטער שטייט פרײַ און געפרעגט צי איך וואָלט אים געוואָלט איבערנעמען. האָב איך מײַן שווער אָנגעקוקט און געענטפערט, אַז איך וואָלט געוואָלט פאַרמאָגן די „עמפּעיר סטייט"־געבײַדע אויך. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס דערפון? — „איך וועל מיט דיר זײַן אַ שותּף" — האָט מיר מײַן שווער געמאָלדן.

צו אים אין זײַן „בראָוקער קאָנטאָר" זענען געקומען צוויי ספרדישע ייִדן מיט אַ בקשה, אַז ער, מײַן שווער, זאָל זיי געפינען אַ געשעפט ווו זיי וועלן קאָנען אינוועסטירן געלט, וואָס זיי ווילן נישט צאָלן דער רעגירונג. זייער הויפּט־געשעפט איז געווען צוויי פאַבריקן פון דאַמען־קליידער. מײַן שווער, וויליאַם לוקס, האָט זיי אײַנגערעדט אינוועסטירן אין דעם „קלינטאָן"־טעאַטער מיט אונדז אַלס די סטאַרן. זיי האָבן געוווּסט ווער מיר זענען, און דער עסק „טעאַטער" איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן (כאָטש זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין ייִדיש). מיר האָבן געשלאָסן אַ שותּפות־געשעפט, און געמאַכט פּלענער אויף אַ לאַנגער תּקופה.

אַזוי ווי עס איז שוין געווען חודש נאָוועמבער, האָב איך קיין שום בענעפיטן נישט געהאַט און באַשלאָסן צו רעכענען ביליקע פּרײַזן. געעפנט האָבן מיר מיט אַ פּראַקטפולער פּיעסע „זינג ישראל, זינג". (אַ סך אַקטיאָרן האָבן זינט דאַן גענוצט דעם נאָמען צו זייערע פאָרשטעלונגען). עס איז געווען קורץ נאָך דער גרינדונג פון דער ייִדישער מדינה און ניו־יאָרק איז דאַן געווען פאַרפלייצט מיט נײַ־אָנגעקומענע ייִדן פון די לאַגערן. דאָס איז געווען מײַן עולם, וואָס האָט מיך געקענט פון פּוילן.

קיין ענגליש האָבן זיי נאָך נישט געקענט און אַמעריקאַניזירט זענען זיי נאָך נישט געווען, זענען זיי געלאָפן אינעם ייִדישן טעאַטער. אַזוי ווי אין די אַנדערע טעאַטערס אויף סעקאָנד עוועניו, פון מאָריס שוואַרץ, מנשה שקאָלניק (וועלכער האָט געשפּילט בײַ דזשייקאָבסאָן) און ישראל ראָזענבערג איז דער פּרײַז פון אַ בילעט געווען דרײַ דאָלאַר מיט דרײַסיק סענט, האָבן מיר באַשטימט אַ דאָלאַר מיט פינף און זעכציק סענט אַ בילעט.

זיי האָבן געהאַט בענעפיטן אין מיטן דער וואָך, און מיר האָבן זיך געמוזט פאַרלאָזן בלויז אויף דער קאַסע. איך בין אַוועק צו מײַנע גוטע פרײַנד סאָל פּערניק פון דעם בינע־פאַראיין, לואי ווײַסבערג פון דעם מוזיקער־פאַראיין און מילטאָן ווײַנטרויב פון דעם קאַסירער־פאַראיין און זיי דערקלערט די לאַגע און זיי האָבן אונדז דערלויבט עפענען מיט בלויז דרײַ בינע־אַרבעטערס אַנשטאָט זעקס, מיט ווייניקער מוזיקאַנטן און קאַסירערס, אַלץ כּדי דאָס געשעפט זאָל זיך אָנהייבן.

אונדז איז געלונגען צו אַנגאַזשירן אַ פײַנע טרופּע — דייוו לובריצקי מיט אסתּר זאַלצמאַן, לעאָן כאַראַס, עלאַ וואָלערשטיין און לעאָן שעכטער. אויך די שוישפּילערין פון קונסט־טעאַטער חנה אַפּעל.

פונקט אין יענער צײַט האָט לילי געהאַט אָנגעהויבן אַ נײַע פּראָגראַם אויף דעם יידישן ראַדיאָ פֿאַר אַ גרויסער ברויטפּירמע, „אין דער היים מיט ליליאַן לוקס". זי האָט טאַקע אויסגענוצט די געלעגנהייט צו קאָנען מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אונדזער טעאַטער.

די טעאַטער־קריטיקערס האָבן דאַן געשריבן, אַז „זינג ישראל" איז די בעסטע פּיעסע אין יידישן טעאַטער פֿאַר די לעצטע 30 יאָר און אונדזער עולם, די נײַע „גרינע" יידן האָבן יעדן טאָג אָנגעפּילט דעם טעאַטער־זאַל, אָבער די אַנדערע טעאַטערן זענען געלאָפן אין די יוניאָנס זיך באַקלאָגן: סטײַטש, מען האָט בור־שטיינען געמאַכט אַזעלכע קאָנצעסיעס.

האָבן אונדז די פֿאַראיינען אַרײַנגעשיקט דאָפּלט אַרבעטערס און אונדזערע אויסגאָבן זענען געוואָרן צוויי מאָל העכער. די אויסגאָבן האָבן אונדז גענומען שטיקן. מיר האָבן פֿאַרן יום־טוב פּסח זיך געוואָלט ראַטעווען דערמיט, וואָס מיר האָבן געקענט ווײַזן עטלעכע וואָכן יידישע פֿילמען און פּסח־צײַט ווידער אָנגיין מיט טעאַטער. אַלע אַנדערע פֿאַראיינען זענען מסכּים געווען, אויסער איינעם. דער פֿאַראיין פֿון די קאַסירערס. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין פֿאַרן טעאַטער מיט פּלאַקאַטן, אונדז פּיקעטירן. ווען איך בין געלאָפֿן צו גוסקינען זיך באַקלאָגן, איז זײַן ענטפֿער געווען: — „וואָס קען איך אײַך העלפֿן? מאַכט צו און שוין!"

עפּעס אַ שלימזל איז אונדז נאָכגעגאַנגען. מיר האָבן אַלץ אויסגעפּרוווט. אַרײַן אין „בריטאַן"־טעאַטער מיט אונדזער טרופּע און צו זיך אין „קלינטאָן" גענומען אַלס אַטראַקציע די פּיעסע „אַנאַ לוקאַסטאַ" מיט מרים קרעסין און סימאָר רעכטצײַט. דאָס האָט געמיינט אויסהאַלטן צוויי טרופּעס. און מיר האָבן ווידער פֿאַרלוירן געלט.

האָבן מיר באַשלאָסן צו פֿאָרן נאָך פּסח אויף דער פּראָווינץ. אַזוי ווי אַלע צײַטונגען האָבן אַזוי געלויבט אונדזער פֿאַרשטעלונג, וועלן מיר זי פֿירן אויף דער פּראָווינץ. געשפּילט אין פֿילאַדעלפֿיע, באָסטאָן, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, נאָר דער שלימזל האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן צוגעלייגט צום סעזאָן 52,000 דאָלאַר. די שותּפים זענען טאַקע געווען גרייט צוצולייגן דעם ערשטן סעזאָן אַרום 25,000 דאָלאַר און געווען זיכער אַז צום צווייטן און דריטן סעזאָן וועט זיך דאָס שוין אַנטוויקלען אין אַ גוטן געשעפֿט. זיי האָט דאָס טאַקע געלוינט. זיי וואָלטן דאָס געלט סײַ ווי אַוועקגעגעבן דער רעגירונג אין שטײַערן. לײדער האָט זיך דאָס געשעפֿט צעבראָכן.

איך האָב גלײַך נאָך דעם געפּרוווט מיט מײַן שוואָגער עפֿענען אַ טעאַטער אין מיאַמי. אַפֿילו געפֿאָרן אַהין מיט דער גאַנצער משפּחה, נאָר אויך דאָרט איז אונדז נישט געלונגען און מיר האָבן געמוזט זיך אומקערן קיין ניו־יאָרק. אָט די עטלעכע דערפֿאַרונגען האָבן בײַ מײַן שוואָגער איבערגעלאָזן אַ ביטערן טעם. אַ שטאַרק

אַנטוישטער, האָט ער מער קיין מאָל נישט געפּרוווט פאַרנעמען זיך מיט טעאַטער־ביזנעס.

ער האָט יאָ געבראַכט אַ מאָל אַ טרופּע קיין וואַשינגטאָן, ווו ער האָט שפּעטער געוווינט, ווײַל אייגנטלעך האָט ער דאָך שטאַרק ליב געהאַט ייִדישן טעאַטער. עס איז געלעגן אין זײַן בלוט. ער איז אָבער צוריק אַוועק צו דער געשעפטסוועלט, ווו ער האָט מער מצליח געווען.

פיר מאָל אין מײַן לעבן האָב איך „געעפּנט" מײַן קאָפּ דורך שלימזלדיקע עקסידענטן און דערפאַר וויצלט מען זיך אין מײַן משפּחה, אַז איך האָב אַן אײַזערנעם קאָפּ.

דאָס ערשטע מאָל איז דאָס געשען אין דער שטאָט בוענאָס־אײַרעס אין יאָר 1941. איך האָב זיך אָנגעבויגן אויפצוהייבן אַ בלעטל נאָטן און בײַם אויפשטעלן זיך בין איך צופעליק אַרײַן מיט מײַן קאָפּ אין שפּיץ פון אַ מעכאַנישן פענצטער. עס איז געווען אַ זונטיק אין דער פרי און מיר האָבן זיך געאײַלט צו דער ראַדיאָ־סטאַנציע. אַז דאָס בלוט האָט גענומען גיין האָב איך צוגעלייגט אַ האַנטעך צום וווּנד און אַוועקגעלאָפן זינגען אויף דעם ראַדיאָ. ערשט נאָך דעם אויפטריט האָט מײַן חבר ד"ר סאַלוואַדאָר בערמאַן מיר פאַרנייט דעם קאָפּ מיט זעקס שטעך. פון דאָקטאָרס הויז בין איך ערשט אַוועק אין טעאַטער שפּילן 2 פאָרשטעלונגען.

צום צווייטן מאָל איז דאָס געשען אין אַ פינצטערער נאַכט אויף אַ ליידיקן פעלד אין אַ גאָס־רעגן. וועט איר זיך אַוודאי וווּנדערן ווי אַזוי. פאַרנדיק אַהיים שפּעט בײַ נאַכט פון אַ דריטן סדר אין „סאָלץ"־האָטעל, ניו־דזשערסי, ווו מיר זענען אויפגעטראָטן, האָט אַ ראָד פון מײַן מאַשין פּלוצעם געפּלאַצט. מײַן פרוי איז געוואָרן שטאַרק בייז און מיט רעכט. די באַלעבאַטים פון האָטעל האָבן אונדז געבעטן איבערנעכטיקן, ווײַל עס איז שוין געווען שפּעט און דער וועטער אַ שלעכטער. איך אָבער האָב זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז איך וויל אַהיימפאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב פאַרלוירן דעם וועג. (אין ניו־דזשערסי איז דאָס זייער לײַכט).

צו אונדזערע צרות האָט נאָך גענומען שטאַרק רעגענען. גיסן ווי מיט עמערס. עס איז שטאָק פינצטער. קיין הויז זעט מען נישט פאַר די אויגן. פּראָסט־פּשוט, איך האָב פאַרבלאָנדזשעט.

— נו, האָסט נישט געוואָלט בלײַבן שלאָפן אין האָטעל, האַ? אַצינד וועלן מיר שוין מוזן נעכטיקן אין דער מאַשין ביז אין דער פרי — האָט מיך לילי געמוסרט. קעגן אירע פּראָטעסטן בין איך אַרויס אין שלאַקס־רעגן אַליין איבערבײַטן די ראָד. איך האָב אָבער געהאַט פאַרגעסן, אַז אויף אַ נאַסן וועג מוז מען אונטער־לייגן אַ שטיק האָלץ אונטער איין ראָד, כּדי די מאַשין זאָל זיך נישט אויסגליטשן, ווען מען הייבט זי אונטער. (אייגנטלעך בין איך קיין מאָל נישט געווען „מעכאַניש געשטימט"). ווען איך האָב געפּרוווט אַרויסשלעפּן דעם גוטן ראָד פון באַגאַזשניק,

האָט זיך די מאַשין אַראָפּגעגליטשט פון דעם „דזשעק" און דער דעק איז געפאַלן גלײַך אויף מײַן קאָפּ.

איך האָב זיך צעלאַכט און געזאָגט צו מײַן ווײַב: — שוין, איך האָב זיך שוין ווידער געעפנט דעם קאָפּ. דאָס מאָל איז דאָס בלוט גערונען ווי פון אַ פאַס.

אײַך דערציילן ווי אַזוי לילי האָט אין יענער וויסטער פינצטערניש אָפּגעשטעלט אַ לאַסטאויטאָ און אים אײַנגערעדט, ער זאָל אונדז פירן אין שפּיטאָל, ווי אַזוי מיר האָבן שפּעטער נישט געוווסט ווו מיר האָבן איבערגעלאָזט דעם אויטאָ, מיט וויפל צרות עס איז אָנגעקומען אים צו פאַרריכטן, וואָלט פאַרנומען אַ האַלבן בוך.

ווען מײַן שוויגער האָט 5 אַ זייגער אין דער פרי מיך דערזען אַרײַנקומען מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ, האָט זי שיִער נישט אָוועקגעחלשט. דער יאַפּאַנישער דאָקטאָר פון שפּיטאָל, וועלכער האָט מיר פאַרנייט דעם קאָפּ מיט 9 שטעך, האָט לילין פאַרטרויט אַ סוד, אַז ווען איך וואָלט נישט געווען געטראָגן אַ דיקן פּילצענעם הוט אויפן קאָפּ, וואָלט זי מער נישט געהאַט קיין מאַן...

אין בוענאָס־אײַרעס, אין יאָר 1952 (ווען מיר זענען שוין געקומען אַהין צוזאַמען מיטן צווילינג) איז ווידער געשען אַזאַ מעשה... דאַן בין איך שוין נישט געווען שולדיק. אַ צעבראָכענער קאַנדעליאַבער, אַ לאָמפּ, איז אַראָפּגעפאַלן און מיר געטראָפן גלײַך אין קאָפּ. אַן אומגליקספאַל! מײַן פרײַנד ד"ר בערמאַן האָט מיר ווידער פאַרנייט דעם קאָפּ מיט אַ 6־7 שטעך. דאָס איז פאַרגעקומען אין דעם גרויסן „קלאַרידזש"־האָטעל. דער האָטעל איז אַפילו נישט געווען פאַרזיכערט. מײַן מזל...

בײַם פערטן מאָל בין איך שוין געוואָרן אַ שטיקל העלד. דאָס איז פאַרגעקומען אין חיפה, אין יאָר 1966 אויף דער ישראלדיקער לוקסוסשיף „שלום". די שיף איז געשטאַנען אין פאָרט מיט אַ ספּעציעלן טור פון הונדערטער רײַכע אַמעריקאַנער. פון חיפה האָט זי באַדאַרפן מאַכן אַ וועלטרײַזע.

אַזוי ווי מיר האָבן דאַן געשפּילט אין ישׂראל אפרים קישונס קאָמעדיע „די כתובה" צוזאַמען מיט אונדזער זון מײַק, האָט די שיף־געזעלשאַפט אָפּגעקויפט בײַ אונדז 2 פאָרשטעלונגען, צו שפּילן אין אַ זונטיק אין דעם שיינעם טעאַטער אויף דער שיף.

די פּיאַנאָ איז געשטאַנען צו נאָענט צו דער בינע, האָט מען זי אָוועקגעשטופּט אין אַ זײַט. דאָס האָט איבערגעלאָזן אַ חלל, אַזוי אַז איין זײַט פון דער בינע איז געוואָרן קירצער פון דער צווייטער.

איך האָב אַלעמען געוואָרנט מען זאָל זיך היטן פאַר דעם אָרט. איך אַליין אָבער האָב זיך בײַ אַ געוויסער סצענע פאַרקוקט און בין אַראָפּגעפאַלן פון דער בינע. אין טעאַטער איז געוואָרן אַ גערודער. מען האָט מיך אויפגעהויבן און איך האָב דערפילט ווי דאָס בלוט רינט פון מײַן שלימזלדיקן קאָפּ.

מײַן מזל, וואָס דער שיפסדאָקטאָר האָט זיך געפונען אין טעאַטער. ער האָט מיך גלײַך אַרויפגעפירט אינעם שיפשפּיטאָל. דער עולם איז געבליבן זיצן אויף

די פּלעצער. דער דאָקטאָר האָט מײַן קאָפּ פֿאַרנייט, פֿאַרבאַנדאַזשירט און איך בין שנעל אַראָפּ אין טעאַטער ענדיקן די פֿאָרשטעלונג. דער עולם האָט מיר שטאַרק אַפּלאַדירט און אַלע צײַטונגען האָבן מיך באַשריבן ווי אַ בראַוון העלד.

דער סוף איז געווען, אַז דער דאָקטאָר האָט באַפֿוילן איך זאָל ליגן אַ פּאָר טעג. מען האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ לוקסוס־קאַבינע און אַלע פּאַסאַזשירן זענען געקומען מיך באַזוכן. איינער, געדענק איך, האָט זיך פֿאַר מיר פֿאָרגעשטעלט אַלס דעם ווילנער גאונס אַן אייניקל.

לילי אָבער האָט וווּנדערלעך פֿאַרבראַכט יענע פּאָר טעג. די גאַנצע שיף האָט זיך אינטערעסירט מיט מיר און מיט מײַן אײַזערנעם קאָפּ און זי איז געווען אייפֿערזיכטיק.

7. פֿילאַדעלפֿיע — ניו־יאָרק — פֿילאַדעלפֿיע

צוריקקומענדיק אַהיים האָבן מיר באַקומען אַ קאָנטראַקט אויפֿצוטרעטן אין אַ נײַעם יידישן נאַכטלאָקאַל אין פֿילאַדעלפֿיע „די סילווער סליפּער" אויף זעקס וואָכן. אַזוי ווי דער צווילינג האָט שוין אָנגעהויבן גיין אין שולע, האָט מען זיי נישט געקאָנט מיטנעמען. איך האָב באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי פֿילאַדעלפֿיע איז בלויז 2½ שעה פֿון ניו־יאָרק, וועלן מיר יעדע נאַכט נאָך דער פֿאָרשטעלונג קענען אַהיימפֿאָרן, און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. זעקס אַ זייגער פֿאַר נאַכט פֿלעגן מיר מיט אונדזער אויטאָמאָביל אַרויספֿאָרן צו דער אַרבעט קיין פֿילאַדעלפֿיע. נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָבן מיר זיך גלײַך אַרײַנגעזעצט אין דער מאַשין און געפֿאָרן אַהיים קיין ניו־יאָרק. בערך 2 אָדער 3 אַ זייגער פֿאַר טאָג זענען מיר שוין געלעגן אין אונדזערע אייגענע בעטן אַנשטאָט אין אַ האָטעל. אַזוי אַרום האָט לילי געקאָנט אין דער פֿרי אַליין אָנטאָן די קינדער און זיי געבן פֿרישטיק, כּדי די דינסט זאָל זיי צופֿירן אין דער שולע. שפּעטער פֿלעגן מיר אַלע עסן מיטאָג צוזאַמען ווי אַ נאָרמאַלע משפּחה, געקאָנט פֿאַרברענגען מיט זיי, און זעקס פֿאַר נאַכט פֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע. און אַזוי איז אָנגעגאַנגען אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן זעקס וואָכן, פֿאָרנדיק אַהין און צוריק צווישן פֿילאַדעלפֿיע און ניו־יאָרק.

מיר האָבן אין פֿילאַדעלפֿיע געהאַט אַ פֿרײַנד, אַ יחיד במינו אין דער וועלט. זײַן נאָמען איז געווען דזשאָ פֿאָל, אין זײַן געבורטשטאָט לאָדזש האָט מען אים גערופֿן „יאָסל דער שטאַרקער", ווײַל זײַן גבורה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער פֿלעגט מיט אַ שטריק אין זײַנע ציין צוריקהאַלטן אַ טראַמווײַ. בעת זײַנע אויפֿטריטן אין טעאַטער פֿלעגט ער אויפֿהייבן אַ גרופּע מענטשן אויף אַ פּלאַטפֿאָרמע מיט זײַנע פּלייצעס. מען האָט אים פֿאַרגליכן צו דעם גרויסן זישע ברייטבאַרד.

(איך דערמאָן זיך, אַז גרינערהייט, אָנקומענדיק קיין אַמעריקע, בין איך אַליין אויפגעטראָטן אין אַ וואָדעוויל־פּראָגראַם מיט זישע ברייטבאַרד דעם גרויסן העלד. דאָס איז געווען קורץ פאַר דעם ווי ער איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט, מחמת אַ שטאָך פון אַ פאַרזשאַווערטן טשוועקל)

מײַן פרײַנד יאָסל איז בײַם אָנקומען קיין פילאַדעלפיע געוואָרן אַ הורט־קצב. ער איז געוואָרן זייער רײַך און זײַן גרויס האַרץ איז געוואָרן אַ לעגענדע. אַלס פילאַנטראָפּ האָט ער געהאָלפן אַ סך מענטשן. אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער אַליין אַריבערגעבראַכט צענדליקער פליכטלינגען, זיי געהאַלטן בײַ זיך, ביז ער האָט זיי פאַרזאָרגט מיט היימען. שטענדיק פלעג איך טרעפן בײַ אים מאַמעס מיט קינדער פון אַן אַנדער לאַנד, וועלכע זענען געקומען צוליב אַ נייטיקער מעדיצינישער אָפּעראַציע. ער איז געווען אַקטיוו אין אַלע אָרגאַניזאַציעס צו העלפן נויט־באַדערפטיקע ייִדישע משפּחות.

ווען מיר האָבן געשפּילט אין דעם „סילווער סליפּער״ האָט דזשאָ פּאָל אונדז פאַרבעטן צו אַ סדר אין מושב־זקנים, ווו ער איז געווען פּרעזידענט. דאָרט האָב איך געטראָפן מײַן אַלטן דירעקטאָר פון „אָרטש־סטריט״־טעאַטער דזשאָש גרובער, שוין אַ בלינדער. לילי האָט אים געהאָלפן עסן בײַם סדר און מיר האָבן מהנה געווען די אַלטע לײַט מיט אַ פּסחדיקן קאָנצערט.

איך וועל קיין מאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן דעם פּאַל, ווען יאָסל האָט מיך געהאַט, נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, פאַרבעטן צו געבן אַ פּסח־קאָנצערט אין תּפיסה פאַר ייִדישע אַרעסטאַנטן (ער איז געווען פּרעזידענט פון אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט אַליין געגרינדעט, צו העלפן ייִדישע אַרעסטאַנטן מיט זייערע משפּחות).

לעבן דעם אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען אַ פרוי און געוואַרט אויף אים. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז יענע האָט צוויי זין, וועלכע זיצן ביידע און זענען פאַר־אורטיילט צום טויט, מחמת אַ גניבה בעת וועלכער זיי האָבן דערהרגעט אַ מענטשן.

זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל זיי לאָזן גריסן פון איר. בעתן קאָנצערט האָב איך זיי געזען, זיצנדיק אָפּגעזונדערט פון אַלע. אויף יאָסעלעס ביטע האָט מען זיי דערלויבט בײַצווווינען דעם ייִדישן קאָנצערט. פאַרבײַגייענדיק האָב איך זיי אָפּגעגעבן דעם גרוס פון זייער מוטער. זיי האָבן ביידע מיך אָנגעקוקט מיט קאַלטע ערנסטע בליקן. אַנטקעגן דער תּפיסה, אין אַ רעסטאָראַן, האָבן מיר שפּעטער געפונען די מוטער. זי האָט געוואַרט אויף דעם גרוס. דאָס האַרץ איז צעבראָכן געוואָרן, קוקנדיק אויף איר. איך וועל דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

איך געדענק, אַז אַ טייל פון יאָסעלעס מעבל אין שטוב איז געווען געמאַכט מיט דער האַנט — דאָס איז געווען די אַרבעט פון ייִדישע אַרעסטאַנטן. בײַ אים, אויפן לאַנגן טיש, איז געשטאַנען אַ גרויסע שיסל אָנגעפילט מיט געלט. ער האָט געוווּסט, אַז ווער עס נייטיקט זיך וועט באָרגן, און אַ סך פלעגן צוריקלייגן.

צענדליקער שרײַבערס, מאָלערס און זינגערס האָט יאָסל געהאָלפן אַרויסגעבן זייערע ווערק. צווישן זיי, אַפילו דיאַנאַ בלומענפעלד.

אין זײַנע לעצטע יאָרן האָט ער באַקומען פון בירגערמײַסטער פון פילאַדעלפיע דעם טיטל „דער מאַן פון חודש". עס פעלן אונדז היינט אַזעלכע מענטשן ווי „יאָסל דער שטאַרקער".

סוף זומער האָט מיר ראובן גוסקין געמאָלדן, אַז דער „דאָגלאַס פּאַרק"־טעאַטער אין שיקאַגאָ שטייט ליידיק און ער בעט מיך אַרײַנגיין שפּילן. די תּנאים זענען: אויף 50 פּראָצענט מיט דעם דירעקטאָר אָסקאַר אָסטראָף און איך דאַרף מיטברענגען מײַן אייגענע טרופּע פון ניו־יאָרק.

איך האָב גוט געקענט דעם טעאַטער אין האַרץ פון דער יִדישער געגנט. האָב איך צוגעצויגן צו זיך בערטאַ גערסטין, ווי אַ שותּפטע צו מיר מיט לילין, ד"ה אַ קאָמבינאַציע פון דרײַ סטאַרן. מיר האָבן געקויפט פּריימאַנס נײַ לעבנס־בילד „מײַן טאָכטערס חתונה".

אַרויסגעפאָרן קיין שיקאַגאָ בין איך מיט מײַן גאַנץ הויזגעזינד: לילי, די קינדער און אַ נײַע דינסט. עס זענען מיר אָבער באַשערט געווען צרות אויפן וועג. דער אויטאָ איז קאַליע געוואָרן, עס איז געווען פאַר נאַכט, די קינדער זענען געווען מיד און הונגעריק. מיט גרויס מי האָב איך געפונען אַ ספּעציעלן גאַראַזש, וועלכער האָט איבער נאַכט פאַרריכט די צרה און מיר האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין מאַשין, כּדי צו פאָרן ווײַטער.

אָבער פריער האָב איך טעלעפאָנירט קיין שיקאַגאָ און זיך דערוווּסט די טרויעריקע נײַעס, אַז ראובן גוסקין איז פּלוצעם געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. מיט זײַן טויט זענען די ניו־יאָרקער יִדישע שוישפּילערס פאַריתומט געוואָרן. מיר האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אַז אַ נײַע עפּאָכע קומט. צי עס וועט זײַן בעסער אָדער חלילה ערגער, וועט די צײַט ווײַזן.

אָנגעקומען קיין שיקאַגאָ, האָבן מיר זיך גלײַך געשטעלט צו דער אַרבעט. אײַנגעשטאַנען זענען מיר אין אַ פּריוואַטער וווינונג בײַ אַן עלטערער יִדישער פרוי, נישט ווײַט פון טעאַטער. פּלוצעם אָבער האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ „שוואַרצע קאַץ"!

אונדזער דינסט איז געווען אַ יונג מיידל פון 18 יאָר, אַ פײַן מיידל פון אַ גוטער היים, אַ שוואַרצע. און אַזוי ווי די יִדישע געגנט האָט שוין פאַרמאָגט שוואַרצע שכנים, האָט זי זיך באַקענט מיט יונגע־לײַט, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען באַזוכן זי אין אָוונט, ווען מיר זענען געווען אין טעאַטער.

אונדזער יִדישע בעל־הביתטע האָט דאָס נישט געוואָלט דולדן, האָבן מיר באַשלאָסן זיך איבערציִען אין אַ האָטעל, אין צענטער. האָבן מיר געהאַט פרישע צרות. דער האָטעל האָט נישט אַקצעפּטירט אונדזער שוואַרצע דינסט! (דאָס איז געווען פריִער. איידער פּרעזידענט קענעדי האָט דורכגעפירט דעם „סיוויל רייטס ביל" וואָס האָט געגעבן פולע בירגעררעכט דער שוואַרצער ראַסע אין אַמעריקע).

הכּלל, מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט, מיר האָבן דאָס מיידל אַהיימגעשיקט קיין ניו־יאָרק.

נישט ווײַט פון האָטעל האָט זיך געפונען אַן אויסגעצייכנטע פּריוואַטע שולע. ווו די קינדער האָבן געקאָנט נעכטיקן אין מיטן דער וואָך און פאַרברענגען פרײַטיק־שבת־זונטיק מיט אונדז. די קינדער האָבן געמוזט אַרײַן אין דער פאַרמאַכטער שולע, פאַר וועלכער זיי האָבן זיך די גאַנצע צײַט געשראָקן.

ווי קאָמיש־טראַגיש איז געווען צו זען מײַן 7־יאָריק זיסעלע נעמען אונטער־שריפטן בײַ אַלע שוישפּילערס הינטער דער בינע ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם וואָס מיר לאָזן זיי איבער אין דער שולע! מיר האָבן אויך געליטן, אָבער ווי אַזוי האָט מען זיי יעדן אָוונט געקענט מיטשלעפּן אין טעאַטער?

די פאָרשטעלונג איז געווען דערפאָלגרײַך, אָבער עס איז שוין מער נישט געווען דער יידישער שיקאַגאָ־עולם פון אַ מאָל, די געגנט איז „פאַרשוואַרצט געוואָרן", יידן האָבן מורא געהאַט, מען פלעגט זיי אָפּט באַפאַלן.

אויף דער בינע האָבן מיר אויך געהאַט אַ „שטיקל מלחמה". בעסער געזאָגט, הינטער די קוליסן. אונדזערע צוויי גרינע אַקטיאָרן, יעקב פישער און נאָרבערט האָראָוויץ, פלעגן זיך רײַסן בײַ די נעז. וואָס זיי האָבן געוווּסט איינער פון דעם אַנדערן איז געווען זייער זאַך, אָבער די געשרייען און סקאַנדאַלן וואָס מען פלעגט אַזש הערן אין טעאַטער — דאָס איז שוין געווען מײַן זאַך... איינער האָט צום צווייטן געשריגן „מסור!" און דער צווייטער האָט צוריקגעשריִען: „קאַפּאָ!" ווען דער סעזאָן וואָלט נישט געוואָרן איבערגעריסן צוליב געשעפטן, וואָלט איך זיי ביידן געווען אָוועקגעשיקט.

אָבער בדרך־כּלל האָבן מיר געהאַט פײַנע מענטשן אין דער טרופּע. אַ יונגער שוישפּילער פון ענגלישן טעאַטער, לוי נילסאָן (וועלכער איז הײַנט אַ דירעקטאָר אין טעלעוויזיע), משה טאַרלאָווסקי, און אויך עלאַ וואַלערשטיין.

געשלאָסן האָבן מיר דעם סעזאָן מיט אַ גלענצנדיקער אויפפירונג פון „מירעלע אפרת", מיט בערטאַ גערסטין אַלס „מירעלע" און לילי אַלס שיינדעלע. בערטאַ גערסטין איז געווען אַ פּרעכטיקע „מירעלע אפרת".

מיט אַהרן לעבעדיעוו, דעם ליטווישן קאָמיקער, האָב איך זיך באַפרײַנדט באַלד בײַ מײַן קומען קיין אַמעריקע. מיר זענען ביידע געווען „רוסישע", און איך בין טאַקע געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע ווי אַ קאָנקורענט פאַר אים. מיר האָבן אָבער קיין מאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו שפּילן צוזאַמען אין איין טעאַטער. ביז ענדלעך, אין 1945, ווען איך בין געווען דירעקטאָר פון „האָפּקינסאָן"־טעאַטער האָט ער מיר געשאָנקן אַ מתּנה, זײַן „ליאָוקאַ מאַלאַדיעץ" — ער האָט דאָס אַפילו אויפגעפירט פאַר מיר.

צוליב דעם גרויסן דערפאָלג האָב איך אים פאַרבעטן קומען שפּילן צוזאַמען מיט מיר ווי אַ גאַסט־אַטראַקציע. איך האָב אים אָפּגעטראָטן זײַן ראָלע אַלס „ליאָווקע" און בין אַרײַן אין דער צווייטער וויכטיקער ראָלע פון דעם „טאַטאַר" און האָב געמוזט די גאַנצע ראָלע אָפּרעדן אויף טאַטאַריש־לשון.

מיט יאָרן שפּעטער, אין 1961, איז מײַן זון מײַק אויפגעטראָטן צוזאַמען מיט מיר אין בוענאָס־איירעס, אין דער ראָלע פון דעם „טאַטאַר" — ער האָט אויסגעלערנט די לאַנגע ראָלע אויף „טאַטאַריש" און האָט געטאַנצט די טאַטאַרישע טענץ. קיין 16 יאָר נישט אַלט געווען — דאָ האָב איך טאַקע געזען, וואָס פאַר אַ טאַלאַנט מײַן זון פאַרמאָגט.

אָבער צוריק צו יענער צײַט. אײדער מײַק איז געבוירן געוואָרן... די קאָמבינאַציע פון מיר מיט לעבעדיעוון איז געווען אַ סענסאַציע און דער אימפּרעסאַריאָ, סאָל דיקשטיין, האָט אונדז ביידן אַנגאַזשירט צו שפּילן אין די פּראָווינצשטעט פון אַמעריקע.

לילי, וועלכע האָט געשפּילט די פּרימאַדאָנע־ראָלע פון אַ רוסישער אַקטריסע, איז שוין געווען אין די הויכע חדשים מיט אונדזער צווילינג (מיר האָבן דאַך נאָך נישט געוווּסט, אַז זי טראָגט טאַקע אַ צווילינג). ביז איצט האָט זי געקאָנט פאַרשטעלן די שוואַנגערשאַפט מיט אַ ברייט שיפאָנען־קלייד און מיט אַ גרויסן פעכער פון פעדערן, אָבער פון פאָרן אויף דער פּראָווינץ איז געווען אָפּגערעדט!

מיר האָבן אויף איר ראָלע אַנגאַזשירט די אַקטריסע שרה גינגאָלד. לילי האָט אָבער נישט געקענט אײַנזיצן אין דער היים, איז זי אין אַ געוויסן טאָג געקומען אויף אַ באַזוך צו אונדז קיין פילאַדעלפיע. זי אָנקוקנדיק האָט זיך לעבעדיעוו דערשראָקן און גענומען שרײַען: „פאָר אַהיים! וועסט נאָך געלעגן ווערן אין טעאַטער!" — דאָס איז אָבער נישט געשען — זי האָט אויסגעטראָגן אונדזערע צווילינג ביז צום טאָג פון די נײַן חדשים. ביז דעם ערשטן יולי 1945.

נאָך דעם געבורט, האָט זי ווידער געשפּילט מיט אונדז אין „ליאָווקע מאַלאַדיעץ" אין אַטלאַנטיק סיטי — מער האָב איך מיט לעבעדיעוון נישט געשפּילט, אויסער אַ פּאָר קאָנצערטן.

איך מוז אָבער באַשטעטיקן, אַז אַהרן לעבעדיעוו איז ווירקלעך געווען איינער פון די טאַלאַנטפולסטע שוישפּילערס, וואָס דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע האָט פאַרמאָגט.

פול מיט חן, און מיט אַן אייגנאַרטיקער גראַציע בײַם טאַנצן. פאַרמאָגט האָט ער פון דער נאַטור אַ גרויסע שטים מיט גאָר הויכע טענער. זײַן שטים האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט, וווּ אַנדערע לאָזן זיך אויס.

אינטערעסאַנט איז, אַז ווען ער איז געקומען פון רוסלאַנד און אָנגעהויבן זײַן אַמעריקאַנער קאַריערע, איז ער שוין נישט געווען קיין ייִנגעלע, שוין אַ מאַן פון 49 יאָר. ביזן הײַנטיקן טאָג זינגט נאָך די גאַנצע וועלט זײַן קאָמפּאָזיציע „רומעניע, רומעניע". אָבער קיינער זינגט עס נישט אַזוי ווי לעבעדיעוו אַליין פלעגט דאָס

זינגען! ער פּלעגט זיך אָפּשטעלן אויף דער סעקאָנד עוועניו, מיט מײַנע קליינע קינדערלעך, און לערנען מײַן מײַקן ווי אַזוי צו פּראָווען די אַלע קונצעלעך, וואָס ער פּלעגט מאַכן מיט זײַן מויל, און מײַק האָט דאָס קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

ליידער איז לעבעדיעוו געקומען קיין בוענאָס־אײַרעס גאַסטראָלירן אַ ביסל צו שפּעט, און דעם עולם האָט פֿאַרדראָסן: „וואָס איז ער פֿריִער נישט געקומען, ווען ער איז געווען ייִנגער?" און „לעבי" האָט פֿון בוענאָס־אײַרעס קיין נחת נישט געהאַט.

איך געדענק ווען ער איז געזעסן בײַ דער לוויה פֿון מאָריס שוואַרץ, שוין אַן אַלטער, 90־יאָריקער לעבעדיעוו, ער האָט באַטראַכט דאָס אָרעמע בינטל אַקטיאָרן, וועלכע איז פֿון יאָר צו יאָר געוואָרן קלענער און קלענער. שטילערהייט האָט ער מיך געפֿרעגט אַ פֿראַגע, וואָס איז מיר געווען שווער צו ענטפֿערן אויף איר: „בורשטיין, זאָג מיר, ווער וועט שוין מיך באַגלייטן?"

שוין אײַנגעקאָרטשעט, אויב עמעצער האָט אַ געשריי געטאָן, „לעבי, דאָס פּובליקום קוקט!" — האָט ער זיך אין אַ סעקונדע אויסגעגליכן ווי אַ „יונגער־מאַן".

לעבעדיעוו פֿאַרבלײַבט אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער ווי אַן אומ־פֿאַרגעסלעכער שטערן.

ניו־יאָרק האָט זיך אין 1951 אָנגעהויבן ענדערן. דער עלעמענט אין דער שולע איז געוואָרן גאָר נישט קיין געוווּנטשענער. אונדזער „ייִדישער סעקאָנד עוועניו" האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים. אַפֿילו אין פּאַרק איז געווען אַ געפֿאַר פֿאַר די קינדער. האָט מײַן פֿרוי באַשלאָסן, אַז עס איז צײַט מיר זאָלן אַוועק צו די „גרינע לאָנקעס" פֿון לאָנג איילאַנד, פּונקט ווי אַ גרויסע צאָל ניו־יאָרקער האָבן געטאָן. די קינדער מוזן געניסן פֿון פֿרישער לופֿט און אַ בעסערער געזעלשאַפֿט.

לילי און איך האָבן זיך טאַקע געמוטשעט מיטן פֿאָרן הין און צוריק קיין ניו־יאָרק יעדן טאָג, מיט דעם שווערן טראַפֿיק, אָבער די קינדער האָבן געהאַט „פֿרישע לופֿט", זיי זענען געוואָרן פֿרײַע פֿייגעלעך. דערצו האָבן מיר מיטגענומען מיט זיך אַ טײַערע דינסט, אַן עלטערע פֿרוי, וועלכע לילי האָט געגומען, ווײַל זי האָט איר שטאַרק דערמאָנט אינעם אויסזען פֿון איר „באָבע רבקה" — דערפֿאַר טאַקע האָט לילי זי ליב באַקומען. „מאַרגיט" איז געווען אַן אונגאַרישע און האָט געקאָכט די פֿײַנסטע מאכלים — זי איז געווען פֿול מיט מעלות. לגבי אירע 45 יאָר אין אַמעריקע האָט זי גערעדט זייער אַ שוואַכן ענגליש.

אונדז איז אָבער נישט באַשערט געווען צו געניסן פֿון די „גרינע לאָנקעס" מיט דער „פֿרײַער לופֿט" צו לאַנג — נאָך עטלעכע חדשים דאָרט וווינען האָט לילי באַקומען אַ פֿאָרשלאָג אָנטייל צו נעמען אין אַן אַמעריקאַנער פּיעסע, געשריבן פֿון ייִפּ האַרבורג, מיטן נאָמען „פֿלאַהולי", אין דער ראָלע וואָס אימאַ סומאַק איז

אויפגעטראָטן. די פּיעסע האָט מען באַדאַרפט אָנהייבן אין סאַן־פראַנציסקאָ, און דערנאָך מאַכן אַ טורנע ביז ניו־יאָרק אויף בראָדוויי.

פּונקט אין דער זעלבער צײַט האָבן מיר באַקומען אַ טעלעפאָן פון דעם „סאַלעיל״־טעאַטער אין בוענאָס־אײַרעס. מען האָט אונדז פאַרבעטן צום סעזאָן.

די מעגלעכקייט צו שפּילן אין דער ענגלישער שפּראַך האָט לילין שטאַרק געלאָקט און איך האָב איר נישט געוואָלט שטערן. זי איז דאָן געווען נאָך גאָר אַ יונגע פרוי, אפשר האָט זי נאָך פאַרט געקענט דערגרייכן אַ קאַריערע אין ענגליש? האָבן מיר געקלערט, אַז איך זאָל דערווײַל פאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס אַליין, אָנהייבן מיט אַ צווייטער פּאַרטנערין, און אויב ליליס פּיעסע וועט זיך נישט אַרויסווײַזן צו זײַן דערפאָלגרײַך, וועט זי קומען צו מיר קיין בוענאָס־אײַרעס.

דאָס איז אָבער נישט געשען, ווײַל מײַן לילי איז אַן „אייגנאַרטיקע לילי״, איר געוויסן האָט זי געפּלאָגט. „דאָס וועט פירן צו אַ צעריסן לעבן״, האָט זי זיך געעצהט מיט אונדזער אַדוואָקאַט — „איך וועל זײַן אין סאַן־פראַנציסקאָ, די קינדער אין ניו־יאָרק, פּסחקע אין אַרגענטינע — עס וועט נישט טויגן!״. איך בין איר געווען דאַנקבאַר ווען זי האָט אַליין באַשלאָסן אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאָג, און געמאָלדן די פּראָדוצענטן, אַז אויב מען וועט זי באַדאַרפן קיין בראָדוויי, וועט זי צוריקקומען פון אַרגענטינע.

„הכּלל, מיר פאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס!״ — האָט זי מיר געמאָלדן — „נאָר מיט איין תּנאַי, אַז די קינדער פאָרן מיט. די משפּחה זאָל זיך נישט צעשיידן״. פון יענעם באַשלוס אָן, זענען די קינדער געפאָרן מיט אונדז איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס איז פאַר אונדז געוואָרן אַ נאָרמאַלער שטייגער פון לעבן. אין יעדן לאַנד האָבן מיר געדונגען אַ דירה, גענומען אַ דינסט, געשיקט די קינדער אין אַ שולע. ווען מיר האָבן פאַרשלאָסן אונדזער טיר בײַ נאַכט, זענען מיר געווען „אין דער היים״, ווײַל אַלע זענען געווען צוזאַמען.

אונדזער נײַע דירה אין לאָנג אײַלאַנד האָבן מיר פאַרדונגען צו אַ משפּחה אויף 6 חדשים. נאָר אַזוי ווי מיר זענען טאַקע געווען אַוועק פון אַמעריקע מער ווי 4 יאָר, האָט מײַן שוועער שפּעטער געמוזט אַלע זאַכן אַוועקשטעלן אין אַ דעפּאָזיט.

אָנקומענדיק קיין בוענאָס־אײַרעס מיט דער פּיעסע „זינג ישׂראל, זינג״, האָט אונדזער צווילינג זיך אָנגעהויבן לערנען ייִדיש (ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט קיינעם, אויסער טאַטע־מאַמע, מיט וועמען צו רעדן ענגליש), מיר האָבן זיי פאַרשריבן אין דער „פּרץ־שול״, און זיי האָבן גענומען שווימען אין דער ייִדישער שפּראַך אַזוי ווי פישעלעך אין וואַסער. אויך שפּאַניש האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן.

מיט אַ באַקוועמער דירה, נישט ווײַט פון דעם טעאַטער, און מיט אַ גוטער דינסט, זענען מיר שטענדיק געווען „אין דער היים״. אין דער צווייטער פּיעסע („דער קאָמעדיאַנט״) זענען די קינדער אויפגעטראָטן מיט אונדז, זינגענדיק „אַ קאָמעדיאַנטשטשיק בין איך״, און צו ביסלעך זענען זיי געוואָרן גאַנצע „פּראָפעסיאָ־נאַלן״ — דאָס פּובליקום האָט זיך געקוויקט מיט זיי. איך דערמאָן זיך אַן אינצי־

דענט מיט זיסעלען, נאָך זייער ערשטן אויפטריט. „ווען וועלן מיר ווידער שפּילן?" — האָט זי געפרעגט — די מוטער האָט זיי געענטפערט, אַז דערווײַל מוזן זיי גיין פרי שלאָפן, אַזוי ווי אַלע קליינע קינדער. זיסל איז געוואָרן בייז, פאַרלייגט די הענטעלעך אויף די היפּטן און געמוסרט די מאַמען: „דו און דער טאַטע, איר זענט שוין עלטערע אַקטיאָרן — מאַטעלע און איך, מיר זענען די יוגנט — דאָס פּובליקום וויל זען בלויז יוגנט אויף דער בינע". נו, אַז זיי האָבן שוין געקענט אַזוי רעדן צו 7 יאָר, איז געווען אַ סימן, אַז טעאַטער איז זיי שוין אַרײַן אין די בלוטן.

צוויי סעזאָנען האָבן מיר געשפּילט אין טעאַטער „סאַלעיל", איינעם נאָכן אַנדערן, און אין צווישן, זומערצײַט, זענען מיר מיט דער טרופּע געפאָרן קיין בראַזיל מיט דעם אײַנגעשפּילטן רעפּערטואַר.

צוריק פון בראַזיל, צום נײַעם סעזאָן, האָט אונדז שלמה פּריזאַמענט אָנגעשריבן אַ ספּעציעלע פּיעסע מיט נײַער מוזיק. אין דעם צווייטן טעאַטער, „עקסעלסיאָר", איז אויף יום־טוב אָנגעקומען מײַן לאַנגיאָריקער חבר הערמאַן יאַבלאָקאָוו מיט זײַן נײַער פּיעסע „אַנקל סעם אין ישׂראל" — ער איז איבערגעלעגן בײַ אונדז אין שטוב, און אַלע צוזאַמען האָבן מיר וווּנדערלעך פאַרבראַכט מחוץ דעם טעאַטער. אונדזער קעכין האָט געגרייט אַ פײַנעם „סדר", מיר האָבן געפּראַוועט פּסח אַלע צוזאַמען און טעלעפאָנירט קיין ניו־יאָרק צו די משפּחות דאָרט. ער איז געוואָרן אַ טייל פון אונדזער הויזגעזינד.

די קינדער האָבן זייער ליב געהאַט זייער אַנקל — „יאַבי", — אַז מאַטעלע האָט זיך דערוווּסט, אַז הערמאַן יאַבלאָקאָוו איז דער נײַער דערווײלטער פּרעזידענט פון אונדזער אַקטיאָרן־יוניאָן, איז ער אַרומגעלאָפן און אַלעמען געמאָלדן, אַז טרומאַן „איז שוין מער נישט פּרעזידענט אין אַמעריקע", נאָר זײַן „פּעטער יאַבי".

ער האָט אין אַ געוויסן טאָג באַגלייט לילין צו דער פּרץ־שולע אַהיימצונעמען די קינדער. פּונקט האָבן אַלע קינדער דערציילט, אַז סטאַלין איז יענעם טאָג געשטאָרבן און זײַן פאָטאָגראַפיע איז באַוויזן געוואָרן אין דער צייטונג. אונדזערע קינדער האָבן געמיינט, אַז זיי דערקענען דאָס פּנים פון י. ל. פּרץ, וועלכער איז געהאַנגען אין דער שולע — ענלעכע האָר, גרויסע וואָנצעס אאַז"וו. זיי זענען אַנטקעגנגעלאָפן לילין און יאַבין מיט דער בשׂורה: „מאַמי, דו ווייסט ווער עס איז הײַנט געשטאָרבן? י. ל. פּרץ!".

גאַנץ בוענאָס־אײַרעס איז מיט זיי געגאַנגען כּאַדאַרם, ווען זיי זענען אין דער פאָרשטעלונג פון „שולמית" אַרויס אַלס צוויי קליינע, שוואַרצע „ציגעלעך" (מען האָט זיי קוים געקענט דערוואַשן בײַ נאַכט).

מיר האָבן גרויס מזל געהאַט יענע צוויי סעזאָנען. יאַבלאָקאָוו האָט געענדיקט און איז אַהיימגעפאָרן. אויף זײַן פּלאַץ זענען געקומען צו פאָרן בן־ציון וויטלער מיט שׂפרה לערער. זיי האָבן געענדיקט זייער סעזאָן און צוריקגעפאָרן, און מיר אין „סאַלעיל" האָבן אַלץ געשפּילט בײַ אויספאַרקויפטע פּלעצער! ווײַזט אויס אָבער אַז עמעצער האָט אונדז דאַן געגעבן אַן עין־הרע...

8. אַ גאָלדענע תּקופה...

די בעלי־בתּים פון „סאַלעיל" זענען געווען שטראַמער, פעלדבוים, פעלץ און נאַרעפּקין. שטראַמער און פעלדבוים זענען געווען שוואָגערס — אין דער משפּחה האָבן זיך געפונען פיר אַקטריסעס. קלאַראַ שטראַמער, אַרינקאַ פעלדבוים, עלזאַ ראַבינאָוויטש, (אַלע דרײַ שוועסטער), און עלזאַס טאָכטער — מאַנציע („מאַרגאַ").

די שוועסטער האָבן ווײַזט אויס דערפּירט, אַז די שותּפים זאָלן ברענגען אַ נײַע אַטראַקציע — אַזוי צו זאָגן, „שוין גענוג מיט די בורשטיינס, מען זעט אונדז כּמעט נישט אַרויס".

איך האָב דערפון נישט געוווּסט און זיך געגרייט פאָרן מיט דער טרופּע קיין מאָנטעווידעאָ. צווישןביידע לענדער האָט געהערשט אַ קאַלטע מלחמה 7 יאָר צײַט, און איצט האָבן מיר באַדאַרפט זײַן די ערשטע טרופּע פון אַרגענטינע, וואָס איז געקומען שפּילן ייִדיש־טעאַטער.

אַלץ איז געווען אויספאַרקויפט פון פאַרויס. מיר האָבן געשפּילט יעדן אָוונט אַן אַנדער פּיעסע. אַז מען האָט אונדז פאַרבעטן צו בלײַבן נאָך אַ שבת — זונטיק, האָבן זיי מיר אָנגעזאָגט די בשׂורה, אַז זיי מוזן צוריקפאָרן, ווײַל זיי דאַרפן אָפּוואַרטן זייער נײַע אַטראַקציע. אונדזערע „גוטע" פרײַנד האָבן באַהאַלטן פאַר אונדז אַזאַ וויכטיקן סוד.

מען האָט אונדז שוין פון לאַנג געהאַט גערופן קיין ישׂראל, נאָר מיר האָבן נישט געוואָלט צעברעכן אַזאַ גאָלדן געשעפט. אַז אַ געשעפט גייט גוט, האַקט מען נישט איבער. איצט אָבער האָבן מיר געמאָלדן טעלעגראַפיש צו ליכטענבערגן און ליפּמאַנען, אַז מיר זענען גרייט צו קומען צום נײַעם סעזאָן.

פרײַנד, וועלכע זענען געקומען פון ישׂראל האָבן אונדז אָפּגעגעבן גרוסן, אַז אַזאַ מוזיקאַלישע אָפּערעטע ווי אונדזערע, אויף דעם אַמעריקאַנער סטיל, האָט מען דאָרט נאָך נישט געזען — אַז פּסחקע בורשטיינס פּובליקום פון פּוילן וואַרט מיט גרויס אומגעדולד — און מיר האָבן זיך גענומען פּאַקן אין וועג.

אין טעאַטער „סאַלעיל" האָבן זיך דערווײַל אָנגעהויבן די פּראָבעס פון דעם נײַעם סטאַר פון ישׂראל בעבי שפּיצער. די פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן און די דירעקטאָרן האָבן באַלד דערזען, אַז עס וועט זײַן אַ בראָך! אַז עס גייט אויף זיי אַן אומגליק — זי איז, פּשוט, געווען אַ מיידל פון רומעניע, וועלכע האָט קיין ייִדיש נישט געקענט רעדן. הערש האַרט, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין ישׂראל, האָט זי „אַנטדעקט", איבערגעאַרבעט פאַר איר אַן אַלטע פּיעסע „ציפּקע פײַער" און זי האָט גערעדט, געטאַנצט און געזונגען לויט איר „שטייגער". אָט דאָס אַלץ האָט אָבער דאָס פּובליקום פון בוענאָס־אײַרעס נישט באַפרידיקט.

בוענאָס־אײַרעס איז געווען אַ „טעאַטער־שטאָט", האָט זי געלייגט אַ שטעמפּל „ביין" — האָט גאָרנישט געהאָלפן — מען איז שוין אין טעאַטער נישט געקומען.

באַלד האָבן די בעלי־בתּים פון טעאַטער אָנגעהויבן קומען צו מיר אין שטוב — יעדער פון זיי באַזונדער: „מיר האָבן געזינדיקט, קומט צוריק שפּילן, ווען נישט וועט מען זיך דאָס לעבן נעמען!". לילי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. „איר האָט מיט אונדז געזינדיקט, מיר האָבן אַצינד נײַע פּלענער — גייט אײַך געזונ־טערהייט צו אײַער נײַעם סטאָר!"

הלוואַי וואָלט איך איר דאַן געווען געפאָלגט. און הלוואַי וואָלט די נײַע „סטאַריכע" פון ישׂראל יאָ געהאָט דערפאָלג, וואָלטן מיר זיך געווען אײַנגעשפּאָרט אַ גאַנץ פּעקל צרות.

האָבן זיי אָבער אונטערגעשיקט גוטע פרײַנד, וועלכע האָבן אונדז געעצהט, אַז פאַר אונדז איז דאָס די גרעסטע סאַטיספאַקציע, — מיר האָבן דערלעבט אַ נקמה — און מען האָט מיך איבערגערעדט. מיר האָבן אין ישׂראל באַדאַרפט אָנהייבן דרײַ חדשים שפּעטער.

איך האָב געשטעלט קאַלמאַנס אָפּערעטע „די טשאַרדאַש־פירשטין". — „סילוואַ" איז געווען ליליס קרוין־ראָלע. מיר האָבן פאַרהאַלטן דעם יונגן־מאַן, וועלכער איז געקומען פון ישׂראל מיט בעבע שפּיצער, פאַר דער ראָלע פון „עדווין" — ער איז געווען אַן אָנפאַנגער, אָבער יונג, שיין און פאַרמאָגט אַ שיינע שטים. איך האָב מיט אים געאַרבעט און אים גוט אײַנגעשטעלט אין דער ראָלע. מען האָט אים שיין אָנגעטאָן, און לילי האָט בעת זייערע דועטן אַזוי קינסטלעריש געטאַנצט אַרום אים, אַז קיינער האָט נישט געזען, אַז ער איז נישט קיין טענצער.

צום סוף האָט ער שטאַרק אויסגענומען און איז פאַרבליבן אין בוענאָס־אײַרעס אַלס אַקטיאָר — מאַקס פאַרמאַנסקי (הײַנט איז ער אַ חזן אין מעקסיקע).

מײַנע בעלי־בתּים האָבן פאַרגרעסערט דעם אָרקעסטער, מיר צוגעשטעלט אַ גרויסן כאָר פון מיידלעך און מענער, און דער טעאַטער האָט ווידער אויפגע־לעבט. „די טשאַרדאַש־פירשטין" איז געלאָפן 6 וואָכן! געענדיקט שפּילן, האָבן מיר געמאָלדן, אַז אַצינד פאָרן מיר אַוועק קיין ישׂראל. דאָ האָבן אונדזערע באַלעבאַטים גענומען וויינען און טענהן: „בורשטיין, וואָס טוט איר? נאָך 2 יאָר שפּילן אין בוענאָס־אײַרעס וועט איר נישט פאָרן אויף דער פּראָווינץ? די ייִדן באַקומען אין אַלע שטעט די ייִדישע צײַטונגען, זיי וואַרטן דאָך מיט אומגעדולד, פאַר אײַך ליגט דאָך גאָלד אויף דער פּראָווינץ".

עס האָט דאָך טאַקע געקלונגען לאָגיש — קעגן ליליס ווילן האָב איך מיט זיי געשלאָסן אַ שותּפות־געשעפט. איך האָב מיטגעפירט מײַן געשעפטס־פירער גרעגאָריאָ סעראַטין און געשפּילט אין אַלע גרויסע שטעט פון אַרגענטינע. נאָך דעם זענען מיר געפלויגן קיין טשילע צו דעם דאָרטיקן אימפּרעסאַריאָ, מײַן פרײַנד לוטשאָ אַהרון.

מיר האָבן זייער גוט פאַרדינט, נאָר געהאַט עגמת־נפש. די דאַמען פון דער משפחה האָבן אין אַלע שטעט געהאַט פרײַנד, און באַקומען אַ סך מתּנות. דאָס אַלץ האָט מען געשלעפּט מיט דעם עראָפּלאַן. די איבערוואָג איז געפאַלן אויף מײַן חשבון ווי אַ שותּף.

ענדלעך האָבן מיר געהאַלטן בײַ די לעצטע צוויי שטעט אין אַרגענטינע: מענדאָסאַ און סאַן־כואַן.

געשלאָפן זענען מיר אין מענדאָסאַ טאָקע, נאָר אַרײַנגעפאָרן שפּילן קיין סאַן־כואַן מיט אַן אויטאָבוס. דאָס האָט גענומען 5 שעה פאָרן. צו אונדזער מזל האָט די ייִדישע קהילה אין סאַן־כואַן בײַ אונדז אָפּגעקויפט נאָך אַ פאָרשטעלונג אויף זונטיק בײַ נאַכט. דאָס האָט שוין געזאָלט זײַן די לעצטע פאָרשטעלונג, און עס איז שיִער נישט געווען אונדזער לעצטע פאָרשטעלונג אויף אייביק. ווײַזט אויס אַז אונדז האָט געהיט אַ גוטער מלאך.

אַזוי ווי די לעצטע פאָרשטעלונג איז געווען אַן אָפּגעקויפטע פאַר אַ באַ־שטימטער סומע, איז נישט געווען נייטיק, אַז גרעגאָריאַ זאָל מיטפאָרן. מיר זענען דעריבער געווען גליקלעך צו קענען איבערלאָזן אונדזער צווילינג מיט אים. כאָטש די קינדער האָבן געוויינט, אַז זיי ווילן מיטפאָרן. דער באַלעבאָס פון דעם האָטעל האָט אונדז מיטגעגעבן סענדוויטשן מיט פּרוכטן און נאָך געוואָלט אַרײַנלייגן עטלעכע סיפאָנען וואַסער — אַ מזל וואָס מיר האָבן אים צוריקגעגעבן די סיפאָנען! זיי וואָלטן געווען עקספּלאָדירט אין דער צײַט פון דעם אומגליק!

פאָרנדיק קיין סאַן־כואַן האָב איך באַמערקט אַז אונדזער שאָפער איז אַ שלעכטער פאָרער און אויך אַ שלעכטער מענטש. איך האָב דאָס געזאָגט דער טרופּע. אָנגעקומען, האָט אונדז דער קאָמיטעט פײַן אויפגענומען און געמאָלדן, אַז נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן זיי פאַר אונדז צוגעגרייט אַ באַנקעט.

מיר האָבן דעם קריסטלעכן שאָפער פאַרבעטן ער זאָל מיט אונדז מיטגיין צום באַנקעט, ער אָבער איז אַוועק אין שטעטל עסן אין אַ באַר.

מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג צוריק קיין מענדאָסאַ אַרום איינס אַ זייגער בײַ נאַכט. איך האָב תּיכף באַמערקט, אַז דער שאָפער איז נישט ניכטער. דאָס ביר האָט זיך געפילט פון אים אין גאַנצן אויטאָבוס — דערצו האָט ער גענומען פאָרן צו שנעל. איך בין שוין נישט אַוועק, בין געזעסן הינטער אים, געהיט, און געהייסן פאָרן לאַנגזאַמער.

די חברים האָבן פון מיר געלאַכט, „גיי, פּסחקע — ער פאָרט בסדר, איין שאָפער קען קיין מאָל נישט דולדן ווי אַ צווייטער שאָפער טרײַבט. לאָז אים צו רו״ — זײַן פאָרן האָט מיך אַזוי נערוועז געמאַכט, אַז איך בין ענדלעך אַוועק פון אים, נישט קענענדיק דאָס מער צוזען.

אין אויטאָבוס זענען אַלע געשלאָפן. פינף אַ זייגער אין דער פרי האָבן מיר באַדאָרפט אָנקומען קיין מענדאָסאָ. איך האָב געפונען לילין שלאָפנדיק, אויסגעצויגן אויף צוויי בענק, און צוגעדעקט מיט אַ שווערן סאַמעטענעם פאָרהאַנג, וואָס דער בינע־אַרבעטער האָט איר געגעבן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר און איר דערציילט, אַז איך קאָן נישט צוקוקן מער ווי דער שאָפער „מאַנדרעוועט" מיטן אויטאָבוס. זי האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף מײַן אַקסל — און אַזוי ווי עס איז פאַר טאָג געוואָרן קאַלט, האָבן מיר זיך ביידע פעסט אַרומגעוויקלט מיט דעם שווערן סאַמעטענעם פאָרהאַנג. לילי איז אײַנגעשלאָפן, נאָר איך האָב נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. איך האָב געקוקט ווי ער פאָרט.

פּלוצעם, אַרום 5 אַ זייגער פאַר טאָג, ווען אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, זע איך, ווי ער פאַרלירט דעם קאָנטראָל איבער דער מאַשין און וויגט זיך אַהין און צוריק. מיט אַלע מײַנע כּוחות האָב איך גענומען שרײַען, „חברה, האַלט אײַך צו! מיר קערן זיך איבער!"

ער איז אַראָפּ פון וועג, אַרײַן אין אַ פעלד און זיך איבערגעדרייט גאַנצע צוויי און אַ האַלב מאָל, בלײַבנדיק מיט די רעדער אין דער לופטן. דאָס געפיל פון איבערדרייען זיך איז געווען — ווי מען פליט אין דער לופטן. דאָך האָב איך זיך נישט פאַרלוירן. איך האָב מיט דער רעכטער האַנט פעסט געהאַלטן דאָס אײַזערנע הענטל און מיט דער לינקער געהאַלטן לילין, זי זאָל בלײַבן מיט מיר אויף דעם בענקל. אַ מזל־זאַך, וואָס דער פאָרהאַנג האָט אונדז געהאַלטן פעסט אויף אונדזערע פּלעצער.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ קוויטשערײַ און מיט אַ מאָל זענען אַלע שטיל געבליבן. ס'האָט געדויערט עטלעכע מינוט ביז מיר האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיך, באַטאַפּן די ביינער און רופן איינער דעם צווייטן, אַ מזל וואָס מיר האָבן נישט געפירט די סיפאָן־פלעשער. די אַקטריסעס האָבן אָבער אײַנגעקויפט גרויסע פלעשער קאַווע (וואָס האָט אויסגעפעלט אין בוענאָס־אײַרעס), אָט די פלעשער האָבן אָנגעמאַכט אַן אומגליק — געפלויגן אויף אונדז, צעבראָכן ביינער, צעריסן פּנימער. מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסשלעפן די צעטומלטע שוישפּילערס, פאַרוווּנדיקטע און פאַרבלוטיקטע. ווען לילי האָט דערזען מײַן פּנים, וואָס איז געווען באַשפּריצט מיט עמעצנס בלוט, האָט זי גענומען שרײַען, מיינענדיק אַז דאָס בין איך אַזוי שטאַרק צעשניטן. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן פעלד און היסטעריש אויסגעשריגן: „איך דאַנק דיר רבונו־של־עולם, וואָס מײַנע קינדער זענען דאָ נישט געווען".

אַלע איינצלהייטן צו דערציילן וואָלט פאַרנומען צו פיל אָרט. דער עיקר — מיר האָבן גרויס מזל געהאַט, וואָס מען האָט זיך נישט אָנגעשלאָגן אין אַ בוים, ווען דאָס וואָלט געשען וואָלט דער אויטאָבוס זיך געוווען תּיכּף אָנגעצונדן און מיר וואָלטן פון דאָרט נישט אַרויס קיין לעבעדיקע, ווײַל קיין הינטערטיר האָט

דער אויטאָבוס נישט פאַרמאַגט און אַלע פענצטער זענען געווען פאַרמאַכט.

אַ פאַרבײַפאָרער אויף אַ ראָווער האָט תּיכּף געמאָלדן דער פּאָליציי — מען האָט אַלעמען גענומען אין שפּיטאָל. אונדזער מאַטעלע האָט זיך, ווײַזט אויס, אויפגעכאַפּט פון שלאָף געגנוי ווען עס האָט פּאַסירט די קאַטאַסטראָפע. ער האָט אויפגעוועקט גרעגאָריאַן און אים געזאָגט, אַז „ער ערגערט זיך וועגן טאַטע־מאַמע". דאָס איז זיכער געווען אַ טעלעפּאַטיש געפיל — ווען מיר האָבן זיך איבערצײַגט, אַז די קינדער זענען בסדר, האָט לילי געמוזט צוריקפאָרן אין שפּיטאָל אַרײַן, ווײַל אַלע אברים האָבן איר ווי געטאָן. איך האָב זיך געקאָרמעט מיט אַספּירין אײַנצושטילן די ווייטיקן און פאַרבליבן מיט די קינדער.

גאַנץ מענדאָסאָ איז געקומען צו לויפן אין שפּיטאָל. אַן איט"אַ־ידיעה איז „אַרויס איבער דער וועלט" און לילים עלטערן האָבן זיך גלײַך דערוווּסט וועגן דעם אין אַמעריקע דורך דער ראַדיאָ. פאַרצווייפלטע האָבן זיי זיך געוואָנדן צום רויטן קרייץ ער זאָל אונדז געפינען און מיר האָבן זיי קוים באַרויִקט דורכן טעלעפאָן, אַז מיר זענען די איינציקע נישט־באַשעדיקטע. די צײַטונגען אָבער האָבן צעפּלוישט אַ ידיעה, אַז מיר ביידע זענען שווער פאַרוווּנדיקט.

אונדזער פרײַנד דער פּילאָנטראָפּ משה טובערט האָט באַצאָלט די שפּיטאָל־רעכענונגען פאַר אַלעמען, חוץ וואָס ער האָט גלײַך געשיקט זײַן אַדוואָקאַט מאַכן אַ ספּראָווע קעגן דער אויטאָבוס־געזעלשאַפט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייער פאַרזיכערונג איז מיט עטלעכע טעג פריִער אויסגעגאַנגען, און זיי האָבן נישט באַוויזן דאָס צו באַנײַען. אַ הפקרות! כּדי זיי אָנקלאָגן וואָלט באַדאַרפט דויערן חדשים, יאָרן, און דאָ מוזן מיר שוין פאָרן קיין ישׂראל, כּדי נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם סעזאָן.

לילי האָט מיך געבעטן מיר זאָלן אַרײַנפאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס און זיך גרייטן אין וועג. ווי אַזוי אָבער האָב איך געקאָנט אָוועקפאָרן און איבערלאָזן אַקטיאָרן אין שפּיטאָל? איינער צעקלאַפּט דעם קאָפּ, קלאַראַ שטראַמער צעבראָכן אַן אַקסלבײן, נחמן ערליך שיִער נישט פאַרלוירן אַן אויג, ווען זײַנע ברילן האָבן זיך צעבראָכן...

(דער יונגער, 18־יאָריקער נחמן האָט דאַן אָנגעהויבן זײַן קאַריערע מיט אונדז. איך האָב אים איצט, אין 1978, געטראָפן אין בוענאָס־אײַרעס — אַ גרויסער סטאַר, אַ גרויסער טאַלאַנט. נישט נאָר בײַ דעם ייִדישן פּובליקום נעמט ער אויס, נאָר אויך בײַ די קריסטלעכע, אונטערן נאָמען נאָרמאַן ערליך. איך האָב געהאַט נחת פון מײַן תּלמיד, וואָס חוץ אַ פײַנער שוישפּילער איז ער אויך אויסגעוואַקסן אַ פײַנער מענטש, און דאָס איז בײַ מיר דער עיקר).

איבער נאַכט איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך טובערטן אַ קאָנצערט אין מענדאָסאָ, כּדי מיר זאָלן באַווײַזן דעם פּובליקום, אַז מיר זענען אַרויס לעבעדיקע.

דאָס האָט אינספּירירט די דירעקציע פון טעאַטער „סאָלעיל”, אַז מיר זאָלן דאָס אייגענע טאָן אין בוענאָס־אײַרעס, פאַר אונדזער אָפּפאָרן קיין ישׂראל: און — איך בין אײַנגעגאַנגען.

דערווײַל האָט ליפּמאַנס שוועסטער, די שוישפּילערין עני ליטאַן, וועלכע האָט געוווינט אין בוענאָס־אײַרעס, געשריבן איר ברודער, אַז לויט די צײַטונגען געפינען מיר זיך ביידע אין אַ שרעקלעכן מצב, און ווער ווייסט, צי מיר וועלן קאָנען פאָרן.

די ישׂראל־דירעקציע איז געוואָרן פאַרצווייפלט. זיי האָבן געהאַט געדונגען פאַר אונדז טעאַטערס איבער גאַנץ ישׂראל, און דאָ פּלוצעם אַזאַ בשׂורה! אַזאַ אומגליק!

אין ישׂראל האָבן דאַן פּונקט געווײַלט מאַקס פּערלמאַן מיט זײַן פרוי, זיי האָבן געענדיקט שפּילן אין דעם רעוויו־טעאַטער פון משה וואַלין, „לי־לה־לו” (אין טעאַטער זענען נישט פאַראַן קיין סודות — פּערלמאַן מיט זײַן פרוי האָבן אין „לי־לה־לו” געהאַט אַ שרעקלעכן דורכפאַל).

נאָר — „איינעמס אומגליק איז אַ צווייטנס גליק”. אונדזער קאַטאַסטראָפע האָט אים געדינט ווי אַ גליקפאַל! ער האָט באַלד פאַרגעלייגט די שותּפים ליכטענבערג־ליפּמאַן אויפצוטרעטן אויף אונדזער אָרט. צו ערשט האָבן זיי דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. זיי האָבן נישט געוואָלט ריזיקירן מיט אַ „פירמע”, וואָס איז דורכגעפאַלן. פּערלמאַן אָבער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ריזיקירן וועט ער — זיי וועלן זײַן שותּפים בלויז צו די פּראָפיטן, נישט צו די פאַרלוסטן — זיי זענען אײַנגעגאַנגען און פאַרקלעפּט אונדזערע פּלאַקאַטן מיט זייערע.

ענדלעך האָבן מיר פאַרלאָזן בוענאָס־אײַרעס, נאָך אַ גרויסן געזעגענונגס־באַנקעט, און געמאָלדן ליכטענבערגן און ליפּמאַנען, אַז מיר פאָרן אַרויס מיט דער שיף „קאַסטעל ווערדע”. זיי זאָלן מיר שרײַבן קיין פּאַריז אויף דעם אַדרעס פון „אַמעריקאַן עקספּרעס”.

עס האָט געדויערט צוויי וואָכן אַנצוקומען קיין איטאַליע, אין דער פּאָרט־שטאָט גענוע. נאָך די לעצטע איבערלעבונגען אין בוענאָס־אײַרעס, און נאָך דער קאַטאַסטראָפע, האָט די רײַזע געדינט אונדז ווי אַ גוט־פאַרדינטע וואַקאַציע.

די פּאַסאַזשירן אויף דער שיף האָבן זיך געצאַצקעט מיט מײַן צווילינג... און ווען דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערוווּסט, אַז עס פאָרן אַקטיאָרן, האָט ער, נאַטירלעך, געבעטן מיר זאָלן געבן אַ קאָנצערט.

דאָס מאָל איז זיסעלע געוואָרן די סטאַרין פון דער משפּחה. איר בויך־רעדן מיט איר ליאַלקע האָט איבערגעראַשט דעם עולם. כאָטש מאָטל האָט געזונגען שפּאַניש און מיר ענגליש, האָט די קונסט, וואָס זיסעלע האָט באַוויזן, איבערגעשטיגן אונדז אַלעמען — דער קאַפּיטאַן האָט זיך פאָטאָגראַפירט מיט איר.

אין אַ טאָג קומט אונדזער זיסעלע צו לויפן מיט אַ געוויין: „איך קען נישט געפינען מאַטעלען! ער איז פאַרלוירן געגאַנגען!" פאַרזאָרגטע זענען מיר אַרומ־געלאָפן אים זוכן איבער דער גאַנצער שיף, איין קליניקייט! אַ קינד פאַרשווונדן אויף אַ שיף — קיינער האָט אים נישט געזען. לילי און זיסל האָבן שוין געגומען וויינען. פּלוצעם קומט אונדז אַנטקעגן אַן איטאַליענישער פּאַסאַזשיר פון דריטן קלאַס און פרעגט אויף איטאַליעניש צי מיר זוכן אונדזער זון — ער האָט אונדז אַראָפּגעפירט אונטן אין סאַלאָן פון דריטן קלאַס. דער זאַל איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. אויף אַ בירפאַס, אין מיטן סאַלאָן, איז געשטאַנען אונדזער גרויסער זינגער. דער 8־יאָריקער מאָטל, און האָט פאַר זיי געזונגען אויף איטאַליעניש.

ווי קומט דאָס צו אים? אין בוענאָס־איירעס האָבן מיר זיך געטראָפן מיט אַן אַמעריקאַנער־איטאַליענישן זינגער ניקאָלאָ פּאַאָנע. מיין מאָטל האָט זיך זיינע לידער אויסגעלערנט. און איצט דאָ האָט ער דערזען, אַז ער האָט געפונען דעם אמתן פובליקום, וואָס וויל הערן איטאַליעניש.

אָט דאָס איז געווען מיין זון מייקס ערשטער „וואַן מען שאָו".

אויב שוין דערציילן די נסים פון מיינע קינדער וואָלט געווען אַ פאַרלוסט, ווען איך דערמאָן נישט אַ פּאָר אַנעקדאָטן וועגן זיי פון דרום־אַמעריקע. צווישןביידע קינדער איז זיסעלע געווען די שטאַרקערע נאַטור, און מאַטעלע — די שוואַכערע, מער סענטימענטאַלע.

אַז מיר זענען נישט געווען דערביי פלעגט זי אים אָפּהיטן ווי אַ קליינע מאַמע, זי האָט אים ליב געהאַט — דאָס לעבן! ער פלעגט אָן איר עצה גאָרנישט טאָן.

אין ריאָ־דע־זשאַניירא האָט מאָטל זיך צעוויינט אין מיטן דער גאַס, ווייל ער האָט דערזען אַ בעטלערקע מיט אירע קליינע קינדער שלאָפן אויף דער ערד אויף אויסגעשפּרייטע צייטונגען. דאָס איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין יענע לענדער. נאָר מיין סענטימענטאַלן מאַטעלען האָט דאָס פאַרכאַפּט ביים האַרצן און ער האָט זיך צעכליפּעט מיט הייסע טרערן: „ווו איז דער רבונו־של־עולם? פאַר וואָס דאַרפן זיי שלאָפן אויף דער גאַס, אין דער צייט ווען מיר וווינען אין יענעם גרויסן האָטעל?!"

ביי אַ צווייטער געלעגנהייט האָט ער זיך ליבן טעאַטער „סאַלעיל" באַקענט מיט אַ יינגעלע, אַ שיכפּוצער. מאָטל האָט אין דער פּיעסע געשפּילט אַ קליינע ראָלע אין ערשטן אַקט און פלעגט נאָך דעם וואַרטן אין טעאַטער, ביז מיר וועלן ענדיקן שפּילן. פּלוצעם קומט צו לויפן דער קאַסירער פון טעאַטער בעטן לילין, זי זאָל צונעמען מאַטעלען. דאָס פובליקום איז אַרויס פון טעאַטער און געזען ווי מאָטל זיצט מיט דעם שיכפּוצער און ביידע פּוצן שיך. „מאַטעלע, וואָס טוסטו?" „מאַמי — האָט ער זיך פאַרענטפערט — זיי נישט בייז, דאָס געלט איז נישט פאַר מיר, איך העלף אים אַרויס! דער בחור איז אַ יתום, ער האָט נישט קיין טאַטן און מוז אויסהאַלטן זיין מאַמען מיט אַ ברודערל!"

בײַם װאַשן זײַנע קלײדער פּלעגט לילי געפינען זײער אָפט אין זײַנע קעשענעס צעריסענע פּאַפּירלעך פון צוקערלעך און מאַסטיק (קײַ־גומי), װאָס ער פּלעגט אױפהײבן פון גאַס. זי פּלעגט מיט אים טענהן: „מאָטעלע, דאָס איז דאָך שמוציק, קענסט חלילה קראַנק װערן״. אָבער זײַן תּירוץ איז געװען: „מאַמי, זײ ליגן אױף דער ערד און יעדער טרעט אױף זײ! עס איז אַ גרױס רחמנות!״ — אַזאַ צער־בעלי־חײמניק איז מײַן מײַק געװען אַלס קינד!...

מיר זענען אָנגעקומען מיט דער שיף קײן גענוא און פון גענוא זענען מיר מיט דער באַן אַרײַנגעפאָרן קײן פּאַריז.

זלמן קאַלעשניקאָװ, דער שװישפּילער פון ביאַליסטאָק, האָט דאַן אין פּאַריז אָנגעפירט מיט אַ טרופּע. זיך דערװוסט אַז מיר קומען אָן, האָט ער אונדז אָפּגעװאַרט בײַ דער באַן. עס איז געװען אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. ער האָט מיך באַלד מודיע געװען, אַז פּערלמאַן שפּילט אין ישׂראל אױף מײַן פּלאַץ.

איך האָב נישט געװאָלט גלײבן, און אַזױ גיך װי מיר האָבן מײַן משפּחה אַרײַנגעפירט אין האָטעל „מאָדערן״, זענען מיר צוגעפאָרן אין דעם „אַמעריקאַן עקספּרעס״. דאָרט האָט שױן אױף מיר געװאַרט אַ בריװ פון יוזשעק ליכטענבערג. ער באַגריסט אונדזער אָנקומען קײן פּאַריז געזונט, נאָך דער קאַטאַסטראָפע. בײַ זײ האָט דערװײַל אָנגעהױבן שפּילן פּערלמאַן — ער בעט זיך אונדז „אַפּרוען״ און ער װעט אונדז לאָזן װיסן װען מיר זאָלן קומען קײן ישׂראל.

מײַן פרױ איז װידער געװען גערעכט! זי האָט מיך געהאַט געבעטן, מיר זאָלן נישט צוריקגײן שפּילן אין דעם „סאַלעיל״־טעאַטער. מיר װאָלטן שױן פון לאַנג געװען אין ישׂראל און אױסגעמיטן דעם אומגליק מיטן אױטאָבוס. איך האָב אױך נישט געפאָלגט װען זי האָט מיר געהײסן שיקן טעלעגראַמעס קײן ישׂראל און צו די עלטערן אין ניו־יאָרק, אַז מיר זענען אַרױס מיט די בײנער. איצט װעלן מיר שױן מער נישט זײַן מיט דער ערשטער אָפּערעטע אין ישׂראל, און פּערלמאַן װעט צונעמען די „סמעטענע״ אױף אונדזער חשבון!

איך האָב תּיכּף געװאָלט אַרײַנפאָרן קײן ישׂראל, אָבער קאַלעשניקאָװ האָט אונדז אָפּגערעדט. „איר זענט דאָך שױן דאָ אין פּאַריז, טאָ גיט קודם אַ קאָנצערט דעם קומענדיקן שבת״. ער האָט אונדז אָפּגעטראָטן דעם טעאַטער און אָנגעהױבן מאַכן רעקלאַמע.

אין פּאַריז האָט זיך געפונען אַן אימפּרעסאַריאָ מיטן נאָמען „מאַנאַ״ (מאַני־שעװיץ פון דער הײם), װעלכער האָט אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע זיך אױסבאַהאַלטן אין אַ קלױסטער אַלס גלח — אַ גאַנצע געשיכטע דערבײַ. הכּלל, מאַנאַ האָט אונדז געפירט אין אַלע פראַנצײזישע רעדאַקציעס און אױך אַראַנזשירט פאַר אונדז אַן אױפטריט אין דער טעלעװיזיע. לילי און איך האָבן געזונגען אױף פּאָרטוגעזיש „מאַמאַ יאָ קיעראָ״, מאָטעלע אױף שפּאַניש „אַדיאָס מוטשאַטשאָס״,

און זיסעלע מיט איר ליאַלקע אויף ענגליש „היי לילי, היי לאָו", אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלע פּראָגראַם...

אין דעם זעלביקן אָוונט נאָך אונדזער טעלעוויזיע־אויפטריט האָט מען גענומען באַלאַגערן די קאַסע פון טעאַטער „אַנטרעפאַ", עס איז געקומען אַן עולם וואָס מען האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען אין יידישן טעאַטער, די „באָו־מאָנד" מיט „וויזאָן־מאַנטלען" — דער סוף איז געווען, אַז אין איין נאַכט האָבן מיר פאַרדינט איבער צוויי טויזנט דאָלאַר. מיר האָבן דערזען, אַז מיר האָבן טאַקע אַ פובליקום אין פּאַריז און באַשלאָסן צו פאָלגן קאַלעשניקאָווס עצה.

די קינדער האָבן אָנגעהויבן גיין אין דער אַמעריקאַנער שולע. זיי האָבן צו ביסלעך אָנגעהויבן רעדן פראַנצייזיש און זיך באַקענט מיט מיַין פּאַריזער משפחה.

אַנטקעגן האָטעל „מאָדערן", אויפן פּלאַץ רעפּובליק, איז יעדן שבת און זונטיק פאַרגעקומען אַ באַזאַר (אַ יאַריד) מיט קאַרוסעלן און פאַרשידענע שפּילן. מאָטעלע און זיסעלע פלעגן כּסדר בעטן 10 פראַנק און געלאָפן צום באַזאַר. פינף מאָל אַ טאָג פלעגן זיי ברענגען צו טראָגן פיגורן, וועלכע מיַיק האָט געוווּנען אין דער שיס־גאַלעריע, ביז איך האָב שוין מער קיין פּלאַץ נישט געהאַט פאַר אַזוי פיל סטאַטועטקעס, איז לילי מיט זיי אַריבער זען ווי אַזוי באַקומט ער זיי. אַן איבער־ראַשטע האָט זי דערזען ווי מאָטעלע טרעפט מיט יעדן שאָס! ווען האָט ער זיך דאָס אויסגעלערנט? (פונקט ווי מיר האָבן נישט געוווּסט, ווו און ווען ער האָט זיך אויסגעלערנט ריַיטן אויף אַ פערד).

דער בעלעבאָס פון דער גאַלעריע האָט זיך בײַ לילין געבעטן: „מאַדאַם, גיב אים מער נישט קיין געלט צו שפּילן, איך בעט דיך, עס פעלן מיר שוין אויס די סטאַטועטקעס". דער סוף איז געווען, אַז לילי האָט זיי צוריק פאַרקויפט צום סוחר פאַר 10 פראַנק אַ שטיק.

אין פּאַריז האָט זיך געפונען לעאָ פולד. ער איז דאַן צוריקגעקומען מיט אַ גרויסן נאָמען פון ישׂראל. ער האָט אונדז באַלד אָנגאַזשירט אויפצוטרעטן צוזאַמען מיט אים אין זיַין „גאַלאַ־פאָרשטעלונג" אין „אַלהאַמבראַ"־טעאַטער אין אַ חודש אַרום.

מיַין קוזינע מינדעלע האָט מיך געראָטן איך זאָל זיך היטן פאַר יענער פאָר־שטעלונג, וויַיל פולד האָט מיט אייניקע חדשים צוריק געהאַט אַ גרויסן דורכפאַל. ער איז אויפגעטראָטן שיכּור און האָט באַליידיקט דאָס פובליקום. איצט וויל ער זיך ריינוואַשן בײַם עולם, וויל ער אויפטרעטן צוזאַמען מיט אַזאַ משפחה, ווי אונדזערע.

איך האָב אָבער נישט געפונען קיין שום שלעכטס אין פולדן. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אונדזער מצב וואָס שייך דעם קאָנטראַקט מיט ישׂראל — ער האָט געזוכט אונדז צו העלפן — און זיַיענדיק צוויי מאָל אין ישׂראל — האָט ער אַוועקגעקלאַפּט אַ טעלעגראַמע צו דעם אימפּרעסאַריאָ, קלמן גינזבורג, וועלכער, צוזאַמען מיט זיַין שותּף גילאון, פלעגט ברענגען די גרעסטע וועלט־

אַטראַקציעס קיין ישׂראל, ווי יהודי מנוחין, דזשאַזעפּינא בייקער — וויכטיקע פּערזענלעכקייטן.

זיי האָבן מיר תּיכּף צוגעשיקט אַ קאָנטראַקט. איך האָב באַלד באַשטעלט שיינע פּלאַקאַטן אין בעלגיע — בלוי־ווײַס, אויף מיטצונעמען קיין ישׂראל, און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן. נאָר דערווײַל האָבן מיר נאָך געשפּילט מיט קאָלעש־ניקאָוון אין פּאַריז, צוזאַמען מיט זײַן פרוי רענע, די מאַדאַם אַהרונסאָן, און מײַנער אַן אַלטער חבר פּײַוול וואַרשאַווסקי איז אויך געווען אין דער טרופּע. מיר האָבן אויך געהאַט עטלעכע פאָרשטעלונגען אין בעלגיע און פאַרשטייט זיך, פולדס „גאַלאַ־פאָרשטעלונג" איידער מיר פאָרן אַוועק.

9. דאָס וווּנדערקינד פון פּאַריז...

אונדזער אויפטריט אין דער טעלעוויזיע האָט געהאַט גוטע נאָכפאָלגן. דער פּראָדוצענט פון דער פּראָגראַם, זשאַן נואַר, וועלכער איז אויך געווען דער רעדאַק־טאָר פון דער צײַטונג „פראַנס סואַר", האָט נישט געקענט פאַרגעסן אונדזער זיסעלען.

פּלוצעם רופט ער אין טעלעפאָן און ווינטשט זיך צו רעדן מיט „מאַדמואַזעל בורשטיין". לילי האָט געענטפערט, מיינענדיק אַז ער פאַרבעט זי אויף דער גרויסער פּאָפּולערער שאָו „טראַנט סיס שאַנדעל", האָט ער געענטפערט „ניין, איך וויל סוזאַן, דאָס קליינע מיידעלע אַליין".

„סוזאַן" איז דעמאָלט אויפגעטראָטן אויף יענער באַרימטער שאָו, צוזאַמען מיט גרויסע, פּראָמינענטע סטאַרן. — דאָס מאָל האָט זי שוין געזונגען אויף פראַנצייזיש — זשאַן נואַר האָט דאַן אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר קעפּעלע און האָט אַנאָנסירט פאַר גאַנץ פראַנקרײַך, אַז „סוזאַן איז דאָס וווּנדערקינד פון דער וועלט". עס קאָן מעגלעך זײַן, אַז ווען מיר וואָלטן געווען פאַרבונדן מיטן ענגלישן טעאַטער, וואָלט סוזאַן דערגרייכט גאָר הויכע מדרגות מיט איר קונסט ווי אַ בויך־רעדעריןן, אָדער ווי אַ זינגערין (מיט דער צײַט האָט זיך בײַ איר אַנטוויקלט אַ זיסע סאָפּראַן־שטים) — אָבער מיר זענען געשוווּמען אין ים פון יידישן טעאַטער, ווו מײַק האָט געפונען מעגלעכקייטן זיך צו אַנטוויקלען, און סוזי איז אַוועק צו אַ פּריוואַט לעבן, ווו זי איז זייער גליקלעך. איך ווייס אָבער נישט, צי זי דערמאָנט זיך נישט אַ מאָל, אָדער בענקט נישט שטילערהייט נאָך יענע טעג אין פּאַריז, ווען מען האָט זי גערופן „דאָס וווּנדערקינד פון דער וועלט".

אין פּאַריז האָב איך זיך געפּרייט, וואָס מײַן משפּחה האָט זיך באַקענט מיט מײַן ווײַב און קינדער. מײַן ברודער וועלוול האָט שוין נישט געלעבט.

וועלוול בורשטיין איז אומגעקומען ווי איינער פון די „38 ערובניקעס", דער־שאָסן דורך די נאַציס אַלס נקמה פאַר היידריכס טויט (מען דערציילט, אַז ער איז געווען דער לעצטער פון די 38 אויסגעקליבענע). זײַן פרוי און איינער פון זײַנע זין זענען דעפּאָרטירט געוואָרן. געבליבן זענען צוויי זין און אַ טאָכטער, רחל־לאה.

דער נאָענטסטער, מיט וועלכן מיר זענען תּמיד אין קאָנטאַקט, איז פּסח — ער הייסט פּונקט ווי איך, פּסח בורשטיין, און אינטערעסאַנט, אַז ער איז אויך שטאַרק ענלעך צו מיר. ער איז געקומען מיט מײַן ברודער קיין פּאַריז אַלס קינד, אין דער צײַט ווען איך האָב זיך געוואַלגערט אין ווילנע און אין קאָוונע נאָכן ערשטן וועלטקריג.

איצט האָבן מיר זיך נאָענט באַקענט מיט זײַן פרוי בערטינאַ, אַ געבוירענע אין פּאַריז, און זײַנע קינדער מאָטעלע (אַ נאָמען נאָך מײַן טאַטן, פּונקט ווי מײַן זון) און די קליינע מאָניק.

אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע האָט בערטינאַ געראַטעוועט די משפּחה. איר אויסזען האָט דערלויבט זי זאָל קענען זיך פאַרשטעלן פאַר אַ קריסטין, און טראָגנדיק אַ צלם אויפן האַלדז האָט זי אַוועקגעפירט די קינדער צו די נאָנעס אין אַ קלויסטער אין דער געגנט אַלסייס לאָריין. מײַן פּלימעניק פּסח איז געלעגן צוויי יאָר באַהאַלטן אין אַ וואַנט, צווישן צוויי שטאָק פון אַ געביידע. בערטינאַ האָט אים געהיט, געבראַכט עסן, און אים דערהאַלטן בײַם לעבן.

בעת אונדזער אָנקומען קיין פּאַריז, אָנהייב 1954, זענען זיי נאָך געווען אין פּראָצעס פון צוריקקומען צו זיך און צו אַ נאָרמאַלן לעבן.

אויך די טעכטער פון מײַן מומע העניע האָב איך געפונען אין פּאַריז מיט זייערע משפּחות, אַזוי אַז עס איז געווען פריילעך. די משפּחה האָט אונדז נישט אָפּגעלאָזט.

אַ טאָג פאַר לעאָ פולדס פאָרשטעלונג האָבן מיר געהאַט אַ קאָנצערט אין אַנטווערפּן, זענען מיר גלײַך נאָך דעם קאָנצערט, צוועלף אַ זייגער בײַ נאַכט, אַרויסגעפאָרן מיט דער באַן, צו זײַן אין פּאַריז אויף דער מוזיק־פּראָבע אין „אַלהאַמבראַ" גאַנץ פרי.

פולד האָט געדונגען אַ ספּעציעלן אָרקעסטער פון 32 מוזיקאַנטן. איך האָב בפירוש געזאָגט, אַז אונדזער מוזיק איז אָרקעסטרירט בלויז פאַר צען אינסטרו־מענטן, האָט ער געגעבן דעם דיריגענט צושרײַבן מײַן מוזיק אויף נאָך זעקס שטימען. זעכצן מאַן וועלן זײַן פאַר אונדז גענוג — האָב איך באַשטעטיקט.

מיר זענען אָנגעקומען אין דער פרי קיין פּאַריז, און נישט קיין אויסגעשלאָ־פענע, בין איך גלײַך געלאָפן מיט די קינדער אין טעאַטער צו דער פּראָבע. לילי

איז דערוויַיל אַוועק צום פריזיער זיך צוקעמען. אַ קליייניקייט! ס׳איז דאָך עפּעס „אלהאַמבראַ״!

אַריַינקומענדיק אין טעאַטער האָב איך געטראָפן לעאָ פולדן מאַכן פּראָבע מיט זיַינע 32 מוזיקאַנטן. איך האָב אים באַלד דערקלערט די לאַגע, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז נאָך צוויי לידער, וועט ער זיך אָפּרוען און צולאָזן, אַז די קינדערלעך זאָלן קאָנען רעפּעטירן און צוריקגיין אין האָטעל זיך אויסשלאָפן.

פון צוויי לידער איז געוואָרן פיר, פון פיר איז געוואָרן זעקס, און די זעקס האָט ער איבערגעחזרט אַזוי פיל מאָל, אַז עס האָט שוין אָנגעהויבן נודיען אויף דער נשמה נישט נאָר אונדז, נאָר אויך די מוזיקאַנטן.

איך האָלט אין איין שריַיען צו אים „לעאָ, וואָס וועט דאָ זיַין?״ נאָר ער הערט מיך ווי דעם קאָטער! — אַז לילי איז שוין אָנגעקומען, האָט זי געפונען די צוויי קינדער שלאָפנדיק אויף מיַין שויס.

מיר האָבן געמאַכט אַ סקאַנדאַל און געסטראַשעט, אַז מיר גייען אַוועק, האָט ער געענדיקט זיַין פּראָבע. ווען מיר זענען געווען גרייט מיט אונדזער מוזיק, האָט זיך דער אָרקעסטער אויפגעהויבן און גענומען פּאַקן די אינסטרומענטן. „לעאָ, וואָס טוט זיך דאָ?״ די מוזיקאַנטן האָבן פאַר אים געענטפערט, אַז זיי ווערן באַצאָלט בלויז ביז 5 אַ זייגער און מוזן גיין אַ היים, וויַיל 8 אַ זייגער דאַרפן זיי שוין זיַין צוריק אין טעאַטער.

פולד האָט מיר געענטפערט: „זאָרג זיך נישט, זיי זענען גוטע מוזיקאַנטן. זיי וועלן דיר שוין נאָכגיין, ווען נישט, וועסטו זינגען מיט אַ פּיאַנאָ אַליין״ — האָט ער צוגעגעבן. איך האָב געפילט, אַז איך שפּרינג־אַרויס פון דער הויט. „דו אויס־וווּרף! — האָב איך געשריגן — דו מיינסט, אַז מיר ווייסן נישט דעם אמת וועגן דיר, אַז אָן אונדז וואָלסטו נישט געקענט פאַרקויפן קיין איין בילעט?״. איך האָב געגעבן אַ באַפעל: „קינדער, קומט אַהיים! מיר וועלן היַינט נישט אויפטרעטן, מיר וועלן שטיין ביַי דער טיר און דערציילן דעם עולם, פאַר וואָס!״

צוריק אין האָטעל, אין מיטן עסן, קומט צו גיין דער באַלעבאָס פון טעאַטער „אלהאַמבראַ״. ביז איצט האָט ער גערעדט בלויז פראַנצויזיש, נאָר פּלוצעם האָט ער באַקומען לשון און רעדט אַ גוטן ענגליש. ער האָט זיך גענומען בעטן ביַי אונדז, ער וועט נאָכגעבן אַלץ וואָס מיר וועלן פאַרלאַנגען, אַבי מיר זאָלן קומען אין טעאַטער אויפטרעטן, וויַיל ער איז אַ שותף צום אָוונט. אָן אונדז וועט דער עולם פאַרלאַנגען צוריק דאָס געלט, וויַיל פולד האָט אַראַנזשירט דעם אָוונט ספּעציעל זיך ריינצווואַשן ביַים יידישן פּובליקום.

מיר איז שוין געגאַנגען אין אַמביציע. אַזוי ווי מיר האָבן נישט געהאַט קיין פּראָבע מיט דעם אָרקעסטער, האָב איך אים געשטעלט אַן אולטימאַטום, אַז בלויז מיט אונדזער פּיאַניסטין, מיט רענע סאַלאַמאָן, קענען מיר אויפטרעטן. זי קען אונדזער גאַנצן רעפּערטואַר. ער האָט גענומען איר טעלעפאָן־נומער און אַוועק זי רופן. איך האָב גליַיך געמאָלדן רענען, וואָס דאָ קומט פאָר, און אַז זי זאָל בעטן אַ

הויכן פרײַז. זי האָט מיך אין צען מינוט אַרום אָנגעקלונגען און געזאָגט, אַז אַלץ איז דערליידיקט און זי לויפט שוין אין טעאַטער.

רענע סאַלאָמאָן איז אָנגעקומען אין טעאַטער און צעטיילט מײַנע 16 פּאַרטיטורן צווישן די 32 מוזיקאַנטן.

מוזיקאַנטן זענען אַ „באַזונדער" פֿאָלק, סענטימענטאַלע מענטשן. צוליב דעם אינצידענט בײַ טאָג האָבן זיי געוואָרפן אַן אומחן אויף פֿולדן און מיטגעפֿילט אונדז. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעזעצט און געשפּילט צוויי מאַן פֿון יעדער פּאַרטיטור, אַזוי אַז אַלע 32 מאַן האָבן געשפּילט.

עס טרעפֿט אַ מאָל, אַז אַ פֿאַרשטעלונג געלינגט מער ווי שטענדיק. אַזוי האָט מיט אונדז פּאַסירט יענעם אָוונט. מיר האָבן אַלע פֿיר זיך אַליין איבערגעשטיגן! ווי עמעצער איבן וואָלט זיך געמיט פֿאַר אונדז!

מיר האָבן אויסגעפֿילט דעם ערשטן טייל, און פֿולד, איינער אַליין דעם צווייטן טייל. בעת אונדזער אָנקומען קיין פּאַריז האָט ער געהאַט מײַן מאָטעלן אויסגע־לערנט זינגען „מזל" אין דרײַ שפּראַכן. מאָטעלע האָט דאָס איצט געזונגען, ווי אויך אַ דועט מיט לילין, „די מאַמע מיט דעם זינדל". זיסעלע מיט איר ליאַלקע, ווי אַ „בויך־רעדערין" האָט אַרויסגערופֿן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

ווען איך האָב אָפּגעזונגען און אָפּגעפּײַפֿט די „אונגאַרישע ראַפּסאָדיע" האָט דאָס גאַנצע פּובליקום זיך אויפֿגעשטעלט און געשריִען „ביס"!! לילין איז אויסערגעוויינלעך געלונגען איר סאָלאָ־נומער „שיבנה בית־המקדש". מײַן פּלי־מעניצע בערטינאַ איז געשטאַנען הינטער די קוליסן און אונדז געהאָלפֿן מיט די קאָסטיומען. די גאַנצע משפּחה איז געשטאַנען דערבײַ. געענדיקט, האָבן מיר אַלע פֿיר מיט „מאַמאַ יאָ קיעראָ". מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיג! אַז דאָס פּובליקום האָט אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן דעם זאַל, האָט מען תּיכף אַנאָנסירט דורכן מיקראָפֿאָן: „באַלד קומט דער צווייטער טייל מיט לעאָ פֿולד!"

ער האָט אָבער, ליידער, נישט „געבליצט". טראָץ די 32 מוזיקאַנטן און די ספּעציעלע עפֿעקטן מיט די פֿידעלעך. און דאָס איז געווען אונדזער נקמה.

יאָרן לאַנג האָט געדויערט ביז איך בין אים מוחל געווען. האַלטן אַ כּעס דאָס גאַנצע לעבן, האָט נישט קיין זין.

זיך געזעגנט מיט מײַן ליבער משפּחה, זענען מיר געפֿאָרן מיט דער באַן קיין מאַרסיי, זיך אויפֿזעצן אויף דער ישׂראל־שיף „ארצה". דורך בריוו האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אונדזער מיטשפּילער, נחמן ערליך (פֿון בוענאָס־אײַרעס) קומט פּונקט צו פֿאָרן דעם טאָג מיט דער „ארצה" פֿון ישׂראל און וועט אונדז פֿאַרבײַפֿאָרן מיט דער באַן, וועלכע קומט פֿון דער צווייטער ריכטונג. ווי קאָמיש איז געווען די

סצענע, ווען אַלע פיר האָבן מיר אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורכן פענצטער, ווען די באַן איז פאַרבײַגעגאַנגען לאַנגזאַם. נחמן, פון זײַן באַן, האָט אויך אַרויסגעשטעקט זײַן קאָפּ, אונדז זוכנדיק. ענדלעך האָבן מיר זיך דערזען און גענומען שרײַען איינער צום אַנדערן. מיר האָבן אים קוים דערקענט, ווײַל אין ישׂראל האָט ער זיך געהאַט פאַרלאָזן אַ בערדל.

10. ישׂראל! ישׂראל!

איך קאָן נישט אָפּמשלען אונדזערע געפילן, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערזען אַ שיף, אויף וועלכער עס האָט געפלאַטערט די ישׂראל־פאָן. דער ערשטער פּערזענלעכער קאָנטאַקט, די ערשטע איבערצײַגונג, אַז עס עקסיסטירט ווירקלעך אַ ייִדישע מדינה!

מיט ציטערנדיקע גלידער זענען מיר אַרויף אויף דער שיף, ווי עס וואָלט געווען אונדזער ערשטע רײַזע אין דער וועלט! ווען מען האָט דערזען אונדזערע פּאַספּאָרטן האָט מען אונדז געבעטן וואַרטן און אין 5 מינוט אַרום איז געקומען דער קאַפּיטאַן אַליין! אויף אַזאַ אויפנאַמע האָבן מיר זיך נישט געריכט. דער קאַפּיטאַן כאַדאַראָוו האָט באַקומען אַ טעלעגראַם פון זײַן פּערזענלעכן פרײַנד, קלמן גינזבורג, ער זאָל אונדז שיין אויפנעמען און גוט אָפּהיטן, ווײַל מיר פאָרן צו אים אויפטרעטן. מיר האָבן שוין אויפגעהערט ציטערן און אונדזערע הערצער האָבן זיך דערוואַרעמט פון דער איבערראַשנדיקער אויפנאַמע.

די שיף איז לאַנג געשטאַנען אין פּאָרט, וואַרטנדיק אויף אַ טראַנספּאָרט פּאַסאַזשירן פון מאַראָקאָ. אַ „נײַער סאָרט" ייִד, וועלכן מיר האָבן נאָך קיין מאָל נישט געזען. דערווײַל האָט מען גערופן עסן מיטאָג. די קינדער אָבער האָבן קיין געדולד נישט געהאַט אײַנצוזיצן. זיי זענען אַרויפגעלאָפן אויבן, כדי זען ווי די מאַראָקאַנער ייִדן קומען אָן. זיי האָבן בײַ אונדזערע קינדער אויסגעזען ווי געשטאַלטן פון תּנ"ך.

שטעלט אײַך פאָר זייער איבערראַשונג, ווען זיי האָבן דערזען גיין אַן אַלט פּאָרפאָלק, זי, אין אַ לאַנג, ווײַס קלייד, דעם קאָפּ פאַרוויקלט אין אַ לאַנגן בלויען שלייער; ער, דער מאַן, מיט אַ גאָר לאַנגער ווײַסער באָרד, אָנגעטאָן אין אַראַבישע „תחתונים", מיט אַ שמאַטע אויפן קאָפּ, אָנגעשפּאַרט אויף אַן אויסגעבויגענעם שטעקן, ביידע אין אַלטמאָדישע סאַנדאַלן אויף די פיס.

ווי אַ ווינט זענען די צוויי קינדער געקומען צו לויפן צו אונדז אין עסזאַל, אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך צעלאַכט ווען מאַטעלע און זיסעלע האָבן אויסגעפּלאַצט אין זייער זאַפטיקן ייִדיש:

— טאַטע! מאַמע! איר ווייסט ווער עס איז נאָר וואָס אַרויפגעקומען אויף דער שיף? אַברהם אָבינו מיט דער מוטער שרה!

נאָך יענעם אינצידענט זענען זיי געוואָרן דאָס געשפּרעך פון דער שיף. ווען דער קאַפּיטאַן כּאַדראָוו האָט אונדז פאַרבעטן געבן אַ קאָנצערט, האָבן מיר דאָס געטאָן מיט פאַרגעניגן, און דאָס מאָל, אין גאַנצן אויף יידיש!

מאַטעלע האָט אין יענע טעג אָנגעהויבן ווערן אַ מאָלער (אַ טאַלאַנט וואָס ער האָט געירשנט פון זיין זיידן), און אויף יענער רייזע האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעקוואָלן צו זען, ווי ער האָט געמאָלן אַלע אינדזלען, וועלכע מיר זענען פאַרביי־געשוווּמען. עס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע רייזע, און ענדלעך זענען מיר צוגעשוווּמען צו די ברעגעס פון אונדזער לאַנד און מען האָט זיך גענומען גרייטן צום גרויסן טאָג.

אין מענטשנס לעבן זענען פאַראַן מאָמענטן, וועלכע קריצן זיך איין אין זכּרון אויף אייביק. אַזאַ מאָמענט איז פאַר מיר געווען דער ערשטער בליק אויף ישׂראל פון דער ווייטנס — ווען מיר זענען געשטאַנען אויפן דעק פון דער שיף און גליקלעכע געקוקט ווי מיר דערנענטערן זיך צום ברעג.

עס האָט זיך מיר דערמאָנט מיין אָנקומען קיין אַמעריקע מיט דרייסיק יאָר פריִער. דאָס צוקומען צום ברעג פון ניו־יאָרק מיט דער שיף „דזשאָרדזש וואַ־שינגטאָן", נאָר דאַן בין איך געשטאַנען איינער אַליין, אָפּגעריסן פון טאַטע־מאַמע, און ניט געוווּסט, וואָס מיך דערוואַרט אין דעם נייעם לאַנד. הייַנט אָבער בין איך נישט געשטאַנען אַליין. איך האָב געקוקט שטאָלץ אויף מיין משפּחהלע, מיין פרוי און מיינע צוויי בריליאַנטן, און שוין געוווּסט, אַז וואָס עס זאָל מיך נישט דערוואַרטן אין מיין ניי לאַנד ישׂראל, בין איך נישט מער אַליין.

נישט לילי, נישט איך קאָנען נישט פאַרגעסן אונדזער אָנקומען קיין חיפה. מיר האָבן אַראָפּגעקוקט אין פּאָרט, אויף „דער יידישער ערד", און טרערן זענען אונדז ביידן גערונען איבער די פּנימער. די קינדער האָבן מיט פאַרוווּנדערונג אונדז אָנגעקוקט, נישט פאַרשטייענדיק אונדזערע געפילן.

ענדלעך האָט אונדז קלמן גינזבורג אָפּגעזוכט און אונדז אַראָפּגענומען פון דער שיף. אַ דאַנק אים האָט מען אונדז נישט לאַנג פאַרהאַלטן און כּמעט נישט קאָנטראָלירט (פּראָטעקציע, זאָלט איר וויסן, שפּילט אַ גרויסע ראָלע אומעטום).

זע נאָר — האָב איך געשמייכלט צו זיך אַליין — יידישע טרעגערס! עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי חברה פון וואַרשע, לאָדזש, גאַליציע... זיי האָבן געמאָלדן דעם באַגאַזש־אינספּעקטאָר:

— איר ווייסט דען ווער דאָס איז? פּסחקע איז געקומען צו אונדז!

מען האָט מיך גענומען באַוואַרפן מיט פראַגעס:

— פּסחקע, דו פייפסט נאָך?

— פּסחקע, דאָס באַרימטע שטעקעלע איז דאָ צווישן די זאַכן?

ענדלעך זענען מיר אַרויס פון פּאַרט, זיך אַריינגעזעצט מיט גינזבורגן אין אַ טאַקסי און זיך געלאָזט קיין תּל־אביב.

פאַרפאַרן זענען מיר אין האָטעל „בריסטאָל", ווו מיר זענען טאַקע פאַרבליבן די גאַנצע צייט פון אונדזער ווײַלן אין ישׂראל. צו מאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַראַד פון פרייַנד, וועלכע זענען געקומען אונדז באַגריסן. פאַרשטייט זיך, אַז מיט יעדן איינעם האָט מען זיך אויך גוט אויסגעוויינט.

אָט זעען מיר מישאַ נתן, נאָר ער איז שוין, צום באַדויערן, איינער אַליין, אָן זײַן משפּחה. אָט איז בערטאַ ליטווינאַ, וועלכע האָט זיך, ברוך־השם, געראַטעוועט מיט איר טאָכטער ציפּעלע, אָט איז יוסף ווידעצקי, די צוויליך־משפּחה, חנה, טאָלעק און זײַן פרוי חיהלע שיפּער מיט זייער טעכטערל שושנה, אָט קומט אָן פּײַוול גאָרנשטיין, און ענדלעך דערזעען מיר אונדזערע חברים זיגמונד און ראָזאַ טורקאָוו, וועלכע האָבן זיך שוין באַזעצט אין ישׂראל.

אַלע זענען דאָ, לאָלאַ יאַקאָבאָוויטש, הערש האַרט, מיט זײַן פּלעמעניק „דעם רויטן האַרט", אָט איז מאָטל הילצבערג, מיכאל קליין, מאַטקע זאַק (וועלכער האָט אונדז געהאָט אָפּגעוואַרט בײַ אונדזער אָנקומען קיין לאָדזש אין 1938), אויך לעאָן קאַסווינער איז געקומען. די לעצטע צוויי זענען אַרײַנגעטראָטן אין דעם עברית־טעאַטער „קאמרי", אָט דערזע איך די קאַרפּינאָוויטש־ברידער פון ווילנע!

נישט נאָר שוישפּילערס, אַלע באַקאַנטע שרייַבערס־פרייַנד געפינען זיך שוין דאָ! מרדכי צאַנין מיט זײַן פרוי דאָראַ, סטעפאַן געלבאַרט פון לאָדזש, ד"ר ריטערמאַן, יצחק פּערלאָוו מיט זײַן פרוי לאָלאַ פּאַלמאַן — אַלע געפינען זיך שוין דאָ! אָנגעפאַנגען אַ נײַ לעבן, און זענען גליקלעך.

איך, מײַן פרוי ליליאַן און מײַנע קינדער האָבן באַלד גענומען פילן, אַז מיר זענען אין דער היים! אַז אויך פאַר אונדז הייבט זיך אָן אַ נײַ לעבן, אַז מיר האָבן געפונען אונדזער מקום־מנוחה!

אונדזער ערשטער אויפטריט איז פאָרגעקומען אין „אוהל שם", די היים פון דעם פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער. די גאַנצע שטאָט איז געקומען אונדז באַגריסן, אַפילו דער ראָש־העיר פון תּל־אביב, ראַבינאָוויטש.

מיר האָבן געזונגען אין דער באַגלייטונג פון אַ גרויסן אָרקעסטער, וועלכער איז געזעסן אויף דער בינע הינטער אונדז (אָנגעפירט פון ד"ר ווינטערניק). אין יענעם אָרקעסטער האָט מיטגעשפּילט מײַן לאַנגיאָריקער חבר ראָמעק מעסינג. ער האָט זיך געראַטעוועט, שפּילנדיק מיט דעם אָרקעסטער פון אדי ראָזנער אין רוסלאַנד, און דאָ האָט ער באַקומען אַ וויכטיקן פּאָסטן אין דעם נײַעם „בית ציוני אמריקה").

אונדזער דערפאָלג איז געווען גרויס, נאָר מיר זענען געווען אומגליקלעך, וואָס מיר שפּילן נישט קיין טעאַטער. לײדער האָבן גינ׳בורג—גילון גאָרנישט געוווסט וועגן יידיש־טעאַטער, וואָס מען שפּילט טאָג־טעגלעך. זיי האָבן מיר צוגע־שטעלט ווי אַ געשעפטס־פירער משה וואַלין, אַ ווונדערלעכער פעיִקער מענטש.

משה האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז די מעשׂה פֿון שפּילן צוויי קאָנצערטן אַ וואָך (מיט ווייניק ליכט), איז נישט פֿאַר אונדז.

פּונקט אין יענער צײַט האָט פּײַוול גאַרנשטיין געהאַלטן בײַם ענדיקן די גאַסט־שפּילן פֿון דעם פּאָרפֿאָלק דבורה ראָזענבלום און נחום מעלניק. ווי זײַן שטייגער איז, האָט גאַרנשטיין תּיכּף גענומען רודערן און מאַכן פּלענער. ער האָט אונטערגעשטעלט מישאַ נתן ווי אַ שדכן, ער זאָל אונדז צורעדן, אַז מיר זאָלן זיך באַפֿרײַען פֿון גינזבורג—גילון מיט זייערע „קאָנצערטן" און זיך פֿאַרבינדן מיט אים, כּדי צו שטעלן מײַן דערפֿאָלג־פּיעסע „דער קאָמעדיאַנט", אויף וועלכער אַלע פּוילישע ייִדן האָבן געוואַרט.

מישאַ האָט דאַן געאַרבעט אַלס שאָפֿער אין אַ טאַקסי־פֿירמע, ווײַל צו פֿיל ייִדיש־טעאַטער האָט נאָך דאַן נישט עקסיסטירט. איך האָב אים געפֿאָלגט, און גאַרנשטיין האָט פֿאַרגעלייגט גינזבורג - גילון טויזנט פֿונט זיי זאָלן אונדז באַפֿרײַען פֿון דעם קאָנטראַקט.

די צוויי געניטע אימפּרעסאַריאָס האָבן פֿאַרשטאַנען אונדזער לאַגע. אַזוי ווי זיי אַליין האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערנעמען אויפֿצופֿירן אַן אָפּערעטע, האָבן זיי אונדז דאַן באַפֿרײַט, און מיר זענען פֿאַרבליבן גוטע פֿרײַנד.

באַלד האָט מען זיך געשטעלט מאַכן פּראָבע, גרייטן דעם „קאָמעדיאַנט", מישאַ איז געוואָרן מײַן רעכטע האַנט, ווי אויך טאָלעק צוויליק ווי דער בינע־לייטער. בערטאַ ליטווינאַ האָט ווידער געשפּילט איר ראָלע אַלס מײַן מאַמע. גאַרנשטיין האָט אַנגאַזשירט בעטי סעגאַל און אַ נײַעם קאָמיקער פֿון פּוילן סאַוויטש־גאָלדרײַך. דן בליטענטאַל האָט אָנגעפֿירט מיטן אָרקעסטער.

אַ געטרײַער שומר איז געווען מײַן שפּעטערדיקער שותּף ישׂראל וואַלין. ער האָט אין 1954 געבויט אונדזערע דעקאָראַציעס און געפֿירט די בינע. די אומשטענדן און בינע־מעגלעכקייטן זענען נאָך דאַן געווען גאָר פּרימיטיווע אין ישׂראל, ווײַל נישט אַלע טעאַטערס און קינאָס זענען געווען געבויט פֿאַר טעאַטער־פֿאַרשטע־לונגען. מיר האָבן געפֿונען שטיינערנע בינעס, וווּ וואַלין האָט געמוזט אונטערלייגן ריזיקע שטיינער אונטער די דעקאָראַציעס, כּדי זיי זאָלן קאָנען שטיין (קיין טשוועקעס האָט מען אין דעם שטיינערנעם דיל נישט געקענט קלאַפּן). מיר האָבן אויך געשפּילט אין אַמפֿיטעאַטערס מיט דילן פֿון זאַמד, וווּ מען האָט געמוזט אויסלייגן ברעטער, כּדי צו קענען שפּילן. איך געדענק אַז אין נהריה האָט וואַלין געמוזט די גאַנצע דעקאָראַציע צובינדן מיט שטריק און צוטשעפּען צו דער וואַסער־לייטונג פֿון באַדצימער. אַ נס, וואָס די רערן האָבן זיך נישט צעפּלאַצט. (אין ענלעכע אומשטענדן פֿלעגן מיר שפּילן טעאַטער אין די פּוילישע שטעטלעך, אין דער צײַט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה).

שלאָמעק, וועלכער האָט געפֿירט די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען אין זײַן לאָסטאַוויטאַ, האָט זיך איין מאָל אין דער שטאָט לוד אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן דאַך

פון וואָגן מיט אַ רעוואָלווער אין זײַן האַנט, ווײַל חברה האָבן גענומען גנבענען גלײַך פון אויטאָ אַרויס! אין לוד האָט זיך דאָן געפונען יענער עלעמענט!...

די פּרעמיערע פון „קאָמעדיאַנט" איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט קרית־מוצקין, לעבן חיפה. נאָך אונדזער פאָרשטעלונג האָט מיר גאָרנשטיין פאַרזיכערט: „שוין! די שטאָט הייסט שוין קרית־בורשטיין", עס איז פאַרבליבן אַ טראַדיציע בײַ מיר, אַז יעדע נײַע פּרעמיערע פלעג איך אָנפאַנגען אין דער שטאָט מוצקין.

דער שטייגער פון שפּילן טעאַטער אין ישׂראל האָט מיך שטאַרק אינטריגירט. די ייִדן קומען נישט צום טעאַטער, מען מוז ברענגען דעם טעאַטער צו די ייִדן! מען מוז פאָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך, מיט אַן אויטאָבוס אָדער טאַקסי פאַר די שוישפּילערס און מוזיקאַנטן, און אַ לאַסטאויטאָ פאַר די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. (איך האָב גאָרנישט באַמערקט אין וואָס פאַר אַ וויכטיקע און הייליקע שטעט מיר פלעגן שפּילן, ביז אין אַ טאָג, ווען מיר זענען געפאָרן אין אויטאָבוס האָט לילי צו מיר געזאָגט:

— פּייסי, ס'איז דאָך נישט צום גלייבן! מיר פאָרן דאָך שפּילן ייִדישן טעאַטער אין ירושלים!

מיר האָבן געהאַט דערפאָלג און די צײַטונגען האָבן געשריבן וועגן אונדז מיט התלהבות.

מרדכי צאַנין האָט אין די „לעצטע נײַעס" פאַרצייכנט אין זײַן רעצענזיע: „מען קאָן קלאָר זען, אַז איצט איז געקומען צו אונדז דער „טאַטע" פון דער אָפּערעטע — מיט זײַן גראַציעזקייט און טאַלאַנט, וואָס ווערט „קאָפּירט" פון אַ סך אַקטיאָרן..."

עזריה ראַפּאָפּאָרט האָט געשריבן אין עברית, אַז „ליליאַן לוקס קומט אַרויף אויף דער בינע און זעט אויס ווי פון האָליווד, זינגט און טאַנצט ווי אויף בראָדוויי און רעדט ייִדיש אַזוי ווי מײַן באָבע". פון ד"ר ריטערמאַן, אין דער פּוילישער צײַטונג, האָב איך גאָר שטאַרק הנאה געהאַט: „ווען איך בין ווידער אַ קינד אין דער שולע — האָט ער געשריבן — און מײַן לערער פרעגט מיך וואָס איז דאָס אַ שאַמפּאַניער דאַמע, וואָלט איך געענטפערט — ליליאַן לוקס". מיר האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, געבאָדן אין די וואַרעמע כוואַליעס פון דערפאָלג.

די קינדער האָבן מיר באַלד פאַרשריבן אין דער שולע „תל נורדאו". קענענדיק דעם ייִדישן א"ב, האָבן זיי גלײַך אויפגעכאַפּט די שפּראַך און באַקומען חברים. זייער בעסטע חברטע איז געווען שושנה צווייליך. אַ קינד פון אַ ייִדישער טעאַטער־משפּחה, האָט זי גערעדט ייִדיש מיט דער זעלבער פליסיקייט ווי מאַמעלע און זיסעלע. איר זיידע האָט דאָך מיט מיר געהאַט געשפּילט נאָך אין לאָדזש, און איר באָבע חנה האָט אונדז אָפט אַרויסגעהאָלפן ביז מיר האָבן געפונען אַ בייבי־זיצער, זי פלעגט מיטברענגען שושנהן צו אונדז אין האָטעל און אַלע דרײַ קינדער

פלעגן אַנטשלאָפן ווערן ביז מיר זענען געקומען פון דער פאָרשטעלונג.

ענדלעך איז אונדז געלונגען צו געפינען אַ פוילישע פרײַלין, רעני, וועלכע פלעגט די קינדער היטן און זי לייענען מעשׂהלעך אויף פויליש; אינטערעסאַנט, ווי זיי האָבן זי פאַרשטאַנען! (נאָך קליינערהייט האָבן מײַנע קינדער פאַרמאָגט טאַלאַנט צו שפּראַכן. בײַם שרײַבן די ווערטער האָט מײַן זון אָנגעהויבן אויפֿטרעטן אין האָלאַנד אין דער טעלעוויזיע אין דער האָלענדישער שפּראַך! ער האָט די שפּראַך זיך אויסגעלערנט אין געציילטע חדשים. נישט לאַנג צוריק האָט ער די פוילישע רעני באַגעגנט בעת זײַנע אויפטריטן אין אויסטראַליע. נאָך 22 יאָר, האָט ער זי גלײַך דערקענט).

צו ביסלעך האָט זיך אונדזער טרופּע געביטן. עס איז צוגעקומען די משפּחה קרײַזלער, מאַרצעל קרײַזלער האָט אָנגעפירט מיט דעם אָרקעסטער, זײַן פרוי חנה האָט געשפּילט אין דער טרופּע, אויך זײַן טאָכטער ביאַנקע, זײַן שטיף־טאַטע ברוך רינצלער און אַפילו זײַן יונגער זון שעיה.

בעת אונדזער צוריקקומען אין לאַנד, אין יאָר 1962, איז חנה קרײַזלער פּשוט געוואָרן אַ טייל פון אונדזער משפּחה.ליידער איז זי יונג נפטר געוואָרן.

אויף יום־טוב האָב איך באַשלאָסן שטעלן „אַ חתונה אין שטעטל". דער ישׂראל־עולם האָט שוין אויף דעם געוואַרט. גאָרנשטיין האָט געבאָרגט געלט אויף דעם חשבון בײַ צוויי פּריוואַטע מענטשן אויף צו עפענען דעם נײַעם סעזאָן. די צוויי, הענדלערס פון דער שוואַרצער בערזע, האָבן זיך צוגעטשעפּעט, אַז זיי ווילן זײַן גלײַכע שותּפים צום געשעפט, זיי האָבן געהאַט גאָרנשטיינס אונטערשריפט אויף דעם. אַז איך האָב זיי נישט געוואָלט אָנערקענען, האָבן זיי מיך גענומען סטראַשען, לויט דער שיטה פון דער אונטערוועלט. זיי זענען געקומען צו מיר אין האָטעל „בריסטאָל" מיט אַ רעוואָלווער, עס איז געוואָרן אַ גאַנצער סקאַנדאַל און איך האָב זיך גוט דערשראָקן.

צו וועמען גייט מען? צו דער פּאָליציי, געוויס — יאַנעק גינוסר, דער געוועזענער אײדעם פון שׂמחה נתן האָט דאַן געדינט אין דער געהיים־דינסט (ש.ב.), האָב איך זיך צו אים געוואַנדן נאָך אַן עצה. וואָס טוט מען? אַן עצה האָט מיר יאַנעק טאַקע געגעבן — ווי אים האָט זיך געלוינט. זײַן פרוי, חנה שטאָקפעדער, האָט שטאַרק געוואָלט שפּילן ייִדיש־טעאַטער, כאָטש קיין טאַלאַנט האָט זי נישט פאַרמאָגט.

ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן (טאַקע אַזוי ווי אַ געהיים־אַגענט), וואָס זאָל אונדז אַלעמען צופרידנשטעלן. קודם זאָל איך נישט אָפּוואַרפן די צוויי געלט־שותּפים, ווײַל זיי וועלן אַרײַנלייגן מער געלט, אויב נייטיק, נאָר כּדי זיי זאָלן זיך אויפפירן ווי מענטשן, וועט ער, יאַנעק, ווערן אויך אַ שותּף אין געשעפט. אָ ב ע ר! אַזוי ווי ער טאָר נישט פירן קיין פּריוואַטע געשעפטן, ווי אַן אָנגעשטעל־

טער פון דער רעגירונג, וועט דאָס הייסן, אַז זיין פרוי, חנה, וועט זיין מיין שותּפטע, און אַזוי אַרום וועט זי קענען שפּילן מיט אונדז אין דער טרופּע.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַן אויסגערעכנטער טריק, צופרידנצושטעלן זיין ווייב. (זי איז געווען די טאָכטער פון עוואַ שטאָק־פּעדער, וועלכע האָט מיך אַרויסגענומען פון מיין היים אין בערדיטשעוו, דאַן די פרוי פון פּאָדלובנאָ).

מיר האָבן געעפנט דעם נייעם סעזאָן מיט „אַ חתונה אין שטעטל" און אַלץ וואָלט גוט געווען, נאָר אין מיין טרופּע האָבן זיך אָנגעהויבן אינטריגעס און סקאַנדאַלן, מיר האָבן קיין רויִקן טאָג נישט געהאַט, זינט אַלע נייע שותּפים זענען צו אונדז צוגעשטאַנען.

נישט נאָר האָט חנה צעבראָכן אַ משפּחה־לעבן אין אונדזער טרופּע, נאָר זי האָט דערפירט מיט איר אַמביציע, צוצונעמען פון אונדז די טרופּע, דורך אַ ליגן, אַז איך האָב געמאָלדן יאַנעקן, אַז מיר פאָרן צוריק קיין אַמעריקע. ביז וואַנען די טרופּע האָט זיך דערוווּסט דעם אמת, האָט זי שוין געהאַט קאָנטראַקטן צו שפּילן צוזאַמען מיט יאַנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד אין „שׂרה־שיינדל פון יעהופּעץ", זיי האָבן אַפילו געהאַט גענומען מיט זיך די צוויי שותּפים מיטן געלט.

מיר וואָלטן זיכער געקענט זיך שאַפן אַ נייע טרופּע (אַפילו ליכטענבערג און ליפּמאַן האָבן אונדז פאַרגעלייגט אַ געשעפט). מיר זענען אָבער געווען אַזוי אַנטוישט, אַזוי מיאוס פאַרפירט אין אינטריגעס, אַז די גאַנצע סביבה איז אונדז געוואָרן פאַרמיאוסט. דערצו האָבן מיר שוין לאַנג אויסגעפעלט אין אַמעריקע, כּמעט 5 יאָר. פריינד האָבן אונדז געראָטן קויפן אַ דירה אין תּל־אביבֿ, לעבן די צאַנינס, אָדער דאָרט וווּ דזשיגאַן האָט געקויפט זיין דירה,ביידע נייע געגנטן — איך האָב זיך אָבער באַנאַרישט און פאַרזען אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט — איך האָב אַלץ איבערגעלאָזט און צוריק אַהיימגעפלויגן, מיט מיין משפּחה, אָנהייב זומער פון יאָר 1955.

11. דרום־אַפריקע און ווידער דרום־אַמעריקע

מיר זענען פאַרפאָרן גלייך קיין וואַשינגטאָן, וווּ מיינע שוויגער־עלטערן האָבן געוווינט, ווייל ליליס שוועסטער האָט זיך געהאַט אַהין אַריבערגעקליבן, אַזוי אַז די גאַנצע משפּחה האָט זיך גוט אָנגעפרייט. מיר זענען אָבער לאַנג נישט געזעסן ליידיק. עס איז געווען זומער און מען האָט מיר פאַרגעלייגט צען קאָנצערטן אַ

וואָך אין די בערג. האָבן מיר געדונגען אַ הויז, מיטגענומען די קינדער און געשעפּט פרישע לופט אין די בערג פון ניו־יאָרק.

אַ ייִד פון דרום־אַפריקע מיטן נאָמען פאַלקנשטיין האָט אונדז פאַרוואָרפן מיט בריוו. נאָך זייענדיק אין ישׂראל פלעגט ער אונדז שרייבן, מיר זאָלן קומען מיט די קינדער קיין יאָהאַנעסבורג און מיטברענגען אַ טרופּע פון ישׂראל. איך האָב זיך אָבער דערוווּסט דורך מיין פריינד בירון, אַז פאַלקנשטיין איז אַ פאַבריקאַנט און נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער־דירעקטאָר. האָב איך געקלערט, אַז דאָס איז פאַר מיר נישט קיין געשעפט.

פאַלקנשטיין האָט אָבער נישט גערוט. אויך קיין אַמעריקע האָט ער אונדז געשריבן. אַזוי ווי דער קומענדיקער טעאַטער־סעזאָן אין ניו־יאָרק האָט זיך נישט אויסגעלייגט גינסטיק פאַר אונדז, האָבן מיר דאָס מאָל אָנגענומען זיין פאָרשלאָג צו פאָרן קיין דרום־אַפריקע. מיר האָבן געשלאָסן אַ קאָנטראַקט אויף זעקס חדשים. די קינדער וועלן דאָרט קענען אָנגיין מיט זייער לערנען אין דער ענגלישער שפּראַך. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג. שטענדיק אָבער מוז אונטער־קומען אַ שטערונג און דאָס מאָל אין דער פאָרעם פון אַ טעלעפאָן־געשפּרעך פון ווילי גאָלדשטיין; ער האָט זיך געפונען אין קייפּטאָון, צוזאַמען מיט בן־ציון וויטלער, שיפרה לערער און אַ טרופּע פון אַרגענטינע. וויטלער האָט געהאַלטן ביים אַוועקפאָרן קיין ישׂראל, האָט מיך גאָלדשטיין געבעטן מיר זאָלן קומען שפּילן מיט זיין טרופּע.

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך האָב שוין אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט, און עס קומט צו פאָרן ספּעציעל אַ טרופּע פון לאָנדאָן. גאָלדשטיין האָט פאָרגע־לייגט, אַז ער וועט מאַכן שותּפות מיט פאַלקנשטיינען, אַבי ער און זיין טרופּע זאָלן נישט דאַרפן אַוועקפאָרן. אויף דעם בין איך מסכּים געווען און געמאַכט דעם צווייטן גרויסן טעות במשך די לעצטע צוויי יאָר!

וואָלט איך געווען געפאָרן קיין אַפריקע גלייך פון ישׂראל, וואָלטן מיר געווען געשפּילט די ערשטע צוזאַמען מיט אַ נייע ישׂראל־טרופּע. איצט אָבער זענען מיר צוגעטראָטן צו אַ טרופּע, וועלכע איז ערשט מיט אַ סעזאָן פריער דאָרט געווען, צוזאַמען מיט מאָריס שוואַרץ, און לויט ווי ער האָט מיר שפּעטער דערציילט, האָבן זיי זיך זייער נישט שיין אויפגעפירט — געשנאָרעט קליידער ביי פאַבריקאַנטן — זיך גאָרנישט געשעמט מיט פּערזענלעכער אוממאָראַלישקייט אד"גל. זיי האָבן שוואַרצן געבראַכט בלויז בושה.

איצט, ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן און דער עולם האָט זיי דערזען, האָט מען געשריִען אין איין קול, „אוי, זיי זענען שוין ווידער דאָ!" איך האָב זיך אויך געלאָזט פאָרפירן ביים אויסקלייבן די ערשטע פּיעסע — „דער קאָמעדיאַנט".

די דרום־אַפריקאַנער ייִדן שטאַמען מערסטן טייל פון ליטע; ביי זיי איז אַ וואָרשעווער, אָדער לאָדזשער אַקצענט טרייף ווי חזיר! דערזעענדיק מיך אין

דער ראָלע פון „יוזשעק", מיט פּוילישע ווערטלעך און לידלעך, האָט זיי דאָס נישט געשמעקט. איך האָב תּיכּף געמוזט בײַטן די פּיעסע אויף „זינג ישׂראל, זינג", און געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג. מײַן „טרופּע" פון בוענאָס־אײַרעס איז געווען פול מיט „פּאָליטיקערס" און „עצה־געבערס"! זיי האָבן מיר תּיכּף אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, ווי זיי האָבן דאָס טאַקע געקענט!

אַזוי ווי יוסף בולאָוו איז דאַן געווען אין יאָהאַנעסבורג, געבראַכט פון אַן ענגלישער דירעקציע, מיט דער פּיעסע „דער פינפטער סעזאָן", וועלכע האָט נישט געבליצט, האָבן זיי געעצהט פאַלקנשטיינען אים צו פאַרהאַלטן און — אונדז פאַרלייגן, אַז מיר זאָלן אַ פּאָר וואָכן געבן קאָנצערטן אויף דער פּראָווינץ — מיר פאַרבלײַבן דאָך סײַ ווי אויף זעקס חדשים! וועלן מיר שטעלן אַ נײַע פּיעסע ווען ער וועט ענדיקן און אָוועקפאָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, נאָר פאַלקנשטיין האָט מיך געהאַט בײַ זיך אין דער האַנט. האָב איך אויף אַ פּײַנעם וועג געבעטן מײַן „קאָלעגע" און „חבר" בולאָוון, ער זאָל אַזוי גוט זײַן און מיר נישט שטערן מײַנע גאַסטשפּילן. מיר זענען געקומען צו פאָרן פון אַזוי ווײַט און נאָך מיט קינדער. זײַן ענטפער איז געווען: „וואָס זאָל איך טאָן? אַז מען צווינגט מיך!" איך האָב אָבער נישט געזען מען זאָל שטיין איבער אים מיט אַ רעוואָלווער... דער סוף איז געווען, אַז קיין אַדוואָקאַט אַפילו האָט מיך נישט געקענט באַפרײַען פון דעם קאָנטראַקט, און מען האָט געמאַכט אַ פּשרה, אַז איך זאָל, חוץ מײַנע פאָרשטעלונ־גען, אויך זײַן אַ שותּף צו בולאָווס פאָרשטעלונגען. נישט וועלנדיק איבעררײַסן דאָס לערנען פון מײַנע קינדער אין מיטן טערמין, בין איך אײַנגעגאַנגען.

צום סוף האָב איך אין דער שטאָט קייפּטאַון נאָך צוגעלייגט געלט צו בולאָווס פאָרשטעלונגען. פאַלקנשטיין האָט שווינדלעריש צוגענומען דאָס גאַנצע געלט פון אונדזער קאַסע אין מיוזענבערג, כּדי צו באַצאָלן גאַזשע די אַקטיאָרן בײַ בולאָוון. מיר זענען קוים מיט צרות אַנטלאָפן פון אַפריקע נאָך פּסח, נאָך דעם ווי פאַלקנ־שטיין האָט אַרעסטירט ווילי גאָלדשטיינען, פאַר רופן אים מיט אַ מיאוסן נאָמען אין בײַזײַן פון מענטשן. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? איך האָב דאָך פאָרט געהאַט אַ סענטימענט צו ווילושן, האָב איך אײַנגעריסן וועלטן און געזען מען זאָל אים באַפרײַען פון תּפיסה.

אין דער זעלביקער צײַט האָב איך זיך געהאַט איבערגעשריבן מיט לובעלטשיקן פון בראַזיל און מיר זענען פון קייפּטאַון געפאָרן אַהין מיט דער כינעזישער שיף „טשי־סיו־דאַן". אַ געראַטעוועטער פון פאַלקנשטיינען איז גאָלדשטיין מיט זײַן פרוי מיטגעפאָרן צוזאַמען מיט אונדז אויפן וועג אַהיים קיין בוענאָס־אײַרעס.

אין בראַזיל האָבן מיר זיך געשטעלט שפּילן מיט לובעלטשיקס טרופּע, אין באַשטאַנד פון מיכאל מיכאַלאָוויטש, זײַן שווער שמואלאָוויטש (דער טאַטע פון דזשעני לאָוויטש), אסתּר פּערלמאַן, יעקב קורלענדער און בעלאַ אײַז. מיר האָבן

דווקא געהאַט אַ גרויסן, דערפֿאָלגרײַכן סעזאָן אין סאַן־פּאַולאָ און אין ריאָ. מײַנע קינדער האָבן דאַן געהאַט אַ געלעגנהייט צו אַנטדעקן די אָפּערע. אונדזער אַ קרובֿ, דער פֿאָטער פֿון באַרימטן דאָקטער פּעדראָ בלאָך, האָט זיי געשאָנקען זײַן „לאָזשע" (ווײַל ער פֿלעגט בײַ יעדער פֿאָרשטעלונג איבערליגן אין אונדזער טעאַטער). אַזוי אַרום זענען מאַטעלע און זיסעלע יעדן אָוונט געגאַנגען זען אַ פֿרישע אָפּערע.

גאָלדשטיינען האָב איך פֿאַרהאַלטן ווי מײַן פּערזענלעכן פּאַרטרעטער. ער האָט מיר געעצהט טעלעפֿאָנירן די ברידער קאָרדעראָסאָ קיין מאָנטעווידעאָ, און יענע האָבן אונדז געשיקט שיפֿסקאַרטן מיר זאָלן קומען שפּילן מיט דער גאַנצער טרופּע צו זיי אין „אַרטיגאַס"־טעאַטער. אַ בראַזיליאַנער טרופּע איז בײַ די ייִדן געווען אַ סענסאַציע, און מיר האָבן דאָרט תּמיד געהאַט אַ סך אָנהענגערס (ביזן הײַנטיקן טאָג).

נאָך 6 וואָכן אין „אַרטיגאַס"־טעאַטער האָט גאָלדשטיין גענומען אַרבעטן מעשׂים, „וואָס ווײַטער", ביז איינער פֿון די קאָרדעראָסאָ־ברידער איז אַליין געפֿאָרן קיין בוענאָס־אײַרעס זוכן פֿאַר אונדז אַ טעאַטער. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ שותּפֿות־געשעפֿט פֿאַר אונדז אַלע צוזאַמען, מיט דעם בעל־הבית פֿון דעם גרויסן „טעאַטראָ אַרכענטינאָ", אין סאַמע צענטער פֿון שטאָט.

גאָלדשטיין איז געווען אין זיבעטן הימל. צוליב זײַנע פּריוואַטע ענינים האָט ער געוואָלט צוריקקומען קיין בוענאָס־אײַרעס מיט אַ „גרויסן טומל!" און אַ דאַנק אונדז איז דאָס אים געלונגען. ער איז אָבער אין יענע יאָרן געווען אַ שטיקל „מנחם־מענדל". ער האָט גלײַכצײַטיק קאָנטראַקטירט דזשיגאַנען מיט שומאַכערן, כּדי אַ צווייטע דירעקציע זאָל זיי נישט פֿאַרכאַפּן, און מיר זענען שוין געוואָרן אימפּרעסאַריאָס פֿון צוויי טעאַטערס.

אין אַ דאָנערשטיק, פֿאַר אונדזער אויפֿטריט, האָט ער מיר טעלעפֿאָנירט איך זאָל קומען זען ווי מענטשן שטייען אין דער ריי נאָך בילעטן. דער בעל־הבית האָט גענומען רעדן מיט אונדז מיר זאָלן אונטערשרײַבן אַ קאָנטראַקט צום קומענ־דיקן סעזאָן. עטלעכע מאָל האָב איך שוין געהאַלטן די פֿען אין דער האַנט צום אונטערשרײַבן און גאָלדשטיין האָט מיך פֿאַרהאַלטן, זאָגנדיק אַז ער האָט אין זינען פֿאַר אונדז אַ בעסערן טעאַטער אויף דער קאָריענטעס־גאַס.

מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז הינטער אונדזערע פּלייצעס האָט ער דערווײַל אונטערגעהאַנדלט מיט מאָריס שוואַרצן, צוזאַמען מיט אַ גרופּע בעל־הבתּים פֿון שטאָט צו שאַפֿן אַ „קונסט־טעאַטער" (טאַקע אין אונדזער טעאַטער) און ער, גאָלדשטיין, זאָל זײַן שוואַרצס פּאַרטרעטער.

ס'איז אים געלונגען! ער האָט אונדז פֿאַרראַטן! איבערגערעדט דעם בעל־הבית פֿון טעאַטער אויך! עס איז פֿאַר מיר געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ. נאָך דעם ווי איך האָב גאָלדשטיינען אַרויסגעשלעפּט פֿון זײַנע צרות אין דרום־אַפֿריקע, אויף אונדזערע פּלייצעס אים צוריקגעבראַכט ווי אַ „זיגער" קיין בוענאָס־אײַרעס!

מיר זענען צוריקגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק דורך די דרום־אַמעריקאַנער לענדער (צום ערשטן מאָל), מיט סימאָן טענאָווסקי אַלס פּיאַניסט און „וועגוויַיזער״ און געגעבן קאָנצערטן אויפֿן וועג — אין טשילע, באָליוויע, פּערו, קאָלאָמביע, ווענעסועלע און קוראַסאַאָ. מיר האָבן זיך באַקענט מיט די נײַע לענדער און געשאַפֿן נײַע פֿרײַנד און פֿאַרערערס. די איינציקע שטערונג אין אונדזער אַלעמענס הנאה איז געווען דאָס מאַזלען פֿון מײַן פֿרוי און ביידע קינדער. מיר האָבן אַפֿילו געגעבן אַ קאָנצערט אין אַ גרענעצשטעטל, לאַ־קיאַקאַ, ווו עס האָבן זיך געפֿונען בלויז 5 ייִדן!

ענדלעך, נאָך אַ פֿריילעכן טורנע, זענען מיר אָנגעקומען קיין וואַשינגטאָן. מיר האָבן באַשלאָסן אַז ס'איז שוין גענוג פֿאַר די קינדער אַרומצוּוואַנדערן. זיי דאַרפֿן זיך אָוועקזעצן אויף איין אָרט און לערנען, זיי זענען שוין אַלט געווען 11 יאָר.

מיר האָבן זיך באַזעצט אין וואַשינגטאָן, אין הויז פֿון די שוויגער־עלטערן. מיר זענען אויפֿגעטראָטן אין דער ייִדישער ראַדיאָ־שעה, געפֿאָרן מיט קאָנצערטן אין פֿאַרשידענע שטאָטן פֿון לאַנד, געשפּילט ייִדיש־טעאַטער אין ניו־יאָרק און די קינדער האָבן כּסדר געלערנט.

אין 1958 זענען מיר ווידער געפֿאָרן קיין לאָנדאָן, דאָס מאָל אין „גראַנד פּאַליי״־טעאַטער, ווו מיר האָבן געשפּילט דרײַ מאָנאַטן (אַ נײַע פּיעסע יעדע וואָך, אַזוי ווי דער שטייגער אין לאָנדאָן). פֿון דאָרט זענען מיר פֿאַרבעטן געוואָרן אויפֿצוטרעטן אין אַ ישׂראלדיקן נאַכטלאָקאַל אין בריסעל, בעלגיע. דאָרט איז פֿאָרגעקומען די וועלט־אויסשטעלונג און ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט זענען געקומען אונדז זען אין דעם „חביבי־קלוב״. די קינדער זענען פֿאַרבליבן מיט ליליס עלטערן און זומער זענען מיר אַהיימגעקומען פּונקט אין צײַט צו פֿראַוווען אַ בר־מיצווה און אַ בת־מיצווה.

די בר־מיצווה און בת־מיצווה פֿון מײַנע קינדער האָבן מיר געפֿראַוועט אין דעם גרויסן „בעשאַנעל״־טעאַטער אויף סעקאָנד־עוועניו אין דער אָנוועזנהייט פֿון געהויבענע געסט. מאָריס שוואַרץ און זײַן פֿרוי אַנאַ, מײַן אַלטער פֿרײַנד פֿון אַמעריקאַנער „שאָו־ביזנעס״, אַ פּאָפּולערער זינגער מיטן נאָמען אַרטור טרייסי און זעראָ מאָסטעל (דער ערשטער טוביה אין „פֿידלער אויפֿן דאַך״ אויף בראָדוויי).

די צערעמאָניע אַליין איז פֿאָרגעקומען אין אַ קליין שולעכל אין די בערג. דער פּרעזידענט פֿון דער שול האָט אונדז עפֿנטלעך געדאַנקט וואָס צום ערשטן מאָל זינט די שול שטייט האָט אַ בר־מיצווה־בחור געהאַלטן זײַן דרשה אויף ייִדיש.

נאָך דער בר־מיצווה־פֿײַערונג האָט מיך מאָריס שוואַרץ געבעטן מיר זאָלן אַלע אויפֿטרעטן צוזאַמען אין דעם „אַנדערסאָן״־טעאַטער (געוועזענער פּובליק־

טעאַטער). שוואַרץ האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דעם טעאַטער אין אַרגענטינע און איז אַן אַנטוישטער צוריקגעקומען מיט זײַן משפּחה קיין ניו־יאָרק. ערשט דאַן האָט ער מיר דערציילט וועגן די מיאוסע אינטריגעס אין אַרגענטינע.

די פרײַנדשאַפט צווישן אונדז מיט דער מאָריס שוואַרץ־משפּחה האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אויף אונדזערע קינדער (זיי האָבן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אַדאָפּטירט אַ שוועסטערל מיט אַ ברודערל, פייגעלע און מנחם, וועמענס עלטערן זענען אומגעקומען בײַ די נאַציס אין בעלגיע).

געשפּילט האָבן מיר אַלע צוזאַמען, אַפילו די קינדער. קודם „אַ לאָך אין קאָפּ" (איבערזעצט פון ענגליש), דערנאָך „שמאַטעס" פון ה. לייוויק, „טוביה דער מילכי־קער", און אויף ענגליש „יאָשע קאַלב", „שווער צו זײַן אַ ייִד". דאָס האָט אָנגע־האַלטן ביז צו שוואַרצס אַוועקפאָרן קיין ישׂראל, פון וואַנען ער איז שוין נישט צוריקגעקומען.

מיר האָבן דאַן דערשפּירט, אַז אונדזערע קינדער חברן זיך, אין דער שולע אין ניו־דזשערסי, מיט אַ נישט־געווּנטשענעם עלעמענט. עס האָבן זיך דאָרט געפונען זייער ווייניק ייִדישע קינדער, ווײַל די געגנט איז געווען אַן איטאַליע־נישע. מיר האָבן זיך דערשראָקן און זיך צוריק אַרײַנגעקליבן קיין ניו־יאָרק־סיטי, וועלכע איז פאָרט געווען אונדזער ערשטע היים.

די קינדער זענען אָנגענומען געוואָרן אין „הײַ־סקול פאָר מיוזיק ען אַרטס" (דאָרט איז געווען זייער שווער אַרײַנצוגיין. מען האָט געמוזט אָפּגעבן ספּעציעלע עקזאַמענס).

געוווינט האָבן מיר אויף דער 110טער גאַס לעבן בראָדוויי, נישט ווײַט פון קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט און שוין געקלערט אַז דאָרט וועט זײַן זייער באַקוועם פאַר די קינדער, ווען זיי וועלן אַרײַנטרעטן אין אוניווערסיטעט.

דער מענטש טראַכט און דער אייבערשטער לאַכט! צום זומער 1961, ווען די קינדער זענען אַלט געווען 16 יאָר, האָבן מיר באַקומען אַן אײַנלאַדונג פון דעם טעאַטער „סאָלעיל" אין בוענאָס־אײַרעס. אין ניו־יאָרק איז דאַן נישט געווען וואָס צו טאָן, סײַדן עפענען אַן אייגענעם טעאַטער.

לילי האָט באַשלאָסן נישט צו פאָרן, כּדי נישט איבערלאָזן ווידער די קינדער, און איינער אַליין האָב איך נישט געקענט זיך לאָזן אין וועג. זי האָט אָבער פאַר־שטאַנען אַז זי טוט מיר אַ גרויסע עוולה, מײַן קאַריערע האָט פון דעם געליטן, אָבער איך האָב זיך געטרייסט: בעסער איך זאָל זײַן אַ קרבן, איידער מײַנע קינדער...

עס איז געווען זומערצײַט און די קינדער האָבן געהאַט כּמעט דרײַ חדשים וואַקאַציע. פון „סאָלעיל" האָט מען מיר געמאָלדן, אַז דער טעאַטער גייטיקט זיך

אין אַ יונג פּאָרל, אַ בחור מיט אַ מיידל. „אפשר קען איך אַזאַ פּאָרל מיטברענגען מיט זיך?"

הכּלל, די קינדער האָבן זיך אַליין אָנגעבאָטן אַז איבערן זומער וואָלטן זיי שטאַרק געוואָלט פאָרן קיין בוענאָס־איירעס, זיך זען מיט אַלע גוטע פריינד (שוין 5 יאָר ווי מיר זענען דאָרט נישט געווען). מיר האָבן באַשלאָסן פאָרן און זיי מיטנעמען, מיטן פּלאַן אַז נאָך 10 וואָכן שפּילן וועלן מיר אַהיימפאָרן, כּדי זיי זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן די שולע.

זיי זענען מיט אונדז אויפגעטראָטן צוזאַמען אין „טאַטע האָב חתונה", און מענטשן זענען געלאָפן זיי אָנקוקן ווי אויף בייז וווּנדער! דער סעזאָן איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג און מען האָט מיר גענומען רעדן אַ „שידוך" מיט אַ צווייטן טעאַטער צום נייעם סעזאָן.

די קינדער האָבן זיך געריסן אַהיים כּדי נישט צו פאַרשפּעטיקן אין דער שולע. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז פאַר מיר מיט זייער מאַמען האָבן ווידער גענומען שיינען אונדזערע שטערנס. איז ווי אַזוי קען מען איבערלאָזן 2 קינדער אַליין אין אַ שטאָט ווי ניו־יאָרק?

הכּלל, די משפּחה האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה, כּדי צו באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן.

די לאַגע איז געווען זייער אַן ערנסטע. איך האָב דערקלערט די קינדער, אַז דער ייִדישער טעאַטער־עולם אין ניו־יאָרק פאַרשווינדט צו ביסלעך. בוענאָס־איירעס איז נאָך אַלץ מיין „שטאָט", פאַרפאַלן! אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט דעם „שלימזל" געבוירן צו ווערן ביי עלטערן אַקטיאָרן, מוזן זיי פאַרבלייבן דאָ מיט אונדז. קינדער זענען דאָרט וווּ די עלטערן מאַכן אַ לעבן. זיי זענען אָנגענומען געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער הויכשולע אין בוענאָס־איירעס פאַר קינדער פון דיפּלאָמאַטן. ביי טאָג האָבן זיי באַזוכט די שולע, און ביי נאַכט האָבן זיי מיטגע־שפּילט אין טעאַטער. דאָס שפּילן איז פאַר זיי אייגנטלעך געווען אַ „דראַמאַטישע שולע".

אין יענער צייט זענען געקומען פון ישׂראל אויף קאָנצערטן משה וואַלין צוזאַמען מיט חנה אהרוני. זיי האָבן געזען אונדזערע קינדער אויף דער בינע און זיך געוווּנדערט וואָס איך קום נישט מיט זיי קיין ישׂראל. איך האָב אים געענטפערט, אַז מיר איז פאַרבליבן אַ ביטערער טעם נאָך פון אונדזער לעצטן באַזוך, נאָר ווען איך וואָלט געהאַט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן דירעקטאָר, וואָלט איך געפאָרן. ער האָט מיר רעקאָמענדירט זיין ברודער ישׂראל וואַליך, וועלכער איז ערשט צוריקגעקומען פון אַמעריקע. איך האָב אים גוט געדענקט פון 1955, איך האָב געוווּסט אַז ער איז אַן ערלעכער און פעיִקער בחור. איך האָב זיך מיט אים פאַרבונדן און עס איז געוואָרן דער שידוך צווישן אונדז, וואָס האָט אָנגעהאַלטן

אַ שיינע פּאָר יאָר. מיר האָבן מיט אים אָפּגעשמועסט צו קומען קיין ישׂראל נאָך די ימים־טובים 1962.

דורך אונדזער געשעפטס־פירער גרעגאָריאָ סעראַטאָ האָבן זיך די קינדער באַפריינדט מיט שפּאַנישע שוישפּילערס. די שפּראַך האָבן זיי דאָך פולשטענדיק באַהערשט, פּונקט ווי ענגליש און יידיש. מיט איינעם אַ יונגן אַקטיאָר „טשיטשאָ" סעראַדאָר־עבאַניסמענטאָ (ער איז היינט אַ גאָר וויכטיקער רעזשיסאָר אין שפּאַניע) איז מייק געוואָרן זייער נאָענט, זיינע עלטערן זענען אויך געווען שוישפּילערס.

טשיטשאָ איז דאַן צוזאַמען מיט זיין מוטער פּעפּיטאָ סעראַדאָר אויפגע־טראָטן אין אַ פּיעסע וועלכע ער האָט אַליין אָנגעשריבן פאַר זיי ביידן, „אַפּראָבאַדאָ ען קאַסטידאַד", אַ גרויסער דערפאָלג וואָס איז שוין „געלאָפן" איבער 300 מאָל. אַזוי ווי די קאָמעדיע האָט זיך אויך צוגעפּאַסט צו אונדזער משפּחה, האָבן זיך מייק און לילי אָוועקגעזעצט און אין אַ וואָך צייט איבערגעזעצט די פּיעסע אויף יידיש. מיר האָבן זי געשפּילט אין זייער טעאַטער, אויף דער זעלבער בינע, מיט די זעלבע דעקאָראַציעס און קליידער, אין די טעג ווען זיי האָבן געהאַט פריי. די פּיעסע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. מיר האָבן זי שפּעטער געשטעלט אין ישׂראל אונטערן נאָמען „אוי איז דאָס אַ בחור!"

קיין ישׂראל זענען מיר געפאָרן מיט אַ טורנע דורך די דרום־אַמעריקאַנער לענדער. אין ווענעסועלאַ האָבן מיר געטראָפן אונדזערע ליבע פריינד די משפּחה צווילינג אין אַ וואונדערלעכן מצב. איך האָב שוין דורך בריוו געהאַט אָפּגערעדט מיט טאַליקן, און ער, צוזאַמען מיט הערשעלע צוקערמאַן (מיינער אַ חסיד נאָך פון בוענאָס־איירעס), האָבן אונדז איינגעאָרדנט צוויי גרויסע פאָרשטעלונגען. געפלויגן זענען מיר דורך ניו־יאָרק און געהאַט אַ פריילעכע באַגעגעניש אויפן קענעדי־ערָאָדראָם מיט ליליס עלטערן.

אָנגעקומען קיין ישׂראל זענען מיר פּונקט ערב ראש־השנה. ס'האָבן אונדז אָפּגעוואַרט ישׂראל וואַלין און מיין קוזינע טאַבעלע, וועלכע מיר האָבן נישט געזען זינט 1939 אין וואַרשע — זי איז עולה געווען אין 1957.

12. די 4 בורשטיינס אין ישׂראל

ביז מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ דירה, וועלכע וואַלין האָט פאַר אונדז צוגעגרייט, אויסגעקליבן אַ טרופּע און זיך געשטעלט מאַכן פּראָבעס, האָט גע־דויערט עטלעכע טעג. מיר האָבן אָנגאַזשירט יעקב האַלפּערין (וועלכער איז נאָך געווען אַ נייער אין ישׂראל), ווי אויך שוראַ גרינהויז, די פרוי פון מיין חבר

יצחק גרודבערג־טורקאָוו. ביז מען האָט זיך אומגעקוקט איז שוין געווען יום־כּיפּור. יענעם אינדערפרי שטיי איך אויף און דערשפּיר אַז עפּעס בין איך נישט מיט אַלעמען, און איידער וואָס, ווען — האָב איך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן אַוועקגעחלשט! די קינדער, דערשראָקענע, האָבן מיך גענומען מינטערן און איך האָב ווידער געחלשט — זיי זענען געווען זיכער אַז דאָס מוז זײַן אַ האַרצאַטאַק. קיין טעלעפאָן האָבן מיר נישט געהאַט — רופן וואָלינען איז געווען אוממעגלעך. ס'איז יום־כּיפּור, אַלץ איז פאַרמאַכט! מײַן זיסעלע האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ האַלבן שטאָק איבער אונדז האָט זי באַמערקט אַ שילד פון אַ דאָקטער, איז לילי שנעל אַרויפגעלאָפן און געקלונגען אין טיר — צו איר איבערראַשונג האָט עפּעס אַ פאַסקודנע פרוי, אַ דאָקטערשע, איר געענטפערט, אַז „שבת און יום־טוב אַרבעט זי נישט". זי האָט איר נאָך פאַרהאַקט די טיר גלײַך אין פּנים. אַ פאַרצווייפלטע האָט לילי געקלאַפּט אין דער טיר מיט אירע פויסטן און זיך געבעטן, „פליז, ראַטעוועט מײַן מאַן!"

אין דער מינוט איז פונקט אָנגעקומען אויף די טרעפּ אַ סימפּאַטישע פרוי און געפרעגט וואָס דאָ טוט זיך. לילי האָט האַסטיק איר דערקלערט די סיטואַציע און געבעטן הילף, רופן אַ דאָקטער. צום מזל איז דאָס געווען די אלמנה פון דעם באַרימטן דאָקטער לעוואַנטין, וועלכער האָט געגרינדעט דעם „מגן דוד אדום". די ליבע פרוי לעוואַנטין האָט לילין באַרויִקט און טעלעפאָנירט צו אַ דאָקטער. ער איז געקומען צו לויפן אין 15 מינוט. ער האָט מיך באַטראַכט און דערקלערט אַז איך לײַד פון אַ שווערער גריפּע. מחמת איך האָב זיך אײַנגעשפּאַרט, צוליב די היצן, צו שלאָפן די לעצטע צוויי נעכט אויפן באַלקאָן אַנטקעגן ים, איז דאָס געווען אַ לאָגישער דיאַגנאָז.

מײַן לילי האָט אָבער פאַרדעכטיקט, אַז דאָס איז נישט סתּם אַ „גריפּע", ווײַל איך האָב געהאַלטן אין איין שוויצן און ווידער אַוועקגעחלשט, און די טעמפּעראַטור איז נישט אַראָפּ. זי האָט זיך קוים דערוואַרט עס זאָל שוין ווערן טונקל און וואָלין זאָל קומען. אַז ער האָט מיך דערזען איז ער געוואָרן אַ פאַרציטערטער — ער איז גלײַך אַראָפּגעלאָפן מיט מאַטעלען אין אַ שכנותדיקן רעסטאָראַן אויף דער בן־יהודה־גאַס, וועלכער איז שוין געווען אָפן, בעטן מען זאָל אים פאַרקויפן עטלעכע לימאָנען, כּדי מיך „קאָרמען" מיט טיי. ווי דורך אַ נס איז דאָרט געזעסן אונדזער פרײַנד ד"ר נחום גיטלער. ער איז אַרויפגעלאָפן מיך זען און פעסט־געשטעלט אַז איך בין אַ קרבן פון אַ מאַלאַריע־מיקראָב, וואָס הייסט „פאַפּעטאַטשי" — זיך דערמיט זיכער אָנגעשטעקט אין ווענעסועלאַ, ווו מיר זענען געווען צוויי וואָכן פריִער.

וואָלין האָט זיך געבעטן:

— דאָקטער, ראַטעוועט אים! מײַן גאַנץ פאַרמעגן ליגט אין דעם געשעפט, פרײַטיק איז די פּרעמיערע!

ניאָמע גיטלער האָט אים פאַרזיכערט, אַז צו דער פּרעמיערע וועט ער מיך שטעלן אויף די פיס, און ער האָט געהאַלטן וואָרט (אין די ענינים איז ער געווען אַ גאָט).

מײַן פרוי און מײַן זון האָבן געגרייט די פּיעסע — מײַן טאָכטער איז פאַר־בליבן אין דער היים אַלס קראַנקן־שוועסטער. ד״ר גיטלער איז דרײַ מאָל אין טאָג געווען בײַ מיר, געשטעלט נאָדלען און געגעבן צו טרינקען די שטאַרקסטע מיטלען. וואַלין, וועלכער האָט, חוץ אַלץ, אויך סמיכות אויף רבנות, האָט יעדן טאָג געזאָגט תהילים איבער מיר.

עס איז געקומען דער פּרעמיער און מיר פאָרן קיין קרית־מוצקין. איך בין קוים אויף די פיס געשטאַנען, פאַרלוירן 5 קילאָ. אַלע האָבן געציטערט איבער מיר, און ווען מען האָט שוין דערלעבט מיך זען אויף דער בינע און אָפּזינגען מײַן קופּלעט, און נאָך צופרידנדיק דערצו, האָבן אַלע געוויינט פאַר פרייד — מײַן פרוי, מײַנע קינדער, וואַלין און די אַקטיאָרן.

צו ביסלעך האָב איך צוריקבאַקומען מײַנע כּוחות, און די משפחה בורשטיין איז געוואָרן באַרימט ווי די „ערשטע יידישע טעאַטער־משפחה״ אין לאַנד.

מיר האָבן געהאַט דערפאָלג אין ישׂראל. צום ערשטן מאָל האָט מען געזען „אמתע יוגנט״ אויף דער בינע פון יידישן טעאַטער. צוויי 17־יאָריקע קינדער! דער קריטיקער דב בער מאַלקין האָט אין זײַן ראַדיאָ־פּראָגראַם געלויבט אונדזער פאָרשטעלונג (איך ציטיר): „אַ סך יידישע שוישפּילערס מעגן קומען צו די בורשטיינס אין טעאַטער לערנען און הערן ווי אַזוי צוויי יונגע קינדער רעדן אַ זאַפטיקן יידיש״.

איך האָב געשטעלט איין דערפאָלגרײַכע פּיעסע נאָך דער אַנדערער. מיר האָבן אָנגעקוואָלן פון נחת צוקוקנדיק ווי אונדזערע קינדער האָבן דערפאָלג. ווען עמעצער פרעגט הײַנט מײַן מײַקן, „וועלכע דראַמאַטישע שולע האָסטו דורכ־געמאַכט?״ איז זײַן ענטפער — „די בעסטע שולע אין דער וועלט, לעבעדיקע דערפאַרונג אויף דער בינע פון מײַן טאַטנס טעאַטער״. פון זײַן אייגענעם טאַלאַנט און חן איז דאָך שוין אָפּגערעדט! מיט דעם מוז מען געבוירן ווערן — דאָס קען מען זיך נישט אויסלערנען און אונדזער זון איז קיין עין־הרע אַ טאַלאַנט — און ער האָט דאָך געהאַט פון וועמען צו ירשנען...

יענע תקופה — מײַן פרוי איז מיט מיר מסכּים — איז געווען די גליקלעכסטע אין אונדזער משפּחה־לעבן. עס איז געווען לעבעדיק אין שטוב — די קינדער האָבן געבליט. אויפגעטראָטן אויף דער בינע און גלײַכצײַטיק געלערנט אין דער אַמעריקאַנער שולע אין הרצליה.

מיר האָבן זיי געוואָלט שיקן קיין ניו־יאָרק שטודירן אין קאָלומביאַ־אוניווער־סיטעט, אָבער מײַק האָט זיך געבעטן מיר זאָלן אים לאָזן פאַרבלײַבן אין ישׂראל, ער האָט נישט געוואָלט איבעררײַסן זײַן קאַריערע. ער וויל נישט ווערן קיין דאָקטער אָדער אַדוואָקאַט! האָבן מיר אָוועקגעלייגט אונדזערע „חלומות״ אַן אַ

זײַט, ווײַל טיף אין האַרצן האָבן מיר געוווּסט, אַז אונדזער זון פֿאַרמאָגט אַלע נייטיקע אייגנשאַפֿטן צו ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלער שטערן. וואָס שײַך מײַן טאָכטער זיסעלע, איז געווען אַ צווייטע פּראָבלעם. איר האָט געצויגן צו אַ פּריוואַט לעבן, זיצן אויף איין אָרט און מער נישט אַרומפֿאָרן. מיר האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר איר וועט זײַן אַ סך געזינטער זי זאָל וואָס גיכער געפֿינען איר זיווג און פֿאַרלאָזן דעם געראַויש פֿון טעאַטער־לעבן.

חדשים זענען געפֿלויגן, מײַן שותּף ישׂראל וואַלין און איך האָבן געפֿירט אַ גוט געשעפֿט — איך האָב ווידער געשטעלט „אַ חתונה אין שטעטל" און עס איז געווען נאָך מער דערפֿאָלגרײַך ווי פֿריער, אין 1954 — „די פֿריילעכע קבצנים" און „די אייביקע כּלה" האָבן געבראַכט גאָר גרויסע קאַסעס...

בײַ „די פֿריילעכע קבצנים" איז מײַן לילי פּלוצעם קראַנק געוואָרן אויף געלבזוכט, און קראַנקערהייט געמוזט שפּילן אַ וואָך צײַט ביז מיר האָבן געפֿונען אויף איר אָרט אַ פֿאַרטרעטער, בראָנקע זאַלצמאַן. זי איז אָפּגעלעגן וואָכן לאַנג און איך האָב דערפֿילט אַז זי מוז צײַטווײַליק פֿאַרלאָזן דעם טעאַטער, זיך אָפּרוען. האָבן מיר באַשלאָסן פֿאָרן זומער 1964 צו אירע עלטערן קיין אַמעריקע.

אונדזער פּלאַן איז געווען אַ דאָפּלטער — אי זיך זען מיט דער משפּחה, אי אָנועקפֿירן אונדזערע קינדער קיין האָליווּד, קאַליפֿאָרניע. מיר האָבן געוואָלט דאָרט שפּילן אַ פּאָר חדשים כּדי באַווײַזן די פֿילם־פּראָדוצענטן וואָס פֿאַר אַ „אוצרות" מיר פֿאַרמאָגן.

אָפּקלאַנגען פֿון אונדזער דערפֿאָלג אין ישׂראל און פֿון אונדזער טאַלאַנטפֿולן צווילינג האָבן זיך שוין געהאַט דערטראָגן קיין האָליווּד. אָסקאַר אָסטראָף, וועלכער האָט דאָן דאָרט געווינט האָט אַראַנזשירט פֿאַר אונדז אַ טעאַטער. דערווײַל האָבן מיר אין תּל־אָביב געלאָזט שטיין אונדזער וווינונג און אָפּגערעדט מיט וואַלינען, אַז מיר קומען צוריק עפֿענען דעם נײַעם סעזאָן.

געפֿאָרן זענען מיר מיט דער שיף „ירושלים", און אָנגעקומען קיין וואַשינגטאָן פּונקט צום פּסח־סדר. זיך אָנגעפֿריידט מיט דער משפּחה, האָבן מיר זיך צוגע־גרייט פֿאָרן קיין קאַליפֿאָרניע אין דעם נײַעם סטיישן־אויטאָ וועלכן איך האָב געקויפֿט. קודם אָבער האָבן מיר געמוזט אַרײַנפֿאָרן קיין ניו־יאָרק זען וואָס עס הערט זיך בײַ דער טעאַטער־משפּחה. און האָבן אויך אַ קוק געטאָן וואָס עס טוט זיך אין אונדזער ניו־יאָרקער דירה, וועלכע מיר האָבן געהאַט פֿאַרדונגען.

ווײַזט אויס אַז באַשערטע זאַכן דאַרף מען ווײַט נישט זוכן: מיר זענען פֿאַר־פֿאָרן אין אַ האָטעל מיט אַ ישׂראל־פֿאַרפֿאָלק, וואָס איז געקומען מיט דער זעלבער שיף. צום פֿאָרפֿאָלק — דער מאַן אַ מוזיקער — איז געקומען אויף אַ באַזוך אַ חבֿר, וואָס איז צוזאַמען מיט אים, אַלס קליינע קינדער, געשיקט געוואָרן פֿון

דער שטאַט לאָדזש קיין ענגלאַנד מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע און זענען ביזן היינטיקן טאָג פֿאַרבליבן ווי ברידער.

ווען דער גאַסט, מייקל ראָט, האָט דערזען מיין טאָכטער, זיסעלען, האָט ער אויפֿן אָרט באַשלאָסן אַז זי איז זיין באַשערטע. ער האָט, ווי אַ קאַוואַליר, אונדז גלייך געבעטן דערלויבעניש זיך צו זען מיט איר, און ביז צו אונדזער אַוועקפֿאָרן קיין קאַליפֿאָרניע זענען זיי שוין געווען כמעט ווי פֿאַרליבט. די רייזע איז געווען אַן אומפֿאַרגעסלעכע, דאָס ערשטע מאָל וואָס לילי און די קינדער זענען דורכגעפֿאָרן די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון איין ברעג צום צווייטן.

אין האָליוווד האָבן מיר באַלד אָנגעהויבן שפּילן מיט דער טרופּע וואָס אַסטראָף האָט צוגעגרייט. צו אונדזער שלימזל אָבער איז אויסגעבראָכן אַ סטרייק פֿון די אויטאָבוסן און „אונדזערע" ייִדן האָבן נישט געהאַט קיין טראַנספּאָרט צום טעאַטער. האָבן מיר אָנגעהויבן פֿאַרלירן געלט... דאָך האָבן מיר ווייטער געשפּילט, כּדי אַגענטן און דירעקטאָרן פֿון דער פֿילם־אינדוסטריע זאָלן קומען זען אונדזער צווילינג.

ליידער האָבן מיר דערשפּירט, אַז אין האָליוווד דאַרף מען „אויסזיצן", האָבן צייט, 'אַ סך געלט, און גאָר גרויסע פֿאַרבינדונגען. מען האָט אונדז געעצהט צוריקפֿירן אונדזער זון קיין ניו־יאָרק, ער זאָל דאָרט מאַכן זיין קאַריערע, און פֿון דאָרט וועט מען אים שוין רופֿן קיין האָליוווד. (אַ סימן, מייק איז שפּעטער געזעסן דריי יאָר צייט אין האָליוווד, מיט ווייב און קינדער, און נאָר ביים אומקערן זיך קיין ישׂראל האָט זיין קאַריערע אָנגעהויבן, ברוך־השם, צו שטייגן און בליִען).

נאָכן צוריקקומען קיין ניו־יאָרק האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די ליבע צווישן מיין טאָכטער מיט מייק ראָט, און אַזוי ווי מיר האָבן געמוזט צוריקפֿאָרן, איז אָפּגערעדט געוואָרן אַז ער קומט אין גיכן אונדז באַזוכן אין ישׂראל.

מיר זענען צוריקגעפֿאָרן מיט דער שיף „אָלימפּיאַ". אַ רייזע פֿול מיט געשעענישן. אין דער פֿאָרטשטאָט נאַפּאָלי האָט מייק פֿאַרלוירן זיין פּאַספּאָרט און האָט שיִער נישט געמוזט פֿאַרבלייבן אין איטאַליע — מען האָט אים קוים אויסגעלייזט!

ענדלעך צוריק אין תּל־אָביב. מיר האָבן געעפֿנט דעם סעזאָן מיט מיין באַרימטע פּיעסע „דער קאָמעדיאַנט" אונטער אַ נייעם נאָמען, „מיין שטעטעלע בעלז". דהיינו ? אַ צווייטער טעאַטער האָט אויפֿגעפֿירט אַ פּיעסע א"נ „די קאָמעדיאַנטקע"! (דער נייער נאָמען איז שוין פֿאַרבליבן, אַפֿילו ווען מייק האָט דאָס געשפּילט אין יאָר 1974). ביי דער צווייטער פּיעסע „דעם רבינס ניגון" איז מיין טאָכטערס באַשערטער געקומען צו פֿאָרן און מיר האָבן געפּראַוועט אַ תּנאָים. מען האָט באַשלאָסן אַז די חופּה וועט פֿאָרקומען אין אַמעריקע, אין חודש מיי, כּדי באָבע־זיידע פֿון דער כּלה זאָלן קאָנען אָנטייל נעמען.

מיט אַ חודש פריִער האָבן מיר געהאַט געשלאָסן אַ קאָנטראַקט פאַר דער גאַנצער משפחה אָנצוהייבן שפּילן „די מגילה" פון איציק מאַנגער אין חודש יוני — די פּראָדוצענטן זענען געווען אַ גרופּע עברית־שרײַבערס, פּײַנשמעקערס, וואָס ביז איצט איז יידיש־לשון געווען בײַ זיי טריף. חיים חפר, דן בן־אמוץ, יעקב אגמון און עמיקם גורעוויץ. שלום ראָזענפעלד איז געווען מאַנגערס פאַר־טרעטער, און שמואל בונים האָט רעזשיסירט. דב זעלצער האָט באַדאַרפט שרײַבן די מוזיק.

אַזוי ווי איך האָב זיי דערקלערט די סיטואַציע מיט אונדזער טאָכטערס חתונה, זענען זיי מסכּים געווען איך זאָל צושטעלן אַ צווייטע אויף איר אָרט אַלס אסתּר המלכּה. איך האָב דערפאַר געהאַט שוין פאַרפליכטונגען פאַר דער נײַער אַקטריסע אויך.

מיר האָבן דערווײַל געשטעלט מיט וואַלינען אַ דריטע פּיעסע „אַ נאַכט אין טבריה" ווײַל עס איז ערשט דאַן געווען חודש פעברואַר. האָט עס געהייסן, אַז זיסעלע וועט שפּילן בלויז איין חודש אין דער נײַער פּיעסע און אַוועקפאָרן פריִער פאַר אונדז, זיך גרייטן צו איר חתונה. מיר וועלן איר נאָכפאָרן קיין אַמעריקע און נאָך דער חופּה צוריקקומען שפּילן אין דער „מגילה".

אין וואַשינגטאָן האָבן שוין ליליס שוועסטער און שוואָגער, ביאַטריס און בען פרידמאַן, באַשטעלט דעם חתונה־זאַל — די עלטערן פונעם חתן זענען געקומען אויף אַ באַזוך צו באָבע־זיידע. אין אַמעריקע האָט מען זיך שוין געגרייט צו אַ גרויסער חתונה.

פּלוצעם דערוויסן מיר זיך אַז פּונקט אין דער צײַט וואָס מיר וועלן פרײַ, וועט אויספאַלן ספירה, ווען מען טאָר קיין חופּה נישט שטעלן! דאָרט זיצן און איבערוואַרטן וועט זײַן אוממעגלעך ווײַל אונדזער קאָנטראַקט האָט געוויזן, אַז מיר מוזן אָנהייבן די „מגילה" אין יוני — וואָלט דאָס געווען מײַן אייגענע דירעק־ציע, וואָלט איך דאָס פּשוט אָפּגעלייגט אויף אַ חודש! וואָס טוט מען? ווי אַזוי וועט זי חתונה האָבן אָן אונדז?!

מײַן שוועער האָט אין טעלעפאָן געעצהט מיר זאָלן נישט צעשטערן אונדזער טאָכטערס גליק — ס'איז נישט מזלדיק אָפּצולייגן אַ חופּה.

אין שטוב איז געוואָרן יום־כּיפּור! מיט אַ טרויעריקן געמיט האָט זיסעלע גענומען זיך פּאַקן צו איר רײַזע. איר צווילינג־ברודער מײַק איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטע נאָז, ביז ער האָט אויסגעפּלאַצט: „וואָס פאַר אַ עלטערן זענט איר? מילא, איך, אַ בחור, קאָן אַ מאָל חתונה האָבן אין אַ פרעמד לאַנד און אײַך מעלדן דורך אַ טעלעגראַמע! אָבער אָן איין און איינציקע טאָכטער זאָלט איר נישט פירן צו דער חופּה? פאַר וואָס זאָל דער חתן נישט קומען אַהער?"

מיר האָבן אים אַלע געקושט פאַר דער קלוגער עצה! זיסעלע האָט תּיכּף טעלעפאָנירט צו איר חתן און דערקלערט אַז איר האַרץ ווערט צעבראָכן, זי קען נישט גיין צו דער חופּה אָן אירע עלטערן, אַז ער מוז קומען קיין ישׂראל פּראַווען די חתונה און מיר, אירע עלטערן, ווילן באַצאָלן זײַן רײַזע. הכּלל, זי האָט בײַ אים געפּועלט ער זאָל איבערלאָזן זײַנע בוי־געשעפטן און קומען קיין ישׂראל.

ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ געלויף! איך האָב מײַן טאָכטער באַגלייט אין ראַבינאַט פון תּל־אביב. די מאַמע איז מיט איר אַרומגעלאָפן זוכן אַ פּאַסיקע חופּה־קלייד און אַ שלײַער מיט אַ „בריליאַנט" (ווײַל קליינערהייט האָב איך איר געהאַט צוגעזאָגט, אַז צו איר חתונה וועל איך אָנטאָן מײַן „קוקאַלע" אַ בריליאַנט אויפן שטערן).

קיין צײַט אויף אײַנלאַדונגען איז נישט געווען, בלויז רופן די פרײַנד דורכן טעלעפאָן. די חופּה האָט געדאַרפט פאָרקומען אונטערן פרײַען הימל, אין דעם געסל הילדעסהיימער ווו מיר האָבן געוווינט, מיט דער הילף פון אונדזערע טײַערע שכנים, די משפּחה קויפמאַן.

דער חתן איז דאָנערשטיק בשלום געקומען צו פליִען אין דער באַגלייטונג פון זײַן פאָטער, און גלײַך געלאָפן אין ראַבינאַט ווו ער האָט זיך דערוווּסט פון אַ פרישע צרה, אַז חתן־כּלה וועלן מוזן וואַרטן 2 וואָכן מיט דער חופּה. ער האָט דערקלערט אַז ער איז ספּעציעל געקומען צו פליִען, אַז ער שטייט מיט זײַנע שותּפים אין דער מיט פון אַ קאָסטבאַרן פּראָיעקט — ער מוז שנעל צוריקפאָרן — אָבער גיי שרײַ צו דער וואַנט! געזעץ איז געזעץ!

זענען זיי אַוועק צום אַמעריקאַנער קאָנסול, כּדי דאָרט חתונה האָבן ציוויל. דער אַמבאַסאַדאָר האָט זיי אָבער געמאָלדן, אַז אויך ער קאָן זיי נישט העלפן. ער מוז אויך נאָכפאָלגן די געזעצן פון לאַנד. אין ישׂראל, להיפּוך צו אַמעריקע, מוז קודם פאָרקומען די רעליגיעזע צערעמאָניע.

ישׂראל וואַלין האָט געגעבן די עצה מיר זאָלן זיך ווענדן צום הרב ידידיה פרענקעל, וועלכער האָט אַ גרויסע דעה אין דעם תּל־אביבער ראַבינאַט. דער רב האָט אונדז געהייסן צוקומען.

הרב פרענקעל האָט אונדז באַטראַכט און מיט אַ שמייכל געזאָגט: „אַ, וואַ! המשפּחה בורשטיין מיט דער גאַנצער טרופּע! נו, נו, מען קען שוין באַלד שפּילן אַ פאָרשטעלונג!" ער איז אָבער געווען זייער מלך־המשיח, האָט טעלעפאָנירט צום הויפּט־רב און אים געבעטן נישט זײַן קיין עקשן און מאַכן אין דעם פאַל אַן אויסנאַם. מען זאָל שטעלן די חופּה אין אַ וואָך אַרום אַנשטאָט צוויי. — און אַז ער אַליין וועט געבן חתן־כּלה חופּה־וקדושין!

דער חתן האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט זײַנע שותּפים און די חופּה איז באַשטעטיקט געוואָרן אויף דעם צווייטן שבת צו נאַכטס, נאָך האַלבער נאַכט, נאָך אונדזער פאָרשטעלונג. מיר האָבן יענעם טאָג געהאַט 2 פאָרשטעלונגען פון „אַ נאַכט

אין טבריה" אין טעאַטער „רמה" אין רמת־גן — זיסעלעס ראָלע האָט שוין געשפּילט הדסה קעסטין.

האָבנדיק פּאַר זיך אַ גאַנצע וואָך צײַט, איז שוין געלונגען דורך רוזשאַ טורקאָוו צו באַקומען דעם זאַל פון בית־ציוני־אַמעריקע מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש צו פּראַווען אַ חתונה נאָך 12 בײַ נאַכט. ס'איז געווען אַן אויסער־געוויינלעכע חתונה! ליליס חברטע אַלגאַ אויערבאַך האָט געפירט אונדזער טאָכטער אין מקווה, אַזוי אַז זי איז באמת געווען „אַ כשרה כלה".

גלײַך נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר אַהיימגעלאָפן נעמען די כלה אין זאַל אַרײַן — דאָרט האָבן דערווײַל אונדז פאַרטראָטן בײַם אויפנעמען די געסט אונדזערע ליבע זיגמונט און ראָזאַ טורקאָוו און אַלגאַ מיט איר מאַן.

חוץ די פאַרבעטענע געסט זענען געקומען צענדליקער פרײַנד וועלכע האָבן אַליין פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאַר — און אויסער אונדזער אייגענעם אָרקעסטער זענען געקומען שפּילן די אָרקעסטערס פון נאָך 2 טעאַטערס. די גאַנצע פּראָפעסיע האָט געפילט אַז ס'איז זייער שימחה.

הרב פרענקעל האָט געהאַלטן אַן אײַנדרוקספולע רעדע, זיך דערוויסנדיק אַז דער חתן איז אַ קינד פון לאָדזשער געטאָ, און האָט געפּראַוועט די גאַנצע צערע־מאָניע אויף יידיש. די כלה האָט מען געפירט צו דער חופּה מיט דעם לייטמאָטיוו פון „אַ חתונה אין שטעטל", דאָס דערהערנדיק האָט זי זיך צעוויינט און איז געשטאַנען אונטער דער חופּה מיט טרערן אין די אויגן, אַלע געסט האָבן מיט־געוויינט פילנדיק ווי דאָס קינד פאַרלאָזט איר טעאַטער־משפּחה כדי זיך פאַר־בינדן מיט מײַקל ראָט.

ליליס משפּחה איז געווען פאַרטראָטן דורך קרובים פון איר זיידנס צד: חיים מישורי, גרינדער פון דער „ביל"ו־שול" און די משפּחה מילקיס. פון מײַן זײַט, בלויז מײַן קוזינע טאָבעלע...

צו מאָרגנס גאַנץ פרי זענען מיר געפאָרן קיין לוד באַגלייטן חתן־כלה...

און אַזוי האָב איך דעם פערטן טאָג פון אַפּריל, אין יאָר 1965, „אויסגעגעבן די מיזינקע!"

13. „די מגילה" פון איציק מאַנגער

מיר האָבן זיך גענומען פלײַסיק גרייטן „די מגילה", נאָר אין שטוב האָט זיך געפילט אַן אומעטיקייט. מיר האָבן אַלע דרײַ נישט געקאָנט גלייבן, אַז זיסעלע איז שוין מער נישטאָ אין דער היים. בײַם זעצן זיך צום טיש פלעגט מען זיך צעוויינען. מען האָט זיך אָבער געמוזט צוגעוווינען צום פאַקט אַז זי לעבט זיך גליקלעך אין אַמעריקע.

אין חודש יוני איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע אין טעאַטער „חמם“, אין יפו, (מיט הונדערט יאָר צוריק איז „חמם“ געווען אַ טערקישע שוויצבאָד).

נאָך אַ חודש שפּילן האָט מען ערשט באַשטעלט די פּרעסע־פאָרשטעלונג און איך וועל יענעם אָוונט אין לעבן נישט פאַרגעסן. דער טעאַטער האָט געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן. דער עולם האָט געשריִען „בראַוואָ!“ אַלע העברעיִשע צײַטונגען האָבן זיך אָפּגערופן מיט לויב־רעצענזיעס און אַרטיקלען. דאָס פּובליקום האָט גענומען שטראָמען אין טעאַטער. די יוגנט וואָס האָט קיין ייִדיש נישט פאַרשטאַנען איז געווען די מערהייט, און מײַק האָט געגעבן אַ לויפנדיקע נאַראַציע אין עברית. באַזוכן אונדזער פאָרשטעלונג איז פּשוט געוואָרן אַן ענין פון „יוקרה“...

אַ דערפרישטער פון אַ יוגנטקוואַל בין איך נאָכגעגאַנגען מײַן זון אויף דעם נײַעם וועג. לילי האָט זיך געבאָדן אין דעם נײַ־געפונענעם דערפאָלג פון מאָדער־נעם טעאַטער, צו וועלכן זי האָט איר גאַנץ לעבן געשטרעבט.

„די מגילה“ האָט באַקומען אַלע פּרײַזן אין ישראל און די משפּחה בורשטיין איז געוואָרן די טעמע פון טאָג. דער רעקאָרד (תּקליט) פון „די מגילה“ איז צעשיקט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, אַפילו קיין רוסלאַנד. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָט מען געשפּילט ייִדיש־טעאַטער אין אַלע קיבוצים — קינד און קייט! הימל און ערד! און „די מגילה“!

מיר האָבן „די מגילה“ געשפּילט אין ישׂראל 400 מאָל, און ס׳זענען געקומען אונדז זען זלמן שזר מיט זײַן פרוי דרײַ מאָל, לוי אשכּול צוויי מאָל, און גאָלדע מאיר אויף אַ ספּעציעלער פאָרשטעלונג — שפּעטער, בײַם אָפּפאָרן קיין אויס־לאַנד, האָט דער ראש־העיר פון ירושלים, טעדי קאָלעק, אײַנגעאָרדנט אַ ספּעציעלע געזעגענונגס־פאָרשטעלונג פאַר דער כּנסת אין דעם ירושלימער טעאַטער „חאן“.

איציק מאַנגער איז ספּעציעל געבראַכט געוואָרן קיין ישׂראל. לײַדער איז ער קורץ נאָך דעם געשטאָרבן, נישט קענענדיק געניסן פון זײַן גרויסער פּאָפּולאַ־ריטעט.

ווי הײַנט געדענק איך, ווי ער האָט צום ערשטן מאָל בײַגעוווינט די פאָר־שטעלונג צוזאַמען מיט זײַן גוטן פרײַנד זלמן שזר. איך האָב אים פאָרגעשטעלט פון דער בינע, און אויפן פאַרלאַנג פון פּובליקום איז ער אַרויפגעקומען רעדן אַ פּאָר ווערטער מיט טרערן פון פרייד.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן אונדזער לעצטן באַזוך בײַ איציק מאַנגערן אין שפּיטאָל, אין גדרה. אַ בלאַסער, אַן אויסגעדאַרטער. זײַנע גרויסע רחמים־אויגן האָבן געקוקט אויף זײַן פרוי, געניאַ, וועלכע איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער זײַן בעט. רעדן האָט ער שוין נישט געקענט.

ווען ער האָט אונדז דערזען האָבן זײַנע אויגן זיך צעשטראַלט פאַר פרייד. ער האָט מיט זײַנע דאַרע פינגער געדריקט אונדזערע הענט און געקוקט מיט גרויס ליבשאַפט אויף אונדזער מאַטעלען. „זײַן מאַטעלע“, וועלכער האָט אים פאַרקערפּערט אויף דער בינע אַלס „פּאַסטריגאַסע דער שנײַדעריונג“.

געניאַ האָט אונדז שטילערהייט געזאָגט: „קינדערלעך, איר ווייסט גאָר נישט וואָס דאָס מיינט פֿאַר אים ווען איר קומט אים באַזוכן". ביים געזעגענען זיך האָב איך אָנגענומען זיינע דאַרע הענט אין מיינע, און געווונטשן: „זיי געזונט, איציק, מיר וועלן זיך זען אין אַ פּאָר טעג אַרום".

דאָס איז געווען אונדזער לעצטע באַגעגעניש.

נאָך אונדזער דערפֿאָלג מיט דער „מגילה" האָט אפרים קישון אונדז פֿאָרגע־לייגט שפּילן זיין באַרימטע פּיעסע „די כּתובה" אויף ייִדיש. מיר האָבן צוגעצויגן שרגא פֿרידמאַן ז"ל פֿון „הבימה" אַלס רעזשיסאָר, און צוזאַמען מיט לילין האָט ער די פּיעסע איבערגעזעצט אויף ייִדיש. די פּרעמיערע איז פֿאָרגעקומען אין קיבוץ „גבעת ברענער", וואָס האָט אונדז כּמעט ווי אַדאָפּטירט.

אויך מיט „די כּתובה" האָבן מיר געהאַט דערפֿאָלג. איך דערמאָן זיך ווי מאיר ווייסגאַל ז"ל איז בעתן אַנטראַקט אַרונטערגעקומען אין מיין גאַרדעראָב און זיך „פֿאַסמאַקעוועט" מיט דער פֿאָרשטעלונג: „אַצינד פֿאַרשטיי איך יעדעס וואָרט — האָט ער געזאָגט — אַז זיי האָבן מיר קאַליע געמאַכט דאָס לאַנד מיט דעם לשון־קודש!!"

אין דער תּקופֿה פֿון דער „מגילה" האָט מיין זון געשלאָסן אַ קאָנטראַקט צו שפּילן די צוויי הויפּטראָלעס אין דעם פֿילם „צוויי קונילעמל". דער פּראָדוצענט האָט צוגענומען אַלס שותּפֿים די אייגנטימערס פֿון אַלע טעאַטערס אין לאַנד, און זיי האָבן פֿאַרלאַנגט אַז נאָר מייק בורשטיין זאָל שפּילן די הויפּטראָלע, און לילי און איך זאָלן אָנטייל נעמען אין פֿילם. ישׂראל בעקער איז געווען רעזשיסאָר. אַזוי ווי לילי האָט פּונקט געמוזט פֿליִען צו איר קראַנקער מאַמען קיין וואַשינגטאָן, האָב איך געשפּילט אָן איר. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך שטודירט אַ ראָלע אין עברית, די ראָלע פֿון „שיהלע דער בעל־עגלה", וועלכער פֿירט אַוועק קונילעמלען צו זיין כּלה און זינגט מיט אים אויף דער בריטשקע אַ ליד וואָס איז נאָך עד־היום פּאָפּולער אין ישׂראל, „הבו עז לתּיש" — מיין צופּייפֿן איז געוואָרן אַ פֿריילעכער הויכפּונקט אין דעם פֿילם.

פֿאַר גוטע זאַכן, אָבער, מוז מען באַצאָלן! און מיר האָבן טאַקע אָנגעהויבן טייער באַצאָלן, ווען מיין זון מייק האָט גענומען אַוועקגיין פֿון אונדז אין דער ריכטונג פֿון עברית־טעאַטער, כּדי פּראָגרעסירן מיט זיין קאַריערע. ס'איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג! אַ פֿילמסטאַר שוין אין לאַנד — לאַורעאַט פֿון דעם ישׂראל־אָסקאַר־פּרייז, „כּינור דוד" — איז ער געוואָרן אַ ליבלינג ביי אַלע קינדער אין לאַנד, און קינדער זענען דאָך דער צוקונפֿטיקער עולם ביים טעאַטער!

הכּלל, נישט געווען קיין ברירה, מיר האָבן געמוזט דעם פֿייגעלע לאָזן אַוועק־פֿליִען פֿון אונדזער נעסט — נו, האָבן מיר ווידער גענומען שפּילן פּונקט ווי אַ מאָל, בלויז לילי און איך מיט אַ טרופּע. ס'איז אָבער אָנגעקומען זייער שווער, ווייל

דאָס פּובליקום האָט נישט געוואָלט אַקצעפּטירן די סיטואַציע — זיי איז אויסגעקומען אַז מען נאַרט זיי אָפּ! שוין געווען צוגעוווינט אונדז זען שפּילן צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער.

מיר איז געוואָרן אַ ווייטיק אין האַרצן און אַ לאָך אין דער קעשענע! כאָטש נעם און פאָר אַוועק פון ישׂראל! פון איין זײַט זענען מיר געווען גליקלעך פאַר אונדזער קינד, ווײַל נאַרמאַל ווילן דאָך עלטערן אַז זייער קינד זאָל וואַקסן, פּראָגרעסירן און זײַן דער גרעסטער!

פון דער צווייטער זײַט, האָט אונדז פאַרדראָסן וואָס מיר האָבן דורך דער צײַט פון אונדזער שפּילן „בעסער טעאַטער" געהאַט פאַרלוירן אונדזער אַלטן עולם. עס זענען צוגעקומען נײַע יונגע קרעפטן פון רומעניע, וועלכע מען האָט געגעבן „בויען" אַלס סטאַרן — מײַן געוועזענער שותּף וואָלין האָט שוין געפירט זײַן אייגענע דירעקציע — זיך ווידער אומקערן צום אַלטן טעאַטער־סטיל נאָך אַזאַ גרויסן דערפאָלג, האָט זיך אונדז נישט געגלוסט.

אין 1967 זענען מיר אַרומגעפאָרן מיט אַ רעוויו־פּראָגראַם איבערן לאַנד צוזאַמען מיט מײַקן. אָנגעהויבן האָבן מיר פּסח־צײַט. אונדזער אימפּרעסאַריאָ איז געווען מ. בירון. ס'איז געווען אַ נײַעס: די דרײַ בורשטיינס צוזאַמען.

אָנהייב יוני האָבן מיר געשפּילט אין דימונה. ס'איז געווען אַ פּרײַטיק אָוונט, דער באַלעבאָס פון טעאַטער האָט געבראַכט די בשׂורה, אַז אַלע בילעטן זענען אויספאַרקויפט, אָבער דער זאַל איז כמעט ליידיק... אויפן הויפּטפּלאַץ, לעבן טעאַטער, זענען געזעסן צענדליקער מענער מיט פּעקלעך אין די הענט און געוואַרט אויף אַ צופעליקן טראַנספּאָרט, כּדי צו דערקלײַבן זיך אין זייערע מיליטערישע איינהייטן.

מיר האָבן סײַ ווי אָנגעהויבן שפּילן, אָבער געמוזט ענדיקן וואָס גיכער — יעדע מינוט האָבן זיך באַוויזן אין טעאַטער חיילים און אויסגערופן נעמען פון מענער, וועלכע ווערן אין דרויסן געזוכט.

פאַרנדיק אַהיים דורך באר־שבע האָבן מיר געזען ווי די גאַנצע שטאָט איז וואַך, די גאַסן אָנגעפּאַקט מיט אָנגעקומענע סאָלדאַטן און מיליטער־אויטאָס. פון צענטער לאַנד אויף דרום זענען געגאַנגען הונדערטער מאַשינען איינע הינטער דער אַנדערער... מיר זענען געווען די איינציקע וואָס זענען געפאָרן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — קיין תּל־אָביב.

ווי אַ לאַנגער שלאַנג אָן אַן עק האָט זיך אין דער פינצטער געצויגן די „פּאַראַדע" פון מיליטערישע, פּריוואַטע און אַפילו „תּנובה"־מאַשינען... יעדער וואָגן אָנגעפּאַקט מיט שטייענדיקע סאָלדאַטן — אַ טומל מיט אַ געפּילדער!

פאַר מײַן פרוי און מײַן זון, אַמעריקאַנער געבוירענע, איז דאָס געווען אַ נײַעס. פאַר מיר אָבער, האָבנדיק מיטגעמאַכט מלחמה אין מײַן יוגנט, איז דאָס

געווען אַ באַקאַנטע סצענע. איך האָב צו זיי טרויעריק געזאָגט: „קוקט אײַך גוט צו, קינדער... אָט דאָס איז מלחמה!"

מיר זענען דעם גאַנצן וועג געפאָרן שטומע, מיט ערנסטע געמיטער.

צו מאָרגנס, זיצנדיק בײַם טיש, האָבן מיר דערהערט דעם ערשטן אַליאַרעם. עס איז געווען בלויז אַ פּראָבע, אָבער אַלע שכנים זענען געלאָפן זיך באַהאַלטן אין דעם איינציקן מיקלט אויף אונדזער געסל הילדעסהיימער. שפּעטער אָבער, בעת די אמתע אַליאַרעמס, זענען מיר שוין אָן מורא פאַרבליבן בײַ זיך אין שטוב.

איך פלעג אַפילו אַרויס אין דער פינצטערער גאַס, צוזאַמען מיט מײַן שכן מרדכי קויפמאַן (פון „הבימה"), קאָנטראָלירן צי מען זעט נישט בײַ עמעצן קיין ליכט — איך האָב אַרויפגעקוקט צו די שוואַרצע סאַמעטענע הימלען איבער ישראל, מיט די גרויסע שטערן וועלכע פינקלען ווי בריליאַנטן, און שטומערהייט געזאָגט אַ תּפילה: היט אָפּ מײַן לאַנד...

שכנים האָבן געשלעפּט פון דער יהודה המכבי־גאַס זעקלעך מיט זאַמד צו פאַרלייגן די גאַז־באַלאָנען. ווײַבער זענען געלאָפן אין סופּערמאַרקעט זיך פאַר־זאָרגן מיט פּראָדוקטן אויף אַ לאַנגער צײַט.

מײַקן האָבן מיר די גאַנצע וואָך נישט געזען. ער האָט סטאַציאָנירט אין באר־שבע — און פון דאָרט געפאָרן אויפטרעטן פאַר סאָלדאַטן. ער פלעגט אַרײַנלויפן קיין תּל־אביב אויף אַ פּאָר שעה און האָט אויסגעזען ווי אַ בראַווער חייל אין כאַקי־אוניפאָרעם מיט דעם אויסטראַלישן הוט!

און אָט איז געקומען אונדזער ריי. דער רעדאַקטאָר פון „עולם הקולנוע" ג. עיטור האָט אונדז פאַרגעלייגט אויפצוטרעטן פאַר 5000 רעזערוו־סאָלדאַטן אין דעם אַמפיטעאַטער פון רמת־גן. איך האָב צוגעשטימט און שטאָלצירט, וואָס מען רופט אונדז, יידישע שוישפּילערס, אויפטרעטן פאַר חיילים און בײַשטײַערן אונדזער חלק. דאָס איז געווען פרײַטיק — און זונטיק האָט מען אונדז געפירט שפּעט אין אָוונט צום סאַמע פראָנט, אויף 2 פּאָזיציעס, וווּ מיר האָבן געזונגען פאַר 2 באַזונדערע גרופּעס סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, מיט די „עוזי"־אויטאָמאַטן אין די הענט, אונדז האָט מען באַלויכטן מיט פּראָזשעקטאָרן פון אַ „תנובה"־אויטאָ — און זיי האָבן אונדז דערנאָך מכבד געווען מיט געטראַנקען און מיט לעקעך און טאָרטן, וועלכע זענען געבאַקן געוואָרן פון אַלע פרויען אין לאַנד און געשיקט געוואָרן צו דער אַרמיי. פאָרנדיק פון איין פּאָזיציע צו דער צווייטער האָב איך געפרעגט דעם שאָפער: „ווו איז דער שונא?" — „נישט ווײַט — האָט ער געענטפערט — אַ פּאָר הונדערט מעטער פון אונדז, אין דער רעכטער זײַט". — עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין פּופּיק...

צו מאָרגנס גאַנץ פרי האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. אונדזער זון האָט זיך שוין די גאַנצע צײַט געפונען אויף די פראָנטן. געזונגען אין מיטן פעלד און אויף די לאַסטאויטאָס.

ווי לאַנג מען האָט נאָך געקענט רעדן טעלעפאָניש מיט אַמעריקע האָט אונדז די משפּחה געקלונגען עטלעכע מאָל אין טאָג — מײַן טאָכטער, ליליס שוועסטער ביאַטריס, די שוויגער־עלטערן... „קינדער קומט אַהיים!" — האָט דער טאַטע געשריִען, און לילי האָט אים געלאַסן געענטפערט: „טאַטע, מיר זענען אין דער היים!"

ענדלעך, מיט מזל, אין זעקס טעג, געוווּנען די מלחמה! איך געדענק ווי מענטשן האָבן זיך געקושט אין די גאַסן, דעם ערשטן שבת, ווען די קינאָזאַלן זענען געווען איבערפולט מיט סאָלדאַטן — אונדזער זון איז נאָך אַ וואָך צײַט אַרומגעפאָרן מיט דער אַרמיי — מײַן מאַשין, דער אָרעמער מערצעדעס־בענץ, איז נעבעך פאַרבליבן שטעקן, אַ צעבראָכענער, צווישן אשדוד און באר־שבע. איך האָב זיך געשעצט גליקלעך ווען צה"ל האָט אונדז באַלוינט מיט אַ נײַעם מאָטאָר...

נו, אַצינד האָב איך זיך שוין טאַקע געפּילט ווי אַ טייל פון לאַנד, און אַפילו נישט געקלערט פון אַוועקפאָרן, אָבער אַלץ די זעלבע צרה! אָן מײַקן איז אונדז געווען שווער צו שפּילן אויף יידיש. דאָס פּובליקום האָט אויף אונדז געקוקט ווי אויף אַ צעבראָכענער כּלי.

על־פּי נס איז אָנגעקומען אַ קאָנטראַקט פון אַרגענטינע, צו קומען שפּילן „די מגילה".

אויפן וועג קיין אַרגענטינע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין ניו־יאָרק בײַ אונדזער טאָכטער זיסעלען און דעם פּסח 1968 האָבן מיר געפּראַוועט צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה.

בעת אונדזער אָנקומען האָט זיסעלע אונדז איבערגעגעבן אַז דב זעלצער זוכט אונדז. ער איז שוין געווען אין פאַרבינדונג מיט דער אַמעריקאַנער דירעקציע פון „די מגילה". זיי האָבן געוואָלט אונדז אַנגאַזשירן צו שפּילן אונדזערע אָריגי־נעלע ראָלעס אויף בראָדוויי, אין דעם „גאָלדען"־טעאַטער, אָנהייבן דעם סעזאָן אין ניו־יאָרק אין אָקטאָבער 1968 (דאָס הייסט נאָך אונדזערע אויפטריטן אין דרום־אַמעריקע). גאַנץ ניו־יאָרק איז אונדז מקנא געווען.

אין בוענאָס־אײַרעס האָט „די מגילה" געהאַט דעם העכסטן דערפאָלג. די שפּאַנישע צײַטונגען האָבן אונדז געשטעלט ווי „נומער איינס" אויף דער טעאַטער־רשימה, די בעסטע פאָרשטעלונג אין שטאָט, איבערשטײַגנדיק די שפּאַנישע טעאַטערס. מײַק האָט דאָרט דורכגעפירט די נאַראַציע אין דער שפּאַנישער שפּראַך, וועלכע ער רעדט פליסיק נאָך פון זײַן קינדהייט.

ענדלעך זענען מיר געפאָרן קיין מאָנטעווידעאָ, וווּ מיר האָבן געשפּילט אין דעם שטאָטישן „סאָליס"־טעאַטער אין דער אָנוועזנהייט פון דער פרוי פון פּרעזי־דענט פון לאַנד.

תל־אביב 1962 — נאָך דער פּרעמיערע פון „טאַטע האָב חתונה" אין „מוגרבי"־טעאַטער.
פון רעכטס צו לינקס: מאַטעלע, פסחקע, זיסעלע, ד"ר מאַלקין, ליליאַן לוקס,
פרוי מאַלקין און ישׂראל וואַלין.

ישׂראל 1963 — „אַ חתונה אין שטעטל״. פסחקע בורשטיין ווי „יאָסעלע״, זיסעלע
ווי „מלכּה״ און מײַק ווי „אלימלך״.



מײַן טאָכטערס חתונה, דעם 4טן אַפּריל 1965, אין „בית ציוני אמריקה״
אין תּל־אביב.

ישׂראל 1965 — פסחקע בורשטיין ווי „שיִעלע דער
בעל־עגלה" אין אַ סצענע פון פילם „שני קוני למל".

תּל־אביב 1956 — מיט איציק מאַנגער בײַ די בורשטיינס אין דער היים.

יפו, תל־אביב, 1965 — פסחקע בורשטיין ווי דער
מלך אחשורוש אין „די מגילה" פון איציק מאַנגער
אין „חמם"־טעאַטער.

תל־אביב 1965 — פרעמיער לוי אשכול באַגריסט די בורשטיינס אין דער אָנוועזנהייט פון איציק מאַנגער.

ירושלים 1966 — פרוי גאָלדע מאיר צו גאַסט בײַ אַ פאָרשטעלונג פון „די מגילה" פון איציק מאַנגער אין „מיטשעל"־אווידיטאָריום. פון רעכטס צו לינקס: פסחקע בורשטיין, ליליאַן לוקס, פרוי גאָלדע מאיר, מײַק בורשטיין, פאָלאַ מאַגער, יהושע ווידעצקי און הײַני גאָלדען.



ישׂראל 1967 — בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.
פּסחקע בורשטיין און ליליאַן לוקס טרעטן אויף פֿאַר
אַ גרופּע סאָלדאַטן נעבן באר־שבע.

בראָדוויי 1968 — בעת אַ פּראָבע פֿון „די מגילה" פֿון איציק מאַנגער אין
„גאָלדען"־טעאַטער. פֿון רעכטס צו לינקס: פּסחקע בורשטיין, ליליאַן לוקס, מײַק
בורשטיין, דב זעלצער און דזשאָ דעריען.

תל־אביב 1967 — פסחקע בורשטיין און ליליאַן לוקס מיט דעני קיי.



מייַן טאָכטער זיסעלע מיט מייַנע אייניקלעך דבורהלע
און דודל ראָטה צו זייער באַזוך אין ישׂראל,
אָקטאָבער, 1973.

„די מגילה" אין יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע, 1969.

„די מגילה"־פלאַטע פון אַמעריקע, 1968.

תּל־אביב 1972 — פּסחקע בורשטיין און זון מײַק אין אַ דועט, אויפטרעטנדיק
אין „היכל התרבות“.

ניו־יאָרק 1975 — אַ סצענע פון „אַ חתונה אין שטעטל אין „עדען"־טעאַטער. מײַק בורשטיין ווי „יאָסעלע", ליליאַן לוקס ווי „רעגינאַ" און פסחקע בורשטיין ווי „אלימלך".

ישׂראל 1976 — מײַק בורשטײַן ווי „יאָסעלע" און ליליאַן לוקס ווי „רוחשאַ סערצע"
אין „אַ חתונה אין שטעטל".

אַמסטערדאַם 1979 — טעלעוויזיע־פּראָגראַם מיט פּסחקע בור־
שטיין, ליליאַן לוקס און מײַק בורשטיין אויף דעם
„מײַק בורשטיין שאָו" אין האָלאַנד.

תּל־אביב 1979 — די אייניקלעך פּיטער און אדם בורשטיין
צינדן אָן די ליכטלעך לכּבוד דעם זיידנס 80סטן געבורטסטאָג.

תּל־אביב 1979 — אינערן־מיניסטער יוסף בורג און פרוי בורג
מיט פסחקע בורשטיין בעת דער אויפנאַמע לכּבוד פסחקע
בורשטיינס 80סטן געבורטסטאָג.



תּל־אביב 1979 — פאַרטיידיקונג־מיניסטער עזר ווייצמאַן
באַדאַנקט פסחקע בורשטיין נאָך זײַן אויפטריט פאַר
מלחמה־אינוואַלידן אין „היכל התרבות".

ירושלים 1979 — אַ באַזוך בײַ פּרעמיער מנחם בעגין און פרוי. פֿון רעכטס צו לינקס:
פרוי עליזה בעגין, פּרעמיער מנחם בעגין, אידי גאָרמיי, סטיוו לאָרענס, מײַק בורשטיין,
מײַקס זון אדם, סאָני פרייגער, ליליאַן לוקס און פסחקע בורשטיין.

תּל־אביב 1979 — בירגערמײַסטער פֿון תּל־אביב שלמה להט באַגריסט ליליאַן און פּסחקע בורשטיין בעת דער פֿאָרשטעלונג לכּבֿוד פּסחקע בורשטיינס 80־יאָריקן געבורטסטאָג אין תּל־אביבער „היכל התּרבות“.

תּל־אביב 1979 — סעמיועל לואיס, אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין תּל־אביב, באַגריסט פסחקע בורשטיין בעת דער אויפנאַמע לכּבוד פסחקע בורשטיינס 80סטן געבורטסטאָג אין תּל־אביבער „היכל התּרבות".

אין מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי, האָבן מיר געפּראַוועט נאָך אַ וויכטיקע שימחה. אונדזער זון האָט באַשלאָסן, אַז דאָס וואָס איז געווען גוט פאַר זײַנע עלטערן, איז אויך גוט פאַר אים... ער האָט געבראַכט אַהין זײַן כּלה, עדית, און זיי האָבן אין מאָנטעווידעאָ חתונה געהאַט, פּונקט ווי מיר מיט יאָרן פריִער... פּונקט ווי בײַ אונדז, זענען די מחותּנים אויך געווען די טעאַטער־משפּחה און אויך די זעלבע חברטע עסיע ווירשניעווער. עס איז געווען, ווי מען זאָגט אין ענגלישן טעאַטער, „אַ רעפּיט פּערפאָרמענס" — נאָך אַ פרייליכער סעודה זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין בראַזיל, און פון דאָרט צוריק קיין ניו־יאָרק זיך גרייטן פאַר בראָדוויי.

דעם רושם וואָס „די מגילה" האָט אין ניו־יאָרק געמאַכט אין דער יידישער וועלט, איז שווער איבערצוגעבן. צום ערשטן מאָל האָט בראָדוויי געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר אַ ייִדיש טעאַטער, ווײַל ער איז געקומען דירעקט פון ישׂראל. מיר זענען מיט „די מגילה" געפאָרן איבער די פּראָווינצן. עס איז שוין געווען 1969, און מײַקס עלטסטער זון פּיטער (פּיניעלע) איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק. אויף זײַן ברית זענען אָנוועזנדיק געווען חברים פון דער טעאַטער־פּראָפעסיע, וועלכע זענען אויך געווען בײַ זײַן טאַטן (בײַ מײַקן) אויפן ברית...

„די מגילה" אין אַמעריקע האָט זיך געענדיקט... אַ טייל פון דער טרופּע איז אַהיים געפאָרן קיין ישׂראל און מיר זענען געווען גליקלעך ווען מײַק איז אַרײַן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין אַן ענגלישן טעאַטער („אינקוועסט").

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר זענען פאַרבעטן געוואָרן קיין דרום־אַפריקע שפּילן „די מגילה" אין יאָהאַנעסבורג, קייפּטאַון, פּאָרט עליזאַבעט אאַז"וו. מײַק איז מיטגעפאָרן, ווי אויך אונדזער טרופּע פון ישׂראל. ווידער האָט „די מיגלה" געהאַט פון גרויסן דערפאָלג, ווי אומעטום, אין דעם דאָרטיקן „ברוקס"־טעאַטער אונטער אַן ענגלישער דירעקציע.

אין ישׂראל האָט אונדזער מײַק, שוין אַ טאַטע פון אַ משפּחה, פאַרמאָגט זײַן אייגענע דירה. מיר אָבער זענען געווען געצוווּנגען אויפגעבן אונדזער תּל־אביבער היים אויף הילדעסהיימער. דאָס ישׂראל־פּובליקום האָט אַלץ דערוואַרט מיר זאָלן ווײַטער שפּילן צוזאַמען מיט מײַקן. אין אַמעריקע אָבער האָט מען אונדז נאָך געקענט אַלס „פּסחקע בורשטיין און ליליאַן לוקס". דאָרט האָט געוואַרט אויף אונדז אַ קאָנטראַקט צו פאָרן איבער אַמעריקע מיט קאָנצערטן.

אומעטום האָט מען פאַרלאַנגט לידער פון „די מגילה". אין דער שטאָט קליוולאַנט האָט די ייִדישע קהילה אונדז איבערראַשט ווען זי האָט אונדז פאַרבעטן אויפפירן „די מגילה" צוזאַמען מיט די אָרטיקע שוישפּילערס. נײַן וואָכן זענען מיר דאָרט געווען, ווען פּלוצעם איז אָנגעקומען אַ בשׂורה פון וואַשינגטאָן, אַז ליליס מאַמע האַלט בײַם שטאַרבן. אין נאָוועמבער 1971 האָבן מיר פאַרלוירן מײַן

ליבע שוויגער פרידאַ לוקס. זי איז געווען נישט נאָר אַ מאַמע און אַ שוויגער, נאָר אויך אַ געטרײַע חברטע.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ליליס טאַטע האָט דאַן זיך דערגענטערט צו אונדז, און מיר צו אים, מער ווי פֿריִער. ווען אונדזער מײַק האָט פּסח־צײַט 1972 אַראַנזשירט פֿאַר מיר אַ גרויסע יובל־פֿאַרשטעלונג אין „היכל־התרבות״, איז שוין דער טאַטע מיטגעפֿאָרן מיט אונדז צום ערשטן מאָל קיין ישׂראל.

נאָך דעם יובל האָבן מיר ווידער אַ מאָל געפּרוּווט שטעלן אַ פּיעסע אָן מײַקן — „די רביצין פֿון ישׂראל״. דער „מייפֿער״־טעאַטער פֿון ניו־יאָרק (אויך אויף בראָדוויי) האָט אונדז אײַנגעלאַדן צום סעזאָן טאָקע מיט דער אַ פּיעסע.

אַרײַנגעגאַנגען זענען מיר אין „מייפֿער״ אויף 4 וואָכן. געשפּילט אָבער האָבן מיר דאָרט „די רביצין פֿון ישׂראל״ 26 וואָכן!

צום סעזאָן 1973 האָב איך שוין געדונגען מײַן אייגענעם טעאַטער אויף בראָדוויי בשותּפֿות מיט מײַן אַמאַליקן שותּף וואָלין און אים אַ נאָמען געגעבן „דער בורשטײַן־טעאַטער״. וואָלין האָט פֿון ישׂראל מיטגעבראַכט אַ דערפֿאָלג־פּיעסע פֿון עברית־טעאַטער, אלי שׂגיס „מײַן מאַמע דער גענעראַל״ אין אַ גוטער ייִדישער איבערזעצונג.

אַפֿילו די אַמעריקאַנער טעאַטער־קרײַזן האָבן אונדז שוין אַקצעפּטירט ווי אַ געשעענעם פֿאַקט, און ס'וואָלט געווויס געווען אויף לאַנגע יאָרן, ווען נישט די יום־כּיפּור־מלחמה. אונדזער פּיעסע (אַ קאָמישער פֿאַרס וועגן אַ פּאָזיציע בײַם סועץ־קאַנאַל) האָט דעביוטירט די זעלבע וואָך ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. דער ניו־יאָרקער „טײַמס״ האָט אין אַ רעצענזיע וועגן אונדזער טעאַטער געזאָגט, „טראָץ דעם גוטן שפּילן קאָן מען נישט לאַכן ווען עס הילכן דאָרט די קאַנאָנען״. וואָלין איז צוריקגעפֿאָרן און איך בין געווען געצוווּנגען צו פֿאַרמאַכן דעם טעאַטער.

מיט דער צײַט איז מיר געוואָרן אַלץ שווערער זיך צוגעוווינען צום פֿאַקט, אַז מײַן משפּחה איז צעזייט און צעשפּרייט... זיסעלע אין אַמעריקע, מאַטעלע אין ישׂראל. איך האָב שטאַרק געבענקט. האָב איך פּונקט צום יאָר געבראַכט מײַן זון קיין אַמעריקע, אין „עדן״־טעאַטער, אויפֿצוטרעטן צום ערשטן מאָל אין מײַן קרוינראָלע — יאָסעלע — אין „אַ חתונה אין שטעטל״.

איך האָב זיך גענומען די צווייטע ראָלע — אלימלך — און לילי — רוזשאַ־סערצע, די אַקטריסע.

מײַק האָט געהאַט קאָלאָסאַלן דערפֿאָלג און עס האָט זיך אים, אַ דאַנק דעם, ווידער פֿאַרגלוסט שפּילן ייִדיש־טעאַטער. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אונדז שוין צוריקגעבראַכט קיין ישׂראל אין 1975, מיר זאָלן אַלע צוזאַמען אויפֿטרעטן אין „אַ חתונה אין שטעטל״.

אַ יידישער אַקטיאָר קאָן אָבער לאַנג נישט אײַנזיצן אויף איין אָרט. זענען מיר נאָך דעם אַרויסגעפאָרן אויף אַ וועלט־טורנע צוזאַמען מיט דעם אַרטיסטן־פּאָרל פון אַרגענטינע מאַקס נויפעלד און עלווירא באַטשקאָווסקאַ. פריער קיין מעקסיקע, קאָלאָמביע און ווענעסועלאַ. פון דאָרטן זענען מיר, אַלע פיר, געפאָרן אויפטרעטן אין אייראָפּע.

אין פראַנקפורט, נאָוועמבער 1976, האָב איך פּלוצעם, אין מיטן דער נאַכט, באַקומען אַ טעלעפאָן פון מײַנע פלימעניקעס פון מיאַמי, אַז איך האָב פאַרלוירן מײַן לעצטן און נאָענטסטן ברודער דזשאָרדזש... איך האָב די גאַנצע נאַכט זיך אויסגעוויינט און גאַנץ פרי אַוועק אין שול זאָגן קדיש.

ווי אַ טרייסט האָב איך צו מאָרגנס, פּונקט אין דער זעלבער שעה, באַקומען נאָך אַ טעלעפאָן. דאָס מאָל מיט גוטע נײַעס. ס׳איז געווען מײַן ליבער זון מאָטעלע, פון בעלגיע, ווו ער האָט געגעבן קאָנצערטן פאַר פּראָ־ישׂראל־אָרגאַניזאַציעס, נאָך לאָנדאָן און פּאַריז. ער האָט אונדז געבעטן קומען קיין ישׂראל און וואַרטן אויף אים. אין ישׂראל זענען מיר צוזאַמען, אונטער וואַלינס דירעקציע, אויפגעטראָטן אין אַ ריי קאָנצערטן.

לײדער האָב איך אָנהייב 1977 געמוזט איבעררײַסן, ווײַל מיר האָבן געהאַט אַ קאָנטראַקט אין מיאַמי און מײַנע פלימעניקעס האָבן דאָרט געוואַרט אויף אונדז מיט אויפדעקן מײַן ברודערס מצבה.

איך האָב דאַן אָנגעהויבן קלערן אַז ס׳איז שוין די העכסטע צײַט צו פאַר־צייכענען מײַן לעבנסוועג אַרום דער וועלט מיט יידישן טעאַטער פון וועלכן איך בין אַ זײַל און איינער פון די לעצטע „מאָהיקאַנער״. חדשים און יאָרן האָב איך געשריבן מיט דער הילף פון מײַן לעבנס־באַגלייטעריך, מײַן לילי, ווײַל אייגנטלעך איז דאָך דאָס אויך איר לעבנס־געשיכטע.

אין אויגוסט 1978 האָט מיך נויפעלד ווידער געגומען מונטערן דורך בריוו: „פּסחקע, שוין גענוג געזעסן! קום קיין בוענאָס־אײַרעס! איך דינג אַ טעאַטער ספּעציעל פאַר דיר!״ איך האָב לאַנג נישט געטראַכט, געכאַפּט מײַן לילין און די טשעמאָדאַנעס און געפלויגן שפּילן „די רביצין״ אין מײַנע באַליבטע לענדער אַרגענטינע, אורוגוואַי און בראַזיל. כ׳האָב ווידער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו פרייען מיט מײַנע אַלטע גוטע פרײַנד.

אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון מײַנע ליבע חברים בערנאַרדאָ מאַנדעלבאַום און מאַרק טורקאָוו איז געשאַפן געוואָרן אַ „פּסח בורשטיין בוך־קאָמיטעט״ מיטן צוועק אַרויסצוגעבן אין בוכפאָרעם מײַנע מעמואַרן וועלכע זענען איבער 2 יאָר געדרוקט געוואָרן אין דער ישׂראל־צײַטונג „לעצטע נײַעס״ (אָנגעהויבן זיי דרוקן האָט מרדכי צאַנין און דערנאָך איבערגעגעבן יצחק בראַטן). איך מוז טאַקע דערמאָנען אַז בײַם צוריקקומען קיין ניו־יאָרק האָט מײַן טאַכטער זיסעלע איבער־גענומען די אַרבעט פון קאָמיטעט צוזאַמען מיט יוסף מלאַטעק, דער פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג.

אויפן וועג אַהיים קיין ניו־יאָרק האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין ווענעסועלאַ געבן אַ קאָנצערט. אַ טאָג פאַר דעם קאָנצערט האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע נײַעס, אַז ליליס טײַערער טאַטע איז פון אונדז אַוועק. דאָס האָט אונדז אין גאַנצן דערשיטערט. ווי אַזוי לילי האָט צו מאָרגנס אָפּגעשפּילט דעם קאָנצערט, איז שווער צו באַשרײַבן. אונדזער חברטע, די געוועזענע שוישפּילערין אָלאַ שליפּקאַ ערקאָלי (די שוועסטער פון נאַדיאַ קאַרעני) איז געקומען צו אונדז אין האָטעל אונדז טרייסטן און העלפן דורכפירן דעם קאָנצערט און זי האָט זיך פאַרנומען מיטן באַשטעלן פאַר אונדז רײַזע־קאַרטעס אַרויסצופאָרן פון לאַנד צו מאָרגנס.

דער עולם האָט אויף אונדז גאָרנישט באַמערקט. „לאַף, קלאַון, לאַף!" — אַזוי איז דאָס לעבן פון אַן אַקטיאָר! ס'טרעפט, ער קאָן נישט אַנטייל נעמען אין זײַנע אייגענע שימחות, און אַפילו נישט אין זײַנע אייגענע טראַגעדיעס!...

איך האָב פאַרלוירן מײַן בעסטן פרײַנד, מײַן שווער, וויליאַם לוקס — אָבער דער אַקטיאָר שפּילט ווײַטער ווײַן לעבן. ער אַליין וואָלט געזאָגט: „קינדער, גייט אָן ווײַטער מיט דער פאָרשטעלונג! די שאָו מאַסט גאָו אָן!"

14. חשבון־הנפש

מײַן זון האָט אונדז אָבער לאַנג נישט געלאָזט טרויערן. האָבנדיק דערגרייכט זײַן טעלעוויזיע־פּראָגראַם — „די מײַק בורשטיין שאָו" — אין האָלאַנד האָט ער אַראַנזשירט אַז די פּראָדוצענטן זאָלן פאַרבעטן זײַנע עלטערן אַלס געסט־אַרטיסטן צו דער לעצטער פאָרשטעלונג פון סעזאָן. סוף פעברואַר 1979 האָבן מיר זיך שוין געפונען אין אַמסטערדאַם און געגאָסן פון דעם גרעסטן נחת און העכסטן כּבוד וואָס אַ שוישפּילער קאָן זיך ווינטשן. אַלץ אַ דאַנק מײַן ליבן זון.

נאָכן צוריקקומען קיין ישׂראל האָט ער מיר פאַרשאַפט נאָך אַ גרעסערן כּבוד. ער האָט געפײַערט מײַן 80סטן געבוירן־טאָג אין היכל־התרבות פאַר אַן עולם פון 3.500 געסט. אַ פּנים, אַז מיט דער צײַט האָבן מיר זיך געביטן מיט די ראָלעס, ער איז געוואָרן דער טאַטע, און איך, זײַן קינד...

לכּבוד מײַן שׂימחה זענען אויפגעטראָטן די באַרימטע טאַלאַנטן ליאַ קעניג, שמעון פינקעל, רפאל קלאַטשקין, יפה ירקוני און נחמה ליפשיץ. איך בין באַלוינט געוואָרן מיט לויב אין די רעדעס פון שלמה להט (ראש־העיר פון תּל־אביב, וועלכער האָט גענומען די פאַרשטעלונג אונטער זײַן פּאַטראָנאַזש), פון אינערן־מיניסטער ד"ר יוסף בורג, וועלכער האָט מיך געזען שפּילן נאָך אין לעמבערג אין 1938, פון אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר סעמיועל לואיס, און אחרון אחרון חביב,

דער וועלכער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן דערשײַנען פֿון מײַן בוך, מרדכי צאַניך, דער בריליאַנטענער שרײַבער און רעדנער.

מיט דער צערעמאָניע האָט אָנגעפֿירט מײַן טײַערער זון מײַק. אין זאַל זענען געזעסן כּמעט אַלע לעבן־געבליבענע, וועמען איך באַשרײַב אין דעם בוך... און מײַן זונס צוויי ליכטיקע בנים, מײַנע אייניקלעך פּיטער און אָדם, וועלכע האָבן געהאָלפֿן צעשנײַדן דעם זיידנס געבורטסטאָג־טאָרט!

דאָס פּובליקום, וואָס קען מיך כּאָטש אַ טייל פֿון די 65 יאָר וואָס איך בין אין טעאַטער, האָט זיך מיטגעפֿריידט, און איך גלאָצט אַ טרער... מײַן 80סטער געבוירן־טאָג, מײַנע 65 יאָר אויף דער בינע זענען דאָך אַ שטיק געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער אין דער וועלט אין אונדזער יאָרהונדערט.

בײַ יעדן מענטש קומט דאָך דער טאָג פֿון אַ חשבון־הנפש — באַשטעטיק איך דאָ, אַז די וועלט איז מיר גאָרנישט שולדיק! איך באַדויער נישט קיין איין מינוט פֿון מײַנע בלאָנדזשענדיקע יאָרן... ס'איז געווען אַ פֿריילעכער וועג... איך קוק זיך אום צוריק מיט זיסער נאָסטאַלגיע אויף יעדן קאַפּיטל פֿון מײַן לעבן, אויף יעדער איבערלעבעניש — אָנהייבנדיק פֿון טאַטע־מאַמעס היים אין וואַרשע, אויף נײַע מילע־גאַס 37, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, ביז צום הײַנטיקן טאָג אין דעם „היכל־התרבות" אין תל־אביב — —

מיט אַ ריינעם געוויסן שמייכל איך אַרײַן אין די אויגן פֿון דעם מענטש, וועלכער פֿאַרשטייט מיך צום בעסטן, וועלכער האָט מיט מיר געטיילט אַ העלפֿט פֿון מײַן וואַנדערוועג — נישט נאָר בין איך איר דאַנקבאַר פֿאַר די וווּנדערלעכע לעצטע 42 יאָר, נאָר אויך פֿאַר דעם טײַערן צווילינג וואָס זי האָט מיר געשאָנקען (מיט מײַן הילף...) — מײַן שיינע אַקטריסע, מײַן ליבע חברטע, מײַן לילי...

איך שטאָלציר דערמיט וואָס אַ סך ייִדישע שוישפּילערס אין דער וועלט האָבן זיך בײַ מיר געלערנט — דאָס איז אויך אַ טייל פֿון מײַן בײַשטײַער צום ייִדישן טעאַטער און — דער עיקר — איך בין אַ שטאָלצער פֿאָטער און אַ גליקלעכער זיידע! אָנגעשטאָפּט קיין עין־הרע מיט נחת!

אונדזער טאָכטער זיסעלע פֿאַרשאַפֿט אונדז פֿרייד. זי איז אויסגעוואַקסן אַ פּערזענלעכקייט אין אירע קרײַזן, אַ ייִדישע טאָכטער, אַקטיוו אין ייִדישע וועלט־ענינים און פֿירט אַ בעל־הבתיש לעבן מיט איר משפּחה. אַלץ וואָס עלטערן קאָנען זיך ווינטשן! און זי האָט אונדז געשענקט צוויי בריליאַנטענע אייניקלעך, דודל און דבורהלע, וועמען זי און איר מאַן מענדל גיבן אַ גוטע ייִדישע דערציִונג אין דער ישיבה.

פֿון אונדזער זון מײַקל איז דאָך שוין אָפּגערעדט! נישט נאָר צוליב זײַן טאַלאַנט איז ער נושא־חן בײַ דער וועלט, נאָר אויך דערפֿאַר וואָס ער איז אַ

פייַנער, האַרציקער מענטש און אַ געטרייַער זון דערצו. צו די אַלע מעלות איז ער אויך אַן אויסערגעוויינלעכער טאַטע און פירט אַ באַלעבאַטיש משפחה־לעבן מיט זייַן פרוי עדית. מייַן עלטסטער זון דיקי וווינט עד־היום מיט זייַן מוטער און היט אָפּ די מיצווה פון כיבוד אם. דאָס פרייט מיך זייער.

אַ פּנים, אַז דאָס אַרומשלעפּן זיך און אַרומפאָרן קליינערהייט איבער דער וועלט מיט יידישן טעאַטער האָט מייַנע קינדער גאָרנישט געשאַדט — פאַרקערט, אויף די וועגן פון יידישן טעאַטער זענען זיי געוואַקסן, געפורעמט און קריסטאַליזירט זייער פערזענלעכקייט — אַקטיאָר, ייִד און מענטש!

וועגן דער צוקונפט?

איך זאָג אויס אַ סוד, אַז מייַן מוח איז נאָך פול מיט וויכטיקע פלענער. איך האָב נאָך אַזוי פיל אויפצוטאָן, צוזאַמען מיט מייַן לעבנס־באַגלייטערין, מייַן ליבער לילי — ווייַל אַן אַקטיאָר קאָן קיין מאָל נישט אויפהערן זייַן אַן אַקטיאָר! שוין אַזאַ טבע בייַ אונדז!

איך פיל, אַז איך האָב נישט נאָר אָפּגעשפּילט אַ לעבן ווי אַ „בלאָנדזשענדיקער שטערן”, נאָר אויך געבראַכט פרישע דורות פאַר דער וועלט — אַ המשך נאָך מיר. בין איך צופרידן...

דאַנקוואָרט פון מחבר

איך וויל ביַי דער געלעגנהייט באַדאַנקען די אַלע פערזאָנען וואָס האָבן געהאָלפן פאַרווירקלעכן דעם בוך.

צו ערשט מרדכי צאַנין אונטער וועמענס איניציאַטיוו מיַין ביאָגראַפיע האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער ישׂראל־ציַיטונג „לעצטע נײַעס".

די צוויי גרינדערס פון מיַין בוך־קאָמיטעט: בערנאַרדאָ מאַנדעלבאַום און מאַרק טורקאָוו.

אַלע מיטגלידער פון דעם „בורשטיין בוך־קאָמיטעט" מיט יוסף מלאָטעק בראש.

מיַין טאָכטער סוזאַן ראָט פאַר איר געטריַיער אַרבעט לגבי דעם קאָמי־טעט.

דעם ראש־העיר פון תּל־אביב שלמה להט צוזאַמען מיט מיַין זון מיַיק בורשטיין פאַר דערמעגלעכן דעם גרויסן יובל אין „היכל־התּרבות", אין שיַיכות מיטן בוך.

אַלע פריַינד וואָס האָבן אָנטייל גענומען אינעם יובל.

פאַר זייער פערזענלעכן בײַשטײַער צום דאָזיקן בוך: יצחק נבון, נשׂיא פון מדינת ישׂראל און די הערן בערנאַרדאָ מאַנדעלבאַום פון אַרגענטינע און מ. קנעלער פון בעלגיע.

דעם האַרציקסטן דאַנק מיַין פרוי ליליאַן, אָן וועמענס אינספּיראַציע און הילף עס וואָלט אין גאַנצן קיין בוך נישט געווען.

און אחרון אחרון, מיַין געטריַי פּובליקום, מיַינע פאַרערערס במשך 65 יאָר.

פסחקע בורשטיין

אינהאַלט:

א

1. מײַן יִחוס 13
2. מײַן שטעטעלע בערדיאַנסק 20
3. איך פאַרלאָז מײַן היים 26
4. אין וואַרשע 30
5. בײַ די דײַטשן 44
6. מיר שטופּן דעם וואָגן 55
7. דוד צעלמײַסטערס טרופּע
און דער טאַטע מיט די זיבן טעכטער 61
8. מיט הערמאַן יאַבלאָקאָף אין גראָדנע . . . 64
9. מיט די באָלשעוויקעס אין ווילנע
און דער „יאָלד אין קאַפּעליוש" 67
10. באַלטרעמאַנץ — באַראַנאָוויטש — לאָדזש . . 71
11. מיר פאָרן קיין ביאַליסטאָק 74
12. עקסאָדוס קאָוונע 78
13. איך מוז פאַרלאָזן ליטע 86
14. בערלין 1923 90

ב

1. טרערן פון פרייד 97
2. באָריס טאָמאַשעווסקי 99
3. פסחקע בורשטיין, דער ווילנער קאָמיקער . . . 103
4. קאַפּע „ראָיאַל" 111
5. אין דער „יוניאָן" 114
6. פאָול מוני נעמט זיך אָן מײַן קריוודע . . . 117
7. אין האָפּקינסאָן־טעאַטער 120
8. איך ווער אַ חתן 123
9. „דער גאָלדענער סאָלדאַט"
און וואָס אַ פערד קען... 128
10. דאָס געבורט פון מײַן זון,
און די שוויגער, די שוויגער... 131
11. מיט סעמועל גאָלדענבורג אין פילאַדעלפיע . . 139
12. מיט „אַ חתונה אין שטעטל" קיין דעטראָיט . . 142
13. צוריק אין ניו־יאָרק 145
14. איך פאָר קיין קאַליפאָרניע 149
15. בײַ פאָול מוני צו גאַסט 152
16. צוליב שלום־בית 157

ג

1. פּאַריז — אַנטווערפּן — פּאַריז 163
2. „מעגסט זיך שוין געזעגענען מיט קאָוונע"... . 168
3. לאָנדאָן, „פּאַוויליאָן"־טעאַטער 173
4. קאַמינסקי־טעאַטער, וואַרשע 175
5. סאַנדלערס טעאַטער אויף דער סמאָטשע־גאַס . 178
6. לאָדזש — לעמבערג — קראָקע און... לאָנדאָן . 182
7. אַלעקסאַנדער גראַנאַך און נאַדיאַ קאַרעני . . 189
8. ריאָ־דע־זשאַנײַראָ — מאָנטעווידעאָ —
בוענאָס־אײַרעס 193
9. פּאַטריאַטקעס פון יידישן טעאַטער... . . . 199
10. די בלאָנדע שיינהייט 204
11. זומער 1936 210

12. די ייִדישע דזשין האַרלאָו 219
13. אונדזער חתונה 231
14. דורך היטלער־דײַטשלאַנד, 1938, קיין פּוילן . 239
15. אין לעמבערג 248
16. „סקאַלאַ״־טעאַטער 252

ד

1. צוריק אין ניו־יאָרק 269
2. גערעטעוועט 1.500 מענטשן 274
3. „פּאַוולושאַ, דאָס ביסטו?״ 278
4. אין שאָטן פון דער מלחמה 284
5. מאַטעלע און זיסעלע 290
6. לאָנדאָן 1949 295
7. פילאַדעלפיע — ניו־יאָרק — פילאַדעלפיע . . 306
8. אַ גאָלדענע תקופה... 314
9. דאָס וווּנדערקינד פון פּאַריז... 323
10. ישׂראל, ישׂראל! 327
11. דרום־אַפריקע און ווידער דרום־אַמעריקע . . 333
12. די 4 בורשטיינס אין ישׂראל 340
13. „די מגילה״ פון איציק מאַנגער 347
14. חשבון־הנפש 356